This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

9

1975

היימלאַנד

31-52 5

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

סענטיאַבער

1975

אינהאַלט

ארן ווערגעליס. דאָס גאָלדענע פינגערל (פּאָע־מע) 3
כאַים מעלאמוד. צווישן דניעסטער און פּרוט (ראָמאַן. סאָף). צייכענונגען פון ה. אינגער . . . 9
אווראָם רייזענס לידער (צום הונדערטסטן געבורטסטאָג פונעם שרײַבער) 53
שמועל גאָרדאָן. ליכט (דערציילונג) 57
דאָוויד בראָמבערג. פונעם בוך „עלטער אַף א יאָר״ (לידער) 79
יעכיעל פאליקמאַן. פײַער און אש (ראָמאַן. סאָף). צייכענונגען פון ה. אינגער 83
ווערק פון אונדזערע לייענער. לידער פון י. עלקיס, ש. זינגער, ש. ראפּאָפּאָרט; דערציילונגען פון ב. שיינגאוטער 135
פון דעם שרײַבערס נאָטיץ־ביכל. בער האלפּערן. איך לעב אין ווילנע 143
זיכרוינעס. דווירע כאַראָל. לירישע העפטן . . 150

ליטעראטור־קריטיק. ביבליאָגראפיע. פראגן פון קונסט

הערש רעמעניק. דער דיכטער פון זיג (צום 75־טן געבוירנטאָג פון איציק פעפער) 156
בריוו פון לייב קוויטקאָ 163
אונדזערע מיטיילונגען. לייב ווילסקער. אומבאַ־ווּסטע „אויסדערוויילטע אפאָריזמען פון פילאָסאָפן״ 169
בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען. אוזי בור־שטיין („דער וועג״). פון אידיישער אויסלאָדונג ביז אָרגאניזאציאָנעלער צעפאלונג; נאטאן יע־לין־מאָר („נײַע פּרעסע״). פארוואָס איך רוף צו א יִסראָעל־ארבישן שאָלעם פאר דער פרײַז פון צוריקגעבן די דעראָבערטע טעריטאָריעס אין 1967 175
פארשיידנס 178
פון אונדזער פאָטאָ־ארכיוו. ווייניק־באַוווסטע פאָטאָג־ראפיעס פון איציק פעפער 180
קאָמענטארן פון רעדאקציע. „אן אבסורד, וואָס פאלט שוין א ביסל ארײַן אין כויזעק״... 182
מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן פון דער יִדישער סאָ־וועטישער ליטעראטור 185
דאָס איז טשיקאווע. וו. איוואנאָווא. א רעטעניש פון דער פסיכיק 187
די ליד וועגן אונטערוואסער־שיפל „מאליוטקע״. ווער־טער — י. פיסאנאָוויטש (איבערגעזעצט פון א. ווער־געלים), מוזיק — יע. זשארקאָווסקי 188
כראָניק 174, 184
וועגן דער אבאָנירונג אפן זשורנאל „סאָוועטיש היימ־לאנד״ 190
עליע פאלקאָוויטש. שמועסן וועגן יִדישער שפּראך 191

הויפּט־רעדאקטאָר
א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:
כ. ביידער, א. גאָנטאר,
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
י. טשיטשעלניצקי,
נאָטע לוריע, מ. לעוו,
ב. מילער, כ. מעלאמוד,
ה. פאָליאנקער, ס. פרײַ.

פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר
י. שוסטער

ארן ווערגעליס

דאָס גאָלדענע פינגערל

ערשטער אַרײַנפיר צו דער פּאָעמע

אָנהייב

אין אונדזער וועלט — נאָך פּרי מעסוקן.
פון הארבסט פארבליבן איז דאָס היי,
די ערד אין פרילינג איז נאָך טרוקן,
די יונגע קווייטן — ערשט פון שניי.
אין אונדזער וועלט — נאָך פּרי מעסוקן.
פון רײַפקײַט — בלויז אַן אדעראָף.

די זון מיר טראָגן אפן רוקן,
די אויגן זעען זי ניט אָפּט.
קומט שפּעטער, אויב איר ווילט באַקוקן
דעם זאטן הויף, דאָס רײַפע פעלד.
אין אונדזער וועלט — נאָך פּרי מעסוקן,
אָ, זײַט ניט שטרענג צו אונדזער וועלט.

צווייטער אַרײַנפיר

מוזיק

געוואָרן איך בין ניט
קיין שטומער באווײַנער
נאָך אלע טרעבלינקעס,
עס האָט ניט פארטריבן האַרבסט ווערסעל פון מיר
ניט דעם טילים, ניט גלינקאָן.
דאָס פידעלע — גאַנץ
מיט זײַן קאָל,
מיט זײַן גלאַנץ,
מיט זײַן אָנבליק.
די שטאָט פון מײַן הארצן —
ניט אונטערגעגעבן זי האָט זיך דעם אומגליק.

געוואָרן איך בין ניט
קיין וויסטער באַלגײַווע
נאָך אלע סאַליוטן,
„הוראַ!" — ניט פארקלאָפּט „זאָג ניט קיינמאָל" אין מײַנע צערודערטע בלוטן.
„הוראַ" איז פארבליבן דער שטאַרקער רעפרען אין געזאַנג פון מײַן וועזן.
די שטאָט פון מײַן הארצן —
עס האַלט אין די הענט זי דאָס בעסטע פון בעסטן.

סע ראַשט און סע ריזלט — פון אויבן, פון אונטן, אין אַלע אין מײַנע פיר ווינקלען.
אין שטאָט פון מײַן הארצן עס קלינגען די גלעקער, זיי קלינגען!

דריטער אריַנפיר

טרײַשאפּט

פרווט אין קעלער מיך פארשליסן,
פרווט מיך האלטן אין א צוים.
עס איז מעגלעך אנטי־וויסן,
ס׳איז ניט מעגלעך אנטי־טרוים.

מיט אן אומוועג, דורך א שפעלטל
כ׳וועל צום קוואל אוועק געהיים.
עס איז מעגלעך אנטי־וועלטן,
ס׳איז ניט מעגלעך אנטי־היים.

כ׳וועל זיך לאָזן קאָסטן טײַער —
בלויז די היים זאָל זײַן געבענטשט.
עס איז מעגלעך אנטי־כײַע,
ס׳איז ניט מעגלעך אנטי־מענטש.

פערטער אריַנפיר

ליבע

קאָן זײַן, ביסט ניט קיין מענטשן־קינד,
פאר מיר איז עס ניט וויכטיק —
א זילבער־קלאנג, א מעשן־קלונג,
א וואָלקנדל, וואָס ליכטיקט.
דו ביסט פאר מיר קיין מענטשן־פרוי.
לעם דיר איז פרײַ מײַן לעבן.
דאָ נעבן דיר כ׳קאָן בענטשן פרײַ
און שעלטן פרײַ דאָ־נעבן.

קאָן זײַן, דו ביסט פון מיר אליין
ארויסגעבראכט געוואָרן —
פון מײַן געדעך, פון מײַן געביין,
פון מײַנע אלע יאָרן.
די גלוסטונג איז דער אָפּ־צוריק
פאר דיר, פאר מיר, פאר ביידן,
דער סאמע אויסגעפּרוּווטער בריק
אף מער זיך שוין ניט שיידן.

ווײַזט אויס, פון דיר עס הייבט זיך אָן
דער בראָך פון אלטן סיידער.
ניט דער יעסאָד איז אויבנאָן,
נאָר אונדזער סאָד קעסיידער.

די באָבע זאָגט: „זי בענטשט ניט ליכט״,
דער זיידע קרעכצט: „אָן נאדן״,
די מאמע וויינט: „מײַן זון פארלירט
דעם פאָדעם פון זײַן טאטן״,
דער שאָכן שרײַט: „א־סי־מי־לירט!
דעם קלאל עס וועט פארשאטן!״
און איך — פארליבט!
פארליבט אין דיר...

קאָן זײַן, ביסט ניט קיין מענטשן־קינד,
פאר מיר איז עס ניט וויכטיק.
אָט בין איך שוין אינגאנצן בלינד,
און דאָך — אין הארץ איז ליכטיק.

פינפטער אריַנפיר

צײַט

די ליד פון טאָג, די ליד פון הײַנט —
מײַן לונגען־אָטעם.
איך מײַד ניט אויס, איך האָב ניט פײַנט
פון צײַט די פראָטים.

איך בין מיט אײַך, איך בין פאר אײַך,
געשעצטע אָוועס.
מיט אײַער רײַכקײַט בין איך רײַך
ניט אף קאטאָוועס.

נאָר אָרעם בין איך, און עס ווערט
מײַן לאַסט א יאָך שוין,
ווען ס׳האָט מײַן הײַנטיקס ליד קיין ווערט
פאר מײַנע יאָרשים.

זעקסטער אריינפּיר

ערשטע

קיינער קומט ניט, קיינער.
טונקל ווערן שײַבלעך.
דו — דער לעצטער לייענער?
איך — דער לעצטער שרײַבער?

כ׳שענק דיר ווערטער פּראָסטע,
וואָס געטאָקט מיט בראָכע
האָט אין אונדזער פּראָזע
עלײַאָהו באָכער.

כ׳טראָג צו דיר דאָס ליכטל,
וועלכעס אָנגעצונדן
האָט אין אונדזער דיכטונג
נאָך עליאָקום צונזער.

פון א מאכנע — איינער...
אזא פּלאָג צו בלײַבן...
דו — דער לעצטער לייענער,
איך — דער לעצטער שרײַבער.

עפּשער אָפּטאָן גראדע
דאָס, וואָס מ׳טוט ניט שטענדיק:
פּונקט ווי אין מאסאדע,
איינס דעם צווייטן ענדיקן?

ניין! ס׳איז אונדזער פעסטונג
אין אן אנדער לאגע —
ניט מיט נויט באלעסטיקט,
ניט פון פײַנט באלאגערט.

דאָך — מע מוז שוין בײַטן
דאָס פּראָסטעט וואָפן.
זע: פון אלע זײַטן —
ערד און הימל אָפן,

פון די פרישע ווינטן
ווערט דער אָסיען ליבער.
ניט אָף צו פארשווינדן
אנדערשט מען זיך איבער.

גאָרנישט ניט באהאלטן
איז די פּראָסטע רײַע,
אז אָנשטאָט די אלטע
קומען ווערטער נײַע.

נײַע מינים ווערטער —
זעט נאָר, סארא כידעש!
נײַע מינים וועכטער
בא דער קאלע ייִדיש...

סײַ די מענעסטרעלן,
סײַ שאָלעם־אלייכעם
וועלן דאָרט ניט פעלן,
אין באנײַטן הייכל.

נײַע וועגן איצטער
אָף דער אלטער ראכוועס —
בערגעלסאָן און ניסטער
וואָלטן קלײַבן נאכעס.

מיט דעם כויוו אין העסקעם
שפּאנען מיר — פּאראקשנטע.
מארקיש — נאָך ווינטשעווסקין,
מיר מיט דיר — נאָך מארקישן.

אנדערע געזעצן
וועלן אונדז באהערשן:
ווער עס קומט צולעצטן,
דער וועט זײַן אן ערשטער.

זיבעטער אריינפּיר

אויסדויער

היי, אײַלט זיך ניט, ייִדן, ס׳האָט קיינער
ביז אײַך ניט פארשפּעטיקט צו דעם,
אן איידעס — די אוראלטע שטיינער,
פון אנדערע שוואָטים דער שעם.

א וועג איז אי בארגיק, אי טאָליק,
ער הייבט זיך ניט אָן פון א מיט,
אָף אים דארף מען גיין מיט א טאָלק:
ווו שפּאנען געוואגט, ווו — געהיט.

וואָס דארפט איר זיך שטופּן מיט קויעך
צו דעם, וואָס אלציינס וועט עס זײַן?

אין איינעם א מיטוואָך א גרויען
וועט פאלן אָף אײַך אויך די שײַן,

און ס׳וועט אײַער ריי דעמלט קומען,
פאר עמעצן גאָר אומדערוואַרט,
און דאַן וועט איר קריגן מעזומען
דאָס אלץ, וואָס די צײַט האָט געבראכט.

און אויב צו דעם ציל דארף מען גיין נאָך,
מע גייט — ניט געזאמט, ניט פארשעמט.
היי, אײַלט זיך ניט, ייִדן, ס׳האָט קיינער
ביז אײַך ניט פארשפּעטיקט צו דעם.

אכטער אריינפיר

צעצוויטקייט

(אין א שפּאַס)

ס'טרעפט, אז מיטאמאָל איך זע: כ'בין איך, און אויך א צווייטער מענטש גאָר.
איך מיט זיך האָב, מאָלט אײַך אויס, געביטן זיך מיט אָט דער קלייניקייט, דער הענטשקע.
קום איך זיך צונויף מיט זיך, ווען אָפּ צוריק דעם בײַט כ'וויל מאכן:
„קער מיר אום די הענטשקע מײַנע. נאַ דיר דײַנע"...

נעם איך לאכן
(איך — דער אלטער),
און דעם נײַעם איך, וואָס אים דער בײַט איז ניט געפעלן,
כ'וואַרף די הענטשקע צו די פיס, ווי אין די צײַטן פון דועלן.

ניינטער אריינפיר

קאָסמאָס

פאַרן אָפּפליִען צו דער לעוואָנע
האָב איך געדאַרפט אדורכגיין אָף דער ערד דאָס גערשטן־פעלד,
פאַרקערעווען צום וואַלד,
און דאָרט איז שוין ניט ווײַט דער קאָסמאָדראָם.

מע האָט נאָך וועגן אַפּפלי מײַנעם ניט געוווּסט אין ישׂעווו.
געשיקט זיך, האָט מען אָנגעזאָגט די נײַס אנטיפּאָוון
נאָך איידער מ'האָט דורך ראַדיאָ געמאָלדן!
(פון פאַריקן, פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט איז פאַרבליבן
די מאָדע — מעלדן אין עפּיר וועגן לעוואָנע־רעיסן,
גלײַך ס'וואָלט אויך איצט געווען א נאָווינע...).

אנטיפּאָוו האָט מיך אָנגעיאָגט (דאָס קאָסמיש שיפל האָט געגעבן מיר סיגנאַלן),
און כ'בין, קאָן זײַן, געווען ניט זייער איידל —
געזאָגט: „עס ברענט ניט, כאַוער. כ'וועל זיך אומקערן פון דער לעוואָנע,
דאַן קומט אַרײַן, און מירן האַלטן זיך אָן אײַצע"...
אנטיפּאָוו האָט דערווידערט: „ס'בלאָזן דאָרט אצינד די הייסע ווינטן,
וועט, מעגלעך, אויסקומען אין וועג זיך איבערקלײַבן אָפּן ספּוטניק
און אָפּזיצן אין אים א טאָג צי צוויי..."
נאָר איך באַשטאַנען בין אָף מײַנס, און דאָס, וואָרשײַנלעך, איז די סיבע,
וואָס בא אנטיפּאָוון אין צעך, ווען ס'האָט זיך מיטאמאָל
אוועקגעשטעלט די פראַגע: יאָ צי ניט פאַרפּראָגראַמירן
אָן אָפּרו־שאָ פאַר דעם מעכאַנישן טעכנאָלאָג, — האָט מען ניט געוווּסט
די מיינונג מײַנע אלס דירעקטאָר, און דער גווילעם —
דער מעכאַנישער טעכנאָלאָג —
איז פאַר די טעג, וואָס כ'בין געווען אין קאָסמאָס,
דערפירט געוואָרן צו אזא מין גראַד פון מידקײַט,
אז אים געבליבן איז איין בריירע: אויסשײַנען אָף דעם טאַבלאָ
די ווערטער: „אָפּרו! גיט א שאָ מיר אָפּרו!"

פון דעם געזאָגטן דרינגט ארויס, אז ניט אנטיפּאָוו שולדיק איז, נאָר איך,
און כ'בעט אײַך, פאַרזיצער פון דער פאַרזאמלונג, ס'זאָל פאַרצייכנט ווערן
דער עמעס אינעם פּראָטאָקאָל...

צענטער אריינפיר

הײמלאַנד

גיכער! לויפט! ס'איז נאָך ניט שפּעט...
צי איר ווייסט נאָך ניט? צי ס'איז אײַך ווינציק?
צום ריבוינעשעלוילעם
איז דערגאַן
אײַער געבעט,
האָט ער אויסגעטיילט פאַר אײַך דאָס שווימענדיקע אינדזל.
שוין גענוג צו אומוואַנדלען מיט די אייגענע פיס,
זיך ארומשלעפּן —
דאָס קיין בעלגיע, דאָס קיין עסטרײַך.
אויפן שווימענדיקן אינדזל
שווימט מען דאָך אומזיסט —
זיצט אײַך,
טרינקט אײַך,
עסט אײַך...
דאָרט איר לעבט
ניט צווישן קלאַל —
מיט זיך אליין
(ס'הייסט: איר לעבט שוין ניט אין סאָציאַליזם),
דאָרט איז אויך ניט
טעל־אוויוו,
ווו אלע אויגן איר האָט אויסגעוויינט
(טײַכן מילכיקע ניט פליסן...)
אויפן שווימענדיקן אינדזל — ניט געזאָרגט! —
מיט די שינדנדיקע ווינטעלעך אין איינקלאַנג,
נעמט אײַך
וואָס עס גלוסט דאָס האַרץ
אויף באַרג,
בלויז איין קלייניקייט מע קריגט אויף באַרג דאָרט ניט —
אַן אַנדער היימלאַנד...

עלפטער אריינפיר

העמשעך

מײַן שאָכן זאָגט —
„דאָס לעבן
האָט אָפּגעטאָן אַ קונץ:
אונדז אלע רעכט געגעבן,
געמאַכט אויס פאָלק פון אונדז.
די צײַט, זי איז אַ גאַנעוול,
וואָס גאַנוועגען פאַרשפּאָרט.
ניטאָ קיין אָפּן־גאַנעקל,
מע נוצט הײַנט ניט דאָס וואָרט.
עס ברענט ניט אויפן פּריפּעטשיק,
ווען ס'ברענט אין גאַס דער פּראָסט,
דאָס אָרט שוין יאָרן היפּשע
פּאַרוואַקסן איז מיט גראָז.
דאָס שטעטעלע — דאָס קוועלעכל
ניטאָ.
ווו נעמט מען איצט
די גאַנעקלעך, אויף וועלכע
מישפּאָכעסוויַיז מע זיצט...”

נו, יאָ, עס פעלט נאָך עמעצן
דאָס שטעטל מיטן טכום. —
זאָל זײַן, ס'איז הוילע עמעסן,
דער פשאט איז אָבער קרום.

מיט בענקשאַפטן באַשטעטיקטע,
דאָך פירן זיי אין קלעם.
(אויך מיר איז ליב דאָס שטעטעלע,
געווען א טאָלק אין דעם).

עס טרעפט, אז אף א נאָווינע
א מענטש מײַדט אויס דעם קלאַל,
נאָר פעלקער — לאַמעדוואָוניקעס
ניטאָ שוין איבעראַל.
מײַן שאָכן!
ס'לעבן עפשער
באַוויזט אַן אנדער קונץ:
פון אונדזער פאָלק דער העמשעך —
געווענדט ער איז אין אונדז.

צוועלפטער אַרײַנפיר צו דער פּאָעמע

דאָס גאָלדענע פינגערל

פאַרטיפט אין א טרוים, אינעם לעבן פאַרטאָן,
נאָך יונג אין די יאָרן, קימאַט נאָך א ייִנגל,
ער האָט לעבן פינגער געהאַלטן שוין נאָ'נט
דאָס גאָלדענע רינגל,
דאָס גאָלדענע רינגל.

די קאַלע געווען טויזנט יאָר איז שוין אַלט,
און ער אין זײַן צוויטן יאָרצענדליק
צעפינקלט.
אף וואָרעמער דלאָניע מיט זון האָט געשטראַלט
דאָס גאָלדענע רינגל,
דאָס גאָלדענע רינגל.

דערנאָך האָט פאַרקנאַסט זיי די ביטערע צײַט,
פאַר אים — זייער לאַנגזאַם, פאַר איר — זייער
דרינגנד,
און אָנגעטאָן האָט ער דער קאַלע פאַרשײַט
דאָס גאָלדענע רינגל,
דאָס גאָלדענע רינגל.

איצט גייען זיי ביידע וועג־אויס און וועג־אײַן,
ארויף אף א שוועל און ארויס פון א ווינקל,
און ס'בינדט זיי צונויף מיט א אייביקער שײַן
דאָס גאָלדענע רינגל,
דאָס גאָלדענע רינגל.

פונעם אויטאָר

אין אָנהייב פון דער ארבעט איבער דער פּאָעמע „דאָס גאָלדענע פינגערל" האָב איך אין גדאַנק געמאַכט א מין איבערדיכט פון די אידייען, וועלכע באַהערשן מיך, און כ'האָב דערפילט, אז אין מײַן אינערלעכער וועלט פּולסירן איצט גאַנץ קאָנקרעטע אַקטועלקײַטן אין דער פאָרם פון שאַרפע, ניט צו־געפּוצטע פראַגן, אף וועלכע אנדערע מענטשן גיבן, קאָן זײַן, אַן ענטפער, וואָס באַפרידיקט מיך ניט, און זי, די אינערלעכע וועלט מײַנע, האָט איר אייגענע טשוווע אף זיי.

די פען האָט זיך צוגערירט צו איינער פון אָט די פראַגן, און — ס'איז גרייט אַן אַרײַנפיר־ליד. ווײַ־טער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אין מײַן אינערלעכער וועלט זײַנען אין אָט דעם מאָמענט פאַראַן אויך אנדערע „פאַרגרייטע" פאַר דער פּאָעמע פראַגן. ווען אפן שרײַבטיש זײַנען שוין געלעגן צוועלף אַרײַנ־פירן, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט בא זיך אליין: „עפשער שוין צײַט צו שרײַבן די פּאָעמע?"

גלייבט מיר, טײַערע לייענער, אז איך האָב זיך דאָ פאַרכידעשט ניט ווייניקער, איידער איר וועט זיך פאַרכידעשן, בייס איר וועט דערזען, אז די פּאָעמע „דאָס גאָלדענע פינגערל" באַשטייט פון איינע אַרײַנפירן. פאַרוואָס איז אַזוי געשען? ווײַל איך האָב זיך געכאַפּט, אז די אידייען, גדאַנקען, אײַנדרוקן, וועלכע כ'האָב זיך געקליבן איבערפראַזירן (איבערדיכטן) אין דער פּאָעמע, זײַנען שוין געוואָרן טעמעס פון די אַרײַנפירן צו איר.

עמעצער וועט צווייפלען, צי אָט די באַזונדערע לידער זײַנען צווישן זיך גענוג פאַרבונדן און צי ס'איז באַרעכטיקט אוועקצושטעלן זיי ווי אַן ארכיטעקטאָנישע גאַנצקײַט. ענטפער איך: יאָ, אַזוי איז עס. עס נעמט זיי צונויף אין איין גאַנצקײַט דאָס „גאָלדענע פינגערל".

כאַים מעלאַמוד

צווישן דניעסטער און פּרוט

ראָמאַן

12

שײַנדל האָט געזאָגט, אַז מע דאַרף.

די מעכוטעגעסטע בליומע האָט אויך געזאָגט דאָס זעלבע.

מיכל האָט געשוויגן.

ער האָט געקוקט אָפּן טאַטן און געוואַרט, וואָס יענער וועט זאָגן. פאַר די צוויי יאָר, זינט די מאַמע איז געשטאָרבן, איז בא זיי אין שטוב קיין סימכעס ניט געווען. דאָוויד האָט אויך געשוויגן. נאָר בליומע האָט אָף אַלץ געהאַט א טערעץ. ערשטנס, איז דאָס ניט קיין סימכע. ס'איז ניט קיין כאַסענע, ניט קיין בריס און ניט אַפילע קיין פּאָשעטער לעקעך־און־בראַנפן. צווייטנס, פאַרוואָס טאַקע ניט? אויב ציפּעלע האָט אַזוי גוט אָפּגעגעבן אַלע עקזאַמענעס, זאָל זײַן אַפילע אָן א מעדאַל, איז פאַרוואָס זאָל זיך ניט צונויפנעמען די גאַנצע מישפּאָכע בא איין טיש? זי האָט געהאַט נאָך א דריטנס, נאָר דאָס האָט זי געהאַלטן אָף אַן אַנדערשמאָל.

דאָוויד האָט לאַנג געטראַכט. אים איז שווער געווען פאָרשטעלן זיך, ווי קאָן מען עס פראַווען א סימכע אָן מאַלקען? נאָר אויב בא מענטשן איז א סימכע, ווי מעג ער זי פאַרשטערן? און ווײַל טאַקע ציפּעלע... האָט ער שוין אויך געזאָגט — מע דאַרף.

מערער האָט די מעכוטעגעסטע ניט געדאַרפט. דאָס איבעריקע נעמט זי אָף זיך. זי קלײַבט זיך אַריבער אָף די צוויי אָפּרו־טעג צו שײַנדלען. זי האָט שוין עטלעכע מאָל איבערגערעכנט אין קאָפּ אַלע געסט, אויסגעפּלאַנירט. פריִער האָט מען געקלערט פראַווען די סימכע שאַבעס, נאָר די מומע אַריסיע מיט דמיטרין וועלן שאַבעס ניט קאָנען קומען. און וואָס איז דאָס פאַר א סימכע אָן זיי?

די מומע אַריסיע איז געקומען מיט צוויי פולע קוישן. די גרינע אוגערקעס, די רויטע פּאָמידאָרן און די ציבעלעס מיט די רעטעכלעך האָבן נאָך געגלאַנצט מיט באַגינענדיקן טוי,

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד” נומ. 7, 8, 1975.

ווײַל זי האָט זיי נאַרוואַס, מיט א פּאָר שאַ צוריק אַנגעריסן. אירע אויגן האָבן אויך געגלאַנצט מיט א פּיכטן גלאַנץ, ווײַל די טרערן זײַנען געווען נאָך פרישער. ווען זי איז אריבערגע־טראָטן די שוועל און דערזען אין קיך דאָס גרינס פונעם מאַרק, איז זי געוואָרן בארויגעז:

— אזא אויסברענגעריי! און וואָס פאר א טאם האָבן די אוגערקעס מיט די פּאָמידאָרן פונעם מאַרק?

זי נעמט ארויס פון די קוישן אלץ, וואָס זי האָט געבראַכט, לייגט דאָס אויס אזוי, אז בלִיומע זאָל זען און דערפילן, ווי עס שמעקט אלץ מיט אלע רייכעס פון די בערג, און די סטרולקעס פון די גרינע ציבעלעס טרישטשען אין די הענט, ווי עפּעס לעבעדיקס. דערנאָך נעמט זי ארויס א קעסעלע נאָך ווארעמע מאַמאַליגע, מיכאַסעס באַליבט מײַכל. דערנאָך ערשט ציט זי ארויס איר פארטעכל, טוט עס אָן און רופט זיך אָן צו בליומען און צו שיינד־לען:

— אנו, ווײַזט, וואָס מע דאַרף טאָן.

פאר איין שיינדלען איז דאָס קיכל געווען, ווי אַנגעמאָסטן, יעדער זאַך האָט געהאַט איר אָרט. דאָס בלויע שאַפקעלע מיט די ווײַסע פּאַליטשקעלעך, גרינע שופלעדלעך און גליטשיקע הענטלעך ווייסט זי אַף אויסווייניק. זי קאָן מיט פארמאַכטע אויגן ארויסבאַקומען א גאָפּל צי א לעפל, טרעפן צו דער זאַלץ אָדער צום פעפער. פאר פיר פּרויען איז דאָס קיכל געווען א ביסל ענגלעך.

וועגן נאָך איין סאַרווערן, וואָס וואָלט הײַנט אוודע אויך געדאַרפט שטיין אין קיך, האָבן אלע דאַ געטראַכט. נאָר סײַווי האָט זי פארנומען א גרויס שטיק פּלאַץ אינעם קליינעם קיכל און געמאַכט דאָס נאָך ענגער... מאַלקע!

און ניט נאָר אין קיך... פון די צוויי צימערן איז געוואָרן איינער, ווײַל אין דער צע־פּראַלטער טיר האָט זיך ארײַנגערוקט א לאַנגער טיש, א צונויפגעשטוקוועטער פון צוויי טישן. ס'האָט אוודע געדאַרפט ווערן גערAמער, נאָר ס'איז ווידער ענג. ווײַל — מאַלקע! דאָוויד שפּאַנט ארום איבער דעם ברייטן, צונויפגעפּאַרטן צימער, דרייט זיך ארום דעם לאַנגן, צונויפגעשטור־קעווטן טיש, מע דאַרף דאָך העלפן דער מעכוטענעסטע און אַריסיען אריבערטראָגן אלץ פון דער קיך אהער און מע דאַרף דערצו וויסן, וויאזוי די מעכוטענעסטע האָט אויסגעפּלאַנירט באַזעצן די געסט. און ווּהין ער זאָל ניט גיין, ווּ ער זאָל ניט שטיין, — מאַלקע!

סײַווי האָט ער זיך געמוזט נעמען פאר אַן איניען, מיט וועלכן ער האָט א לאַנגע צײַט ניט געהאַט צו טאָן. באַלד וועלן די געסט אָנהייבן צונויפקומען זיך, און מע דאַרף באַצײַטנס אָנטאָן דעם גרויען, יאָמטעוודיקן אַנצוג, א ווײַס העמדל און צוטשעפּען דעם האַלדזטוך. ער געדענקט שוין ניט, ווען ער האָט זיך אמאָל אזוי פאַרפּוצט. איז ער לאַנג געשטאַנען לעבן שפּיגל און אליין זיך ניט דערקענט. דאָס העמדל איז געווען אַף אים צו גרויס, און דער קאָל־נער האָט ניט אופגעהערט דרייען זיך ארום דעם ביינערדיקן האַלדז.

דער אוילעם איז געווען אַן אַרגאַניזירטער, ראַבאָטשי קלאַס, ווי שוליע זאָגט, און אויב מע איז אײַנגעלאַדן אַף פיר אזייגער, איז ניטאָ וואָס צו פּראָווען קיין אינטעליגענטישע שטיק, קומען אַף א שאָ שפּעטער און מאַכן א מינע, אז דאָס אלץ, וואָס עס שטייט אַפן טיש, גייט דיר ניט אָן. פאַרקערט, מע דאַרף קומען אַף עטלעכע מינוט פריִער, פּונקט ווי מע איז געוווינט צו קומען אַף דער ארבעט, רויִק באַטראַכטן דעם ארבעט־פּלאַץ, א קוק טאָן, וואָס דו האָסט צו טאָן, זאָלסט דערנאָך ניט מישן קאַשע מיט באָרשטש און מילכיקס מיט פליישיקס.

שוליע איז ארײַנגעקומען גאַנץ ראַשיק, שוין טאַקע גאָר א ביסל צו פרי, א טאַפּ געטאָן מיט דער האַנט די נידעריקע סטעליע, אפילע א בייג געטאָן דעם קאָפּ, ווי פאר שרעק, אָפּגע־שטעקט אלעמען זײַן סימכעדיק שמייכעלע און ארײַנגעשריגן אין קיך ארײַן:

— ווײַבער, אויב איר ווילט, איך זאָל הײַנט ניט שטאַרבן פון הונגער!..

ערשט דערנאָך געכאַפּט זיך. אז בא אים איז געבליבן ליגן דער סאַמע גרעסטער מאַזל־טאָוו און דאָס סאַמע פעטסטע שמייכעלע מיט א קוש אינײנעם.

— זע נאָר, און ווּ איז די אימעניניצע?

ניקיטאַ איז ארײַנגעקומען גלײַך נאָך אים, א ביסל א פאַרסאָפּעטער, גלײַך ער האָט טאַקע מוירע געהאַט פארשפּעטיקן. דערזען שוליען, איז ער געוואָרן מאַלע־גדולע, גלײַך ער האָט זיך שטאַרק פארבענקט נאָך אים. ער איז מײַסע־באַלעבאָס ארומגעגאַנגען דעם לאַנגן טיש, אַף איין אָרט א שמעק געטאָן, אַף א צווייטן א סמאַצקע געטאָן מיט די ליפּן, אַפן דריטן פּאַשעט פאַרזשמורעט די אויגן פאר טײַנעג און ערשט נאָך אלעמען א זאָג געטאָן אין קיך ארײַן:

— בליומאַ, און יענץ וועט אויך זײַן?

— עס וועט זײַן, — האָט אים בליומע באַרויִקט. — אלץ וועט זײַן!

קיריל פּעטראָוויטש האָט אַ ביסל פּאַרשפּעטיקט. טאַקע גאָר אַף אַ ביסעלע, ווײַל ס'האָט נאָך ניט געהאַלטן באַם זעצן זיך צום טיש.

— ס'איז איבער מײַן מאַרזשן, — האָט ער זיך פאַרענטפערט. — איך האָב איר געזאָגט: וואַרט צו אַ ביסעלע, וועלן מיר גיין אינײנעם, זאָגט זי — די פּיש. נו, און איך...

מערער פון אַלעמען האָט זיך פאַרהאַלטן ציפּעלע אַלײן. זי האָט געוואָלט, אַז אַפן מײַ־טיק זאָל זײַן איר באַליבטע לערערקע וואַלענטינאַ יערמאָלײַעוונאַ. און, פאַרשטייט זיך, אין דער ערשטער ריי, טאַליק. וועגן טאַליקן איז געוווען פעסט אָפּגערעדט מיט דער מאַמען און מיטן זיידן. דער מאַמען איז טאַליק ביכלאַל אַרײַן אין האַרצן אַרײַן און זי איז שוין גרייט געווען פראַווען אַ קנאַסמאָל. דער זיידע האָט זיך געהאַט זײַנע כּעזשבוינעס. נאָר מיט טאַליקן אַלײן איז ציפּעלע ניט געווען זיכער, עפּעס האָט ער זיך געקווענקלט. איז זי אַרומגעלאָפן, ביז זי האָט זיי צונויפגענומען אַלע אינײנעם: די לערערקע, טאַליקן און אירע ביידע כאַווער־טעס סוועטען מיט גאַלינען.

קיריל פּעטראָוויטש האָט געדאַרפט אָפּטאָן אַ שטיקל אַרבעט, ביז מע וועט זיך זעצן צום טיש. ער האָט געמוזט אַ שמועס טאָן מיט דאָווידן וועגן זייער אַ וויכטיקן איניען. ער האָט דאַפקע געקלערט, אַז דאָס זאָל אָפּטאָן מיכל אַלײן, נאָר יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— דו ווייסט שוין, מיסטאַמע, ווי ס'האַלט מיט אונדזער אווטאָמאַט און וואָס דער פּאַר־טיי־קאָמיטעט האָט באַשטימט...

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט דאָווייד אָפּגעענטפערט, — איך האָב דאָרטן מײַנעם אַ מענטשן, און ער דערציילט מיר אַלץ.

— נו, מיילע, מיסטאַמע ניט אַלץ, — האָט פּעטראָוויטש געפּרוּווט אים צערייצן אַ ביסל.

— אָט דאָס זאָג איך דאָך. ס'וואָלט ניט געשאַט, איר זאָלט מיך אויך געווען אײַנלאַדן אַף דער זיצונג. פונדעסטוועגן, האָב איך אויך אַ שטיקל כײלעק אינעם אווטאָמאַט.

קיריל פּעטראָוויטש האָט זיך ניט געריכט אַף אַזאַ פאַרוואָרף.

— פאַרקערט, פאַרקערט... וועגן דעם טאַקע וויל איך מיט דיר אַ שמועס טאָן.

יאָ, טאַקע וועגן דעם האָט ער זיך געקליבן אַ שמועס טאָן. נאָר, אַ קוק געטאָן אַף דאָ־ווידן, וואָס האָט אויסגעזען אָפּאָנעמעסן באַליידיקט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן: „טאַקע נאָר דו האָסט מיר געפעלט אַף דער זיצונג. זאָלסט זיצן און צוקוקן, ווי עס פלאַמט מיר דאָס פּאָנעם".

גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס האָט זיך קירילן אויסגעוויזן מערער, ווי דאָס איז, נאָר אים האָט זיך געדוכט, אַז אויב די זיצונג וועט דויערן נאָך אַ האַלבע שאָ, וועט ער ניט אויסהאַלטן. פרעגט אים פאַרוואָס, ווייסט ער אַלײן ניט. ס'איז גאָר ניט געזאָגט געוואָרן אַזוינס, עס זאָל אים מיט עפּעס באַליידיקן, נאָר־דאָס, וואָס יעדערער האָט געטראַכט! נו, גיי דערוויַז, אַז דו שטויסט זיך אָן, וועגן וואָס יעדערער האָט געטראַכט...

די זיצונג איז טאַקע געווען אָן אומגעוויינלעכע. פון יענע זיצונגען, וואָס מע רופט אָן פאַרברייטערטע. ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט, זײַנען אַף איר אײַנגעלאַדן געוואָרן אַלע נאַ־טשאַלניקעס פון די צעכן, אַלע אָנפירער פון די אָפּטיילן און די סעקרעטאַרן פון די צעכאָוועפּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. די פראַגע איז אויך געווען ניט קיין געוויינלעכע. לאָזט זיך אויס, אַז דער הענטשקעס־אווטאָמאַט, וואָס איז געווען עקספּאָנירט אַף דער אַלפאַרבאַנדישער אויסשטעלונג, האָט שטאַרק אויסגענומען באַ אַלע הענטשקעמאַכער, סײַ אונדזערע, סײַ אויסלענדישע, און ס'איז געווען ניט ווייניק באַלאַנים קריגן אַזעלכע אווטאָמאַטן. אַזוי האָט דערציילט פיאָדאָר קאַלוגין פון דער הענטשקעס־פאַבריק. ס'האָט געקאָנט זײַן אַ שטיקעלע באַרימערײַ אויך. נאָר אין אַ וואָך אַרום, נאָך דעם, ווי פיאָדאָר האָט זיך אומגעקערט פון דער אויסשטעלונג, האָט דער זאַוואָד באַקומען אַ באַשטעלונג: ביזן סאָף יאָר אַרויסלאָזן זעקס הונדערט אווטאָמאַטן.

זעקס הונדערט!

קיריל פּעטראָוויטש האָט גלײַך פאַרשטאַנען, מיט וואָס דאָס שמעקט, — מע דאַרף פּאָר אַ פּאָר וואָכן איבערקערן, איבערבויען, איבערשטעלן אַפּן זאַוואָד אַלץ אַזוי, אַז עס זאָל גע־שאַפן ווערן גאָר אַן אַנדער זאַוואָד, מיט אַ נײַעם טעכנאָלאָגישן פּראָצעס. איצט וועט ניט זײַן, ווען צו שפּילן זיך. און דער אינסטרומענטאַלער צעך וועט דאַרפן ווערן גאָר אַן אַנדע־רער, ווײַל דאָס איז דאָך די נעשאָמע פונעם זאַוואָד און ער דאַרף ווערן די נעשאָמע פונעם נײַעם טעכנאָלאָגישן פּראָצעס. און דאָס וויכטיקסטע איז עפּשער שאַפן אַ נײַעם ריטם אין דער אַרבעט פון אַלע צעכן און אָפּטיילן. אַ פאַרגיכערטן, אַן אָנגעשטרענגטן, מיט געהעכערטער

פאַראַנטוואָרטלעכקײט און מיט געהעכערטער אָרוועס, אַ קײַלעכדיקע אָרוועס פון אַלעמען און יעדערן באַזונדער פאַרן גאַנצן פּראָצעס — פונעם אָנהייב ביזן סאָף. ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, קיריל פּעטראָוויטש, אַז מע וועט זיך שוין ניט קאָנען באַגיין אָן אַ ביסל שטורמאָווטשטשינע, אַז אַ סאַך זאַכן וועלן געטאָן ווערן בעכיפּאַזנדיק. סײַ דאָס מאַכן די אווטאָמאַטן, סײַ דאָס אײַנ־שטעלן זיי אויף די העגטשקעס־פאַבריקן, דאָס אויסרעגולירן זיי און דעריקער — אויסלערנען די הונדערטער מיידלעך באַדינען די דאָזיקע אווטאָמאַטן אַזוי, אַז די אַרבעט־פּראָדוקטיווקײט, דער אויסגערעכנטער עקאָנאָמישער עפעקט און די קוואַליטעט זאָל זײַן אַזאַ, ווי ס'איז פאַר־שריבן אינעם פּאַספּאָרט פונעם אווטאָמאַט. ווײַל איין זאַך איז אויסרעכענען אַלץ טעאָרעטיש, און אַ צווייטע זאַך איז — פאַרווירקלעכן דאָס אין דער פּראַקטיק, אין דער אַרבעט פון הונ־דערטער אווטאָמאַטן.

קיריל פּעטראָוויטש איז געווען זייער בייז אויף זיך דערפאַר, וואָס ער האָט ניט פאַרויס־געזען אַזאַ וואַריאַנט, און נאָך מערער בייז געווען אויף זײַן הויפּט־אינזשעניער, אויף מיכאל דאַווידאָוויטשן, וואָס יענער איז געבליבן גערעכט. און ווידער, נאָך מערער געווען בייז אויף זיך דערפאַר, וואָס ער איז בייז אויף מיכאל דאַווידאָוויטשן. און ווידער, נאָך מערער, געווען בייז אויף מיכאל דאַווידאָוויטשן, וואָס יענער האָט אַזוי גרינג אים נאָכגעגעבן. ווײַל ווען אָט דער מיכל איז אַ ביסל מערער גראָטן אין טאָטן און הייבט גלײַך אָן אן עמעסן געשלעג, וואָלטן זיי זיך, עמעס, אַ ביסל צעפּאַטשט, נאָר זיי וואָלטן שוין איצט געהאַלטן אַ סאַך ווײַטער. וואָס זשע וועט ער איצטער זאָגן? וואָס וועט ער איצט עפּעס צוטראַכטן? צי עפּשער האָט איבער סערגיי איוואַנאָוויטשן באַ מיכלען זיך אָראָפּגעלאָזט די הענט? און דאָס הייסט אַ קאָמוניסט, אַן אָנפירער פון אַ זאַוואָד? אַ טיפּעש צי אַ מענוווול האָט אַ בורטשע געטאָן, און ער איז שוין גרייט... אויב זיך צוהערן צו אַלע אַזעלכע בורטשענישן! אוי, נאָך גאָר אַ גרינער אָט דער מיכל!

קיריל פּעטראָוויטש האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס אים שטייט פאַר. ער האָט פּאָשעט ניט געוווסט, פאַר וואָס פריִער זיך נעמען.

דער קאַבינעט פונעם סעקרעטאַר פונעם פּאַרטקאָם איז געווען אַ ביסל קלענער פונעם דירעקטאָרישן. די לענג עפּשער די זעלבע, נאָר אַ סאַך שמעלער. קיריל פּעטראָוויטש האָט דאַפקע פאַרגעלייגט דורכפירן די זיצונג באַ אים אין קאַבינעט, נאָר וויקטאָר זאַכאַראָוויטש, דאַפקע אָט דער פרישגעבאַקענער סעקרעטאַר, אָט דער דאַרלעכער יונגערמאַן מיטן גאַנג פון אַ ספּאָרטסמען, האָט געזאָגט, אַז אַזוי טויג ניט. די זיצונג איז זייער אַן ערנסטע, אַן אַנט־שיידנדיקע, און ס'איז זייער וויכטיק, אַז אַלע אײַנגעלאַדענע זאָלן פילן, אַז דאָס איז ניט קיין געוויינלעכע אָפּעראַטיווקע.

דער גאַנצער אוילעם, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן, סײַ די מיטגלידער פון קאָמיטעט, סײַ די שעפן פון די צעכן און אָנפירער פון די אָפּטיילן זײַנען געווען אין טאָך געגומען יונ־גע לײַט, — אַזעלכע, וואָס האָבן שוין באַוויזן אַריבערשפּרינגען די דרײַסיק, און אויך אַזעלכע, וואָס האַלטן ערשט אין דער סאַמע מיט פון דריטן צענדליק. אַזעלכע, באַ וועמען ס'האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע גראָווע האָר אין די שלייפן, און אויך אַזעלכע, באַ וועמען די געדיכטע שעוועליורעס האָבן ערשט אָנגעהויבן פאַנאַנדערבלײַען — באַ וועמען מיט דריבנע קוטשערלעך, באַ וועמען מיט צערטלעך־אויסגעקנייטשטע לאַקאָנעס.

דער פאַרטראַג האָט זיך באַקומען אַזאַ, ווי מע דאַרף. ער האָט ניט געשוינט אין אים קיינעם, מערער פון אַלעמען זיך אַליין, אַזוי, אַז ס'זאָל אַלעמען אַ נעם טאָן פאַר דער לעבער און זיי זאָלן דערפילן, אין וואָס דאָ גייט. און זאָלן זיי אים אויך אַרײַנזאָגן. ווײַל דאָס, וואָס דער זאַוואָד האָט דורכגעלאָזט קימאַט צוויי כאַדאָשים און די באַשטעלונג האָט אים געטראָפן ניט צוגעגרייט, איז אין דער ערשטער ריי זײַן שולד אַלס דירעקטאָר.

אַלץ איז געגאַנגען אַזוי, ווי ער האָט געוואָלט. אַלע זײַנען געווען אין דער ניטיקער מאָס אויפגערודערט, און אַלע האָבן זיך גאַנץ קלאָר פאַרגעשטעלט, וואָס זיי שטייט פאָר. און כאָטש דער אַספאַלט אויף דער גאַס האָט שוין באַוויזן אָפּקילן זיך, איז אין קאַבינעט געוואָרן וואָס אַמאָל הייסער און דושנער. קיריל פּעטראָוויטש געדענקט שוין ניט אַזאַ הייסע זיצונג. נאָר וועגן אים אַליין, וועגן דעם, אַז דער דירעקטאָר איז שולדיק, האָט קיינער מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט. דאָס האָט אים געערגערט מערער פון אַלץ, און דערפאַר האָט די גאַנצע צײַט אַזוי געפּלאָנטט באַ אים דאָס פּאָנעם. דאָס פאַרשוויגן, דאָס פאַרבייגן, דאָס אַרומגיין אין אַ זײַט דאָס, וואָס האָט געדאַרפט געזאָגט ווערן און וואָס יעדערער האָט געוויס געטראַכט, האָט ער אויסגעטײַטשט פאַר זיך אויפן סאַמע ערגסטן אויפן: מיר ווייסן, הייסט עס, גאַנץ גוט, פאַרוואָס ס'האָט זיך אַזוי באַקומען, נאָר מע דאַרף וועגן דעם ניט רעדן, מע דאַרף אים שאַנע־ווען.

ערשט צום סאָף, ווען קיריל פּעטראָוויטשן האָט זיך געדוכט, אַז אויב די זיצונג וועט זיך ציִען נאָך אַ האַלבע שאָ, וועט ער ניט אויסהאַלטן, האָט גענומען אַ וואָרט דער סעקרעטאַר פון פּאַרטקאָם. דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, און דאָס, וואָס איז מיט קורצע רעפּליקעס אַרויסגעשאָסן געוואָרן נאָך זײַן אַרויסטרעטונג, האָט אַ ביסל באַרויִקט און אַ ביסל אונטערגע־מונטערט דעם דירעקטאָר. ס'איז אַפּילע גרינגער געוואָרן צו אָטעמען. דאָס, וואָס ס'האָט גע־זאָגט דער סעקרעטאַר פון פּאַרטקאָם, אָט דער דאַרלעכער וויקטאָר זאַכאַראָוויטש, וועלכער איז געבוירן געוואָרן ווינטער צווײ־און־פערציקסטן אין אַ דאָרף הינטער וואָראָניעזש, אין יענע מעקוימעס און אין יענער צײַט, ווען ער, דער קאָמאַנדיר פון סאַפּיאָרן־ווזוואָד, האָט אַרומגע־פּויזעט איבער די פּאַרשנייטע, פּאַרזאַווערוכטע מינען־פעלדער, האָט ניט געקאָנט ניט אַרויסרופן יענע צופרידענע שטוינונג און ניט שטילן אַ ביסל דעם צערודערטן געמיט.

— איך האָב אַ פּאָרשלאָג, — האָט אָנגעהויבן דער סעקרעטאַר פון פּאַרטקאָם. — זיך ווענדן צו די אַרבעטער מיט אַן אופרוף.

— ווי ערעוו אַ שלאַכט? — האָט עמעצער אַ פרעג געטאָן האַלב־ערנסט, האַלב־איראָניש. וויקטאָר זאַכאַראָוויטש האָט געענטפערט גאַנץ שטרענג:

— יאָ, ווי ערעוו אַ שלאַכט.

— און וועגן וואָס שרײַבן אינעם אופרוף?

— דעם גאַנצן עמעס.

— אַרויסרופן דאָס פײַער אויף זיך?

— יאָ, אָט דאָס מיין איך טאַקע.

דאָס ערשטע מאָל האָט קיריל פּעטראָוויטש געזען דעם יונגן סעקרעטאַר פון פּאַרטקאָם אַזאַ פײַערלעך־ערנסטן, אַזאַ אָנגעשטרענגטן. און ער, קיריל פּעטראָוויטש, האָט געמיינט, נאָר אַ פוטבאָל־מאַטש קאָן ברענגען וויקטאָרן אין אַזאַ צושטאַנד.

— יאָ, אָט דאָס מיין איך טאַקע. אַרויסרופן דאָס פײַער אויף זיך. אויפן פּאַרטקאָם, אויף דער דירעקציע, אויף אונדז אַלעמען. לאָמיר זאָגן אָפן, ווי מיר האַלטן, וואָס אונדז שטייט פאָר, און זאָל יעדער אַרבעטער אַ טראַכט טאָן, אַן אייצע געבן, וויאַזוי אופהייבן אָט דעם באַרג. אָן דעם, אָן אַן אַלגעמיינער הויכער מאָבילזיזירטקײַט, אָן אַ העכסטער טעכנאָלאָגישער דיסציפּלין, אָן אַן אידעאַלער ריטמישקײַט אין דער אַרבעט פון אַלע צעכן און באַצירקן, ניט שטורמאָווי־שטשינע, נאָר ריטמישקײַט, וועלן מיר גאָרנישט ניט קאָנען אופטאָן.

אָ, אַזאַ געפעלט ער אים, דער יונגער סעקרעטאַר פון פּאַרטקאָם! און דעריקער מיט דעם, וואָס ער, כאָטש אויך אַ ביסל פון דער זײַט, האָט אים דאָך אַרײַנגעזאָגט. פאַראַן אין אים עפּעס אַזוינס... עפּעס פון דאַוויד מיכײַלאָוויטשן. מעג ער אַפּילע נאָך דער זיצונג, ווי אַלע יונגעלײַט, אָוועק אויסטרינקען אַ קוכל ביר. דערפאַר טאַקע האָט קיריל פּעטראָוויטש, גאָר ניט לויט זײַן טעווע, וווּליונגעריש אויסגעשריגן:

— איך בין מיט ביידע הענט פאַר. דאָס פײַער אויף זיך!

געוויס וועט ער אַמאָל דערציילן דאַווידן וועגן אָט דער זיצונג, וועגן אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעטראַכט, איבערגעפּלאַטערט. נאָר אַז דאַוויד זאָל אים זען אויף אַזאַ זיצונג, האָט ער ניט געוואָלט.

— פאַרקערט, פאַרקערט, — האָט קיריל פּעטראָוויטש ווי פאַרענטפערט זיך. — וועגן דעם טאַקע וויל איך מיט דיר אַ שמועס טאָן. וועגן דער זיצונג, וועגן אויטאָמאַט, און בּיכלאַל... דו שטעלסט זיך פאָר, וואָס פאַר אַ באַרג מיר דאַרפן אופהייבן?

נו?

— איז עפּשער וועסטו אויך אונטערשטעלן אַ פּלייצע?

— לעמאָשל?

— קלײַב דיר אויס, וועלכע אַרבעט דו ווילסט. וואָס דיר איז מער צום האַרצן. כאָטש אויף אַ פּאָר כאַדאָשים. באַ אונדז איז איצט יעדער מענטש מיט גאָלד גלײַך.

דאָס ערשטע מאָל פאַר הײַנטיקן טאָג האָט דאַוויד אַ שמייכל געטאָן:

— גוט, כ'וועל אַ טראַכט טאָן. איך וועל שוין צוטראַכטן פאַר זיך אַ וואָרעם ערטעלע.

— אָט דאָס פאַרשטיי איך! באַ מיר האָט אַפּילע דער אַפּעטיט זיך צעבערענט.

און אַ רײַב געטאָן די הענט, ווי גאָר אַמאָל, אין זייערע ווײַטע סאָלדאַטישע יאָרן נאָך אַ גוט שטיקל סאַפּיאָרישער אַרבעט.

— ס'ווילט זיך שוין טאַקע נעמען אַ קויסע.

צו יענער מינוט, ווען מע האָט פאַרנומען די ערטער ארום לאַנגן טיש, איז געקומען דער, אַף וועמען ציפּעלע האָט אַזוי אַרויסגעקוקט, — שטעפאַן מאָלדאַוואַן מיט זײַן לוקעריען.

זײַנע אמאַליקע געדיכטע און שוואַרצע באַקנבאַרדן זײַנען שוין ניט געדיכט און ניט שוואַרץ. לאָזט זיך אויס, אַז ער איז דאָ אַלעמען באַקאַנט, און ציפּעלע פאַרשטייט ניט, פאַרוואָס זי האָט ביז נאָך לאַנג אַפילו ניט געהערט וועגן אים. ער האָט איר אויסגעזען גאַנץ געוויינלעך, ווי אַלע מענטשן פון זײַן עלטער, פון זײַן גראַד, פונקט ווי איר זיידע, וואָס אַלע מיינען, אַז ער איז אַ געוויינלעכער זיידע. און דאָס, וואָס שטעפאַן איז איצט דירעקטאָר פון דער מעבל־פאַבריק און אַלע רופן אים סטעפאַן איוואַנאָוויטש, איז דאָך אויך אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך. האָט זי אַלץ געקוקט אַף אים, געוואָלט געפינען סימאָנים פון יענעם שוסטער, וואָס איז באַטאָג געזעסן לעבן דער שוועל פון זײַן שטוב און געלאַטעט שקראַבעס און באַנאַכט געדרוקט פלוגבלעטלעך בײַ זיך אין קעלער.

לוקעריע זעט דאָפּקע אויס פּינקטלעך, ווי דער זיידע האָט זי אויסגעמאָלט. זי סטאַרעט זיך מיט אַלע קויכעס ווײַזן, אַז זי איז יינגער פון איר מאַן. זאָל זײַן, אַז דאָס פּאָנעם איז אַ ביסל צו פּולבלעך, נאָר ס'איז גלאַט און ברוין ווי געווען. די קוטשערלעך האַלטן זיך אויך, ווי אַמאָל, אָפּגעשיידט איינס פונעם אַנדערן, יעדער קוטשערל באַזונדער, יעדער קוטשערל מיט זײַנע דריידעלעך, קוטשערלעך. ווי גלעקעלעך. ערשט איצט נעמט זי נעקאָמע פון איר מאַן פאַר אַלע זײַנע „טענדע־ווערענדעס”, וואָס זײַנען איר געלעגן אין די ביינער. עס טוט איר, אַפּאָנעם, האַנאָע דאָס אָפּשפּעטן פון איר מאַן, אַפילו פאַר אַזאַ אוילעם.

— טוט נאָר אַ קוק אַף אים, — האָט זי געזאָגט, דרייענדיק אים פאַרן שפּיגל, כאָטש דעם שפּיגל האָט זי געדאַרפט מער פאַר זיך אַליין. — בײַ אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק זאָל דער שניפּס זיך אַזוי טעלעבענדען.

— נישקאָשע, — האָט ער געשמייכלט האַלב צו איר און האַלב צום איבעריקן אוילעם, — פאַר אַזעלכע „טענדע־ווערענדעס” נעמט מען ניט אַראָפּ פון דער אַרבעט. אַ דירעקטאָר האָט שטענדיק ערגערע אוויירעס.

ווען אַלע האָבן אויסגעטרונקען דעם ערשטן קאָס, איז דאָס בײַ ניקיטען געווען שוין דער צווייטער צי עפּשער שוין דער דריטער. דעם עמעס געזאָגט, איז בײַ שוליען דער כעזשבן אויך געווען אַן אַנדערער, ווײַל ווען ער האָט געגעבן ניקיטען פאַרזוכן, האָט ער אויך עפּעס געגנאַשט. האָבן אַלע זיך געוווּנדערט, וואָס פון די ערשטע גלעזלעך האָבן בײַדע אָנגעהויבן גלאַנצן די אויגן. נאָר דאָס, וואָס ניקיטאַ האָט פּלוצלינג זיך אַזוי צערעדט, האָט איבעראַשט אַפילו שוליען.

— קיבערנעטיקאַ! — האָט ניקיטאַ אַ קנאַק געטאָן מיט די פינגער, ווײַזנדיק אַפן טיש, וואָס איז געווען פול מיט געשמאַקע זאַכן.

דאָס, וואָס ניקיטאַ האָט אַרויסגעכאַפּט בײַ שוליען זײַן ווערטל, האָט זיך געלייגט אַפן סייכל. וואָס נאָך פאַר אַ וואָרט האָט מען געקאָנט צוטראַכטן אַף אָפּשאַצן אַלץ, וואָס קוקט אַרויס פון אַלע ווינקעלעך און בעט זיך מאַמעש, מע זאָל דאָס נעמען אין מויל אַרײַן. נאָר, ווידער געגומען אַ קויסע, האָט ער אָנגעהויבן צו שיטן מיט שוליעס טעזיסן און געצווונגען יענעם דערווידערן אים מיט זײַנע, ניקיטעס, ווערטער. אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום זייערע לאַנגאָניקע שפּאַרענישן, אַז די מאַשין איז געגליכן צו אַ מענטשן, אָדער פאַרקערט, דער מענטש איז געגליכן צו אַ מאַשין, און אַז ווי די מאַשין זאָל ניט זײַן קלוג, וועט זי דעם מענטשן ניט איבערשפּיצן.

דאָוויד איז געווען ווײַט פון דעם אַלעמען... פון דער סודע, פון די קויסעס, פון דער שפּאַרעניש צווישן שוליען און ניקיטען און אַפילו פון דעם, וואָס ער האָט אָקאָרשט גערעדט מיט קיריל פּעטראָוויטשן. קעגן אים איז געזעסן שטעפאַן מאָלדאַוואַן מיט זײַן „טענדע־ווערענדע”, און כאָטש די באַקנבאַרדן זײַנען געווען ניט די, דאָס פּאָנעם שוין אויך ניט פון דעם קאַליר, נאָר ער, דאָוויד, האָט געזען פאַר זיך גראָד דעם אמאָליקן שטעפאַן, די אמאָליקע לוקעריע און דאָס גאַנצע אמאָליקע... יענע אומרויִקע נעכט אין דעם שוואַך־באַלויכטענעם געסל, יענע ניט וויניקער אומרויִקע, עפּעס דורכויס האַרבסטיקע טעג מיט זייערע שנייען, רעגן און בלאָטעס. און ווידער... יענעם האַרבסטיקן טאָג אונטער דער בריק, און ווידער... אוי, מאַלקע, מאַלקע!.. ער האָט ניט באַמערקט, ווי דער שמועס אַרום טיש, דער אַ ביסל צו ראַשיקער, סימכעסדיקער שמועס, איבער וועלכן עס לויערט שטענדיק עפּעס אַזוינס אומדער־וואַרטס, ווײַל די צונגען זײַנען בײַ אַלעמען אָן אַ צוים, ווײַזוי אָט דער בעגילופנדיקער שמועס האָט ווי פאַרטשעפּעט זיך בײַ עפּעס און אָוועק אַ ביסל אין אַ זײַט. מיסטאָמע האָט די מעכוטענעסטע בליומע אַליין אים פאַרדרייט, מיסטאָמע האָט זי איניינעם מיט אירע פרישע

קנישעקלעך פון לעבער דערלאַנגט צום טיש עפּעס פון אירע לעצטע נײַס, און דאַפּקע די אוקראַיִנישע לערערקע וואַלענטינאַ יערמאָליַיעוונאַ האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס זשע, ס'איז טאַקע דאָרטן אַזוי שלעכט? אָט האָב איך באַקומען אַ בריוו פון מײַנער אַ געוועזענער שילערן...

דאָוויד האָט געפּרוּווט אָפּטרייסלען זיך פון דער פראַגע. אים האָט זיך זייער ניט געוואָלט אָפּרײַסן זיך פון דער בריק, פון זײַנע ווײַטע, ווײַטע זוּנגען. האָט ער אָפּגעענטפערט אַ ביסל צו טרוקן. מעגלעך, אַפילו בייזלעך:

— ניט אין דעם גייט עס, — גערעדט מערסטנטייל צו זיך אַליין. — די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס מע וויל מיר אײַנרעדן. יִיסראָעל וועט קיינמאָל ניט ווערן דער גורל פון אַלע ייִדן, און דער ציִיָעניסטישער שווינדל אַרום דעם ברענגט אונדז פיל שאָדן. עס גייט אויך אין דעם, וואָס מע וויל פון מיר מאַכן, ריכטיקער, אײַנגאַנצן איבערמאַכן.

דאָוויד האָט ניט געוואָרט, אַז זײַנע ווערטער זאָלן אַזוי צערודערן דעם אוילעם.

— ריכטיק, ריכטיק, איך זאָג אויך אַזוי! — שוליע האָט זיך אַ בייג געטאָן איבערן טיש און געגומען אײַנטײַנען מיט וואַלענטינאַ יערמאָליַיעוונע, גלײַך זי איז געווען הײַנט זייער אַלעמענס אָפּאָנענט. — אָט נעמט מיך, איך בין, ווי מע זאָגט, אַ פּאַשעטער כּײַוועקײַעם, אַ ראַבאָטשע מענטש. און איך וויל זײַן אַזאַ, ווי איך בין, אַזאַ ייִד און אַזאַ ראַבאָטשע. וויל איך, גלייב איך יאָ אין גאָט, וויל איך ניט, גלייב איך ניט. זאָגן זיי מיר, אַז אויב דו וועסט זײַן אַזאַ, ווי דײַן טאַטע איז געווען, ביסטו אַ ייִדע, און אויב ניט, ביסטו קיין ייִד ניט. און איך וויל זײַן אַ הײַנטיקער, ניט קיין אַמאָליקער.

— וואָסי, האָסט מוירע, וועסט ווידער דאַרפן שרײַבן דײַן נאָמען מיט אַ קלעקע־מעם?

שוליעס קוק אויף זײַן בליומען האָט געדאַרפט הייסן, אַז אירע שטעכווערטלעך האָט זי הײַנט געמעגט האַלטן בא זיך.

— יאָ, יאָ, איך וויל ניט פאָרן צוריק! וואָס קומט מיר דערפאַר?

שיינדל, די שטענדיק ערנסטע און שטרענגע שיינדל, וואָס האָט הײַנט געשלעפּט נאָכעס פון איר ציפּעלען, פון אַלע, וואָס זײַנען געזעסן אַרום טיש, האָט זיך אויך דערלויבט אַ שפּאַס טאָן:

— טאַטע, בא דיר איז ניטאָ קיין שום נאַציאָנאַלער געפילן!

שוליע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַ וויש געטאָן די פאַרטרערטע אויגן און זיך צוגעזעצט אויף זײַן אָרט.

— האָסט געהערט, ניקיטאַ, וואָס מײַן טאָכטער האָט געזאָגט? עס פעלט מיר, זאָגט זי, אַ קלעפּקע. ווי געפעלט עס דיר? זאָג אַליין, ניקיטאַ, איך האָב זיך דען ניט געשפּאַרט מיט דיר, פון וועלכער נאַציע אין אונדזער אָוטאָמאַט?

— נו, שאַ, — האָט ניקיטאַ אים באַרויִקט. — איך האָב דיר שוין ניט איין מאָל געזאָגט.

און דאַפּקע שוליעס שנור, די עקאָנאָמיסטקע, אָט די ראָכעלע, וועגן וועמען בליומע זאָגט, אַז זי איז שטיל, ווי אַ טויב, האָט אַ זאָג געטאָן אַ ביסל אַרויסרופעריש:

— דאָס אַלץ איז ריכטיק, נאָר איך וויל וויסן איין זאַך: שוין זשע איז אין ייִסראָעל אַלץ שלעכט? עס קאָן דאָך ניט זײַן אַ לאַנד אָן לײַטישע מענטשן.

האָט שוין דאָוויד געמוזט אײַנגאַנצן זיך אָפּזעגענען מיט זײַן בריק:

— ווער זאָגט דען? קיינער צווינגט מיך ניט רעדן צי טראַכטן וועגן ייִסראָעל בלויז שלעכטס. ווען עמעצער סטאַרטעט זיך פּלאַנצן סינע צו ייִסראָעל, ווי צו אַ לאַנד, ווי צו אַ פאָלק, האָב איך אַ גרונט אים כוישעד זײַן אין סאַמע ערגסטן. און קיינער ווינטשט ניט ייִסראָעל קיין שלעכטס. איך וויל נאָר, אַז מיר זאָלן קוקן אויף אַלץ מיט די אויגן פון אַ סאָוועטישן בירגער. נאָר ווען אין אַ הײַנטצײַטיקער מעלוכע ווערן די קלעריקאַלן און רעליגיִעזע פאַנאַטיקער די גלאַוונע רעדלפירער, ווען אַ רעגירונג הייבט אָן מאַכן גוואַלדן וועגן ראַטעווען אונדז, די סאָוועטישע ייִדן, און מאַכט פונעם אַנטיסאָוועטיזם אַ ביזנעס, קאָן איך וועגן אַזאַ רעגירונג און אַזאַ מעלוכע קיין גוטס ניט זאָגן...

ביכלאַל איז דאָוויד געווינט געווען, אַז שטעפאַן מאָלדאַוואַן, בא וועמען ער האָט זיך געלערנט און ניט אויסגעלערנט שוסטערײַ, זאָל אים בא יעדער געלעגנהײַט שטעלן קלאָץ־קאַשעס. נאָר אַז גראָד סטעפאַן איוואַנאָוויטש זאָל אַזוינס פרעגן?

— און די ייִדישקײַט? וווּהין וועסטו אַהינטאָן דאָס ייִדישקײַט?

נאָר דאָוויד איז ניט געווען געניגט צו שפּאַסן:

— פאַרשטייסט, סטעפאַן, ווען איך דאַרף זיך אויסטײַנען ניט מיט דיר, נאָר מיט עמעצן פון יעניקע, וואָלט איך זיי דערוויזן, אַז איך בין מערער ייִדע, ווי יענע, וואָס יאָגן זיך אַהין.

ווײַל זיי גייט דער איניען ייִדישקײַט אינגאַנצן ניט אָן. זיי זוכן דאָרטן גאָר עפּעס אַנדערש. איינעם דוכט זיך, אַז אין אים ווערט פֿאַרפֿאַלן אַ טאַלאַנט פֿון אַ באַנקיר, אַ צווייטן כּלומרשט זיך דאָס מזל פֿון אַ פֿאַבריקאַנט, פֿון עפּעס אַ באַלעבעסל, און אין אַ דריטן יורשט מאַמעש די ספּריטנעקײַט פֿון אַ בירזשע־מעקלער. עס טרעפֿט אויך, אַז אַ ייִדישער אַקטיאָר מיינט, אַז גראַד דאָרטן...

בלומע, וואָס איז שטאַרק פֿאַרנומען מיט די געסט, געפֿינט צײַט אויך אָף זאָגן עפּעס אַ וואָרט:

— טוט אָבער אַ שמועס מיט זיי, וועלן זיי אײַך זאָגן, אַז דאָס איינציקע, וואָס זיי ווילן, איז בלײַבן ייִדן. גלײַך דאָ לאָזט מען זיי ניט.

— נו, יאָ, כ'האָב ניט לאַנג זיך דורכגעוועוטלט מיט מײַן שוואָגער, מיט לייזערן, ער האָט אויך געטײַנעט וועגן ייִדישער קולטור. ער ווייסט אַפּילע ניט, מיט וואָס מע עסט דאָס. נאָר איינציקע דוכט זיך, אַז מיט דעם דעקן זיי אַ ביסל צו זייער נאַקעטקײַט און זעען אויס באַ זיך אַליין אַ ביסל פֿײַנער.

שטעפֿאַן איז ניט פֿון די, וואָס ווערן אַזוי גיך שיקער. וואָס זעען זיך אָן באַ אים אַ פּאָר קויסעלעך? נאָר אַלע זײַנען געווען זיכער, אַז ער האָט אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס.

— דאַוויד, לאָמיך דיך אַ קוש טאָן! — האָט ער אויסגעשריגן און טאַקע זיך אַ ריס געטאָן צו אים. אַ ריס געטאָן, אים אַרומגענומען און ראַשיק אַ צמאָקע געטאָן. דערנאָך ערשט אַ וויש געגעבן די אויגן פֿון עפּעס אַ ניט אומיסטענדיקער טרער און אַ שמאַרגע געטאָן מיט דער נאָז. — אוי, דאַוויד, וואָלט איך דיך געדאַרפֿט האָבן אָף אַ פּאָר טעג באַ זיך אָף דער פֿאַבריק! קום מאָרגן אַרײַן, האָ? באַ מיר קלײַבן זיך אויך איינציקע אוועקפֿאָרן. וואָס פֿעלט זיי דאָ? אָט נעם מיך, נו, איך, אַשטייגער, אַלע יאָרן...

עפּעס האָט ער געוואָלט זאָגן וועגן אַלע יאָרן, נאָר דער געדאַנק האָט באַ אים ניט באַוויזן אויסשלײַפֿן זיך, האָט ער גאָר אינמיטנדערינען אָנגעהויבן זינגען. און דאָס האָט אַלעמען ווי געפֿעלט. סײַ דאָס לידעלע אַליין, וואָס מע האָט דאָ לאַנג שוין ניט געהערט, סײַ דאָס, וואָס ער האָט עס אַזוי פֿײַן אויסגעזונגען אָף ייִדיש:

אָ, גוטע פֿרײַנט, אַז איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו מײַן קײוער אונדזער פֿאָן,
די פֿרײַע פֿאָן פֿון רויטע פֿאַרבן,
באַשפּריצט מיט בלוט פֿון אַרבעטסמאַן...

ער האָט געוואָלט אויסזינגען די ליד ביזן סאָף, נאָר פֿאַרגעסן די ווערטער, האָט ער אַ טאָרע געטאָן דאַווידן:

— נו, זאָג אונטער. דו געדענקסט דאָך, אין טורמע... דו האָסט אונדז אויסגעלערנט עדעלשטאַטס „צאַוואָע” און מיר דיך שעווטשענקעס „זאַפּאָוויט” און די „וואַרשאַוויאַנקע”.

— איך געדענק, איך געדענק, — האָט דאַוויד אַ שמייכל געטאָן.

— איין זאַך איז מיר ניט קלאָר!...

דאָס האָט געזאָגט קיריל פּעטראָוויטש, וואָס איז געזעסן צעשיידט מיט דאַווידן, ווײַל צווישן זיי איז געזעסן מאַריאַ סערגייעווונאַ. זי האָט פֿריִער געדאַרפֿט פֿאַרזוכן יעדער מײַכל, אַ פּרווו טאָן, צי איז דאָס ניט געפֿעפֿערט, אָדער שטאַרק איבערגעזאַלצן, צי מעג דאָס ביכּלאַל איר קיריל נעמען אין מויל אַרײַן.

— אָט, וויפֿל יאָר איך קען דיך, פֿאַרשטיי איך ניט, ווי קאָן דאָס אַזאַ מענטש, ווי דו, זײַן אָף פּענסיע?

— טשעפּע ניט, קיריל, איך בעט דיך...

דאַוויד האָט דאָס אַרויסגערעדט שטיל. ער האָט ניט געוואָלט קיינעם פֿאַרשטערן די שׂימחה מיט זײַנע ניט פֿריילעכע געדאַנקען... דאַפּקע שוליע, וואָס איז געזעסן אַ ביסל ווײַטער פֿון אים, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף אים גלײַך קומען צוהילף:

— ער איז דאָך גערעכט, דער מעכוטן מײַנער, אָט האָט מיר מײַן שיינדל נאַרוואָס פֿאַרגעוואָרפֿן, אַז באַ מיר זײַנען פֿאַרטעמפּט געוואָרן די נאַציאָנאַלע געפֿילן. נאָר ניט אין דעם גייט עס. אין ייִסראָעל האָבן מיר דאָך צו טאָן מיט גאָר אַן אַנדער נאַציע. ס'איז גאָר ניט דאָס, וואָס מיר זײַנען, וואָס אונדזערע טאַטעס זײַנען געווען.

— ריכטיק, ריכטיק, — האָט דאַוויד צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — זייער אַ ריכטיקער געדאַנק, כאָטש ער קלינגט פּאַראַדאָקסאַל. דער, וואָס פֿאָרט אַרויס קיין ייִסראָעל, איז שוין באַ מיר גאָר אַן אַנדער ייִד, ער ווערט אַ מענטש פֿון אַן אַנדער נאַציע, פֿון אַן אַנדער בירגערשאַפֿט, ער ווערט אַרײַנגעשלײַדערט אין גאָר אַן אַנדער קלימאַטישער, פּסיכאָלאָגישער

1—2646

און אידעאָלאָגישער סוויווע, ווערט באַווירקט מיט גאָר אַנדערע זיטן. דאָס אַלץ איז אונדז ביז גאָר פרעמד.

— אַט דאָס זאָג איך דאָך, — אַז שוליע צערעדט זיך, איז אים שוין שווער אָפּשטעלן. — מע וויל באַ מיר אַרויסנעמען מײַן אייגן הארץ, וואָס איז דורכויס סאָוועטיש, און אַרײַנשטעלן אַ נײַס. און ווי זאָגסטו, ניקיטע? אַ מענטש איז דאָך ניט קיין מאַשין, און מיט אַ פרעמד הארץ קאָן ער לאַנג ניט לעבן!

און גלײַך ווי ניקיטען וואָלט געדראָעט דאָס געפאַר אַריבערפעקלען זיך קיין ייִשׂראל, האָט שוליע אים אַרומגענומען און אָנגעהויבן אויסזינגען פאַר אים דאָס ייִדישע לידל, וואָס זינגט זיך אָף אוקראַיניש.

Никита, Никита, що з тебе буде...

— פּסיכאָלאָגישע טראַנספּלאַנטאַציע, — האָט קיריל פּעטראָוויטש געפּרוווט געפינען דערצו אַ וויסנשאַפטלעכן טערמין. ער האָט אים אויסגעזען ניט אינגאַנצן פּינקטלעך. האָט ער אים גלײַך פאַרביטן מיט אַן אַנדערן, — אידעאָלאָגישע טראַנספּלאַנטאַציע!

דערפילט, אַז אים ווערט זײַן שווער פאַרטיידיקן זײַן טעזיס, אייב עמעצער ווערט דערווידערן, ווײַל דאָס אַלץ איז אים ערשט נאָרוואָס געקומען אָפּן געדאַנק און ער האָט דאָס נאָך ניט באַוויזן דורכטראַכטן, האָט ער זיך אַ קערעווע געטאָן צום סאַמע ברעג פונעם לאַנגן טיש, וואָס האָט שוין געשטעקט אין צווייטן צימער:

— און וואָס ווערט די יוגנט זאָגן?

די יוגנט...

סוועטע האָט שטאַרק ליב געהאַט טענץ, זי איז קוים אויסגעזעסן אָף אַ לימוד ביזן סאָף. די פּיס אַליין האָבן באַ איר אָנגעהויבן אונטערטאַנצן, נאָך איידער ס'האָט אַ קלונג געטאָן דאָס גלעקל. גאַליע איז געווען אַ זינגערן. זי האָט ניט געקאָנט זײַן קיין איין מינוט אָן עפּעס אַ ניגנדל, זי האָט אַפילו אונטערגעבאָמקעט, ווען זי איז געשטאַנען לעבן טאָוול מיטן שטיקל קרײַד אין דער האַנט און ניט געוווּסט פון וואָס אָנהייבן. זי איז זיכער געווען, אַז דאָס ניגנדל וועט איר שטענדיק אונטערזאָגן עפּעס גוטס. זיי האָבן ביידע געמיינט, אַז באַ ציפּעלען וועלן זיי זיך אָנטאַנצן און אָנזינגען, נאָר דער שמועס, וואָס איז געגאַנגען אַרום דעם טיש, האָט זיי אויך פאַרכאַפּט. זיי זײַנען געזעסן שטיל, בלויז איבערגעוווּנקען זיך אָדער שטיל עפּעס אַ שעפּטשע געטאָן. טאַקע וועגן ציפּעלעס זיידע, וועגן שטעפאַן מאָלדאַוואַן מיט זײַן טענדע־ווערענדע, וועגן דער מומע אַריסיע מיט איר דמיטריקן און וועגן ציפּעלעס טאַטע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער היגער טורמע. טאָליק איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, גלײַך ער האָט מוירע געהאַט אַ קוק טאָן עמעצן אין די אויגן, מוירע געהאַט, עמעצער זאָל ניט איבערלייענען אין זײַן אויסזען דאָס, וואָס האָט אים אַזוי צוגעשמידט צום בענקל, צונויפגעשלאָסן די ליפּן און געצוווּנגען אַלעמאָל כאַפּן אַ קוק אָף עמעצן אַנדערש, קעדיי פעסטשטעלן, ווער איז ער, אַט דער, וואָס רעדט אַרויס אַזעלכע ווערטער, אַזעלכע נײַע געדאַנקען, וועלכע ער האָט ביז איצט ניט געהערט און וואָלט זיי אַוואַדע אין לעבן ניט געהערט, ווען ניט אָט די צופעליקע סימכע באַ ציפּעלען אין שטוב, ווו עס האָבן זיך צונויפגענומען גאָר אַנדערע מענטשן, אינגאַנצן ניט ענלעך אָף די, וואָס נעמען זיך צונויף באַ זיי אין שטוב. זיי זײַנען דערשיטערנדיק־נײַ, סײַ ווען זיי זאָגט אַרויס ציפּעלעס הויך־געבילדעטער זיידע דאַוויד, סײַ ציפּעלעס פּאַשעטער זיידע שוליע און זײַן שוטעף ניקיטאַ. ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געבלאָנדזשעט מיטן גאָפּל איבערן טעלער און געטראַכט בייסמײַסע — וואָס וואָלט געווען, ווען מע זעצט אַוועק באַ איין טיש ביידע צדדים: די, וואָס האָבן זיך היינט צונויפגעקליבן אַהער, און די, וואָס קלײַבן זיך צונויף באַ זיי. ער שטעלט זיך אַפילו ניט פאָר, וועגן וואָס וואָלטן זיי געקאָנט שמועסן, אַז זיי לעבן מיט אַ ביז גאָר פאַרשיידענעם לעבן, רעדן אָף ביז גאָר פאַרשיידענע שפּראַכן. עפּעס ווי פאַרשיידענע נאַציעס. באַ דעם טיש איין נאַציע, באַ זייער טיש — אַן אַנדערע.

ער האָט אַזש אַ ציטער געטאָן פון דעם געדאַנק און נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ס'האָט אַפילו ניט געהאָלפן דאָס, וואָס שיינדל האָט די גאַנצע צײַט געטאַנצט אַרום אים, אַרויסגעוויזן פיל מערער אויפמערקזאַמקײַט, ווי ציפּעלעס כאַווערטעס, אַלעמאָל אָנגעפילט זײַן טעלערל מיט עפּעס פרישס. שיינדל האָט זיך געהאַט אירע כעזשבוינעס. ווער ווייסט, וואָס ווערט שפּעטער זײַן... נאָר אַז איין שטוב איז דאָ אַ קאַלע־מויד, טאָר מען זיך ניט וואַרפן מיט קיין כאַסאַנים.

סוועטע איז זיך גלאַט אַזוי סוועטע. פּאַרקירצט פֿון סוועטלאַנע. לויט אירע ליכטיקע האָר און שניי־ווײַסן פּאָנעם, קומט איר אַזאַ רוסישער נאָמען. גאַליע — איז איבערגעמאַכט פֿון גאָלדע. מע זעט גלײַך, אַז דאָס איז געווען אומזיסטע טירחה. דאָס גאָלדעלע קוקט אַרויס פֿון אירע שוואַרצע אויגן און פֿון יענער ברוינקייט, וואָס מע קאָן מיט גאָרניט איבערפאַרבן.

דאַפֿקע גאַליע האָט די ערשטע געענטפֿערט אויף קיריל פּעטראָוויטשעס פֿראַגע:

— וואָס איז אַזוינס נאַציע? אַ סכום פּאַרעלטערטע פֿאָרורטיילן. נעמט אַראָפּ די דאָזיקע פֿאָרורטיילן...

— מיידעלע, ווו האָסטו אויסגעלייענט אַזאַ נאַרישקייט?

סײַ אין דער פֿראַגע אַליין, סײַ אין דעם, ווי קיריל פּעטראָוויטש האָט זי אַרויסגעזאָגט, איז געווען אַזוינס, איבער וואָס גאַליע און אַלע איבעריקע אַרום איר זײַנען רויט געוואָרן. אַפֿילו די לערערקע וואַלענטינאַ יערמאָלײַעוונאַ אויך. מעגלעך, אַז קיריל פּעטראָוויטש האָט זיך פֿאַרגעסן און אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. נאָר אים רייצט שטענדיק אויף יעדער אויסדרוק פֿון נאַציאָנאַלן ניהיליזם, אונטער וועלכן ער פֿילט שטענדיק גאָר עפּעס אַנדערש. עס וואָלט זיך געוויס בײַ אים אַרויסגעכאַפּט נאָך עפּעס שטאַרקערס. גוט, וואָס דערבײַ איז געזעסן דאַוויד. האָט ער פֿאַרכאַפּט:

— ע, ווען די זאַך זאָל גיין בלויז אין דעם... ווען דאָס זאָל זײַן אַזוי פּראָסט... און וואָס וועט דערויף זאָגן אונדזער מאַטעמאַטיקער?

אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען, וועמען מע מיינט, טאַליק אין דער ערשטער ריי. נאָר ער האָט מוירע געהאַט אַרויסברענגען אַ וואָרט. ער האָט זיך דאָ געפֿילט ביכלאַל ווי דער צאַד שעקנעגעד, ווי איינער פֿון יענע, וואָס קלײַבן זיך צונויף בײַ זיי אין שטוב. ער שטעלט זיך אַפֿילו ניט פֿאָר, ווי וואָלט אַ קלוגע געטאָן בײַ אָט דעם טיש דאָס, וואָס יענע רעדן, און דאָס, וואָס ער אַליין טראַכט.

— מיר איז שווער עפּעס צו זאָגן וועגן דעם, — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט. — עס לייגט זיך ניט אַרײַן אין קיין מאַטעמאַטישע פֿאָרמולעס.

ס'איז טאַקע שווער אַמאָל צו פֿאַרשטיין, וויאַזוי איין געדאַנק רופֿט אַרויס אַ צווייטן, עפּעס גאָר אַן אַנדערן, אַזאַ, וואָס האָט ניט קיין שום שײַכות צום ערשטן געדאַנק. עס ווײַזט זיך אויס, אַז ער פֿירט אַוועק אין אַ זײַט. נאָר ער דרייט זיך, דרייט זיך און קומט ווידער אַרום אויף דעם זעלביקן. באָריס איז די גאַנצע צײַט שטאַרק געווען פֿאַרנומען מיט דער אַכילע. דערצו נאָך האָט בלומע שטאַרק נאָכגעקוקט, ער זאָל, כאָלילע, ניט בלײַבן קיין הונגעריקער, ווײַל זי איז אַוועק פֿון דער היים און זי ווייסט ניט, וואָס ער האָט הײַנט געגעסן. האָט מען געמיינט, אַז ער האָט בלויז צו טאָן מיט די גאָפּלען און מיט די לעפֿלען. האָט ער זיך פּלוצלינג אויפֿגעהויבן און אַ פֿיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פֿאַרשוויצטן שטערן.

— צוערשט דאַרף איך מאַכן אַן אָפּציִעלע מעלדונג! — דאָס איז אויך געווען געזאָגט אַ ביסעלע צו ערנסט, ניט אַזוי, ווי עס פּאַסט בײַ אַזאַ טיש. — קיין יִשׂראל קלײַב איך זיך ניט און וועל אַהין קיינמאָל ניט פֿאָרן. קיין אַנדער היימלאַנד, ווי אונדזער איצטיקס, שטעל איך זיך ניט פֿאָר...

— נו? — האָט דמיטרי אים איבערגעשלאָגן, געמיינט, אַז ער איז אַ ביסל אונטערן גלעזל.

— בײַ מיר איז ניט קיין „נו". בײַ מיר איז אַ „נאָך"... מע גיט דיר אַמאָל אַזוי אַ זאָג אַרײַן, איז מיילע איך, צי עמעצער אַנדערש. נאָר איינער גיבן זיך אַ טראַכט...

— נו, און מיר זאָגט קיינער ניט אַרײַן? מיינסט, אַז בײַ מיר צי בײַ אונדז ביכלאַל איז אַלץ אויסגעטאַנצט און אויסגעזונגען? אָט...

קיריל פּעטראָוויטש איז, אַפּאַנעם, נאָך אַלץ געווען אויפֿגערעגט, און באָריס האָט אים נאָך מערער צערייצט. ער האָט געהאַלטן סאַמע אינמיטן, נאָר ווידער אַ קוק געטאָן אויף דאַווידן, און שוין גאָר איבער אַנדערע סיבעס אַראָפּגעשלונגען צוריק דעם „אָט" און אַנשוויגן געוואָרן.

סײַ שוליע, סײַ בלומע און אוודאי מיכל מיט שיינדלען האָבן זיך אָנגעשטויסן, פֿאַרוואָס קיריל פּעטראָוויטש האָט אַראָפּגעשלונגען דעם „אָט". ניקיטען האָט שוליע אויך געוואָרנט, ער זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט קיין וואָרט פֿאַר דאַווידן.

— מיילע, וואָס עמעצער טוט אַ זאָג. נו, אַז אָט דער סערגיי האָט אַזוינס אַ זאָג געטאָן מיכלען, איז וואָס?

די שטילקייט, וואָס איז מיטאַמאָל געבליבן הענגען איבערן לאַנגן טיש, האָט אַלעמען אויסגעזען מוירעדיק געדיכט. יענע פֿאַרוואָלקנטע שטילקייט, פֿון וועלכער עס מוז באַלד

אַנהייבן דונערן און בליצן. דאָס איבערוווּנקען אַליין איז געווען פול מיט פולווער. ניקיטאַ, געכאַפּט אַף זיך שוליעס דראָענדיקן בליק, האָט גלייַך ווי אויסגעניכטערט זיך. פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געזאָגט ניט דאָס, וואָס מע דאַרף, האָט ער זיך פאַרהוסט, גלייַך ס'האָט אים עפּעס זיך געשטעלט אין האַלדז.

דאַוויד האָט באַקוקט דעם איבערגעשראָקענעם אוילעם, באַקוקט לאַנג, ווי ביז גאָר דערשטוינט, אַ ביסל טאַקע ווי מעוווּלוול, באַקוקט און געטישעט זיך מיט זייער פאַרלוירנקייַט, מיט דעם, ווי עס האָט באַ אַלעמען מיטאַמאָל אַפּגענומען דאָס לאַשן. דערנאָך האָט ער זיך צעלאַכט אַזוי, ווי ער האָט שוין לאַנג ניט געלאַכט, און מיט דעם נאָך מערער איבערגעשראָקן אַלעמען.

— נו, גענוג, — האָט דאַוויד אויסגעשריגן, ווי באַפוילן זיך אַליין אייַנשטילן דעם געלעכטער. — ערשטנס, אַ גרויסן דאַנק אייַך אַלעמען, וואָס איר שאַנעוועט מיך אַזוי. נאָר וועגן דעם האָב איך זיך דערוווּסט דעם זעלבן טאָג. איך האָב דאָך כוץ אייַך ניט ווייניק אייגענע מענטשן אַפּן זאַוואָד... צווייטנס, מיך וועסטו אַזעלכע שטיק ניט אָנשרעקן. איך ווייס גוט, פונוואַנען זיי שטעקן. נאָר איך ווייס אויך עפּעס אַנדערש. ווי מייַנסטו, אַריסיאַ איוואַנאָוונאַ?

אַריסיע, ווי שטענדיק אין אַזאַ פאַל. דאָס פּאָנעם שמייכלט און פון די אויגן גלאַנצן אַרויס פרישע טרערן.

— וואָס דאַרף מען גאָר רעדן דערפון? מיכאַסן וועל איך סײַווי אין ערגעץ ניט לאָזן!

גלייַך ס'האָט טאַקע געהאַלטן דערבײַ, אַז מיכל זאָל ערגעץ אוועקפאָרן, האָט אַריסיע אופגעהויבן צו אים אירע אָנגעטרערטע אויגן.

— צוליב דעם האָב איך זיך אַזוי געמוטשעט מיט דיר?

— איז אַלץ אין אָרדענונג! — דאַוויד האָט דערפילט, אַז די סימכע איז אין אַ געפאַר און ער מוז זי נעמען אין זײַנע הענט. — לאָמיר בעסער רעדן וועגן פרייִלעכערע זאַכן... מעכוטענעסטע, וואָס האָט איר עפּעס נאָך געשמאַקס?..

ס'איז שווער געווען צו זאָגן, צי ס'איז שפּעטער אָוונט, צי ס'איז שוין טיפע נאַכט. פונקט ווי ס'איז שווער געווען פעסטשטעלן, צי האַלט מען נאָך באַם סאָף פרילינג, צי מע איז שוין אַרייַן אין אָנהייב זומער. אַפּן טונקעלן הימל האָבן אַרומגעבלאָנדזעט פאַרשלאָפענע וואָלקנדלעך און אַף דער ערד האָבן שיקערלעך זיך געשאָקלט לאַנגע שאָטנס. און ס'האָט שטאַרק געשמעקט מיט אַקאַציע־צוויט. די ראַשיקע כאַפּטעס, די, וואָס לאָזן די טראַנזיסטאָרס זינגען און רעדן פאַר זיך אַליין, האָבן שוין באַפרײַט די איבערגעהאַרעוועטע גאַסן, איצט האָבן איבער זיי שפּאַצירט שטילע פּאָרלעך, וואָס האָבן גערעדט שושקענדיק אָדער אינגאַנצן געשוויגן, געשפּאַנט פּאַמעלעך, ווי אייַנגעהערט זיך אין די אייגענע טריט. אַלץ איז שוין געווען איבערגעשושקעט, אַלץ איז שוין געווען איבערגעשוויגן, נאָר שיידן האָט זיך ניט געוואָלט. דער גאַנצער אַרום, אַ ביסל אַ צוגעלאָשענער, אַ שטאַרק פאַרטונקלטער, האָט שטיל אונטערגעגענעצט, ווי געגעבן אָנצוהערן די שפּאַצירנדיקע, אַז זי, די גאַס אַליין, איז אויך אַ לעבעדיקע באַשעפעניש און דאַרף אויך כאַפּן אַ דרעמל.

ווי מוירע געהאַט אופוועקן די אייַנגעשלאָפענע גאַס, זייַנען זיי אויך געגאַנגען שטיל און פּאַמעלעך. ס'איז אַוואַדע געווען גוט צו פילן, ווי דאָס קילע ווינטעלע לעשטשעט דאָס צעפלאַמטע פּאָנעם, ווי איבערן גאַנצן לייַב גייט דורך אַן אָפּרישנדיקער, אַ מעכייַעדיקער ציטער און ווי דער אַקאַציע־צוויט, ווער ווייסט פונוואַנען, גייט זיי נאָך פוסטריט און צווינגט זיי אַלעמאָל אַ צי טאָן מיט דער נאָז... נאָר ניט דערפאַר האָבן זיי אַזוי לאַנג געשוויגן. יעדערער האָט געטראָגן אין זיך זייַן פעקל געדאַנקען, וואָס האָט געקאָנט זייַן ענלעך אָדער אינגאַנצן ניט ענלעך אַפּן פעקעלע פון דער כאַווערטע. און גראָד אָט די ענלעכקייַט אָדער פאַרשיידנקייַט האָט זיי ווי צוגעשלאָסן די מײַלער. גראָד טאַליק, וועמעס געדאַנקען זײַנען געווען ווייַט אַפּגעשיידט פון אַלע איבעריקע, האָט אָנגעהויבן דער ערשטער:

— ווען מע זאָל דאָס אַלץ געווען ווייַזן דורכן טעלעוויזאָר...

— וואָס זשע וואָלט געווען? — האָט געפרעגט סוועטע.

— אונדזערע וואָלטן געזאָגט, אַז דאָס איז אַ צוגעגרייטע, אַ גוט־אויסגערעפּעטירטע פרעסע־קאָנפערענץ, און אַז דאָס אַלץ איז פּראָפּאַגאַנדע...

ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, גיכער פון אַלץ, פאַר זיך אַליין, ווי געפרווט אויסקלאָרן כאָטש איינע פון די פיל פראַגן, וואָס האָבן זיך געדרייט אין קאָפּ און געשאַפן אַ מעשונעדיקן פּלאָנטער, אָדער אייַנשטילן אַ ביסל די גרימעניש, וואָס האָבן אים אַ נעם געטאָן, ווי נאָר

דער שמועס ארום טיש האָט זיך אָנגעהויבן, און לאָזט אים ניט אָפּ ביז איצט. אַלץ האָט זיך באַ אים איבערגעפּלאָנטערט, און ער האָט ניט געקאָנט געפינען עפּעס אַ ברעג, באַ וואָס אָנכאַפּן זיך. לויט די רייד איז אויסגעקומען... יאָ, זיי האָבן גערעדט אַזוי, אַז מע האָט געקאָנט מיינען, אַז סײַ שטעפאַן מאַלדאוואַן, סײַ קיריל פּעטראָוויטש, סײַ ניקיטאַ זײַנען ייִדן. און שוליע, בליומע, דער באַרימטער ייִדע ציפּעלעס, דאַוויד, זיי זײַנען גאָר... נו, יאָ, ייִדן און ניט ייִדן. און עפּשער... טאַקע אינגאַנצן אַנדערע ייִדן, גאָר אַנדערע. גיי דערציילן עס זײַניקע.

ציפּעלע האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס מיט טאַליקן קומט פאָר, האָט זי אים אַ ציִ געטאָן פאַר דער האַנט און זיך אָנגערופן:

— נו, מיילע...

טאַליק האָט נישט פאַרשטאַנען ניט דעם צי באַ דער האַנט און ניט דעם „מיילע", ווײַל אויב זי מיינט דערמיט, אַז ס'איז איצט ניט די צײַט צו רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן, האָט אים דאָפּקע זייער געוואָלט זיך אויסרעדן. גוט, וואָס סוועטע האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס ביסטו אַזוי איבערראַשט? באַ אונדז, אַז מע קומט זיך צונויף, אָ!

— אײַך איז גוט... — ס'איז אויסגעקומען, ווי טאַליק וואָלט זיי געזאָגט אַ ביסעלע מוסער. — איר לעבט אין גאָר אַן אַנדער וועלט.

גאַליע מיט איר שאַרף צינגעלע:

— און דיך פאַרפּלאָגט אומעטום דײַן מאַטעמאַטיק?

— ניט אין דער מאַטעמאַטיק גייט עס.

— אין וואָס זשע דען?

טאַליק האָט קימאַט אויסגעשריגן:

— אַז איר ווייסט גאָרנישט ניט, גאָרנישט ניט! דאָס זײַנען דאָך צוויי פאַרשיידענע וועלטן!

פאַרוואָס האָט ציפּעלע ניט געוואָלט, ער זאָל איצט רעדן וועגן די דאָזיקע וועלטן? זי האָט דאָך אַזוי געוואַרט אָף דעם, געוואַרט מיט אומגעדולד, מיט שרעק און מיט אַ ביסעלע האָפענונג! עפּשער האָט זי דאָס געהאַלטן פאַר אַ סאָד, וואָס האָט אַ שײַכעס בלויז צו זיי ביידע און ניט געוואָלט, אַז נאָך עמעצער זאָל וויסן דערפון? פאַרשטאַנען, אַז מיטן ציִען פאַרן אַרבל וועט זי זיך גאָרנישט ניט דערשלאָגן, האָט זי געמוזט צוטראַכטן מערער וואָגיקס:

— און דאָס הייסט כאַוועריטעס, פרײַנט? אָפּגעזעסן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און כאָטש איין לידל, איין טאַנץ.

— וואָס רעדסטו, ציפּעלע? — האָט גאַליע זיך פאַרענטפערט. — ס'איז געווען אַזוי אינטערעסאַנט!

— נו, יאָ, אַוודע, באַזונדערס, ווען דו האָסט זיך פאַרפּלאָנטערט אין סכום פון נאַציאָנאַלע פאַרורטיילן. ווער האָט דיך געשלעפּט פאַר דער צונג? מיר אַליין האָט געפּלאַמט דאָס פּאָנעם.

— נו איז וואָס? — האָט סוועטע געגומען פאַרטיידיקן גאַליען. — דערוף איז אַ דיסקוסיע, יעדערער זאָל אַרויסזאָגן זײַן מיינונג.

— נו, גוט, לאָמיר כאָטש איצט אַ זונג טאָן אונדזער ליד.

און טאַקע גלײַך אַ פּרווו געטאָן די שטים. טאַקע גאַנץ הויך.

— ביסט שיקער, צי וואָס? — האָט סוועטע זי געוואָרנט. — אינמיטן דער נאַכט? אָט גייט אַ מיליציאָנער!

ניין, ציפּעלע איז ניט געווען שיקער. זי ווייסט אַפילו ניט, ווי דאָס זעט אויס. כאָטש, די לעצטע צײַט איז זי טאַקע אַ ביסל שיקערלעך. נאָר הײַנט איז זי גראָד געווען ניכטער. און ווען זיי זײַנען געבליבן אינצווייען מיט טאַליקן, איז זי שוין געווען אַפילו צו ניכטער. טאַליק האָט איצט שוין געקאָנט רעדן וואָס ער וויל. נאָר גראָד איצט האָט ער געשוויגן. זיי זײַנען געווען קימאַט די איינציקע איבער די אײַנגעשלאָפענע גאַסן. די שײַן איז שוין געווען אומעטום אויסגעלאָשן, און אַפילו די לאַנגע שאָטנס, וואָס האָבן זיך אויסגעצויגן איבער דער ברייטער גאַס, זײַנען אויך געלעגן אומבאַוועגלעך, ווי אײַנגעשלאָפן. זײַנען זיי געגאַנגען, געהאַלטן זיך באַ די הענט ביז גאָר קינדעריש און געשוויגן. מעגלעך, אַז ביידע האָבן געפילט, אַז הײַנטיקע נאַכט איז די איינציקע אין זייער לעבן. און מע טאָר זי ניט צעשטערן, מע טאָר זי ניט אָנשרעקן, אָט די שאָ, מיט צופעליקע ווערטער. און עפּשער... איז דאָס געווען איבערן ניט קלאָרן פאַרגעפיל... איבער דער געפאַר, וואָס האָט געלויערט איבער זיי און געקאָנט יעדע מינוט ברעגנען עפּעס זייער אומדערוואַרטס, זייער שרעקלעכס. מעגלעך, אַפילו צעשיידונג... זײַנען זיי געגאַנגען, קינדעריש זיך געהאַלטן באַ די הענט, געשאָקלט מיט זיי, ווי אין אַ שפּיל, דערנאָך, ווי אין זיי וואָלט עפּעס אַ ציטער געטאָן,

באפרײַט די הענט און צוגעטוליעט זיך אײנער צום אנדערן, אקסל צו אקסל, ווי געוואָלט דערמיט דעקן די אײגענע אומבאשיצטקײַט סײַ קעגן די געפילן, קעגן וועלכע זײ זײַנען געווען אָנמעכטיק, סײַ קעגן די געפאַרן, קעגן דעם אומבאשטימטן מאָרגן, וואָס וויל זיך אויך מיט גאָרנישט ניט רעכענען... רעדן וועגן דעם האָט מען ניט געטאָרט. וועגן וואָס זשע דען האָבן זײ געזאָלט רעדן? האָט ווידער טאַליק אָנגעהויבן:

— פאַרשטײסט, ציפּעלע...

ער האָט מוירע געהאַט, אַז ציפּעלע וועט אים ווידער אַ צי טאָן פאַרן אַרבל, איז ער איר פאַרלאָפן דעם וועג:

— הער מיך אויס. ווער ווײסט, צי וועלן מיר נאָך האָבן אַזאַ נאַכט. צי וועלן מיר ביכ־לאַל... דו שטעלסט זיך ניט פאָר, ווי דאָס אַלץ איז ערנסט.

— רעד, טאַליק, רעד.

— פאַרשטײסט, די גאַנצע צײַט האָב איך געמײנט, אַז די וועלט באַשטײט פון צוויי פאַרשײדענע טײלן: די וועלט פון דער שול, קאָמיוג און פּיאָנערן — אַ מין שפּיל אין שוועס, ראַפּאָרטן און פאַרזאַמלונגען — און די וועלט פון דערוואַקסענע, די וועלט פון אונדזערע עלטערן, וואָס איז גאָר אַן אַנדער וועלט, לעבט מיט אירע, גאָר אַנדערע געזעצן, אַנדערע זיטן, וואָס האָבן ניט קײן שום שײַכעס מיט דער שול, מיטן קאָמיוג און מיט דעם, וואָס מע רעדט אויף פאַרשײדענע פאַרזאַמלונגען. איז אַלץ געווען פאַר מיר אַ דערעסענער לימוד, וואָס מע מוז דאַרך אויסכאַזערן אויף אויסווייניק. די אַרויסטרעטונגען, די לידער... ווײַל אַלץ, האָט זיך מיר געדוכט, איז געמאַכט. די עמעסע וועלט איז גאָר אַן אַנדערע. זאָל זײַן עפּשער אַן ערגערע. טאַקע זײער אַ מיִעסע, נאָר דאָך די עמעסע. די וועלט פון דערוואַקסענע, אין וועלכער מיר מוזן אַרײַנקומען און מוזן אין איר לעבן. דו... זײַ מיר מויכל, ציפּעלע...

— פאַרוואָס?

— דערפאַר, וואָס איך בין דאָן אויף דיר אָנגעפאַלן. איך האָב געמײנט, אַז דאָס איז אויך צוגעטראַכט. נו, ניט צוגעטראַכט, נאָר צוגעפּאַסט. אויף אונטערהאַלטן די שפּיל.

— האָסט איצט כאַראַטע?

— ניט אין כאַראַטע גײט עס. איך האָב זיך הײַנט דערוווּסט, אַז זי איז טאַקע דאָ, די ביז גאָר אַנדערע וועלט, די וועלט, וואָס ציט זיך טאַקע פון דער קינדהײַט און ווערט ניט איבערגעריסן. מע נעמט דאָס מיט מיט זיך אויפן גאַנצן לעבן — די שול, דעם קאָמיוג — און מע גיט דאָס דערנאָך איבער די קינדער.

— און דו האָסט זיך געקליבן דאָס אַלץ אַרויסוואַרפן?

— ניט אַלץ. מאַטעמאַטיק איז אַזאַ זאַך... מאַטעמאַטיק איז אומעטום אַ זאַך, דאָס איבער־ריקע איז געווען באַ מיר אַזוי זיך. טאַקע אויף אַרויסצוּוואַרפן. ווײַל דאַרטן דאַרף מען דאָס ניט האָבן.

ציפּעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ נעם געטאָן טאַליקן פאַר די אַקסלען און אַ דריי געטאָן אים צו זיך. זי האָט געמוזט זען זײַן פּאָנעם, געמוזט אַ קוק טאָן אים אין די אויגן.

— אַזוי האָסטו געדענקט די גאַנצע צײַט?

— ביז הײַנט. איך ווייס נאָך דערווײַל גאָרנישט ניט. איך ווייס נאָך ניט, מיט וואָס קאָן איך מאַסקים זײַן און מיט וואָס ניט. געוויס ניט מיט אַלץ, נאָר ניט אין דעם גײט עס. דאָס וויכטיקסטע איז דאָס, וואָס זי איז דאָ, יענע וועלט, ניט קײן געמאַכטע, ניט קײן אויסגע־טראַכטע וועלט. מענטשן, פאַר וועמען קאָמוניזם איז ניט קײן וואָרט פאַר פאַרזאַמלונגען. אָט האָט אײַער קיריל פּעטראָוויטש אַ זאָג געטאָן: „פּסיכאָלאָגישע טראַנספּלאַנטאַציע”... באַ מיר איז איצט אַזאַ צושטאַנד, גלײַך מע האָט מיך מיטאַמאָל אינגאַנצן אויסגעליידיקט. באַ מיר איז דאָרטן אַ שרעקלעכע פּוסטקײַט, און איך ווייס ניט...

— מיט וואָס אָנפילן?

— נײן, ניט דאָס. איך ווייס ניט, צי ס'וועט זיך קאָנען האַלטן אין מיר. אָט אַזוי, מיטאַ־מאָל. עפּעס צופיל, ווי דײַן זיידע האָט געזאָגט. יאָ, פאַרוואָס האָסטו גאָרנישט ניט געשריבן וועגן דײַן צווייטן זיידן?

— וועגן וואָס שרײַבן? אַ געוויינלעכע בּיאָגראַפיע פון אַ געוויינלעכן אַרבעטער.

— נו, יאָ, אַ געוויינלעכער אַרבעטער! מיר איז שווער דאָס אַלץ באַנעמען, באַ אונדז אין שטוב רעדט מען די גאַנצע צײַט פּונקט פאַרקערט... וועגן קיִעם און נאָך אַזעלכע זאַכן. נאָר דאָס האָט דאָך דײַן פאָטער זיידע געבראַכט דעם בײַשפּיל וועגן אַרויסנעמען דאָס אײגענע האַרץ און אַרײַנשטעלן אַ פרעמדס. ער איז גערעכט, דײַן זיידע. וואָס זשע זאָל איך טאָן?

— וואָס דאַרפסטו דען טאָן?

— נו, ווי פאַרשטייסטו ניט? מיר איז אַלץ דערעסן. מיר איז דערעסן די פאַרשטעלטקייט, די צווייפּנעמדיקייט.

— צוליב וואָס דערציילסטו דאָס מיר?

— איך ווייס אַליין ניט. איך האָב געמיינט, אַז אַלע לעבן אַזוי, אַז אַנדערש קאָן ניט זײַן, און דערפאַר מוז מען... נאָר הײַנטיקער אָוונט... דו... זײַ מיר מוֹיכל. בײַ מיר איז אַזאַ צושטאַנד, גלײַך איך האָב מיטאַמאָל אויסגעבראָכן אַלץ, מיט וואָס מע האָט מיך געשטאָפּט אַלע יאָרן, און ס׳איז מיר עפּעס זייער ניט גוט. און איך ווייס ניט, וואָס וועט זײַן מיט מיר. איך וואָלט איצט אַנטלאָפן אין עק וועלט. נאָר וווּהין לויפן?

גייען זיי שוין ווידער ווי פריִער. און מע האַלט זיך קינדעריש בײַ די הענט.

— נאַרעלע, — זאָגט ציפּעלע, — מע דאַרף אין ערגעץ ניט לויפן. מע דאַרף פּשוט בלײַבן דאָ.

— ווּ?

— אין אונדזער אייגענער וועלט. אויב דו ביסט זיכער, אַז זי קאָן ווערן דײַנע.

— און דו ביסט זיכער?

— איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן דעם. ניין, ניט אַזוי. נו, יאָ, טאַקע. קיינמאָל ניט געטראַכט, ווײַל איך האָב קיינמאָל ניט געצווייפלט אין דעם, קיין אַנדער וועלט שטעל איך זיך אַפילו ניט פאָר. ס׳הייסט, איך שטעל זי זיך יאָ פאָר, נאָר זיך אין איר קאָן איך זיך ניט פאָרשטעלן.

— איך בין דיר מקנא.

— און ווער לאָזט דיך ניט?

— ווער, ווער... פּסיכאָלאָגישע טראַנספּלאַנטאַציע... ווען מע קאָן געפינען דערצו אַ מאַטעמאַטישע פאָרמולע!

מעגלעך, זיי וואָלטן קיינמאָל ניט געזאָגט איינער דעם אַנדערן דאָס, וואָס זיי האָבן זיך געקליבן איצט זאָגן, באַזונדערס ציפּעלע. נאָר דער הימל האָט אָנגעהויבן גרוי ווערן און די שטערן האָבן אויך ביסלעכווײַז ניט געסטײַעט. די קורצע זומערדיקע נאַכט האָט שטילערהייט זיך אָפּגערוקט אין אַ זײַט, נאָר דער שווערער פאָרגעפיל האָט ניט געוואָלט אַוועק. און די ניט קלאָרע געפאַרן האָבן אָנגעהויבן אויסמאָלן זיך פיל קלאָרער. האָט ציפּעלע זיך אָנגערופן:

— טאָליק, דו קענסט מיר ענטפערן אויף איין פראַגע? נאָר אַזוי, ניט פאַרשטעלט.

— ביטע. איך בין גרייט.

— זאָג, טאַליק, האָסט מיך ליב?

איי ציפּעלע, זי האָט טאַקע געיאַרשנט פון דער באָבע מאַלקע עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן דערשיטערן, קאָן אַפילו בפלעטן. בא טאַליקן האָט עס ווי אָפּגענומען דאָס לאַשן. ציפּעלע האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין שווייגן, זי האָט אים געמוזט אונטעריאָגן.

— וואָס טראַכסטו אַזוי לאַנג? ווילסט דערצו אָפּזוכן אַ מאַטעמאַטישע פאָרמולע?

טאַליק האָט דערוויל געקאָנט אַרויסבריינגען נאָר איין וואָרט:

— ציפּעלע...

— וואָס ציפּעלע?

— ווי פאַרשטייסטו ניט? ווען ניט דאָס, וואָלט איך דיר וועגן אַלץ אויסדערציילט? טאַקע דערפּאַר, ווייל זייער! און איך קאָן זיך ניט פאַרשטעלן... אָן דיר!

— פאַרוואָס אָן מיר?

— וועסט פאָרן מיט מיר?

— פאַרוואָס דאַרף איך עפּעס פאָרן? פאַרקערט!

— וואָס הייסט פאַרקערט?

— דו וועסט בלייבן דאָ!

— וויאַזוי?

— וועסט זיך אויסבאַהאַלטן.

— וווּ?

— אַפילו בא אונדז. מיין זיידע, ער איז אַן אַלטער קאָנספּיראַטאָר!

— רעדסט נאַרישקייטן.

— איז פאָר גלייך אַוועק.

— וווּהין?

— ווּהין דו ווילסט. אַזוי, אַז זאָלסט אַליין ניט וויסן דעם אַדרעס. ניין, ניין, אַזוי טויג ניט, אַזוי וועל איך ניט אויסהאַלטן. דעם אַדרעס זאָלן וויסן נאָר צוויי מענטשן. איך און דו.

— איך ווייס ניט... איך ווייס ניט, צי וועל איך קאָנען.

— האָסטו מיך פּאַשעט ניט ליב!

— ניין, ניין, ציפּעלע, וואָס רעדסטו!

— ביסטו אַ פּאַכדן.

— ניין, ניין, ציפּעלע!

— ביסטו פּאַשעט אַ לעמעשקע.

— ניין, ניין!

— וואָס זשע דען ביסטו!

— איך ווייס אַליין ניט. נאָר איך וועל אַ טראַכט טאָן. גוט, גוט, איך וועל אַ טראַכט טאָן.

די שיין איז געווען אויסגעלאָשן אומעטום. סיי פון אינווייניק, סיי פון דרויסן. בלויז ערגעץ־ווו האָט אַ לאַמטערנדל זיך געשפּילט מיט זיין אייגענעם שאָטן. דער מיזרעכדיקער הימל־ראַנד, וואָס פון יענער זייט טייך, איז געוואָרן וואָס אַמאָל בלייכער, פון די בערג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דאָס אופגעוואַכטע ווינטעלע און אַ ווייע געטאָן איבער דער שטאָט מיט באַגינענדיקער פרישקייט.

נאָר ווער פון זיי ביידע האָט דאָס איצט געקאָנט באַמערקן?!

13

דאַווידן האָט זיך געדוכט, אַז קיין שום איבעריי̆ס איז ניט געווען. אַלץ אַפּן זאַוואָד איז אַזוי, ווי ער וואָלט אים ערשט נעכטן פאַרלאָזט. איינדערעמעסן אָבער האָט זיך דאָ אַלץ געענדערט אַף ניט צו דערקענען. עמעס, דער נייער גרויסער קאָרפּוס, וואָס נעמט אַריין אין זיך דריי צעכן און ווו מע האָט איצט געמאַכט אָן אָרט אויך פאַרן זאַמל־צעך, איז שוין דאַן געווען, נאָר ער איז נאָך ניט געווען אויסגעשטאַט מיט די הונדערטער וועדקשטעלן, אויטאָמאַטן און האַלב־אויטאָמאַטן, וואָס פאַרפולן דעם גאַנצן אַרום מיט אַ דורכויסיקער ציטערניש און מיט אַזא שטילן געזאַנג.

וואָס זשע איז דאָ געווען און וואָס איז ניט געווען? ניט געווען איז דער דריי־גאָרנדיקער מויער פון דער זאַוואָד־פאַרוואַלטונג, וואָס האָט אַריינגענומען אין זיך אַלע אָפּטיילן, קוקט

ארויס אַף דער גאַס אַ ביסל גאַדלעסדיק און פאַרשטעלט מיט זײַנע הויכע ווענט אַלץ, וואָס אונטער אים: די צעכן און סקלאַדן, דעם גאַנצן זאַוואָדישן הויף מיט זײַנע אַספאַלטירטע וועגן און סטעזשקעלעך, מיט זײַנע הויכע טאָפּאָלן און נידעריקע קלומבעס און אויך זײַן אייגענעם פאַרגייער, דאָס קליינע מויערל מיטן ווײַסן, שפּיציקן דאַך, וואָס האָט אָפּגעלעבט אַ ראַשיק און אומרוּיִק לעבן אַריבער צוואַנציק יאָר. דאַווידן דוכט זיך, אַז נאָך איצט דאַרפן די צימערלעך פון אָט דעם מויערל האַלטן אין זיך די אָפּהילכן פון יענע נעכט, ווען דאָס מויערל איז אַפּאַנעמעסן געוואָרן דאָס אומרוּיִקע האַרץ פונעם אופקומענדיקן און וואַקסנדיקן זאַוואָד.

האָט ער געמוזט צוקומען צום מויערל, ווי ער קומט אָפּט צו צום שטיבל אַפּן ייִדישן געסל. צוגעקומען, אַ קוק געטאָן אַף דעם פון דרויסן, ווי עס באַגעגענען זיך אַמאָל צוויי אַלטע באַקאַנטע, נאָר אַרײַנקומען אינווייניק ניט געוואָלט, ניט געקאָנט. פונקט ווי ער קומט קיינמאָל ניט אַרײַן אין זייער אַמאָליקער דירע.

אַלץ, ווי געווען, און אַלץ קימאַט ניט צו דערקענען. דער שמועס מיטן דירעקטאָר איז אויך געווען אַן אומגעוויינלעכער.

— פאַרוואָס עפּעס פאַר אַ קלאַדאָווּשטשיק? — האָט קיריל פּעטראָוויטש זיך געבייזערט. — דאָס טוסטו מיר אַף צולאָכעס? וואָס וועט דער אוילעם זאָגן?

— וואָס דאַרפן זיי דען זאָגן?

— געווען סעקרעטאַר פון פּאַרטקאָם און איצט קלאַדאָווּשטשיק? פאַר וועלכע זינד?

— וואָס זשע, אַ סעקרעטאַר איז דען אַן אייביקע שטעלע? דו וועסט אויך ניט אייביק זײַן דירעקטאָר.

— עפּשער קאָן מען אָן שטעכווערטלעך?

— נו, ווי פאַרשטייסטו ניט? נעם איך איבער די אינסטרומענטאַלקע, באַפרײַ איך אַ גוטן שלאָסער, כאָטש שוין אויך אין די יאָרן.

— האָסט שוין דאָס אויך אויסגעפאַרשט? און אַלץ באַשטימט?

— וואָס זשע, עפּעס בין איך אַ נעכטיקער?

— דײַן זאַך. איך ווייס דאָך, דיך וועל איך ניט איבערשפּאַרן. נאָר געדענק.

די געוויינלעכע אינסטרומענטאַלקע אַליין איז געוואָרן פאַר פיל ביז גאָר אומגעוויינלעך. יעדן גאַנצפרי, ווי נאָר דאַוויד האָט געעפנט דאָס פענצטערל, האָט גלײַך זיך אויסגעשטעלט אַ ריי. איינער דאַרף דרינגענדיק אַ שליסל, אַ צווייטער עפּעס אַ שרײַפל, אַ דריטער מוז בײַטן אַ דעטאַל, וואָס ער האָט באַקומען נעכטן, און אַ פערטער... ערשט דערנאָך האָט דאַוויד פאַרשטאַנען, אַז די זאַך איז ניט אין די שליסלען און אין די שרײַפלעך. יעדערער וויל פּאַשעט אַ קוק טאָן אַף אים, ווי זעט ער איצט אויס, דאַוויד מיכײַלאָוויטש, ווי פילט ער זיך ניט אינעם קאַבינעט מיטן לאַנגן טיש, נאָר באַם פענצטערל פון דער אינסטרומענטאַלקע אין אַ געוויינלעכער ספּעצאָווקע, מיט העגנט פול מיט זשאַווער־שטויב, אַזאַ געוויינלעכער, ווי זיי אַלע, אַ פּאַשעטער זאַקן, וואָס פאַרהוסט זיך גאַנץ אָפּט, ווערט דערבײַ רויט און בלייך און עס שטעלן זיך אים טרערן אין די אויגן.

נאָך אַלע ראַשיקע פאַרזאַמלונגען, אַף וועלכע מע האָט באַהאַנדלט דעם אופרוף פון דער דירעקציע און פּאַרטקאָם, פאַרזאַמלונגען, אַף וועלכע דאָס פײַער איז געווען אַ סאַך שטאַרקער, ווי מע האָט זיך געריכט, איז דאַווידס קומען אַפּן זאַוואָד אופגענומען געוואָרן ווי אַ זאַך, וואָס איז פאַרבונדן מיט יענע פאַרזאַמלונגען.

דער געפיל, אַז קיין שום איבערײַס איז ניט געווען, איז געוואַקסן באַ אים פון טאָג צו טאָג, באַזונדערס נאָך דעם, ווי מ'האָט אָנגעהויבן קומען שוין ניט נאָך קיין שליסלען און ניט נאָך קיין שרײַפעלעך, נאָר גלאַט אַזוי, מיט עפּעס אַ שמועס, מיט עפּעס אַ דערמאָנונג, פּאַשעט דערפאַר, וואָס פריִער האָט יעדערער זיך געפילט באַ אים אין קאַבינעט אַ ביסל אומהיימלעך און דאָס אַרײַנקומען אַליין איז אויך געווען ניט קיין וואָכעדיקע זאַך, און איצט איז ער אַזוי נאָענט, אַזוי צוטריטלעך און אַזוי פּאַשעט, דער געוועזענער סעקרעטאַר פון פּאַרטקאָם.

— איר געדענקט, ווען מײַן סטעפּע האָט מיך פאַרשלעפּט צו אײַך? אוי, האָט איר מיר דאַן אַרײַנגעזאָגט!

שמייכלען זיי ביידע. דער אַלטער שלאָסער לוקין פּאַוולאָוויטש און דאַוויד.

— איך געדענק, איך געדענק, — ענטפערט ער. — נו, און ס'האָט געהאָלפן?

לוקין פירט מיטן פינגער אַף רעכטס און אַף לינקס.

— ני, ני. קיין טראָפּנדל! סײַדן אין אַ יאָמטעוו.

דער מײַסטער פון אינסטרומענטאַלן צעך איליאַ ניקאָלײַעוויטש, אַ יונגערמאַן מיט די

ערשטע גראָוועהאָר אין די שלייפן, מוז וויסן, צי דאָווידגעדענקט, וויאַזוי ער האָט אים געשלעפּט אין דער אָוונט־שול פון איין קלאַס צום צווייטן און וויאַזוי יענער איז אַלעמאָל אַנטלאָפן.

מיר איז געוועןא ביזאַיען, איר פּאַרשטייט? איך, א טאַטע פון קינדער, צווישן יונגע כעוורעניקעס. און די לערערקע, אַליין נאָך גאָר א קינד. אַלע מאָל, ווען איך האָב געדאַרפט אַרויסגיין צום טאָוול, האָב איך זיך געפילט, גלײַך מע פירט מיך אויסשמײַסן.

— אָבער מיט אַזא קאָפּ! — טײַנעט צו אים דאָוויד, ווי אַמאָל.

— א דאַנק אײַך. איצט בין איך שוין אָפּן צווייטן קורס. קומט, וועל איך אײַך ווײַזן, וואָס איך האָב צוגעטראַכט.

און דאָס איז שוין געווען אינגאַנצן אומדערלאָזבאַר. אַלנפאַלס, אַזוי האָט דאָס אָפּגע־שאַצט דאָווידאַליין. עס קומט צו גיין א מענטש, וואָס ער קען אים אַפילע ניט. דאָוויד האָט אַפילע זיך געמוסערט דערפאַר. ווײַל ער איז געווען זיכער, אַז ער קען אַלע אַרבעטער ביז איינעם. ער האָט ניט געוווּסט, אַז יענער איז אָנגעקומען אָפּן זאַוואָד ערשט ניט לאַנג. קומט צו גיין אַזא מענטש, קוקט זיך דערבײַ אַרום, צי קיינער שטייט ניט, און רעדט אַרויס שטיל, ווי א גרויסן סאָד:

— כאַוווער סעקרעטאַר, איר מוזט מיר געבן אָן אייצע.

— איך בין איצט ניט סעקרעטאַר, — פאַרענטפערט זיך דאָוויד.

— איך ווייס, איך ווייס. נאָר מע האָט מיר דאָ דערציילט וועגן אײַך... איך האָב אַפילע געוואָלט גיין צו אײַך אַהיים.

וויקטאָר זאַכאַראָוויטש, דער יונגער סעקרעטאַר פון פּאַרטקאָם, האָט אַפילע אָנגעהויבן אייפערן א ביסל:

— מע גייט צו אײַך מערער, ווי צו מיר!

— יונגערמאַן, — האָט דאָוויד געשפּאַסט, — אַז איר וועט זײַן אין מײַנע יאָרן... מיר האָבן וואָס צו דערמאָנען!

מערער פון אַלץ האָט אַלעמען געוווּנדערט דאָס, וואָס דער דירעקטאָר אַליין איז אויך געוואָרן אָן אָפּטער גאַסט אין דער אינסטרומענטאַלקע, גלײַך אים אַליין פעלט אויך עפּעס א שליסל צי א שרײַפּל.

— איך וויל זיך א ביסל אָפּרוען בא דיר, — שמייכלט ער צו דאָווידן און זעצט זיך צו אָפּן בענקל, דעם נײַעם שטיקל אינווענטאַר, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער אינסטרומענ־טאַלקע. טאַקע פאַר די באַזוכער. — א ביסל אויסבאַהאַלטן זיך פון די טעלעפאָנען.

ער זיצט א ווײַלע שווײַגנדיק, טאַקע גלײַך ער איז געקומען א ביסל אָפּרוען זיך, דערנאָך הייבט ער אָן א ביסל אַרויסרעדן דאָס האַרץ:

— ווייסט, פאַר וועמען איך האָב איצט מוירע מערער, ווי פאַרן מיניסטער? פאַר דער דירעקטאָרשע פון דער הענטשקעס־פאַבריק. איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז ראַיסאַ גריגאָ־ריעוונא איז אַזא פאַרביסענע.

פאַרשטענדלעך, אַז ניט נאָר אָפּרוען זיך א ביסל און ניט נאָר באַרעדן די דירעקטאָרשע פון דער הענטשקעס־פאַבריק קומט אַרײַן אין דער אינסטרומענטאַלקע קיריל פּעטראָוויטש. ער האָט אַלעמאָל וועגן וואָס זיך דורכשמועסן, וועגן וואָס דערמאָנען זיך און וואָס באַטראַכטן. ריכטיקער, טראַכטן פאַר זיך אַליין אין דער הייך וועגן די זאַוואָדישע איניאַנים אַזוי, אַז דאָוויד זאָל זיי הערן. און זאָל זאָגן דערבײַ עפּעס אַזוינס... וועלן זיי זיך שוין דורכשמועסן, אַפילע א קריג טאָן זיך, און דערנאָך וועט קיריל פּעטראָוויטש א זיפץ טאָן אין זיך און א זאָג טאָן:

— יאָ, פאַרקאָכט א קאַשע...

פון דעם, ווי קיריל פּעטראָוויטש רעדט דאָס אַרויס, איז צו זען, אַז די קאַשע איז אים דאַפקע געפעלן, אַז ער פילט זיך גאָר בעסער, אַפילע ווי ייִנגער אין אָט דער יאָגעניש, אין אָט דעם טומל און ראַש, אין אָט דעם אַליאַרעם, וואָס ברענגט אַלע טאָג אין די צעכן פאַר־שטייער פון שטאָטקאָם און געגנטקאָם.

בא אַלעמען באַקומט זיך, אַז אין אַלץ איז שולדיק ער, קיריל פּעטראָוויטש. ראַיסאַ גריגאָריעוונא איז שטענדיק פול מיט טײַנעס צו אים, און ער מוז זיך אויסבאַהאַלטן פון איר בא דאָווידן אין דער אינסטרומענטאַלקע.

און אינמיטנדערינען — וואַסער.

— וואַסער, וואַסער, וואַסער!

מאַמעש ווי אַף א סרייפע.

— וואַסער, וואַסער!

אלע הונדערטער ווערקשטעלן מוזן האָבן וואַסער. דער שטאָלגוס־צעך מוז אוואדע האָבן וואַסער, די מאַליאַרקע דאַרף אויך וואַסער, און אַפילו די לאַבאָראַטאָריע קאָן זיך אויך אָן וואַסער ניט באַגיין.

נאָר דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער איניען. כאָטש ער האָט א שײַכעס צום זאַוואָד, צו יעדער שרײַפעלע, נאָר פונעם זאַוואָד איז דאָס ניט אָפּהענגיק, ווײַל ער איז ניט איינער אזא מעיוכעס. וואַסער דאַרף האָבן אויך די הענטשקעס־פאַבריק, וואָס בויט זיך נאָך אַלץ, וואַסער דאַרפן האָבן אַלע בויער און אַלע אופקומענדיקע פּילגאָרנדיקע מויערן, וואָס אַרום דעם זאַוואָד און אַרום דער פאַבריק, אַלע נײַע גאַסן, דער גאַנצער נײַער מיקראָ־ראַיאָן.

— וואַסער, וואַסער!

וואָס זשע האָט ראַיסא גריגאָריעוונא טײַנעס בלויז צו אים, צו קיריל פּעטראָוויטשן? ער אַליין האָט אויך טײַנעס. ווײַל אָן וואַסער זײַנען אומפאַרמײַדלעך איבערשלאָגן און ס׳איז אומפאַרמײַדלעך בראַק. נאָר גיי האָב טײַנעס...

קומט אויס, אַז קיריל פּעטראָוויטש האָט טײַנעס צו דאָווידן.

— פאַרשטייסט, — קומט שוין טאַקע אויס, אַז דאָוויד פאַרענטפערט זיך. — יעדערער דאַרף זיך פילן אַזוי, גלײַך אַף אים האַלט זיך דער גאַנצער פּינפּיאַר.

— נו, און אויב עמעצער מיינט, אַז עפּעס א פּעטער וועט פאַר אים אַלץ אָפּטאָן?

— צום באַדויערן, פאַראַן אויך אַזעלכע.

דעם זאַמל־צעך האָט דאָוויד געגומען אַף זיך. ווען וויקטאָר זאַכאַראָוויטש האָט געפרעגט בא אים, וואָס פאַר א פאַרטייישן אופטראַג וואָלט ער געגומען אַף זיך, ווײַל יעדער קאָמוניסט מוז דאָך האָבן א באַזונדערן אופטראַג, האָט דאָוויד אַפילו ניט פאַרטראַכט זיך.

— איך נעם דעם זאַמל־צעך.

גראַד שוליען איז ניט אַנגעשטאַנען, וואָס זײַן געהויבענער מעכוטן איז פּלוצלינג געוואָרן א פּאַשעטער קלאַדאָווושטשיק. כאָטש ער שוין בעסער געבליבן אזא, ווי געווען, א געוועזענער סעקרעטאַר. און אויב אים האָט זיך אַזוי געוואָלט, ווי אַלע זאָגן, אונטערשטעלן א פלייצע, האָט ער געקאָנט נעמען אַף זיך א פאַרטייישן אופטראַג און שוין. נאָר אָפּשטיין עטלעכע שאָ אין דער אינסטרומענטאַלקע און האָבן צו טאָן מיט שליסלען און שרײַפעלעך? דאָס איז ניט פאַר אים. בליומען אַליין איז דאָס אויך ניט געפעלן געוואָרן. און אַלע גאַנצפרי, ווען זי האָט איבערגעגעבן מיט שוליען עפּעס א צובײַסעכץ פאַרן מעכוטן, האָט זי אים צוגעגעבן אויך א שטיקל הריזעניש:

— קאָנסט אים ניט זאָגן? ס׳איז דען פאַר זײַן געזונט?

אָט, טאַקע איבערן געזונט האָט שוליע זיך געקריגט מיט ניקיטען, ווײַל ניקיטא האָט געטײַנעט, אַז מע קאָן קיינמאָל ניט וויסן, וואָס פאַרן געזונט איז בעסער. און עס קאָן זייער שיין זײַן, אַז גראַד אין דעם ראַש, אין אָט דער הודעניש און יאָגעניש פילט ער זיך בעסער. ניקיטא האָט דאָס אַליין געהערט פון איינעם א דאָקטער.

— א מאָשל, — קרימט זיך שוליע, — פריטשאַם דאָ א דאָקטער? דאָ איז גאָר אַן אַנדער איניען.

איז שוין שוליע בייז אַף זיך אַליין. אים איז דערווידער, וואָס ער מוז אַלע גאַנצפרי צוטראַכטן עפּעס א מײַסע פאַר די קנישעקלעך, ווײַל אָן עפּעס א מײַסע, וואָס איז דאָס פאַר א צוטראָגן יעדן גאַנצפרי קנישעקלעך? אים איז אויך דערווידער דאָס אונטערכאַנפּענען ניקיטען און בעטן אים, אַז יענער זאָל אוועקטראָגן דאָס צובײַסעכץ, ווײַל ער האָט א דרינגענדיק שטיקל אַרבעט, כאָטש ניקיטא ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס איז צוגעטראַכט. האָבן זיי זיך געשפּאַרט א טאָג צוויי, ביז זיי האָבן זיך אויסגעגלײַכט. איין טאָג גיט דאָס איבער שוליע, א צווייטן טאָג ניקיטא.

— און וואָס זאָל איך אים זאָגן? — איז בא ניקיטען אַלע מאָל די זעלבע פראַגע.

— זאָג אים, דו ביסט געקומען נאָך עפּעס אָן אייצע.

— זע נאָר, זע נאָר, — שמייכלט שוין ניקיטא. — כ׳האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז דו ביסט אזא כאָכעם!

איז דאָוויד שוין געווויינט דערצו, אַז אַלע טאָג זאָל עמעצער אַנדערש קומען צו אים נאָך עפּעס אָן אייצע. נאָר אַז די מעכוטענעסטע זאָל פאַרשלעפּן אהער נאָך אָן אייצע שיפּרע די קישעפּמאַכערן?..

...ווען ס'איז געגאַנגען די דינגעניש פֿאַרן נאָמען און די שטילע, די גרעסטע שנור האָט בייסמײַסע אַ זאָג געטאָן, אַז דערווײַל פֿאַרט זי נאָך אין ערגעץ ניט, איז דאָס לייזערן אין איין אויער אַרײַן און אין דעם אַנדערן אַרויס. מאַלע וואָס זי האָט דאָרטן אַ בורטשע געטאָן. ערשטנס — אַ קימפּעטאָרן, זי ווייסט אַליין ניט, וואָס זי רעדט. צווייטנס, האָט זי באַ אים אַ קליינע דייגע. עס וועט קומען די צײַט, וועט מען זי אײַנפּאַקעווען, ווי מע פֿאַרפּאַקעוועט די קאַסטנס. זי וועט אַפֿילע ניט באַוויסן זיך אַרומקוקן. און מיטן נאָמען? כאַפּט דער רוען דעם נאָמען, פֿאַר געלט וועט ער קריגן עטלעכע נעמען און פֿון אַ שענערן ייִכעס, ווי שיפּרע די קישעפֿמאַכערן. נאָר אַף אַזוינס האָט לייזער זיך ניט געריכט. ווען מע האָט געדאַרפֿט אוועקטראָגן די פּאַספּאָרטן, האָט כאַנעלע אַזוי, קאַלטבלוטיק, גלײַך עס גייט אַ רייד וועגן עפּעס גאָר אַ קלייניקײַט, אַ זאָג געטאָן:

— מײַן פּאַספּאָרט גיב איך ניט.

— וואָס הייסט?

— איך האָב נאָך צײַט. איך וועל זיך נאָך מעיאַשעוו זײַן.

אַ שיינע מײַסע. ווער האָט עס צײַט און מיט וועמען דאַרף מען זיך עס מעיאַשעוו זײַן? שוין עטלעכע כאַדאָשים, אַז זיי שלאָפֿן ניט דורך די נעכט און קוקן אַרויס אַף דער דערלויבעניש, ווי אַף מאָשיִעכן, וועט זי זיך ערשט מעיאַשעוו זײַן.

פֿייסיע, דער מאַן אירער, וואָס איז שטענדיק אַ ביסל שיקערלעך, האָט טייקעף זיך אויסגעניכטערט. פֿאַרשטאַנען, אַז ער אַליין וועט גאָרנישט ניט אויפֿטאָן מיט זײַן אַקשנטע, איז ער גלײַך אוועק נאָך הילף. זאָל דער טאַטע אַליין זיך דורכשמועסן מיט איר. דערהערט, אַז די שנור, די כוצפּעניצע, האָט אַזוינס געזאָגט, זײַנען זיי אוועק אַהין אײַנדרײַען. אין לייזערן האָט אַלץ געקאָכט, און זײַנע ציטערנדיקע פֿויסטן זײַנען גרייט געווען אַף אַלץ. דאָבע האָט געגראַבלט מיט די נעגל דאָס פּאָנעם און געפּרוווט צוניפּשאָרן די צעשויבערטע האָר. סאַבינע, ווי שטענדיק אָן אויסגעפּוצטע, האָט ניט פֿאַרגעסן אַ שפּיגל טאָן זיך אין יעדער ערשטשטאָקיק פֿענצטער. אַרײַנגעריסן זיך אין שטוב, ווי אַ וויכער, צעפּראַלט די טירן, זײַנען זיי גרייט געווען טאַקע גלײַך אַ כאַפּ טאָן כאַנעלען מיטן קינד, פֿאַרפּאַקעווען זיי און אוועקטראָגן. נאָר אין שטוב לעבן דעם וויגעלע איז געזעסן די מעכוטענעסטע שיפּרע. זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז שיפּרע קאָן באַשטיין פֿאַר צען, און גלײַך אַ ביסל אָפּגעקילט געוואָרן. דעם „גוטמאָרגן" האָבן זיי אַלע דרײַ געלאָזט אין דרויסן, און ווײַל זיי האָבן ערשט געדאַרפֿט אַ טראַכט טאָן, ווי צוטרעטן צום איניען, האָט שיפּרע אָנגעהויבן די ערשטע:

— הערט זשע מיך אויס, מײַנע ליבע מעכוטאָנים, ווען מיר האָבן אַ שידעך געטאָן, איז ניט געווען קיין טנאַי, אַז איך גיב אוועק מײַן טאָכטער אַף אַרויסצופֿירן.

דאָבע האָט זיך געמאַכט, גלײַך זי האָט ניט געהערט, וואָס די מעכוטענעסטע האָט געזאָגט. איר פֿאַרקרימען האָט בלויז געדאַרפֿט ווײַזן, אַז די ווערטער פֿון דער קישעפֿמאַכערן זײַנען פֿאַר איר בלאָטע. אַ שטעל געטאָן זיך קעגן כאַנעלען און אײַנגעקלעמערט די הענט אין די קליבעס, האָט זי אויסגערופֿן:

— איך וויל הערן, וואָס מײַן שנור וועט זאָגן!

דאָס האָט געדאַרפֿט הייסן, אַז כאַנעלע איז ניט נאָר שיפּרעס טאָכטער, נאָר אויך איר, דאָבעס, שנור. און זי האָט איבער איר אויך אַ שטיקל דייגע. כאַנעלע האָט אַ זיפֿץ געטאָן און אָנגעבויגן דעם קאָפּ איבערן וויגעלע:

— איך האָב מײַנס שוין אָפּגעזאָגט.

סאַבינע האָט, אַפּאָנעם, לאַנג געוואַרט אַף אַזאַ מינוט, זי זאָל קאָנען ווײַזן, ווער פֿון זיי איז די גרעסטע שנור.

— דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? מיר האָבן אַלע זיך שוין אַראָפּגענומען פֿון דער אַרבעט!

— דו אויך אַפֿילע?

סאַבינע האָט, פּונקט ווי פֿריִער די שוויגער אירע, געמאַכט זיך, אַז זי האָט ניט באַמערקט כאַנעלעס שמייכעלע.

— מיר האָבן זיך שוין פֿאַרפּאַקעוועט!

— נו, איז פֿאַרט געזונטערהייט!

— לייזער, — האָט דאָבע אויסגעשריגן און זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר די צעשויבערטע האָר, — לייזער, דו הערסט, וואָס זי זאָגט? איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן! זי איז פֿון זינען אַראָפּ, די שנור אונדזערע.

לייזער האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן, ער האָט בלויז עטלעכע מאָל זיך צוגעזעצט אַפֿן בענקל, אָפּגעזעסן אַ מינוט, ראַשיק זיך אַ הייב געטאָן, דורכגעשפּאַנט איבערביידע צימערן, ווידער זיך צוגעזעצט און הויך געסאָפּעט. ער האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, ווי איז אַזוינס

מעגלעך? די שנור, וואָס האָט, דוכט זיך, געדאַרפט טייזנט מאָל אין טאָג בעטן גאָט פאַר אים, פאַר דעם כעסעד, פאַר דעם גוטס, וואָס ער האָט געטאָן אין איר, אָט די שטילע און ווילע שנור זאָל פּלוצעם אָנהייבן בריקעווען זיך אין אַזאַ מינוט, ווען אַלץ איז געשטעלט אין קאָן!

ער האָט אַרויסגעסיפּעט בייז און שטיל:

— מע האָט זיך צוגעווינט צום ביסל דאַלעס, און מע מיינט...

האָט שוין שיפרע, וואָס האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן, ניט געקאָנט אויסהאַלטן:

— איך וועל ניט פאַרבײַטן מײַן ביסל דאַלעס אַף אַלע אײַערע קאַסטנס.

אַלע טירן און פענצטער זײַנען געווען צעעפנט, נאָר דאָבען איז מיטאַמאָל געוואָרן דושנע אַף צו כאַלעשן. זי האָט געפאָכעט מיטביידע הענט אַף איר צונטער־רויט פּאָנעם און געקוקט אַף איר לייזערן דראָענדיק און פאַרדעכטיק. זי האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער, לייזער, שווײַגט.

יאָ, אַף אַזוינס האָט ער זיך ניט געריכט. און אויב אַלץ וועט ווײַטער גיין אַזוי, קאָן זיך אַלץ צעפאַלן באַם סאַמע ברעג. פאַרפירן אַ קריג איז אויך ניט קיין אײַסעק. האָט ער שטיל אַרויסגעברומט:

— לאַנג זיך מעיאַשעוו זײַן איז ניטאָ ווען, הײַנט אין אָונט...

דאָס איבעריקע האָט ער געלאָזט אין זיך, ווײַל ער האָט אַליין ניט געוווּסט, וואָס וועט זײַן הײַנט אין אָונט און וואָס וועט ער צוטראַכטן צו יענער צײַט.

ווהין זשע האָט שיפרע געזאָלט לויפן זיך אָן אייַצע האַלטן, אויב ניט צו בליומען? אויסגעהערט די געשיכטע פונעם אָנהייב ביזן סאָף, איז באַ בליומען אויסגעקומען, אַז סאַמע דאָס שרעקלעכסטע איז דאָס, וואָס לייזער האָט געזאָגט „הײַנט אין אָונט". ווען ער לייגט דאָס אָפּ אַף מאָרגן, וואָלט דער אָונט געווען זייערער, וואָלטן זיי אוועק צו דאָווידן, און ער וואָלט אָן אייַצע געגעבן. נאָר זאַוואָד האַלט מען איצט אין איין שטורמעווען און אַלע קומען אַהיים שפּעט אין אָונט. איז ניטאָ וואָס צו וואַרטן. אויסגעלאָשן דאָס אײַוועלע, אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך דעם פאַרטעך און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— נעם כאַנעלען מיטן קינד און קום.

— ווהין?

— מירן צופאָרן אַפן זאַוואָד, צו מײַן מעכוטן.

— צו דאָווידן?

— יאָ, יאָ, צו דאָווידן. ער איז אַ מעסוקענער פאַרטײַנע. ער איז דאָרט אַלע יאָרן געווען דער גלאַוונע. און אַפילע איצט...

ווען מע האָט דאָווידן איבערגעגעבן, אַז באַם אַרײַנגאַנג, אינעם צימער פונעם קאַדרען־אָפּטייל, וואַרט אַף אים זײַן מעכוטענעסטע, האָט ער געמיינט, ווער ווייסט וואָס ס׳האָט געטראָפן. עפּשער עפּעס מיט שײַנדלען, צי עפּשער גאָר עפּעס מיט ציפּעלען. דערזען באַנאַנד מיט דער מעכוטענעסטע שיפרען, ווועמען ער האָט שוין ניט געזען אַריבער אַ יאָר, און אָן אָן אומבאַקאַנט יונג ווײַבל מיט אַ קינד אַף די הענט, האָט ער זיך גאָר ווי פאַרלאָרן. דערנאָך, אויסגעהערט דאָס, וואָס די מעכוטענעסטע בליומע האָט דערציילט, איז אים שוין אַליין געווען שווער באַשטימען זײַן צושטאַנד. שיפרע אַליין האָט געשוויגן. זי האָט בלויז צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ, געבנדיק צו פאַרשטיין, אַז אַלץ, וואָס בליומע דערציילט, סײַ דאָס, וואָס איז געווען, סײַ וואָס בליומע פּוצט אַ ביסל צו, איז ריינער עמעס, און אַלץ איז פּונקט אַזוי, גלײַך בליומע אַליין וואָלט געווען דערבײַ.

— איז וואָס זשע ווילט איר פון מיר? — האָט דאָוויד געפרעגט.

— גיט אונדז אָן אײַצע, — האָבן אין איין קאָל אַרויסגערעדט בליומע מיט שיפרען. דאָס ווײַבל מיטן קינד אַף די הענט האָט געשוויגן.

דאָוויד האָט אויך געשוויגן. די אַלע טעג איז ער געווען אַזוי ווײַט פון דעם אַלעמען, אַז די דאָזיקע געשיכטע האָט זיך אַרײַנגעריסן אַהער, ווי יענער פאַרדומפּענער קלאַנג פון דער הילאַטינע, וואָס פּאַסעוועט די בויגנס שטאָל. ער האָט פּונקט, ווי זײַן מיכל, עפּעס ניט ליב די דאָזיקע מאַשין מיטן ניט גאָר פײַנעם נאָמען. און די יוגנט־בריגאַדע, איבער וועלכער ער האַלט שעפטום, געפינט זיך מיט יענער מאַשין אין סאַמע נאָענטער שכיינעס. גוט, וואָס ניט שטענדיק אַרבעט זי, די מאַשין. זי האָט איצט מיטאַמאָל אַ גרילץ געטאָן אין די אויערן מיט דער גאַנצער העסלעכקײַט פון איר ברומענדיקער שטים.

ער האָט געקוקט פון דער זײַט אַפן יונגן ווײַבל, וואָס איז געווען איצט זײַנע אַ ווײַטע קרויווע און אַף אַזאַ אומדערוואַרטן אויפן אים ווידער צונויפגעשטויסן מיט לייזערן. ביין דער דאָזיקער געדאַנק איז געקומען שפּעטער. פריִער האָט ער פּאַשעט באַקוקט איר ציגײַנע־

ריש־טונקל און לענגלעך פּאָנעם און די קליינינקע אויערינגלעך, וואָס האָבן ווי אונטערגע־שפּאַרט די לעפּלעך פון אירע ווײַסלעכע אויערן. ער האָט אפילו א שמייכל געטאָן. דער שמייכל איז געקומען דערפון, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט, ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען ער האָט געוווינט אפן ייִדישן געסל, פלעגט ער יעדן אָוונט, גייענדיק פון דער ארבעט אהיים, טרעפן עפּעס א שנעקל, וואָס איז אנשלאָפן געוואָרן בא דער וואנט. ער האָט שטענדיק געוווסט, וועמעס דאָס איז, ווײַל צו יענער מינוט האָט שיפּרע די קישעפּמאכערן באוויזן איבערציילן איר ביסל דריב, געכאַפּט זיך, אז איינס פעלט, און געשריגן איבער דער גאנצער גאַס:

— מאניעלע, ווּ ביסטו?

— כאנעלע, ווּ ביסטו?

טאַקע איבער אָט די געשרייען און זוכענישן האָט ער פארגעדענקט אלע נעמען פון שיפּרעס קינדער. ניט איין מאָל האָט ער אליין אופגעהויבן דאָס שנעקל פון דער ערד און א שלאָפנדיקס אָפּגעפירט אהיים. זײַנען זיי שוין אויסגעוואקסן, הייסט עס, אייניקע אפילו שוין כאַסענע געהאַט, און איינע פון זיי איז געוואָרן זײַנע א קרויווע.

— דאָס איז מאניעלע? — האָט ער גלאַט אזוי געפרעגט.

— ניין, דאָס איז כאנעלע, — האָט שיפּרע געענטפערט מיט שטאָלץ. — זי האָט געענדיקט א טעכניקום!

דאָס האָט געדאַרפט דערקלערן און פארענטפערן אלץ. און אויך דאָס, וואָס זיי זײַנען געקומען גראַד צו אים.

דאָוויד האָט דערנאָך אליין ניט געקאָנט פארשטיין, פארוואָס איז ער געוואָרן אזוי בייז און מיט וואָס זײַנען געווען שולדיק די, וואָס זײַנען געקומען צו אים נאָך אן אייצע. נאָר טאַקע איבער דער אייצע... ווײַל אזעלכע שווערע אייצעס האָט ער רעכט געהאַט געבן בלויז זיך אליין, אזוינס וואָלט ער געקאָנט אייצענען זײַן מאַלקען. און ווען, די שאָ זאָל ניט זײַן, וואָלט ער מיט דער זעלבער שטרענגקײַט און אומראכמאָנעסדיקײַט געקאָנט אזוינס זאָגן זײַן ציפּעלען. נאָר ווי זאָגט מען אזוינס א יונג ווײַבל מיט א קליין קינד אף די הענט? שיפּרעס א קינד, וואָס איז אויסגעוואקסן אפן מיסט און שטויב פונעם ייִדישן געסל?

כאנעלע האָט אלץ געוויגט דאָס קינד און אלעמאָל געכאַפּט א קוק אף דאָווידן. געקוקט אף אים מיט שרעק, מיט געבעט און מיט אזוינס, וואָס נאָר זי אליין האָט געוווסט. און גראַד דאָס, וואָס איז געווען פארבאָרגן פון דאָווידס אויג, פון דאָווידס פארשטאנד, האָט אים נאָך מערער געבייזערט. גראַד דאָס טיף פארבאָרגענע האָט אים ווידער געדאַרפט צונויפשטויסן מיט לייזערן.

— זאָג דעם עמעס, האָסט אים ליב, אָט דעם פּייסיען?

כאנעלע האָט אופגעהויבן אירע פארטרערטע אויגן אף דער מאַמען, און אין איר בליק, א קינדעריש־אומבאהאָלפענער, ווי בא א שילערן, וואָס בעט, מע זאָל איר אונטערזאָגן, איז געווען יענץ פארבאָרגנס, וואָס דאָווידן איז שווער געווען פארשטיין. כאנעלע האָט א קוק געטאָן אף דער מאַמען, שיפּרע האָט א קוק געטאָן אף בליומען, און אלע דרײַ אייניעם האָבן א קוק געטאָן אף דאָווידן. און אָט דער שוטפעסדיקער בליק האָט געדאַרפט הייסן: וואָס זשע, איר קענט ניט אָט דעם פּייסיען?

און דאָך, אפילו נאָך אָט דעם שטומען ענטפער צי אָט דער שטומער פראגע, האָט דאָוויד ניט געקאָנט ארויסטראָגן זײַן פּסאַק. האָט ער ווידער בלויז געפרעגט:

— און אויב א געט?

געענטפערט האָט שיפּרע, געענטפערט אזוי, גלײַך זי האָט נאַרוואָס ארײַנגעכאַפּט עפּעס א גרויס געווינס.

— נו, וואָס האָב איך געזאָגט? אז איך האָב אויסגעהאָדעוועט צען קינדער, קיין אײַנ־הארע, וועל איך ניט אויסהאָדעווען נאָך א פּאָר אייניקלעך?

14

—זאָלט איר וויסן זײַן אזוי. פון א קליין כאַזערל וואַקסט אויס א גרויסער כאַזערינע, פון א קליין כאַפּוגעלע א גרויסער גאַנעוו. און נאָך זאָלט איר וויסן: אז מע זאָגט מעשוגע, זאָל מען גלייבן...

בליומע שיסט דאָס ארויס אין איין אָטעם, און ערשט דערנאָך לייגט זי צו די האַנט צום הארצן. מאכט אזא מינע, גלײַך ס'האָט זי דאַרטן א שטאָך געטאָן. אָפּגעדעכעט און ארײַנגע־

צויגן צוריק דעם אָטעם מיט א שטיקל „אוי״, הייבט זי אָן באקוקן זיך אליין פון קאָפּ ביז די פיס. צי זעט זי ניט אויס א ביסעלע צו, ווי זאָגט מען דאָס... ווײַל ווי נעמט עס א ייִדענע און לויפט אוועק אָט אזוי־אָ, ניט קיין צוגעקעמטע, אינעם פארפלעקטן פארטעך, אין די אָפּ־געריבענע שטעקשיך?

— הערט מיך, מעכוטן, — דאָס פארענטפערט זי זיך פאר איר הוילעך. — איך האָב געפילט, אז אויב איך לויף גלײַך ניט אוועק צו אײַך און דערצייל דאָס ניט, וועל איך פּאַשעט צעזעצט ווערן. האָב איך ארויסגעשטעלט די וועטשערע אפן טיש, ווײַל זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן די יאָגעניש מיט די אוטאָמאַטן, ווייס איך קיינמאָל ניט, ווען זיי וועלן קומען אהיים. שוליע שטורמעוועט בא זיך, און באָריס שוין אָפּגערעדט. מיכלען זע איך דערווײַל אויך ניט. אָף שיינדלען פרעג איך שוין ניט.

ער איז טאקע געווען מיד. נאָר וויבאלד די מעכוטענעסטע איז געקומען, וועט אים שוין אומעטיק ניט זײַן. און בליומע, כאָטש דאָס, וואָס זי האָט געהאָט צו דערציילן, האָט מאַמעש ארויסגעשפּארט פון איר, האָט אָנגעהויבן גאָר פונדערווײַטנס:

— איך זעט? איך בין אזוי געלאָפן צו אײַך, אז איך בין צו ווײַט פארלאָפן. די מײַסע איז גאָר אן אנדערע. כאַצקעלע שאמעס קענט איר דאָך. א קוק טאָן אָף אים — טויג ער זיך אויס פארן א שאמעס, ווי מײַערל קאַבאַנטשיק פאר א מעשוגענעם. נאָר — זעט איר דאָך. ער מאכט ניט קיין שלעכטע געשעפטן. זיך אויסגעלערנט מאכן א קאָלעקטיוון קאַדעש און אַרײַנכאַפּן פאר איין טאָג עטלעכע פינפערלעך. נו, מיילע, אז נאַראָנים גיבן, פארוואָס זאָל ער ניט נעמען? זאָלט איר אָבער זען, ווי ער שפּאַנט איצט ארום איבערן געסל און טײַנעט זיך אויס מיט יעדערן אזוי, אז מע קאָן מיינען, אז די סאָוועטסקע וולאַסט האָט אים פּאַשעט אָפּגעקוילעט. דאָס ברויט איז בא אונדז קיין ברויט ניט, די הינער זײַנען קיין הינער ניט, די עפּל קיין עפּל ניט. נו, און וועגן מאראנצן... אויך מיר א מעלוכע, וואָס האָט ניט קיין אייגענע מאראנצן. אָט, דאָרטן!.. נו, אָף מיר מעגט איר זיך פארלאָזן. איך האָב אים הײַנט אזוי אָפּגעכרענזלט, אז ער וועט האָבן צו געדענקען. דו, אזוינער און אזוינער, זאָג איך אים, ווער האָט דיך ארויסגעשלעפּט פון דער געטאָ, ווער האָט דײַנע קינדער געשטעלט אָף די פיס, פאר אינזשעניערן געמאכט? ווילסט פאָרן אהין, פאָר דיר צו אלדי רוכעס, זאָג איך, נאָר גיי ניט ארום און טרײַב ניט קיין רעכילעס, פּאַטשקע ניט אונדזער ערד און אונדז אליין, שפּײַ ניט, זאָג איך אים, אין דער קרענעצע, ווײַל „שע פרעידע קאָזא דאָ וואָזא״, זאָג איך. און מיר וועלן נאָך הונדערט מאָל א טראכט טאָן, צי אַרײַנלאָזן דיך צוריק, צי ניין. מיינסט, זאָג איך אים, איך ווייס ניט, ווער ס'האָט דיך געדונגען זאָגן אָט דעם קאַדעש? דער זעלבער, וואָס האָט דיר אנטלײַען געלט אָף הויצאָעס און וועמענס שווערע קאסטנס דו וועסט ארויספירן אָף דײַן נאָמען. און סײַווי וועסטו דערנאָך דארפן אלע דײַנע יאָרן ארבעטן אָף אים אָף אויסצאָלן די כויוועס. ווייסט איר, וואָס ער האָט מיר געענטפערט? „דאָרטן, זאָגט ער, וועל איך ווערן א ליטשנאָסט!״ יאָ, זאָג איך אים, וועסט דאָרט ווערן אזא ליטשנאָסט, ווי זאַלמען שויכעט!..

דאָוויד איז טאקע געווען שטארק מיד. אזוי מיד, אז כאָטש נעם און לייג זיך גלײַך אוועק אין בעט ארײַן. נאָר ער טאָר ניט. ער טאָר ניט ווײַזן די מידקײַט, מע טאָר אים ניט טרעפן אין בעט.

— ווער האָט עס אים אָנגעדונגען און ווער גיט אים געלט אָף הויצאָעס?

— וואָס הייסט ווער? טאקע אײַער לײַזער! דאָס גאנצע געסל ווייסט וועגן דעם. נאָר ניט צוליב כאַצקעלען בין איך עס אזוי געלאָפן צו אײַך, איך מוז אײַך דערציילן וועגן זאַלמען שויכעט.

פארשטאַנען, אז די מײַסע וועגן זאַלמען שויכעט וועט זײַן אויך ניט קיין קורצע, האָט דאָוויד א פרעג געטאָן:

— עפשער וועט איר דערווײַל אויסטרינקען א גלאָז טיי?

— פארוואָס טאקע ניט? איך שטארב א טרונק. אז מע שטייט אָפּ א גאנצן טאָג לעבן אייוועלע...

נאָר לאָזן דאָווידן אליין צוטראָגן טיי איז ניט אין איר טעווע.

— זיצט, זיצט, כ'וועל אליין. און איך וועל שוין אײַנוועגס צושטעלן אָנוואַרעמען דעם מיטיק. זיי וועלן דאָך באלד אלע קומען. לאָמיך נאָר כאַפּן א קוק, וואָס טוט זיך בא אײַך אין כאָלאָדילניק. נו, יאָ, כ'האָב טאקע געוווּסט.

וואָס, אייגנטלעך, האָט זי געוווּסט, האָט זי ניט געזאָגט, ווײַל ארויסבאקומענדיק פונעם אײַזקאסטן אלץ, וואָס זי האָט געדארפט, האָט זי געהאַלטן אין קאָפּ די געשיכטע וועגן זאַלמען שויכעט, זי זאָל, כאָלילע, ניט פארגעסן עפּעס זייער וויכטיקס.

2*

— די שויכעטקע האָט איר דאָך געקענט? נו, פרומע די שויכעטקע. ווען איר איז אַרײַן אין קאָפּ דאָס אַרויספֿאָרן, האָט זי געוואָלט, אַז די גאַנצע גאַס זאָל פֿאָרן מיט איר אינאיינעם. באַגעגנט זי מיך איינמאָל און פֿרעגט בײַ מיר:

— איר האָט שוין אײַנגעגעבן?

— דערווײַל נאָך ניט, — ענטפֿער איך.

— גייט שוין גייט, — האָט זי זיך אַזש פֿאַרקרימט. — איר זײַנט אַלע אַזוי פֿאַרטומאַנעוועט, אַז מע קאָן מיט אײַך אַפֿילו ניט רעדן. מײַן זאַלמען, אַז ער וועט נאָר קומען אַהין... ער האָט דאָרטן נײַן ברידער! און דער פּרעזידענט אַליין הייסט אויך זאַלמען.

איך געדענק שוין ניט פּינקטלעך, ווען זיי זײַנען אַוועקגעפֿאָרן, מיט אַ יאָר צוריק, צי מיט אַנדערהאַלבן. און עפּשער איז נאָך אַפֿילו קיין יאָר ניטאָ. נעכטן איז אָנגעקומען פֿון פֿרומען אַ בריוו צו איר שכיינע. ס'איז טאַקע מײַנע אַ שכיינע אויך. אָט איז ער, דער בריוו, נעמט אומיסטן לייענט איבער.

אייגנטלעך, איז דאָס אַלץ פֿאַר דאַווידן ניט געווען קיין נײַס. ער האָט זיך אָנגעהערט גענוג פֿאַרשיידענע געשיכטעס וועגן אויסגעטראַכטע קרויווים און פֿאַלשע אַרויסרופֿן, ווי אויך וועגן עמעסדיקע קרויווים, וואָס ווײַזן זיך דערנאָך אַרויס פֿאַר פֿאַלשע, ווײַל ווער זיי זאָלן ניט זײַן, אַפֿילו אייגענע ברידער און שוועסטער, זײַנען דאָס אין טאָך פֿרעמדע מענטשן, מיט אַ ביז גאָר פֿאַרשיידענעם וועלט־באַנעם, פֿאַרשיידענע זיטן, מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעלעבט זייער לעבן אין גאָר פֿאַרשיידענע וועלטן!

ער האָט אים גוט געקענט, זאַלמען שויכעט, באַזונדערס אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מילכאָמע, ווען זײַן קוטשעראַווע בערדל איז נאָך געווען שוואַרץ און זײַנע גרויסע, אַ ביסל פֿאַרכאַלעמטע אויגן זײַנען אויך געווען פֿון דעם זעלבן קאָליר. ער איז געווען ניט קיין איבעריק פֿרומער און האָט אָפּטמאָל מיטן כאַלעף אין דער האַנט געקאָנט זאָגן אַ כאָכמע, וואָס האָט געקלונגען ביז גאָר אַפּיקאָרסיש. פֿרומע איז געווען אַף אַ קאָפּ העכער פֿון איר מאַן, צוויי מאָל גרעבער פֿון אים. און אין איר גאַנג, אין איר שמייכלענדיקן קוק און אין איר באַלעקן די ליפּן איז געווען עפּעס טײַוולדיקס, אַזוינס, וואָס פּאַסט אײַנגאַנצן ניט פֿאַר קיין שויכעטקע. דערצו נאָך פֿאַר אַזאַ, וואָס הייסט אַליין פֿרומע. דאַוויד האָט ניט געוווּסט, אַז ער איז אַוועקגעפֿאָרן. און אָט, זאַלמען, וואָס האָט אַזוי שטאָלצירט מיט דעם, וואָס ער הייסט אַזוי ווי דער פּרעזידענט, איז שוין ניטאָ. און די שויכעטקע... ער וואָלט קיינמאָל ניט געגלייבט, אַז אָט די פֿרומע מיט איר טײַוולדיק שמייכעלע זאָל קאָנען אָנשרײַבן אַזאַ בריוו. אַף גאַנצע צען זײַטלעך! ווי אַזוי זיי זײַנען געפֿלויגן אַהין, ווי אַזוי זיי זײַנען געזעסן אין עראָפּלאַן און געמאָלט זיך די סימכע, ווען אַלע נײַן ברידער מיט זייערע מישפּאָכעס וועלן אַרויס זיי באַגעגענען און ס'וועט זיך גלײַך אָנהייבן אַ שלעפּעניש מיט אַ שפּאַרעניש. איין ברודער שלעפּט אים צו זיך, דער צווייטער צו זיך, און דער דריטער זאָגט, אַז ער איז סאַמע דער עלטסטער און דערפֿאַר איז ער באַלמעצער, און ס'וועט זיך אָנהייבן אַ לעבן פֿון סאַמע אַרומגייִען צו געסט, פֿון סאַמע שאַבאָסים און סאַמע יאָמטויווים, איין וואָך בײַ איין ברודער, די צווייטע וואָך בײַ אַ צווייטן ברודער, די דריטע וואָך בײַ אַ דריטן ברודער, און נאָך די נײַן וואָכן וועט דער ערשטער ברודער זיך אַזוי פֿאַרבענקען, אַז ס'וועט זיך גלײַך אָנהייבן אַ צווייטע האַקאָפֿע. און ווידער דאָס זעלבע. און אַלץ איז יאָמטעוודיק, און אַלץ איז סאָסן־וועסימכעדיק, און אַלץ איז אַזוי, וואָס איז נאָך אין קיין שום האַגאָדע ניט פֿאַרשריבן געוואָרן. ווײַל — נײַן ברידער!

זיי ביידע, זאַלמען און פֿרומע, זײַנען ביז דאַן אַפֿילו נאָענט לעבן אַן עראָפּלאַן ניט געשטאַנען, דאָס פֿליִען איז זיי אָנגעקומען ניט גרינג, אַלעמאָל זײַנען זיי געוואָרן אָט רויט, אָט בלאַס, און ס'האָט אַלעמאָל געהאַלטן באַם ברעכן. האָבן זיי ניט אויפֿגעהערט טרייסטן איינער דעם אַנדערן, אַז ס'איז אַלץ קעדײַ, ווײַל, אַז מע גייט נאָר אַ טראַכט, וואָס ס'וועט זיך אָנהייבן דאָרטן, מעג מען שוין אַפֿילו אויסברעכן אַלץ.

— אָט וועסטו זען, פֿרומע, ווי נאָר מיר לאָזן זיך אַראָפּ אַף דער ערד...

אין אָט דעם וואָרט, אין אָט דער „ערד", האָט זאַלמען אַרײַנגעלייגט אַלץ, וואָס זײַן קויעך־האַדימיען האָט אים געקאָנט מאָלן. די אייגענע ערד, די הייליקע ערד, די ערד פֿון די אָוועס און די ערד, ווו עס וווינען זײַנע נײַן ברידער, וואָס וועלן באַלד קומען צו לויפֿן אין אַעראָפּאָרט, די נײַן ברידער מיט זייערע ווײַבער און קינדער, איידעמס און שנורן, אייניקלעך און אוראייניקלעך, און ס'וועט זיך באַלד אָנהייבן אַ שלעפּעניש און אַ שפּאַרעניש. איין ברודער שלעפּט אים צו זיך, דער צווייטער צו זיך. זאָלן זיי נאָר זיך אַראָפּלאָזן אַף דער ערד.

און ווען זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט...

פון די נײַן ברידער איז געקומען נאָר איינער. איינער אליין, אָנעם ווײַב, אָן די קינדער און אָן די אייניקלעך.

— דאָס איז גאָרניט, פרומע, אָט וועסטו זען. מיסטאמע איז בא זיי אנדערע מינהאָגים. אוואדע איז דאָ גאָר אנדערע מינהאָגים, ווײַל ווי איז דאָס מעגלעך, אז דאָ אין לאנד זאָלן זײַן די זעלבע מינהאָגים, ווי אין כוץ־לעאָרעץ? ווײַל ווען דאָ זײַנען די זעלבע מינהאָגים, וואָס דאַרטן, וואָס זשע וואָלט געווען דער כילעק?

און זאלמען שויכעט, וואָס האָט געהייסן פונקט אזוי, ווי דער פרעזידענט, האָט זיך געסטארעט מיט אלע מעגלעכקײַטן טרייסטן זײַן פרומען, וואָס האָט אין דער ערשטער מינוט גלײַך אָנגעוווירן איר רייצנדיק שמייכעלע.

— אָט וועסטו זען, פרומע, מע דאַרף נאָר א ביסל צוטערפען, ביז מירן אויסכאזערן און זיך צוגעווינען צו די היגע מינהאָגים. אָט, זעסט דאָך. טו אומיסטן א קוק, זע נאָר, זע נאָר, דיר האָט אפילע אזוינס זיך ניט געכאָלעמט. עפּעס גאָר, ווי כאמישעאָסער מיט פורים אינײנעם.

דאָס האָט זאלמען געזאָגט, באקוקנדיק דאָס, וואָס ס'האָט זיך א ווײַז געטאָן אפן טיש, ווי נאָר זיי זײַנען ארײַנגעקומען צום ברודער אין שטוב ארײַן. עפּעס טאקע נאָר ווי אין א כאָלעם. אזעלכע פעטע יויכן, געבראָטענע הינדלעך מיט לימענעס.

— זעסט, פרומע, געבראָטענע הינדלעך מיט לימענעס. האָסט אמאָל געזען אזוינס? מע דאַרף נאָר זיך צוגעווינען צו די היגע מינהאָגים. מיט די היגע מײַכאָלים.

וויי, וואָס אפן טיש האָט זיך געטאָן!.. אזעלכע באָקסערן, אזעלכע פײַגן און אזעלכע מאראנצן! הײַנט די ראָזשינקעס אליין, ראָזשינקעס מיט מאנדלען. און אזעלכע פיירעס, וואָס מע זעט זיי ביכלאל ניט, סײַדן אין גאניידן. זי ווייסט אפילע ניט, ווי מע רופט זיי. איז פרומע געווען זיכער, אז זיי האָבן געטראָפן אין עמעסן גאניידן. איין זאך איז איר געווען קאָשע. וואָס טוט ער, דער גוטער קאָרעוו, אלעמאָל א קוק אפן זייגער? נאָר מאלע וואָס... אז אלץ איז דאָ אזוי קעיאד־האמעלעך, וואָס זשע דאַרף זי קימערן, וואָס ער קוקט אלעמאָל אפן זייגער? מיסטאמע האָט דאָס אויך א שײַכעס צו די היגע מינהאָגים. זאלמען זאָגט דאָך... נאָר פארוואָס אזוי אָפט? קימאט אלע מינוט! האָט זי שוין ניט אויסגעהאלטן, פרומע:

— וואָס קוקט איר אלעמאָל אפן זייגער? איר אײַלט זיך ערגעץ?

— ניין, ניין, איך אײַל זיך אין ערגעץ ניט, — האָט זי בארו:קט דער שוואָגער, — נאָר איר דאַרפט זיך א ביסל אונטערײַלן. אין א האלבער שאָ ארום וועט צופאָרן א מאשין און וועט אײַך אוועקפירן אין אײַער וווינונג.

און טאקע... פינקטלעך אין א האלבער שאָ ארום... דער גאנצער גאניידן איז געבליבן אפן טיש, און זיי זײַנען אוועקגעפאָרן. געפאָרן לאנג, עפּעס זייער און זייער לאנג, ווײַל זייער וווינונג איז געווען ניט אין דער שטאָט, ווו איינער פון די נײַן ברידער האָט געווינט, און אפילע ניט אין דער שכיינעסדיקער שטאָט, ווו ס'האָבן, מעגלעך, געווינט א פאָר אנדערע ברידער, און אפילע ניט בישכיינעס מיט דער שכיינעסדיקער שטאָט. ביכלאל אין קיין שום שטאָט ניט, ערגעץ אין אויסרײַסעניש, אף א פוסט אָרט, ווו עס זײַנען געשטאנען עטלעכע הײַזער און ארום־און־ארום, ווי אויך צווישן די הײַזער אליין, איז געווען הוילער מידבער. אָבער טאקע עמעסדיקער, מיט גאָר ניט קיין באפוצטער, מיט גאָר ניט קיין פארהאנגענער, מיט גאָר ניט קיין צוגעדעקטער מידבער. די ערשטע פאָר נעכט האָבן זיי געציטערט פון שרעק און אפילע קיין אויג ניט צוגעמאכט. און זאלמען... ווי דאַן, ווען זיי זײַנען געזעסן אין אעראָפּלאַן, ווי דאַן, ווען זיי זײַנען נאָרוואָס אראָפּ אף דער ערד.

— אָט וועסטו זען, פרומע. מע דאַרף נאָר גוט צעקײַען די היגע מינהאָגים. עס קאָן דאָך ניט זײַן, נײַן ברידער!

דערנאָך האָבן זיי שוין אופגעהערט מוירע האָבן פאר דעם מידבער. זיי האָבן זיך שוין אויסגעלערנט שלאָפן באנאכט. נאָר די היגע מינהאָגים! זיי האָבן זיי ניט געקאָנט צעקײַען. זיי האָבן זיי ניט געקאָנט פארשטיין. צי דען דאַרף דאָס טאקע זײַן אזוי? נײַן ברידער! און פאר א האלב יאָר האָט אפילע קיין איינער פון זיי זיך ניט אראָפּגעיאָוועט אהער. אפילע דער, וואָס האָט זיי באגעגנט אפן אעראָפּאָרט. גלײַך קיין שום ברידער אף דער וועלט וואָלטן ניט געווען.

זאלמען האָט געוואַרט. א האלב יאָר האָט ער געוואַרט! די ערשטע צײַט האָט ער נאָך גערעדט צו איר, צו פרומען. זי געטרייסט, געפרוווט איר אײַנרעדן, אז מע דאַרף א ביסל צוטערפּען, צוואַרטן, צעקײַען, זיך צוגעווינען, דערנאָך האָט ער זי אופגעהערט טרייסטן. בלויז גלאט אזוי זיך אויסגערעדט דאָס הארץ, ארויסגערעדט זײַן פארדראָס, דערנאָך האָט ער אינגאנצן אופגעהערט רעדן. גאנצע שאָען איז ער אָפּגעזעסן באם אָפענעם פענצטער און ארויסגעקוקט אפן מידבער. אָפטמאָל אפילע אין עסן פארגעסן, אָפטמאָל אפילע אינעם דאַוונען.

פרומע האָט מוירע געהאַט, זי האָט זייער מוירע געהאַט, אַז ער וועט אַראָפּ פון זינען. ווײַל ווי גייט עס אַ מענטש אַרום איבער דער שטוב שאַפּגעווײַז און האַלט אין איין זינגען אַ ניגנדל? גלאַט אַזוי אַ ניגנדל, אָן ווערטער. נאָר זי, פרומע, האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס איר זאַלמען מיינט מיט דעם ניגנדל. ס'איז דאָך געווען דאָס ניגנדל פונעם לידעלע וועגן צען ברידער:

צען ברידער זײַנען מיר געווען...

האָט פרומע פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט מיטן ניגנדל. דאָרטן, אין דער היים, איז ער, הייסט עס, געווען זיכער, אַז זיי זײַנען צען ברידער. האָט ער געגלייבט און געהאָפט. ער וועט קומען אַהין, אין זײַן אייגן לאַנד, צו זײַנע אייגענע ברידער. און דאָס איז געווען ניט מער, ווי אַ כאָלעם. ס'איז גאָר ניט דאָס לאַנד, וואָס איז אין כומעש באַשריבן. און די ברידער... צען ברידער זײַנען זיי געווען, און איצט איז ער געבליבן איינער אַליין, עלנט, ווי אַ שטיין.

אַ האַלב יאָר האָט זאַלמען געוואַרט און מערער וואַרטן ניט געקאָנט. ער איז ניט אַראָפּ פון זינען, ער איז פּשוט געשטאָרבן. ניין, ניט פּשוט געשטאָרבן. ער האָט טאָג נאָך טאָג געצאַנקט, ווי אַ ליכט. פון פּאַרדראָס, פון עלנטקייט, פון דער אַרומיקער מידבאָרישער פּוסט־קייט און פון דעם, וואָס בא אים אינווייניק איז אויך געווען אײַנגאַנצן פּוסט.

„...אַזוי האָט זיך געענדיקט אונדזער כאָלעם. ווײַ, ווי מיר האָבן עס געטרוימט לעבן אין אונדזער אייגן לאַנד, צווישן אונדזערע אייגענע ברידער! איצט איז בא מיר געבליבן בלויז איין טרוים. מיר זאָל באַשערט זײַן זיך אומקערן צוריק און שטאַרבן אַף מײַן אייגן געסל, צווישן מײַנע אַלטע און גוטע פרײַנט...״

פרומע די שויכעטקע!.. גיי ריכט זיך, אַז פרומע די שויכעטקע זאָל אָנשרײַבן אַזאַ בריוו. בלוימע האָט ניט פאַרשטאַנען. פאַרוואָס איז ער געוואָרן אַזוי בייז, איר מעכוטן, בייז און זייער אופגעבראַכט. זי האָט ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס און האָט ניט געוווּסט אַף וועמען. ווען זי זאָל געווען וויסן, אַז דאָס וועט אים אַזוי אופּרודערן, וואָלט זי געווען אַזוי געיאָגט אַהער? זי האָט דאָך געמיינט פאַרקערט.

דאָוויד אַליין האָט אויך ניט געוווּסט. נאָר דאָס האַרצקלאַפּעניש און דער פּאַרדראָס... ניט זײַן, דאָווידס, פאַרדראָס, נאָר זאַלמענס. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי אַ מענטש גייט אויס, ווי אַ ליכט, פון דעם, וואָס ער האָט פאַרלוירן אַלץ, אין וואָס ער האָט געגלייבט, אַף וואָס ער האָט געהאָפט אַ סאַך יאָרן. פאַרוואָס לאָזן מענטשן זיך אײַנרעדן? פאַרוואָס פאַרט מען? דערנאָך האָט ער זיך צוגעזעצט אינעם צווייטן צימער אַף אַ בענקל לעבן פענצטער און שטאַרק פאַרקוקט זיך אַפן פאַרנאַכטיקן דרויסן. ער האָט אַפילע ניט באַמערקט, ווי פּרײַער איז שטיל אַרײַנגעקומען שיינדל און געבליבן אין קיך מיט איר מאַמען, ווי דערנאָך איז פּונקט אַזוי שטיל אַרײַנגעקומען מיכל, ניט דערפילט אַפילע דאָס ווינטעלע, וואָס ציפּעלע האָט גאַנץ ראַשיק אַרײַנגעבראַכט מיט זיך, ניט געהערט, ווי ס'האָבן זיך צעקלונגען אין קיך די לעפל מיט די גאָפּלען. ער איז געקומען צו־זיך ערשט דאַן, ווען מע האָט אים אַ רוף געטאָן צום טיש און ווען בלוימע האָט אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:

— ווען איך זאָל געווען וויסן...

— וועגן וואָס? — האָט שיינדל ניט פאַרשטאַנען.

די פראַגע איז געבליבן אָן אַן ענטפער, ווײַל מיכל האָט געהאַט זײַן בינטל נײַס און געמוזט זיי גלײַך אַרויסלייגן, דעם טאַטן זאָל ווערן אַ ביסל פרײלעכער. אַז ערשטנס, איז מיט וואַסער געוואָרן אַלץ אין אָרדענונג, די אוואַריע האָט מען אײַנגיכן ליקווידירט, און מיט קיין ציסטערנעס האָט מען מערער ניט געדאַרפט פירן. צווייטנס, אַז זײַן בריגאַדע, דאָס הייסט טימאָכעס כעווורע, איבער וועלכע ער האַלט שעפּטום, איז הײַנט אַרויס אַפן ערשטן אָרט. און לויט אַלע סימאָנים איז צו זען, אַז זי וועט די ערשטקייט האַלטן פעסט.

— שוין? אַפן ערשטן אָרט? — איז דאָוויד געוואָרן דערשטוינט.

דעם עמעס געזאָגט, האָט ער געוואַרט אַף דעם אַלע טעג, געוואַרט און געגאַרט און יעדן טאָג אײַנגעטײַנעט מיט דער קאָטשעראַווער בריגאַדע, אַז זיי מוזן זײַן די ערשטע. ער האָט אָבער אויך פאַרשטאַנען, אַז צו זייער יונגקײַט און אימפּעטפולקײַט פעלט זיי נאָך אַ זאַך — מײַסטערשאַפט, אַז אין אַלע איבעריקע דרײַ בריגאַדעס פונעם זאַמל־צעך אַרבעטן עלטערע, נאָר אַ סאַך געניטערע פאַכלײַט, און זיי, די קאָטשעראַווע, וועט זײַן ניט גרינג זיי אַריבעריאָגן. דאָס, וואָס זיי האָבן שוין באַוויזן אַרויס אַפן ערשטן אָרט, האָט אים דערפרייט און אַ ביסל דער־שראָקן. ער האָט מוירע געהאַט, אַז דאָס איז אַ ריינער צופאַל. זאַלמען, דער אַלטער שויכעט, האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זײַט. מיט אַלע זײַנע כושים איז שוין דאָוויד געווען צווישן זײַנע קאָטשעראַווע, גלײַך ער אַליין וואָלט אויך געווען איינער פון זיי, זייער געווינס איז זײַן

געווינס, און זייער פארלוסט וועט אים וויי טאָן, ווי דאָס וואָלט געווען זײַן אייגענער פאר־לוסט. אים איז טאקע געוואָרן א ביסל פריילעכער אפן הארצן. ער האָט באקוקט די אָנגעגאָסענע טעלער זופּ, פון וועלכע ס׳איז געגאַנגען א ווארעמע פארע, וואָס האָט געשמעקט מיט יונגער פעטרישקע. א ריב געטאָן די הענט, אפילע א שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופן:

— אוך, אן אפעטיט בא מיר!

נאָר ס׳איז הײַנט אלעמען געווען באשערט א פארשטערטע וועטשערע.

מע איז שוין אלע געזעסן באם טיש. דאָוויד, בא וועמען דער אפעטיט האָט הײַנט זיך מוירעדיק צעשפּילט, האָט שוין באוויזן נעמען אין מויל ארײַן דעם ערשטן לעפל, א קוויק טאָן זיך גאנץ הויך, וואָס האָט געדארפט הייסן, אז דער זופּ איז הײַנט מאָלע־טאַם, נאָר דאָ איז געשען אזוינס, איבער וואָס אלע לעפלען מיט זופּ זײַנען געבליבן הענגען אינדערלופטן. געהאנגען א ווײַלע, דערנאָך צוריק זיך אראָפּגעלאָזט אין די טעלער, ווײַל ביז איצט האָט לייזער קיינמאָל ניט אריבערגעטראָטן די שוועל פון אָט דער שטוב.

ער איז ניט ארײַנגעקומען, נאָר ארײַנגעריסן זיך, א פארפאליעטער, א צעכראסטעטער, און די קורצע ארבל פון זײַן צעשפּיליעטער טעניסקע האָבן אויסגעזען אומיסטן פארקאטשעט, ווי ערעוו א געשלעג. סײַ די הענט, סײַ דאָס פּאָנעם האָבן געגלאנצט פון שווייס, געווען קאצאָוויש־אָנגעבלאָזן, און די אָקסישע אויגן זײַנען געווען ווי אָנגעגאָסן מיט ריצכע. ער האָט דורכגעשפאנט דורכן שמאָלן קאָרידאָרטשיקל, זיך ארײַנגעריסן אין קיכל, און ווײַל ס׳איז דאָרטן ניט געווען ווו ארומשפאנען, האָט ער אָנגעהויבן ארומדרייען זיך אף איין אָרט, ווי א דריידל, און בא יעדן דריי א קוק געטאָן אין פּאָנעם עמעצן אנדערש, ווי באטיילנדיק יעדערן מיט דער ריצכע, וואָס האָט געשפּריצט פון זײַנע אויגן:

— נו, יאָ, ביסט טאקע א גאנצער קנאקער!

אפּאָנעם, אז מיטן וועג האָט ער באוויזן ניט ווייניק אָנרעדן זיך און אָנשילטן זיך, געווען שוין א ביסל אויסגעליידיקט, מעגלעך, אז אים האָט זיך געדוכט, אז ער האָט דאָס אלץ ארויסגעזאָגט אין דער הייך, האָט ער אָנגעהויבן פון דער מיט:

— נו, יאָ, ביסט טאקע א גאנצער קנאקער, נאָר אין מײַנע איניאָנים מיש זיך ניט. מײַן מישפּאָכע איז ניט דײַן מישפּאָכע.

בליומע האָט גלײַך פארשטאנען, אין וואָס דאָ גייט. ווען ס׳איז אף דער גאס, וואָלט זי אים שוין ארײַנגעזאָגט אזוינס, ער זאָל דאָס פארגעדענקען אף שטענדיק, זי וואָלט אים אָפּגעכרענזלט נאָך ערגער, ווי כאצקעלען. ווײַל וואָס איז כאצקעלע? כאצקעלע איז ניט מערער, ווי זײַנער א מעשאָרעס. וואָס לייזער שטאָפּט אין אים ארײַן, דאָס שלוקערצט ער ארויס. אָבער לייזער אליין! די ווערטער האָבן זי מאמעש געבראָטן דאָס מויל, געציפּעט פאר דער צונג. נאָר וויבאלד דער מעכוטן זיצט דערבײַ!.. האָט זי געווארט, וואָס דער מעכוטן וועט זאָגן. און דאָוויד, דאפקע גאנץ רויִק:

— ביסט טאקע גערעכט. דײַן מישפּאָכע איז ניט מײַן מישפּאָכע. דאָס זײַנען ביז גאָר פארשיידענע מישפּאָכעס. נאָר פונדעסטוועגן, אז מע קומט ארײַן פארנאכט אין א שטוב, דארף מען זאָגן א גוטן אָוונט. און אז מע טרעפט מענטשן באם טיש, קומט אויך עפּעס צו זאָגן...

איז לייזער געבליבן שטיין, געדרייט האָט זיך בלויז דער קאָפּ אליין. דער קאָפּ און די אויגן. דאָס, וואָס דאָוויד האָט אים געזאָגט, דעריקער, ווי־אזוי געזאָגט, עפּעס גאָר, ווי מע זאָגט מוסער א כיידער־ייִנגל, האָט בא אים אָפּגענומען דאָס לאָשן און פארקלאפּט דעם קאָפּ. אזוי פעסט פארקלאפּט, אז ס׳איז שווער געווען באקומען פון דאָרטן עפּעס א שטיקעלע געדאנק, כאָטש אן אָפּשניצל פון די, וואָס האָבן אזוי געקאָכט אין אים, ווען ער איז געגאנגען אהער. איז ער געבליבן עפּעס ווי צעמישט. דערנאָך איז ער געוואָרן שטארק אופגעבראכט אף דאָווידן, וואָס האָט אים אזוי צוגעפּלעטשט, און נאָך מערער אופגעקאָכט אף זיך, וואָס האָט זיך געלאָזט אזוי צופּלעטשן. האָט ער בלויז איבערגעכאזערט דאָס, וואָס ער האָט שוין פריִער געזאָגט. נאָר ניט מיט יענער ברומענדיקער שטים, נאָר מיט א קוויטשיקל:

— דו הערסט, אין מײַנע איניאָנים זאָלסטו זיך ניט מישן, ס׳איז ניט דײַן אייסעק!

— ווער דארף האָבן דײַנע איניאָנים? איך האָב גענוג מײַנע אייגענע. נאָר אז א מענטש קומט צו מיר נאָך אן אייצע...

אָט, אָט, וועגן דעם טאקע האָט לייזער געוואָלט רעדן.

— מיינסט, איך ווייס ניט, וועמעס ארבעט דאָס איז? ס׳איז איר ארבעט! אומעטום מישט זי זיך! מע קאָן מיינען, אז אף איר שטייט די וועלט.

בליומען האָט מערער פאר אלץ פארדראָסן, וואָס לייזער רעדט וועגן איר אזוי, גלײַך זי וואָלט ניט געווען דערבײַ. האָט זי שוין ניט געקאָנט שווײַגן:

— און אז איך, איז וואָס? עס שטייט ניט אָן דעם טאַטן דײַנעם? מיינסט, אז קיינער ווייסט ניט וועגן דײַנע טיאָמנע געשעפטן? נו, פאָר, פאָר דיר אהין! וועט בא אונדז ווערן מיט איין שווינדלער ווייניקער!

דער דריי און דער קער, וואָס לייזער האָט געמאכט, איז געווען ענלעך אָף דעם, ווי א מענטש זיצט אָף א בענקל און עס הייבט אים אָן אונטערטראָגן צי אונטערוואַרפן. בליומע איז א מייוון אָף אזעלכע זאכן, האָט זי אים דערלאנגט א בענקל און זיך אָנגערופן:

— נו, יאָ. אז איינער פארגעסט זאָגן א גוטן אָוונט, פארגעסט דער צווייטער דערלאנגען א בענקל.

אָט דאָס טאקע האָט לייזער געדארפט. ער זאָל האָבן ווּ צוזעצן זיך. א וויש געטאָן מיטן הוילן, פארשוויצטן עלנבויגן דעם פארשוויצטן שטערן און גלײַך אופגעשפרונגען:

— יאָ, ניט אײַער אייסעק. מע קאָן מיינען, אז איר זײַנט דאָ די גאנצע וולאסט. איך שפײַ אָף אײַער וולאסט!

האָט שוין דאָוויד אויך זיך אופגעהויבן פונעם בענקל. אופגעהויבן זיך רויִק און צוגעקוּמען צו לייזערן אויך גאנץ רויִק. נאָר אין דער רויִקײַט איז געווען אזוינס, איבער וואָס לייזער האָט אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן און געפּרוּווט מאכן א טראָט צוריק. אָפּטרעטן איז ניט געווען וווּהין. זײַנען זיי געבליבן שטיין איינער קעגן אנדערן געפערלעך־נאָענט, דראָענדיק־נאָענט... קימאַט אָנרירנדיק איינער דעם אנדערן.

— אָט וואָס, — דאָוויד האָט מיט אלע קויכעס געפּרוּווט אײַנהאלטן אין זיך אָט די שטעכיקע רויִקײַט. — מעגסט דיר רעדן, וואָס דו ווילסט, איך זע שוין, האָסט זיך שוין אויסגעשפּאַנט פון אלץ און מיינסט, ביסט שוין פון יענער זײַט. נאָר די וולאסט טשעפּע ניט. איך האָב זייער א סאך באצאָלט פאר איר. און איך קאָן נאָך הײַנט... איך האָב נאָך הײַנט אויך מיט וואָס צו צאָלן...

וואָס זשע האָט לייזער זיך אזוי דערשראָקן פאר זײַן רויִקײַט? וואָס האָט ער אזוינס דערפילט אין זײַנע ווערטער? צי דען האָט ער א טראכט געטאָן, אז אָט דער דאָוויד קאָן אין דער לעצטער מינוט אָפּטאָן עפּעס אזוינס און אָפּרײַסן זײַן נעסיִע? אין איין אויגנבליק האָט לייזער זיך געענדערט. ער איז אינגאנצן בלייך געוואָרן, און דאָס פּאָנעם, די קאצאָוויש־אָנגעבלאָזענע באקן האָבן אָנגעהויבן קנייטשן זיך, געוואָרן וואָס אמאָל אײַנגעשרומפּענער, ווי עפּעס א דורכגעשטאָכן מיאטשיקל, פון וועלכן עס גייט ביסלעכווײַז ארויס די לופט.

דאָווידן האָט געקוקט אַף לייזערן, ווען ער זעט איצט געוויס צום לעצטן מאָל און מיט וועמען ער רעדט היינט אוודאי צום לעצטן מאָל. און עפשער וועט אָט דער לייזער אַמאָל נאָך לאָזן הערן וועגן זיך. און אוודאי ניט מיט קיין גוטס. ער וועט אוועק אין דער וועלט, וואָס איז אים, דאָווידן, אינגאַנצן פרעמד און פיינטלעך. גאַנץ מעגלעך, אַז גראָד ער, לייזער, וועט זיך דאָרטן פילן, ווי אַ פיש אין וואַסער. ער איז דאָך פון די, וואָס קאָנען צעטרעטן מיט די פיס אַן אייגענעם ברודער. וועט ער דאָרטן גיך געפינען דאָס, וואָס ער זוכט. ער פאָרט דאָך אַהין ניט זוכן קיין שפורן פון עפּעס אַ כומעש־מײַסעלע. ער זוכט עפּעס מערער מאַמאָ־שעסדיקס. ער וועט דאָרטן האָבן זײַנע אייגענע מאָסערס, זײַנע אייגענע שלעגער און זײַנע אייגענע פּאָליציייער.

די גאַנצע צײַט, זינט דאָוויד איז געווען בא לייזערן אין שטוב, האָט אים ניט אופגע־הערט הריזען דאָס, וואָס ער איז אוועק אַהין ניט אינגאַנצן קיין צוגעגרייטער. איצט קען ער זיי שוין אַ ביסל בעסער און ער וואָלט שוין געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. נאָר גראָד איצט האָט ער מערער ניט געוואָלט רעדן מיט לייזערן. ער האָט פּאַשעט קיין קויעך ניט געהאַט דערצו. ער האָט מיטאַמאָל זיך דערפילט שרעקלעך מיד. ניט אַזוי פון די באַטאַגיקע יאָגענישן, ווי פון דער איצטיקער באַגעגעניש, אַזוי מיד, אַז אים האָט זיך געדוכט, אַז אָט פאַלט ער באַלד אום. האָט ער בלויז שטיל אַרויסגערעדט:

— זאָג מיר נאָר, ווהין וועסטו לויפן, ווען דער סאָציאַליזם וועט זיך אָנהייבן דאָרטן?

— איך וועל צו דיר נאָך קיין אייצע ניט קומען! — האָט לײַזער אויסגעשריגן.

דאָווידס צושטאַנד האָט זיך שוין געלאָזט מערקן. אַלע האָבן געקוקט אַף אים מיט אומרו. נאָר מערער פון אַלע האָט זיך דערשראָקן ציפּעלע:

— זיידע, וואָס איז מיט דיר, זיידע?

האָט שיינדל אַ כאַפּ געטאָן דעם שוער פאַר דער האַנט און אוועקגעפירט צום בעט. און מיכל... מיכל איז צו צו לייזערן און אַזוי, מיט עפּעס אַ שטומער אַקשאָנעס, טריט נאָך טריט, גערוקט אים אַלץ ווײַטער און ווײַטער. און אָט אַזוי, אַן איין וואָרט, האָט ער צוגערוקט דעם איבערגעשראָקענעם און דערשטוינטן לייזערן צו דער טיר. געעפנט זי, אַרויסגערוקט לייזערן אַף יענער זײַט און גלײַך זי צוריק צוגעמאַכט.

בליומע איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס צו דער וואַנט, געבראָכן, געקנאַקט די פינגער, גלײַך זי איז מערער פון אַלע שולדיק אין דעם אַלעמען, און גערעדט צו זיך אַליין:

— ווען איך זאָל געווען וויסן...

15

ווען ניט טאַליק אַליין, וואָלט מען זיך געקאָנט באַגיין אָן זײַן טאַטן. פאַר אונדזער געשיכטע איז גענוג איין לייזער. און אַז מע קען לייזער מוטשניק, מעג מען שוין ניט קענען סימכע גוראַלניק. ס׳איז קימאַט איינס און דאָס זעלבע, פון איין נאַסיניע, ווי בליומע זאָגט. זיי זײַנען טאַקע אַמאָל געווען שטיקלעך שוטפים. גלײַך נאָך דער מילכאָמע האָבן זיי ווער ווייסט וו׳אַזוי געקראָגן אַ פּאָר וועבערײַ־ווערקשטעלן, געשאַפן ווער ווייסט וו׳אַזוי אַ מין וועבער־אַרטעל, און געמאַכט, ווידער ווער ווייסט וו׳אַזוי, ניט קיין שלעכטע געשעפטן. דער־נאָך האָבן זיי מיט עפּעס זיך געפּאַקט. ס׳האָט געהאַלטן שלעכט. סימכע איז טאַקע אַ ביסל געזעסן, און וו׳אַזוי ער איז אָפּגעקומען מיט דעם ביסל, ווייסט אויך נאָר איין גאָט. נאָר טאַקע איבער דעם ביסל זיצן און איבער דעם ניט ביסל, וואָס ס׳האָט זיי ביידע אָפּגעקאָסט, האָבן זיי פריִער זיך צעקריגט און דערנאָך טאַקע צעפּאַטשט. ערשט דאַן האָט מען זיך דער־וווּסט, אַז צו אַלע זײַנע מײַלעס איז סימכע אַן עמעסדיקער שלעגער, אַז ער קאָן גרינג אָפּשלאָגן די לונגען אָדער איבערברעכן אַ ריפּ. פאַרוואָס זיי האָבן זיך צעפּאַטשט, ווייסן אויך נאָר זיי ביידע. נאָר בליומע דערציילט, אַז טאַקע איבער די כאַלאָקים, וואָס זיי האָט געדאַרפט קאָסטן. און שולדיק זײַנען געווען ניט זיי אַליין, נאָר זייערע ווײַבער. דאָבע די גראָבע האָט געזאָגט, אַז זי וועט קיין קאָפּעקע ניט געבן. סימכע האָט זיך געפּאַקט, זאָל ער זיך אַליין אַרויסדרייען. האָט זאָסיע געזאָגט, אַז אויב זי, דאָבע, וועט זיך לאָנג שפּאַרן, קאָן זי מאַכן אַזוי, אַז מע זאָל איר לייזערן אויך אַרײַנדרייען. האָבן פריִער די ווײַבער זיך צעקריגט, דערנאָך האָבן די מענער זיך צעפּאַטשט. האָט לייזער זיך גענומען פאַר זײַנע

שמויסלעך און מאכט די גאַנצע צײַט ווידער ניט שלעכט. סימכע איז אײַנגיכן געוואָרן זייער א וואַזשנע קלאַדאָווּשטשיק פון זייער א וואַזשנע באַזע, א שלעפּער איז ער אויך ניט קיין קליינער, פון יענע שלעפּערס, וועגן וועמען מע זאָגט, אַז א שלעפּער זאָל מען זײַן אין א גרויסער שטאָט. האָבן זיי שוין געמוזט איבערבעטן זיך. סימכע האָט געמוזט האָבן לייזערן, ווײַל וועמען נאָך האָט מען געקאָנט פאַרטרויען די „לינקע" שמויסלעך פון דער באַזע, אַז אַלץ זאָל זײַן ראַיעל? און לייזער האָט געדאַרפט האָבן סײַ די שמויסלעך, סײַ סימכען אַליין. טאַקע איבער די הייסע פּעטש, וואָס ער, לייזער, האָט אַרײַנגעכאַפּט. ער האָט ליב אַזעלכע שלעגער, ווי סימכע. האָט שוין דאָבע זיך געמוזט איבערבעטן מיט זאָסיען. ווײַל די גלאַוונע טרעגערן און אַרויסטרעגערן פון דער באַזע איז געווען טאַקע זי, דאָבע.

נו, יאָ, איז טאַקע אונדז סימכע אינגאַנצן איבעריק. ס'איז דאָס זעלבע, וואָס לייזער. ניט מערער, סימכע איז א ביסל ייִנגער, רירעוודיקער און קרעפּטיקער. מע קאָן זאָגן — א גיבער.

וועגן סימכעס ווײַב, זאָסיען, וועסטו אויך קיין ראָמאַן ניט אָנשרײַבן. א ווײַב — אַזוי זיך. ניט מילכיק, ניט פליישיק. דאָס, וואָס זי בײַט יעדן טאָג דעם פּאַריק, איז אויך א קלײ־נער כאַריפּעס; דאָס, וואָס זי פּרישט אָפּ דרײַ מאָל אין וואָך דעם מאַניקיור, — אַוואַדע ניט. און דאָס שוכוואַרג? וואָס איז זי שולדיק, אַז אַלעמאָל בײַט זיך די מאָדע? הײַנט איז א מאָדע אָף הויכע אָפּצאַסן מיט שמאָלע נעז און מאָרגן פאַרקערט — נידעריקע אָפּצאַסן מיט ברייטע נעז. ערשט נעכטן האָט מען געטראָגן דינינקע פּאָדעשוועלעך פון קאַפּראָן, און הײַנט מוז די פּאָדעשווע זײַן דרײַ פינגער די גרעב. טאַקע צוליב דעם האָט זי א ביסל אונטערגעהאַקט איר נאָמען אויך. ווײַל דער עמעסער נאָמען אירער איז זיסל, נאָר ווי קאָן זי טראָגן אַזאַ אַלטמאָדישן נאָמען?

איין זאַך מוז פונדעסטוועגן דערציילט ווערן וועגן זאָסיען. אינמיטן ווינטער האָט זי זיך פאַרשריבן אָף שאָפער־קורסן און געלערנט זיך אַזוי פלײַסיק און אײַנגעשפּאַרט, ווי זי האָט קיינמאָל אין איר לעבן זיך ניט געלערנט. דער כעזשבן איז דאָך אַזאַ: ווי נאָר זיי קומען אַהין, קויפט זי גלײַך א מאַשין. וויל זי אַליין זײַן די באַלעבאָסטע איבער דער מאַשין און אַליין פירן זי. איר פאַנטאַזיע מאָלט איר אָן א בילד, ווי זי גיט א קום צו צו דער מאַשין אין א נײַעם קאָמבינעזאָן, טוט אָן עפן דאָס טירל, טוט א דריי מיטן שליסל, און די מאַשין הייבט אָן הודען. די מאַשין הודעט, און זי גיט זיך א נעם מיט די הענט פאַרן רודער. דער רודער גלאַנצט, אירע נעגל גלאַנצן, דאָס פּאָנעם אַליין גלאַנצט אויך. און די אויגן! פון די אויגן איז שוין אָפּגערעדט.

סימכען, וועמען עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער ווייסט א ביסל איווריע, האָט געגעבן אָנצוהערן זײַן זאָסיען, אַז זי וואָלט געמעגט זיך אויסלערנען א ביסל איוורית, נאָר זאָסיע האָט געזאָגט, אַז ערשטנס, וועט זי מיטן איוורית באַווײַזן, צווייטנס, וועט זי סײַווי דעם איוורית קיינמאָל זיך ניט אויסלערנען, דריטנס, קאָן זי זיך באַגיין אָן אים. נאָר פירן די מאַשין מוז זי קענען. אַלע באַלעבאַטישע פרויען, זאָגט מען, פאָרן דאָרטן אַליין אַרום אָף די מאַשינעס, וויל זי ניט זײַן ערגער פון זיי. איין זאַך האָט זי יאָ צוגעזאָגט סימכען. ווי נאָר זיי קומען אַהין, ווערט זי צוריק זיסל. ווײַל נאָר דאָ איז יעדן אַלציינס, ווי דו רופסט זיך. דאָרטן וועט קיינער ניט וועלן פאָרן סימכען מיט עפּעס א זאָסיען. מע קאָן נאָך מיינען, אַז זי איז א רוסישע צי א פּוילישע.

דאָס אַלץ איז א שטיקל אַרײַנפיר צו דעם, וואָס איז געשען יענעם אָוונט. גאַנצפרי איז געשען גאָר עפּעס אַנדערש.

דער גאַנצפרי אַליין איז געווען א גאַנץ געוויינלעכער. א געוויינלעכער, שוין זומערדי־קער באַגינען, ווען איבער דער שטאָט גיט א יאָג דורך א שיטערער נעפּל און סטײַעט גלײַך ניט. דאָס ייִדישע געסל, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן זיך אויסשלאָפן פאַר דער קורצער זומער־דיקער נאַכט, מוז שוין אָנהייבן רײַבן די אויגן, ווײַל הענעך קאָוועל האָט זיך צעקלונגען, צעליאַרעמט מיט זײַן האַמער און סטאַרעט זיך אופוועקן די גאַנצע וועלט. און אַז שוליע איז אַוועק אָפן זאַוואָד, באָריס אָף דער פאַבריק און ראָכעלע אין איר קאָנטאָר, איז שוין בליומע אויך אופגעשטאַנען, אָנגעהויבן איבערקלײַבן אירע טאָרבעלעך, קאָשעקלעך און „וואָסקעלעך", זי זאָל אַוועק אָפן מאַרק אין פולער אָרדענונג. און דאָ איז צו איר אַרײַנגעלאָפן שיפרע די קישעפמאַכערן.

— אוי, וויי איז מיר, וואָס טוט מען, דער סאַמאָוואַר האָט אָנגעהויבן רינען!

שיפרעס סאַמאָוואַר איז ניט פון די הײַנטצײַטיקע עלעקטרישע סאַמאָוואַרן, וואָס זײַנען גאָר קיין סאַמאָוואַרן ניט, זײַנען ניט מערער, ווי נאָכגעמאַכט. שיפרעס סאַמאָוואַר איז אָן שום קונצן. ער איז וווּקסיק און בײַכיק און נעמט אַרײַן א גאַנצן עמער וואַסער. און אַז מע

שיט אַרײַן אין אים דאָס ביסל קוילן, און אַז מע בלאָזט זיך טאַקע גוט אָן אין אים, און אַז די קוילן צעגליִען זיך, און אַז דער סאַמאָוואַר הייבט אָן פּריִער אונטערזשומען, ווי אַ מייע בינען, דערנאָך צעפּיִפּעט זיך, ווי אַ מייע פײַפעלעך, דערנאָך, אינמיטנדערינען, זיך צעוויינען, ווי אַ קינד, לעהאוודל, — האָט טאַקע דערנאָך די טיי גאָר אַן אַנדער טאַם. עמעס, דער סאַמאָוואַר איז שוין אין די יאָרן, מיט שטאַרק אײַנגעפּאַלענע זײַטן און מיט אָן אַ שיר דריבנע קנייטשעלעך און גריבעלעך, אין וועלכע ס'האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט עפּעס אַ גרינס, אַ צוויל אַזאַ, וואָס מע קען ניט אַרויסרײַבן ניט מיט קיין ציגל, ניט מיט קיין זאַמד און אַפילע ניט מיט יענע שמירעכצן מיט גאַנץ פײַנע עטיקעטלעך. מיט די דריבנע און גרינע קנייטשע־לעך און גריבלעך זעט דער סאַמאָוואַר אויס, ווי אַ געשטופּלטער.

נאָר דאָס מאַכט ניט אויס. דערפאַר איז דאָס אָבער אַ יערושע־סאַמאָוואַר, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו שיפּרען פון דאָר צו דאָר. פון אים האָבן געטרונקען טיי אַזויפיל עלטער־עלטער־עלטערזיידעס און אַזויפיל עלטער־עלטער־עלטערבאָבעס, אַז ווען שיפּרע אַליין פּרוווט אויסרעכענען דעם יִכעס פונעם סאַמאָוואַר, פאַרלירט זי דעם כעזשבן. איין סאַמאָוואַר־געשיכטע, וואָס איז פאַרבונדן מיט איינעם עפּעס אַן עלטער־עלטערזיידן און מיט איינעם עפּעס אַ פּאָרעץ, געדענקט זי דאָפּקע יאָ. נאָר די מײַסע איז עפּעס זייער ניט קיין שיינע. דער אָנהייב איז דאָפּקע גאַנץ פײַן: וויִאַזוי עפּעס אַ פּאָרעץ איז געקומען צום זיידן, געהייסן שטעלן דעם סאַמאָוואַר, וויִאַזוי דער פּאָרעץ האָט אויסגעטרונקען אַ פולן סאַמאָוואַר טיי און געהייסן שטעלן אַ צווייטן... מיטן ערשטן סאַמאָוואַר גייט די געשיכטע גאַנץ פײַן, נאָר אַז עס קומט צום צווייטן, הייבט שיפּרע אָן אַרומקוקן זיך, צי די קינדער שטייען ניט דער־בײַ. איז דאָס שוין ניט קעדײַ איבערדערציילן, דערפאַר דערציילט זי ניסים־וועניפלאָעס, וויִאַזוי דער סאַמאָוואַר האָט בייס דער עוואַקואַציע זיי געראַטעוועט פון הונגער און פון קעלט, זיי פּאָשעט דערהאַלטן באַ דער נעשאָמע. דער סאַמאָוואַר איז אויך איצט שיפּרעס זייער אַ וואַזשנע אונטערהאַלטונג... די, וואָס נעכטיקן איבער באַ איר ערעוו דעם מאַרק צי נאָכן מאַרק, האָבן זייער ליב אַ גלעזל טיי פון איר סאַמאָוואַר. פאַלט איר דערפון אויך אַרײַן אַ פרישע קאָפּעקע.

נעמט אַזאַ אײַזערנער סאַמאָוואַר און הייבט אינמיטנדערינען אָן צו רינען. צו ווען זשע לויפט מען נאָך אַן אייצע? צו בליומען.

— ווייסט איר וואָס, — האָט זי בליומע באַרויִקט. — לאָמיר נעמען אײַער סאַמאָוואַר און אוועקטראָגן צו הענעך קאַוועל.

גייען זיי ביידע און טראָגן דעם אַלטן סאַמאָוואַר, וואָס איז שווער מיט רוכעס. ניט אַזוי פונעם דרויסנדיקן מעש, ווי פון דעם פילדויערעסדיקן אינעווייניקסטן אָנזידעכץ. שיפּרע גייט פון איין זײַט, בליומע פון דער צווייטער זײַט, און דער סאַמאָוואַר אַליין באַקומט זיך אַ ביסל פון פּאָרנט. זיי טראָגן אים אַ שטיקל באַרג־אַראָפּ, דערנאָך אַ שטיקל באַרג־אַרויף, דערנאָך ווי־דער טאַקע אַ שטיקל באַרג־אַראָפּ, אַלעמאָל שטעלט זיי אָפּ אַן אַנדערער, און יעדערן מוז שיפּרע דערציילן די געשיכטע פונעם סאַמאָוואַר, וויפל איז ער שוין אַלט, וויפל דוירעס האָבן פון אים געטרונקען טיי און וואָס פאַראַ שיינע מײַסעס ס'האָבן זיך מיט אים געטראָפן. נעמט אַזאַ אײַזערנער סאַמאָוואַר און הייבט אימיטנדערינען אָן רינען. שיפּרע דערציילט די געשיכטע וועגן סאַמאָוואַר, און בליומע די מײַסע מיט די אוטאָמאַטן.

גייען זיי אַזוי אינדרײַען. שיפּרע פון דער רעכטער זײַט, בליומע פון דער לינקער, און דער אַלטער פּעמפּיקעוואַטע סאַמאָוואַר אַ ביסל פּאָרויס. זיי האָבן שוין געהאַלטן באַם פּאַר־קערוווען צו דער קוזניע, האָט זיי אָפּגעשטעלט דער אַלטער לאַריִאָן:

— אַ, מומע בליומע! אַ גוטמאָרגן! איך קוק טאַקע אַרויס אָף אײַך.

ער נעמט אַרויס פון דער קעשענע אַ גרויסן עפּל און רופט זיך אָן:

— טוט אומיסטן אַ קוק, איר זעט דעם עפּל?

קוקן איז ניט געווען וואָס. מע האָט גלײַך געזען, אַז דער עפּל איז אַ פּאַראַיאַריקער, נאָר בליומע האָט אים צוליב געטאָן:

— איך זע, איך זע. זייער אַ פײַנער עפּל.

— זאָגט הענעך, דער אַלטער אַפּיקוירעס, אַז קיין גאָט איז ניטאָ. און אַז אַלץ איז געקו־מען פון זיך אַליין. אַפילע דער מענטש. נו, גוט, זאָל זײַן דער מענטש. אָבער אַזאַ עפּל!

שמייכלט שוין בליומע מיט איר פּאַרשוויצט שמייכעלע:

— וואָס זשע ווילט איר פון מיר?

— וויל איך, איר זאָלט מיר זאָגן: ס'איז טאַקע אײַנגאַנצן ניטאָ קיין גאָט?

— ערן־וואָרט, איך ווייס ניט, — ענטפערט בליומע מיט דעם זעלבן שמייכעלע און טוט אַ ווונק שיפּרען, זי זאָל זיך נעמען פּאַרן סאַמאָוואַר. לאַריִאָן לאָזט זיי אָבער נאָך ניט אָפּ:

— ווארט צו א ביסל. איך וויל, איר זאָלט מיר פּויסער־כּאַלעם זײַן.

דעם כּאַלעם דערציילט ער פאר זיי ביידע, ווײַל ער האָט געוואָלט, זיי זאָלן אים אויס־טײַטשן יעדערער אף זײַן אופן: בליומע מיט איר כאָכמע און שיפרע מיט איר קישעף. זי גענדיקט דערציילן דעם כּאַלעם, דרייט ער נאָך אַלץ אין דער האַנט דעם פּאַראַיאַריקן עפּל און קאָן בא זיך ניט פּויעלן, צי זאָל ער אים אוועקשענקען, צי ניין. ער זאָל קיין כאַראָטע ניט האָבן, טוט ער אים א ברעך איבער אפּצווייען, דערלאַנגט איין כיילעק בליומען, דעם צווייטן שיפרען:

— נעמט, פאַרזוכט אומיסטן, ווי נאַרוואַס פונעם בוים. איז וואָס זשע וועט איר זאָגן אף מײַן כּאַלעם?

בליומע איז אים פּויסער גאַנץ סייכלדיק.

— איר האָט ניט וואָס איבערטראַכטן, ווײַל דער כּאַלעם איז א פאַרעלטערטער.

שיפרע האָט קיין רעכט ניט פאַרלאָזן זיך אף איר אייגענעם סייכל, טוט זי א זאָג:

— איר וועט אַרײַנקומען צו מיר, וועל איך א וואַרף טאָן אף די קאָרטן.

נו, און דער סאַמאָוואַר? ווען הענעך קאָוועל האָט געפּרוווט פעסטשטעלן, ווו ער רינט, און אים אָנגעגאָסן מיט וואַסער, האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ער רינט אינגאַנצן ניט, א געזונט אים אין די ביינער. פּאַשעט, עמעצער פון אירע כעווערניקעס האָט א דריי געטאָן דאָס קרענטל, און די גאַנצע וואַסער האָט אויסגערונען איבערן טיש און אונטערן טיש.

גייען זיי שוין מיטן סאַמאָוואַר צוריק מיט אַלע באַרג־אַראָפּן און מיט אַלע באַרג־אַרופן, אַלעמאָל שטעלט זיי אָפּ אַן אַנדערער, און שיפרע, א פריילעכע, א גליקלעכע, עפּעס גאָר ווי בעגילופנדיק, מיט יענעם שיקערלעכן גלאַנץ אין די אויגן, כאָטש זי האָט נאָך הײַנט אין איר מויל ניט געהאַט, באַרימט זיך פאַר אַלעמען:

— נו, ווי געפעלט אײַך מײַן סאַמאָוואַר, קיין אײַנהאָרע? א געזונט אים אין די ביינער. און פלוצעם...

— אוי, עפּעס לעבן מײַן כאַנעלען... צוויי מאַשינעס שטייען!

ווען זיי זײַנען צוגעקומען נעענטער, זײַנען די מאַשינעס שוין אָפּגעפאָרן און בא כאַ־נעלען אין שטוב איז געווען פּוסט. ניט קיין בעטן, ניט קיין טישן, ניט קיין בענקלעך, ניט קיין פאַרהענגלעך. כאַנעלע איז געזעסן מיטן קינד אף עפּעס א טאַבורעטל, א בלייכע, אָן איבערגעשראָקענע, און האָט אפילע ניט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט.

— צוגעפאָרן... ער, פייסיע, מיט צוויי שאָפערס און אַלץ אַרויסגעטראָגן.

— א שיינע ריינע קאַפּאָרע, פאַר אונדז, פאַר אַלע אונדזערע קינדער און אייניקלעך, — האָט שיפרע א זאָג געטאָן און א נעם געגעבן דאָס אייניקל אף די הענט. דאָס אייניקל, וועט־מען זי האָט טאַקע א נאָמען געגעבן נאָך איר מאַמען.

ווען בליומע האָט דערנאָך ניט איין מאָל איבערדערציילט די געשיכטע, האָט זי געטײַ־נעט, אַז שולדיק אין אַלעמען איז דער סאַמאָוואַר. ווען שיפרע קומט ניט אונטער מיטן סאַ־מאָוואַר און זיי גייען ניט אוועק, וואָלט צו אזוינס ניט געקומען, ווײַל איין שיפרע קאָן באַ־שטיין פאַר צען, זי וואָלט ניט דערלאָזט צו אזא גאַזלעוואַיסטווע. שיפרע האָט געזאָגט, אַז דער סאַמאָוואַר איז דאָ גאָרנישט ניט שולדיק. שולדיק איז דער אַלטער לאַרײַאָן מיט זײַן נאַרישן כּאַלעם. ווען ער שטעלט זיי ניט אָפּ, וואָלטן זיי געטראָפן פּינקטלעך צו דער צײַט.

ווי־אזוי עס האָבן די געשעענישן פונעם ייִדישן געסל דעם זעלבן אָוונט זיך אריבערגע־טראָגן צו סימכען אין שטוב, וואָס וווינט אפן צווייטן ברעג פון דער שטאָט, איז נײַעם ראַיאָן, איז שווער צו זאָגן. עפּשער איז דאָס געשען דערפאַר, וואָס סימכע איז געקומען אהיים זייער אָן אָנגעכמורעטער, עפּעס שטאַרק אָן אָנגעברויגעזטער, און נאָך פאַר דער וועטשערע איז געווען צו זען, ווי די הענט זײַנע ציטערן, ווי פאַר א געשלעג. עפּעס האָט מען דאָך געדאַרפט אַלע טאָג צוטראַכטן, אַז בא די, וואָס גרייטן זיך אין וועג אַרײַן, זאָל ניט אופהערן גרימען אינעוויינִיק. ס׳זאָל בא זיי זידן און קאָכן, און ס׳זאָל זיך בא זיי פון אַלץ איבער־קערן די גאַל. ווײַל אויב עס גייט, כאַלילע, איבער די גרימעניש, אויב עס הערט אוף זידן און קאָכן, קאָן נאָך עמעצער איבערטראַכטן. און אויב איינער וועט איבערטראַכטן, קאָן נאָך אים איבערטראַכטן א צווייטער, נאָך אים א דריטער, און עס קאָן אינגאַנצן ווערן אויס. איז גוט, וואָס הײַנט איז דאָס ברויט געווען רוילעך, וואָס מיט א וואָך צוריק איז געווען א גוסרעגן. ס׳האָט פאַרטרונקען א סאַך פעלדער און ס׳איז עטלעכע טעג אפן מאַרק קיין אוגערקעס ניט געווען, און וואָס עמעצער האָט עמעצן געזאָגט אפן מאַרק עפּעס ניט קיין גוט וואָרט און מע האָט עס גלײַך צעטראָגן איבער די הײַזער.

אַז סימכע האָט ביז א האַלבן טאָג ניט געזען לייזערן און ניט באַקומען דאָס ביסל נײַס, עס זאָל אין אים אונטערהאַלטן דאָס קאָכעניש, איז ער אַליין אוועק צו לייזערן.

קאַכעניש און זידעניש האָט באַ לייזערן געקאָנט סטײַען אַף צען און ביטערע גאַל — אַף טויזנט. באַזונדערס נאָך דעם, ווי ער האָט אַזוי ניט באַטראַכט זיך אַרײַנגעריסן צו דאָ־ווידן אין שטוב און נאָך דעם, וואָס מע האָט אים אַזוי אָקשאָנעסדיק, גראָבלעך אַרויסגע־שטעלט פון יענער זײַט. און אָט דער געט, וואָס האָט זיך אַרײַנגעמישט אינמיטנדרינען, און זײַן רעפֿאָעל אַליין, וואָס איז ניט אַהין און ניט אַהער. לייזערס ריצבע וואָלט געסטײַעט ניט בלויז אַף אַזאַ קליין פּאָגראָמעלע, וואָס ער האָט געמאַכט באַ דער נאָך ניט אָפּגעגעטער שנור.

איז מיילע, דער געט איז אַ פאַרפאַלענע זאַך. דאָבע לויפט שוין אַרום איבער דער שטאָט אָפּזוכן עפּעס אַ נײַעם שידעך פאַר פייסיען. און אַז דאָבע זוכט, וועט זי געפינען. ערגער איז מיט רעפֿאָעלן.

— עפּעס געפעלט מיר ניט מײַן רעפֿאָעל, — האָט ער זיך געקלאָגט פאַר סימכען. — מיט אַזאַ־אָ איז ניטאָ וואָס צו פאָרן אַהין.

— מײַן טאָליק געפעלט מיר אויך ניט, — האָט אָפּגעענטפערט סימכע.

— נו, מיילע, מיט אַזאַ, ווי דײַן טאָליק, וואָלט איך זיך נאָך אַן אייצע געגעבן.

— וויאַזוי?

— איך וואָלט פון אים אַרויסגעשלאָגן דאָס מעשוגאַס!

דעם גאַנצן וועג אַהיים האָט סימכע אַלעמאָל אונטערגעוואָרפן זיך אַליין אַ שפּענדעלע, דער צאָרן זאָל אין אים ניט אופהערן צו זידן, און געגומען אויסטײַטשן טאָליקס פאַרכושט־קײַט, טאָליקס שווײַגן גאָר אַף אַן אַנדער אויפן. באַזונדערס טאָליקס קוקן. עפּעס קוקט ער אַזוי אַף אים, גלײַך ער זעט אים ניט, אָדער קוקט גאָר דורך אים, גלײַך פאַר אים וואָלט גע־שטאַנען ניט זײַן טאַטע, נאָר פּאָשעט אַ קלאָץ.

— איך וועל אים ווײַזן! — האָט ער אַלעמאָל זיך אונטערגערייצט. — איך וועל זיי אַלע ווײַזן!

מיט דעם האָט ער אויך געמיינט זײַן זאָסיע — זיסלען. זינט זי האָט זיך אַרײַנגעטאָן אין די שאָפער־קורסן, האָט זי פון גאָרנישט ניט געוואָלט וויסן און די שטוב איז געוואָרן אויס שטוב. אפילע דאָס געפעס איז געשטאַנען וואָכנווײַז ניט קיין איבערגעוואַשנס. איז אויס־געקומען, אַז יעדערער האָט צו טאָן מיט זײַנס און איינער צום אַנדערן האָט קיין שום שײַכעס ניט. סימכע מיט זײַנע לעצטע געשעפטן, זאָסיע מיט אירע קורסן און טאָליק מיט זײַן מאַ־טעמאַטיק, מיט זײַנע עקזאַמענעס און מיט אַזוינס, וואָס סימכע ווייסט אַליין ניט. געהאַלטן אינײַנעם האָט זיי בלויז די מיזינקע, שוראָטשקע, אַ ווײַסהאָריקע שילערן פון פערטן קלאַס, וואָס ווייסט נאָך ביכלאַל זייער ווייניק.

האָט סימכע באַשטימט הײַנט מאַכן אַ סאָף צו דעם אַלעמען.

נאָך פאַר דער וועטשערע האָט ער אָנגעהויבן טשעפּען זיך צו טאָליקן. ער שטייט ניט ווי עס דאַרף צו זײַן, ער זיצט ניט ווי עס דאַרף צו זײַן און קוקט ניט אַהין, ווו מע דאַרף. און סאַמע דער איקער:

— וועגן וואָס טראַכסטו?

— וועגן וואָס זאָל איך טראַכטן? — האָט טאָליק אָפּגעענטפערט, קוקנדיק ווי פריִער עפּעס אין אַ זײַט.

— וואָס הייסט וועגן וואָס? מיר הייבן זיך שוין אָן פאַקעווען.

— נו, איז וואָס?

— וואָס זשע, עס פרייט דיך ניט?

— וואָס דאַרף עס מיך פרייען, צי ניט פרייען? איך ווייס אַליין ניט.

— וואָס ווייסטו ניט? זאָג, וואָס ווייסטו ניט.

סימכע האָט געהאַלטן, אַז ער איז שוין גענוג צערייצט, ער זאָל דערלאַנגען טאָליקן דעם ערשטן פּאַטש. אַ פּאַטש דערווײַל, אַזוי זיך. אַ פּאָשעטן פּאַטש, מיט דער האַנט אין פּאָנעם. ער זאָל, הייסט עס, ניט זײַן אַזוי כוצפּעדיק, און אויב דער טאַטע פרעגט וועגן עפּעס, זאָל ער ענטפערן ווי אַ מענטש.

פאַר טאָליקן איז דער פּאַטש געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַז ער האָט די ערשטע מינוט אַליין ניט געגלייבט אין אים. ער געדענקט ניט, דער טאַטע זאָל אים אַמאָל שלאָגן. האָט ער בלויז אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער רעכטער באַק אַף פּעסטשטשעלן, פון וואָס האָט זי אָנגעהויבן אַזוי צו פלאַמען, און אַ קוק געטאָן אַפן טאַטן פאַרכידעשט־געפּלעפט, מיט יענער מוירדישער פאַרביסנקײַט, וואָס האָט נאָך מערער צערייצט סימכען.

— דו זאָג מיר איין זאַך, — האָט ער אויסגעשריגן. — דו פאַרסט, צי דו פאָרסט ניט?

דאָס, וואָס דער טאַטע האָט אַזוי עפּנטלעך געשטעלט אַזאַ פראַגע, דאָס, וואָס דער טאַטע אַליין האָט דערלאָזט אַ געדאַנק, אַז ס'איז מעגלעך אַזוינס, אַז ער, טאָליק, זאָל ניט פאָרן, האָט

אים גראַד אַ ביסל דערמונטערט. דערפאַר האָט ער פּעסט באַשטימט באַ זיך ניט ענטפערן אַף דער פראַגע. די ריגזע אין סימכען האָט שוין אָנגעהויבן זידן, האָט ער נאָכאַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— דו פאַרסט, צי דו פאַרסט ניט?

טאַליק האָט געשוויגן.

סימכעס פויסטן האָבן שוין לאַנג געבעטן אַרבעט, האָט ער ווי אָפּגעלאָזט דאָס קייטל און זיי געלאָזט אין גאַנג, און שוין ניט געקוקט, וווהין זיי טרעפן. באַ די ערשטע קלעפּ האָט טאַליק זיך נאָך געהאַלטן אַף די פיס, דערנאָך איז ער אומגעפאַלן. באַ די ערשטע קלעפּ האָבן זאָסיע מיט שורעלען בלויז געקוויטשעט, דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן בעטן זיך.

— טאַטע, טשעפּע אים ניט, — האָט געדרעוועט שורעלע.

— סימכע, וואָס טוסטו? — האָט זאָסיע אָנגעכאַפּט אים פאַרן אַרבל.

— זיסל, שווײַג, ניט דײַן אײַסעק! — סימכע האָט געמיינט, אַז ער איז שוין דאָרטן, און אָנגערופן זאָסיען מיט איר ריין־ייִדישן נאָמען.

און ווען פון טאַליקס צוגעשלאָסענע ליפּן האָט אַ ריין געטאָן אַ פּאַסיקל בלוט, איז זאָסיע צוגעפאַלן צו אים און אָנגעהויבן טרייסלען:

— טאַליק, זאָג עפּעס, ער וועט דיך דערהאַרגענען. דו קענסט ניט דעם טאַטן דײַנעם?

טאַליק האָט געשוויגן. דאָס איינציקע וואָרט, וואָס האָט זיך געריסן פון אים, אַ וואָרט, פול מיט שטוינונג, מיט פאַרדראָס און מיט נאָך ניט קיין באַנומענעם, ניט קיין אָפּגעזעצטן האַס, איז געווען — טאַטע. אַ וואָרט, וואָס האָט זיך געריסן פונעם מויל מיט אָן אַ שיר פראַגע־צייכנס און אויסרוף־צייכנס. נאָר גראַד דאָס וואָרט האָט ער איצט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט אַרויסרעדן.

און סימכע... אַף אַלע שורעלעס קוויטשערײַען און אַף זאָסיעס גוואַלדן און געבעטן האָט געענטפערט מיט איין וואָרט:

— שווײַגט, ניט אײַער אײַסעק! איך וועל אים... אַ טויטן וועל איך אים אהין אוועקפירן!

וועגן דעם, וואָס עס איז יענעם אָוונט זיך פאַרלאָפן באַ סימכען אין שטוב, האָט מען זיך דערוווסט אַ סאַך שפּעטער. טאַליקן האָט מען עטלעכע טעג ניט אַרויסגעלאָזט פון דער שטוב און זאָסיען מיט שורעלען איז געווען שטרענג אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט קיין וואָרט. אַזוי, אַז ווען די נײַס איז אָנגעקומען אין ייִדישן געסל, איז דאָס שוין קיין נײַס ניט געווען, נאָר דעם כאַלעם פון יענער נאַכט האָט בלומע צעפּויקט איבערן געסל טאָקע דעם זעלבן אינדערפרי:

— הערט נאָר, וואָס אַ ייִדן קאָן זיך כאָלעמען אין אַ וואָכעדיקן ערעוו־שאַבעס אינמיטן פרײַטיקצונאַכטס!..

אַזוי הייבט בלומע אָן איר געשיכטע. אירע ניט אויסגעשלאָפענע אויגן זײַנען הײַנט אויך אַ ביסעלע אײַנגעשרומפּן און אַ ביסעלע רויטלעך־צוגעבראָטן. אַז מענטשן זאָלן זיך כאָלע־מען אווטאָמאַטן, דאָס וווּנדערט זי ניט, ווײַל ווי נאָר שוליע קומט פונעם זאַוואָד און באַריס פון דער פאַבריק, הייבט זיך באַ דער וועטשערע אָן אַ מײַסע: אווטאָמאַטן אַהין, אווטאָמאַטן אַהער. באַריס האָט טײַנעס צום טאַטן, וואָס אייניקע אווטאָמאַטן זײַנען שלעכט אויסרעגוּ־לירט, אַלעמאָל פאַרטשעפּעט זיך עפּעס אַנדערש און מע מוז אַלץ איבערעגולירן. שוליע דער־ווײַזט אים, אַז דער זאַוואָד איז ניט שולדיק. ווײַל ביז מע לאָזט אַרויס אָן אווטאָמאַט, קאָנט־ראָלירט מען אים פון קאָפּ ביז די פיס. זײַנען שולדיק ניט די אווטאָמאַטן, נאָר די מיידלעך, וואָס זײַנען ערשט נעכטן געקומען פון דאָרף און ווייסן ניט, ווי באַגיין זיך מיט אים. דער־נאָך הייבן זיי ביידע אָן זידלען די בויער, וואָס זײַנען אַרויס פונעם גראַפיק און קאָנען צו־ריק ניט אַרײַן. איז דער הויפּט־קאָרפּוס פון דער העמטשקעס־פאַבריק נאָך ניט פאַרענדיקט, די אווטאָמאַטן זײַנען שלעכט אײַנגעמויערט, און די ווענטיליאַציע שטעלט זיך אַלעמאָל אָפּ. איז קיין וווּנדער ניט, וואָס אַפילע אין כאָלעם האָט מען צו טאָן מיטן אווטאָמאַט. נאָר אַז צוויי מענטשן אין פאַרשיידענע עקן פון שטאָט זאָל אין איין נאַכט זיך כאָלעמען אײנער און דער זעלבער כאָלעם!

דאָס איז גאָר אָן אַנדער מײַסע מיט גאָר אָן אַנדער אווטאָמאַט. עפּעס אַ צוועקעס־אווטאָ־מאַט, וואָס מע האָט געבראַכט אַזש פון מאָסקווע מיט אַ האַלב יאָר צוריק און ער האָט בע־שום־אויפן ניט געוואָלט אַרבעטן. האָבן צענדליקער מענטשן זיך געדרייט דעם קאָפּ, דערנאָך אַ שפּיי געטאָן און פאַרשטעלט אים אין עפּעס אַ פאַרוואָרפן ווינקעלע, ער זאָל אַזוי ניט מאַזאָליען די אויגן. איצט האָט מען זיך ווידער דערמאָנט אין אים, ווײַל יעדער מענטש איז

מיט גאָלד גלײַך און דער אוטאָמאַט וואָלט געקאָנט פאַרבײַטן א מענטשן זעקס פונעם פּורני־טור־צעך. האָט מען אַרײַנגעשלעפּט דעם שלימאַזלדיקן אוטאָמאַט אין אינסטרומענטאַלן צעך, און שוליע מיט ניקיטען האָבן זיך גלײַך צעקריגט איבער אים. ס'רעדט זיך אַזוי, צעקריגט. נאָר געשפּאַרט האָבן זיי זיך זייער הייס און גאַנץ הויך אַרײַנגעשריגן איינער דעם אַנדערן אין די אויערן עפּעס זייער ניט קיין לײַטישע ווערטער. דערנאָך האָבן זיי זיך שטאַרק אָנגע־ברוגזט איינער אפן אַנדערן און אָפּגעשוויגן א גאַנצן טאָג. נאָר ווער האָט געקאָנט וויסן, וואָס איז דאָס געווען פאַר א שווײַגעניש? ווײַל באַנאַכט...

ס'איז שוין געווען טאַקע היפּש אין דער נאַכט, די טראָלייבוסן זײַנען שוין ניט געגאַנ־גען, און ניקיטאַ האָט געיאָגט איבער דער שטאָט צופוס, פון איין ברעג צום צווייטן. ער האָט מוירע געהאַט, דער כאָלעם זאָל ניט צערינען ווערן. האָט ער אַלעמען שטאַרק אָנגעשראָקן, ווען ער האָט אַזוי האַסטיק אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. בליומע, בא וועמען דער שלאָף איז זייער א גרינגער, האָט דערהערט די ערשטע, אָפּגיך אַרופגעוואָרפן אָף זיך דאָס כאַלאַט און איז אַוועק עפענען.

— בליומאַ, וועק גיכער אוף שוליען, מיר האָט זיך עפּעס געכאָלעמט.

— אָף מײַנע סאָנימס קעפּ! וואָס פאַרא בייזע כאַלוימעס?

— פרעג ניט, בליומאַ, — ניקיטאַ האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם.

ווען מע האָט אופגעוועקט שוליען און ער, נאָך שטאַרק א פאַרשלאָפענער, האָט אויסגע־הערט ניקיטען, איז ער געוואָרן אויסער־זיך:

— וואָס דרייסטו מיר א מויעך? איך האָב נאַרוואָס געזען דעם זעלבן כאָלעם!..

— דו אויך? — האָט ניקיטאַ אים א כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט. — נו, איז קום שוין.

— וווּהין?

— וואָס הייסט וווּהין? אפן זאַוואָד!

גייען זיי שוין ביידע צופוס איבער דער באַנאַכטיקער שטאָט. זיי זײַנען ביידע פעסט בא זיך, אַז זיי האָלטן זייער שוטפעסדיקן כאָלעם, ווי אָף א צײַמל, און ער וועט אין ערגעץ ניט אַנטלויפן. נאָר ניקיטען לאָזט עפּעס ניט רוען.

— זאָג מיר נאָר, ווי'אַזוי האָט זיך דיר דאָס געכאָלעמט? — פרעגט ער בא שוליען.

— וואָס הייסט ווי'אַזוי?

— איך מיין, נו, אָף יידיש צי אָף רוסיש?

— א מאָשל, — איז שוליע ווי באַליידיקט. — כאַלוימעס זע איך שטענדיק אָף יידיש.

— אָ, אָט דאָס טאַקע האָב איך געוואָלט וויסן. ווי זשע הייסט בא דיר יענץ, וואָס האָט זיך דיר געכאָלעמט?

— וואָס יענץ?

ווערט שוין ניקיטאַ באַרויגעז:

— וואָס, דו שלאָפסט, צי דו מאַכסט זיך? איך מיין, די דעטאַל.

— אָך, די דעטאַל מיינסטו? א קלעפּקע. עס פעלט דאָרטן א קלעפּקע.

— א קלעפּקע? — ווערט ניקיטאַ א ביסל אַנטוישט און א ביסל דערשראָקן. — עפּעס ניט דאָס, ניט דער כאָלעם.

איז שוין שוליע אויך אומרויק:

— און ווי הייסט עס בא דיר?

— א זאַטיטשקע.

— א זאַטיטשקע? א זאַקליאָפּקע! — שרײַט אויס שוליע א דערפרייטער. — איז דאָס דאָך אַלציינס!

און ניקיטאַ, קעדיי אויסבאַהאַלטן די אייגענע פרייד, טוט א צי שוליען:

— שאַ, שרײַ ניט, וועסט אופוועקן די גאַנצע שטאָט!

געקומען אפן זאַוואָד, האָבן זיי ווידער אין איַלעניש פאַנאַנדערגענומען דעם אוטאָמאַט, אין איַלעניש, ציטערניש און פלאַטערניש, ווײַל זיי האָבן מוירע געהאַט, אַז ס'זאָל זיך פון דעם אַלעמען ניט אויסלאָזן קיין פוסטער כאָלעם. זיך דערקליבן צו יענעם אויסגעכאָלעמטן ערטעלע, האָבן ביידע דאָס א כאַפּ געטאָן אין די הענט, און בא ביידן האָט זיך אָנגעהויבן דרייען דער קאָפּ. זיי האָבן געמיינט, אַז אָט וועלן זיי אומפאַלן. ווײַל זיי אַליין איז שווער געווען צו גלייבן. אַלץ איז טאַקע ווי אין כאָלעם, נאָר פונקט קאַפּויער. טאַקע אָף יענעם אָרט און טאַקע א קלעפּקעלע, צי א קליאָפּקעלע, צי א שפּונקעלע. נאָר ניט ס'האָט געפעלט, נאָר פאַרקערט, געווען אָן איבעריקס. עפּעס א שפּונקעלע האָט ביגנייווע זיך אַרײַנגעכאַפּט ניט אַהין, ווו מע דאַרף, אַרויסגעשטעקט מיט עפּעס א מיעס שפּיצעלע און פאַרהאַקט דעם אוטאָמאַט דעם אָטעם. ביז זיי האָבן צוריק צונויפגענומען דעם אוטאָמאַט, ביז זיי האָבן אים

אײַנגעשטעלט און ער האָט אָנגעהויבן צו הודען, האָבן זיי געמיינט, אַז באַביידן וועלן אַרויס־שפּרינגען די הערצער. נאָר ווען דער אווטאָמאַט האָט זיך טאַקע צעהודעט, איז שוין גע־ווען גאַנצפרי און די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן קומען אַף דער אַרבעט. אײַ, מע דאַרף ניט דערציילן, וואָס איז געווען, ווען דער אווטאָמאַט האָט זיך צעהודעט. ס'איז זיי אַליין געווען אַ ביזאיען און זיי זײַנען שטאַרק רויט געוואָרן. ווײַל ווי נעמען עס צוויי אַלטע לײַט אָט אַזוי, אַפן ניכטערן הארצן, און הייבן זיך אָן קושן?

נאָך אַלעמען זײַנען זיי געקומען צוריק צו בליומען. דער נאַטשאַלניק פון צעך האָט זיי באַפרײַט פון דער אַרבעט, זיי זאָלן זיך אַ ביסל אויסשלאָפן. ניקיטאַ, גלײַך אַפן טיש וואָלט שוין עפּעס געשטאַנען, האָט געריבן די הענט פאַר טײַנעג און זיך אָנגערופן:

— בליומאַ, שטעל מאַהאַריטש. און זאָלסט וויסן זײַן, אַז איך מיט דײַן שוליען זײַנען פון איין נאַציע. מיר זענען אין איין צײַט איינע און די זעלבע כאַלוימעס.

ווען בליומע דערציילט איבער אַלץ, ווי עס איז געווען, פּוצט עס דערבײַ נאָך אַ ביסעלע צו, דערלויבט זי זיך שוין פאַרענדיקן מיט אַ ווערטל:

— ט'האָט איר אײַך אַ בײַשפּיל, ווען דער כאַלעם איז גרעסער פון דער נאַכט.

16

און דער פּרוט פליסט זיך פּאַמעלעך און שטיל, ווי אַן אַלט און שיין מײַסעלע. די צע־בויטעטע וואַסער זעט אויס מאַטעווע־גרוילעך, ווי דער נעפּל אין די בערג, ווי דער פאַרנאַכ־טיקער הימל, ווען די זון איז שוין פאַרגאַנגען און קיין שטערן איז נאָך ניטאָ. עפּעס מורמלט ער, דער טײַך, שעפּטשעט צו זיך אַליין, ווי אַן אַלטע באָבעצי אָן ציין: אַמאָל איז געווען אָ באָבעצי — אַ שקראַבעצי. אַן אַלטער טײַך מיט אַ ביסל אָפּגעקראַכענע ברעגן און קויטיקלעכע וואַסערן. אַז דער זומער צעהיצט זיך מיט זײַנע גרויסע היצן, ווערט די וואַסער ווי אויסגע־דאַמפּט און דער טײַך בלײַבט ליגן מיט זײַן זאַמדיקער נאַקעטקײַט, מיט אָן אַ שיר איבער־געפּוילטע וואָרצלען פון אַמאָליקע ווערבעס, מיט אָן אַ שיר צעשיידטע קאַליוזשעס, אין וועלכע קינדער פליוסקען זיך כוצפּעדיק און פאַרשײַט, גלײַך דאָס וואָלט ביכלאַל קיין טײַך ניט געווען.

אין אַזעלכע טעג טרייסט זיך דער טײַך דערמיט, וואָס ער איז ניט שטענדיק און ניט אומעטום אַזאַ, וואָס אַ ביסל ווײַטער איז ער פול ביזן ברעג און פון ביידע זײַטן הענגען איבער אים געדיכטע וועלדער, וואָס מאַכן די וואַסערן אינגאַנצן גרין. און אַז נאָך אַ ביסל ווײַטער האָט ער גאָר רײַכע קרויווים. פון איין זײַט דער דניעסטער, וואָס פליסט אַזוי גיך, אַז מע דאַרף אים גאָר קאָנען נאָכיאָגן, און פון דער צווייטער זײַט דער פינענדיקער טשער־מוש. אַפילע ניט קיין איינער, נאָר צוויי, דער שוואַרצער און דער ווײַסער. ביידע אַלצייַנס ווילד צעיושעט, ביידע האַלטן אין איין בושעווען, רוישן קײַלעכיקע מעסלעסן, ווי שיקער־לעכע הוצולן אַף אַ כראַם... און נאָך אַ ביסל ווײַטער, שוין פון יענער זײַט קאַרפּאַטן, דער בלויער דונײַ.

Їхав козак за Дунай,
Казав дівчині — прощай...

זאָגט מען גאָר, אַז דאָס לידל איז געבוירן געוואָרן דאָ, באַם פּרוט...

ס'איז געווען טאַקע יענע צײַט, ווען די זון איז פאַרגאַנגען און קיין שטערן זײַנען נאָך ניט געווען. און אַלץ אַרום איז געווען טונקל־גרוילעך — דער ווײַטער הימל, דער נעפּל אין די בערג, דער פּוסט־געוואָרענער פּליאַזש און דער פּרוט אַליין, וואָס איז געווען האַלב־אויסגע־טריקנט, און פונעם צעקאַלויטשעטן דנאָ, ערטערווײַז אַ גרײַפּלדיק־זאַמדיקער און ערטערווײַז פון סאַמע דריבנע גלאַנציקע שטיינדעלעך, האָט געצויגן מיט יענער פײַכטקײַט, וואָס איז קילער פון דער וואַסער אַליין, מיט אַ קילקײַט, וואָס גייט פון די פאַרבאָרגענע טיפענישן און שמעקט אויך מיט זייער פאַרבאָרגנס און זייער סוידעסדיקס.

איז שוין אַלץ אַרום געווען ענלעך אַף אַ מײַסעלע, מיט אָן אַ שיר סוידעס און אָן אַ שיר רעטעניש. ווײַל וואָס פּלוצעם האָט טאָליק צוגעשיקט מיטן קלענערן שוועסטערל אַ צעטעלע, פאַרוואָס איז ער אַליין ניט געקומען? און פאַרוואָס דאַרף זי, ציפּעלע, זיך גאַנווענען צום טײַך אַזוי, אַז קיינער זאָל ניט באַמערקן, וווהין זי גייט? פאַרוואָס שוין אין טיפן פאַרנאַכט און פאַרוואָס ערשט נאָך אַלעמען דאַרפן זיי זיך פאַרוקן אין אַ ווינקעלע אונטער דער אַלטער ווערבע, אַז קיינער זאָל זיי ניט זען?

פון דער ווערבע צו דער וואסער איז איצט זייער ווײַט, און ווי לאנג עס זאָלן ניט זײַן די פּאָר צווײַגלעך, וואָס זיי האָבן אָפּגעבראָכן, וועלן זיי צו דער וואסער ניט דערגרייכן. קאָ־נען זיי נאָר קאלופּען מיט זיי די זאמד, וואָס איז דאָ, באם ברעג, שוין אינגאנצן אויסגע־טריקנט. און דאָס, וואָס טאָליק דערציילט, און דאָס, וועגן וואָס טאָליק וויל ניט דערציילן, און דאָס, וואָזוי טאָליק שווײַגט...

געוויס האָט טאָליק אויסגעקליבן אזא צײַט און אזא פארטונקלט ערטעלע, זי זאָל ניט זען זײַן פארשוואָלן פּאָנעם, די נאָך ניט פארהיילטע סיניעקעס און באזונדערס דאָס שרעקעוודיקע, וואָס קוקט ארויס פון זײַנע קורצזיכטיקע אויגן. קוקן ניט צו איר, נאָר ערגעץ אנדערש, אָף יענער זײַט טײַך, אָף וועלכן עס שטייט, ווי א שוימער, אן איינזאם שטיבעלע. נאָר זי זעט סײַווי אלץ, זעט א סאך מערער, ווי ער קאָן זיך פאָרשטעלן. און אפילו ווען ער שווײַגט, טאָליק, קלינגען איר אין די אויערן זײַן טאטנס ווערטער, שנײַדן אין מויעך, ווי מיט א מע־סער, נעמט דורך דאָס גאנצע לײַב מיט א פיבערדיקן גרויל:

— א טויטן, א טויטן וועל איך אים אהין אוועקפירן!

נאָר דאָס קאָן זי ניט זען, דאָס זעט נאָר טאָליק, זעט פאר זיך די גאנצע צײַט, אויך איצט, ווען זיי זיצן אונטער דער ווערבע, — דעם טאטנס פּאָנעם. און דאָס רופט בא אים אלעמאָל ארויס א נײַעם פיבער. ווײַל ער קאָן זיך דאָס ניט פאָרשטעלן, צי איז מעגלעך אזוינס? ס'איז דעם טאטנס פּאָנעם און ניט דעם טאטנס, זייער א פרעמדס און זייער אן אכזאָריעסדיקס... אן אָנגעגאָסנס מיט בלוט, מיט זייער בייז בלוט, איז דאָס פּאָנעם געוואָרן רויט, שטארק אָנגע־בלאָזן. צוויי מאָל גרעסער, ווי געוויינלעך, און אָף אָט דעם פרעמד געוואָרענעם, אָנגעבלאָזע־נעם פּאָנעם האָבן די אויגן אויסגעזען, ווי צוויי קליינע פינטעלעך, וואָס האָבן ארויסגעגלאנצט מיט שוואַרצקײַט. ניט קיין מענטשלעכע אויגן אָף ניט קיין מענטשלעך פּאָנעם. טאקע דער־פאר, קלערט ער איצטער, האָט ער דאן גאָרנישט ניט געקאָנט ארויסרעדן. ווײַל דאָס איינ־ציקע וואָרט, וואָס האָט זיך געריסן פון אים, א וואָרט, וואָס האָט געדארפט אויסדריקן זײַן דערשטוינטקײַט, זײַן דערשיטערטקײַט, וואָס איז געווען שטארקער פונעם ווייטעק אליין, איז געווען — טאטע! נאָר ווי האָט ער געקאָנט אָנרופן אָט דאָס פרעמדע, אכזאָריעסדיקע פּאָנעם מיט אזא נאָמען?

— א מאטעמאטישער פּאראדאָקס... — נאָך א לאנגן שווײַגן, וואָס האָט ציפּעלען אויסגע־זען שרעקלעכער, ווי זײַן דערציילונג אליין, האָט טאָליק ווידער זיך צערעדט. — געדענקסט, מיר האָבן געלייענט וועגן איינשטיינס רעלאטיוויטעט־טעאָריע. ווען א שיף מיט קאָסמאָנאווטן זאָל זיך לאָזן צו דער פלאנעטע ווענערע, פליען א האלב יאָר אהין און א האלב יאָר צוריק, וואָלטן די קאָסמאָנאווטן, וואָס זײַנען געווען אויסער דער ערד ניט מערער, ווי א יאָר, גע־טראָפן די איבערגעלאָזטע זויג־קינדער אלס אכציקיאָריקע זקיינים... ווײַל די צײַט איז רע־לאטיוו און אין אנדערע וועלטן איז זי גאָר אן אנדערע. מיט מיר איז געשען גאָר פארקערט. פאר די עטלעכע טעג, וואָס איך בין געווען ניט הי, גאָר אין אנדערע וועלטן, האָב איך זיך שטארק געעלטערט. עפשער אָף צען יאָר, עפשער אָף פופציק יאָר און עפשער אָף אלע הונדערט. און איך הער ניט אוף ווונדערן זיך: אלץ איז געבליבן ווי געווען, ווי איך האָב דאָס אמאָל איבערגעלאָזט. און דו אויך. דו ביסט אזוי יונג און שיין. מיר גלייבט זיך אפילע ניט.

— וואָס רעדסטו, טאָליק?

ציפּעלע האָט צוערשט געמאכט א פּרווו אָפּרוקן זיך פון אים, ווײַל זי האָט זיך פּאָשעט דערשראָקן, גַעמיינט, ער איז ניט בא די געדאנקען. דערנאָך א טאפּ געטאָן זײַן שטערן, אָף וועלכן זי האָט אָנגעטאפּט א פּאָר אופגעלאָפענע בערגעלעך. זי האָט געמיינט, אז ער רעדט פון היץ. נאָר ס'איז געווען ניט דאָס און ניט יענץ. און דערפון איז איר געוואָרן נאָך שרעק־לעכער.

— ווען מײַן טאטע זאָל וויסן... ווען מײַן טאטע זאָל קאָנען פארשטיין, וואָס ער האָט פון מיר ארויסגעשלאָגן און וואָס ער האָט ארײַנגעשלאָגן!

ציפּעלען דוכט זיך, אז טאָליק באמערקט זי אינגאנצן ניט, זעט זי ניט, פילט זיך טאקע, ווי גאָר ערגעץ אנדערש, און רעדט מערער צו זיך אליין. און ער דארף זי נאָר דערצו, עס זאָל זיך אים דוכטן, אז ער רעדט צו עמעצן.

— ווײ, ווײ, ווו בין איך ניט אויסגעוועזן פאר די עטלעכע טעג! איך בין געווען אין וויעטנאַם, איך בין געווען אין טשילי, איך בין געווען אין צאָפן־אמעריקע, איך בין געווען אין ייִסראָעל. און געזען אלץ, אלץ...

— וואָס רעדסטו, טאָליק?

— שלאָג מיך ניט איבער. פארשטייסט, אויב דו ווילסט וויסן, האָט מײַן טאטע מיך טאקע

געהארגעט. א סאך זאכן אין מיר אוועקגעהארגעט. און דאָס ערגסטע, וואָס ער האָט אוועק־געהארגעט, איז — זײַן זון. איצט לעבט שוין אַף דער וועלט גאָר אַן אנדערער. איך ווייס נאָך אליין ניט ווער, נאָר שוין ניט זײַן זון. און איצט, ווען איר בין אזויפיל מאָל ארומגעפלויגן די ערד...

ציפּעלע, געפּלעט פון זײַנע דערציילונגען, האָט געפרעגט גאנץ ערנסט:

— ווי:אזוי ביסטו עס ארומגעפלויגן?

— וואָס הייסט, ווי:אזוי? אַף א קאָסמישער שיף! פונדערווײַטנס זעט די ערד אויס גאָר אנדערש. מע זעט זי מיטאמאָל אינגאנצן. און דאָס איז זייער א פארכאַפּנדיק, אַן איבע־ראשנדיק בילד. מע זעט, ווי איין שטיקל ערד איז פארגאָסן מיט זון און א צווייט שטיקל איז באדעקט מיט וואָלקנס. אַף איין אָרט גיסט א רעגן און אַף א צווייטן בושעווען זאווערוכעס. און מע זעט, ווי די גאנצע ערד פיבערט. די ערד איז אזוי קליין, אלץ אַף איר איז אזוי איבערגעפלאָכטן. איצט איז פאראן איין גרויסער גורל פון דער גאנצער מענטשהײַט. אָדער זײַן, אָדער אומקומען אין איין אויגנבליק.

— טאָליק, טאָליק! עפּעס רעדסטו אזוינס! איך האָב גאָר מוירע פאר דיר! דו רעדסט, ווי א פריידיקער, עפּעס גאָר, ווי א נאָווי!

ציפּעלען האָט זיך געדוכט, אז טאָליק האָט א שמייכל געטאָן. דאָס ערשטע מאָל פאר דער גאנצער צײַט.

— מע קאָן טאקע ווערן א נאָווי. אז דײַן אייגענער טאטע! ער רעדט וועגן אכדעס פונעם ייִדישן פאָלק און איז גרייט הארגענען דעם אייגענעם זון.

יאָ, טאקע דאָס שמייכעלע, וואָס האָט אזוי דערפרייט ציפּעלען. צי דען קאָן א שמייכעלע ארויסרופן אזויפיל וויטעקן, אז דאָס גאנצע פּאָנעם זאָל מיטאמאָל זיך פארקרימען, צונויפ־קאָרטשען און טאָליק זאָל דארפן א רײַב טאָן די באקן, זיי זאָלן אזוי ניט אונטערשפּרינגען?

— נארישקײַטן, פארשטייט זיך, — האָט טאָליק ארויסגערעדט, רײַבנדיק די באקן. — איך האָב פּאָשעט אָנגעהויבן בעסער זען. עס האָבן מיר זיך געעפנט די אויגן, און א סאך זאכן פארשטיי איך איצט גאָר אנדערש. געדענקסט, בא אײַך אין שטוב? דײַן זיידע האָט געזאָגט, אז אים איז ווייניק זײַן א ייִד, אז ער וויל זײַן א שטיקל רוס, א שטיקל אוקראַ:נער, אמאָל א וויעטנאמער און אמאָל א טשיליִעץ. דאַן האָט דאָס מיר אויסגעזען ווילד, אומנאטירלעך. איצט פארשטיי איך, וואָס ער האָט געמיינט. אָ, ווען איך דארף איצט אָפּגעבן עקזאמענעס אַף געשיכטע, וואָלט איך אָפּגעבן אַף א פינף.

צי דערפאר, וואָס טאָליק האָט דערמאָנט וועגן זיידן, צי דערפאר, וואָס אפן הימל האָט זיך באוויזן דער ערשטער שטערן, יענער שטערן, וועמעס פינקלענדיק פײַערל גיט צו דעם הימל זײַן אָוונטיקע טונקלקײַט, עפּשער ביכלאַל אונטערן אײַנדרוק פון טאָליעס קאָסמישע רײַזעס, צי עפּשער גאָר איבער די פארזאָטענע סיניעקעס אַף טאָליקס פּאָנעם, האָט ציפּעלע פלוצעם א זאָג געטאָן:

— יאָ, אפּאָנעם, אז ס'איז טאקע אזוי: דער מענטש שטאמט פון שטערן.

— ווער האָט דאָס דיר געזאָגט? — טאָליק האָט אזש א ציטער געטאָן.

— מײַן זיידע.

— דײַן זיידע? און מיט וואָס קאָן ער דאָס דערווײַזן?

ווייסט זי ניט, ציפּעלע, צי עס לוינט דערציילן. ווײַל זי ווייסט ניט, צי מע קאָן מיט דעם עפּעס דערווײַזן. נאָר פונדעסטוועגן... דאָס, וואָס דער זיידע האָט איר דערציילט, ניט יענעם גאנצפרי באם טײַכל, נאָר אין עטלעכע טעג ארום, ווען זי, ווי טאָליק איצט, איז צוגעשטאנען צו אים, ער זאָל איר דערווײַזן זײַן היפּאָטעזע.

איצט, ווען ציפּעלע האָט געפּרוווט אלץ איבערדערציילן, האָט דאָס טאקע אויסגעזען, ווי א מײַסעלע, איר אליין איז שווער פאָרשטעלן זיך יענע ווײַטע צײַט, איר איז שווער פאָר־שטעלן זיך די טורמע און דעם זיידן אין איר, איר איז שווער פאָרשטעלן זיך יענעם קאר־צער, אין וועלכן מע האָט אָפּגעהאלטן דעם זיידן א טעג צען, און ווי ער איז ארויס פון אים קוים א לעבעדיקער, אינגאנצן א פארשוואָלענער, מיט א סאך פאַרזאָטענע סיניעקעס אפן פּאָנעם, אונטער די אויגן. ער האָט דאַן אויסגעזען ביז גאָר דערשלאָגן, דער זיידע, און קעדיי דערמונטערן אים א ביסל, האָט איינער פון די עלטערע אסירים א זאָג געטאָן:

— האלט זיך, דארפסט וויסן, אז דער מענטש שטאמט פון שטערן.

און ווי ס'האָט אָפּט געטראָפן דאָס, וואָס האָט דאָווידן ניט אופגעהערט וווּנדערן, האָט דער ניט־ייִד אים פאָרגעלייענט א פּאָר שורעס פון א ייִדישער ליד:

איך קום, ווי א שטאָלצער קאָמעט,
ווי די זון, ווען עס הייבט אָן צו טאָגן!..

ערשט אין פיל יאָרן ארום, טאקע גאָר ניט לאנג, האָט דער זיידע זיך אָנגעשטויסן אַף אָט דער ליד און זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז א ליד פונעם באוווּסטן ייִדישן רעוואָליוציאָנערן דיכטער יוסעף באָושאָווער. דעם טאָג איז ער ארומגעגאנגען א יאָמטעוודיקער, אַלץ אין אים האָט געזונגען, און פאר די אויגן זײַנען געשטאנען יענע טעג פון פארן קארצער און נאָכן קארצער און יענער ניט יונגער קאטאָרזשניק, וועמען מע האָט געקאָנט אָנעמען פאר א רומענער, אָדער פאר א טשעך, וואָס האָט אויסדעקלאמירט אַף ייִדיש:

איך קום, ווי א שטאָלצער קאָמעט!..

און ווידער טאקע ערשט ניט לאנג... ער ווייסט אליין ניט, פארוואָס דער דאָזיקער איניען האָט אים אַלעמאָל אזוי פארכאפּט, גלײַך די אָדער יענע היפּאָטעזע וועגן דער אנטשטייונג פון דער ערד אָדער וועגן דער אנטשטייונג פון לעבן קאָנען עפּעס ענדערן. פונדעסטוועגן האָט זיך זייער געוואָלט א שטיקל באשטעטיקונג פארן גרויסן ייִכעס פונעם מענטשן. עפּעס מערער, ווי די מאַלפּע אליין. איז פאר אים אויך געווען א שטיקל יאָמטעוו, ווען ער האָט איבערגעלייענט וועגן דער היפּאָטעזע פונעם ענגלישן אסטראָנאָם דזשאָן דזשעמס, אַז אַלע פּלאנעטעס פון דער זון־סיסטעם זײַנען אופגעקומען פון א צעגליטער שיטעריצע, וואָס א דורכגעפלויגענער שטערן האָט מיט זײַן צוציִונג־קראפט ארויסגעריסן פון דער זון. די דאָזיקע היפּאָטעזע איז אים צום הארצן א סאך מערער פון אנדערע. ווי אויך פון דער, אַז די ערד איז אופגעקומען פון קאלטן קאָסמישן שטויב. איין זאך איז קאלטער שטויב, און א צווייטע זאך איז א צעגליטע מאסע. און ניט אזוי די צעגליטע מאסע אליין, ווי דער שטערן, דער גיגאנטישער סופּער־שטערן, וואָס האָט געקאָנט רײַסן שטיקער פון דער זון אליין. ארויסרײַסן פון אירע געדערים אזא שטיק, עס זאָל סטײַען אַף אויסקנעטן די ערד און אַלע איבעריקע פּלאנעטעס, איז אוודע א סאך שענער. א סאך רעגעוודיקער איז פאָרשטעלן זיך די ערד און אַלץ, וואָס איז אַף איר דערנאָך אופגעקומען און דעם מענטש אליין אויך, ווי א רעזולטאט פון א קאָלאָסאַלער קאָסמישער דראמע, אין וועלכער ס'איז פארמישט א דורכגעפלויגענער סופּער־שטערן. קאָן דער מענטש אליין ציִען זײַן ייִכעס פון אים. און קאָן דערקלערן דערמיט דאָס, וואָס זינט דער מענטש איז א מענטש, לאָזן אים ניט רוען אַלץ נײַע און נײַע הויכע טרוימען. און עס האַלטן אים אין איין ציִען יענע ווײַטע הימלען צי די ווײַטסטע שטערן.

איך קום, ווי א שטאָלצער קאָמעט!

דאָס האָט שוין א זאָג געטאָן טאָליק אליין, צוגעמאכט די אויגן, ווי אײַנגעהערט זיך, אײַנזאפּנדיק אין זיך דעם הייסן גלי פון אָט די הויכע ווערטער.

— פארוואָס, פארוואָס! — האָט ער קימאט אויסגעשריגן מיט ווייטעק, — פארוואָס ווייסן מיר אזוי ווייניק! פארוואָס דערוויסן מיר זיך אַלעמאָל וועגן עפּעס אנדערש א ביסל צו שפּעט!

— עס איז קיינמאָל ניט שפּעט! — האָט ציפּעלע אים דערווידערט.

איבער דער בריק, וואָס א מעטער הונדערט פון דער ווערבע, לעבן וועלכער זיי זײַנען געזעסן, האָט מיט ראַש א יאָג געטאָן א לאנגער פּאסאזשיר־צוג און צערודערט אַלץ ארום. די בריק האָט אונטערגעציטערט אונטער דער שווערקײַט פון די יאָגנדיקע וואגאָנעס, די לופט האָט א סיפּע געטאָן, ווי דורכגענומען מיט א צוגווינט, ס'האָבן א ציטער געטאָן, ווי צעפּאָלאָכעטע, די שיטערע בלעטער אַף דער אַלטער ווערבע, און ס'האָט אַף א ווײַלע זיך א כוואַליע געטאָן דאָס פלאטשיקע וואסער אין טײַך. טאָליק האָט אויך א ציטער געטאָן. מיט גאָר אַן אנדער ציטער. ער האָט ניט אראָפּגענומען דעם בליק פונעם אוועקיאָגנדיקן צוג, און ווען אַלץ ארום האָט זיך בארויִקט, האָט ער נאָך אַלץ ניט געקאָנט אײַנעמען דעם אייגענעם ציטער.

— דו זעסט, ציפּעלע? אין א וואָך ארום... מיט דעם זעלבן צוג...

— דו אויך?

— איך ווייס ניט. איך ווייס אליין ניט. ווען ניט דאָס קלענערע שוועסטערל מײַנס, שורעלע. זיי רופן זי „ווישקראָב” און האָבן זי ניט ליב. איך ווייס אליין ניט פארוואָס. האָב איך זייער מוירע פאר איר. איך טאָר זי ניט איבערלאָזן מיט זיי אליין. זי וועט דאָס ניט אויסהאַלטן.

— נו, און איך? — האָט זיך ארויסגעריסן בא ציפּעלען.

טאָליק איז ווידער אנשוויגן געוואָרן. ער האָט אַלץ געקוקט, שטארק זיך אײַנגעקוקט אין ציפּעלעס פּאָנעם, גלײַך אין דער אָנגעשווומענער טונקלקײַט זעט ער זי שלעכט, און געשוויגן. ווײַל דאָס, וואָס ער האָט אָקאָרשט א טראכט געטאָן, דאָס, וואָס האָט אים דורכגעשניטן דעם מויעך, דורכגענומען דאָס גאנצע לײַב מיט א נײַעם גרויל, איז געווען דאָס סאַמע שרעקלעכסטע, און ארויסרעדן דאָס איז געווען אומעגלעך, אומדערלאָזבאר. ווײַל עס קאָן אזוינס

3*

ניט זײַן, עס טאָר אזוינס ניט געשען, ניין, ניין! צי דען מעג ער אפילע טראכטן אזוי? אז אויך די ליבע איז אין אים אָפגעשטאָרבן! אָפגעשטאָרבן, צי בלויז פארקילט געוואָרן, פארגליווערט געוואָרן און מע דארף האָבן צײַט, זי זאָל ווידער צעווארעמען זיך, זי זאָל ווידער אופלעבן.

— א צווייטער פיזישער פאראדאָקס, — ארויסגערעדט, ווידער, ווי צו זיך אליין. — ווען קאָסמאָנאווטן קערן זיך אום אף דער ערד נאָך א לאנגער קאָסמישער רײַזע, דארפן זיי האָבן א שטיקל צײַט אף באפרײַען זיך פונעם צושטאנד פון אָנוואָגיקײַט. בא מיר איז קאַפויר. איך קאָן זיך אלץ ניט באפרײַען פון די קאָלאָסאלע איבערלאָדונגען. זיי בייגן מיך צו דער ערד. מיר איז אפילע שווער שטעלן א פוס...

א כאַפ געטאָן ציפעלען פאר דער האנט און אָנגעהויבן רעדן גיך, גלײַך ער האָט מורא געהאט, אז ער וועט ניט באַווײַזן זאָגן אלץ, וואָס ער וויל, אָדער ער וועט איבערטראכטן און ווידער אנשוויגן ווערן.

— ציפעלע, דו פרעג בא מיר גאָרניט און זאָג מיר גאָרניט. דו וואַרט נאָר צו א ביסל. לאָז מיך זיך באפרײַען פון די אלע איבערלאָדונגען, איך דארף אראָפוואַרפן פון זיך די איבעריקע יאָרן, ווידער ווערן... ניין, ניין, אזא, ווי איך בין געווען, וועל איך שוין ניט זײַן, קיינמאָל ניט. איך וועל שוין קיינמאָל ניט זײַן אזא, ווי מײַן טאטע וויל. נאָר די יונגע יאָרן מוז איך אומקערן, איך מוז אומקערן זיך אליין... איך מוז אומקערן דיך... וואַרט צו עטלעכע טעג. איך וועל קומען צו דיר. דעם קומענדיקן פרײַטיק. דעם קומענדיקן פרײַטיק פאָרט מען אוועק. איז אָט. פרײַטיק, עטלעכע שאָ פארן אָפפאָרן. צוויי שאָ פארן אָפפאָרן. א שאָ פארן אָפפאָרן! איך וועל אומבאדינגט, אומבאדינגט, איך וועל קומען צו לויפן, און דו וועסט מיך אויסבאהאלטן.

— טאָליק, דו מוזט שוין ארײַנקומען צו אונדז. זיך דורכשמועסן מיט מײַן זיידן. ער וועט דיר אלץ דערקלערן.

— ניין, ניין, איצט טאָר איך ניט. איך דארף שוין זײַן אין דער היים. קיינער טאָר ניט וויסן, ווו איך בין געווען, נאָר איך וועל קומען צו דיר, צו דײַן זיידן. צוויי שאָ פארן צוג. א שאָ פארן צוג.

ווידער ווי עלטער געוואָרן און ארויסגערעדט שוין אָן יענער פארכאַפונג:

— דו בלײַב דאָ א ביסל. מע דארף אונדז ניט זען אינאיינעם. א זאָקן מיט א יונג מיידל...

און איז גלײַך אוועק מיט זקיינישע, שלאַבעריקע טריט, שקראַבענדיק מיט די פיס איבערן צוגעוויאַנעטן גראָז. ער איז געגאַנגען, געהויקערט זיך, און ציפעלען האָט זיך גע-דוכט, אז ער הוסט מיט עפעס א פארדעכטיקן הוסט, א הוסט, וואָס ער האָט די גאנצע צײַט מיט אלע קויכעס אײַנגעהאלטן. ציפעלע האָט געוואָלט אים נאָכלויפן, א רוף טאָן צוריק, אָדער גלאט אזוי א געשריי טאָן, אָדער. גלאט אזוי צעוויינען זיך. אויסוויינען איר ווייטעק, אויס-וויינען איר שרעק. ווײַל דאָס, וואָס טאָליק האָט איר דערציילט, און דאָס, וואָס טאָליק האָט ניט דערציילט... און טאָליק אליין... זי פארלירט אים, טאָליקן, זי האָט אים שוין פארלוירן. ווײַל דאָס איז גאָר ניט דער טאָליק.

דער הימל איז שוין געווען היפש אויסגעשטערנט, פונקט ווי עס פאסט פאר א זומערדיקן אָוונט. און דער טײַך איז זיך צעפלאָסן פאַמעלעך און שטיל, ווי אָן אלט שיין מײַסעלע. און כאָטש וואסער אין אים איז געווען ביז גאָר קנאַפ, האָט ער זיך געקאָנט בארימען מיט זײַנע רײַכע קרובֿים. מיטן גיכפליסנדיקן דניעסטער, מיטן שווארצן און ווײַסן טשערמוש, וואָס זײַנען ביידע אלציינס שטורמיש און ביידע אלציינס ראשיק. און מיטן בלויען דונײַ.

Їхав козак за Дунай,
Казав дівчині — прощай...

דאָס יידישע געסל. זאָל זײַן, עס זאָל טאקע אינגאנצן ניט סטײַען? שוליע זאָגט — גענע-ראַלנע פלאַן. ער האָט אליין געהערט אף א לעקציע. און אז א גענעראַלנע פלאַן, איז וואָס? דערפון איז בליומען ניט גרינגער. און וואָס קומט איר ארויס, וואָס לויט אָט דעם גענעראַלנע פלאַן וועלן אפן אָרט פון די קליינע שטיבלעך אופקומען גרויסע פילשטאָקיקע מויערן? און וואָס אָנשטאָט די שמאָלע פארשטויבטע געסלעך און פארשאָטנטע ליקעלעך וועלן אופקומען ברייטע גאסן און פראָספעקטן און גרויסע סקווערן? און וואָס אומעטום וועט זײַן פול מיט זון, פול מיט ביימער און קווייטן און מיט אלע איבעריקע זיבעצן זאכן? יאָ, אלץ איז גוט, אָבער דאָס יידישע געסל! ווי וועט זי, בליומע, קאָנען לעבן, זי זאָל יעדן גאנצפרי ניט זען העגעך קאָוועל, דעם אלטן לאַריאָן, בעניע מאַליער און שיפרע די קישעפמאַכערן מיט איר גאנצער כאַפטע! און טאקע העגעך אליין... וווּהין וועט ער זיך אהינטאָן מיט זײַן קוזניע, און וואָס וועט

זײַן מיט לאַריאַנס סעדלל? און זי אַליין, בליומע, וואָס וועט זי טאָן מיט אירע לעצטע נײַסן? זאָל זי זײַ פאַנאַנדערפירן מיטן טראַלייבוס און אופהייבן זיך מיט זיי אַפן צענטן שטאָק? איז בליומע עפּעס פאַרומערט. זי בענקט שוין. ווען וועט מען זיך ערשט נעמען צו אים, צום גענעראַלנע פּלאַן, ס׳וועט נאָך אַוועק אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, ס׳איז דערוויַיל ניט מערער, ווי אַ לעקציע, נאָר זי, בליומע, בענקט שוין נאָכן ייִדישן גאַסל, וואָס מוז פאַרשווונדן ווערן, אַראָפּ פונעם מאַרק, ווי עס רעדט זיך.

קיין פרומע איז בליומע קיינמאָל ניט געווען, נאָר זי האָט ליב געהאַט אַמאָל אַרײַנקוקן אין אַ פענצטער ערעוו־שאַבעס, ווו עס שטייט אַ שאַבעסדיק־פאַרשפּרייטער טיש מיט צוויי אָנגעצונדענע ליכט אויף אים. זי האָט ליב געהאַט צו קוקן, ווי אייניקע טומלען זיך אַרום די מאַצעס ערעוו־פּייסעך אָדער קלאָגן זיך יאַמקיפּער אַף אַ שווערן טאָנעס... ס׳האָט איר אין עפּעס דערמאָנט. אין זייער, זייער ווײַטן און אין זייער, זייער שווערן... אין זייער אַמאָליק שטיבעלע לעבן טיפן יאַר, אין זייער אַמאָליק שטעטעלע, אין זייער אַמאָליקן דאַלעס, אַמאָליקער אָרעמקײַט. קיינער וועט גאַרניט גלייבן, אַז דאַלעס קאָן זײַן אַזוי העל, אַזוי בונט, אַזוי פילפאַרביק... סאַראַ רײַכע פאַנטאַזיע עס איז געווען באַם דאַלעס! אַ קוק טאָן אַפן איצטיקן אוילעם, וואָס באָדט זיך אין גוטס, — איינער איז ענלעך אַפן צווייטן, ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט. באַ אַלעמען דער זעלבער אָנצוג, דער זעלבער גאַרניטור, דער זעלבער טעלעוויזאָר און דער זעלבער כאָלאָדילניק. נאָר וואָס זאָל זי טאָן, אַז עס בענקט זיך, וואָס קומט איר דערפאַר? און אַז זי גייט דורך אַמאָל אַ שאַבעס און טוט אַ קוק אַרײַן אין אַזאַ ייִדישער שטוב... מעגלעך, אַז עפּעס דערפון וועט זײַן אויך אַף די נײַע גאַסן, נאָר ס׳וועט זיך שוין אַזוי ניט אָנזען.

וועגן וואָס מע זאָל ניט רעדן, קומט מען אַרויף אַף דעם זעלבן. וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט, לעמאָשל, דער גענעראַלנע פּלאַן צו ייִסראָעלן? נאָר, זעט איר דאָך!

— מיר פעלט ייִסראָעל ווי אַ לאָך אין קאָפּ. און אויב דיר ווילט זיך אַזוי שטאַרק, קאָנסטו אַליין פאָרן. האָסט דאָרטן אויך אַ שטיקל קאָרעווו, דעם יויזל דײַנעם, שרײַב אים אָן, זאָל ער דיר שיקן אַן אַרויסרוף.

לאַריאָן דאַרף מער ניט. וואָס הייסט, מע האָט אָנגערירט דעם קאָוועד פון יעזוסן!

— אַזעלכע אַפּיקאָרסים, ווי דו, — האָט ער געטײַטלט צו הענעכן מיטן פינגער, — זײַנען שוין גאָר קיין ייִדן ניט.

— אָ, אָ! — איז הענעך אונטערגעשפּרונגען. — פאַר אַוועק אַהין, וועסטו ווערן אַן עכטער ייִד. וועסט גאָר מוזן זיך מאַלע זײַן אַף דער עלטער.

הייבט מען אָן רעדן וועגן ייִסראָעל, פאַרגעסט שוין בליומע אויך וועגן גענעראַלנע פּלאַן. ווײַל מיט אים צי אָן אים... זי קאָן דען צוטראַכטן עפּעס אַנדערש? און אַז זי וועט זיך שטאַרק פאַרבענקען נאָך אַ פריִערדיקער שכיינע, וועט זי שוין יאַקאָס געפינען איר אַדרעס. אָבער יענץ איז דאָך גלאַט אַ צאָרע! אַז מע פאָרט אַוועק אַהין, קאָן מען שוין צוריק ניט קומען, ווי יענטע די סטאָליערקע שרײַבט.

„ווײ, ווײ, — שרײַבט זי, — ווי איך האָב זיך עס געיאָגט וואָס גיכער זיך אַרויסרײַסן פונעם גאָלעס. איצט באַוויין איך מײַנע יאָרן. גוואַלד, ליבע מײַנע, ווי קומט מען צוריק אין אונדזער ליבן „גאָלעס“!“

— נאַרישע מענטשן, — רעדט בליומע צו זיך אַליין. — מיט די אייגענע הענט! מע נעמט און טרײַבט זיך אַליין אַוועק אין גאָלעס!

פאַר בליומען איז דאָס ניט מער ווי אַ שטיקל פּריקרעקײַט. אַמאָל קימערט עס זי אַ ביסל, אַמאָל פאַרדריסט עס זי טאַקע שטאַרק, אַמאָל קומט זי אָפּ מיט אַ בינטל ביטערלעכע געדאַנקען, נאָך וועלכע זי מוז עפּעס אײַנעמען, און אַמאָל צעקריגט זי זיך אפילע מיט עמעצן. נאָר — אָפּגעקריגט זיך, איבערגעטראַכט, פאַרטרונקען מיט עפּעס זיסן, און עס גייט דורך. אָבער ציפּעלע!

אַ גאַנצן פרײַטיק איז זי אָפּגעלעגן מיטן קאָפּ אין קישן און געוויינט. ניט אַף יענעם טאַליקן, מיט וועמען זי איז געזעסן אונטער דער ווערבע, וואָס האָט אויסגעזען אומגעוויינלעך פאַרענדערט און גערעדט אומגעווינלעך שרעקלעך. פאַר יענעם טאַליקן האָט זי מוירע. זי האָט געוואָרט אַפן פריִערדיקן טאַליקן, אַף אַזאַ, ווי ער האָט צוגעזאָגט קומען. ווידער אַזאַ ווי געווען, זאָל זײַן טאַקע ניט אַזאַ. אַוודע בעסער, וואָס ניט אַזאַ, נאָר אַ יונגער, אָן די אַלע איבעריקע יאָרן, וואָס האָבן אים געבויגן צו דער ערד. אַלעמאָל האָט זי זיך אופגעזעצט, אַ קוק געטאָן אַפן קליינינקן האַנט־זייגערל און ווידער זיך אַ וואָרף געטאָן צום קישן.

דאָס זייגערל איז סאַקאָנעסדיק געלאָפן, מאַמעש געשלונגען די צײַט. איבערגעשפּרונגען פֿון איין שאָ צו דער צווייטער. צו יענע צוויי שאָ... צו די צוויי שאָ פֿאַרן אָפּגיין פֿונעם צוג איז שוין קימאַט גאָרניט געבליבן. און טאַליק... ווו זשע איז ער, ערגעץ, טאַליק?

דער זיידע אויך. זי האָט אים דערציילט וועגן טאַליקן אַלץ. וועגן זײַן פֿאַרשוואָלן און פֿאַרבלאָזט פּאָנעם, וועגן די בײַלן אויפֿן שטערן און וועגן זײַנע מאָדנע, שרעקלעכע רייד יענעם פֿאַרנאַכט באַם טײַך, און וועגן די צוויי שאָ, צוויי שאָ פֿאַרן אָפּגיין פֿונעם צוג. דער זיידע האָט צוגעזאָגט קומען פֿון דער אַרבעט אַ ביסל פֿריִער, ווײַל מע דאַרף דאָך דערוויסן זיך, מיט וואָס איז טאַליק געקומען, און באַטראַכטן, וואָס ווײַטער צו טאָן. איז ער נאָך אַלץ ניטאָ, דער זיידע. ווען דאָס זייגערל, וואָס איז הײַנט ווי פֿון זינען אַראָפּ — עפּעס אַ מעשוגן זייגערל מיט צעדרייטע ווײַזערלעך, — איז צוגעשפּרונגען צו יענעם געפֿערלעכן אָרט, נאָך ווען, ווי ציפּעלען האָט זיך געדוכט, ס'האָט אַלץ געמוזט זיך אָפּשטעלן: דאָס זייגערל, די צײַט אַליין און אויך דאָס אייגענע האַרץ אירס, — איז זי אַראָפּגעשפּרונגען, אַפּגיך אָפּגעוואַשן די טרערן פֿונעם פּאָנעם און פֿון די אויגן, ווי־ניט־איז, אין אײַלעניש, זיך צוגעקעמט, און... וווּהין לויפֿן, האָט זי אייגנטלעך ניט געוווּסט. זי האָט נאָר געוווּסט איין זאַך: זי מוז לויפֿן, זי מוז ערגעץ לויפֿן.

זיי האָבן זיך באַגעגנט אויף די טרעפּ. ציפּעלע איז געלאָפֿן מיט די טרעפּ אַראָפּ, און דאָוויד האָט געסאָפּעט מיט די טרעפּ אַרויף. לויט דעם, ווי ציפּעלע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן און אַ כאַפּ געטאָן אים פֿאַר דער האַנט, האָט דאָוויד פֿאַרשטאַנען, אַז טאַליק איז ניט געקומען. האָט ער געגנומען פֿאַרענטפֿערן זיך, גלײַך ער וואָלט געווען שולדיק אין דעם:

— כ'האָב פֿריִער ניט געקאָנט. פֿאַרשטייסט, ציפּעלע, מײַן קוטשעראַווע בריגאַדע, גראַד הײַנט!.. זיי גייען דאָך די גאַנצע צײַט די ערשטע, דאַרף זיך טרעפֿן אַזאַ זאַך!

פֿאַרשטאַנען, אַז ציפּעלען ליגט איצט ניט אין קאָפּ זײַן קוטשעראַווע בריגאַדע, איז ער גאָר אַנשוויגן געוואָרן. ער האָט געמוזט אָפּשווײַגן כאָטש אַ מינוט, אָפּדעכען פֿונעם גיכן גאַנג, אײַנרעדן זיך אַליין, אַז מיט זײַן בריגאַדע האָט קיין שום שלעכטס ניט געטראָפֿן, ער זאָל קאָנען אַ פֿרעג טאָן:

— ווו זשע איז טאַליק?

— ניט געקומען, — ציפּעלע האָט אים אַ צי געטאָן פֿאַר דער האַנט. — מיר פֿאָרן אויפֿן וואָקזאַל?

— וווּהין דען? אוודאי אויפֿן וואָקזאַל.

אַלץ איז געווען, ווי געוויינלעך. אייַנע פֿאָרן אוועק און אַנדערע באַגלייטן. נאָר די פֿענעמער. פֿענעמער, וואָס פֿלאַמען פֿון אומגעדולד. און פֿענעמער, וואָס זײַנען בלייך פֿון אומרו און שרעק פֿאַר אָט דעם לעצטן שפּאַן.

עפּעס אייגער, דאָוויד האָט אים יאָ דערקענט און ניט דערקענט, האָט אַרויסגענומען פֿון די הויזן־קעשענעס אַ פֿלעשל ווײַן, געעפֿנט דאָס, אַרויסגענומען פֿון דער צווייטער קעשענע אַ פּאָר קויסעלעך און אָנגעגאָסן. דאָס, וואָס איז דערבײַ געזאָגט געוואָרן, האָט דאָוויד ניט געהערט, ער האָט נאָר געזען, ווי דער בראַווער יונגערמאַן האָט אַ שלײַדער געטאָן דאָס פּוסטע פֿלעשל אויף די שטיינער, און ווי עס האָט מיט אַ שאַרפֿן קלונג זיך צעקלאַפּט אויף פּיץ־פּיצלעך.

אוןווידער די פּענעמער. ניט יענע, וואָס פֿלאַמען פֿון אומגעדולד, נאָר יענע, וואָס זײַנען בלייך פֿון שרעק, פֿון אומרו, יענע, וואָס זײַנען פֿאַרגאָסן מיט טרערן... וווּהין יאָגן זיי? און ווער, ווער יאָגט זיי דען?

צוגיין אַ ביסל נעענטער האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט ניט געוואָלט אַזוי, אומגעריכט, זיך צונויפֿשטויסן מיט לייזערן און מיט אַלע איבעריקע גראָד אין דער מינוט. איז ער געשטאַנען אַ ביסל פֿונדערווײַטנס און געקוקט אויף אָט דעם פֿאַרפֿלאַמטן, צעיאָצטן און אויפֿגערודערטן אוילעם, און אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס זײַנען זיי אומיסטן אַזוי פֿאַרהאַוועט, פֿאַריאָגט, טאַקע ווי שיקערלעך, זיי זאָלן אַליין ניט וויסן, וואָס מיט זיי קומט פֿאָר, עס זאָל זיי אַזוי, פֿאַרשיקערטע, אוועקטראָגן אַהין און זיי זאָלן שוין גאָרניט קאָנען ענדערן, ווײַל אויב אָפּשטעלן זיך נאָר אויף איין מינוט!

ציפּעלע האָט ערגעץ ניט געסטײַעט. געוויס אַרומגעיאָגט איבערן פּעראָן, אַרײַנגעקוקט אין די וואַגאָנעס, זוכנדיק איר טאַליקן. דאָוויד האָט שוין אָנגעהויבן באַאומרויִקן זיך, געזוכט זי מיט די אויגן צווישן דעם צעיאָצטן אוילעם. אַלץ אין אים האָט געקאָכט פֿון פּאַרדראָס, אופֿגעבראַכטקײַט, פֿון באַליידיקונג, פֿון ווייטיק... אַזאַ הייסער געוויטער פֿון צעבושעוועטע

געפילן צו די אלע, וואָס פאַרשוועכן, טרעטן מיט די פיס אַלץ, וואָס איז אים הייליק און טײַער, גלײַך זיי וואָלטן אים אַליין געטראָטן מיט די פיס. ס'האָט זיך געוואָלט שרײַען:

— וואָס טוט איר? באַטראַכט זיך! אין דער לעצטער מינוט באַטראַכט זיך!

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ נאַרישקײַט. קיינער וועט אים איצט ניט הערן. האָט ער געמוזט אַראָפּשלינגען דאָס ניט־אַרויסגעזאָגטע. ס'האָט אים אַ וואָרג געטאָן אין האַלדז, און ער האָט זיך פאַרהוסט מיט זײַן טרוקענעם הוסט, פאַר וועלכן זײַניקע האָבן אַזוי מוירע. גוט, וואָס ציפּעלע איז ניט געווען דערבײַ. דעם הוסט איז ער ווי־ניט־איז בײַגעקומען, נאָר ער האָט ניט געקאָנט שטילן אין זיך די אופגעבראַכטקייט אויף די פאַרפירער און אויף די פאַרפירטע, אויף די אָפּסאַמער און אויף די אָפּגעסאַמטע, אויף דעם אַלעמען, וואָס טראָגט מיט זיך אַזויפיל אומגליק. און ווער וועט צאָלן? ווער וועט צאָלן פאַר די טויזנטער צעבראָכענע הערצער, צעקאַליעטשעטע לעבנס, פאַר די צעשיידטע, צעוואַלגערטע פאַמיליעס, צעשטערטע לעבנס? ווער וועט צאָלן פאַר די אומגעהייערע לײַדן, פאַר די טײַכן טרערן, וואָס ווערן פאַרגאָסן, סײַ דורך די, וואָס רײַסן זיך אַרויס פון דאָרטן און בלאָנקען אַרום איבער פרעמדע הויפּשטעט, סײַ דורך די, וואָס פילן זיך, ווי אין גאָלעס דאָרטן, אין זייער אויסגעטראַכטן היימלאַנד?

דאַוויד האָט ניט באַמערקט, ווי ציפּעלע האָט זיך אַ יאָווע געטאָן לעבן אים. זי האָט איצט אויסגעזען, ווי אַלע אויפן פעראָן — סײַ די באַגלייטער. אַ פאַרומערטע, אַ פאַרטרויערטע, דאָס פּנים איז האַלב־פאַרפלאַמט און האַלב־בלייך, און די אויגן זײַנען פול מיט שרעק, מיט פאַרצווייפלונג.

— זיידע, האַ, זיידע, — האָט זי אַ צי געטאָן דאַווידן פאַרן אַרבל. — עפשער האָבן מיר זיך אויסגעמיטן... עפשער איז ער שוין...

— עפשער.

— ווען מיר גיין צוריק?

— אַוואַדע וועלן מיר גיין צוריק. לאָמיר נאָר צוּוואַרטן אַ ביסעלע.

ערשט אין דער לעצטער מינוט... טאַקע אין דער לעצטער מינוט, איידער דער צוג האָט זיך גערירט. ציפּעלע איז געשטאַנען לעבן זיידן אינגאַנצן אַ פאַרגליווערטע, אײַנגעקלעמט די אויגן אין אַלע וואַגאָנען מיטאַמאָל און געפילט, אַז אָט־אָט וועט די פאַרגליווערטקײַט אופּברויזן אין אַ הייסן, זודיקן פיבער. פון איינעם אַן אָפענעם פענצטער האָט זיך אַרויסגע־שטעקט טאַליקס צעשויבערטער קאָפּ, און ווי פון עפּעס אַ הימלשער ווײַטקייט איז דערפלויגן צו איר זײַן קוויטשיקע שטים:

— ציפּעלע, דו הערסט מיך, ציפּעלע? איך זע דיך! איך האָב ניט געקאָנט! איך האָב אַנדערש ניט געקאָנט! נאָר איך וועל זיך אומקערן, דו הערסט? איך וועל זיך אומקערן, ס'זאָל מיך אַפילו פאַרוואַרפן אין עק וועלט! איך בין שוין...

עמעצער האָט אים, אָפּאָנעם, אַ צי געטאָן, אָוועקגעשלעפּט פונעם פענצטער, און ער האָט ניט באַוויזן אַרויסשרײַען אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. און דאָס, וואָס „איצט איז ער שוין", איז פאַר ציפּעלען געבליבן אַ סאָד.

ציפּעלע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, אַזוי האַסטיק זיך אַ ריס געטאָן, אַז דאַוויד האָט אַ דערשראָקענער זיך אַ לאָז געטאָן נאָך איר. נאָר ער האָט זי גלײַך פאַרלוירן פון אויג. זי האָט זיך דורכגעריסן צווישן דעם אוילעם באַגלייטער, צוגעלאָפן צום וואַגאָן, פון וועלכן ס'האָט נאָרוואָס אַרויסגעשטעקט טאַליקס קאָפּ, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט טוט זי זיך אַ כאַפּ פאַרן הענטל, טוט אַ שפּרונג אַרויף אויף די טרעפּלעך און לויפט אַרײַן אין וואַגאָן. נאָר דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין, וואָס אַמאָל גיכער, און ציפּעלע האָט ניט געקאָנט בײַקומען, אײַנעמען דעם לעצטן שפּאַן צו די טרעפּלעך. איז זי געלאָפן גלאַט אַזוי, געפּאַכעט מיט דער האַנט אין דער וועלט אַרײַן, ביז פונעם לאָקאָמאָטיוו, וואָס איז געווען אַזוי ווײַט פונעם צענטן וואַגאָן, אַז מע האָט אים קוים אָנגעזען, האָט זיך צעהילכט, צעזשונגען, עפּעס גאָר ווי צעיאָמערט אַ לאַנגער פײַף, וואָס האָט אויך, ווי נאָרוואָס טאַליקס שטים, זיך דערטראָגן צו איר פון אומבאַגרײַפלעכע, ניט ערדישע ווײַטן, און האָט אַ שניט געטאָן אונטערן האַרצן, ווי די לעצטע ווערטער פון סאַמע שרעקלעכסטן אורטייל. האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, לאַנג געשטאַנען, שוין אויסער דעם פעראָן, אונטערן פאַרנאַכטיקן הימל, איינע אַליין אין דער גאַנצער וועלט, זי — און דער צוג, וואָס ווערט אַלץ קלענער. זי איז געשטאַנען, נאָכגעקוקט נאָכן צוג, וואָס איז שוין געוואָרן ניט מערער ווי אַ שוואַרץ פינטעלע, און דער געפיל איז בײַ איר געווען אַזאַ, גלײַך זי באַגלייט אַ מעס. מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד פון אַ דערוואַקסענעם, מיט יענעם ניכטערן געדאַנק פון אַן עלטערן מענטשן האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז דער, וועמען אָט דער צוג פירט אַוועק, איז אַלצייַנס ווי די ערד וואָלט אים צוגעדעקט. און אַלץ, וואָס די ערד דעקט צו...

צוריק זײַנען זײ געגאַנגען װי פֿון אַ לעװיַע. ציפּעלע האָט זיך געהאַלטן באַם זײדנס האַנט, װי אַ קינד, װאָס האָט נאָך מורא אַלײן צו גײן, און געשװיגן. אַלעמאָל האָט זי זיך אױסגעקערעװעט אױף צוריק, זיך אײַנגעהערט אין עפּעס און אַלעמאָל פֿאַרקרימט דאָס פּנים. אַ צוג איז אַװעק, אַ צוג איז אָנגעקומען, און יעדער פֿינף פּונעם לאָקאָמאָטיװ, און יעדער דרײ פֿון די רעדער האָט זיך אָפּגערופֿן אין איר מיט אַ װײטעקלעכן שניט, מיט אַ שטאָך אונטערן האַרצן, גלײַך אַלע צוגן אין דער װעלט פֿאָרן איצט איבער איר, פּאַסעװען איר לײַב... און ס'האָבן ניט אױפֿגעהערט קלינגען אין די אױערן טאָליקס װערטער, טאָליקס לעצטע װערטער. זי האָט אַלץ געסטאַרעט זיך אױסטײַטשן זײ, זי זאָל קאָנען פֿעסטשטעלן, דערװיסן זיך, װאָס איז מיט אים הײַנט געשען און פֿאַרװאָס איז ער ניט געקומען. זי האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטײן, װאָס באַטײַט „איך האָב ניט געקאָנט”. און װאָס באַטײַט „איך האָב אַנדערש ניט געקאָנט”. װײַל „ניט געקאָנט” איז אײנס. דאָס קאָן הײסן, אַז עמעצער האָט אים געשטערט: מע האָט אים פֿאַרשפּאַרט אין שטוב, געבונדן הענט און פֿיס, צי איך װײס װאָס. אָבער „איך האָב אַנדערש ניט געקאָנט” איז שױן גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס הײסט, אַז ער אַלײן, יאָ, ער אַלײן האָט די גאַנצע צײַט זיך געשלאָגן מיט דער דײע, געראַנגלט זיך מיט זיך אַלײן און ניט געקאָנט בײַקומען די אײגענע צעצװײטקײַט, די אײגענע צערודערטקײַט און די אײגענע קלײנמוטיקײַט. און עפּשער, עפּשער טאַקע איבערן שװעסטערל? האָט זי די גאַנצע צײַט ניט אױפֿגעהערט מוטשען די פֿראַגע: װאָס איז מיט אים געשען? צי טאַקע ניט געקאָנט, צי פּשוט אַנדערש ניט געקאָנט? און אַלײן ניט געװוּסט, װאָס װאָלט פֿאַר איר געװען גרינגער, אין װאָס װאָלט זי געפֿינען פֿאַר זיך אַ שטיקעלע טרײסט.

ערשט אַ ביסל שפּעטער, װען זײ זײַנען אַרױס פֿונעם װאָקזאַל, איבערגעשניטן די ברײטע גאַס מיט די יאָגנדיקע מאַשינעס און געלאָזט זיך צופֿוס מיטן הױכן באַרג־אַרױף, װען די גאַס האָט זײ אַרײַנגענומען אין איר װאָכעדיקן פֿאַרנאַכט מיט אַלע אירע רױשן, מיט איר מידער אָפּגעלעבטקײַט און אָפּפֿרישנדיקער קילקײַט, האָט ציפּעלע אַרױסגערעדט אין דער הײך:

— פֿאַרװאָס, פֿאַרװאָס האָט ער ניט געקאָנט?

אפֿאָנעם, אַז דאָװיד אַלײן האָט אױך געטראַכט װעגן דעם, װײַל זײַן ענטפֿער איז געװען װי באַצײַטנס אַ צוגעטראַכטער:

— פֿאַרשטײסט, ציפּעלע, אױב אַ מענטש דערפֿילט, אַז דער צוג פֿירט אים ניט אַהין, װוּ מע דאַרף, מוז ער זיך אָנעמען מיט מוט און אַראָפּשפּרינגען. און ניט מורא האָבן צעמאַזיקן זיך אַ ביסל.

— עפּשער װעט ער נאָך אַראָפּשפּרינגען?

— גאַנץ מעגלעך. נאָר װער װײסט... סײַװי, אַזאַ, װי טאָליק... אים װעט דאָרטן זײַן ניט גרינג. זײער ניט גרינג.

— איך װעל װאַרטן.

דאָס, װאָס האָט זיך אַרױסגעכאַפּט בײַ ציפּעלען, האָט איר אַלײן אױסגעזען צו װײטעקלעך און צו האָפֿענונגסלאָז. ניט פֿאַר אירע קױכעס.

זײ זײַנען שױן בײַגעקומען דעם באַרג־אַרױף און געשפּאַנט איבערן צענטראַלן פּלאַץ, דעם סאַמע העכסטן און סאַמע ראַשיקסטן אָרט פֿון דער שטאָט. דער װאָקזאַל מיט די רעלסן הינטער זײַנע פּלײצעס, מיט די צוגן, װאָס קומען אָן און גײען אַװעק, מיט די האַרצרײַסנ־דיקע זעגענישן, מיט אַלץ, װאָס קומט פֿאָר דאָרטן אין טאָל, אַרום טײַך, איז פֿאַרשװוּנדן. בלױז אַ װידערקאָל, אַ װײַט װידערקאָל פֿון אַ יאָמערדיקן לאָקאָמאָטיװ װעט נאָך לאַנג קלינגען אין ציפּעלעס אױערן. דערפֿאַר איז בולעט אױפֿגעקומען דאָס, װאָס אַ ביסל װײַטער, פֿון יענער זײַט טײַך, אױף אַ צװײטן באַרג: דאָס פֿאַרנאַכטיקע פֿעלד, װאָס זעט אױס װי אומיסטן אַ ביסל אונטערגעהױבן, עס זאָל קאָנען אונטערשפּאַרן דעם הימל.

— זײדע, איך האָב צו דיר אַ ביטע, זײער אַ גרױסע.

— נו, נו, — האָט שױן דאָװיד אַ שמײכל געטאָן.

— גיב צו פֿאַרשטײן דער מאַמען, אַז איך קאָן הײַנטיקס יאָר אין ערגעץ ניט אָנקומען. דער טאַטע װעט מיך פֿאַרשטײן, נאָר די מאַמע... איך מוז דאָך, איך מוז דאָך אױך עפּעס אַראָפּװאַרפֿן פֿון זיך. מיר דוכט, אַז פֿאַר די פֿאָר װאָכן האָב איך זיך אױך שטאַרק געעלטערט. מוז איך אַראָפּװאַרפֿן דאָס ביסל איבעריקע יאָרן... װעסט איר זאָגן, דער מאַמען?

— גוט, גוט, איך װעל איר זאָגן. װאָס זשע קלערסטו טאָן?

— איך װעל עפּעס צוטראַכטן.

— טראַכט, טראַכט, ציפּעלע. און מאָרגן װעסטו פֿאָרן מיט אונדז צו דער מומע אָריסיע. מע דאַרף אַ קוק טאָן, װי אַרבעט דמיטריס קאָמבײַן. זעסט, װאָס אױפֿן באַרג טוט זיך?

נאָכן בארג, וואָס פון יענער זײַט טײַך, שפּירן די שטאָטישע נאָך אלע יאָרן. אָף אים זעט מען די ערשטע סימאָנים פונעם אָנקומענדיקן פרילינג, ווען אפן פארשנייטן פעלד באוויַזן זיך די ערשטע שווארצע פלעקן... דערנאָך ווערט דער בארג אזוי שפּיגלדיק־גרין, אז אפילע דאָס שטיקל הימל, וואָס איבער אים, הייבט אויך אָן גלאנצן מיט דער זעלבער פארב. דערנאָך קאָן מען זען, ווי די זאנגען כוואליען זיך, גיסן זיך אָן, ווערן וואָס אמאָל שווערער און פון טאָג צו טאָג ווערט דער בארג ביסלעכוויַז איבערגעפארבט מיט יענער צײַטיק־ווערנ־דיקער געלקײַט. עס דוכט זיך אפילע אמאָל, אז דער ווינט דערטראָגט אהער דעם שווערן, סקריפּענדיקן אָטעם פון די צײַטיקע זאנגען. אמאָל ווערט דער בארג אינגאנצן פארשווונדן, אָן אײַנגעהילטער אין נעפּל, אָדער א פארדעקטער מיט וואָלקנס. דאָס זאָגט אויך די שטאָט־לײַט זייער א סאך. איצט איז דער בארג געלעגן ווי צוגעפּלעטשט, און קעגן דעם פארנאכטיק־גרויען הימל האָט ער אויסגעזען טויטלעך־בלייך. זײַנע ראנדן זײַנען שוין געווען ארומגע־שניטן, און אָף דער פרישער, נאָך ווייכער סטערניע האָבן זיך באוויזן די ערשטע קאָפּיצעס אויסגעדראָשענע שטרוי. ס׳איז געקומען די צײַט פון שניט...

פונעם ליטעראַטור־אוצר

אווראָם רייזענס לידער

אין צוזאמענהאנג מיטן פאַרשטייענדיקן 100־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן יידישן שרײַבער אווראָם רייזען דרוקן מיר דאָ אן אָפקלײַב פון זײַנע לידער.

דאָס נײַע ליד

און זאָל ווי ווײַט
נאָך זײַן די צײַט
פון ליבע און פון שאָלעם,
דאָך קומען וועט,
צי פרי, צי שפעט,
די צײַט — עס איז קיין כאָלעם!

איך הער דאָס ליד
פון ליבע, פריד,
די מעכטיקע געזאנגען;
און יעדער טאָן
פון ליד זאָגט אָן:
די זון איז אופגעגאנגען!

עס עקט די נאכט, די וועלט דערוואכט
פול האָפ׳נונג, לוסט און שטרעבן;
דו הערסט — אין לופט א שטימע רופט:
צו מוט און קראַפט און לעבן!

א געזינד זאַלבעאַכט

א געזינד זאלבעאכט,
און בעטן נאָר צוויי, —
און קומט אָן די נאכט,
ווו שלאָפן דאן זיי?

דרײַ מיטן טאטן,
און דרײַ מיט דער מאמען —
העגטלעך און פיסלעך
געפלאָכטן צוזאמען.

און קומט אָן די נאכט,
מע דארף זיך אויסבעטן,
דאן הייבט אָן די מוטער
דעם טויט אף זיך בעטן.

זי מיינט מיט אן עמעס, —
עס איז ניט קיין וווּנדער:
„אויך ענג איז אין קייווער,
דאָך ליגט מען באזונדער...”

צום העמערל

אַ, העמערל, העמערל, קלאַפּ! אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער א צוויעק, נאָך צוועק! שלאָג שטאַרקער די צוויעקעס, שלאָג גיך,
קיין ברויט איז אין שטוב שוין נישטאָ, ביז מאָרגן מוז פאַרטיק שוין זײַן
נאָר צאָרעס און לייד אָן אן עק! דער גווירטעס טעכטערלס שיך!

אַ, העמערל, העמערל, קלאַפּ! אָ, העמערל, העמערל, קלאַפּ!
דער זייגער, ער שלאָגט שוין באלד צוועלף; ניט גליטש פון מײַן האַנט זיך ארויס!
די אויגן, זיי מאַכן זיך צו — מײַן איינציקער שפּײַזער ביסטו,
גיב קויעך, אָ, גאָטעניו, העלף! פון הונגער אָן דיר גיי איך אויס!..

די קירכן־גלאָקן

אך, וואָס קלינגט איר, קירכן־גלאָקן!
הערט שוין אויף! גענוג געשראָקן
האָבן אײַערע ווילדע טענער
אונדזער אָר'מע וועלט!

אָ, איר ווילט די וועלט פאַרוויגן
מיט א שוואַרצן, טויטן ניגן
און פאַרדעקן מיט א מאַנטל
פון א יעזוזיט!

איר דערמאָנט מיר יענע רוכעס,
די קאַטוילישע מעלוכעס,
וועלכע האָבן עשאַפאָטן
הויכע אופגעשטעלט.

כ'האָב א נײַעם גלאָק באַשאַפן,
צו דערוואַכן טויטע שקלאַפן —
ניט אין קירכן, — אינדערלופטן
הענג איך אים ארויף;

אײַערע טענער רופן הענקער
צו מאַרטירן יעדן דענקער,
יענעמס קאָפּ אראָפּצוהאַקן,
וועלכער בייגט זיך ניט!

נישט צו שרעקן, נאָר צו וועקן
גאָר די וועלט אין אלע עקן,
קלינגט ער מוטיק, רופט ער פריילעך:
שטייט צום לעבן אויף!

די וואַנט

די אויגן — פול צאָרן, פאַרגאָסן מיט בלוט,
די הערצער — זיי שלאָגן מיט קראַפט און מיט מוט! —
מיר שטיי'ן בא א הויכער, געמויערטער וואַנט
מיט העק און מיט האַמערס און אײַזנס אין האַנט —
מיר ברעכן די וואַנט!

די וואַנט איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק,
פאַרצוימט אונדז די וועגן צום לעבן, צום גליק;
פאַרשטעלט אונדז די ליכטיקע זון, און זי מאַכט
פון פריילעכן טאָג אונדז א פינצטערע נאַכט —
מיר ברעכן די וואַנט!

און פאַלט פון דער שטיינערנער וואַנט ווען אראָפּ
א שטיין, צי א ציגל, טרעפט ווען עמען אין קאָפּ, —
די איבעריקע בלײַבן דאָך שטיין גאָר אָן שרעק
און אַרבעטן ווײַטער, מע לויפט ניט אוועק —
מיר ברעכן די וואַנט!

די אַרבעט דאַרף דויערן, די אַרבעט איז שווער —
פאַרזאַמלט אײַך, ברידער, קומט אלע אהער!
זאָל יעדערער צולייגן פעסטער זײַן האַנט, —
מיר וועלן די הויכע, די פינצטערע וואַנט
צעברעכן, צעברעכן די וואַנט!

א ווינטער־ליד

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
פרײַ באהערשט די וועלט!
ברעכט די צווײַגן, ווארפט די ביימער,
טוט וואָס אײַך געפעלט!

טרײַבט די פייגל פון די וועלדער
און פאַריאָגט זיי פאָרט;
די, וואָס קענען ווײַט ניט פליִען,
טייט זיי אפּן אָרט!

רײַסט די לאָדן פון די הײַזער,
שויבן ברעכט ארויס!
ברענט א ליכטל ערגעץ טונקל —
לעשט מיט צאָרן אויס!

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
איצט איז אײַער צײַט!
לאנג וועט דויערן דער ווינטער,
זומער איז נאָך ווײַט!..

איצט פארשטיי איך...

איצט פארשטיי איך, וואָס די פייגל
זינגען אזוי לוסטיק, פריילעך:
אין דעם גרויסן וואלד דעם גרינעם
הערשט ניט איבער זיי קיין מיילעך.
יעדעס גרעזל, יעדעס בלימל
איז פאר אלע פרײַ און אָפן,
און די וווינונגען בעכינעם —
אלע האָבן ווו צו שלאָפן...

איצט פארשטיי איך, וואָס די פייגל
זינגען, קלינגען — ליב און ליבער:
אַך, זיי זינגען, וואָס זיי ווילן,
קיינער, קיינער שלאָגט ניט איבער...

אין ווינטער

זאט די פערד, דער שליטן — נײַ,
און דער וועג איז ברייט און פרײַ...
פורמאן, פורמאן, זאָלסט מיך טראָגן,
פרעגסט: וווהין? איך קאָן נישט זאָגן...
כ'ווייס קיין ציל און ווייס קיין וועג
אין די קורצע ווינטער־טעג...
ביז איך וועל מײַן וועג באקלערן,
קאָן דער שניי צעגאנגען ווערן...

ווײַסע טויב פון שאָלעם

ווײַסע טויב פון שאָלעם,
קום פון ערגעץ אָן,
און פון אייביק פרידן
זאָג די בסורע אָן!

ס'פאלט דאָס הארץ פאר פאכעד
און פאר אנגסטן אײַן,
און מיט שרעק מיר פרעגן:
וואָס וועט ווײַטער זײַן?!

ווי די שאָטנס, וואנדלען
אף דער ערד מיר אום,
ס'רעדן די קאַנאָנען,
און דער מענטש איז שטום...
ברידער קעגן ברידער —
און דער האס איז גרויס!
ווײַסע טויב פון שאָלעם,
קום און לייז אונדז אויס.

ווײַסע טויב פון שאָלעם,
פאַרזיכטיק דאָך זײַ,
דען די לופט, דער הימל
איז אויך איצט ניט פרײַ:
זעסט, א טײַוול פליט דאָרט
אין דער הייך ארום:
אײַזן — זײַנע פליגל,
פײַער — איז זײַן ברום!..
מײַד אים אויס, דעם טײַוול,
היט זיך פאר אים גוט:
דײַנע ווײַסע פליגל
שמירט ער אויס אין בלוט...

דער דיקטער און זי

(א מײַסעלע)

ס'איז דער דיקטער שוין באַרימט,
און זײַן נאָמען פול מיט גלאַנץ;
האָט דאָס פאָלק דערפאַר באַשטימט
שיקן אים א בלומען־קראַנץ.

ווײַל געזונגען האָט זײַן ליד
פון דער ליבעס פרייד און צאַר,
זאָל די שענסטע פון דעם לאַנד
ברענגען אים דעם קראַנץ דערפאַר.

מיט א שמייכל, וואָס באַגליקט,
גיט זי אים דעם קראַנץ אין האַנט:
„ס'האָט דאָס פאָלק אים דיר געשיקט
און דיך גריסט דאָס גאַנצע לאַנד.

אלע, אלע, קליין און גרויס,
שיקן דיר א גרוס דורך מירן!"
דאָך דעם דיקטער ווײַזט זיך אויס,
ווי זי קוקט אלץ צו דער טיר...

— וואָס זשע אײַלסטו זיך, מײַן קינד? —
פרעגט דער דיקטער ווי געקלעמט.
שמייכלט זי און לאָזט איר בליק
אַף דער ערד אראָפּ פאַרשעמט:

„אונדזער ליבע איז צו דיר,
גרויסער דיקטער, שטאַרק און הייס,
נאָר מײַן כאָסן וואַרט באַם טיר,
און ער קאָן נאָך ווערן בייז..."

* *

ניין, איך וועל אהיים ניט פאָרן —
כ'שעם מיך ווײַזן מײַנע יאָרן
פאַר מײַן געסל, פאַר מײַן שטיבל —
האָבן וועלן זיי פאַריבל...

אָך, זיי האָבן מיך דערצויגן
מיט א העלן בליק אין ד'אויגן;
און זיי האָבן מיר געגעבן
מוט און שטאָלץ צום וועג פון לעבן.

אויך האָב איך בא זיי גענומען
קוואַלן לידער, האָפ'נונגס־בלומען
און א קאָפּ — געקרײַזט, א שוואַרצן,
און פול לידער אין מײַן האַרצן...

און זיי וועלן מיך יעצט פרעגן:
וואָס האָסטו געטאָן אין וועגן?
זע, ווי מיד דו ביסט, פאַרמאַטערט,
אלץ פאַרשווענדעט, אלץ געפּאַטערט!

פון דער היים

עס איז אזוי ווייניק געוועזן —
פאַרוואָס איז אזוי פיל געבליבן?
וואָס נערט נאָך ביז איצטער דײַן וועזן
צו בענקען, געדענקען און ליבן?

איין שטוב אַף א בערגל געשטאַנען,
א צווייטע — דערבײַ אָנגעבויגן;
ווו האָט זיך גענומען, פונוואַנען
די שיינקײַט, וואָס שוועבט פאַר די אויגן?

פאַרגעסן פאַלאַצן די שענסטע,
וואָס דו האָסט געזען אַף דײַן וואַנדער,
און הײַזער פון דאָרטן, די קלענסטע —
דו שיידסט זיך מיט זיי ניט פאַנאַנדער...

אַף שיפן די יאַמען געשניטן,
פאַרגעסן שוין שטורעמס, געוויטער;
דאָס טײַכל פון שטעטל אינמיטן
דערמאָנסטו מיט הייליקן ציטער...

פיל ביימער געזען בא די וועגן,
פיל האָבן שוין ווינטן צעבראָכן —
פאַר דיר שטייט נאָך איצטער אנטקעגן
דער בוים בא דעם היימישן שאָכן.

שפּיל און פרייד

שפּיל און פרייד — דעם נײַעם מענטשן!
ער האָט ערלעך עס פאַרדינט:
אויסגעוויטעקט אלע פראַגן
וועגן גוטס און וועגן זינד;

אויסגעשטריטן אלע שטרײַטן
פאַר זײַן רעכט און פאַר זײַן ווערט,
אויסגעוועזן אלע ווײַטן
אונטער הימל, אַף דער ערד;

אויסגעפונען אלע סוידעס,
מיט א שמייכל זיי פאַרטרויט;
לערן טונקעלע פאַרוואָרפן
און די נײַע — העל געבויט;

זיך באַפרײַט פון האַס און ליגן,
וואָס דעם מענטשן האָט געדריקט, —
און א העלן רוף צו פרידן
צו דער וועלט אַרויסגעשיקט.

שמועל גאָרדאָן

ליכט

א

שוין לאַנג האָט זיך אזוי ניט געטומלט אין דאָרף, ווי אײנעם טאָג, ווען מע האָט ארויסגעהאנגען דאָס צעטל פון ביכער, וועלכע מע וועט קאָנען קויפן, אויב פאר יעדער בוך וועט מען צושטעלן צוואנציק קילאָגראם פאַפּיר־מאַקולאַטור: צײַטונגען, זשורנאלן, אויסגעשריבענע העפטן, בראָשורן, פארעלטערטע פלאַקאטן און אזוי ווײַטער. אין דעם צעטל זײַנען געווען אויסגערעכנט אלץ אזעלכע ביכער, וואָס דערווײַל זײַנען זיי נאָך ניטאָ פרײַ אין פארקויף, ווי אוטאָמאָבילן, אשטייגער, צי ווי מיט יאָרן צוריק אײַזקאַסטנס. ווי נאָר ס'האָט זיך באוויזן דאָס צעטל, האָבן קימאט אלע קינדער פונעם דאָרף זיך פארזאמלט בא דער קלייט, כאָטש מע האָט געוווּסט, אז פארקויפן די ביכער וועט מען ערשט אָנהייבן מאָרגן, מעגלעך אפילע, אז איבערמאָרגן. בלויז אנטאָשען, מיטראָפאן דעם בריגאדירס ייִנגל, האָט מען ניט געזען בא דער קלייט. אנטאָשע סאָוועליעוו פונעם זעקסטן קלאס איז אין אָט די אינדערפריִעדיקע שאָען געווען אין פעלד — צוגעהאָלפן דעם עלטערן ברודער אפן קאָמבײַן, און פון קיין זאך ניט געוווּסט.

ווען אנטאָשע האָט ווײַט נאָך האלבן טאָג זיך אומגעקערט פון סטעפּ, איז אין דאָרף שוין ניט געווען די שטוב, ווו עס זאָל געווען בלײַבן א זייכער פון פאפיר: אויסגערייניקט ווו נאָר א ווינקל. אפילע די שטיקלעך פארגעלטע און פארשטויבטע צײַטונגען, מיט וועלכע עס זײַנען געווען ארומגעוויקלט די בלומען־טעפּלעך אף די פענצטער, האָט מען אראָפּגעריסן. און אז ס'איז שוין ניט געווען מער וואָס צו זוכן, האָט מען אף די בעזמענס, ווי אף אפטייקערשע וואָגשאָלן, געוווגן און איבערגעוווגן דאָס אָנגעזאמלטע פאפיר. בא אײנעם האָט זיך באקומען עטוואָס מער פון צוואנציק קילאָגראם, בא א צווייטן עטוואָס ווייניקער, בא א דריטן שוין גאָר ווייניק — ס'וועט קוים קלעקן אף א האלבן בוך.

אזויווי אף קיין צוויי ביכער האָט זיך בא קײנעם ניט אָנגעקליבן, און דאָס צעטל, ווי ס'האָט פארזיכערט דער פארוואלטער פונעם אופנאם־פונקט, טערענטי ניקאָלײַעוויטש וואָלגין, האָט מען ארויסגעהאנגען ניט אף איין טאָג און ניט אף איין כוידעש, נאָר, ווי ער האָט געהערט זאָגן, אף א גאנץ לענגערער צײַט, האָבן די קינדער, נאָכדעם ווי מע האָט אָפּגעטומלט א האלבן טאָג בא דער קלייט, זיך ענדלעך דערעדט צווישן זיך, אז דער, וואָס האָט מער ווי אף איין בוך, זאָל אויסלײַען יענעם, וועמען עס פעלט אויס צו דער וואָג.

בא קײנעם אָבער האָט ניט אויסגעפעלט אזוי פיל צו דער וואָג, ווי בא אנטאָשען, און דאָס איז שוין געווען אינגאנצן אומדערוואַרט, וואָרעם ווער נאָך האָט אין דאָרף אזוי צו טאָן מיט צײַטונגען און זשורנאלן, ווי א בריגאדירער? וועמען האָט געקאָנט קומען אפן זינען, אז מיטראָפאן פעטראָוויטש סאָוועליעוו, אָט דער, וואָס רעדט איטלעכן צו, מע זאָל אויסשרײַבן וואָס מער צײַטונגען און זשורנאלן, און בא וועמען מע קאָן זיך דערוויסן, וואָס עס טוט זיך אף דער וועלט, פריִער און גענויער, ווי בא עמעצן אנדערש אין דאָרף, זאָל ניט אויסשרײַבן פאר זיך קיין איין צײַטונג אפילע, און אז די אלע נײַס, וועלכע ער דערציילט איבער, דערוויסט ער זיך פון די צײַטונגען און זשורנאלן, וואָס אנדערע שרײַבן אויס. ער דארף זיי גאָר צוליב דעם איבעריקס בא זיך ניט פארהאלטן. ער באווײַזט זיי דורכלייענען אף דער פּאָסט.

אויסער דעם, וואָס בא אנטאָשען, נאָכדעם ווי ער האָט דורכגענישטערט די גאנצע שטוב, האָט זיך אָנגעקליבן פאפיר ניט מער ווי אף א דריטל בוך, האָט ער נאָך דערצו שוין ניט געהאט בא וועמען צו לײַען. די איינציקע האָפענונג זײַנע איז איצט געווען אפן פאָטער. מאָרגן וועט ער שוין ניט גיין מיטן ברודער אין פעלד, ער וועט פאָרן מיטן טאטן אף דער פּאָסט, וואָס געפינט זיך אין אײנעם גרויסן ווײַטלעכן דאָרף. דער טאטע האָט אים שוין א פּאָר מאָל געהאט מיטגענומען מיט זיך אהין. וויפל צײַטונגען מיט זשורנאלן האָט ער דאָרט דעמלט געזען אף די פּאָליצעס, אף די טישן, אונטער די טישן און ווו ניט!

— האָסט ניט וואָס צו שלעפּן זיך מיט מיר אין אזא היץ אף דער פּאָסט, — האָט דער אונטערהינקענדיקער מיטראָפאן פעטראָוויטש אײַנגעטײַנעט מיט זײַן באָכערל, — מיינסט, מיסטאמע, אז דאָרט האָט מען ניט ארויסגעהאנגען אזא צעטל, און קיינער ווייסט נאָך דאָרט פון גאָרניט? מע ווייסט, מעגסט זײַן רויִק. אויב אף

דער פּאָסט האָט זיך פּאַרוואַלגערט ערגעץ א שטיקל פּאַפּיר, האָט מען עס שוין לאַנג אויסגעכאַפּט. — א ביסל שולדיק איז ער, פאַרשטייט זיך, אין דעם, וואָס זײַן אַנטאָשע האָט ניט אָנגעקליבן אַפילע אַף קיין האַלבן בוך. — וועסט האָבן, וועסט האָבן אַף א ביכל, — באַרוּיִקט ער דאָס באָכערל זײַנס, — מיט ליידיקן וועל איך ניט קומען. וויבאַלד איך זאָג, מעגסטו זײַן זיכער. איך פאַרשטיי נאָר ניט, וואָס איז עס מיטאַמאָל געוואָרן אַזאַ אויסכאַפּעניש אַף ביכער, — דאָס האָט מיטראָפאַן פּעטראָוויטש זיך שוין געווענדט צו דעם עלטערן זון, וואָס איז פּונקט אונטערגעקומען, — אַנומלטן בין איך געווען אין ראַיאָן. האָסטו געדאַרפט זען, וואָס עס האָט זיך דאָרט אָפּגעטאָן בא דער קראָם. ס׳איז אָנגעקומען עפּעס א ביכל, איך געדענק ניט ווי סע הייסט. נו, נו. מע האָט דאָך שיר די קראָם ניט צעטראָגן. דו דאַרפסט מיר ניט דערציילן, פאַרוואָס האָט מען אײַנגעפירט, אַז מע זאָל צושטעלן צוואַנציק קילאָגראַם פּאַפּיר פאַר איטלעך ביכל, וואָס אין צעטל. איך פאַרשטיי אַליין עס גאַנץ גוט. ס׳איז א פּאָשעטער סייכל. נו, טאַקע, צו וואָס זאָל מען אַרויסוואַרפן אַפן מיסט וואַגאָנען פּאַפּיר, אויב מע קאָן עס איבעראַרבעטן און האָבן דערפון א נוץ. איך פאַרשטיי נאָר ניט, וואָס איז עס מיטאַמאָל געוואָרן אַזאַ יאָגעניש נאָך אָט די ביכער? וואָס, דו קענסט שוין טאַקע ניט אויסקומען אָן זיי? — האָט סאַוועליעוו זיך ווידער געווענדט צום ייִנגערן. — כ׳האָב דאָך דיר, דאַכט זיך, געזאָגט, אַז כ׳וועל מיט ליידיקע הענט ניט קומען. האָסט ניט וואָס צו שלעפּן זיך מיט מיר מאָרגן אַף דער פּאָסט.

און מיטראָפאַן פּעטראָוויטש איז אַף מאָרגן טאַקע ניט געקומען פון דער פּאָסט מיט ליידיקן. נאָר וויפל אַנטאָשע האָט ניט געוויגן און איבערגעוויגן די אָנגעזאַמלטע צײַטונגען, האָט זיך בא אים סײַווי מער ווי אַף א האַלבן בוך ניט באַקומען, און ער האָט ניט וואָס צו גיין זיך שטעלן אין דער ריי צו דעם גוואַרדייעץ, ווי מע האָט גערופן דאָ אין דאָרף דעם פאַרוואַלטער פון עם אופּנאַם־פּונקט טערענטי ניקאָלײַעוויטש וואָלגינען. גערופן האָט מען אים אַזוי ניט פאַר זײַן שטאַלט און אויך ניט פאַר זײַן הויכן וווּקס. וואָלגין איז געווען דער איינציקער צווישן די געוועזענע פראָנטאָוויקעס פון קאָלווירט, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען אויך גוואַרדייער, וואָס האָט ביז איצט נאָך ניט אויסגעטאָן פון זיך דעם גוואַרדייִשן צייכן, גלײַך ער וואָלט בא אים געשטאַנען העכער פון אַלע אָרדענס און מעדאַלן, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פון פראָנט און וועלכע ער טוט אָן בלויז יאָמטעוו.

דערזען דורכן פענצטער די לאַנגע ריי, האָט אַנטאָשע א קלער געטאָן בא זיך, אַז ווען ער זאָל זיך נעכטן געווען דערוויסן וועגן דעם, נו, כאָטש אַף איין שאָ פריִער, אַפילע אַף א האַלבער שאָ פריִער, ווי מע האָט אַרויסגעהאַנגען דאָס צעטל, וואָלט ער אויך נאָך געקאָנט באַוויזן אַנקלײַבן א זאַק מיט אַלטע צײַטונגען און זשורנאַלן. איצט וועט די שול זיי שוין מער ניט שיקן פאַרגרייטן מאַקולאַטור. די זעלבע קאָלווירטניקעס, וואָס האָבן קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט מיט ליידיקע הענט די שילער, ווען זיי פלעגן זיך געבן א צעשאָט איבערן דאָרף קלײַבן מעטאַל־ברוכווארג און אויסגענוצט פּאַפּיר, וועלן דאָך איצט זיי באַגעגענען מיט פאַנאַנדערגעפירטע הענט.

— איז וויפל, זאָגסטו, פעלט דיר נאָך אויס צו דער וואָג? — האָט מיטראָפאַן געפרעגט דעם זון, וואָס איז געשטאַנען אָן אומעטיק־פאַרטראַכטער באַם פענצטער און אַרויסגעקוקט צו דער טומלדיקער גאַס. — נאָך גאַנצע צען מיט א האַלבן קילאָגראַם? היפּשלעך א ביסל. פאַר איין טאָג מאַכט זיך עס ניט. ס׳קאָן אַמאָל געדויערן א וואָך און צוויי און דרײַ אויך.

— אין דרײַ וואָכן אַרום וועט שוין ניט זײַן וואָס צו קויפן. מע וועט אויסכאַפּן די בעסטע ביכער.

— און נאָך וואָס פאַר א ביכל יאָגסטו זיך עס אַזוי?

— נאָך דער „קיניגן מאַרגאָ".

— המ־הם... נאָך דער „קיניגן מאַרגאָ", זאָגסטו. המ־הם... — מיטראָפאַן האָט א שמייכל געטאָן צו זיך אין דער האַלב־גראָוער באָרד און אוועקגעהונקען פאַנאַנדערטראָגן די פּאָסט.

פאַרבײַגייענדיק די טומלדיקע ריי, האָט ער שטײַפער צוגעדריקט צו זיך דעם אָנגעפּאַקטן לעדערנעם בײַטל, ווי ער זאָל מוירע האָבן, מע זאָל דאָ בא אים ניט אָפּנעמען די צײַטונגען מיט די זשורנאַלן, וועלכע ער גייט פאַנאַנדערטראָגן. קיין עלטערע מענטשן אין דער ריי האָט ער קימאַט ניט באַגעגנט. די עטלעכע עלטערע מענטשן, וואָס ער האָט דאָ געזען, זײַנען פּונקט ווי ער געשטאַנען בא דער זײַט און זיך צוגעקוקט צו די טומלענדיקע קינדער, וואָס זײַנען ניט אָפּגעטראָטן פון זייערע פּעק.

די לאַנגע טומלדיקע ריי האָט אים דערמאָנט אין די רייען נאָך א שטיקל ציץ אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מילכאָמע. ווי נאָר ער האָט דערמאָנט אַף א קאָל יענע פאַרגאַנגענע צײַט, איז מען אים גלײַך אַרײַנגעפאַלן אין די רייד:

— אָט דאָס הייסט בא אײַך א ריי? אין שטאָט, דערציילט מען, שטעלן זיך אויס רייען צו די אופּנאַם־פּונקטן נאָך קאַיאָר, אַנדערש וועט מען ניט באַוויַזן אָפּגעבן דאָס פּאַפּיר. עפּעס געדענקט זיך ניט, אַז אַפילע נאָך ברויט זאָלן אַמאָל געווען זײַן אַזעלכע רייען און מע זאָל דאַרפן אַזוי לאַנג אָפּשטיין.

— צײַטן בײַטן זיך, — מישט זיך אַרײַן א יונגע שטים.

— צײַטן בײַטן זיך טאַקע, נאָר מעשוגע דאַרף מען דאָך ניט ווערן, — ענטפערט יענעם אָפּ דער בריוטרעגער. — וואָסי? מע קאָן שוין ניט אויסקומען אָן דער קיניגן... נו, ווי הייסט זי דאָרט...

— מאַרגאָ. „די קיניגן מאַרגאָ".

דאָס מיידעלע מיטן ברייטלעכן נעזל, וואָס האָט עס אים אונטערגעזאָגט, איז געזעסן רײַטנדיק אַף אַ הויכן פּאַק פּאַפּיר און פריילעך געהוידעט מיט די פּיסלעך. קיין וועגעלע, ווי בײַ אַ סאַך אַנדערע קינדער, איז לעבן איר ניט געשטאַנען. וויאַזוי זשע רוקט זי איבער אַזאַ הויכן שווערן פּאַק? — האָט מיטראָפּאַן אַ קלער געטאָן. — עמעצער פון די עלטערע טוט עס, צי די קינדער אַליין העלפן איינס דעם אַנדערן? גיכער פון אַלץ איז עס, מיסטאַמע, אַזוי, ווײַל ווער פון די עלטערע האָט עס צײַט אָפּשטיין דאָ אַ טאָג?

מיטראָפּאַן פּעטראָוויטש, וואָס האָט אַריבערגעוואָרפן דעם שווערן אָנגעפּאַקטן בײַטל פון דער ברוסט צוריק אַפן רוקן און זיך שוין געלאָזט גיין, האָט אומגעריכט דערזען זיך אומדרייען בײַ דער רייִ זײַן מיזינקע, אַנקען. ער האָט זי אַ רוף געטאָן מיטן פינגער:

— און וואָס, אַשטייגער, טוסטו דאָ?

— איך זוך מאַקולאַטור.

— וואָס, זאָגסטו, זוכסטו? — האָט ער זי פאַרוווּנדערט איבערגעפרעגט.

— איך זוך מיט וועמען זיך צו בײַטן.

— און וואָס, אַשטייגער, בײַטסטו?

אַנקע האָט ווי אַרויסגעזונגען:

— אָט די פּילפּעדער בײַט איך, גיב זי אַף פּאָר צען מיט אַ האַלבן קילאָגראַם פּאַפּיר.

— און מיט וואָס וועסטו אַליין דערנאָך שרײַבן?

— סײַווי קאָן איך מיט איר ניט שרײַבן. איז ווער בײַט זיך מיט מיר?! — האָט זי אויסגעשריִען און זיך געלאָזט גיין לענגאויס דער רייִ, באַווײַזנדיק איטלעכן די שיינע פּערלאַמוטענע פּילפּעדער.

ווי ער האָט ניט געײַלט, דער היפּש באַיאָרטער שוין, נאָר גאַנץ קרעפּטיקער פאַרוואַלטער פונעם אופּנאַם־פּונקט טערענטי ניקאָלײַעוויטש וואָלגין, האָט ער פּאָרט ניט באַוויזן צונעמען בײַ אַלעמען די געבראַכטע פּעק. און אָן דעם קוויטל, וואָס ער גיט אַרויס פאַרן פּאַפּיר, איז ניטאָ וואָס צו גיין אין קלייט נאָך די ביכער. פאַריבל האָבן אַף אים האָט קיינער ניט געקאָנט. ער האָט ניט איין מאָל געוואָרנט, אַז ער וועט ניט באַווײַזן פאַר איין טאָג צונעמען אַזויפיל פּעק, ביפּראַט אַז אין שפּײַכלער, וואָס דער קאָלווירט האָט צוליב דעם אויסגעטיילט, וועט סײַווי ניט קלעקן קיין אָרט פאַרן פּאַפּיר. וואָרענענדיק וועגן דעם, האָט ער דערבײַ זיי ניט איין מאָל אויסגערעדט, די קינדער, לעמײַ מע איז געקומען אַלע מיטאַמאָל:

— כ׳האָב, דאַכט מיר, קלאָר און דײַטלעך געזאָגט, אַז דאָס צעטל איז אַרויסגעהאַנגען ניט אַף איין טאָג און ניט אַף איין כוידעש. איר וואָלט גאָרניט אָנגעוואָרן, אויב איר זאָלט קומען אַפּילע אין דרײַ כאַדאָשים אַרום. וואָס איז אַזוי דאָס יאָגעניש? אויסער דעם, האָב איך שוין באַלד ניט ווּ צו לייגן די פּעק. איר זעט? — דער שפּײַכלער איז שוין קימאַט ביז דער סטעליע געוואָרן פאַרוואַלגערט מיט די אָנגעשלעפּטע פּעק פּאַפּיר. — אויב מע וועט מיר מאָרגן ניט געבן קיין מאַשין אַף אַרויסצופירן עס, איז האָט איר ניט, קינדער, וואָס צו שטעלן זיך מאָרגן אין דער רייִ.

די אַלע וואָרענישן, וועלכע וואָלגין האָט ניט פאַרגעסן איבערכאַזערן באַם צושליסן דעם שפּײַכלער, האָבן אַלציינס צו גאָרנישט ניט געבראַכט. אַף מאָרגן, ס׳האָט נאָר אָנגעהויבן שאַרײַען, איז באַם שפּײַכלער געשטאַנען שוין אַ רייִ שיר ניט אַזאַ ווי נעכטן.

— אוי, ווייסט, וואָס כ׳האָב זיך דערמאָנט? — האָט אַנקע, אופּראַמענדיק אין שטוב, זיך אָנגערופן צו אַנטאָשען, וואָס האָט זיך געײַלט גיין צום ברודער אין פעלד. ס׳איז שוין געווען ניט פרי. דער טאַטע איז פון לאַנג שוין געווען אַף דער פאַסט, די מאַמע אַף דער פערמע. — געדענקסט, אַנטאָשע, מײַן אַלגעמיינעם העפט?

— וועלכן העפט?

— וואָס דו האָסט פאַרוואָרפן אַפן בוידעם, ווען מיר האָבן זיך מיט דיר אַנומלטן צעקריגט. כ׳האָב אים דאָרט נאָכדעם געזוכט, נאָר ניט געקאָנט געפינען. אַפן בוידעם בײַ אונדז איז אַזוי אָנגעוואַלגערט, אַז מע קאָן קיין טראָט ניט מאַכן. און דער העפט איז אַ שווערער, וועגט עפּשער צוויי קילאָ.

— נו יאָ, צוויי קילאָ. קיין האַלבע קילאָ, מיסטאַמע, אויך ניט. — ער האָט אַ קוק געטאָן אַפן איבערגעבונדענעם פּעקל צײַטונגען, וואָס ליגט דעם דריטן טאָג דאָ אין ווינקל, ווי אַף אַ לעבעדיק וועזן, וואָס וואַרט אַף זײַן הילף, און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער שטאַל, ווּ אַלץ, אַפילע דער לייטער, האָט פאַרהיט אין זיך פון די ווײַטע יאָרן, ווען מע האָט נאָך געהאַלטן אייגענע בעהיימעס, דעם אויסגעמישטן רייעך פון ווײַניקן היי און זיסלעכער מילך.

האַסטיק, גלײַך ער זאָל מוירע האָבן, אַז עמעצער קאָן אים פאַרלויפן דעם וועג, איז אַנטאָשע, איבערהיפּערנדיק די טרעפּלעך פונעם גרויען, ווי מאַקוכע, איבערגעטריקנטן לייטער, אַרויפגעקראָכן אַפן בוידעם.

פאַר דער צײַט, וואָס זיי וווינען אינעם דאָזיקן דאָרף, וווּהין זײַנע עלטערן האָבן אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דער מילכאָמע צוזאַמען מיט פיל אַנדערע מישפּאָכעס איבערגעוואַנדערט פון דער וואָלגע, האָט דער קאָלווירט זיי שוין דרײַ מאָל געביטן די דירעס. פונדאַנען, זאָגט דער טאַטע, וועלן זיי זיך שוין אין ערגעץ ניט אַריבערקלײַבן. אַנטאָשען איז אויך געפעלן אָט די גרויסע געראַמע שטוב מיטן ברייטן אויוון. דאָס, וואָס די שטוב איז שטאַרק אָן אַלטע און אין אַ ווינטיקן טאָג זיפט זיך פון דער סטעליע זאַמד מיט קאַלך, מאַכט זיי ניט אויס. פאָרט בעסער ווי וווינען אין די פיר־ און פינפשטאָקיקע הײַזער, וועלכע מע האָט אָנגעבויט אַף דער אַנטקעגנדיקער גאַס. זיי זאָלן וועלן, וואָלטן זיי זיך אויך געקאָנט אַרײַנציִען אַהין. דער טאַטע זײַנער וואָלט נאָך עפּשער אײַנגעגאַנגען אַף דעם, ווײַל אָבער די מאַמע

דערפון ניט הערן. זי ווינט אין דאָרף און ניט אין שטאָט. וואָס איז מען עס פאר א קאָלווירטניק, אויב מע האָט ניט קיין שטעלכל פאר די אויפעס, קיין גערטנדל בא דער שטוב, קיין שטיקל קעלער? דאָס איינציקע, מיט וואָס עס קאָנען זיך אויספּײַנען קעגן זיי די, וואָס ווינען אין די פיר־ און פינפשטאָקיקע הײַזער, זײַנען די באלקאָנען. האָבן זיי אָבער דערפאר ניט קיין בוידעמער, און נאָך אזא גרויסן בוידעם, ווי די דאָזיקע שטוב האָט. פונעם פענצטערל אונטערן דאך זעט זיך אויך דאָס גאנצע דאָרף מיט אלע הײַזער, פעלדער און גערטענער. אין א לויטערן באגינען קאָן מען פונדאנען אפילע זען די ווײַטע בלוילעך־פארנעפּלטע בערג, פון הינטער וועלכע עס גייט אוף די זון. ווײַזט אויס, ער איז דאָ אפן בוידעם, ווי סע געהער צו זײַן, קיינמאָל ניט געווען, כאָטש ער האָט זיך אהער ניט איין מאָל געהאט פארקליבן. אנקע האָט פּאָשעט אויסגעטראכט, אז זי האָט געזוכט דעם העפט אירן, וואָס ער האָט אנומלטן אהער פארוואָרפן. מע קאָן דען דאָ עפּעס אָפּזוכן, אז ס'איז ניטאָ אפילע א פוס וווּ צו שטעלן. ווי האָט ער עס פריִער ניט באמערקט, ווי אָנגעוואָרפן דאָ איז. מע זאָל אלץ דארפן פונדאנען אראָפּטראָגן, וואָלט, דאכט זיך, די שטוב מיט דער שטאל געווען צו קליין. וואָס קאָן מען דאָ ניט געפינען: בענקלעך און שטולן אָן פיסלעך, ציכלעך מיט ניט קיין געפליקטע פעדערן, א פארייכערטן סאמאָוואר אָן א קרענטל, אן אלטן כאָמוט, א בארג מיט פארדארטע שיך, א זעקל קלײַען, טשוהונענע טעפּ, א לאמטערן מיט צעבראָכענע גלעזער, און וואָס ניט! וווּהין האָט ער עס פונדעסטוועגן פארוואָרפן אנקעס העפט, וואָס ער קאָן אים אלץ ניט געפינען?

זיך דערקליבן צום סאמע ווײַטסטן ווינקל פון בוידעם, האָט ער זיך פארטשעפּעט פאר א ראָגאָזשע און שיר ניט אומגעפאלן. אונטער דער צעפליקטער און פארשטויבטער ראָגאָזשע, וואָס האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט, האָט ער דערזען צוויי קאסטנס. די דעקלעך זײַנען ניט געווען אינגאנצן צוגעמאכט, מע זאָל, אפּאָנעם, גלײַך באמערקן, אז דאָרט ליגן די זעלבע טראנטעס און שקראבעס, וואָס וואלגערן זיך דאָ אף טריט און שריט.

אהער, אין אָט די קאסטנס, האָט דער העפט געוויס ניט געקאָנט פארפליִען. אנטאָשע האָט שוין געוואָלט צומאכן דאָס דעקל אויך פונעם אנדערן קאסטן, נאָר מיטאמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז פון צווישן די טראנטעס שטארצט ארויס עפּעס ענלעכס אף אן אלגעמיינעם העפט. די טאָוולען פונעם גרויסן שווערן בוך, וואָס ער האָט ארויסגעשלעפּט פון קאסטן, זײַנען געווען ליכטיקע, ווי די טאָוולען פון אנקעס פארוואָרפענעם העפט. זיי זײַנען אָבער א סאך גרעבערע און הארטערע, דאכט זיך גאָר, אז פון לעדער.

די שוואכע שײַן, וואָס האָט קוים דערגרייכט אהער אין ווינקל פונעם בוידעם־פענצטערל, איז געווען פאר אנטאָשען גאנץ גענוג, אז ער זאָל דערזען: די אויסיִעס פונעם דאָזיקן לאנגן און שווערן בוך זײַנען אים לאכלוטן אומבאקאנט, און ער האָט ניט וואָס ארײַנצוקוקן מער אהין. וויפל, אן ערעך, קאָן וועגן אזא בוך? נאָך איינעם אזא, ווען ער האָט... אויסבאהאלטן צוויי אזעלכע ביכער צווישן די צײַטונגען אינעם פעקל איז ניט אזוי פּאָשעט. אן אנדער זאך איז, אויב דאָס בוך איז אן אלטס, א פאנאנדערגעשאָטנס, צי א לערנבוך, וואָס מע ניצט עס שוין ניט. דאָס דאָזיקע בוך, וויבאלד מע האָט עס צוזאמען מיט אנדער אלטווארג ארופגעשלעפּט אהער, אפן בוידעם, ניצט מען שוין זיכער ניט. די גלײַכסטע זאך איז נעמען און צעפליקן עס אף באזונדערע בלעטלעך. ווער וועט זיך גיין צוקוקן צו דעם? וועמען גייט עס אָן? פריִער פון אלץ דארף מען אראָפּרײַסן די טאָוולען. דערצו אָבער דארף מען א שארף מעסער.

— אנטאָשע, וווּ ביסטו עס דאָרט? — האָט זיך דערטראָגן צו אים פון שטאל אנקעס הילכיק קעלכל. — האָסט געפונען דעם העפט?

— געפונען! געפונען!

— נו וואָס? ער וועגט ניט קיין צוויי קילאָ?

— מערער, אנקע, מערער. גיי אין שטוב. איך קריך באלד אראָפּ.

נאָר אנטאָשע איז אזוי גיך נאָך פון בוידעם ניט אראָפּ. ער האָט זיך פארהאלטן בא די צוויי קאסטנס. אונטער די שמאטעס און שקראבעס זײַנען אין ביידע קאסטנס געווען צונויפגעלייגט ביכער פון קאָלערליי פארנעם און וואָג — גרויסע און קליינע, גראָבע און דינע, מיט געוויינלעכע און לעדערנע טאָוולען, עטלעכע אינגאנצן אָן טאָוולען, און היפּש שוין צעפליקטע. קענטיק, זיי זײַנען איבערגעווען אין פיל הענט. ער זאָל ארײַנרוקן צווישן די צײַטונגען אָט די דאָזיקע צוויי ביכער, וועט טערענטי זיכער ניט באמערקן. סארא מעסוקענע שווערע קאסטנס! פון אָרט ניט צו רירן. פאנאנדערפליקן די אלע ביכער אף באזונדערע בלעטלעך, קאָן קלעקן פאפיר אף אויסצוקויפן אלע ביכלעך פונעם צעטל און סע וועט נאָך בלײַבן אף אויסצולײַען דעם, וועמען עס פעלט אויס צו דער וואָג. וועגן די געפונענע קאסטנס וועט ער קיינעם ניט זאָגן, בלויז אנקען. פון איר וועט ער זיך סײַווי ניט קאָנען אויסבאהאלטן, און אויסער אלעמען, קאָן אנקע, ווייסט ער, האלטן א סאָד.

אנטאָשע האָט צוריק ארופגעוואָרפן אף די ביכער די טראנטעס און שקראבעס, צוגעמאכט די דעקלעך און אײַנגעדעקט ביידע קאסטנס מיט דער ראָגאָזשע. מיט זיך האָט ער דערווײַל מיטגענומען בלויז צוויי ביכער, איינס א גראָבס, דאָס אנדערע — א דינערס. ביידע אָן טאָוולען און היפּשלעך שוין צעפליקטע.

— אנקע, — אים האָט אזש פארשלאָגן דער אָטעם פון דער נײַס, וואָס ער האָט איר צו דערציילן, — נעם דעם בעזמען און קריך געשווינד אהער!

— נאָך וואָס? — זי איז געבליבן שטיין אין דער טיר פון שטוב, וועלכע פירט אין שטאל.

— וועסט נאָכדעם זען. דער בעזמען איז מיט דיר?

ניט דאָס בוך, וואָס דאָס ברודערל האָט, זיצנדיק באַם פענצטערל, געהאַלטן אויף די קני, און ניט דאָס אַנדערע, וואָס ער האָט איבערגעמישט בלעטל נאָך בלעטל, ווי ער זאָל דאָרט עפּעס זוכן, זײַנען אײַנגאַנצן ניט געווען ענלעך אויף איר אַלגעמיינעם העפט. אַנקע האָט דאָס דערזען, ווי נאָר זי איז אַרויף אויפן בוידעם.

— און וווּ איז דער העפט? — זי האָט זיך צוגעזעצט לעבן ברודערל און פאַרכידעשט געקוקט אויף די צוויי ביכער.

— ווער דאַרף שוין איצטער דײַן העפט! גיב נאָר אַהערצו דעם בעזמען. ווי מיינסטו, צען אַ האַלבע קילאָ וועט זײַן?

— וואָס זײַנען עס פאַרא ביכער? וווּ האָסטו זיי גענומען?

— נאָכדעם, איכ׳ל דיר דערנאָך דערציילן. העלף מיר זיי אָפּוועגן. ט׳האָסטו דיר! ס׳פעלן נאָך גאַנצע דרײַ קילאָ, — ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און שטיל געפרעגט, — וועסט קיינעם ניט דערציילן? זע זשע. קום מיט מיר.

ער האָט פאַרזיכטיק אַראָפּגעצויגן די ראָגאָזשע פון די קאַסטנס, אויפגעהויבן די דעקלעך און גענומען אַרויסוואַרפן פון דאָרט די שקראַבעס און טראַנטעס.

— אוי, וויפל! — אַנקע האָט גענומען בלעטערן אַ בוך נאָך אַ בוך. — זע, און אַלע ייִדישע.

— פונוואַנען נעמסטו עס? — האָט פאַרכידעשט געפרעגט אַנטאָשע, וועלכער האָט ענדלעך געפונען אַ בוך, וואָס וועגט דרײַ קילאָגראַם. אַפילע מיט הונדערט גראַם מער. דאָס מאַכט אויס, מיסטאַמע, אַ צען צײַטונגען. ער וועט אָבער קיין איין צײַטונג אויך ניט אַרויסנעמען פונעם פּעקל. אַז ס׳וועט זײַן אַ ביסל מער, וועט דער גוואַרדייעץ זיך ווייניקער צוקוקן.

— דאָ איז דאָך פריִער געווען אַ ייִדישער קאָלווירט. נו, ביז דער מילכאָמע. וואָס, דו ווייסט דען ניט? איך פאַרשטיי שוין. דאָס האָבן די ייִדן אויסבאַהאַלטן דאָ די ביכער פון די פאַשיסטן.

— אויפן בוידעם?

— און וווּ דען זאָל מען באַהאַלטן? די דײַטשן זאָלן געווען געפינען די ביכער אין שטוב, וואָלטן זיי עס פאַרברענט. און אַז אויפן בוידעם איז ניטאָ וואָס צו זוכן, זעט מען דאָך גלײַך. איך פאַרשטיי שוין. דאָס האָבן די ייִדן אומיסטן אָנגעטראָגן אַהער אַזויפיל כלאַם.

— דו מיינסט אַזוי?

אין דער געדיכטער אַלייע פון די שטרענגע שלאַנקע טאָפּאָלן, וואָס האָט זיך געצויגן פונעם קאָלווירטישן קאָנסערוון־זאַוואָד ביז צו דער ווײַטער סטאַנציע, האָט זיך באַוויזן אַ רײַטער אויף אַ ווײַס פערד. אַנטאָשע מיט אַנקען זײַנען צוגעפאַלן צום פענצטערל. ס׳האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז דאָס רײַט שוין פון דער פּאָסט דער טאַטע. נאָך איידער דער רײַטער האָט פאַרלאָזט די אַלייע און פאַרקערעוועט צום קאַנאַל, אָנפאַנגען, אַפּאָנעם, דאָס פערד, איז אַנטאָשע שוין געווען זיכער, אַז דער מענטש איז ניט קיין היגער, אַז ער איז פון אַן אַנדער קאָלווירט. דאָס וואַסער אין קאַנאַל, וואָס פליסט פונעם ווײַטן דניעפּער, איז דורכזיכטיק־לויטער. ווי טיף דאָרט זאָל ניט זײַן, זעט מען דעם זאַמדיקן דעק. און דער זאַמד אויפן ברעג איז ווי איבערגעקליבן. אַ זעמדעלע צו אַ זעמדעלע, אָן איין שטיינדל, ער לויכט זיך אַנטקעגן דער זון, ווי ריין גאָלד. ער, אַנטאָשע, און אַנקע זײַנען געבוירן שוין הי. פאַרשטייען זיי ניט, פאַרוואָס בענקט אַזוי די מאַמע נאָכן דאָרף, פונוואַנען זי איז מיט אַ סך יאָרן צוריק אַריבערגעפאָרן אַהער. דער טאַטע בענקט אויך נאָך יענעם דאָרף, אָבער ניט אַזוי שטאַרק. אים איז דאָ מער געפעלן. און אַז די מאַמע פרעגט בײַ אים: „מיט וואָס?” — הייבט ער אָן אויסרעכענען: „דאָרט איז ניטאָ אַזאַ זון, אַזאַ בלויער הימל, און די פעלדער זײַנען דאָ אין קאָלווירט אויך אַ סך גרעסערע. פאַר איין טאָג וועט מען זיי אויף אַ וועלאָסיפּעד ניט אַרומפאָרן”. נאָר מער פון אַלץ זײַנען געפעלן דעם טאַטן די ווײַנגערטנער. אים, אַנטאָשען, זײַנען זיי אויך שטאַרק ליב. ער אויף אַנקעס אָרט וואָלט אין די קאַניקולן געאַרבעט נאָר אויפן ווײַנגאָרטן און ניט אויף דער פערמע, ווי די מאַמע. וועגן וואָס האָט זיך עס אַזוי פאַרטראַכט אַנקע, וואָס זי ענטפערט אים ניט? קוקט אַרויס דורכן בוידעם־פענצטערל און שווײַגט.

— אַנקע, — ווענדט ער זיך ווידער צו איר, דאָס מאָל שוין ווי צו אַ פיל עלטערער און דערפאַרענער פון זיך, — פאַרוואָס איז קיינער פון זיי ניט געקומען נאָך דער מילכאָמע אָפּנעמען די ביכער?

און דאָס עלפיאָריקע שוועסטערל זײַנס ענטפערט ווי אַ דערוואַקסענע:

— מיסטאַמע זײַנען זיי אַלע אומגעקומען.

— פונוואַנען נעמסטו עס?

— און אַליין ווייסטו דען ניט?

איבערגעבונדן די צײַטונגען אַזוי, אַז עס זאָלן זיך ניט אַרויסזען די דרײַ אַרײַנגעשפּאַרטע ביכער, האָט אַנטאָשע מיט אַנקען אַרופּגעלייגט דאָס פּעקל אויפן נידעריקן פלאַטשיקן וועגעלע, אויף וועלכן מע פלעגט אַמאָל פירן פון דעם אַרטעזיִאַנער ברונעם פעסלעך וואַסער, און געלאָזט זיך צום שפּײַכלער, וווּ ס׳איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ ריי, נאָר שוין ניט אַזאַ, ווי דעם ערשטן טאָג.

— וווּ האָט איר עס מיטאַמאָל גענומען אַזויפיל פּאַפּיר? — איז מען נײַגעריק געווען וויסן. באַזונדערס נײַגעריק זײַנען געווען די, בײַ וועמען אַנטאָשע האָט ערשט נעכטן נאָך געהאַט געבעטן אים אויסלײַען אַלטע צײַטונגען שיר ניט אויף אַ גאַנצן בוך און וועמען אַנקע האָט פאַר די צען מיט אַ האַלבן קילאָגראַם מאַקולאַטור, וואָס ס׳האָט זיי אויסגעפעלט, געוואָלט אָפּגעבן איר וווּנדער־שיינע פילפעדער, וועלכע

איז איר געווען אזוי טײַער, אַז זי האָט זיך נאָך מיט איר אינגאַנצן ניט גענוצט.

— דער טאַטע האָט געבראַכט צו פירן פון דער פּאָסט, — האָט אַנקע געענטפערט, באַווײַזנדיק דערמיט דעם ברודערל, אַז זי קאָן האַלטן אַ סאָד. — דער טאַטע וועט אונדז נאָך ברענגען אַזויפיל צײַטונגען, אַז מירן קאָנען קויפן אַלע ביכער, וואָס אינעם צעטל. איאָ, אַנטאָשע? — און געקוקט אומשולדיק מיט אירע פרייִלעכע אויגן.

ענדלעך איז דערגאַנגען זייער ריי. טערענטי ניקאָלײַעוויטש האָט אַ נעם געטאָן דאָס פּעקל און עס אַ וואָרף געטאָן אַף דער וואָג.

— אָהאָ־האָ! אַזאַ קליין קלומעקל און אַזאַ שווערס. איר האָט ניט אַרײַנגעלייגט אַהין קיין שטיינער? איך וועל זיך דאָך סײַווי דערוויסן. ניין, טאַקע אַפּאַנעמעסן פרעג איך. וואָס האָט איר דאָרט נאָך אויסער צײַטונגען?

— אַלטע זשורנאַלן. איר קאָנט אַ קוק טאָן, — האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אין דער האַלב־אָפּענער טיר אַנקע.

— נו, יאָ, מער האָב איך טאַקע ניט וואָס צו טאָן, ווי פאַנאַנדערבינדן די פּעקלעך. אַ מענטשן, אַנקע, דאַרף מען גלייבן אַפן וואָרט. וויבאַלד דו זאָגסט, אַז דאָרטן ליגן אַלטע זשורנאַלן און ניט קיין שטיינער, גלייב איך דיר.

ב

אָוונט־צײַט, ווען אין דאָרף האָבן שוין געברענט די לעמפּ אַף די סלופּעס, איז צום בריוטרעגער אַרײַנגעקומען דער פאַרוואַלטער פונעם אופנאַם־פּונקט טערענטי ניקאָלײַעוויטש וואָלגין און אַרויסגעלייגט אַפן טיש צוויי גראָבע ביכער אין האַרטע טאָוולען און איינס אַ קלענערס, אינגאַנצן אָן טאָוולען:

— אײַערע, מיטראָפאַן פּעטראָוויטש?

דער בריוטרעגער האָט ניט געאײַלט אָנגעטאָן די ברילן, צוגערוקט צו זיך נעענטער אַלע דרײַ ביכער, געגעבן אַ מיש איינעם, אַ צווייטן, און פאַרכידעשט אַ קוק געטאָן אַפן גוואַרדייעץ, וועלכער האָט אַפילע זיצנדיק שיר ניט אונטערגעשפּאַרט מיטן קאָפּ דעם באַלקן.

— וואָס איז אײַך מיטאַמאָל עפּעס אײַנגעפאַלן מיך פרעגן, צי איז עס מײַנע? איך האָב ניט נאָר קיינמאָל ניט געהאַט בא זיך אַזעלכע ביכער, נאָר קיינמאָל אין לעבן אַזעלכע אויסיעס אין די אויגן ניט געזען. עפּשער, האַ? — ער האָט ווידער געגעבן אַ מיש אַ פּאָר זײַטלעך. — ניין. אַף יאַפּאַנישע און כינעזישע, וואָס כ'האָב זיך אָנגעזען בייס דער מילכאָמע אין מאַנדזשוריע, זײַנען די בוכשטאַבן ניט ענלעך. גאָר ניט ענלעך. — און ווי ער זאָל זיך ריכטן דערהערן באַלד פונעם גוואַרדייעץ אַ גרויסן סוד, וועלכן יענער האָט אים צו אַנטפּלעקן, האָט סאַוועליעוו זיך נידעריק אָנגעבויגן צו אים איבערן טיש, — ס'האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס איר פרעגט זיך אַזוי נאָך אַף דעם?

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן... נאָר פאַרבײַגיין עס דאַרף מען ניט. — פון אונטער די געדיכטע אַראָפּגעהאַנגענע ברעמען האָבן זיך קוים אָנגעזען זײַנע גרויסע העלע אויגן, — כ'האָב געמיינט, אַז איך וועל זיך בא אײַך עפּעס דערוויסן. איז ווייסט איר, זע איך, אויך גאָרנישט ניט.

— אַנו, גיט מיר נאָר נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן, — מיטראָפאַן פּעטראָוויטש האָט צוריק אָנגעטאָן די ברילן, נאָר שוין אַ סאַך לאַנגזאַמער, ווי פריִער, געבלעטערט און איבערגעבלעטערט די ביכער, — וואָס־וואָס, נאָר קיין יאַפּאַנישע און כינעזישע זײַנען עס זיכער ניט. דאָס וועט אײַך זאָגן יעדערער, וואָס האָט מילכאָמע געהאַלטן קעגן די סאַמורײַען. איך בין, ווי איר ווייסט, ניט איינער אַזאַ אין דאָרף. העכער אַ האַלב יאָר בין איך דאָרט אָפּגעווען. שוין געקאָנט אַפילע...

— אַז ס'איז ניט אַף יאַפּאַניש און ניט אַף כינעזיש — דאָס זע איך, — האָט וואָלגין אים אָפּגעשטעלט, — גיכער פון אַלץ, ווי איך פאַרשטיי, דאַרפן עס זײַן ייִדישע ביכער. דאָ האָבן דאָך ביז דער מילכאָמע געוווינט ייִדן. אַ ייִדיש דאָרף געווען. נאָר ניט וועגן דעם בין איך איצט צו אײַך אַרײַן, מיטראָפאַן פּעטראָוויטש. איך וועל געפינען וועמען צו פרעגן. אין לעצטן פאַל כאַפּ איך זיך אַראָפּ צו דאַנילאַ איוואַנאָוויטשעס זון. וואַסיע זײַנער האָט זיך דאָך געלערנט דאָ אין שול, ווען זי איז געווען נאָך אַ ייִדישע, פאַר דער מילכאָמע, הייסט עס. מיר גייט איצט אָבער גאָר אין עפּעס אַנדערש. זאָגט איר, אַז ס'איז ניט אײַערע?

— איר גלייבט מיר ניט, צי וואָס? — מיטראָפאַן פּעטראָוויטש האָט זיך געגעבן האַסטיק אַ הייב אויף פון טיש.

— גאָט איז מיט אײַך! וואָס הייסט, איך גלייב אײַך ניט? איר פאַרשטייט אָבער... — וואָלגין האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, פאַררייכערט און, נאָכפאָלגנדיק נאָך די שנירלעך טונקלבלויען רויך, וואָס האָבן זיך געוויקלט אַרום דעם לעמפּל אונטערן באַלקן, ענדלעך געזאָגט, פאַרוואָס ער איז געקומען גראַדע צו אים, צו סאַוועליעוון, און ניט צו קיין אַנדערן זיך נאָכפרעגן. — באַם אָנלאָדן די מאַשין, וואָס איז געקומען נאָך דער מאַקולאַטור, האָבן זיך צעשאָטן עטלעכע פּעקלעך. דאָס פּעקל אָבער, פונוואַנען עס זײַנען אַרויסגעפאַלן די דרײַ ביכער, האָט זיך מיר גראַדע פאַרגעדענקט. עס האָבן מיר געבראַכט עס צו טראָגן אײַערע כעוורע. מיר גייט ניט אין דעם, וואָס אײַער אַנטאָשע מיט אַנקען האָבן מיר געזאָגט, אַז דאָס פּעקל זייערס איז דערפאַר אַזאַ קליינס, ווײַל דאָרט ליגן מער זשורנאַלן ווי צײַטונגען, און אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר... איבעריקס, קיין טײַנעס האָב איך ניט צו זיי דערפאַר. קימאַט אַלע קינדער אין דאָרף האָבן געקויפט זיך „די קיניגן מאַרגאָ״ צי „די גאָלדענע קאַלב״, איז פאַרוואָס זאָלן זיי בלײַבן אָן אָט די ביכער? אין ראַיאָן אָבער, וווהין איך פיר אַרויס די מאַקולאַטור,

ווײל מען דערפֿון ניט וויסן. פֿאַר יע־דער קוויטל, וואָס איך גיב אַרויס, דאַרף איך צושטעלן צוואַנציק קילאָגראַם פּאַפּיר, קיין גראַם ניט ווייניקער. און אונטערוקן אַנשטאָט פּאַפּיר אַ ביכל, וואָס אַפֿן קוק איז עס ניט גאָר קיין אַלטס, ניט קיין צעשאָטנס, און דערצו נאָך ווייסטו ניט, וואָס פֿאַר אַ ביכל דאָס איז, גייט דאָרט ניט אָן. נו און אַזױװי אײַערע כּעוורע האָבן מיר געזאָגט, אַז די מאַקולאַטור האָט איר זיי געבראַכט צו פֿירן פֿון דער פּאָסט...

— איך האָב זיי געבראַכט פֿון דער פּאָסט צײַטונגען און ניט קיין ביכער מיט קיין זשור־נאַלן, — האָט סאַוועליעוו אים איבערגעשלאָגן, ניט באַנעמענדיק נאָך אַלץ, פֿאַרוואָס קימערן אַזוי דעם גוואַרדייעץ אָט די דרײַ ביכער, אויב סע גייט אים ניט, ווי ער זאָגט, אין דעם, וואָס סע פֿעלט אים אויס צו דער וואָג, — אַז איך פֿאַרשטיי ביכלאַל ניט. נעכטן האָט זיי אויסגע־פֿעלט, געדענקט זיך מיר, נאָך גאַנצע אַכט קי־לאָ. הײַנט האָב איך זיי פֿון דער פּאָסט גאַרניט געבראַכט. פֿונוואַנען איז עס באַ זיי פֿון צוועלף קילאָגראַם מיטאַמאָל גאָר געוואָרן צוואַנציק? אַנטאָן, אַנקע, אָנו קומט נאָר ביידע אַהער!

דערזען אַפֿן טיש די דרײַ ביכער, וואָס ער האָט אויסבאַהאַלטן אינעם פּעקל צײַטונגען, איז אַנטאָשע געבליבן שטיין באַ דער טיר מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

טערענטי ניקאָלײַעוויטש האָט נאָך ניט באַ־וויזן אַ וואָרט אַרויסצוברענגען, ווי אַנקע איז אים שוין פֿאַרלאָפֿן דעם וועג:

— אָט די דרײַ יידישע ביכער זײַנען ניט אונדזערע און מיר ווייסן פֿון גאָרנישט ניט. איאַ, אַנטאָשע?

— וואָרט, וואָרט, פֿונוואַנען, זאָג מיר נאָר, אַנקע, האָסטו עס גענומען, אַז זיי זײַנען יידישע?

— דאָ האָבן דאָך פֿריִער געוווינט יידן. וואָס, איר ווייסט ניט, אַז פֿאַר דער מילכאָמע איז דאָ געווען אַ יידיש דאָרף?

— איז ווו, זאָגסטו, האָט איר גענומען די דאָזיקע ביכער? — איז טערענטי ניקאָלײַעוויטש שוין פֿון איר ניט אָפּגעטראָטן און געוואָרפֿן דערבײַ אַ בליק אַף אַנטאָשען, וואָס איז גע־שטאַנען באַ דער טיר. געשטאַנען און געוואַרט אַף דער שטראָף, וואָס ער וועט באַלד באַקומען פֿונעם טאַטן אין דער אָנוועזנהייט פֿונעם גוואַר־דייעץ.

— אוועלכע? אָט אַ די־אָ? — האָט אַנקע איבערגעפֿרעגט און ווי אַ דערוואַקסענע אַ קנייטש געטאָן די אַקסל און ברייט צעפֿירט מיט די הענט. — ס'איז ניט אונדזערע.

מיטראָפֿאַן פּעטראָוויטש איז נאָך אַלץ גע־זעסן באַם טיש, ווי אַ זײַטיקער, און ניט גע־קאָנט באַנעמען, וואָס ווײל אויסברײַען דער גוואַרדייעץ מיט אָט די דרײַ ביכער, ווײַבאַלד ער זאָגט, אַז סע גייען אים ניט אָן די אַכט קילאָגראַם פּאַפּיר, וועלכע אַנטאָן מיט אַנקען האָבן ניט דערגעבן? און וואָס איז אים אַזוי דער

כּילעק, צי די ביכער זײַנען יידישע צי ניט־יידישע, וואָס ער מאַכט דערפֿון אַזאַ וועזן? עפּעס, פֿאַרשטייט זיך, שטעקט, מיסטאָמע, דער־רין, וואָס ער פֿרעגט זיך אַזוי נאָך באַ אַנקען. סאַוועליעוון איז גראָדע געפֿעלן, ווי זײַן טעכ־טערל לאָזט זיך ניט כאַפּן אין דער נעץ, אין וועלכער דער גוואַרדייעץ ווײל זי פֿאַרנאַרן. ווי קונציק זי דרייט זיך אַרויס! ער נעמט זיך דער־מיט אַפֿילע איבער, אָבער ער ווײַזט עס פֿאַר די קינדער מיט גאָרנישט ניט אַרויס. פֿאַר־קערט, זײַן בליק, וואָס ער וואַרפֿט פֿון מאָל צו מאָל אַף זײַן יינגל, קאָן, אָן ערעך, באַטײַטן: „איך בין דיר ניט טערענטי ניקאָלײַעוויטש. איך וועל זיך מיט דיר אַ ביסל אַנדערש דורכריידן". אָדער: „וואָס איז עס פּלוצעם אַף דיר אָנגעפֿאַלן אַ הוסט? האָסט מוירע, אַז אַנקע זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט אַן איבעריק וואָרט? וואָס? ס'איז טאַקע אַזאַ גרויסער סאָד, וואָס מע טאָר אים ניט אויסגעבן?"

דער פּאַרוואַלטער פֿונעם אופֿנאַם־פּונקט טרעט אָבער אַלץ ניט אָפּ פֿון אַנקען, גלייבט, אַפּאַנעם, אַז זי וועט זיך פֿאַרט אַרײַנפּאַקן, אַז באַ איר וועט ער פֿונדעסטוועגן מערער דערגיין ווי באַ דעם אַקשאָנעסדיק־שווײַגנדיקן אַנטאָ־שען. וואָלגין פֿרעגט איבער נאָכאַמאָל און נאָכ־אַמאָל אײנס און דאָס זעלבע, ווי ס'זאָל גיין אַ רייד וועגן אַ גנייווע. נאָר אַז אַנטאָשע מיט אַנקען האָבן די דאָזיקע ביכער ניט געגאַנוועט, אין דעם איז דער פֿאָטער זייערער לאַכלוטן זיכער. גיכער פֿון אַלץ האָט עמעצער זיי די ביכער געגעבן אָדער באַ עמעצן אַף עפּעס אויסגעביטן זיי, און יענער ווײל ניט, מע זאָל דערפֿון וויסן. מאַלע פֿון וואָס אַ מענטש מאַכט אַמאָל אַ סאָד. נאָר אויב יענער האָט געבעטן, זיי זאָלן וועגן דעם קיינעם ניט זאָגן, איז מעג דער גוואַרדייעץ מיט זיי טײַנען ביז מאָרגן, וועט ער זיך סײַווי גאָרניט דערוויסן. ס'איז אַרויסגעוואָרפֿענע מי. אין דעם זײַנען ביידע כּעוורע אײנגאַנצן ענלעך אַף אים, אַפֿן פֿאָטער. הײַנטיקע קינדער זײַנען, דאַכט זיך, אַלע אַזוי. מע האָט זיך אָנגעהערט און זיך אָנגעלייענט וועגן אויסשפּירער און מע ווײל זײַן ענלעך אַף זיי. באַ אַן אויסשפּירער, ווייסן זיי, איז דאָס סאַמע ערשטע — קאָנען האַלטן אַ סאָד, אָט ווי ער, מיטראָפֿאַן פּעטראָוויטש, האָט אים גע־האַלטן, ווען ער איז, גייענדיק אין אויסשפּיר, אומגעריכט אַרײַנגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט, און קיין וואָרט פֿון זיך ניט אַרויסגעבראַכט, וויפֿל מע האָט אים ניט צעפּײַניקט. ער זאָל ניט געווען אין דער זעלבער נאַכט אַנטלאָפֿן, וואָלט מען אים דערמלט אַף געוויס צעשאָסן.

— און מער אַזעלכע ביכער האָט איר ניט? — טוט טערענטי מיטאַמאָל אַ פֿרעג באַ אַנקען.

— וועלכע ביכער? — פֿרעגט איבער דאָס מיידל, פּונקט זי הייבט ניט אָן צו וויסן, וועגן וואָס עס גייט אַ רייד.

ער איז אַ בלינדער צי וואָס, ער זעט דען ניט, טערענטי ניקאָלײַעוויטש, אַז ער וועט זיך באַ איר גאָרניט דערשלאָגן? און באַ אַנטאָשען

האָט ער דאָך געוווּסט ניט וואָס צו פרעגן. דאָס אָבער, וואָס דער גוואַרדייעץ טרעט פּאַרט ניט אָפּ, וויל אַלץ דערגיין, ווו קאָן מען קריגן נאָך אַזעלכע ביכער, און איז שיר ניט גרייט פאַר יעדעס ביכל אַרויסגעבן אַ קוויטל אין קלייט, פונקט ווי פאַר צוואַנציק קילאָגראַם פּאַפּיר, און זאָגט ניט אויס פאַרוואָס, פירט ביסלעכווײַז אַרויף דעם בריווטרעגער אָפן געדאַנק, צי זײַנען עס ניט פון יענע ביכער, וועלכע ער האָט אַנומלטן, ווען ער איז געווען אין שטאָט, געזען ליגן אין קראָם פאַרשלאָסן אונטער אַ גלאָז. ס'ערשטע מאָל אין לעבן זעט ער, אַז אַ ביכל, און גראַדע אַן אַלטס, אַפילע אַ ביסל אַ צעשאָטנס, זאָל קאָסטן פופציק און הונדערט רובל.

— און פאַר צוויי הונדערט און דרײַ הונדערט, מיינט איר, זײַנען ניטאָ? — האָט אים געענטפערט די פאַרקויפערין, צוזעענדיק, ווי ער שטייט בײַ דער וויטרינע און הערט ניט אויף זיך צו כידעשן.

עפּשער שאַצן זיך אַזוי טײַער אויך אַזעלכע יידישע ביכער, און אויסער דעם גוואַרדייעץ ווייסט דאָ נאָך קיינער ניט דערפון? אויב אַזוי, איז עס דאָך אַ גאַנצער אוצר. דערפאַר, אַפּאָנעם, וויל ער טאַקע ניט זאָגן און האַלט אין איין נאָכפרעגן זיך בײַ אַנקען, ווו קאָן מען דאָ קריגן אַזעלכע ביכער.

האָט מיטראָפאַן פּעטראָוויטש, וואָס איז ביז אַהער געזעסן, ווי אַ זײַטיקער, זיך ענדלעך אַרײַנגעמישט:

— איר זעט דען ניט, טערענטי ניקאָלײַעוויטש, וואָס פאַר אַן אַנטיקל דאָס איז, אַז איר ווערט בײַ איר גאָרניט דערגיין? האָט אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער און שווײַגט. בײַ מיר ווערט זי אָבער ניט שווײַגן, איך וועל מיט איר זיך דורכריידן אַ ביסעלע אַנדערש, מיטן רימען. אַנו, מאַרש אין דרויסן! — און אַז דאָס טעכטערל איז אַרויס, האָט ער זיך אָנגערופן צו אַנטאָשען: — קענסט מיר ניט זאָגן, וויפל איז דער שיר שטיין אַזוי און שווײַגן? מיילע, ווילסט ניט זאָגן, איז ניט. געגאַנוועט, פאַרשטיי איך, האָסטו זיי ניט. אָבער ווו האָסטו זיך עס אויסגעלערנט אָפּנאַרן יענעם? ווייסט, מיסטאָמע, באַלד זאָגן, אַז האָסט ניט געוווּסט, וועלכע ביכער מעג מען יאָ אָפּגעבן און וועלכע ניט. האָ?

— כ'האָב געוווּסט.

— אָך, אַזוי גאָר. האָט טערענטי ניקאָלײַעוויטש, הייסט עס, ניט געהאַט קיין טאָעס, אַז אָט די דרײַ ביכער האָט ער געפונען אין דײַן פּעקל? פאַרוואָס זשע, אויב אַזוי, האָסטו געהייסן זאָגן אַנקען, אַז ס'איז ניט אײַערע? נו און וויבאַלד ס'איז אײַערע, איז עפּשער וועסטו פּאַרט אונדז זאָגן, ווו האָט איר זיי גענומען?

— געפונען.

— ווו?

אַנטאָשע האָט נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— עמעצער האָט זיי דיר אונטערגעוואָרפן? איך פאַרשטיי ניט. וויבאַלד קיינער האָט זיי דיר ניט געגעבן, האָסט זיי בײַ קיינעם ניט אויסגעבויטן, נאָר פּשוט געפונען, איז פאַרוואָס זאָלסטו מאַכן דערפון אַ סוד? שווײַגסט ווידער? — און שוין מיט אַן אַנדער שטים, וועלכע איז דערגאַנגען אויך צו אַנקען אין הויף, האָט מיטראָפאַן פּעטראָוויטש באַפוילן, — די מינוט קער אום דאָס ביכל, וואָס האָסט געקויפט אַף טערענטי ניקאָלײַעוויטשעס קוויטל. די מינוט!

דער גוואַרדייעץ האָט פאַרצאַמט אַנטאָשען דעם וועג:

— מע דאַרף ניט. איך וועל ווי־ניט־איז געפינען אַן אויסוועג. איך מיין, אַז פאַר די אַכט קילאָגראַם פּאַפּיר, וואָס סע פעלן, וועט מען מיך ניט קעפּן. און וועלכן קלאַס ביסטו אַריבער? אין זיבעטן? ביסטו דאָך, אויב אַזוי, שוין אַ גרויסער באָכער. איז טראַכט זיך נאָר גוט אַרײַן. די מאַקולאַטור, וואָס מע גיט אָפּ, גייט אַוועק אָדער אונטערן מעסער אָדער פאַלט אַרײַן אין אַ קאָכעדיקן קעסל. און פונוואַנען ווייסן מיר, אַז אַזעלכע ביכער, ווי דו האָסט געבראַכט, מעג מען לייגן אונטערן מעסער צי אַרײַנוואַרפן אין קעסל? פאַר ביכער, אַנטאָשע, דאַרף מען זיך אויך אײַנשטעלן. בײַס דער מילכאָמע האָט מען אַרויסגעפירט פון אונטערן פײַער אין טיפן הינטערלאַנד ניט נאָר מענטשן און זאַוואָדן, נאָר אויך ביבליאָטעקן. און וויפל סאָלדאַטן האָבן, אַוועקגייענדיק אַף דער מילכאָמע, מיטגענומען מיט זיך פון דער היים ביכלעך און זיך מיט זיי ניט געשיידט, פונקט ווי מיט דער ביקס. מיט מיר אין דער ראָטע איז אויך געווען איינער אַזאַ. כ'געדענק שוין ניט, ווי ער האָט געהייסן. ס'איז פּאַרט שוין אַ געשיכטע פון עטלעכע און דרײַסיק יאָר. מיר דוכט זיך, אַז דאָס ביכל, וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך און זיך מיט דעם ניט געשיידט, איז געווען ענלעך אַף די, וואָס דו מיט אַנקען האָבן מיר געבראַכט צו טראָגן. איידער מע לייגט אונטער אַ ביכל אונטערן מעסער, דאַרף מען וויסן, וואָס איז עס פאַר אַ ביכל. מע דאַרף זיך אַפּריער גוט פאַרטראַכטן וועגן דעם. ביסט דאָך שוין ניט קיין קינד. דו דאַרפסט עס פאַרשטיין.

„ווי מע קאָן עס אַמאָל אַ טאָעס האָבן אין אַ מענטשן!" — האָט אַ קלער געטאָן מיטראָפאַן פּעטראָוויטש, אַרויסבאַגלייטנדיק פון שטוב דעם גוואַרדייעץ מיט די דרײַ ביכער אונטערן אָרעם.

ג

אינעם נאָענטסטן זונטיק האָט טערענטי ניקאָלײַעוויטש זיך אויפגעזעצט אַף זײַן אַלטינקן וועלאָסיפּעד מיטן אײַנגעמאָסטעטן מאָטאָרל, און אין קנאַפּע צוויי שאָ אַרום איז ער שוין געווען אינעם ווײַטלעכן דאָרף פון דעם שכײנעסדיקן ראַיאָן, וווּהין דאַנילאַ אַפאַנאַסיעוויטש, דער שמיד פון זייער קאָלווירט, איז מיט אַן אַנדערהאַלבן יאָר צוריק אַריבערגעפאָרן צו דעם זון זײַנעם, צו וואַסילין.

דעם באַיאָרטן דאַנילאַ אַפאַנאַסיעוויטשן איז אויסגעקומען אַ ביסל מאָדנע, וואָס דער גוואַר־

דייעץ, וועלכער איז שוין אויך ניט קיין גאָר יונגער מענטש, קימאט אין איינע יאָרן מיט אים, זאָל צוליב אזא זאַך זיך שלעפּן אזש אהער. נאָר וויבאלד ער זאָגט, אז אים גייט עס זייער אָן, וועט אים אויסקומען צוווארטן ביז פארנאכט, ביז וואסילי וועט זיך אומקערן פון פעלד. וואסילי זײַנער איז א מעכאניקער, און די טעכניקע האלט מען זומער ניט אין דאָרף — מע פירט זי נאָך וועסנע ארויס אין פעלד.

— און די הײַנטיקע טעכניקע, טערענטי ניקאָלײַעוויטש, איז ניט דאָס, וואָס אין די פריִערדיקע יאָרן. אז כ׳וויס גאָרניט, צי א סאַך פון אונדז געדענקען נאָך גאָר די לאָבאָגרייקעס. כ׳וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, מיר דוכט זיך, אז די הײַנטיקע קאָלווירטניקעס ווייסן שוין גאָר אפילע ניט, וויאזוי סע וואקסט ברויט, וואָרעם ניט זיי זייען עס, ניט זיי שנײַדן עס. מע גיט א לאָז ארײַן אין פעלד די טעכניקע און שוין: צו דער צײַט פארזייט און צו דער צײַט אראָפּגענומען. די עמעסע קאָלווירטניקעס, אויב איר ווילט וויסן, זײַנען איצטער, ווייסט איר ווער? די טראקטאָריסטן און די קאָמבײַניאָרן. אָט זיי ווייסן שוין גראדע יאָ, וואָס איז אזוינס ברויט. איר ווילט טאקע צופאָרן צו מײַן וואסילין אין פעלד? כ׳האָב אָבער מוירע, אז איר וועט אים דאָרט ניט געפינען. די פעלדער זײַנען דאָך אויך שוין ניט די, וואָס פריִער. אינעם קלענסטן קאָלווירט ציִען זיך די פעלדער אַף היפשע עטלעכע קילאָמעטער, און דאָ בא אונדז וועט איר זיי פאר א טאָג אויך ניט דורכפאָרן. וואָס ערגערט איר זיך אזוי? איר וועט אַף דער גאס ניט נעכטיקן.

נאָכאמאָל א בלעטער געטאָן די ביכער, וועלכע דער גוואַרדייעץ האָט געבראַכט מיט זיך צו פירן, האָט דאנילא אפאנאסיעוויטש ארײַנגענומען אין דער האנט די געדיכטע גראָווע באָרד זײַנע, וואָס איז נאָך ערטערווײַז געבליבן צונטער־רויט, ווי זי זאָל געווען פארהיטן אין זיך דעם אָפּשײַן פונעם פאנאנדערגעבלאָזענעם האָרן, און זיך אָנגערופן:

— זאָגן אײַך אַף זיכער, אז ס׳זײַנען ייִדישע, קאָן איך ניט, כאָטש איך האָב גערעדט ייִדיש ניט ערגער פון א ייִדן. די קאָלווירטניקעס האָבן מיך אפילע געהאט גערופן רעב דאנילא. אָבער לייענען און שרײַבן אַף ייִדיש — דאָס האָב איך ניט געקענט. וואסילי מײַנער, זעט איר, ער האָט געקענט אי לייענען אי שרײַבן און טאקע גוט געקענט: ער האָט ניט איין יאָר געלערנט דאָרט אין דער ייִדישער שול. פאר דער צײַט האָט ער שוין, פארשטייט זיך, א סאַך פארגעסן, אָבער ניט אַף אזויפיל, אז ער זאָל ניט קאָנען איבערלייענען און זאָגן, וואָס זײַנען עס פארא ביכער.

וואסילי האָט זיך אומגעקערט פון פעלד, ווען די פארגייענדיקע זון האָט מיט איר פלאם גענומען אָנצינדן פײַער אין די שויבן.

— אָט דאָס הייסט א גאסט! — איז וואסילי אזש אונטערגעשפרונגען, דערזעענדיק דעם גוואַרדייעץ. — נאסטיע, ווו ביסטו? זע, ווער ס׳איז געקומען! טאטע, פאראן בא אונדז וואָס צו דערלאנגען צום טיש, צי מע דארף זיך צוכאפּן אין קלייט? נאסטיע! קינדער, ווו איז דאָס די מאמע? — האָט ער ארויסגעשריִען דורכן אָפענעם פענצטער צום קליינוואַרג, וואָס האָט זיך געשפילט אין הויף. — אנו, טוט נאָר א שפרונג און געפינט מיר די מאמע! — און ווידער פארוואָרפן דעם גאסט מיט רייד. — איז וואָס הערט זיך דאָרטן עפּעס בא אײַך אין אונדזער אמאָליקן ייִשעוו? ביז איצט נאָך בענקט זיך מיר אהין. טאטע, גרייט דערווײַל צום טיש. איך וועל זיך גיין אײַנוואשן, — ער האָט אראָפּגעצויגן פון זיך דאָס פארשטויבטע אויסגעברענטע העמדל. — ע, ווען מיר האָבן דאָ אזא טײַך מיט אזא פּליאזש ווי בא אײַך! דער קאנאל איז צו אונדז ניט דערגאנגען. נאָר מיט וואסער זײַנען מיר באזאָרגט. מע דארף זיך ניט שלעפּן מיט די פּעסלעך צום ארטעזאנער, ווי אין יענע יאָרן, און ציטערן איבער א טראָפּן. אין יעדן הויף איז דאָ א קראַנט. צאַפּ וויפל דאָס הארץ גלוסט. סע קלעקט וואסער אי פארן פעלד, אי פאר די גערטענער, אי אַף אײַנצוּוואַשן זיך. איר זעט, סארא ביימער דאָ וואקסן בא אונדז?

— געפונען מיט וואָס זיך צו איבערנעמען, — כאָטש דאנילאָ דער שמיד וווינט שוין דאָ דאָס אנדערע יאָר, האלט ער זיך נאָך אַלץ מער פאר א דאָרטיקן, ווי פאר א היגן. — האָסט פארגעסן, סארא פארק איז דאָרט בא אונדז! און די אלייע טאָפּאָלן, וואָס ציט זיך פונעם זאוואָד ביז דער סטאנציע...

— וואָס עפּעס פארגעסן? אָט דו, טאטע, זע איך, נעמסט שוין יאָ פארגעסן, וואָס איז געווען, ווען מיר האָבן זיך דאָרט באזעצט. מער ווי צוויי־דרײַ ביימלעך אין א הויף איז, דאכט מיר, בא קיינעם ניט געווען. אָן וואסער, פון זון אליין וואקסן קיין סעדער מיט קיין טאָפּאָלן ניט אויס. און מײַן ניט, טאטע, אז איך בענק ווייניקער נאָכן ייִשעוו, ווי דו. און וויפל איז שוין, אז איך בין ארויסגעפאָרן פון דאָרט? א יאָר פופצן, האַ?

— אויב ניט מער. באלד נאָך דער כאסענע האָסטו זיך דאָך איבערגעקליבן אהער. זע, פארגעסן דערציילן דיר. א קורצע צײַט פאר דעם, ווי איך בין אריבערגעפאָרן צו דיר, איז געווען בא אונדז צוגאסט אן אלטער קאָלווירטניק. דארפסט אים געדענקען. לייווי האָט מען אים גערופן. ער האָט געוווינט אַף אונדזער גאס, די דריטע שטוב פון ברעג.

— לייווי נאָרשטיין?

— נאָרשטיין? יאָ, לייווי נאָרשטיין. ער איז ערגעץ געפאָרן, כ׳געדענק שוין ניט וווהין, האָט ער, פארבײַפאָרנדיק אונדזער סטאנציע, זיך אראָפּגעכאפּט אַף א טאָג א קוק טאָן אפן ייִשעוו. א שפּילעכל! אָפּגעלעבט דאָ אזויפיל יאָר. איז אָבער קיינער פון די אלטע קאָלווירטניקעס, אויסער מיר, ניט פארבליבן. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, אז לייווי האָט מיך דערזען, איז ער מיר ארופגעפאלן אפן האלדז און זיך צעוויינט מאמעש ווי א קינד. „רעב דאנילאָ, —

מאכט ער צו מיר, — איך דערקען ניט דעם יִשעוו. געוואָרן ווי אין א שטאָט. מע דאַרף שוין מער ניט שלעפּן קיין וואסער פון ארטעזאַן, קלײַבן קורײַ, קנעטן די בלאָטעס. איר האָט דאָ איצט אין שטוב וואסער, גאז, און טראָטואַרן אפילע. רעב דאנילאָ, — און צעוויינט זיך ווידער, — פארוואָס קומט עס אונדז? פארוואָס, אז ס׳איז געקומען צום לעבן, איז קיינער ניט פארבליבן פון די, וואָס האָבן אויסגעבויט דעם יִשעוו? דאָ איז דאָך געווען א הוילער סטעפּ״. ס׳איז אוואדע א גרויסער ווייטעק.

— וועגן זײַן זעליקן האָט ער דיר גאָרניט דערציילט? א גרויסער שטיפער געווען. איך בין מיט אים געזעסן אין שול אף איין פּארטע.

— הער, וועסט זיך גיין אמאָל אײַנוואָשן? טערענטי ניקאָלײַעוויטש איז דאָך געקומען צו דיר, און קיין איבעריקע צײַט האָט ער ניט.

אין א ווײַלע ארום האָט פון הויף זיך דערהערט א כליופּען פון אן אָפּגעדרייטן קראנט און וואסיליס הילכיק פאָרשקען אונטערן קאלטן שטראָם וואסער.

שוין באם ערשטן זײַטל פונעם גרויסן גראָבן בוך אין די לעדערנע טאָוולען, וואָס וואסילי האָט אופגעמישט, האָט ער זיך אָנגעבויגן איבער דעם, ווי איבער אן אלטער אויסגעצוויטעטער פאָטאָגראפיע, אין וועלכער מע פרווט זיך דערקענען די היימישע פּנעמער. די גרויסע אויסיעס זײַנען אים קימאט אלע געווען באקאנט.

— ווי קומען צו אײַך אָט די ביכער? — האָט וואסילי, איבערמישנדיק בלעטל נאָך בלעטל, געפרעגט. — די פאשיסטן, אז זיי זײַנען ארײַן צו אונדז אין יִשעוו, האָבן זיי ניט איבערגעלאָזט קיין איין יִדיש ביכל. גענומען און אלץ פארברענט.

— זאָגט איר, הייסט עס, אויך, אז אָט די ביכער זײַנען יִדישע? — דער גוואַרדייעץ, וואָס איז ביז אהער אויך געווען קימאט אין דעם זיכער, האָט, דערהערנדיק עס איצט פון וואסילין, זיך דערפילט, ווי א מענטש, וואָס האָט ארויסגעראטעוועט פון פײַער עפּעס זייער ווערטפולס.

— נו, פארשטייט זיך. איבערלייענען אָבער קאָן איך ניט. עטלעכע און דרײַסיק יאָר, ווי איך האָב קיין יִדישן אָס ניט געזען אין די אויגן. — ער האָט זיך ווידער איבערגעבויגן איבער די אופגעמישטע זײַטלעך און זיך געכידעשט אף א קאָל, אָפּשארנדיק פון מויל די לאנגע צונטער־רויטע וואָנצן, — א מאָדנע זאַך פונדעסטוועגן. די גרויסע אויסיעס זײַנען קימאט אלע יִדישע, און איך קאָן קיין וואָרט ניט איבערלייענען. די קליינע אויסיעלעך, אָט די, וואָס בא דער זײַט און פון אונטן, זײַנען מער ענלעך אף דעם דײַטשיש־גאָטישן שריפט. — מיטאמאָל, א נעם טוענדיק אין די הענט דאָס קלענערע ביכל מיט די אָפּגעריסענע טאָוולען, איז וואסילי א שײַנענדיקער אופגעשפרונגען פון אָרט, — אָט דאָס קאָן איך לייענען. „מיט א טראסק אין די רעדער איז שעפּטל קאָבילעץ...״. מיר האָבן עס געלערנט אין שול. כ׳קאָן זיך נאָר ניט דערמאָנען, ווי סע הייסט און וועמעס עס איז. כ׳פארשטיי אָבער ניט, פארוואָס קאָן איך אָט דאָס דאָזיקע ביכל יאָ לייענען און יענע צוויי ניט. נאָסטיע! — האָט ער זיך אָנגערופן צו דעם ארײַנגעקומענעם ווײַב. — ווו ביסטו עס געווען? זע, סארא גאסט מיר האָבן, און אפן טיש בא דיר איז פּוסט.

אז די פרוי זײַנע איז ארויס אין קיך, האָט וואסילי אופגעמישט אלע דרײַ ביכער און זיי גענומען פארגלײַכן צווישן זיך.

— נו, בעעמעס, איך הייב ניט אָן צו פארשטיין, — האָט ער ווידער איבערגעכאזערט פאר זיך, — פארוואָס קאָן איך אָט דאָס ביכל יאָ לייענען, און די צוויי ניט. די אויסיעס זײַנען דאָך איינע און די זעלבע. כאפּט, טערענטי ניקאָלײַעוויטש, אף ציקאווועסט אליין א קוק. אָט דאָס איז אן אלעף. נו, שיידן זיי זיך מיט עפּעס אונטער צווישן זיך? און דאָס איז א לאמעד...

— יאָ, טאקע, די זעלבע אויסיעס אי דאָ אי דאָ, — האָט דער גוואַרדייעץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — איז וואָס זאָל עס באטײַטן?

— ווײַבאלד דו זאָגסט, אז די אויסיעס זײַנען אי דאָ אי דאָרט יִדישע, — האָט זיך ארײַנגעמישט דאנילא אפאנאסיעוויטש, וואָס האָט געהאָלפן דער שנור גרייטן צום טיש, — איז דאַרף מען זיך אָנפרעגן בא א יִדן. ס׳קאָן דאָך ניט זײַן, אז אין די אמאָליקע יִדישע דערפער זאָלן אינגאנצן ניט זײַן קיין יִדן. און אין ראיאָן איז דאָ געוויס בא וועמען צו פרעגן.

— דאָס זײַנען אָבער אלץ אזעלכע יִדן, טאטע, וואָס קענען יִדיש מיסטאמע נאָך ווייניקער פון מיר. נאָר ווי קומען די דאָזיקע ביכער צו אײַך, טערענטי ניקאָלײַעוויטש, פארשטיי איך נאָך ניט.

— איך האָב זיי געפונען אינעם פּעקל מאקולאטור, וואָס דעם בריווטרעגערס כעוורע האָבן מיר געבראכט צו שלעפּן. איך זאָל זיך ניט געווען כאפּן, וואָלטן אָט די ביכער אוועק אונטערן מעסער.

— שטייט, שטייט. אין וועמענס דירע וווינט ער, דער בריווטרעגער?

— אין פײַבוסאָוויטשעס שטוב וווינט ער, — האָט אונטערגעזאָגט דער פאָטער.

— אויב אזוי, פארשטיי איך שוין. דאָרט האָט דאָך אויך געוווינט פײַבוסאָוויטשעס איידעם, דער לערער אונדזערער, יאקאָוו סאָלאָמאָנאָוויטש באס. איז דאָס געווען א מענטש! די גוטסקײַט איז אים געלעגן אפן פּאָנעם. מיר האָבן אים ליב געהאט ווי דאָס לעבן, — וואסילי האָט צוגעמאכט די אויגן, עס זאָל די אויסגייענדיקע זון אין פענצטער אים ניט שטערן דערזען פאר זיך דעם לערער מיטן גוטמוטיקן שמייכל אפן לענגלעכן געזיכט. — אין דער האלבער שטוב, וואָס ס׳האָט פארנומען יאקאָוו סאָלאָמאָנאָוויטש, איז געשטאנען א גרויסע שאפע מיט ביכער. ניט געווען אין יִשעוו דער מענטש, וואָס זאָל געווען קומען צו אים נאָך א ביכל און ער זאָל אים געווען אָפּזאָגן. וויפל מאָל האָב איך בא אים גענומען ביכער צום

לייענען, ייִדישע און רוסישע... אזא ליבער און טײַערער מענטש, ווי ס'איז געווען דער לערער באס... אוי, — איז וואסילי זיך אליין אַרײַנגעפאלן אין די רייד, — איך שטויס מיך שוין אָן, וואס זײַנען עס פארא צווײ ביכער. ס'איז דעם שווערס זײַנעמס. בא פּײַבוסאָוויטשן אין דער צווייטער האלבער שטוב איז אויך געשטאנען אַן אלמער מיט ביכער. ספרים האָבן זיי בא אים געהייסן. רעב מאָרדכע פּײַבוסאָוויטש איז געווען שטארק א פרומער, שאבעס ניט געארבעט. א ציקאווער מענטש געווען. ווי ער זאָל זיך ניט געווען אָנהאָרעווען פארן טאָג, האָט ער שטענדיק געפונען צײַט אַרײַנצוקוקן אין א סײפער. געדענקסט, טאטע?

— נו, אוודע, געדענק איך. אַן ערלעכער מענטש געווען, כאָטש א פרומער.

—אין א יאָמטעוו, — האָט וואסילי פארגעזעצט זיך דערמאָנען, — פלעגט בא רעב מאָרדכען זיך צונויפקלײַבן א צענדליק עלטערע מענטשן, א מיניען האָט עס געהייסן, און מע פלעגט דאווענען. אפילע א סײפּערטוירע איז געשטאנען בא אים. נאָר די סײפּערטוירע האָט ער מיטגענומען מיט זיך אין עוואקואציע און צוזאמען מיט איר, ווי ס'האָבן נאָכדעם דערציילט די, וואס האָבן זיך געראטעוועט, אומגעקומען אין וועג, פון א באָמבע. יאקאָוו סאלאָמאָנאָוויטש איז אויך אומגעקומען. נאָר שוין אָפן פראָנט. מיך האָבן די דײַטשן דאָך אויך געהאט פארנומען צוזאמען מיט די פארבליבענע ייִדן. איינער א פּאָליצײַ, וואס האָט זיך דערווּסט, אז איך קען ייִדיש, האָט מיך פארמאַסערט פאר די דײַטשן, אז מיסטאמע בין איך א ייִד. אָט דאָס קענען ייִדיש, ווי איר זעט, האָט מיך געקאָסט גאנץ טײַער. הערט, ס'קאָן דאָך ניט זײַן, אז דער לערער מיטן שווער זײַנעם זאָלן געווען אויסבאהאלטן בלויז דרײַ ביכער. און ווידער. אויב זיי האָבן אין אזא צײַט, ווען דער טויט האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך זיי, געקאָנט האָבן אין זינען די ביכער, געזען ווי צו אויסבאהאלטן זיי, אז די דײַטשן זאָלן זיי ניט געפינען, הייסט עס, אז פון אלץ, וואס זיי האָבן פארמאָגט, איז דאָס סאמע טײַערסטע געווען פאר זיי די ביכער. איז ווי קאָן מען נעמען און אָפּגעבן זיי אָף מאקולאטור? דאָס וואָלט דאָך געווען, ווי די עלטערע מענטשן אין ייִשעוו פלעגן זאָגן, א כילעלהאשעם, א גרויסע זינד. הייסט עס, א פארברעכן. אָבער פינקטלעך אײַך זאָגן, וואס זײַנען עס פארא ספרים, וועט מען אײַך קאָנען נאָר אין שטאָט. דאָרט זײַנען נאָך געוויס פאראן ייִדן, וואס וועלן אײַך דערוף ענטפערן.

— איר זאָלט ניט דארפן לאנג זוכן, טערענטי ניקאָלײַעוויטש, איז כאפּט זיך צום אלעם ערשטן אַראָפּ אָפן מארק.

— איך זע, טאטע, אז דו ביסט א ביסל אָפּגעשטאנען פונעם לעבן. הײַנטיקע צײַטן וועסטו קיין ייִדן ניט טרעפן ניט נאָר אָפן מארק אין די קלייטלעך, נאָר אפילע אין די גרויסע געשעפטן.

— איז ווּ אייצעסטו זיי זוכן, וויבאלד אזוי, אָפן גאס?

— איך אָף אײַער אָרט, טערענטי ניקאָלײַעוויטש, וואָלט זיך אַראָפּגעכאפּט מיט די דאָזיקע ספרים אין סינאגאָגע. דאָרט וועט מען אײַך געוויס שוין זאָגן, וואס און ווען. נאָר אָט דאָס דאָזיקע ביכל, וואס כ'האָב געלערנט אין שול, לאָזט מיר איבער, כ'זאָל איינגאנצן ניט פארגעסן לייענען. דאָס קומט אמאָל, ווי איר זעט, צוניץ, זייער צוניץ. — און וואסילי דאנילאָוויטש האָט אַרײַנגעשטעלט דאָס ביכל מיט די אָפּגעריסענע טאָוולען אויבנוף אין דעם גלעזערנעם שראנק.

קימאט אין דער זעלבער רעגע, ווי טערענטי ניקאָלײַעוויטש איז אַרײַנגעפאָרן צו זיך אין דאָרף און אויסגעשלאָסן דאָס מאָטאָרל פונעם וועלאָסיפּעד, וואס האָט מיטן טומלדיקן קלאָפּערײַ פארטויבט דעם אָוונטיקן גערויש פון די שלאנקע טאָפּאָלן אין דער אַלייע, האָט ער בא דער שײַן פונעם דרויסנדיקן לאָמפּ, אנטקעגנבער די פענצטער פון זײַן שטוב, דערזען זיך עמעצן ארומדרייען. אָף וועמען קאָן ער עס ווארטן? אָף אים, אלנפאלס, אָף טערענטין, געוויס ניט, כאָטש דאָס ווײַב זײַנס, וועלכע האָט פונקט, ווי וואסיליס נאסטיע, ניט אָנגעהויבן באנעמען, פארוואס ער מאכט אזא וועזן פון אָט די ביכלעך און פארוואס זיי גייען אים אזוי אָן, אז צוליב זיי האָט ער זיך געלאָזט פאָרן אזא ווײַט, האָט געקאָנט זאָגן דעם מענטשן, אויב מע האָט זיך בא איר אָף אים נאָכגעפרעגט, אז ער דארף אָט־אָט קומען. ער וואָלט, אייגנטלעך, שוין טאקע פון לאנג געווען אין דער היים, ווען וואסילי זאָל אים ניט געווען פארהאלטן מיט די געשיכטעס, וועלכע ער האָט אים באם אָוונטברויט אָנגעדערציילט וועגן דעם דאָרף, וואס איז געווען אמאָל א ייִדישס, און וועגן דעם לערער יאקאָוו סאלאָמאָנאָוויטש באס. יאָ, דאָס ווארט מען אָף אים. צי עפשער אָף זײַנע, טערענטיס, זין? איז וואס עפּעס אין דרויסן? די טיר פון זײַן שטוב איז דאָך פאר קיינעם ניט פארמאכט.

שטארק פארווּנדערט האָט עס ניט דעם גווארדייעץ, ווען ער האָט, צופאָרנדיק נעענטער, דערקענט דעם בריווטרעגערס באָכערל, אנטאָשען.

— אָף וועמען ווארטסטו עס דאָ? — האָט, אַראָפּקריכנדיק פונעם וועלאָסיפּעד, געפרעגט טערענטי.

אנטאָשע האָט פארשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אויסגעשטרעקט טערענטין דאָס ביכל, וואס ער האָט געהאלטן אין דער האנט. לויט די טעוועלעך מיטן געמעל האָט ער גלײַך דערקענט די „קיניגן מארגאָ”.

— דאָס האָט דער טאטע דיר געהייסן עס מיר אומקערן?

אנטאָשע האָט האסטיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. און ווי ער זאָל ניט זײַן איינגאנצן נאָך זיכער, אז דער גווארדייעץ גלייבט אים, עס ארויסגעבראכט אָף א קאָל:

— ערנוואָרט, אז ניין.

— כ׳גלייב דיר אָן אן ערנוואָרט. כ׳ווייס, אז דו ביסט אן ערלעך ייִנגל, און דערפאר טאקע ווונדערט מיך אזוי אף דיר, וואָס דו ווילסט ניט זאָגן, וווּ האָסטו גענומען די ביכער. איצט ווייס איך שוין באשטימט, אז דאָס זײַנען ייִדישע. איך האָב דיר נאָך דעמלט געזאָגט, אז די „קיניגן מארגאָ” זאָלסטו לאָזן בא זיך. איך וועל ווי־ניט־איז אויסקומען אָן די אכט צי צען קילאָגראם. ניט אין דעם גייט עס. עס גייט אין גאָר עפּעס אנדערש.

און ווי ער זאָל האָבן פאר זיך זײַנס א גלײַכן, האָט וואָלגין גענומען אים אויסדערציילן, וווּ איז ער עס הײַנט געווען, נאָך וואָס איז ער געפאָרן, וואָס האָבן אים דערציילט וועגן דעם דאָזיקן דאָרף דאנילאָ מיטן זון, וועלכע האָבן דאָ אלעמען געקענט. דערציילט אים, אז אין דער זעלבער שטוב, וווּ ער וווינט אצינד, האָט ביז דער מילכאָמע געוווינט א לערער, וועלכן אלע קינדער האָבן ליב געהאט פאר זײַן גוטסקײַט און ערלעכקײַט, יאקאָוו סאָלאָמאָנאָוויטש באס האָט מען אים גערופן, ער איז אומגעקומען אף דער מילכאָמע, און אז קיין זאך אין דער וועלט איז אים ניט געווען אזוי טײַער, ווי א בוך, און אז די ביכער, וועלכע אנטאָשע האָט אויסבאהאלטן צווישן די צײַטונגען אינעם פּעקל, זײַנען דעם לערערס. אין רעכטן מיטן דערציילן איז דער גווארדייעץ מיטאמאָל אנגעשוויגן געוואָרן. ער האָט לויטן בליק פונעם באָכערל פלוצעם פארשטאנען, אז ניט צוליב אומקערן די „קיניגן מארגאָ” איז ער געקומען. טערענטי ניקאָלײַעוויטש האָט נאָך ניט באוויזן רעכט א טראכט טאָן, ווי אנטאָשע האָט שטיל צו אים זאָג געטאָן:

— קיינער האָט מיר די ביכער ניט געגעבן. כ׳האָב זיי בא קיינעם ניט אויסגעביטן. כ׳האָב זיי געפונען...

טערענטי ניקאָלײַעוויטש, וואָס איז אויך שוין געשטאנען אונטערן זעלבן לאָמפּ, אינגאנצן א פארשטויבטער פון זײַן העלער שײַן, האָט נאָכגעפאָלגט נאָכן ייִנגל, וואָס האָט, ווי טערענטי ניקאָלײַעוויטשן האָט זיך אויסגעוויזן, נאָך אלץ געווערט זיך: זאָגן צי ניט זאָגן, און א סאך גיכער, ווי וואָלגין האָט זיך דערוף געריכט, האָט ער דערהערט דעם ייִנגלס סוידעספולע שטים:

— בא אונדז אפן בוידעם האָב איך זיי געפונען. צוויי קאסטנס מיט ביכער שטייען דאָרט. מער ווי די דרײַ ביכער האָב איך פון דאָרט ניט גענומען. ערנוואָרט.

— איך גלייב דיר. האָסט זיך ניט וואָס צו שווערן, — טערענטי ניקאָלײַעוויטש האָט זיך פארטראכט. — זאָגסטו, אז צוויי פולע קאסטנס...

— ניט אינגאנצן קיין פולע. פון אויבן זײַנען אף זיי אָנגעוואָרפן טראנטעס מיט שקראבעס. די קאסטנס זײַנען איבערגעדעקט מיט אן אלטער ראָגאָזשע. אין סאמע ווײַטסטן ווינקל שטייען זיי. מע זעט זיי אינגאנצן ניט ארויס. אפן בוידעם בא אונדז איז אזוי אָנגעשלײַדערט, אז ס׳איז ניטאָ וווּ א פוס צו שטעלן.

— איז זאָגסטו, אז צוויי קאסטנס מיט ביכער שטייען בא אײַך אפן בוידעם, — דער גווארדייעץ האָט זיך ווידער געווענדט צו דעם באָכערל, ווי צו א פולקאָם דערוואקסענעם מענטשן, וועלכער קאָן און דאַרף שוין אלץ באנעמען, — דו פארשטייסט כאָטש, אנטאָשע, וואָס דו האָסט געפונען? האָסט דאָך געוויס געהערט, וואָס די פאשיסטן האָבן געטאָן מיט די ייִדן, וועלכע האָבן ניט באוויזן זיך עוואקויִרן. און די, וואָס האָבן זיך עוואקויִרט, האָבן ניט געהאט קיין צײַט זיך אפילע ארומצוקוקן. מע האָט אין אײַלעניש געכאפּט, וואָס עס האָט זיך געמאכט אונטער די הענט און אלדאָס איבעריקע געלאָזט אף העפקער. איז טראכט זיך אײַן: אין אזא צײַט, ווען דאָס לעבן הענגט אף א האָר, ס׳איז טײַער יעדע רעגע, האָט מען אין זינען די ביכער. אלץ לאָזט מען איבער אף העפקער, נאָר זיי באהאלט מען אויס. איצט פארשטייסטו, סאָרא שווערע זינד מיר וואָלטן מיט דיר באגאנגען, ווען מיר גיבן זיי אוועק ווי מאקולאטור און זיי פאלן ארונטער אונטערן מעסער. דאָס וואָלט געווען, ווי וואסילי דאנילאס זאָגט, דער גרעסטער כילעלהאשעם, די גרעסטע זינד הייסט עס... — דער גווארדייעץ האָט אוועקגעלייגט זײַן שטײַפע האנט אפן ייִנגלס אקסל און מיט א לײַכטן געמיט פון א מענטשן, וואָס האָט אָפּגעראטעוועט פון פײַער גרויסע אשירעס, וועלכע מע האָט אים אָנגעטרויט, געזאָגט, — כאפּ זיך צו מיר ארײַן קומענדיקע וואָך אפן סקלאד. כ׳וועל צו יענער צײַט מיסטאמע שוין באקומען נײַע טאלאָנעס, וועל איך דיר געבן טאלאָנעס אף אלע ביכער, וואָס אינעם צעטל.

שטארק זיך אָנשטרענגען, ער זאָל דערקענען פונדערווײַטנס, ווער עס איז דאָס מיידעלע, וואָס לויפט צוזאמען מיט אנטאָשען לענגויס דער גאס, האָט טערענטי ניקאָלײַעוויטש ניט באדארפט. ער האָט זיך גלײַך אָנגעשטויסן, אז ס׳איז אנקע, וועלכע האָט זיך ניט געלאָזט דעמלט פארנארן צו אים אין דער נעץ.

באגינען, די זון איז נאָך ניט ארויס אינגאנצן פונעם נעפּל, וואָס האָט אײַנגעהילט די ווײַטע בערג, איז צו דעם בריוועטרעגערס שטוב צוגעפאָרן א קליינע לאסטמאשין און צוזאמען מיטן יונגינקן שאָפער, יורע, איז ארויס פון דער קאבינע דער פארוואלטער פונעם אופּנאם־פּונקט טערענטי ניקאָלײַעוויטש וואָלגין.

מיטראָפאן פּעטראָוויטש, וואָס האָט שפּעטער נאָך פונעם גווארדייעץ זיך דערוווּסט וועגן די צוויי קאסטנס בא זיך אפן בוידעם, איז פּונקט בײַגעווען אין קאָנטאָר, ווען דער פארוואלטער פונעם אופּנאם־פּונקט איז געקומען זיך נאָכפרעגן, צי גייט הײַנט ניט צופעליק אין שטאָט א מאשין. דער גווארדייעץ, ווי ס׳איז געווען צו זען, האָט, דאכט זיך, ניט דערווארט, אז נאָכדעם, ווי ער וועט דערציילן דעם פאָרזיצער פון קאָלווירט, צו וואָס ער דאַרף עס אזוי נייטיק אין שטאָט, זאָל אים געבן א באזונדערע מאשין.

דערהערט עס, האָט דער בריוטרעגער אָפּגע־
לייגט דאָס פּאָרן אַף דער פּאָסט און אוועקגע־
הונקען אהיים באגעגענען די מאשין.

— אהער, אהער, — האָט ער זיך אָנגערופן צו וואָלגינען און ברייט צעעפנט ביידע האלבע טירן פון דער שטאל.

ווען דער גוואַרדייעץ מיטן יונגינקן שאָפער האָבן אראָפּגעטראָגן פונעם בוידעם די צוויי קאסטנס, האָט ארום דעם בריוטרעגערס שטוב זיך שוין געהאט פארזאמלט א היפּש רעדל מענטשן.

דערזען, ווי פאָרזיכטיק דער גוואַרדייעץ מיטן שאָפער לייגן ארויף די קאסטנס אַף דער מאשין און ווי אנטאָשע מיטן בריוטרעגער העלפן זיי דערבײַ צו, האָט איינער פונעם רעדל, א דארער מאנצבל מיט א לענגלעך־פארשפּיצ־טער נאָז, וואָס לויכט זיך דורך, א זאָג געטאָן:

— פונדעסטוועגן וואָלט ניט געשאדט א קוק טאָן, וואָס טוט זיך דאָרט אפן דעקן. אונטער די ביכער קאָן אמאָל ליגן אַן אויצער. דאָ האָבן דאָך געוווינט ייִדן.

— אין דעריבער? — האָט געפרעגט דער שאָפער.

— פונדעסטוועגן גיב א קוק. וואָס ארט עס דיך?

— ער מיינט, מע האָט געוואָרט אַף זײַנע אייצעס, — די פארדומפּענע שטים איז געקומען פון די הינטערשטע רייען, — מיטראָפּאַן איז ניט דער מענטש, וואָס זאָל אפריער ניט געוועזן א קוק טאָן. איאָ, פּעטראָוויטש?

— נו, אויב אזוי, איז עפּעס אנדערש...

— ווי שעמט איר זיך ניט אזעלכעס צו זאָגן? — איז מען באפאלן דעם דארינקן מאנצבל מיט דער לאנגער דורכזיכטיקער נאָז, וועלכער האָט באוויזן אויסבאהאלטן זיך הינטער עמעצנס פּלייצע.

אַז די מאשין איז פארשוווּנדן אין דער אלייע, האָט אנטאָשע צוגעמאכט די צוויי האלבע טירן פון דער ליידיקער שטאל.

ד

דער בעסמעדרעש, וווּהין טערענטי ניקאָ־לײַעוויטש האָט געבראכט צו פירן די צוויי קאסטנס ביכער, איז געשטאנען טיף אין הויף אַף איינער פון די גאסן אין רעכטן מיטן שטאָט.

דורך דער האלב־גלעזערנער טיר פון פּאָליש האָט וואָלגין דערזען זיצן בא דער אנטקעגנדי־קער וואנט א גראָוון אלטיטשקן, וואָס איז גע־ווען מאָדנע געקליידט. אופגעעפנט שטיל די טיר, איז טערענטי ניקאָלײַעוויטש געבליבן שטיין, ווי ער זאָל אויסווארטן, ביז די אויגן זײַנע, וואָס האָבן אָקאָרשט געהאט צו טאָן מיט דער בלענדנדיקער זון אין דרויסן, זאָלן זיך צוגעווינען צו דער האלב־טונקלקײַט, וואָס איז געקומען אים אנטקעגן.

— א גוטער העלף אײַך, זיידע, — האָט וואָל־גין באגריסט דעם אלטן, דעם איין־און־איינציקן מענטשן, וועלכן ער האָט דאָ געטראָפן, און איז אָפּגעטראָטן פון דער טיר. נאָר דער זאָקן האָט אַף א שטומלאָשן אים גלײַך אָפּגעשטעלט, בא־וויזן מיט דער האנט אַפן קאָפּ. טערענטי ניקאָ־לײַעוויטש האָט ניט אָנגעהויבן באנעמען, וואָס באטײַט דאָס מאכן צו אים מיט די הענט. האָט ער איין מאָל און א צווייט מאָל איבערגעפרעגט און אויך קימאט ווי אַף שטומלאָשן. ענדלעך האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אַז דער אלטער פאר־לאנגט פון אים, ער זאָל צודעקן דעם קאָפּ, ווײַל אין סינאגאָגע טאָר מען, קענטיק, ניט ארײַנ־קומען אָן א היטל. האָט ער אויסגעטאָן דאָס רעקל און ארומגעבונדן דערמיט, ווי מיט א טשאלמע, דעם קאָפּ.

— שאָלעם־אלייכעם. אַז מע טאָר ניט ארײַנ־קומען אין א מאָקעם־קאָדעש אָן א היטל, דאָס, לעכאָלהאָפּאָכעס, וואָלט איר פונדעסטוועגן גע־מעגט וויסן, רעב ייִד. — דער אלטיטשקער האָט פאריכט דעם שעלראָש, וואָס האָט זיך אראָפּ־געגליטשט אַפן שטערן ביז איבער די אויגן. דערזען, אַז דער ארײַנגעקומענער קוקט אים עפּעס מאָדנע אָן, פונקט ער זאָל קיין וואָרט ניט פארשטיין פון דעם, וואָס ער האָט אים גע־זאָגט, האָט דער אלטיטשקער עס אים איבער־געכאזערט אַף רוסיש און ניט אויסבאהאלטן פון אים דערבײַ זײַן פארוווּנדערונג, וואָס א ייִד אין אזא עלטער זאָל ניט פארשטיין קיין וואָרט ייִדיש.

— זיידע, איך בין ניט קיין ייִד. איך בין א רוס.

— הא? ניט קיין ייִד, זאָגט איר? א קריסט גאָר?

דעם אלטיטשקן האָט ניט איבעריקס גע־ווּנדערט, וואָס ער האָט עס לעכאטכילע ניט געהאט באמערקט. ער האָט אויך איצט, צוקוקנ־דיק זיך שוין נעענטער צו אים, נאָך אויך גאָר־ניט אויסגעפונען אינעם דאָזיקן מענטשן אזוינס, אַז ער זאָל אים פון סאמע אָנפאנג ניט געוועזן אָנעמען פאר קיין ייִדן. ס'איז דאָך ניט די אמאָ־ליקע יאָרן, וואָס א ייִדן, ביפראט אין אזא על־טער, האָט מען נאָך פונדערווײַטן געקאָנט דער־קענען לויט דער באָרד נאָך. אצינדער פארלאָזן זיך בערד דאפקע די ייִנגערע מענטשן. ער גע־דענקט שוין באלד ניט די צײַט, ער זאָל געוועזן באגעגענען אַן עלטערן ייִדן מיט א באָרד. מע וויל, אפּאָנעם, אויסזען ייִנגער, אָפּנארן דערמיט דעם מאלעכהאמאָוועס. און אזעלכע אויג מע־לעך האבאָשנס און שימשן האגיבערס, ווי דער ארײַנגעקומענער, פעלן, דאנקען גאָט, צווישן הײַנטיקע ייִדן ניט אויס. דער איינציקער סימען, דאכט זיך, לויט וועלכן עס לאָזט זיך דערקע־נען, אַז דער ארײַנגעקומענער איז ניט קיין ייִד, איז דאָס ריידן זײַנס. איצט, אַז ער הערט זיך צו אים שוין אנדערש צו, פילט ער טאקע, אַז דאָס רעדט א רוסישער מענטש. ס'איז עפּעס גאָר אַן אנדער ארט ריידן. בא א ייִדן, ווי ריכ־טיק ער זאָל ניט ריידן אַף רוסיש, לאָזט זיך

פאָרט דערקענען, אַז דאָס רעדט ניט קיין רוס. פאַרקערט, וואָס שאַרפער ער ברענגט אַרויס דעם רייש, אַלץ מער פילט זיך, אַז עס רעדט אַ ייִד.

— איז וואָס, אויב אַזוי, האָט איַיך געבראַכט אַהערצו, אין סינאַגאָגע?

— איך בין פון אַ ייִדישן דאָרף, זיידע.

דער, וועמען דער גוואַרדייעץ האָט גערופן זיידע און וועלכער איז געווען דער איינציקער מענטש אין בעסמעדרעש ניט נאָר אין די באַטאָגיקע שאָען, נאָר אָפּטמאָל אויך אין די אינדערפריִעדיקע שאָען צו שאַכרעס און אין די אָוונטיקע צו מײַרעוו, איז געווען דער היגער ראָוו, וואָס מע האָט ניט לאַנג צוריק אַראָפּגעבראַכט אַהער פון אַ וויַטלעכער שטאָט אָף דער וואָלגע, ווו אַפילע אין אַ יאָמטעוו האָט מען די לעצטע יאָרן שוין ניט געקאָנט צונויפקליַבן קיין מיניען.

— פון אַ ייִדיש דאָרף, זאָגט איר? — האָט דער ראָוו איבערגעפרעגט און אָנגעוויזן דעם גאַסט אָף דער שטאָט לעבן זיך באַ דער מיזרעך־וואַנט.

— ס'איז געווען אַמאָל אַ ייִדיש דאָרף. פאַר דער מילכאָמע, זאָגט מען, זײַנען דאָ געווען אַ סאַך אַזעלכע דערפער, ייִשוווים האָבן זיי זיך גערופן. פאָנדן. מיסטאָמע ווייסט איר עס בעסער פון מיר. איך בין ניט קיין היגער. פאַר דער מילכאָמע האָב איך געוווינט אין אָריאָלער געגנט. אַהער בין איך איבערגעפאָרן מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק.

— איך בין אויך ניט קיין היגער. פון דער ליטע בין איך. באַשערט געווען מיר בליַבן לעבן. ווען ניט די רוסן, די סאָוועטן, הייסט עס, וואָלט איך שוין לאַנג געווען דאָרט, ווו עס זײַנען אַלע אונדזערע דרינקעשאָקער, אָלעוואַשאָלעם, וואָס האָבן ניט באַוויזן זיך עוואַקויִרן. נו יע, געווען אויך אַזעלכע, וואָס וואָלטן עפּשער באַוויזן זיך עוואַקויִרן, נאָר זיי האָבן ניט געוואָלט. און ווייסט איר פאַרוואָס? גלייבט ניט יענע, וואָס זאָגן, אַז ס'איז דערפאַר, ווײַל מע האָט ניט געוואָלט זיך שיידן מיטן פאַרמעגן. וואָס פאַר אַ פאַרמעגן האָט געקאָנט האָבן אין אַזאַ ברעקל שטעטל ווי אונדזערס אַ וואַסערפירער צי אַפילע אַ שוסטער, אַשטייגער? און איך, וועלכער האָט זיך שוין יע עוואַקויִרט, האָב דען ניט געטראַכט, פונקט ווי אַלע, וואָס זײַנען פאַרבליבן, אַז עס קאָן ניט זײַן, מענטשן זאָלן אָן אַ פאַרוואָס, אָן אַ פאַרווען שעכטן איינעך דעם צווייטן, פאַרטיליקן אַ גאַנץ פאָלק. דער עלטערער זון מײַנער, אָלעוואַשאָלעם, זאָל ניט געווען אַזוי צושטיין, וואָלט איך, מיינט איר, זיך געריַרט פון אָרט? עוואַקויִרט האָבן מיר זיך אַזש אָף דער וואָלגע, קיין סיזראַן. מיסטאָמע האָט איר געהערט פון אַזאַ שטאָט. פון דאָרט האָבן די היגע ייִדן, ווען ס'איז ניפטער געוואָרן, ראַכמאָנע־לִיצלאַן, זייער ראָוו, מיך אַראָפּגעבראַכט אַהער. אַז דאָ זײַנען פאַר דער מילכאָמע געווען ייִדישע דערפער און אַ סאַך ייִדישע דערפער, האָב איך נאָך געהערט, זײַענדיק אין סיזראַן. איר קוקט זיך די גאַנצע צײַט צו, זע איך, צו מײַן האַנט?

וואָלגין האָט ווירקלעך ניט אָפּגעווענדט זײַן פאַרכידעשטן בליק פון דעם ראָווס האַנט מיט די צוויי אָפּגעהאַקטע מיטלסטע פינגער.

— דאָס איז באַ מיר ניט פונעם לערנען, — האָט דער אַלטער זיך ווי פאַרענטפערט, — באַם לערנען פאַרלירט מען ניט קיין פינגער, — און עפּעס מיט אַ באַזונדער שטאָלץ, ווי וואָלגינען האָט זיך אויסגעוויזן, אַ זאָג געטאָן: — דאָס איז מיר אַ זייכער פון דער זעגמאַשין. ווי קומט אַ ראָוו, וועט איר פרעגן, צו אַ זעגמאַשין? שטעלט זיך פאָר, אַז כ'האָב געהאַט צו טאָן מיט אַ סטאָליערשער זעג און מיט אַ סטאָליערשן הובל, נאָך זײַענדיק אין דער יעשיווע. ס'איז שוין אַ כאַלאַס אַזאַ באַ מיר, מעלאָכעווען. אַפילע ווען כ'האָב שוין געהאַט סמיכעס אָף ראַבאָנעס, פאַרטיידיקט אַ דיסערטאַציע, הייסט עס, ווי מע רופט איצט, האָב איך זיך ניט געיאָגט ווערן אַ ראָוו. נאָר ניט, כאָלילע, ווײַל כ'האָב זיך איַינגעקריגט מיט גאָט. כ'האָב פּאָשעט ניט געוואָלט מאַכן דערפון אַ פּאַרנאָסע. מע קאָן זייער פײַן דינען גאָט און זײַן אַ באַלמעלאָכע, אַ סטאָליער, אַשטייגער. מעלאָכע — מעלוכע, זאָגט מען באַ ייִדן. מע זאָל ניט געווען צושטיין צו מיר פון אַלע זײַטן, וואָלט איך מיסטאָמע געווען אַ סטאָליער. און ניט קיין שלעכטער. אָבער אַנטקעגן וואָס דערצייל איך עס איַיך, קאָנט איר מיר ניט זאָגן? נו, יע. איר זײַט דאָך פון אַ ייִדיש דאָרף.

— פון אַ געוועזענעם ייִדיש דאָרף, — האָט וואָלגין שטיל אַרויסגעבראַכט, און זײַן בליק איז ווידער געפאַלן אָף דעם אַלטנס אָדערדיקער האַנט מיט די צוויי אָפּגעהאַקטע פינגער. ווײַזט אויס, אַז פאַר דעם אַלטן האָט עס אַ סאַך וואָס צו זאָגן, וויבאַלד ער האָט וועגן דעם פאַרפירט פלוצעם אַ רייד מיט אַ ווילד־פרעמדן מענטשן. און עפּשער ווײַל ער האָט זיך פּאָשעט אויסגעבענקט נאָך אַ מענטשן, פאַר וועמען ער זאָל זיך קאָנען אויסריידן.

— נו, יע, פון אַ געוועזענעם ייִדישן דאָרף. איך בין בייס דער מילכאָמע און אַ שטיקל צײַט אַפילע נאָך דער מילכאָמע אויך געווען אַ געוועזענער, אַ געוועזענער ראָוו, הייסט עס. איך מיט מײַן אַלטיטשקער, זאָל האָבן אַ ליכטיקן גאַניידן, אַז מיר זײַנען געקומען קיין סיזראַן, זײַנען מיר אַוועק אַרבעטן. זי — אָף דער נייפאַבריק, גענייט שינעלן מיט וואַטניקעס פאַרן פראָנט, און איך אָף דער מעבל־פאַבריק, ווו מע האָט געמאַכט ליזשעס און נאָך עפּעס... פאַר עלטערע מענטשן, ווי איך, איז אין יענע יאָרן ניט געווען קיין גרעסערע מיצווע ווי אָפּשטיין אַ טאָג, און אַז מע האָט געדאַרפט, איז אַ טאָג מיט אַ נאַכט, באַ דער מאַשין, פונקט ווי פאַר די ייִנגערע פון מיר איז אין יענע יאָרן ניט געווען קיין גרעסערע מיצווע, ווי זײַן אַפן פראָנט. שטייענדיק באַ דער מאַשין, האָב איך קיין איין מאָל ניט אויסגעפעלט דאַוונען. שטיין אין אַזאַ צײַט באַ אַ מאַשין און דאַוונען איז

אין אָן אַ שיר העכער, ווי שטיין און דאַוונען באַם אָמעד. אָפּגעהאַקט די פינגער אין דער זעגמאַשין האָט מיך ניט בייסן דאַוונען... נאָר וואָס איז דאָ איצט וועגן דעם צו ריידן? ס'איז שוין אַ געשיכטע פון אייסעך וועגן... יע, זײַט איר, הייסט עס, פון אַן אַמאָליק ייִדיש דאָרף. — ער האָט ווידער פאַריכט דעם שעלראָש, וואָס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטערן טאַלעס, און געפרעגט: — מאַ־שמייכעם? — נאָר זיך גלײַך פאַרכאַפּט און איבערגעפרעגט שוין אַף רוסיש. — ווי הייסט איר?

— טערענטי ניקאָלײַעוויטש. און אײַך ווי רופט מען?

— מענדל. נאָך רופן רופט מען מיך רעבע. אַ ראָוו באַ ייִדן רופט מען, געוויינלעך, ניט באַם נאָמען. מע רופט אים רעבע. איז וואָס האָט אײַך, טערענטי ניקאָלײַעוויטש, געבראַכט אַהערצו צו מיר?

אַ קוק געטאָן נעענטער אַפן גרויסן צעעפנטן בוך, וואָס איז געלעגן דערבײַ אַפן סטענדער, האָט וואָלגין שוין אײַנגאַנצן אַ זיכערער אין דעם, וואָס עס האָט אים געזאָגט וועגן די געפונענע ביכער וואַסילי דאַנילאַס, געענטפערט:

— מיר האָבן אײַך געבראַכט צו פירן ביכער. צוויי קאַסטנס מיט ייִדישע ביכער.

— ספאָרים?

— באַ איינעם אונדזערן אַ קאָלווירטניק אַפן בוידעם האָט מען זיי געפונען. אין דער דאָזיקער שטוב האָט פאַר דער מילכאָמע געוווינט אַ לערער. דאָס האָט ער זיי, פאַרשטייט זיך, אויסבאַהאַלטן. אונטער אַ ראַגאָזשע מיט טראַנטעס האָט ער זיי אויסבאַהאַלטן. איך גיי זיי אַרײַנטראָגן.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דער גוואַרדייעץ צוזאַמען מיטן שאָפער אַרײַנגעטראָגן אין בעסמעדרעש די צוויי קאַסטנס ביכער. באַ יורען, דעם יונגינקן שאָפער מיטן ווייכן געקרײַזלטן בערדל, איז דער קאָפּ געווען צוגעדעקט מיט אַ נאָזטיכל.

— וויבאַלד באַ אײַך אין דאָרף, ווי איר זאָגט, זײַנען, ראַכמאָנע־ליצלאָן, ניטאָ שוין איצט קיין ייִדן, — האָט געפרעגט דער ראָוו, וואָס איז געשטאַנען אין טאַלעס־און־טפילן צווישן דעם גוואַרדייעץ און דעם שאָפער און אַרײַנגעקוקט מיט האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן אין די ספאָרים, וואָס זיי האָבן אַרויסגעלייגט פון די קאַסטנס אַפן טיש, — איז ווי האָט איר זיך דערוווּסט, אַז די דאָזיקע ספאָרים זײַנען ייִדישע?

— וואַסילי האָט עס אונדז געזאָגט. נאָר מיר האָבן אַליין זיך שוין געהאַט אָנגעשטויסן.

— אַ ייִד, און זאָל הייסן וואַסילי?..

— ער איז ניט קיין ייִד, רעבע. ער האָט זיך נאָר געלערנט אין אַ ייִדישער שול. דער טאַטע זײַנער, דאַנילאַ דער שמיד, האָט זיך באַזעצט אין אונדזער דאָרף, ווען דער קאָלווירט איז נאָך געווען אַ ייִדישער און די שול איז געווען אַ ייִדישע. דאָס האָט טאַקע וואַסילי אונדז געראַטן, מיר זאָלן אָפּפירן די ביכער אַהערצו.

נאָך גוט, וואָס מיר האָבן זיך געכאַפּט צו דער צײַט און ניט געלאָזט, עס זאָל אַוועקגיין אין מאַקולאַטור. דאָס וואָלט דאָך געווען דער גרעסטער כילעלהאַשעם!

— ווי, ווי? ווי האָט איר געזאָגט? — פון פאַרכידעשונג האָט דער שעלראָש באַ רעב מענדלען זיך אײַנגאַנצן אַרויסגעגליטשט פון טאַלעס.

— אַ כילעלהאַשעם וואָלט עס געווען, ווי סע זאָגט וואַסילי, אַ גרויסע זינד הייסט עס.

רעב מענדל האָט אַוועקגעלייגט זײַנע ברייט צעשפּרייטע הענט אַף די צוויי קאַסטנס און, ווי באַם בענטשן, זיך אָנגערופן עטוואָס מיט אַ ניגן צו די אַרײַנגעקומענע:

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, מײַנע ליבע לײַט. איר זעט אָט די שראַנקען באַ די ווענט? זיי זײַנען פון אונטן ביז אַרויף אָנגעפּאַקט מיט ספאָרים. ניטאָ שוין באַלד ווו צו לייגן. נאָר איין זאַך איז, ווען ייִדן ברענגען צו טראָגן ספאָרים, און גאָר עפּעס אַנדערש איז, ווען עס ברענגען זיי צו טראָגן ניט קיין ייִדן. — ער האָט זיך צוגעזעצט אַף דער לאַנגער באַנק, וואָס איז געשטאַנען באַ דעם פּראָסטן טיש, נאָר זיך גלײַך אויפגעהויבן, ווי באַ אַ טפילע, וואָס מע דאַרף זאָגן נאָר שטייענדיק. — מיט אַ פּאָר יאָר פאַר דעם, ווי די היגע קעהילע האָט מיך אַראָפּגעבראַכט אַהער פון סיזראַן פאַר אַ ראָוו, בין איך צוגעפאָרן אַף עטלעכע טעג קיין דרינקעשאָק. ס'האָט זיך פאַרבענקט אַף דער עלטער כאָטש אַ קוק טאָן אַף דער היים. און וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? כ'האָב קימאַט ניט דערקענט דאָס שטעטל — אַ שטאָט אַ גאַנצע געוואָרן. נאָר קיין ייִדן זעט מען דאָרט קימאַט ניט. אויסגעהאַרגעט. אַפּצוריקוועגס האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אַף אַ טאָג אין קאָוונע. כ'האָב דאָרט אַמאָל געלערנט אין דער סלאָבאָדקער יעשיווע. דוכאָוונע סעמינאַריע הייסט עס באַ אײַך. ס'איז שוין אויך ניט דאָס, וואָס אַמאָל, נאָר אַ מיניען קלײַבט זיך נאָך דאָרטן אָן אַפילע אינדערוואָכן. כ'ווייס ניט, ווי האַלט עס אין אַנדערע שטעט, ווו ס'איז געווען דער קוילער פון דער וועלט, ייִמאַך שמוי וועזיכרוי, נאָר אין דער קאָוונער שול באַנאַנד מיטן אָרנקוידעש הענגט אַ גרויסע מירמלנע ברעט, און אַף איר זײַנען אויסגעקריצט די נעמען פון אַלע שטעט און שטעטלעך פון דער ליטע, און וויפל זײַנען אין יעדער שטאָט און שטעטל געווען האַרוגים. אונטער דעם דאָזיקן גרויען מירמלנעם טאָוול ברענט דורכן מעסלעס אַ נייער־טאָמיד, אַ רויט עלעקטריש לעמפּל. מיט דער צײַט וועלן מיר דאָ אויך אַרויסהענגען לעבן אָרנקוידעש אַזאַ טאָוול מיט די נעמען פון אַלע היגע שטעט און שטעטלעך און דערפער. נײַן און אַכציק ייִדישע דערפער, זאָגט מען, זײַנען דאָ געווען. און פון דער אַנדערער זײַט פונעם אָרנקוידעש וועט מיט דער צײַט עפּשער הענגען אויך אַ טאָוול מיט די נעמען פון אַלע די, וואָס האָבן אײַנגעשטעלט דאָס לעבן און אָפּגעראַטעוועט ייִדן

פון די ראָצכישע הענט. ראַטעווען ספאָרים איז געגליכן צו ראַטעווען מענטשן.

מיטאָמאָל האָט רעב מענדל געגעבן א כאַפּ צו די הענט פונעם קאסטן, פון וועלכן דער שאָפער האָט שוין באַוויזן ארויסלייגן אפן טיש א היפש ביסל ביכער, און אים געהייסן, ער זאָל די מינוט צוריק זיי אריַינלייגן אין קאסטן און ארויסטראָגן פון שול. דער שאָפער האָט פארווונדערט א קוק געטאָן אפן גוואַרדייעץ, דער גוואַרדייעץ אף אים און ניט אָנגעהויבן פארשטיין, וואָס איז פּלוצעם געשען.

— רעבע, וואָס האָט געטראָפן? — האָט טערענטי פארלוירן געפרעגט.

— כ׳האָב דאָך אייַך געזאָגט. די ביכער פון אָט דעם קאסטן לייגט צוריק צונויף און טראָגט זיי ארויס פון שול.

— וואָס האָט פונדעסטוועגן געטראָפן, רעבע? — האָט טערענטי ניקאָלייַעוויטש נאָך מער פארווונדערט איבערגעפרעגט. ער האָט ניט אָנגעהויבן צו באַנעמען, וואָס איז דער כילעק צווישן די ביכער, וועלכע ער האָט ארויסגעלייגט אפן טיש, און יענע, וועלכע יורע האָט ארויסגעלייגט פונעם אנדערן קאסטן. — די ביכער פונעם דאָזיקן קאסטן זייַנען דען ניט קיין יידישע?

— יידישע, אָבער... נו ווי זאָל איך עס אייַך געבן צו דערקלערן? נו, דאָס זייַנען ניט קיין ספאָרים. ס׳איז ניט פאר קיין מאָקעם־קאָדעש. מיסטאָם האָט איר געהערט וועגן אזא מעכאבער, ווי שאָלעם־אַלייכעם. נאָר אפילע זייַנע ביכער האַלט מען ניט אין קיין סינאַגאָגע, פּונקט ווי מע האַלט ניט מיסטאָמע פּושקינס ביכער אין קיין קלויסטער. וואָס אָבער יעז? ווייבאַלד מע האָט אין אזא געפערלעכער צייַט, ווען מענטשן האָבן אלץ געוואָרפן, ניט פארגעסן אויסבאַהאַלטן אָט די ביכער, איז מיסטאָמע זייַנען זיי, ווי איר זאָגט, עפּעס ווערט. איז נעמט. און גיט זיי אָפּ עמעצן פון די יידן.

— און איר, רעבע, זייַט דען ניט קיין ייד, וואָס איר הייסט אונדז אָפּגעבן זיי אַן אַנדערן? — האָט געפרעגט דער שאָפער, וואָס האָט באַוויזן אריַינלייגן צוריק די ביכער אין קאסטן.

— כוץ דעם, קינד מייַנס, וואָס איך בין א ייד, בין איך נאָך א ראָוו, און א ראָוו האָט ניט צו טאָן מיט אזעלכע ביכלעך. שאַט, ווייסט איר גאָר וואָס? פאראַן דאָ בא אונדז אין שטאָט א קלייט, ווו עס פארקויפן זיך, ווי כ׳האָב געהערט, אויך יידישע ביכער. איז אהינצו פירט זיי אָפּ. אויב מע וועט זיי דאָרט ניט וועלן נעמען בא אייַך, וועט מען אייַך אָנווייַזן וועמען איר קאָנט זיי שענקען. גייט געזונט און זייַט מאַצלייעך, — און דער זאָקן אינעם טאַלעס־און־טפילין, רעב מענדל, האָט מיט שאַרנדיקע טריט ארויסבאַגלייט די צוויי שעליכים פונעם אַמאָליקן יידישן דאָרף ביז סאַמע דער טיר.

ה

דערהערט, וועגן וואָס זייַנען עס געקומען אין ביכער־קראָם די צוויי קאָלווירטניקעס פונעם געוועזענעם יידישן דאָרף, האָט די פאַרוואַלטערן, אַן עלטערע פרוי אין ברילן, זיי געענטפערט, אַז זי פארשטייט זייער גוט, אין וואָס דאָ גייט און וואָס פארא ביכער דאָס זייַנען, אָבער נעמען בא זיי דעם קאסטן ביכער קאָן זי ניט. זי טאָר עס ניט. זיי דארפן אליין עס פארשטיין. אָט פונקט ווי סע טאָר ניט פעלן אין קלייט קיין סכוירע אפילע אף קיין רובל, אזוי טאָר זיך אויך ניט געפינען אין קלייט קיין סכוירע אף קיין רובל מער, און זיי האָבן דאָך געבראַכט צו פירן ביכער, ווי זיי זאָגן אליין, עטוואָס מער ווי אף א רובל. גיט וויכטיק, וואָס זיי בעטן דערפאַר קיין געלט ניט, גיבן עס אָפּ אומזיסט. דאָס איינציקע, מיט וואָס זי קאָן זיי באַהילפיק זייַן, ווייבאַלד עס גייט, ווי זי פארשטייט פון זייערע רייד, דעריקער אין פארהיטן די דאָזיקע ביכער, — זי קאָן פארבעטן אהער עמעצן פון די, וואָס קומען פון צייַט צו צייַט קויפן א יידיש ביכל. פאראַן צווישן זיי אזעלכע, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אין קראָם זייערע אדרעסן און טעלעפאָנען, קעדיי מע זאָל באַצייַטנס געבן זיי צו וויסן, ווען עס קומט אָן א נייַ פעקל סכוירע. מער פון אלעמען פרעגט זיך דערוף נאָך איינער א יונגערמאַן. אן אינזשעניער איז ער, דאכט זיך. אָט איז זייַן אדרעס מיטן טעלעפאָן. זי וועט אים גלייַך אָנקלינגען. טאָמער טרעפט זי אים ניט אין דער היים, וועט זי קלינגען א צווייטן.

ווייַזט אויס, אז די פאַרוואַלטערן האָט אף יעדן פאל אָנגעקלונגען אי דעם, אי יענעם, ווייַל געקומען זייַנען צווייען — איינער, אַן ערעך, אין זייַן, טערענטי ניקאָלייַעוויטשעס, עלטער, א מיטלוווקסיקער באַדאכטער מאַנצבל מיט טיף אריַינגעזעצטע אויגן, דער אנדערער נאָך גאָר א יונגער, אף א יאָר צי צוויי עלטער פונעם שאָפער, פון יורען.

— גיט נאָר א קוק טאָן דעם אויצער אייַערן, — האָט זיך אָנגערופן דער יינגערער, אָנבייגנדיק זיך איבערן קאסטן, וועלכן דער גוואַרדייעץ האָט צוזאַמען מיטן שאָפער אריַינגעטראָגן אין קאַבינעט.

וואָלגין האָט א קוק געטאָן אפן שאָפער, דער שאָפער אף אים, ווי מע זאָל איינער דעם אנדערן פרעגן: „דו ווייסט ניט, וואָס די אריַינגעקומענע בלעטערן עס אזוי די ביכלעך, וועלכע זיי האָבן ארויסגענומען פון קעסטל, און וואָס דרייט דערבייַ דער יינגערער אזוי מיטן קאָפּ, גלייַך מע זאָל אים וועלן פארהאַנדלען א זאַך, וואָס גייט אים ניט אונטער".

דער אויצער, וועגן וועלכן די פאַרוואַלטערן פון קלייט האָט איבערגעגעבן דורכן טעלעפאָן דעם יינגערן, און ער, דער יינגערער, האָט שוין וועגן דעם אָנגעזאָגט דעם עלטערן, מיט וועמען ער איז געקומען צוזאַמען, איז ווירקלעך זייביידן ניט אונטערגעגאַנגען. ניט

דער עלטערער, וועלכער האָט נאָך פון מיט יאָרן לאַנג צוריק געקענט לייענען און שרײַבן ייִדיש, און ניט דער יונגער, וואָס האָט זיך עס אויסגעלערנט ערשט מיט א פּאָר יאָר צוריק, האָבן, פּונקט ווי וואסילי דעם שמידס, קיין וואָרט ניט געקאָנט איבערלייענען פון די ביכער, וועלכע זיי האָבן געהאלטן אין איין בלעטערן, כאָטש קימאט אלע אויסיעס זײַנען זיי געווען באקאנט. די איינציקע אייצע, וואָס זיי האָבן געקאָנט געבן די צוויי קאָלווירטניקעס, וועלכע זײַנען געשטאנען אָן א זײַט און ניט אָנגעהויבן צו באגרײַפן, וואָס אזעלכעס קומט דאָ פאָר, איז געווען די זעלבע, וואָס ס'האָט אים געגעבן, טערענטין, וואסילי דאנילאָס — אָפּפירן עס אין סינאגאָגע.

— מיר זײַנען שוין דאָרט געווען, איבערגעלאָזט דאָרט א גאנצן קאסטן. נאָר פון דעם האָט דער ראבין זיך אָפּגעזאָגט. זיי זײַנען ניט פאר קיין סינאגאָגע, האָט ער געזאָגט. פּירט עס אָפּ אין קלייט, וווּ עס פארקויפן זיך ייִדישע ביכער.

— ווי האָט ער געקאָנט אזעלכעס זאָגן, — האָט זיך אָנגערופן דער עלטערער, — ער זעט דען ניט, דער ראָוו, אז דאָס זײַנען סידורים מיט מאכזיירים. ס'איז דאָך קלאָר אָנגעשריבן, — און ווי ער זאָל אינגאנצן פארגעסן, אז די צוויי קאָלווירטניקעס קאָנען אפילע קיין איין אָס אויך ניט איבערלייענען, האָט ער זיי ביידן אונטערגעטראָגן דאָס צעעפנטע ביכל, — אָט גיט א קוק.

טערענטי ניקאָלײַעוויטש האָט פארהאלטן זײַן בליק אפן קאסטן, ווי אַף א שיפל, וואָס קאָן זיך ניט צושלאָגן צו קיין ברעג. כאָטש נעם און טראָג די ביכער צוריק ארוף מיטראָפאן פּעטראָוויטשן אפן בוידעם און דעק זיי דאָרט צוריק אײַן מיט דער פארשטויבטער צעפליקטער ראָגאָזשע. וואָלגין וויל פאָרט אָבער פארשטיין, פארוואָס האָט דער לערער זיי אויסבאהאלטן פון די מערדער, אויב די דאָזיקע ביכער גייען קיינעם ניט אונטער, ניט די ייִדן, וואָס קומען אין סינאגאָגע, און ניט די ייִדן, וואָס ווייסן, מיסטאמע, אפילע ניט, וווּ די סינאגאָגע איז.

— מיכאַיִל לאזארעוויטש, קומט נאָר גיכער אהער! זעט, וואָס דאָ טוט זיך! אונטער די עטלעכע ספאָרים ליגט א גאנצער אויצער מיט ייִדישע ביכער.

דער פארלוירענער טערענטי ניקאָלײַעוויטש האָט א בליק געטאָן פון דער זײַט אַף יורען, וואָס האָט זיך, אפּאָנעם, אויך שוין אָנגעשטויסן, אז צונויפלייגנדיק אין סינאגאָגע צוריק די דאָזיקע ביכער אין קאסטן, האָט ער אין אײַלעניש פארכאפּט אויך עטלעכע ספאָרים פונעם אנדערן קאסטן.

— וויפל, זאָגט איר, זײַנען זיי אָפּגעלעגן אפן בוידעם? פון דער מילכאָמע אָן? — האָט געפרעגט דער עלטערער, ווען דער יונגער האָט גערופן מיכאַיִל לאזארעוויטש. — און ווי האָט געהייסן דער לערער?

— באס. יאקאָוו סאָלאָמאָנאָוויטש באס. ער איז אומגעקומען אַף דער מילכאָמע. דער שווער זײַנער איז אויך אומגעקומען. די פאשיסטישע אעראָפּלאנען האָבן באשאָסן דעם צוג, מיט וועלכן ער האָט זיך עוואקויִרט.

— איר וועט מיר אנטשולדיקן, — מיכאַיִל האָט זיך פארקלערט: פרעגן צי ניט פרעגן. זײַנע קארע טיף־ארײַנגעזעצטע אויגן האָבן זיך אַף א רעגע צוגעמאכט. — ס'וואָלט זיך מיר וועלן גרײַלעך וויסן, וואָס גייען אײַך אזוי אָן די דאָזיקע ביכער, וואָס איר האָט צוליב זיי זיך געשלעפּט אזא ווײַט און געהאט נאָך דערבײַ, ווי איך זע, היפּש קאָפּדרייעניש.

— ווער דען זאָל וועגן דעם זאָרגן? ניט פארבליבן דאָך אין דאָרף קיין איין ייִד!

מיכאַיִל האָט דערלאנגט טערענטי ניקאָלײַעוויטשן די האנט און זי שטײַף א דריק געטאָן:

— איר קאָנט זײַן לאכלוטן רויִק. קיין בלעטל וועט ניט פארלוירן גיין פון אָט די ביכער. איר גיט זיי איבער אין זיכערע הענט. אנטשולדיקט, ווי, זאָגט איר, האָט מען גערופן דעם לערער פון אײַער דאָרף? יאקאָוו סאָלאָמאָנאָוויטש באס? וואָלאָדיע, וועסט אין דער היים זיי דורכקוקן, — האָט ער זיך אָנגערופן צום יונגן, וועלכער האָט שוין קימאט באוויזן אויסליידיקן דעם קאסטן. — ווייסט, וואָס מיר איז אײַנגעפאלן? באשטעלן א שטעמפּל מיט דעם לערערס נאָמען און אָפּשטעמפּלען די אלע ביכער. זאָל עס זײַן אים א דענקמאָל. נו, און די דאָזיקע עטלעכע ספאָרים, — האָט מיכאַיִל זיך ווידער געווענדט צום גווארדייעץ, — ווועט מען דארפן אומקערן אין בעסמעדרעש. דאָס זײַנען ליכט פון אַן אנדער לײַכטער.

— א טײַך האָט צוויי ברעגן, — האָט עס געגעבן צו דערקלערן דער יונגער.

— וויפל זײַט איר אלט? — וואָלאָדיע, דער, צו וועמען וואָלגין האָט זיך געווענדט, איז פון דער ערשטער רעגע אים געפעלן מיט דער ניט ענלעכקײַט זײַנער אַף א סאך יונגעלײַט פון זײַן עלטער. דער שווארצער קאָפּ האָר איז קורץ אונטערגעשוירן, די פּייעס אונטערגעהאקט, דאָס ליכטיקע געזיכט — ריין אויסגעראזירט, און אָנגעטאָן איז ער אויך ניט ווי א סאך אנדערע פון זײַן עלטער. אַף אים איז א געוויינלעך טונקל רעקל מיט געוויינלעכע טונקעלע הויזן, אָן אָט די מעשונע ברייטע קעשענעס פון פאָרנט און אָן די מעשונע קאָלירטע לאטעס פון הינטן, — א יאָר צוויי, דרײַ און צוואנציק? געטראָפן?

— קימאט. דאָס פינף־און־צוואנציקסטע שוין. אנטקעגן וואָס פרעגט איר?

— זאָגט מיר, אײַך וווּנדערט ניט, וואָס כ'בין ניט געקומען גלײַך אהער, נאָר פארפאָרן אפריִער אין דער סינאגאָגע?

קענטיק, זיי ווייסן אים ניט וואָס צו ענטפערן, זיי האָבן זיך דערויף נאָך אפילע ניט פארטראכט. וואָלגין האָט עס ארויסגעזען פון זייער איבערקוקן זיך איינער מיטן צווייטן. האָט ער אליין זיי עס פארענטפערט:

— דאָס האָט וואסילי, וואָס האָט פאַר דער מילכאָמע זיך געלערנט אין א ייִדישער שול, מיר אזוי געראטן, ווײַל ס׳קאָן זיך מאכן, האָט ער מיר געזאָגט, איך זאָל זיך א גאנצן טאָג אומדרייען איבער דער שטאָט און ניט באגעגענען קיין ייִדן, וועלכער זאָל מיר קאָנען זאָגן, וואָס פארא ביכער דאָס זײַנען. איז די בעסטע זאך — פארפאָרן גלײַך אין סינאגאָגע. האָב איך אזוי געטאָן. אז א מענטש אין אײַערע יאָרן, מיכאיל לאזארעוויטש, קאָן לייענען ייִדיש — דאָס וועט וואסילי אונדזערער גלייבן, אָבער איך זאָל אָנטרעפן אַף א באָכערל אַף אזא, ווי איר, וואָס זאָל לייענען ייִדיש...

— מיינט איר עפשער, אז אײַער וואסילי איז ניט אינגאנצן גערעכט? דערציילט אים, וואָלאָדיע, ווי די זאך איז. דעם דאָזיקן מענטשן, ווי איך זע, גייט עס אָן.

— יאָ, מיר גייט עס אָן.

— וואָס גייט אײַך אָן? ווי קומט עס, וואָס אזא יונגערמאן, ווי איך, קאָן נאָך לייענען ייִדיש? צו דעם האָט א ביסל א שײַכעס, און עפשער טאקע א גרויסע שײַכעס, מיכאיל לאזארעוויטש. מיט א יאָר דרײַ צוריק, איך האָב ניט לאנג פאר דעם געהאט פארענדיקט דעם אינסטיטוט און אָנגעקומען ארבעטן אַפן מעטאלורגישן זאוואָד, ברענגט מיר איינמאָל צו טראָגן מײַנער א כאווער, אויך אן אינזשעניער, א מעסוקן גראָבן בוך, איבערגעדרוקט אַף א מאשינקע, און דערציילט מיר דערבײַ א ציקאַווע געשיכטע: בא זיי אין צעך, אַפן כימישן זאוואָד, ארבעט איינער אן עלטערער מענטש, וואָס פארנעמט זיך אין דער פרײַער צײַט, מיט איבערזעצן אַף רוסיש קימאט אלץ, וואָס סע גייט בא אונדז ארויס אַף ייִדיש. ער דרוקט עס נאָכדעם איבער אַף זײַן אייגענעם כעזשבן אין עטלעכע עקזעמפליארן אַף א מאשינקע און גיט עס לייענען זײַנע באקאנטע, וואָס קאָנען ניט לייענען קיין ייִדיש, נאָר ווילן וויסן, וואָס שרײַבט זיך אין די ייִדישע ביכער.

איך האָב א לייען געטאָן איין מאָל, א צווייט מאָל, א דריט מאָל, און א טראכט געגעבן בא זיך: וויפל איז דער שיר צו זיצן אַף קעסט? וויבאלד דו ווילסט אזוי וויסן, וואָס ס׳דערציילט זיך אין די ייִדישע ביכער, איז נעם און לערן זיך אויס ייִדיש. און כ׳האָב זיך אויסגעלערנט. כ׳בין ניט דער איינציקער אזא דאַ אין שטאָט. פון דעמלט אָן לאָז איך ניט דורך קיין איין ייִדיש ביכל, וואָס סע קומט אָן אין קלייט. איז ווי נאָר איך האָב דערהערט, אז ס׳איז אָנגעקומען א גאנצער אויצער אַף צום לייענען, האָב איך, פארשטייט זיך, גלײַך אָנגעקלונגען מיכאיל לאזארעוויטשן. איר קאָנט זײַן רויִק. מירן אָפּהיטן דעם אויצער פון אײַער לערער, ווי ער האָט עס פארדינט.

— און אויב בא אײַך אין דאָרף וועט זיך בא עמעצן צופעליק אָפּזוכן נאָך אזא אויצער, איז פירט אים גלײַך צו מיר אָדער צו אָט דעם יונגנמאן.

דער באדאכטער מיכאיל לאזארעוויטש האָט גענומען פון טיש א בלעטל פאפיר און מיט די זעלבע גרויסע דײַטלעכע אויסיִעס, מיט וועלכע ער זעצט איבער די ייִדישע ביכער אַף רוסיש, אָנגעשריבן זײַנעם און וואָלאָדיעס היימישן אדרעס און עס דערלאנגט טערענטי ניקאָלײַעוויטשן.

אין שטרויענעם הוט, וועלכן דער גוואַרדייעץ האָט, פאָרנדיק צוריק אין בעסמעדרעש, זיך געהאט געקויפט אין א דערבײַיִקער קלייט, ער זאָל ווידעראמאָל ניט דארפן צודעקן דעם קאָפּ מיטן רעקל, האָט דער ראָוו אים ניט גלײַך דערקענט. ניט געווינט דערצו, אז אין אָט דער באטאָגיקער שאָ זאָל עמעצער פארבלאָנדזשען אהער אין בעסמדרעש, האָט רעב מענדל, וואָס איז געזעסן שוין בלויז אין טאלעס און געלערנט, פארכידעשט געפרעגט:

— איר דארפט עפּעס, צי גלאט אזוי ארײַן?

געווינט אויך דערצו, אז ניט אלע, וועלכע האָבן אפילע שטענדיקע שטעט דאַ אין בעסמעדרעש, פארשטייען ייִדיש, האָט ער דאָס זעלבע, וואָס ער האָט אים געפרעגט, איבערגעזאָגט וואָרט אין וואָרט אַף רוסיש:

— Вам нужно что-то, или так себе зашли?

ס׳האָט זיך אים דערבײַ גרײַלעך געוואָלט געבן אָנצוהערן דעם דאָזיקן באיאָרטן מענטשן, אז דער, וואָס קומט ארײַן אין א מאָקעם־קאָדעש, האָט פונדעסטוועגן געמעגט קענען כאָטש א טראָפּן ייִדיש. רעב מענדל וואָלט עס אים זיכער געווען געזאָגט, דעם ארײַנגעקומענעם, ווען וואָלגין זאָל, צוגייענדיק נעענטער, ניט געווען העכער ארופּרוקן די הוט אַפן קאָפּ.

— איר דערקענט מיך שוין גאָר ניט, רעבע? — טערענטי ניקאָלײַעוויטש האָט אוועקגעלייגט לעבן שכיינעסדיקן סטענדער א קליין איבערגעבונדן פעקל ביכער.

— זענט איר עס גאָר?! — רעב מענדל האָט זיך אופגעהויבן פון זײַן שטאָט בא דער מיזרעך־וואנט ווי באם אָפּגעבן קאָוועד, צו וועלכן קיינער נייט ניט, נאָר וועלכער קומט פון זיך אליין. — וואָס זײַנען עס פארא ספאָרים?

— ס׳איז פון יענעם־אָ קאסטן, — וואָלגין האָט אָנגעוויזן אַפן פוסטן קאסטן, וואָס איז געשטאנען אונטערן טיש. — דאָס האָט דער שאָפער אין אײַלעניש זיי צופעליק ארײַנגעלייגט אינעם קאסטן, וואָס מיר האָבן, ווי איר האָט אונדז געראטן, אָפּגעפירט אין קלייט.

— אך, אזוי גאָר! נו, און וואָס האָט מען אײַך דאָרט געזאָגט?

—אז ס׳איז א גאנצער אויצער. און מיר האָבן דעם אויצער גוט באשטאט, אים איבערגעגעבן אין זיכערע הענט. נאָר אָט די דאָזיקע עטלעכע ביכער גייען זיי ניט אונטער. דאָס זײַנען ליכט, זאָגן זיי, פון אן אנדער לײַכטער. האָב איך זיי געבראכט אײַך צוריק אהער. איך פארשטיי שוין איצט אליין, אז דאָס, וואָס עס גייט ניט אונטער זיי, גייט אונטער אײַך, און

דאָס, וואָס סע גייט ניט אונטער אײַך, גייט אונטער זיי. יעדער טײַך האָט צוויי ברעגן.

— דאָס האָבן זיי אײַך אַזוי געזאָגט, אַז דער ליכטער איז ניט איינער און דער זעלבער, און די ליכט זײַנען אַנדערע? איך פֿאַרגעס אַלץ, ווי מע רופֿט אײַך...

— ניקאָלײַ טערענטיעוויטש וואָלגין.

— נו יע, וואָלגין. איר האָט הײַנט פֿאַרדינט אַ גרויסע מיצווע, גאָר אַ גרויסע מיצווע.

— מיר טוען עס, רעבע, ניט צוליב געצאָלטס. וואָלט איך עס ניט געטאָן, וואָלט אַ צווייטער עס געטאָן.

— מיר וויסן עס. מיר האָבן אַ גוטן זיקאָרן. מיר פֿאַרגעסן ניט דאָס גוטס, ניט דאָס שלעכטס. דאָס גוטס פֿאַרגעדענקען מיר נאָך מער, און אין דעם איז אונדזער גליק און עפּשער אויך אונדזער אומגליק.

די זון איז שוין אינגאַנצן אַפּגעגאַנגען פֿון די שמאָלע פֿענצטער, וואָס זײַנען ביז העכער האַלב פֿאַרשטעלט מיט שראַנקען ספֿרים, און איבערגעלאָזט נאָך זיך לאַנגע אומעטיקע שאָטנס. וואָלגין האָט אַ קוק געטאָן אַפֿן זייגער. ס׳איז שוין געווען ווײַט נאָך האַלבן טאָג. דער שאָפֿער, וועלכער איז געבליבן זיצן אין דער מאַשין, האָט מיט דער סירענע שוין עטלעכע מאָל געלאָזט צו הערן, אַז ס׳איז צײַט פֿאָרן אַהיים. מע קאָן מער ניט פֿאַרהאַלטן די מאַשין. ס׳איז שניט־צײַט. טערענטי האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט. ווען רעב מענדל האָט ענדלעך איבערגעבלעטערט די עטלעכע אומגעקערטע ספֿרים, האָט טערענטי ניקאָלײַעוויטש, אַ ווײַז טוענדיק אַפֿן גרויסן אָפֿענעם סייפֿער, וואָס איז געלעגן אַפֿן סטענדער, געפֿרעגט:

— אַ גאַנצן טאָג זיצט איר אַזוי און לייענט?

— איך לייען ניט. איך לערן.

— און וואָס לערנט איר, רעבע?

— עס זאָלן נאָר קלעקן יאָרן. פֿאַראַן וואָס צו לערנען. קאָלזמאַן אַ מענטש לעבט, דאַרף ער לערנען.

— זיצט איר דאָ אַזוי אַפֿ גאַנצענע טעג?

— ס׳איז ווי סע קומט אויס. אַמאָל ענדיק איך פֿריִער, אַמאָל שפּעטער. צוויי מאָל זיך שלעפּן אהער איז שוין ניט פֿאַר מײַנע קויכעס. איך וווין גאַנץ ווײַטלעך, העכער אַ שאָ פֿאָרן פֿונדאַנען מיטן טראַמוויי.

— און איך האָב געמיינט, אַז איר וווינט דאָ אין הויף צי ערגעץ נאָענט אַרום, — טערענטי ניקאָלײַעוויטש האָט מיטאַמאָל ראַכמאָנעס געקראָגן אַף דעם איינזאַמען זאַקן, וואָס גייט, דאַכט זיך, קיינעם דאָ ניט אָן. — איז וויבאַלד איר וווינט אַזוי ווײַט, קומט דאָך, הייסט עס, אויס, אַז איר זיצט אַפֿ גאַנצענע טעג אַ הונגעריקער.

— כאַלילע. ווער הונגערט עס הײַנטיקע צײַטן בײַ אונדז? ס׳איז דאָך ניט אַמאָל, ניט הײַנט געדאַכט. די אישע מײַנע, זאָל געזונט זײַן, גיט מיר שטענדיק מיט זיך עפּעס מיט. מישטיינסגעזאָגט, וויפֿל דאַרף איך עס בײַ די יאָרן. ס׳איז אונדז איבערגענוג די פּענסיע, וואָס מיר קריגן. ניטאָ קיין גרעסערע שטראָף פֿאַר עלטערן, ווי איבערלעבן זייערע קינדער. דאָס קריגן מיר פּענסיע פֿאַר די קינדער. איך פֿאַר מײַנע צוויי אומגעקומענע זין, און די פּלוניעסטע מײַנע, זי איז בײַ מיר די אַנדערע, פֿאַר איר דערהאַרגעטן בעניאָכיד. די ערשטע פֿרוי מײַנע איז פֿון צאָרעס אַוועק פֿאַר דער צײַט פֿון דער וועלט. ניטאָ קיין גרעסערער בראָך, ווי איבערלעבן די אייגענע קינדער.

— איך בין אויך געווען אַף דער מילכאָמע. דרײַ מאָל געווען פֿאַרוווּנדעט...

— איך זע נאָך אײַך, אַז איר זײַט געווען אַף דער מילכאָמע. אַ מענטשן, וואָס איז געווען אַף דער מילכאָמע, דערקענט מען גלײַך. אים טוט פֿאַר יעדערן ווײ.

— איר וואָלט זיך צוגעזעצט, רעבע.

— ס׳מאַכט ניט אויס, איך זיץ זיך גענוג אָן פֿאַרן טאָג, — די זײַנע קליינע מידע אויגן האָבן זיך אַף אַ רעגע צוגעשלאָסן, — דער ייִנגערער מײַנער, זאָל האָבן אַ ליכטיקן גאַניידן, האָט אַפֿילע ניט געוואַרט, מע זאָל אים רופֿן. אַליין אַוועק זיך בעטן אַף דער מילכאָמע. זעכצן יאָר איז ער אינגאַנצן אַלט געווען און דערצו נאָך ניט איבעריקס קיין געזונטער. „טאַטע, — האָט ער מיר דערבײַ געזאָגט, — ניטאָ קיין גרעסערער קיבעד־אָוו ווי זיך גיין שלאָגן מיטן רויצייִעך פֿון דער וועלט, היטלער ייִמאַך־שמוי“. וואָס האָב איך געקאָנט אים דערויף ענטפֿערן? „גיי און זײַ מאַצליִעך“, — האָב איך אים געזאָגט. אײַ ס׳איז ניט מעקויִעם געוואָרן מײַן בראָכע און מיר האָבן אינעם זעלבן יאָר באַקומען די פּײַנע בסורע, איז עס אַ גאָט־זאַך. איך בין באַם ריבוינעשעלוילעם ניט קיין בעניאָכיד... ס׳איז ווי ס׳וואָרט געזאָגט בײַ אונדז אין די ספֿרים. ניטאָ די שטוב אָן אַ קאָרבן. די מעלוכע אונדזערע קוקט ניט דערויף, וואָס איך בין אַ ראַוו. זי גיט מיר אַפּ דעם זעלבן קאָוועד, וואָס אַלע טאַטעס, וועלכע האָבן אַרויסבאַגלייט זייערע זין און טעכטער אין דער הייליקער מילכאָמע. כ׳קאָן זיך, כאַלילע, ניט באַקלאָגן. אַ דירע האָב איך אויך אַ גאַנץ פּײַנע, אַ דירע מיט אַ באַלקאָן, מיט אַ ליפֿט, מיט אַלץ וואָס מע דאַרף. איין זאַך נאָר. ס׳איז אַ ביסל ווײַטלעך. ס׳איז אין אַ נײַעם מיקראָראַיאָן, און שלעפּן זיך יעדן טאָג מיטן טראַמוויי בײַ אָן אַנדערהאַלבן שאָ אַהער און אָן אַנדערהאַלבן שאָ צוריק איז, פֿאַרשטייט איר אַליין דאָך, שוין ניט פֿאַר מײַנע קויכעס.

דער שאָפֿער אין דער מאַשין האָט ווידער דערמאָנט מיט דער סירענע, אַז מע דאַרף פֿאָרן אַהיים, נאָר דער גוואַרדייעץ האָט געהאַט נאָך אַ סאַך וואָס צו פֿרעגן רעב מענדלען, נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ טאַטע פֿון צוויי אומגעקומענע זין.

— וויפֿל, זאָלט איר לעבן און געזונט זײַן, זײַט איר עס אַלט, רעבע?

— א סאַך, זייער א סאַך. דער אייבערשטער האָט מיך, זעט אויס, באַשאָנקען מיט מײַנע קינדערס ניט אויסגעלעבטע יאָרן. מיר איז שוין דאָס צוויי־און־אכציקסטע.

— און איר שלעפּט זיך יעדן טאָג אַזאַ ווײַט?

— אַז מע דינט גאָט, קוקט מען דערויף ניט. וויפל מאָל טרעפט, אַז מע פאַרהאַלט זיך ביז אין דער נאַכט. ס'וואָלט זיך אוואַדע ניט ווילן אוועקגיין פון אַזאַ דירע, ווי מיר האָבן, עס וועט אָבער אויסקומען זי בײַטן נעענטער אַהער, צום בעסמעדרעש. ניט צוליב די סכי־רעס, כאַלילע! וואָס האָב איך דאָ? אונדז קלעקט די פּענסיע. כ'וואָלט זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט זײַן דאָ דער ראָוו. לאָזט מען מיך אָבער ניט אָפּ!

וואָלגין האָט אים אָנגעקוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן:

— וואָס הייסט, מע לאָזט אײַך ניט אָפּ? ווער לאָזט אײַך ניט אָפּ? מע גיט אָן א מעלד־דונג, און אין צוויי וואָכן ארום, צי מע וויל יאָ, צי מע וויל ניט, מוז מען אײַך אָפּלאָזן. איר ווייסט עס דען ניט?

— און ווי איז, אַז ס'איז ניטאָ מיט וועמען צו פאַרבײַטן? דער מענטש קאָן דאָך ניט טראַכטן נאָר וועגן זיך און טאָן אַלץ, וואָס אים גלוסט זיך. ווו, אַשטייגער, וועלן זיי נעמען אַן אַנדערן אַף מײַן אָרט? הײַנטיקע צײַטן איז א ראָוו, ווי מע רופט עס, א דעפּי־ציטע זאַך, און א בעסמעדרעש קאָן לאַנג ניט בלײַבן אָן א ראָוו. — ער האָט אויסגעטאָן דעם טאַלעס, אַקוראַט אים צונויפגעלייגט און, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו דער ווײַבערשער שול, געפרעגט בא זיך, — ווו איז עס דער שאַמעס, וואָס מע זעט אים ניט? מע דאַרף דאָך צושליסן די שול, — צוגעמאַכט דעם סייפער אַפן סטענדער, האָט רעב מענדל האַלב אַף א קאָל ניט זיכער א זאָג געטאָן צו זיך, ווי ער זאָל דאַרפן בא זיך אַליין באַקומען דערויף א העסקעם. — איכ'ל, דאַכט זיך, גאָר באַלד פאָרן אַהיים.

אַף וואָלגינען האָט די ניט זיכערקײַט, מיט וועלכער דער ראָוו האָט עס אַרויסגעבראַכט, געמאַכט דעם אײַנדרוק, ווי ער זאָל געוועזן כאַראַטע האָבן, וואָס ער האָט עס געזאָגט, און וואַרט, אַז עמעצער זאָל אים דערפון אָפּריידן.

איז טערענטי ניקאָלײַעוויטש אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— מיר זײַנען דאָ, ווי איר ווייסט, מיט א מאַשין, — האָט ער זיך צו אים אָנגערופן, — פאַר א פערטל שאָ פירן מיר אײַך אַפּ אַהיים.

— איר ווילט, ווי איך זע, פאַר איין מאָל אַרײַנכאַפּן אַלע טאַריאַג מיצוועס.

— וואָס באַטײַט עס, רעבע, טאַריאַג מיצ־וועס?

— יעדער מענטש דאַרף פאַר זײַן לעבן פאַרדינען זעקס הונדערט דרײַצן מיצוועס, זעקס הונדערט דרײַצן גוטע מײַסים דאַרף ער אויפטאָן אַף זײַן לעבן.

— און ווי איז מיט די, וואָס באַווײַזן עס ניט אויפטאָן, זיי זײַנען, ווי אײַערע זין, פרי אַרויסגעריסן געוואָרן פונעם לעבן?

— גראַדע זיי האָבן באַוויזן פאַרדינען גאַנץ טאַריאַג. ניטאָ קיין גרעסערע און העכערע מיצ־ווע, ווי מאַקריוו זײַן דאָס לעבן פאַרן לאַנד. ניטאָ און ניט געווען, זינט עס שטייט די וועלט.

די מאַשין איז געבליבן שטיין בא איינעם פון די העלגרויע מויערן אינעם ווײַטלעכן מיק־ראָראַיאָן פון דער גרויסער פאַנאַנדערגעוואַקסע־נער שטאָט. וואָלגין איז אַרויסגעשפּרונגען פּר־נעם קוזאָוו, געעפנט דאָס טירל פון דער קאַ־בינע און פאַרזיכטיק, ווי ער האָט עס געטאָן בייסן אַרײַנזעצן רעב מענדלען אין דער מאַשין, האָט ער צוזאַמען מיטן שאָפער אים געהאָלפן פון דאָרט אַרויסקריכן און באַגלייט אים ביזן ליפט.

נאָר רעב מענדל איז אין ליפט ניט אַרײַן.

— האַכנאָסעס־אָרכים, מײַנע ליבע מענ־טשן, — האָט ער צו זיי געזאָגט און עס גלײַך פאַרטײַטשט אַף רוסיש, — איז אויך איינע פון די זעקס הונדערט דרײַצן מיצוועס, וואָס א מענטש דאַרף פאַרדינען פאַר זײַן לעבן. איז ווי קאָנט איר מיר אָפּזאָגן דערפון?

— איך פאַרשטיי עס, רעבע, — האָט טער־רענטי זיך פאַרענטפערט, — ס'איז אָבער שניט־צײַט. מע וואַרט אין קאָלווירט אַף דער מאַשין, און מיר האָבן צו פאָרן איבער הונדערט קילאָ־מעטער. מירן עס אָפּלייגן אַף אַן אַנדערשמאָל. מיר זײַנען דאָך ניט א לעצט מאָל דאָ אין שטאָט, און ווו צו געפינען אײַך ווייסן מיר שוין.

— נו, נו, אַדרעבע. איר וועט בא מיר ס'אַנדערע מאָל אויך זײַן אָנגעלייגטע געסט. ס'איז אָבער ניט לויט אײַער דין און ניט לויטן יידישן דין דורכלאָזן די מיצווע פון האַכנאָסעס־אָרכים. די וועלט וועט, כאַלילע, ניט אונטער־גיין דערפון, וואָס איר וועט קומען אַהיים מיט א האַלבער שטונדע שפּעטער. און אײַך דאַרף איך זאָגן, יונגערמאַן, — האָט ער זיך געווענדט צו דעם שאָפער, — איר פירט די מאַשין, אַז מע פילט אַפילע ניט, צי מע פאָרט.

נאָך רעכט ניט צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר, האָט רעב מענדל זיך אָנגערופן צום ווײַב. וואָס איז אַרויס צו אים פון קיך:

— לייע, גרייט, זײַ מויכל, צום טיש, ווי פאַר די סאַמע געהויבנסטע געסט. אָבער טאַקע קעהערעף־אײַן, וואָרעם זיי האָבן קיין צײַט ניט. ווער און וואָס זיי זײַנען, וועל איך דיר שוין דערנאָך דערציילן. גיב אַהער, זײַ אַזוי גוט, א ריינעם האַנטעך. — באַוויזן די געסט, ווו דער וואַש־צימער איז, האָט ער זיך אָנגע־רופן צו וואָלגינען, — דאָ איז ניט קיין בעס־מעדרעש, און איר מעגט אויסטאָן די הוט.

ווען דער גוואַרדייעץ מיטן שאָפער זײַנען אַרויס פון וואַש־צימער, איז דער טיש שוין געווען פאַרשפּרייט מיט א קלאָר־ווײַסן טיש־טעך, און לייע, ניט קיין איבעריקס אַלטע פרוי,

מיט א פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן, האָט פּאַ־
נאַנדערגעשטעלט די טעלער מיטן צובײַסן.

דערזען דעם באַלעבאָס זיצן באַם טיש אין א יאַרמלקע, האָט וואָלגין צוריק אָנגעטאָן די הוט און פֿאַרייִנוועגס שוין פֿאַרכאַפּט פֿונעם הענגער אַן אַלט היטל פֿאַרן שאָפֿער.

— צו וואָס? — האָט רעב מענדל א מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט. — ס'איז ניט בייטיק. נעם, לייע, זײַ אַזוי גוט, הענג עס אויף אַף צוריק. — נאָר אַז דער גוואַרדייעץ מיטן שאָפֿער זײַנען פֿאָרט געבליבן זיצן באַם טיש מיט צוגעדעקטע קעפּ, האָט רעב מענדל זיך אָנגערופֿן צום ווײַב, — ווייסטו כאָטש, ווער די דאָזיקע געסט אונדזערע זײַנען? זיי האָבן פֿאַרדינט, אַז זייערע נעמען זאָלן זײַן אויסגעקריצט אַפֿן טאַוול לעבן אָרנקוידעש.

ערשט איצט האָט טערענטי ניקאָלײַעוויטש באַמערקט די קליינע פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס איז געהאַנגען אונטער א גלאָז אין א ראַמל אַנטקעגנאיבער אַף דער וואַנט. האָט ער אײַנמיטן עסן, ווען רעב מענדל האָט געהאַלטן אין דערציילן דער פֿרוי זײַנער די געשיכטע מיט די צוויי קאַסטנס ביכער, זיך געגעבן א הייב אויף פֿון אָרט און געבליבן שטיין באַ דעם פֿאָטאָ־בילדל פֿונעם יונגן באָכערל אין דער פּילאָטקע מיטן גוואַרדייִשן צייכן אַף דער סאָלדאַטסקער גימנאַסטיאָרקע.

— אײַערער? — האָט טערענטי, ניט איינגאַנצן נאָך זיכער אין דעם, וואָס אים האָט זיך אין די דאָזיקע רגעס אויסגעוויזן, שטיל געפֿרעגט.

— יע. דאָס איז דער ייִנגערער, ער זאָל האָבן א ליכטיקן גאַניידן, דער, וואָס האָט אליין זיך געבעטן, מע זאָל אים שיקן אַף דער מילכאָמע. פֿונעם עלטערן, אַלעווהאַשאָלעם, איז מיר גאָרניט פֿאַרבליבן. אפֿילע קיין שטיקל בילדל.

— רעבע, — האָט וואָלגין זיך נאָך שטילער אָנגערופֿן, ווי מוירע האָבנדיק ארויסצוברענגען אַף א קאָל דאָס, וואָס ער וויל פֿרעגן. — ווי האָט ער געהייסן?

— איר קענט אים עפּשער, האַ? — באַ רעב מענדלען האָט זיך אָפּגעהאַקט דער אָטעם. — שויעלקע האָט ער געהייסן. שויעל ספּעקטאָר. שויעל אַף רוסיש איז סאַול.

— אַף וועלכן פֿראָנט איז ער געווען? פֿון וועלכן פֿראָנט האָט ער אײַך צוגעשיקט אָט דאָס בילדל זײַנס?

— איך געדענק ניט, ער זאָל עס מיר געווען שרײַבן. איך געדענק נאָר, אַז דאָס איז געווען אַפֿן אַנדערן יאָר פֿון דער מילכאָמע. איר האָט אים ערגעץ באַגעגנט? — ער האָט צוגעמאַכט מיט דער האַנט די אויגן. — ווייסט איר עפּשער אויך, ווו האָט מען אים מעקאַבער געווען?

— איר קאָנט מיר ניט זאָגן, וואָס האָט איר אים, רעבע, מיטגעגעבן מיט זיך פֿון דער היים? טוט זיך דערמאָנען.

— מײַן בראָכע, ער זאָל בעשאָלעם צוריקומען פֿון דער מילכאָמע, האָב איך אים מיטגעגעבן.

— דאָס פֿאַרשטיי איך. כ'פֿרעג אָבער... נו, א ביכל האָט ער מיטגענומען מיט זיך פֿון דער היים? כ'מיין, א ייִדיש ביכל.

באַ רעב מענדלען האָבן זיך ווידער צוגעמאַכט די מידע האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן. ער איז אײַנגאַנצן אַרײַן אין זיך און גערעדט ווי צו זיך:

— דער עלטערער, מוישע, ער האָט מיטגענומען מיט זיך, געדענקט זיך, א סייפֿער. מוישע איז נאָך געגאַנגען אין מײַנע דראָכים. קיין ראָוו וואָלט שוין פֿון אים ניט געוואָרן, נאָר טאַלעס־און־טפֿילן, ער זאָל געווען לעבן, וואָלט ער, מיסטאָמע, אָנגעטאָן. דער ייִנגערער איז שוין געווען מער פֿון די הײַנטיקע, נאָך איידער די סאָוועטן זײַנען אַרײַן צו אונדז אין דער ליטע. ניין, שויעלקע האָט קיין סייפֿער מיט זיך ניט מיטגענומען. נאָר א ביכל פֿון די הײַנטיקע ייִדישע ביכלעך האָט ער געקאָנט באַ זיך האָבן.

— דער עלטערער אײַערער, מאָיסיי, איז אויך געווען א גוואַרדייעץ?

טערענטי ניקאָלײַעוויטש וואָלגינען, וואָס איז ביז זײַן אַרײַנקומען אהער געווען קימאַט זיכער, אַז דער סאָלדאַט פֿון זייער ראָטע, וואָס האָט געהאַט באַ זיך א ביכל מיט פּונקט אַזעלכע אויסיעס, ווי די ביכער פֿון די צוויי קאַסטנס, וואָס אַנטאָשע האָט געפֿונען אַפֿן בוידעם, איז ניט קיין אַנדערער ווי דער לערער, וועלכער האָט אויסבאַהאַלטן די קאַסטנס, האָט שוין איצט זיך אויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער סאָלדאַט איז געווען אָט דער יונגינקער גוואַרדייעץ, וואָס אַפֿן בילד.

און דעמלט, ווען רעב מענדל האָט זיך געגרייט הערן, וואָס עס האָט אים צו דערציילן וועגן זײַן שויעלען אָט דער פֿרעמדער מענטש, וועלכער איז אים מיטאַמאָל געוואָרן נאָך מער נאָענט, האָט טערענטי ניקאָלײַעוויטש איבערגעריסן די שווערע שטילקייט:

— ניין. ס'איז ניט ער... יענער איז געווען א סאַך אַן עלטערער...

צוריקוועגס — די מאַשין איז שוין געווען ווײַט אויסערן שטאָט — האָט יורי זיך אָנגערופֿן צו דעם שווײַגעוודיק־פֿאַרטראַכטן טערענטי ניקאָלײַעוויטשן, וואָס איז געזעסן לעבן אים אין דער קאַבינע:

— איר האָט אים טאַקע ניט געקענט?

די מאַשין איז אָפּגעפֿאָרן נאָך א שטיק וועג, אַרײַן אין פֿעלד, וואָס האָט זיך געכוואַליעט אונטער דער פֿאַרגייענדיקער זון ביזן ווײַטן האָריזאָנט, נאָר וואָלגין איז אַלץ נאָך געזעסן מיטן זעלבן סוידעספֿולן אויסזען, מיט וועלכן ער האָט זיך געהאַט אופּגעהויבן פֿון טיש און צוגעגאַנגען צו דעם בילדל אַף דער וואַנט. פֿון דער דאָזיקער מינוט אָן האָט דער לוסטיקער פֿאַרוואַלטער פֿון די שפּײַכלער טערענטי ניקאָלײַעוויטש וואָלגין זיך אײַנגאַנצן ווי געענדערט. יורי האָט אים נאָך אַזאַ, דוכט זיך, קיינמאָל ניט געזען. עפּעס, פֿאַרשטייט זיך, שטעקט אין דעם, וואָס טערענטי ניקאָלײַעוויטש האָט אויסבאַהאַלטן פֿונעם אַלטן, אַז ער קען זיך מיט

זײַן ייִנגערן זון, נאָר פאַרוואָס באַהאַלט ער עס אויס אויך פון אים, פון יורען, קאָן שוין דער שאָפער ניט פאַרשטיין.

דאָס ווינטל, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אינעם אופגעעפנטן פענצטערל, האָט ווי אומגעקערט טערענטי ניקאָלײַעוויטשן פון א ווײַטער ווײַט צוריק אהער אין דער קאַבינע, און ערשט איצט, דאַכט זיך, האָט ער באַמערקט דאָס צעכוואַליעטע פעלד, וואָס לויפט אָן אנטקעגן, די סאָפּטאָגיקע זון באַם פאַנאַנדערגעפלאַמטן האָריזאָנט און אויך אָט די פריילעך אַרומלויפנדיקע אויגן באַם שאָפער, וואָס פאַרגיבן אים ווידער די זעלבע פראַגע, אַף וועלכער ער, וואָלגין, קאָן נאָך דערווײַל אליין ניט ענטפערן. זיצט ער און קלאָרט עס אויס פאַר זיך שוין אַף א קאָל:

— פאַרוואָס האָב איך אים אזוי געענטפערט, דעם אַלטן? ניט וועגן יעדן, וועמען מע האָט אָנגעווירן אין שלאַכט, קאָן מען און מע דאַרף איצט דערציילן זייערע אייגענע. צו וואָס קומען אין דרײַסיק יאָר אַרום און דערציילן א טאַטן, אז זײַן זון איז לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן אין אַן אונטערגעשאָסענעם טאַנק און מיר האָבן אים אפילע ניט געקאָנט ברענגען צו קוורע, ווײַל געשען איז עס אין די כאַדאָשים, ווען מיר זײַנען נאָך אַלץ אָפּגעטראָטן און אָפּגעטראָטן? און עפשער איז עס געווען ניט ער? מאַלע וואָס עס דוכט זיך דיר אַמאָל אויס. דרײַסיק יאָר דאָך אַריבער. ווער קאָן עס פאַרגעדענקען אַלעמען, מיט וועמען מע איז געגאַנגען אין שלאַכט און וועמען מע האָט אָנגעווירן אין שלאַכט? אָט ווען איך קאָן אָנווײַזן דעם אַלטן, ווו צו שטעלן א מאַציייווע דעם זון זײַנעם! אָבער גיין אים דערציילן, ווי?אזוי זײַן זון איז אומגעקומען... צו וואָס, האַ?

— איר האָט אים אָבער געקענט, פּעטער טערענטי?

—איך האָב אַנדערש ניט געקאָנט אים ענטפערן, יורי.

ווען דער יונגינקער שאָפער איז שוין געווען איינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין דעם, אז ער זאָל ניט פאַרשפּעטיקן אַפן אָוונטיקן שפּאַציר, האָט טערענטי ניקאָלײַעוויטש וואָלגין איבערגעכאַזערט פאַר זיך:

— איך האָב אים אַנדערש ניט געקאָנט ענטפערן...

זאָגנדיק עס, האָט דער גוואַרדייעץ טערענטי ניקאָלײַעוויטש וואָלגין א טראַכט געטאָן דערבײַ פאַר זיך, אז מיטן ברענגען צו פירן הײַנט די צוויי אָפּגעראַטעוועטע קאַסטנס ביכער, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן אין זיכערע הענט, האָט דאָס דאָרף זײַנס געשטעלט דערמיט א מאַציייווע אַף די אומבאַוווּסטע קוואָרים פונעם אומגעקומענעם לערער און פונעם אומגעקומענעם יונגן באָכערל מיטן גוואַרדייִשן צייכן אַף דער אויסגעברענטער סאָלדאַטישער גימנאַסטיאָרקע...

דאַוויד בראָמבערג

פֿונעם בוך „עלטער אַף א יאָר"

אַפן סטאַדיאָן

א קרײַז נאָך א קרײַז,
א קרײַז און א קרײַז,
זעכצן פּיס אין איין ריי
לויפֿן גרינג און פֿרײַ,
און ווידער,
באַנײַס,
א קרײַז און א קרײַז.
דער פֿיניש זיך ווײַזט...
מיטאַמאָל —
צוויי פֿון די זעכצן
זיך רײַסן ארויס
פֿאָרויס!
דער טומל איז גרויס,
א געשריי,

א גערויש, —
צוואַנציק מעטער,
צען!..
אזוינס ניט געווען...
ביזן הימל וואַקסט דער גערויש,
הונדערט טויזנט הערצער, דאַכט זיך, שפּרינ-
גען באַלד ארויס!
ווי א רעגן,
דער טומל זיך גיסט, גיסט —
צוויי הונדערט טויזנט אויגן לויפֿן נאָך איין
פּאָר פּיס...
א ריס!
פֿי-ני-ש!
צוויי הונדערט טויזנט הענט אַפּלאָדירן איין
פּאָר פּיס.

בושע

אין דענעמאַרק,
צי אין האָלאַנד —
פּינקטלעך אײַך זאָגן
איך קאָן ניט —
כ'האָב געהערט,
מע דערציילט:
א געסל אזא איז פֿאַראַן,
ווו אין העלן טאָג
און אַף יעדן שפּאַן
פֿרויען און מאַנצבילען
אָן בושע
נאַקעטע גייען אינגאַנצן.
שעמען זיך גאָרניט,
גייען פֿראַנק-און-פֿרײַ...

און איך, ווען איך גיב א טראַכט,
ווערט מיר ניט גוט דערבײַ,
כ'הייב ניט אָן צו פֿאַרשטיין,
קאָן אַפֿילע ניט גלויבן...
געהאַט כ'האָב א פּאַטאָ, זי שטייט מיר אַצינד
פֿאַר די אויגן,
באַ א געהאַרגעטן עסעס געפֿונען אין די
שלאַכטן לעם ריין:

יונגע און אַלטע,
אויסגעשטעלטע אין ריי,
באַ אַן אָפֿענער גרוב
שטייען באַם סאַמע ראַנד שוין,
א רעגע פֿאַר זייער טויט, —
ווײַ, ווײַ —

נאקעטע לאַכלוטן,
נאקעטע אינגאַנצן...
אוּן יעדער איינער
מיט זײַן אויסגעצערטער האַנט
האָט פאַרדעקט זי,
צוגעדעקט די שאַנד.

אין דענעמאַרק,
צי אין האָלאַנד —
פינקטלעך אײַך זאָגן
איך קאָן ניט —
כ׳האָב געהערט,
מע דערציילט:
א געסל אזא איז פאַראַן,
ווו אף יעדן טראָט
און אף יעדן שפאַן
פרויען און מאַנצבלען
אָן בושע
נאַקעטע גייען אינגאַנצן...

עס טוט מיר באַנק

לייען ניט,
בעט איך דיך, דעם בריוו,
וואָס איך האָב דיר ניט אָפּגעשיקט.
מיסטאָם דעם גאַנצן טאָג
דו גייסט אַרום אַהין און צוריק
און לייענסט דעם בריוו,
וואָס איך האָב דיר ניט אָפּגעשיקט...

און אַלעמאָל
דו שטעלסט זיך אָפּ
סײַ דאָ, סײַ דאָרט,
לייענסט ווידער וואָרט בײַ וואָרט,
און קוקסט זיך אײַן,
גלײַך וואָלסט א וואָרט גאָר ניט פאַרשטיין.
דו ווייסט,
עס טוט מיר באַנק אַליין,
עס טוט אַזוי מיר באַנק,
נאָר כ׳קאָן ניט כאַפּן אָף צוריק...
מיר דאַכט,
א שטיין מיר אָפן האַרצן ליגט.
לייען ניט, בעט איך דיך, דעם בריוו,
וואָס איך האָב דיר ניט אָפּגעשיקט...

איך בין קיינמאָל ניטאָ אין דער היים...

דאַכט זיך, ווי יעדער איינער,
כ׳האָב א דירע, ווו אַלץ איז מיר היימיש,
וואַרעם, ליכטיק,
אַלץ, ווי מע זאָגט, איז דאָ,
נאָר אין דער היים בין איך קיינמאָל ניטאָ...

בײַ אייגענע כ׳בין און בײַ פרעמדע
און בײַ וויפל איר ווילט באַקענטע,
דעם גאַנצענעם טאָג — איין לויפן, איין גיין,
און קיינמאָל ניטאָ כ׳בין אין דר׳היים.

אָט, דאַכט זיך, דעם קאָפּ שוין דעם מידן
איך פיל אף דעם קישעלע ליגן,
די אויגן זיך שליסן אַליין,
און איך בין נאָך אַלץ ניט אין דר׳היים:
אין שפּיטאָל בײַ א בעטל כ׳זיץ לאַנג,
ווו א כאַווער געפּערלעך איז קראַנק.
און פון דאָרטן — פלינק, ווי א רײַטער,
פלי איך ווײַטער
צו דעם און צו יענעם — איין פאָרן, איין גיין,
איך קאָן אַלץ ניט קומען אַהיים.

דאַכט זיך, ווי יעדער איינער,
כ׳האָב א דירע, ווו אַלץ עס איז היימיש,
וואַרעם, ליכטיק,
אַלץ, ווי מע זאָגט, איז דאָ,
נאָר אין דער היים בין איך קיינמאָל ניטאָ...

ג ע ט אָ

דײַן באָבע האָט ניט געוווּסט פֿון געטען,
דײַן באָבע האָט געוווּסט די געטאָ...

איבערטראָגן צאַר און היילן זיך מיט טרערן
האָט דײַן באָבע דאָרט זיך אויסגעלערנט.

אַלע נאַכט, ווען ס׳שלאָפֿט שוין יעדער איינער,
אָט דעם צאַר איך כאָזער איבער אויסנווייניק...

ניין, ניט אויסדערציילן עס מיט ווערטער,
קליין זײַנען די ליידן פֿונעם יונגן ווערטער.

דײַן באָבע האָט ניט געוווּסט פֿון געטען,
דײַן באָבע האָט געוווּסט די געטאָ.

דײַן אייביקער קרעדיטאָר

פֿון אַלע קרעדיטאָרן אויף דער וועלט קאָן מען זיך אויסבאַהאַלטן,
נאָר פֿון איינעם —
פֿאָטער ווערן ווערסט פֿון אים שוין קיינמאָל:
ער גייט דיר נאָך פּוסטריט,
דײַן יעדן שפּאַן ער היט,
ביסט שטענדיק זײַן באַלכויוו,
און ער —
דערמאָנט
און מאָנט,
אין אויערן צו דיר ער שרײַט!
דער קרעדיטאָר דער אייביקער — די צײַט...

ג ר א מ ע ן

די מאַמע האָט געוואָלט, זאָלסט זײַן אַ לאַמדן,
און באַ דיר אין קאָפּ — כאָרייען בלויז און יאַמבן.

אַ כײַשעק פֿון אַ קינד (ס׳וואָלט לאַכן, מינאַסטאַמע):
טאָג און נאַכט זיך שפּילן נאָר מיט גראַמען.

טאָג און נאַכט דעם קלאַנג אין פֿערזן פֿאַרהאַנדלען,
דײַן מאַמע האָט דאָך געמיינט, ווערסט זײַן אַ לאַמדן...

די מאַמע דײַנע — ווײ צו אירע יאָרן —
אין ווילדן פֿײַער איז פֿאַרברענט געוואָרן.

און דו זוכסט גראַמען, גראַמען, גראַמען,
עפּשער אין זיי וועט לעבן כאָטש דײַן מאַמע.

קימאַט אַן עלעגיע

ניט אַנדערש, ס׳האָט די ערד זיך אָנגעהויבן דרייען שנעלער,
די יאָרן לויפן — שטעלסט זיך גאָר ניט פאָר...
אָט באַלד וועל איך אַליין, מײַן פרײַנט, באַדאַרפן מעלדן,
אַז מיר געוואָרן איז שוין זעכציק יאָר.

דער לועך האָט קיין טאַם, ליידער,
נאָר גיין מיט אײַך כ׳בין גרייט אין אַ געוועט:
מײַן מאַמע, ווען זי קען, וואָלט פון איר קייווער
געבראַכט מיר נאָך אַצינד דאָס גלעזל מילך אין בעט...

אין אויער מײַנעם ס׳שול־גלעקל נאָך הערט זיך,
עס קלינגט און קלינגט, און בוילעט איז דער קלאַנג.
ניט נעכטן ס׳איז געווען דען, ניט נעכטן?
געדויערט אָבער האָט עס גאָר ניט לאַנג...

ניט אַנדערש, ס׳האָט די ערד זיך אָנגעהויבן דרייען שנעלער,
די יאָרן — לויפן, שטעלסט זיך גאָר ניט פאָר...
אָט באַלד וועל איך אַליין, מײַן פרײַנט, באַדאַרפן מעלדן,
אַז מיר געוואָרן איז שוין זעכציק יאָר.

דער צווייטער אַקט

דער צווייטער אַקט פון לעבן — ווי אויף אַ סצענע —
דאָס מעבל אין שטוב איז שוין אַנדערש צעשטעלט:
אַ בעטל אויף רעדלעך, מ׳האָט פריִער ניט געזען עס,
אַ מולטער, זי איז אויך ניט געווען — האָט געפעלט.

די ווינדעלעך, זעט נאָר, ווי טויבן ווי ווײַסע,
אָט פליִען זיי, דוכט זיך, פון שטריקל אַוועק,
און שפּילעכלעך וויפל, גלײַך ערשט פון אַ מײַסע,
אַ מײַסע, וואָס ציט זיך און האָט ניט קיין עק...

און בײדע באַם בעטלע שטייען דערנעבן
און קוועלן פאַר נאַכעס, אַ ביסל צעראַשט,
אַ קלייניקײַט — אויף דער סצענע פון זייער געמיינזאַמען לעבן
האָט זיך באַוויזן דער דריטער פערסאָנאַזש.

יאָ, זיי וועלן נאָך לאַכן און וויינען אויך טאַקע,
דאָס לעבן גייט ווײַטער —
עס גייט דער ספּעקטאַקל...

יעכיעל פאליקמאן

ראמאן

8 די גראנאטע, וואָס ליאָניע האָט געוואָרפן, האָט ער שוין עפּשער געמעגט ניט וואָרפן — קיינער איז פון אונטער דעם צעמענטענעם קאָלפּעק ניט ארויס, שע־שענקאָ איז פאַרווונדעט געווען אין קאָפּ, צי ער האָט אזוי שטארק דערלאַנגט זיך אין רעלס בייסן פאַל — דער דויפּעק האָט קוים געקלאפּט. וואסילי איז אויך צוגעלאָפן, צוזאמען האָט מען אופגעהויבן דעם פאַרכאַלעשטן, אוועק אונטער א וואגאָן מיט קימאט אינגאנצן אויסגע־ברענטע ווענטלעך. עמעץ האָט געשאָסן פון אן אוטאָמאט — אהער אזוי ווי, די קוילן האָבן מיט א קלונג ריקאָשעטירט פון די נאַענטע רעלסן, געפּיקט די ערד, נאָר באלד האָט דאָס אופגעהערט, כאָטש אליין די שיסערײַ, און ניט פון איינעם, פון עטלעכע אוטאָמאטן, אין פאַרשיידענע עקן האָט געדויערט אויך ווײַטער. וואסילי האָט עפּעס אָפּגעריסן פון זײַנע קליידער און איבערגעבונדן שעשענקאָן דעם קאָפּ. ליאָניע האָט מיט דער צוגערייטער גראַ־נאַטע אכטונג געגעבן אַף איין זײַט, אַף דער צווייטער. קיינער איז צום וואגאָן ניט געגאנגען, און ביכלאַל האָט מען קיינעם ניט געזען אין נעפּל, אינעם רויך, וואָס איז קוים א באלויכ־טענער געשווומען אין דער פינצטערניש — עפּעס האָט ניט ווײַט געברענט, מיסטאמע דאָרט, ווו די וויאַדוקן זײַנען אופגעריסן געווען.

און אָט איז גאָר שטיל געוואָרן, מאמעש עס האָט זיך ניט געגלייבט. שטיל. פּאָשעט — נאכט, רעגן, דאָס קלאַפּן פון אָפּגעריסענעם בלעך אַף די דעכער פון וואגאָנעס, אפן דאך פון וואָקזאַל. נאָר אין אָט דער שטילקײַט, אין אָט דער פינצטערניש האָט א שײַן דערנענ־טערט זיך אַלץ מער פון איבערן פלויט, וואָס ארויסגעקומען איז ער אין א טויבער גאַס, אַף מײַרעוו, און א רויש איז אָנגעוואקסן אין יענער זײַט — א געקלאנג פון אײַזן, א פּיקקען פון א מאָטאָר, צי פון עטלעכע מאָטאָרן, דאָס אַלץ — ווי א שטראָם זאָל זיך דורכרײַסן, און אינעם שטראָם האָבן זיך אזוי ווי געהערט אויך מענטשישע אויסגעשרייען, מוגטערע, רופנ־דיקע. מיטאמאָל איז די צעמענטענע וואנט פון פלויט אומגעפאַלן, די גאנצע וואנט, צי בלויז א טייל — ניט קלאָר, ליכט האָט א זעץ געטאָן פון צווײַ פאַרעס, א שמאָל־באַלויכטענע רער האָט זיך געוויגט עטוואָס העכער פון די פאַרעס, און אליין דאָס, וואָס האָט זיך גערוקט,

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 5, 7, 8 פאַרן 1975.

א ווינקלדיק־שווארצס, מיט א טורעם, האָט זיך געטוקט, ווי א שיפל אף כוואליעס — א טאנק, און מענטשן זיצן אף זײַן פאנצער. די מענטשן און דעם טאנק האָבן באלויכטן נײַע פאסן שײַן, וואָס זײַנען געפאלן פון הינטן — נאָך א טאנק איז אָנגעקומען.

ליאָניע האָט זיך א ריס געטאָן פון אונטערן וואגאָן, אראָפּגעכאפּט די קאסקע, גענומען פאָכען מיט איר. ער האָט באמערקט א שטערן אפן טורעם פון טאנק, וואָס האָט סאכאקל א פופציק שפאן אין א זײַט געמיטן די רעלסן, און אויב ניט דער שטערן, אויב עס האָט זיך אויסגעדאכט, האָט ער דערזען די אווטאָמאטן בא יענע, וואָס זײַנען געזעסן אפן טאנק — סאָוועטישע אווטאָמאטן מיט קײַלעכדיקע קוילן־דיסקן, און אויב ניט דאָס אויך, איז — פּופּײַקעס, געוויינלעכע פּופּײַקעס, און שינעלן, און אויערן־היטלען — סאָוועטישע שלאכט־לײַט... ער האָט געשריגן, פילנדיק, אז דאָס קאָל איז צו שוואך, עס ווערט דערטרונקען אינעם געהילך, געשריגן, אז אין האלדז איז עפּעס שיר ניט צעריסן געוואָרן:

— כאוויירים! כאוויירים! וואסילי, אהער! רוף!

ער האָט מוירע געהאט, אז מע וועט דורכפאָרן פארבײַ, ער וועט דאָ בלײַבן ווידער אליין — ער, און וואסילי, און שעשענקאָ, און ער האָט ניט געקענט מער אפילע אף עטלעכע מינוט, אף א מינוט בלײַבן אליין, אזא, ווי ער איז געווען ביז איצט. עמעץ האָט אים באמערקט ערשט פון צווייטן טאנק, אראָפּגעשפּרונגען, צוגעלאָפן. אין א פלאשטש־פּאלאטקע, דאָס יונגע, אָנגעשטרענגט־שפּירנדיקע פּאָנעם — פארשפּריצט מיט בלאָטע. ער האָט אין איין אָטעם געפרעגט, דער דאָזיקער:

— סאָדרו, סאָדרו, מיסטני אביוואטעלי?[1]

ליאָניע איז די ערשטע רעגע געבליבן געפּלעפט — ניט קיין דײַטש, ניט קיין רוסיש אויך. „מיסטני" — דאָס האָט געקענט באטײַטן: „מיעסטני", אן אָרטיקער, „אָבוואטעלי" האָט ער געהערט אין פוילן, דאָרט האָט מען עס ארויסגעבראכט א ביסל אנדערש, נאָר וואָס איז דאָ צו קלערן — ער איז אן אָרטיקער! האָט ער שנעל א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: — אזוי, אזוי, א קיִעווער! — אָנגעוויזן אף וואסילין, וואָס האָט זיך שוין אויך ארויסגעקליבן פון אונטערן וואגאָן און פּאָרזיכטיק געשלעפּט פון דאָרט פאר די אקסל שעשענקאָן. — פּארטיזאָנער!

— פּארטוזאן? — דאָס שפּירנדיק־אָנגעשטרענגטע פּאָנעם איז איין רעגע נאָך געבליבן אָנגעשטרענגט, פארכידעשט. באלד האָט א פרײַנטלעכער שמייכל עס באלויכטן — ס'האָבן געבלישטשעט די ציין, די אויגן. א קלאַפּ זיך געגעבן אין ברוסט, ליאָניען — אין אקסל, האָט דער דאָזיקער אין דער פלאשטש־פּאלאטקע דערקלערט. — טשעך... בריגאדא טשעכאָסלאָווענסקאָ! — ער האָט זיך אומגעקוקט אף די טאנקען, וואָס האָבן פון רעלסן־וועג גע־פּרוווט ארויף אפן הויכן פעראָן, נאָר ווײַל ס'איז ניט געלונגען, האָבן זיי אוועקגעפּויזעט פּאמעלעכן לענגויס דעם פעראָן. — קלוסעם, נאפּרעד![2] — האָט ער א שלעפּ געטאָן ליאָניען פאָרן ברעזענטענעם פּידזשאק.

„קלוסעם" האָט ליאָניע ניט פארשטאנען, נאָר „נאפּרעד", און דעם רופנדיקן קער פונעם קאָפּ — פארשטאנען. ער האָט אָנגעוויזן אף שעשענקאָן, וועלכן וואסילי האָט ליגן געלאָזט אף די שפּאלעס. דער טשעך האָט, קענטיק, באשטימט אוועק ווײַטער, נאָר עמעץ איז אָנגעקומען פון יענער זײַט, ווו דער פּלויט איז צעבראָכן געווען — צווייען מיט א קעגנטאנק־ביקס, געטראָגן זי איינער פאר דער רער, דער צווייטער פאר דער קאָלבע, נאָך עטלעכע מיט לײַכטע קוילנווארפער און סטאם אווטאָמאטלער. — ראניאָנו![3] — האָט אויסגעשריגן דער טשעך, און צווייען האָבן פון דער פינצטערניש, פון הינטער די אווטאָמאטלער געוואָרפן זיך צו שעשענקאָן.

איצט האָט דער, אין דער פלאשטש־פּאלאטקע, מיט א מאך פון דער האנט, אָן ווערטער א רוף געטאָן ליאָניען און וואסילין נאָך זיך און איז אוועקגעלאָפן צו די טאנקען, וואָס זײַנען שוין צוגעקומען נאָענט צום אופגעפּראלטן וואָקזאל־טויער. אומגעקוקט זיך האָט ער ניט — געהערט, זיכער, די טריט הינטער זיך.

אפן פּלאץ פאָרן וואָקזאל זײַנען געווען נאָך עטלעכע טאנקען, אלע שוין מיט אויסגע־לאָשענע פארעס, און אלע באקלעפּט מיט פּעכאָטינער, נאָר ווײַל מע איז געשטאנען, זײַנען א טייל שלאכטלײַט אראָפּגעשפּרונגען אפן ברוק. א קופּקעלע קאָמאנדירן, צווישן וועלכע עטלעכע זײַנען געווען אין טאנקיסטישע קאָמבינעזאָנען און שלעמען, האָבן בא דער שײַן פון

[1] כאווער, כאוועער, אן אָרטיקער בירגער? (טשעכיש); [2] לאָמיר לויפן, פאָרויס! [3] א פארוווּנדעטער.

קעשענע־לאַמטערנדלעך געקוקט אין אַ מאַפּע, וואָס איינער האָט פֿאַנאַנדערגעוויקלט אויפֿן פּלאַנשעט. דער יונגער טשעך אין דער פּלאַשטש־פּאַלאַטקע איז צוגעלאָפֿן צו יענעם קופּקעלע. קורץ מיטגעטיילט עפּעס, און באַלד האָבן שוין עטלעכע הענט געראַפֿן ליאָניען און וואַסילין, וואָס האָבן געוואַרט בײַ דער זײַט. וואַסילין האָט מען אָנגעוויזן, ער זאָל זיך זעצן אויף איין טאַנק, ליאָניען — אויפֿן צווייטן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט די קאָלאָנע מיט אַ הילכיקן גערײַזג אַוועקגעטראָגן זיך אַראָפּ, איבער דער קאַמינטערן־גאַס. דאָרט, ווו אָט די אָן ערעך קורצע גאַס גיסט זיך אַרײַן אין אַ צווייטער, וואָס ציט זיך, אַ באַוואַקסענע מיט צוויי רייען שלאַנקע טאָפּאָלן — דעם בולוואַר שעווטשענקאָ, — זײַנען אויך געשטאַנען טאַנקען, פּראַכט־מאַשינעס מיט סאָלדאַטן אין די קוזאָוועס, מיט צוגעטשעפּעטע האַרמאַטן. מעגלעך, מע האָט געוואַרט אויף די, וואָס זײַנען אָנגעקומען פֿון וואָקזאַל. די גאַנצע לאַווינע האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַרויף, ליאָניע האָט געוווּסט וווּהין — צו דער וולאַדימירער גאַס און צום קרעשטשאַטיק.

אָפּגעפֿאָרן איז מען אָבער ניט ווײַט און ווידער זיך אָפּגעשטעלט. רעכטס — אַ פֿינצטערער, אַ שוואַרצער — דער באָטאַנישער גאָרטן, לינקס — אָדער פּוסטע מויערן, אָדער אײַנגאַנצן באַלויכטענע פֿונעם פֿײַער, וואָס בושעוועט פֿון אונטן ביז אַרויף, און דער רויך — ער שפּרייט זיך אויפֿן ברוק, די ביטערקײַט רײַסט אין האַלדז, זי עסט די אויגן, ער שטײַגט אַרויף און מישט זיך, אַ רויטער, מיט די נידעריקע וואָלקנס, פֿאַרויס — אויך פֿײַער און רויך...

עמעץ האָט אַ רוף געטאָן ליאָניען אויף רוסיש:

— דאָס ביסטו דער היגער? קום!

אַראָפּ פֿון טאַנק, איז ער אַוועק מיט ניט קיין גרויס הײַפֿל אויטאָמאַטלער און מינענזוכער, אַ מענטשן צוועלף־פֿופֿצן. געריידט האָט מען רוסיש, אוקראַיִניש, נאָר אין טאָך האָט מען זעלטן אַרויסגעבראַכט אַ פֿראַזע, אַ וואָרט. מע איז אַוועק איבער דער פֿראַנקאָ־גאַס, און דאָ האָט דער, וואָס האָט אַ רוף געטאָן ליאָניען, אַ פּליי־ציקער, אַ קירפּאַטער — באַזונדערס האָבן אין דער פֿינצטער זיך פֿאַרגעדענקט זײַנע שמאָלע, וואַך־אָנגעצילטע אויגן — געזאָגט:

— פֿיר דורך די הינטערגאַסן — ווייסט וווּהין? — צום הויז, וואָס בײַם פֿוניקוליאָר. פֿאַראַן אַזאַ, מע זאָגט, מיט אַ סך קאָלאָנעס — ווייסט?..

— איך ווייס.

— מע וואָלט דיך דאַרפֿן באַוואָפֿענען.

— איך האָב אַ גראַנאַטע.

— איז נעם נאָך איינע, נאַ!

אַ באַרג־אַרויף. די גרויס־פּאָדוואָלנע — סרייפֿעס. די סטרעלעצקע — ניטאָ קיין סרייפֿעס, און די פֿינצטערניש — ווי אין אַ טיפֿן באַרג־שפּאַלט. דער פּלאַץ פֿאַרן סאָפֿיעווער סאָבאָר. ווײַ, וויפֿל צײַט ליאָניע איז דאָ ניט געווען, זינט יענעם לעצטן פּאַטרול... דער לעצטער פּאַטרול, און איצט — מיט די ערשטע... טאַנקען הילכן ערגעץ הינטן... נאָך אַ פּאָר געסלעך — סרייפֿעס, רויִנען, סטאַם שווײַגנדיקע מויערן, און אָט — דאָס הויז מיט די פֿיל קאָלאָנען, עס צייכנט אָן אַ פּערטל פֿון אַ קרײַז סײַ אויף דער ערד, סײַ — מיטן דאַך־קאַרניז — הויך אין הימל, און ווײַטער איז נאַכט, ווינט, ראַכוועס — דער דניעפּער און זײַנע מיזרעכדיקע פּליינען...

מע איז טאַקע געקומען פֿריִער פֿון די טאַנקען, און כאָטש זיי האָבן שוין געהילכט אַרום דעם סאָפֿיעווער סאָבאָר, אַפֿילע נעענטער, האָט מען ניט גענומען וואַרטן. איינער פֿון די אויטאָמאַטלער — ער האָט די גאַנצע צײַט געטראָגן עפּעס, ווי אַ פּיקע, ליאָניע האָט יאָ און ניט זייער געוווּנדערט די אויפֿמערקזאַמקײַט דערויף — האָט פֿאַנאַנדערגעוויקלט אַ פֿאָן, און עטלעכע, און ליאָניע אויך מיט זיי, זײַנען אַרײַן אין דער געבײַדע. מע האָט זיך אויפֿגעהויבן אויף איין שטאָק, אַ צווייטן, אַ דריטן, אַ פֿערטן, דורך אַ שמאָלער עפֿענונג אין סטעליע אַרויף אויפֿן בוידעם, דערנאָך, דורך אַ זײַטיקער טיר, וואָס איז דאָ געווען, — אויפֿן דאַך. צום פֿרונט־קאַרניז זײַנען, טרעטנדיק געהיט איבערן בלעך, אַוועק בלויז יענער מיט דער פֿאָן און נאָך איינער. ווען זיי האָבן אַ געשריי געטאָן פֿון אַרום קאַרניז: „פּאַרטיקן!‟, האָט דער, וואָס האָט געפֿירט אַהער, פֿרײַ אַ גלײַך געגעבן די אַקסל, העכער אַרופֿגערוקט דאָס ווינטערדיקע היטל, אויסגעווישט מיטן ראַנד פֿון דער דלאָניע דעם שטערן, אַרומגעקוקט זיך מיט די אָנגעצילט־פֿאַרשמעלטע אויגן און אַרויסגעלאָזט פֿון דער ראַקעטניצע, וועלכע ער האָט געהאַלטן גרייט, אַ רויטע ראַקעטע. ביז די ראַקעטע האָט זיך צעפּלאַקערט, פֿליִענדיק אַרויף, אין פֿאַרוואָלקנטן הימל, און דערנאָך זיך גענומען קרישען אויף פֿונקען, האָט ער אַרויסגעלאָזט נאָך איינע, אויך אַ רויטע. באַלד האָבן אַזעלכע ראַקעטעס גענומען אויפֿליִכטן סײַ אונטן, בײַם מויער, סײַ אינעם געפֿלעכט פֿון די נאָענטע גאַסן, סײַ דאָרט — ליאָניע האָט עס אין געדאַנק אָנגע־

מערקט, — ווו ס'איז דער באַבי יאַר, אַף שטענדיק אַ שטום געוואָרענער, סײַ גאָר אונטן, לענגויס דעם דניעפּער — די רויטע פײַערן האָבן זיך קוים אָפּגעשפּיגלט אין זײַן פאַרנעפּלטער ברייט.

— קיִעוו טויכט אַרויס פון דער פינצטערניש, — האָט הינטער ליאָניען געזאָגט עמעצער פון די אויטאָמאַטלער.

9

קאָנסטאַנטין שיבײַעוו האָט געטאָן אַלץ, אַז די קאָמאַנדע פײַערלעשער זאָל וואָס לענגער בלײַבן אין שטאָט. פאַרשטייט זיך, ס'איז אויסגעקומען ווילד, אַז בייס די דײַטשן האַלטן אין איין צינדן, עס בושעווען אָן אַ שיר סרייפעס, זאָלן שטיין סטאָם אַזוי גרייט די פײַערלעשער. נאָר קאָנסטאַנטין האָט דערוויזן פאָן גלייעוויצן און די אַנדערע, וואָס האָבן געהאַט איבער דעם צו שאַפן, אַז דאָס פײַער קאָן זיך אַריבערוואַרפן אויך אַהין, ווו מע דאַרף ניט — פון אייניקע סקלאַדן אַפן וואָקזאַל האָט מען נאָך ניט אַלץ אַרויסגעפירט, די פּאָשטעט, די צענטראַלע סאָרטיראָווקע האָט אויך נאָך געפּאַקעוועט זיך. אָט אַזוי האָט ער געצויגן, און די קאָמאַנדע פײַערלעשער — אַ צענדליק מאַשינעס און אַזוי פיל אויך ציסטערנעס, פּאָמפּעס אַף געוויינלעכע פערד־פלאַשטשאַדקעס — איז געשטאַנען עטוואָס אין אַ זײַט פון דער סטאַנציע, לעבן מוטנעם טײַכל לעביד — די וואַסערלייטונג איז שוין געווען צעשטערט.

קאָנסטאַנטין האָט אַלץ זיך צוגעקוקט צו דער קאָמאַנדע, דעריקערשט צו די עטלעכע עלטסטע, וואָס האָבן זיך אַרום אים געדרייט. אַלע זײַנען געווען פאַרדײַגעט, כמורנע, ווער ווייסט, וואָס מע טראַכט. פּרוּוון פאַרפירן מיט עמעצן אַ רייד, כאָטש מיט אָנדײַטן, האָט ער זיך ניט אײַנגעשטעלט, באַשטימט, אַז בעסער דאָס טאָן שפּעטער, און מיסטאָמע וועט זײַן רעכט טאָן דאָס אין סאַמע אַנטשיידנדעם מאָמענט, ווען אַלץ ווערט געלייזט אין מעשעך פון צוויי־דרײַ מינוט. אָפּגעשטעלט האָט דאָס, וואָס מע וועט גיכער פון אַלץ אים ניט גלייבן, ער האָט פּאַשעט געדאַרפט דערווײַזן אין טאַט: איך בין אַזאַ און ניט קיין אַנדערער.

ווען מע האָט צו דער קאָלאָנע צוגעשטעלט אַ וואַך, איז אים גאָר ביטער געוואָרן. נאָר גראָד דעמלט האָט אויך אַ בלישטשע געטאָן עפּעס אַ האָפענונג — דער פײַערלעשער, וואָס האָט זיך פאַרופן אַף זשאַרזשן. ערגעץ האָט יענער געמוזט אוועק, געזאָגט — ניט אַף לאַנג. דער דאָזיקער מענטש, ווען ער קערט זיך אום, וואָלט אוודאי געהאָלפן אײַנשטעלן אַ קאָנטאַקט מיט דער קאָמאַנדע. ער האָט זיך אָבער אַלץ ניט אומגעקערט.

ניט לאַנג פאַר האַלבנאַכט זײַנען אַף דער סטאַנציע געקומען אין אַ טונקעלן לימוזין פאָן גלייעוויץ און וואָלפגאַנג ראָגאַוש. די אַלע טעג טרעט דער באַפּולמעכטיקטער פון געסטאַפּאָ ניט אָפּ פונעם גענעראַל, ער איז ווי אַ שאָטן זײַנער. צווישן די, וואָס מע האָט גערופן צום לימוזין — אַלץ איז פאָרגעקומען גלײַך אַפן פּלאַץ, אונטערן רעגנדיקן הימל, אין רויק, איז שיבײַעוו אויך געווען. און כאָטש הערן און טראַכטן האָט ער געדאַרפט אין די דאָזיקע מינוטן גאָר עפּעס אַנדערש, האָט ער געטראַכט אַזוינס: „דער געסטאַפּאָוועץ — ער קוקט, ער זעט מיך מיסטאָמע אינדערפינצטער, — קיין שום כשאָד פאַרגאַנוועט זיך באַ אים ניט. מע מיינט, איך האָב אויך אַזוי געמיינט, זיי זעען אַף דורך און דורך. ניין...” און אַזוינס: „אָן עק, דאָס זע איך אים צום לעצטן מאָל — אַ בלאַסער פלעק דאָרט, ווו עס דאַרף זײַן אַ פּאָנעם”.

דער גענעראַל האָט אָפּגעגעבן עטלעכע קורצע באַפעלן, פון וועלכע צוויי האָבן באַזונדערס אַ שניט געטאָן. איינער (צו עמעצן, וואָס האָט אויסגעהערט און געזאָגט: „יאַוואָל”): „אופרײַסן, אין צען מינוט אַרום — אַלץ, לויט דער סכעמע — אופרײַסן!” דער צווייטער: „די פײַערלעשער פאָרן אָפּ. דער מאַרשרוט, ווי פאַר אַלעמען — זשוליאַנע, פאַסטאָוו”.

„אַהינצו וועלן מיר ניט דערפאָרן, לעסברייערע — איך ניט, אַפילע קיין זשוליאַנע — ניט!” — האָט קאָנסטאַנטין געטראַכט, און מיט אָט דעם באַשלוס, אַלץ פרײַער, טיפער אַרײַנאָטעמענדיק די קאַלטע, פײַכטע לופט, איז ער אוועק צו דער קאָמאַנדע און זיכער געווען: „אויס, די דאָזיקע צוויי געשפּענסטער זײַנען די לעצטע. אויס!”

נאָר די געשפּענסטער זײַנען ווידער אַרויסגעטראָטן פון דער נאַכט. לעבן אַעראָדראָם. עפּעס האָט געברענט אין פעלד. אַפן שליאַך — אַ געדראַנג פון מאַשינעס, מאָטאָציקליסטן, רײַטער, מענגעס סאָלדאַטן, פּאָליציײַען, וואָס גייען צופוס. אין די קיוועטן און אַפן וועג גופע — מע שטויסט זיך אָן אין דעם, מע פּאַרט עס אַרום — צעשלײַדערטע, צעקלאַפּטע קאַסטנס, איבערגעקערטע מאַשינעס, דערהאַרגעטע פערד. אַ געפילדער, אַ זידלערײַ. ערשט־אָ — מע האָט דאָס געזען, צופאַרנדיק — האָבן דאָ געבליצט

אופרײַסן, ארטילעריע דונערט ערגעץ באנאנד. אין אָט דעם פּינצטערן מישמאַש, גלײַך אַנט־קעגן דער קאַבינע פון דער ערשטער פײַערלעשער־מאַשין, ווו קאָנסטאַנטין און דער עלטסטער פון דער וואַך, א פעלדפעבעל, זײַנען געפאָרן, — פאָן גלײַעוויץ מיט אָן אופגעהויבענער האַנט. ער באַפוילט אָפּשטעלן זיך, אָן סאַפּעק — ער, זײַן פיגור, אָן אײַנגעצויגענע אין לאַנגן שינעל, און ראַגאוש אינעם לעדערנעם מאַנטל — אויך אַזוי, מיט אָן אופגעהויבענער האַנט. מע נעמט צו די מאַשין, מע נעמט צו די וואַך. דער פײַנער לימוזין איז געשטאַנען אָן איבערגעקאָסיעטער, מיט די הינטערשטע רעדער אין קיוועט.

די סאָלדאַטן, וועלכע דער פעלדפעבעל האָט שנעל פאַרזאַמלט, האָבן צונויפגעקוועטשט זיך דאָרט, ווו די פײַערלעשער זײַנען ערשט־אָ געזעסן. באַ דער סאַמע קאַבינע, אונטער א קליינעם אָפּדעכל האָט זיך צוגעמאָסטעט ראַגאוש. פאָן גלײַעוויץ האָט זיך פאַרקליבן אין קאַבינע, נאָר פאַר דעם געהאַלפן אופהייבן זיך אהין א פרוי, וואָס האָט אין א רעגנמאַנטל, מיט אָן אָנגעוואָרפענעם קאַפּיושאָן אפן קאָפּ זיך געהאַלטן באַ דער זײַט, — סטעפקע. ערשט אין דער לעצטער ווײַלע האָט קאָנסטאַנטין, א פאַרצאַפּלטער, זי דערקענט, א פאַרצאַפּלטער פונעם קוק, וואָס זי האָט געטאָן אָף אים פון דער נאָענט, און געדאַכט האָט — אליין די אויגן אירע, ברייט־צעעפנטע, באַלויכטענע פונעם ווײַטן סרייפע־צעגאָס, שרײַען...

די עטלעכע פײַערלעשער, וואָס מע האָט אַראָפּגעטריבן פון זייערע ערטער, זײַנען אוועק זיך אײַנאָרדענען אָף די אַנדערע מאַשינעס. קאָנסטאַנטין איז איינער געבליבן שטיין אפן שאָסיי, ווען די מאַשין, וואָס מע האָט צוגענומען, איז אוועקגעפאָרן. נאָר קלערן האָט ער געקענט רעגעס. זײַן קאָלאָנע האָט טאַקע פאַרשטעלט איין זײַט שליאַך, אָבער דאָס איז אויך געווען א שטערונג, באַלד וועט דער הודזשענדיקער, רעווענדיקער שטראָם זי פאַר־פליצן, מיטשלעפּן, און דעמלט איז פאַרלוירן יעטווידע מאַכט איבער איר. דערפאַר האָט קאָנסטאַנטין זיך א וואָרף געטאָן צו דער צווייטער מאַשין און באַפוילן דעם שאָפער:

— וואַרט, איך וועל פאָרן מיט דיר, באַלד וועל איך באַשטימען, וואָס טאָן!

אָט דער „באַלד וועל איך באַשטימען" האָט שוין געהייסן, אז טאָן וועט מען ניט דאָס, וואָס ביז איצט. דער שאָפער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אָף וועלכן ס'האָט א קלונג געטאָן די קאַסקע, — גוט, ער פאַרשטייט.

צום שאָפער פון דער ווײַטערדיקער מאַשין האָט קאָנסטאַנטין פּאַשעט אויסגעשריגן:

— מיר פאַרקערעווען אָף צוריק, מיר פאָרן צוריק, ווערסט נאָכפאָרן!

אַזוי אויך ווײַטער, באַ יעדער מאַשין, און די מענטשן האָבן פאַרשטאַנען. אין די קאַבי־נעס, אָף די צונויפגעלייגטע לייטערס, אָף די פּאָמפּעס, ווער ווו ס'האָט זיך צוגעמאָסטעט, האָט מען צופרידענע געמאַכט מיט די הענט און איבערגעגעבן איינס דעם אַנדערן:

— צוריק, מע קערט זיך אום!

10

צווישן די, וואָס זײַנען אָף די טאַנקען געקומען צום מויער מיט די קאָלאָנען, האָט ליאָניע גאַנץ שנעל אָפּגעזוכט וואַסילי סומיוויטערן. מע איז נאָך אוועק מיט קליינע גרופּקעס שלאַכטלײַט אָף די ליימיקע אָפּהאַנגען, וואָס רינגלען אַרום, באַדעקטע מיט ווילדע קוסטעס, דעם פּאַדאָל, נאָר אינגיכן זיך אומגעקערט — אָנגעטראָפן דאָרט אָף פונקט אַזעלכע גרופּעס. בעסער איז געווען צוּוואַרטן ביז טאָג, מע זאָל זען וווהין מע גייט און ווער עס קומט אָן אַנטקעגן. נאַסע, מידע האָט מען זיך אוועקגעוואַלגערט אין וועסטי־ביול פונעם הויז, איבער וועלכן די פאָן האָט געפלאַטערט, און אָפּגעשלאָפן אפן קאַפּעלנעם דיל ביזן גרויען, אלץ נאָך רעגנדיקן אינדערפרי. באַ ליאָניען איז, די עטלעכע שאָ, וואָס ער איז געשלאָפן, געווען א געפיל, אז איבער זײַן קאָפּ הענגט שוין מער ניט קיין שום אָל, דאָס האַרץ איז ניט פאַרזאָטן פון קיין צאַר, ס'איז אים גוט, כאָטש ער האָט געדענקט: עפּעס דערוואַרט אים, דאָס זײַנען שוין געווען די זאָרגן פון זײַן נײַעם זײַן...

אָט די זאָרגן זײַנען אופגעקומען, ווי נאָר מע האָט געעפנט די אויגן, ס'הייסט, ווי נאָר ליאָניע האָט א קוק געטאָן אין וואַסיליס אויגן, דעם גלײַכן און דעם קאָסאָקן, — וואַסילי האָט זיך אופגעהויבן פריִער, געזעסן נאָך דאָרט, ווו מע איז געשלאָפן, און שוין געהאַט אזוי ווי עפּעס באַקלערט. ער האָט געזאָגט:

— פאַרשטייסט, ליאָנקע, עס וואָלט עפּשער פּראָסטער זײַן בלײַבן באַ די טאַנקיסטן. מאָטאָפּעכאָטע, ניט שלעכט. און עס באַקומט זיך, מע קען אונדז שוין א ביסל. אָבער איך מיין, — איך ווייס ניט, ווי דו, — איך מיין, מיר דאַרפן זיך יאַוועון אהין, ווו מע קען אונדז מער. צום אָטריאַד וועלן מיר זיך, געוויינלעך, ניט דערקלײַבן אזוי גיך, מע וועט דאַרפן צוּוואַרטן, דער פראָנט זאָל זיך אויך דאָרט אַריבערקײַקלען, בייס אזא אָנגריף קאָן עס

פּאַרקומען שנעל. נאָר מיר דאַרפֿן דאָ, אין שטאָט, עמעצן א זוך טאָן, און אָנהייבן, און דאָס איז פּאַשעט אויך א כּיוון — פֿון שעשענקאָן. א מענטש איז פּאַרוווּנדעט, דאַרף מען אים אָפּזוכן, אויב ער קען עפּעס העלפֿן — איז גוט, און עפּשער דאַרף ער, מע זאָל אים העלפֿן.

אזוי האָט מען באַשלאָסן. אָפּגעפּרישטיקט מיט אַלעמען פֿון דער סאָלדאַטישער קיך, וואָס האָט זיך אײַנגעאָרדנט גאָר ניט גרויסשטאָטיש, — צווישן די קאַלאָנעס, אזוי ווי אין וואַלד צווישן שטאַמען האָבן געדאַמפּט די קעסלען, — האָט מען זיך געזעגנט מיט יענע עטלעכע, וועמען מע האָט שוין געהאַלטן פֿאַר באַקאַנטע, און אוועק. נאָר ווי עס געשעט, ווען מע הייבט אָן א וועג און מע ווייסט ניט רעכט פֿונוואַנען אים אָנהייבן, האָט מען זיך אוועקגעלאָזט דאַפּקע ניט אַהין, ווו מע האָט דעריקער געהאַט בעדייע גיין: אַראָפּגעלאָזט זיך דורך די ליים־בערג, ווו מע איז שוין באַנאַכט געווען, אַף פּאַדאָל, צום קלויסטער, א קוק טאָן, וואָס איז געוואָרן מיטן יאַטל און מיט זײַן קראַנקער באָבען. מע האָט זיי געטראָפֿן, די אַלטע און דאָס ייִנגעלע, זיצן אײַנגעניוועטע אין א קאַלדרע אַף די טרעפּלעך פֿון א הויז לעבן קלויסטער און דערפּרייט זיך, ווי מע זאָל דערזען עמעס נאָענטע, וועמעס גורל איז עפּשער געווען נאָך ביטערער און פֿינצטערער פֿון אַלץ, וואָס מע האָט אַליין איבערגעלעבט. די אַלטיטשקע און דאָס יאַטל האָבן געוואַרט אַף גלאַגאָלעווסקין — ער מוז דאָך קומען, האָבן זיי געזאָגט, ער וועט דאָך טראַכטן מ׳ייִדעריע־וואָס, יעסורים האָבן, ווו זײַנען זיי — וואַרט מען, דערנאָך וועט מען שוין גיין אַהין, ווו מע האָט געוווּנט. די צוויי „טאָוואַרישטשעס” קענען זיי העלפֿן דערקלײַבן זיך אַהיים? א גרויסן דאַנק, מע וועט אַליין, און איצט וועלן זיך שוין געפֿינען א סאַך, וואָס וועלן העלפֿן...

מע איז אוועק מיט א געלײַטערטן געפֿיל, וואָס האָט פֿאַרשטאַרקט די פֿרייד אויך פֿון דער אייגענער אויסלייזונג. נאָר באַנאַנד דערמיט האָט עס ערגעץ טיף, און אפּסנײַ און גאָר אַנדערש דערוועקט א ווייטעק: וויפֿל אַזעלכע, ווי די דאָזיקע, וואָלטן אזוי־אָ געזאָגט „טאָוואַרישטשי”, פּראָסטע, שטילע מענטשן, וואָס האָבן ניט געוווּסט, פֿאַרוואָס האָט זיך אַף זיי אָנגעוואַלגערט די שווערע פּײַן?

עפּשער דערפֿאַר, וואָס אָט דאָס האָט זיך געטראַכט, און אוואַדע אויך צוליב פֿיל אַנדערן — דעם ווײַטערדיקן, פֿון וואָס ליאָניע און וואַסילי האָבן געוווּסט, איז, ווען מע האָט זיך אופֿגעהויבן צום לוקיאַנאָווער מאַרק, ווו די אַרטיאָם־גאַס גיסט זיך אַרײַן אין דער מעלניקאָווער, און וואַסילי האָט פּרעגעוודיק א קוק געטאָן אַף ליאָניען, שטום אָנגעוויזן מיט א נייג פֿון קאָפּ רעכטס, אין דער פֿאַרנעפּלטער ווײַט, און וואָס ער מיינט איז קלאָר געווען — דעם באַבי יאַר, — האָט ליאָניע געזאָגט:

— אַן אַנדערשמאָל, וואַסילי... ווייסט, אַן אַנדערשמאָל!

— אַהאַ, — האָט וואַסילי אײַנגעשטימט, און מע האָט איבערגעהאַקט די גאַס.

שוין אַפֿן טראָטואַר האָט ליאָניע אַלץ אזוי פֿאַרקלערט זיך אָנגערופֿן:

— נײַשטעטיק האָט געהאַט געזאָגט, דאָרט, אין רעקרוטי: שוין דאָ דער וואָרעם, וואָס וועט מיך עסן. ערשט — אַש, בלויז אַש.

דערויף האָט דער כאַוור געענטפֿערט:

— אָבער דאָס פֿײַער, זעסטו, דאָס פֿײַער האָט מען דאָ אַרויסגעריסן באַם פֿאַשיסט פֿון די הענט, ווײַטער וועט מען עס אויך טאָן, ווײַל אַנדערש — איך מיט דיר ווייסן...

אַפֿן וואָקזאַל האָט זיך אויסגעקלאָרט: די טשעכאָסלאָוואַקן — דאָס האָבן דאָך זייערע סאַניטאַרן פֿאַרנומען שעשענקאָן — דיסלאָצירן זיך אַף פּעטשערסק. און דאָרט, מע האָט דאַפּקע גאַנץ שנעל אָפּגעזוכט סײַ דעם שפּיטאָל פֿון דער בריגאַדע, סײַ ווער עס זאָל א קוק טאָן אין די צעטלען פֿון פּאַרוווּנדעטע — נאָך א נײַס: שעשענקאָ איז עוואַקויִרט אַף אַן עראָפּלאַן, גיכער פֿון אַלץ — קיין כאַרקאָוו.

איצט איז געבליבן איין גאַנג, פֿון די, וועלכע מע האָט זיך אָנגעמערקט, — אַף קיִעוו־מאָסקאָווסקי, אין דער דירע, ווו אָלגע און נאַטאַשע האָבן געהאַט געוווינט. וואָס ס׳האָט אַהין געצויגן, האָט ליאָניע רעכט ניט געוווּסט, נאָר ס׳האָט געצויגן, און ס׳איז באַ אים אפֿילע אויסגעקומען — א שטיקל היים. כּוץ דעם, האָט ער געקלערט: עפּשער איז סטעפּקע דאָ, עפּשער ווייסט זי עפּעס. וועגן נאַטאַשען — מיסטאָמע ניט, אָבער דאָס שוידערלעכע, וואָס מע האָט זיך פֿאַרט געדאַרפֿט דערוויסן — ווי קומט די טיאָטיע אָלגע אין געסטאַפּאָ און ווײַטער?..

די דירע — די קיך און דער צימער אַפֿן ערשטן שטאָק — איז פּאַשעט פּוסט געווען. די פֿענצטער אויסגעקלאַפּט. פֿון אופֿרײַסן, נאַטירלעך. אינעם דרײַשטאָקיקן הויז זײַנען אין ערגעץ קיין טאַפּליעס ניט געבליבן. אָבער אויך דאָס מעבל איז פֿאַרשוווּנדן פֿון דער דירע — דאָס מעבל האָט עמעצער געדאַרפֿט ביז דעם, ווי מע האָט אַרויסגעטריבן און קיינער האָט שוין

דאָ ביכלאל גאָרנישט ניט געדארפט... אן אלטיטשקע, א שכיינע פון צווייטן שטאָק אין דער זעלבער פאראדנע האָט אייַנגעלאַדן צו זיך. זי האָט אינדערפרי, די ערשטע, זיך אומגעקערט מיט דער טאָכטער פון א דאָרף, ניט וויַט, ווו מע האָט זיך אופגעהאלטן בא קרויווים, די טאָכטער איז ווידער אוועק — ברענגען דעם רעשט פון דעם ביסל געראַטעוועטן. סטעפקען — זי האָט מען א סאך פריִער ניט געזען, פאר אָט דעם אלעמען. — די אלטיטשקע האָט ברייט פאנאנדערגעפירט די הענט, דער זשעסט האָט באטיַיט — פאר דעם, ווי קיינער איז דאָ ניט געבליבן; אָלגע סעמיאָנאָווונע איז געווען לענגער, נאטאשקען האָט זי דאָך ערגעץ אָפגעשיקט, און פארשוווּנדן איז אָלגע בייס א באָמביאָזשקע, ווער ווייסט, עפשער ליגט זי ערגעץ פארוואלגערט אונטער ציגל...

ליאָניע האָט גאָרנישט ניט געזאָגט — פאָשעט, קעדיי מער ניט רעדן וועגן דעם. וואסילי — אויך. די אלטיטשקע האָט אינדערפרי אויסגענומען — זאָל מען ווידער קומען נעכטיקן, אויב מע וועט דארפן, און וואָס מע האָט זי א ביסל אָנגערירט מיטן עסן, איז ניט שרעקלעך.

פאר דעם, ווי אוועק, מע האָט אליין ניט געוווּסט רעכט — וווּהין, איז מען ווידער אריַין אין דער דירע אפן ערשטן שטאָק, און ליאָניע האָט מיט קויל אָנגעשריבן אף דער וואנט אין קיך, אז אויב עמעץ וועט אים וועלן זען, זאָל מען אָנשרייַבן, ווען מע וועט דאָ ווידער זייַן, צי ווו מע קאָן זיך טרעפן. געמיינט דעריקערשט — סטעפקע, סטאלינגראדצעס זייַנען דאָ אין שטאָט, איז עפשער — דער טאטע.

געגנג האָט מען געהאט צוויי, און גאנץ נאָענטע — צו יערעמיי פאָמיטשן און קארל קארלאָוויטשן. נאָר ביידע הויפן זייַנען נאָך ליידיק געווען. האָט מען זיך אומגעקערט אף דער סטאנציע, ווו סאָלדאטן פון אן אופשטעל־קאָמאנדע און עטלעכע אייַזנבאנער האָבן עפעס געגנומען טאָן. מע איז צוגעשטאנען צו דער קאָמאנדע. באטאָג איז מען גראָד באשעפטיקט געווען בא אזוינס: אויסגעלאַדן פון אן ארומגעבערענטן וואגאָן גלייַך אין קוזאָוו פון א לאסטמאשין גרויסע קלעצער פאפיר, וואָס דאָס פייַער האָט בלויז עטוואָס אָנגערירט. דאָס פאפיר האָט באקומען פאר דער אָרטיקער צייַטונג, וואָס דארף מאָרגן זיך אָנהייבן דרוקן אין שטאָט, איינער א הינקעדיקער, א קרענקלעכער. האָט ער געבעטן מיטפאָרן, קעדיי אויסלאָדן דאָס פאפיר. און צוגעזאָגט: דערפאר וועט מען באקומען די ערשטע קיִעווער צייַטונג, דעם הייַנטיקן נומער.

ליאָניע און וואסילי זייַנען מיטגעפאָרן. און לעבן אָפגעריבענעם אווטאָבוס, פון וועלכן מע האָט געטיילט די צייַטונג אלעמען, ווער עס איז צוגעקומען, האָבן זיי דערזען יאשע קאפער. ער איז אָנגעטאָן געווען אין אן אלטער סאָלדאטישער שינעל מיט ארומגעסמיקעטע פאָלעס, א סאָלדאַטיש היטל, שיך, אָבמאָטקעס. מע האָט זיך ארומגעכאפט קושן: וויִאזוי, פונוואנען?

יאשע האָט אלץ דערציילט לויט א סיידער, ווען מע האָט זיך צוגעזעצט אין הויף אף די אראָפגעקייַקלטע קלעצער פאפיר. ער איז געקומען אין רעדאקציע — פון מיליציע האָט מען אים געשיקט — מע זאָל צונויפשטעלן א נאָטיץ. ליאָניע און וואסילי געדענקען אוואדע דאָס גאָלדענע צענערל, וואָס ער האָט געהאט, זוכנדיק דעם שליסל, געפונען בא איינעם פון די טויטע? האָט מען דאָך דעמלט באהאלט מען, טאָמער נאָך דער פלייטע וועט מען דארפן קויפן שפייַז צי קליידער אף זיך איבערטאָן. און ווייַל ער האָט געפונען דאָס געלט, איז דערעדט געוואָרן, אז זייַן זאָל עס בא אים. פארגראָבן, נאטירלעך. פאר דער פלייטע האָט ער עס מיטגענומען. ווען ער האָט זיך געפאקט און מע האָט אים געבראכט אין טפיסע. אריַינגעוואָרפן איינעם אליין אין א קאמער — די טפיסע איז קימאט ליידיק געווען, — האָט ער געפויעלט בא זיך: בעסער אליין זיך עפעס אָפטאָן. נאָר פאר דעם האָט ער דאָס גאָלד פארוקט אין א שפאלט פון דיל — זאָל עס די הינט ניט אָנקומען. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געקענט טאָן, איז הענגען זיך, און אף וואָס — אף די בענדלעך פון די שיך. זייַנען זיי אָבער געווען פוילע, ניט אויסגעהאלטן אים. אינדערפרי — שוין געמוזט צוווארטן אפן אינדערפרי — קיין שום פארהער. אין א קאָלאָנע און — צופוס, אף סוויאטאָשינער וועג. ס׳הייסט, געפאקט אין דער פארווערטער זאָנע, פירט מען ערגעץ. ער איז געלאָפן, אויסגעבאהאלטן זיך אלע טעג. און דאָס ערשטע, נעכטן, ווען ער איז ארויס צו אונדזערע, איז געווען: אין טפיסע, אין לוקיאנאָווקע, אין אזא און אזא קאמער, זאָל מען ארויסבאקומען ניט קיין סאך, א גאָלדענע מאטבייע — זייַן צושטייַער אף בויען א טאנק. איז אָט האָט מען ארויסגעדליבעט דאָס צענערל, געשיקט אים אהער, און ער האָט אלץ דערציילט פאר דער נאָטיץ.

נאָר יאשע האָט געהאט נאָך איין נייַס. ער האָט זיך דאָ באגעגנט מיט א מאיאָר, וועמעס באטאליאָן באטייליקט זיך אין אופשטעלן א הילצערנע אייַזנבאן־בריק איבערן דניעפער. דינט ער שוין אין יענעם באטאליאָן. אויב מע וויל, קאָן מען דערווייַל אוועק אהין ארבעטן.

ערשט אין דריַי טעג ארום איז ליאָניע, קימאט אָן קיין שום האָפענונג, געקומען — ס׳ניט וויַיט פונדעסטוועגן — אין קיך, ווו ער האָט געלאָזט זייַן אופשריפט אף דער וואנט, און גלייַך

פון שוועל דערזען: עפּעס איז צוגעשריבן אונטן, אויך מיט קויל. דאָס ערשטע האָט דאָס אויג אַרויסגעכאַפּט צוויי כסימעס: „נאַטאַשע", „לאַריסע". בלויז דערנאָך האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעלייענט: „ליאָניע, טײַערער, מיר זײַנען גליקלעך, וואָס דו לעבסט. זוך אונדז באַם פּראָפעסאָר סילין, אַף פּעטשערסק, דער אַדרעס..."

סילין. פּעטשערסק. ליאָניע האָט נאָך געדאַרפט צושטעלן צו דעם אַלעמען — עדיק. און דעריקערשט — ווו איז דער אַטריאַד, וואָס הייסט עס: נאַטאַשע און לאַריסע, אַזוי שנעל אין קיִעוו?.. ער איז אַרויס אין דרויסן, ווו וואַסילי האָט געוואַרט, און בלויז אַ צי געטאָן דעם כאַוועס פאַר אַן אַרבל:

— קום!

ניט טייקעף האָט אים געקלעקט לופט צו דערקלערן, וווהין מע אײַלט.

XIX. די זאַוועריוכע באַם טשאַרטאָראַי. באַגעגענישן געגאַרטע און ניט קיין געגאַרטע. וווהין צילט די פײַל

1 היינריך פאָן גלייעוויץ האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דער דאָזיקער, וואָס זײַן פאַמיליע איז (אויב ס'איז עמעס) פּרימאַק, און אַליין איז ער טאַקע אַ פּרימאַק, אופגעהאַנגען אַף דער וואַנט פון דער נידעריקער כאַטע, פונקט אַנטקעגן טיש אָט די קאָלירטע רעפּראָדוקציע פון סוריקאָווס „מענשיקאָוו אין בעריאָזאָוואָ". אַז דעם פּיאָווקע־פּאַרקויפערס ווײַב, די „קלאָץ", ווי פאָן גלייעוויץ האָט זי פאַר זיך אָנגערופן, זאָל דאָס טאָן, אָפּשטעלן איר אופמערקזאַמקײַט אַף אַזאַ בילד, האָט זיך ניט געגלייבט. באַ אַזאַמינער איז דער העכסטער גוסט — די הענער, די קווייטלעך, אָנגעליאַפּעטע אָן־אָ מיט סינקע און מיטן רויטן אַנילין אַפן פרונט פונעם אויוון, אַרום דעם פּריפּעטשיק און די קובישקעס.

מענשיקאָוו און די קינדער ערגעץ אין אַ כווישעכדיקער פּויערישער שטוב, בייסן עטאַפּ אין דער סיבירער פאַרשיקונג... זייער מעגלעך, אַז דער פּיאָווקעס־צושטעלער איז אַליין אויך געווען אין יענער אויסרײַסעניש. איז עפּשער האָט ער געטראָגן אין הארצן, לויט זײַן גראַד, נאַטירלעך, אויך אַזאַ צעטראָטענע שטאָלץ פון „קימאַט אַ הערשער", ווי מענשיקאָוו, און איצט געטראַכט שוין וועגן דעם נײַעם בראָך? ניט אַנדערש, ווי עפּעס טראָגט ער אין זיך, דער דאָזיקער, וואָס איז אויך, בייס ס'זײַנען פאַר אים אַנטשטאַנען נײַע מעגלעכקײַטן, געבליבן שטעקן, דערווײַל, מיסטאָמע האָט מען צוגעזאָגט — דערווײַל אַפן פאַרוואָרפענעם כוטאָר לאָוטשי. נאָר אַזוינס איז אויך צו גלייבן (זע! די רעפּראָדוקציע איז ניט לאַנג אופגעהאַנגען, פליגן האָבן זי נאָך אַפילע ניט באַאַרבעט, און פליגן זײַנען דאָ אין כאַטע, כאָטש ס'איז טיפער האַרבסט, פריִער האָבן זיי דאָ אוואַדע אַלץ באַקלעפּט...), ס'איז צו גלייבן, אַז כוץ דעם, וואָס דער מיין דאַרף זײַן — געפעלן די סאָוועטן, וואָס קענען אַהער אַרײַנקומען, זיי האַלטן פון פאַרגאַנגענהײַט, איז דאָ נאָך אַ מיין — אַ פּיק טאָן אים, דעם דײַטשישן גענעראַל, וואָס איז שוין, ווער ווייסט, בלויז אַ זאַק מיט ביינער, און וואָלפגאַנג ראָגאַושן — אַ וואָלף, נאָר מיט אַן אונטערגעקוועטשטן עק?

סטעפּקע האָט דאָ אויך געקענט געמיינט ווערן. פּראָסט אַזאַ, וואָס שלעפּט זיך נאָך, ווײַל די צאָרע, פון וועלכער זי אַנטלויפט, איז שרעקלעכער פון דער, צו וועלכער זי וועט קומען. סטעפּקע מיט איר פּלינקן מויער וואָלט אופגעכאַפּט אָט דעם מיין, געזען, אַז זי איז סײַ די דאָזיקע, וואָס לייענט דעם בוך, קעדיי פאַרגעסן אין אַלץ, סײַ די צווייטע, וואָס האָט אַ פּאַר־כושטע, באַהערשט פון טרויעריקע געדאַנקען, צוגעדריקט זיך צו מענשיקאָוון, וואָס זיצט אַ שטאָלצער, אַ פאַרביטערט־כמורנער אין אַ פּויערישן פּעלץ און מיט אַ רײַכן סיגנעט אַפן פינגער...

עפּשער טאַקע בעסער, וואָס סטעפּקע איז ניט אַוועק אַהער, ניט געוואָלט, ווי זי האָט זיך עס פרעך, זייער פרעך אויסגעדריקט: „גיין אָנרײַבן אַ פלייצע" — געמיינט דאָס בעדל, וואָס מע וועט זיך פאַרגינען. יאָ, לעצטנס צוימט זי זיך אַלץ ווייניקער, אַ טראַנס קאָכט אין איר — אָט איז עס טיפע אַפּאַטיע, אָט — אַ מין בראַנד. איז זי קאַיאָר געבליבן דאָרט, אין וואַלד, צווישן די עמעסע באָבער־זומפּן, אינעם נאַסן ערדשטיבל, ווו מע טוליעט זיך שוין אַ קנאַפּע וואָך — עס ווילט זיך אַפילע ניט ציילן די טעג. איינע אַליין איז זי געבליבן אַפן גאַנצן טאָג. אַכטונג געבן אַפן ערדשטיבל וועט מען, און די סאָלדאַטן, כאָטש מע איז אויסגעהונגערט נאָך אַזוינס, וועלן זי ניט וואַגן טשעפּען. זאָל זי אָפּרוען ביז נאַכט, אַזוי האָט זי געוואָלט — זי פון אים, ער פון איר.

אויך פון ראַגאושן וואָלט ניט שאַטן אָפּרוען אַ ביסל. טרעט ער אָבער ניט אָפּ. אין קיִעוו ניט אָפּגעטראָטן, און דאָ אויך. אין קיִעוו האָט ער אַכטונג געגעבן, און שיין איז, וואָס דאָ גיט ער אויך אַכטונג. ער זאַמלט אין קאָפּ — פאַרשרײַבן איז דאָך גאָר אויסגעשלאָסן — אַלץ, וואָס עס רײַסט זיך אַרויס אומפּאַרזיכטיקס, צי — סאַקראַמענטי! — לאַכלוטן ניט קיין אומפּאַרזיכטיקס. אַ גענעראַל מעג דאָך טראַכטן, כאָטשבי דאָ, ווו ער איז, ווי אַ פּליג אָף קלעפּ־פּאַפּיר!..

דער געסטאַפּאָוועץ שטייט ניט אָפּ און מאַכט אפילע דעם אָנשטעל, — אָן־אָ טאָפּטשעט ער זיך, אַ זויער־פאַרדרײַגעטער, באַם פענצטער, ער קוקט דורך די קליינע טאַפּליעס, וואָס ווערן אַלץ מער פאַרהוכקעט פון שנייעלעך, אַ זאַווערוכע צעשפּילט זיך, ער קוקט אַרויס אָפן פּרימאַק, און דער אָנשטעל איז — ער טוט, ער גרייט עפּעס, וואַלפּגאַנג, און אין טאָך האַלט ער זיך פּאָשעט לעבן אים, דעם אָסט־גראַף, וואָס אַז מע דאַרף, ווערט ער אַ געוויינלעך פּויערל אין אַ סוויטקע און וועט דורכשפּרינגען דורכן לעכל פון אַ נאָדל. קיין רוסיש, ווער שמועסט — אוקראַיִניש, האָט דאָך ראַגאָוש זיך ניט אויסגעלערנט פאַר די צוויי יאָר. זײַן קאָפּ, אַ פאַרשמעלטער באַ די שליפן, טאַקע ווי באַ אַ וואָלף, טויג ניט אָף קיין סאַך, נאָר — די אויגן זאָלן קוקן און די נאָז זאָל שמעקן.

דער ביטל, די סינע צו אָט דעם ראַגאושן, איז סײַ — סטאַם אַזוי, אָט די לײַט קאָן מען ניט אַכטן, סײַ — איבער גאַנץ קאָנקרעטן. עס ווילט זיך קלערן: איבער אים איז די צאָרע. ווען מע האָט זיך דערקליבן קיין ליובאַטש, שוין צופוס, און טאַקע היפּש געגאַנגען צופוס — די מאַשין האָט מען אָף מאָרגן צעקלאַפּט פונדערלופטן, און קיין דײַטשישע טיילן זײַנען אַרום ניט געבליבן, געגאַנגען איז מען שוין דורך ערטער, וואָס זײַנען, אַזוי צו זאָגן, אָפּעראַטיוו קיינעמס ניט געווען, און אין ליובאַטש האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אינעם גוט, קעדיי אָפּרוען אַ נאַכט, — דער עקאָנאָם האָט שוין אָוועקגעשמיסן מיטן בײַטשל, נאָר אַ מאָטאָריזירטער באַטאַליאָן האָט נאָך ניט פאַרלאָזט דאָס שטעטל, — איז אָף יענער נאַכט געבליבן וואָך ראַגאָוש. אַזוי האָט מען זיך דערעדט, און ער האָט אַליין אויך זיך אַרויסגערופן: ער בלײַבט וואַכנדיק, אין באַטאַליאָן ווערט געשיקט אַ פאַרבינדלער פון די סאָלדאַטן, וואָס מע האָט מיטגענומען פון אונטער קיִעוו. נו, איז דער באַטאַליאָן צו קאַיאָר גאַנץ פײַן אַנטרונען פון שטעטל, און דער סאָלדאַט, דער פאַרבינדלער, איז פאַרשוווּנדן מיט אַלעמען, און ראַגאָוש האָט רויִק געדרעמלט אינעם פּאָטעל באַם טיש — פון פּאָטעלן האַלט ער אַלעמאַל, און אַז מע האָט זיך אופגעכאַפּט, דער פעלדפעבעל האָט אופגעוועקט, האָט מען קוים באַוויזן אָפּטראָגן זיך אין וואַלד — סאָוועטישע טאַנקען האָבן שוין אַראָפּגעלאָזט זיך פון דער באַזעליאַנקע. אַ היגער פּאָליצײַ האָט זיך געטראָפן צווישן די זומפּן, האָט ער אַוועקגעפירט צום פאַרלאָזטן פאַרטיזאַנישן לאַגער. דאָרט, אין די עטלעכע ערדשטיבלעך, פאַרוקטע אין סאַמע געדעכעניש פונעם טשאַרטאַראַי, האַלט מען זיך אוף, ביז מע וועט עפּעס צוטראַכטן, פאַרנעמען. און נאָך זײַנען אַ האָפענונג די דײַטשישע קאָנטראַטאַקעס באַ זשיטאָמיר — דער פּיאַוווקעס־פאַרקויפער האָט אַ ראַדיאָ־אופנעמער, ווייסט מען, ווי עס האַלט אָפן פראָנט.

דער פּרימאַק האָט שוין געקראָגן אין ליובאַטש עטלעכע קאָמפּלעקטן געניצטע אוניפאָרם פון סאָוועטישע שלאַכטלײַט, דער פּאָליצײַ ברענגט פון ערגעץ דורך די נעכט רוסיש האַנטגעווער. איצט איז דער פּרימאַק ווידער אין שטעטל. מיט קיין ליידיקן וועט ער זיך ניט אומקערן, ס'ניט אַזאַ מענטש. אַלץ גייט רעכט — מע וועט זיך איבערטאָן, באַוואָפענען און אַוועק צום פראָנט... אַלץ גייט רעכט, אַ קליינינקע אָפּעראַציע, גאָר אַ נישטיקע פאַר אַ קריגס־גענעראַל, נאָר — אָן עקזאָטישע. פאַרוואָס זשע ניט דערלויבן זיך אַזוינס: אַ ביסל אָפּשפּעטן פון אָט דעם געסטאַפּאָוועץ, ווײַזן אים, וואָס ער און זײַן גלײַכן, העט ביז די העכסטע טרעפּלעך, באַטײַטן? דער דיאַלאָג, מער פונדעסטוועגן אַ צוריקגעהאַלטענער, ציט זיך באַ אים און ראַגאושן ניט דעם ערשטן טאָג, וועלן דאָס מאָל אַוועק מער אָפענע רייד.

פאָן גלייעוויץ האָט אָוועקגעלייגט די „פּראַוודאַ", וועלכע ער האָט געלייענט, לעבן טיש (דאָס האָט דער פּרימאַק געבראַכט נעכטן פון ליובאַטש פרישע מאָסקווער צײַטונגען) און געזאָגט מיט אַ צוגעשטיקטן געלעכטער, ניט צו פאַרשטיין — אָן אופגעבראַכטן צי מיט אַ נאָטקע פון שאָדנפרייד:

— הער נאָר, הער, — ניט זעלטן ווענדט ער זיך אַזוי פראָסטלעך צו וואָלפגאַנגן אָף „דו", נאָר גראָד מיט דעם שטרײַכט ער אונטער דעם כילעק, וואָס עס איז צווישן זיי, — די רוסן ציטירן געוויינלעך פּינקטלעך. דעם פּיורערס אַ רעדע, וואָס מיר האָבן שוין מיט דיר ניט געהערט דעם אַכטן נאָיאַבער, — זײַן רעאַקציע אָף דעם, וואָס קיִעוו איז פאַרלאָזט: „זאָל יעדער דײַטש געדענקען, אַז אונדז וועט אויסקומען פירן אַ קאַמף אָף דער דײַטשישער טעריטאָריע". און מיט אַ יאָר צוריק, ניט לאַנג פאַרן סטאַלינגראַדער קעסל, איך האָב פּונקט גע־

פאַקט די געלזוכט, האָט ער פאַרזיכערט: „דער דײַטשישער זעלנער בלײַבט דאָרט, וווּ זײַן פוס איז אַרופֿגעטראָטן".
ראַגאוש האָט אַ בײַזער זיך אומגעקוקט, נאָר גאָרנישט ניט געענטפערט. אַרויסגענומען אַ ציגאַר פון דער זײַטיקער קעשענע (ער האָט שוין געטראָגן אַ ציוויל פּידזשאַקל, פאָן גליי־וויץ — אַ דאַרפיש לײַנען העמדל, און אַף די אַקסל אָנגעוואָרפן אַ סוויטקע), אַ קוועטש געטאָן דעם ציגאַר צווישן די פינגער, האָט דער געסטאַפּאָוועץ געפרעגט מיט די אויגן: „מע מעג?", און אַזוי ווי דער גענעראַל האָט ניט קיין שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף „יאָ", ער האָט פּײַנט, ווען מע רײַכערט אין זײַן אָנוועזנהײַט, — ניט דערלאַנגט די צינדמאַשינקע, אָפּגעקערט זיך צום פענצטער.
אין דער דאַרער פּלייצע איז גאָר אַ פאַרגעניגן געווען אַרײַנרעדן, און פאָן גליי־וויץ האָט שוין אָן יענעם געלעכטערל, מיט וועלכן ער האָט אָנגעהויבן, באַדויערנדיק, נאָר אויך מיט ניט באַהאַלטענעם פאָרוווּרף געצויגן ווײַטער:
— פעלערן... פאַראַן גרויסע מיליטערישע פּראַמאַכן, וואָס דערנאָך פאַרשטייען אַפילע שילער, אַז דאָס זײַנען געווען פעלערן. פאַרוואָס זשע פאַרשטייען עס ניט באַצײַטנס די, וואָס דערלאָזן די פעלערן? קלאָר, פונוועסטנס זעט מען אַזוינס בעסער. אָבער דער איקער איז דער פּסיכאָז פון מאַכט — פאַר אַנדערע און פאַר זיך אַליין. אַ מאַכטהאָבער רעכנט זיך זעלטן מיט מעגלעכע פאַלגן. נאָר דאָס איז קלאָר געזאָגט געוואָרן. מיינט ניט, וואָלפגאַנג, — ער האָט ווי־דער געזירצט דעם געסטאַפּאָוועץ, און געווען איז עס אַי קלוימערשט אַ געוויסער לויף פאַר דער אַנגסט, וואָס ער האָט אים פאַרשאַפן, אַי אַ מין שטעלן זיך אין אַ זײַט, ס'הייסט — איך בין זיך איך, און דו ביסט דו, — מיר ווייסן שוין — סטאַלינגראַד: דער רוסישער קלאַפּ אַף די ווײַטע פלאַנגען, אין רעזולטאַט — אַ קעסל. מיר ווײַסן דעם קורסקער בויגן: אַ פּלוצעמדי־קער אַרטילערישער אָנפאַל, געצייילטע מינוטן פאַר אונדזער אַרטילערישער צוגרייטונג, מיט וואָס עס האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן דער אָנגריף, און אַליין דאָס, וואָס זיי האָבן זיך דער־וואָרט, די רוסן, מיר זאָלן די ערשטע אָנהייבן דעם אָנגריף, אויסברענגען די אָנגעזאַמלטע קויכעס, און ערשט דערנאָך איז געקומען דער קאָנטער־אָנגריף. איצט ווייסן מיר — קיִעוו: אָפּ־געוועדעט אונדזער אופמערקזאַמקײַט אַף דאָרעם פון דער שטאָט, אומבאַמערקט, דורך די נעכט, אין רעגן, אַריבערגעוואָרפן גאַנצע אַרמייען אַף צאָפן, און — דער ציל איז דערגרייכט... ס'איז קונסט, נאָר עס איז אויך האַקסנדיקער קויעך, מאַראַלע און טעכנישע קראַפט. ס'איז דײַטשלאַנדס קאַטאַסטראָפע, זי מאָלט זיך אויס אין פּערספּעקטיוו אַלץ בוילעטער. און כאָטש אַף מײַרעוו זײַנען אַזעלכע מעכטיקע אָפּעראַציעס ניטאָ, דערווײַל ניטאָ, האַלטן אונדז אָבער רוסלאַנדס פאַרבינדעטע פון הינטן, ווי אַף אָן אַרקאַן... אָ! — ער האָט זיך ווידער צוגעבויגן צום טיש, אַ טיצע געטאָן מיט צוויי פינגער אין אַ צווייטער צײַטונג, וואָס איז דאָ געלעגן, — אָן אוקאַז, געגרינדעט אַ „זיג־אָרדען"!
ראַגאוש האָט האַסטיק, טאַקע ווי אַ וואָלף, טוענדיק אַ קער דעם גאַנצן גוף, זיך אומגע־קוקט. איצט האָט ער שוין עפּעס געזאָגט:
— איר האַלט זיך אַזוי, גענעראַל, ווי איר זאָלט זיך ניט קלײַבן קומען אַף יענער זײַט.
— שרעקט ניט. די, וואָס זייער פליכט איז שרעקן, זײַנען אָפּט ניט די סאַמע שטאַרקע און געטרײַע. איך וועל קומען אַף יענער זײַט און ברענגען מיט זיך ניט קיין סאַך, נאָר צען זעלנער דעם פיורערס, און אײַך אויך. איך קלײַב זיך אָבער ניט דעם קאָפּ פאַרבײַטן אַף אַ קאָוועז. דערבײַ נאָך, אַז שלאָגן וועלן זיך דײַטשן אויך אונטער מײַן קאָמאַנדע.
מע האָט געשוויגן לענגער. דאָס דראָענדיקע אין ראַגאושעס גרויע, קאַלט־צוגעזשמורעטע אויגן איז ניט פאַרשוווּנדן, און אַף פאָן גלייוויצעס דאַרן, לעצטנס גאָר אויסגעצערטן פּאָנעם האָט אַלץ געשפּילט דאָס בײַסיקע שמייכעלע.
מיטאַמאָל, אָן אַ שום פאַרבינדונג, נאָר ווײַל דאָס שמייכעלע האָט מער אַ שפּיל געטאָן, האָט דאָ עפּעס אַ פאַרבינדונג געמוזט שטעקן:
— איך האָב אין קיִעוו געזען אַ ביכל. אַ רוסיש ביכל. וועגן שלימאַנען. איך ווייס ניט, איר האָט געהערט פון אים? אַ דײַטשישער אַרכעאָלאָג שלימאַן. ער האָט פאַנאַנדערגעגראָבן טראָיע און אַנטפּלעקט דאָרט צווישן די אָרנאַמענטן אַף פאַרשיידענע קיילים, כפייצים, שטעלט אײַך פאָר, אַ סוואַסטיק. איז אָנגענומען געוואָרן: אָן אוראַלטער אַרישער רעליגיעזער צייכן, אַ געבראָכענער קרייץ. אָבער אַליין שלימאַן האָט זיך שפּעטער געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ פּאַר־בלענדזעניש. סוואַסטיקעס האָט מען געפונען אין אינדישע און כינעזישע אָרנאַמענטן נאָך פון מער ווײַטע צײַטן, און די אינדיאַנער פון פּאַראַגווײַ האָבן געמאָלט אַ סוואַסטיק, און די נעגערס פון גאָלדענעם ברעג...
— נו? — ראַגאוש האָט געביסן די ליפּן, פאַנאַנדערגעבלאָזן די נאָזלעכער אַזוי, ווי ער

האָט זיי ליב צענעמען, ווען ער לאָזט ארויס דעם רויך. איצט איז עס געקומען פון ערגערניש.

— וואָס — נו? איך דערצייל...

— איז, הייסט עס, אין קאָפּ ניט פּוסט, און אויף דער פּאַן — פּוסט? אינטערעסאַנט. ניין, טאַקע אינטערעסאַנט. וואָס זשע האָט איר זיך געשטעלט אונטער אָט דער פּאַן?

— ערשטנס, זײַנען דאָס שפּעטערע באַאָבאַכטונגען. נאָר כּוץ דעם, — אינגאַנצן הויל, ווי אין באָד, ווו מירן באַלד זײַן, — איך האָב דאָ מײַן גוט, אייגנס, און איך האָב געוווּסט, אַז מע וועט אָט די פּאַן אוועקטראָגן אַהער.

— און די, זאָל זײַן פון אײַער גראַד, וואָס האָבן דאָ גאָרנישט איבערגעלאָזט?

— זאָל זײַן פון מײַן גראַד, און זאָל זײַן פון קלענערן — עפּעס־וואָס האָבן זיי געדאַרפט באַקומען. אָט אַזאַ וואָלפגאַנג, אַשטייגער. איך ווייס דאָך אײַער גראַד. איר שטאַמט פון...

— שטרענגט זיך ניט אָן. דער טאַטע איז געווען אַן אָפיצער אין דער האַמבורגער טפּיסע. און איך האָב געוואָלט, און איך וויל האָבן פרײַע הענט, קאָנען נעמען פאַרן גאָרגל דעם, וועמען איך געפין פאַר נייטיק. און לעבן ברייט, לויטן נאָרדישן פאַרשטאַנד נאָך. און אַזוי וועט זײַן. ביז לעצט. נאָר איך וואָלט וועלן וויסן, גענעראַל־מאַיאָר, — ראָגאָוש האָט מיט אַ שפּיציקל פון צונג אַ לעק געטאָן די שמאָלע ליפּן, וואָס האָבן, באַזונדערס די אייבערשטע, גענומען ציטערן — אײַנגעשטילט אַזוי די אויפרעגונג, — מירן קומען אויף יענער זײַט, וואָס וועט איר זאָגן, וויאַזוי האָט איר אויסגעפילט די אויפגאַבע, וואָס איז פאַר אײַך געשטאַנען אין קיִעוו? דער פירורער האָט ניט געקאָנט ניט וויסן וועגן אײַער אויפגאַבע.

— ערשטנס, ווער וועט עס ערנסט פרעגן? עס וועט שוין זײַן ניט גאָר אַקטועל, מײַן ליבער. צווייטנס, וועל איך אַוודאי באַווײַזן אָט די רוסישע צײַטונגען, דאָ איז גענוג אָנגעשריבן, וואָס מיר האָבן אומגעבראַכט אין קיִעוו. מער? פאַר דער מיליטערישער אָפּעראַציע אַרום דער שטאָט זײַנען מיר מיט — מיט אײַך — ניט פאַראַנטוואָרטלעך געווען. און דער סיגנאַל איז געקומען צו שפּעט, קיין צײַט האָט ניט געקלעקט. מיר וואָלטן הײַנט נאָך דאַרפן זײַן מיט אײַך אין קיִעוו — אָ!..

ראָגאָוש האָט זיך אויך געניייטיקט אין אַזאַ פאַרענטפערונג — מיט אײַך — דערפאַר האָט ער אָפּגעשוויגן, עטלעכע ווײַלעס געקוקט מיט אַנציקונג, וואָס איז אים פאַרשטענדלעך געווען, אויף פּאַן גלייעוויצן, נאָר עס האָט זיך אויך פאָרט געוואָלט, און ער האָט געדאַרפט טיף אַ בראָט טאָן דעם דאָזיקן, האָט ער באַשטימט זאָגן דאָס, וואָס ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל געזאָגט, אָבער דאָס איקערדיקע, וואָס וועט טאַקע דערבראָטן, איז אים ערשט איצט אײַנגעפאַלן:

— איר טראַכט זיך אַזוי, גענעראַל, און ניט איר איינער: מיליטערישע פאַכלײַט, איר טוט זיך אײַערס אין ווײַסע הענטשקעס, לויט באַשטימטע קריגס־פּרינציפּן, און מיר, די, וואָס קומען נאָך אײַך, די טראָגן שוין, הייסט עס, קיין הענטשקעס ניט... קיין גרויסער נאַר איז ניט די וועלט, ניין. און ניט נאָר דאָס אַפילו, דאָס איז אָפּגערעדט. איר אַליין — איר מיינט, מאָלטקע האָט געשוויגן וועגן דעם, וואָס איר האָט געהאַט פאַרלאַנגט פון אים אין ליובאַטש, בייס עס איז פאַרגעשטאַנען יענץ, מיט די ייִדן, און מיט די קריגסגעפאַנגענע, און מיטן סאָוועטישן אַקטיוו, וואָס איז פאַרשפּאַרט געווען אינעם אַמאָליקן מאָנאַסטיר? זאָל ער זיך טאָן, וואָס ער דאַרף, מאָלטקע, נאָר ניט אין די גרענעצן פון אײַער גוט. האָט ער אויסגעקליבן דעם טשאָרטאָרײַ — שוין ניט אײַער גוט. און דעמלט איז עס אים אײַנגעפאַלן: נאָכוואָס פאַרלירן קוילן?..

פּאַן גלייעוויץ האָט זיך אומגעקוקט אויף דער נידעריקער טיר, וואָס האָט פון קיך געפירט אין פּירהויז. עמעץ האָט דאָרט אַזוי ווי געשקראַבעט זיך, עפּשער האָט זיך אומגעקערט די באַלעבאָסטע, וואָס האָט געהייצט די באָד. ניין, אין פּירהויז איז שטיל געווען, צי עס איז שטיל געוואָרן. לענגער פאַרציִען דאָס שווײַגן איז ניט גוט געווען, דעריבער האָט ער ניט הויך און מיט ניט גאָר קיין זיכערער אויפגעבראַכטקײַט אין קאָל זיך אָנגערופן:

— מאָלטקע, ער האָט דאָס אַלץ אויסגעטראַכט!

— צו אַן אָרעמע פאַנטאַזיע בײַ מאָלטקען, הער גענעראַל, ער זאָל אַזוינס אויסטראַכטן. אײַנפאַלן האָט ער, דאָס יאָ — דערטרינקען אַלעמען אינעם טשאָרטאָרײַ, דאָס איז אַן אײַנפאַל. נו, און בייסן באַבי יאַר האָט איר אויך, עס באַקומט זיך, אַ ביסל צוגעהאָלפן מאָלטקען...

פּאַן גלייעוויץ האָט געטראַכט: „מע דאַרף פאַר אים מוירע האָבן, פאַר דעם דאָזיקן. דאָ אויך. טאָמער פּאַקט מען זיך, וועט ער מיטשלעפּן. מע דאַרף אים געבן צו פאַרשטיין — מע איז מיט איין שטריק געבונדן. גענוי — אַן אַנדערשמאָל, אָך־אָ, מע שקראַבעט זיך טאַקע אין פּירהויז”.

— פאַרשטייסט, וואָלף, מײַן ליבער וואָלפגאַנג, — האָט ער געזאָגט מיט אַן אויפגעלייגטפאַרטרויִלעכן שמייכל, וואָס האָט אַזוי ווי אוועקגעמאַכט אַלץ, וועגן וואָס עס איז נאָרוואָס גערעדט געוואָרן, די גאַנצע פּײַנטלעכקײַט, וואָס האָט דאָ מיט אַ מינוט צוריק געהערשט, —

איינער א פראַנצויז, א פילאָסאָף זייערער, האָט געהאַט אַזאַ גוט ווערטל: ניטאָ קיין זינדיקע מענטשן, פאַראַן בלויז זינדיקע אומשטענדן. אַזוינס קאָן צוניץ קומען, מיר וועלן נאָך רעדן. אַהאַ, אָט לאַדט מען איַין... נו, איך קאָן אפילו גלייבן, אַז אַזאַ בעדל, ווי עס ווערט אף אונדז, האָט מענשיקאָוו אין דער סיבירער לאַך, וווהין עס האָט אים פּאַרוואָרפן, ניט געהאַט. מענשי־קאָוו, דאָ איז ער אַפן בילדל... געשיכטע, עס שאַדט ניט וויסן, איך וועל ווי־עס־איז דערציילן.

די „קלאָץ״, די לאָוטשיכע, האָט שוין אַריבערגעקײַקלט זיך אף דער זײַט שוועל און מיט א שטומען אויסדרוק אף איר ברייטן צעפּלאַמטן פּאָנעם געפרעגט: „ווער איז דער ערשטער?״ אין האַנט האָט זי געהאַלטן א טרוקן בערעזעווע בעזעמל, און ווידער שטום, ווי פּרווונדיק טרעפן, אָנגעוויזן מיט דעם אַפּן גענעראַל.

פאָן גלייעוויץ האָט פאַרשפּיליעט דאָס אייבערשטע קנעפּל פון דער סוויטקע, אופגע־שטאַנען און ווי אין לײַכטער פּאַרלעגנהײַט פּאַרגעלייגט:

— עפּשער אינצווייען, וואָלפגאַנג? איך מיין — קענסט אָנרײַבן א פּלייצע?

— גייט אַליין, גענעראַל, — האָט ראָגאָוש געענטפערט און א שמייכל געטאָן דערבײַ. עס האָט געדאַרפט באַטײַטן: „די פאַמיליערקײַט נעם איך אָן. האָסט מיך אָפּגעשאַצט״.

2 פאָן גלייעוויץ האָט שוין אויסגעפּליוכעט אף זיך מער פון האַלב סײַ פון דער פאַס הייסע וואַסער, סײַ פון דער פאַס קאַלטע, אראָפּגעכאַפּט, הייסט עס, א ביסל פון דעם, וואָס דאַרף בלײַבן פאַר ראָגאָושן, און אַלץ ניט געוואָלט אַרויס פונדאַנען, פון דער מעכײַעדיקער פּאַראָווניע, אפילו נאָכאַמאָל באַגאָסן פונדערלײַכט די צעגליטע שטיינער, נאָכאַמאָל געקליבן זיך אַרויף אף דער גליטשיקער פּאָלקע, און דאָ האָט זיך דערהערט א קלאַפּ פון דרויסן אין טיר פונעם פּאַרבעדל:

— איי, איר הערט? הערט נאַר!

דער פרימאַק, דאָס האָט ער זיך אומגעקערט.

עס האָט פּאַרכידעשט: ער זאָל עס דערוועגן זיך סטאַם אַזוי אונטערײַלן, און אויב אפילו עפּעס דרינגענדיקס, איז קאָן מען אַלציינס צוּוואַרטן, וויפל וועט נאָך דויערן דאָס באָדן זיך? דער ערשטער פּאַרלאַנג איז געוועזן — פּאַשעט ניט אָפּרופן זיך, און אַזויווי דאָס בעזעמל איז אײַנגענעצט געוועזן אין גאָר הייסער וואַסער — טאַקע אַרומשמײַסן זיך ווידער די פּלייצע, די ליטקעס. נאָר מע האָט שוין איינס נאָך איינס געבוכקעט אין טיר — מיט די פויסטן:

— איי, עפּנט, נו, גיכער, עפּנט, לאָזט מיך אַרײַן!

ניט „גראַף״, ניט „גענעראַל״ — דאָס האָט מען געקענט פּאַרשטיין, אָבער עפּעס פּראָסט אַזוי: „איי!״ ס'האָט א קיל געטאָן אין האַרצן און אויך אַרום דער לינקער לאָפּעטקע. איצט איז שוין דער פּאַריבל קיין פּאַריבל ניט געווען. א פּאַכעד, א בעהאָלע האָט אַרומגעכאַפּט. אַרויס אין פּאַרבעדל, געכאַפּט עפּעס פון גרעט, אַרומגעדרייט ווי־עס־איז די לענדן, האָט פאָן גלייעוויץ אופגעקייטלט און מיט א מלאָסטעניש, א נאָגעניש, ווי בייס א טשאַד, דערזען צוערשט אפילו ניט דעם פרימאַק, וואָס האָט א צוגעבויגענער אַרײַנגערוקט זיך דורך דער נידעריקער טיר מיט א לײַכט־פּאַרשנייטן שוואַרצן יאַלעפּ און מיט שנייעלעך אף די אַקסל, דערזען דעם שניי, וואָס האָט דורכויס באַדעקט דעם הויף — ביז דער באָד זײַנען נאָך אף דער ערד געווען א סאַך פּײַכטע טונקעלע פּליאַמעס; ווײַטער, איבערן דאַך פון דער כאַטע, האָט דער ווינט אופגעבלאָזן א ווײַסן וויכער...

ניט שטילנע צוגעמאַכט די טיר — אַזאַ נאַכלעסיקײַט! — האָט דער פרימאַק אָפּגערוקט דאָס אָנטאָן אף דער איינציקער באַנק, צוגעזעצט זיך און קימאַט באַפוילן:

— טוט זיך אָן, גענעראַל.

א שאַרפע קעלט האָט דורכן שפּעלטל אין טיר געשטראָמט צו די באָרוועסע פיס. דער פרימאַק האָט געשוויגן, און פאָן גלייעוויץ האָט פּאַרשטאַנען: ער האָט צו זאָגן ניט קיין סאַך, נאָר וויכטיקס, ער אײַלט אונטער מיט אָט דעם שווײַגן. ווען די יופּטענע שטיוול זײַנען שוין אַרופגעשלעפּט געווען, און ס'האָט אָן עגבער געטאָן: „שלעכט פּאַרוויקלט די אָנעטשעס״, האָט דער פרימאַק זיך אָנגערופן כמורנע און אַזוי ווי שוין אָן אײַלעניש, אַזוי ווי גלײַכגילטיק — ס'הייסט, זײַנס, פאַר זיך, האָט ער באַשלאָסן:

— די דאָזיקע, סטעפּקע, איז אַנטלאָפן.

— ווי־אַזוי? וווהין?

— הערט ווײַטער. זי איז אַנטלאָפן, מע האָט זי געזען אין ליובאַטש. זי איז אפילע, זאָגט מען, א היגע. איך האָב זי אויך געזען פּונווײַטנס מיטן קאָמיסאַר פון אָטריאַד, דעם געוועזע־נעם... האַקלאַל, אײַערע, אין וואַלד, ווייסן שוין. די איבעריקע קאָמפּלעקטן האָב איך גע־

בראכט, מע איז אלע אוועק צום שליאך, וואָס לעבן שטורעם־ברוק, לעבן די דריַי ארומגעברענטע סאָסנעס, ווו מיר זיַינען אנומלטן געווען מיט איַיך. איר וועט אָפזוכן דעם וועג אהין.

— אליין? — בא פאַן גלייעוויצן אין קאָפּ האָט דאָס אלץ זיך איַינגעלעגערט מיט א קליינער פארלאנגזאמונג. באזונדערס האָט איבעראשט — סטעפקע, א היגע, און דאָס, וואָס דער דאַזיקער האָט געזאָגט: „אליין". — און וואָלפגאנג? — האָט ער געפרעגט.

— ער לויפט שוין אהין.

— ניט צוגעווארט?

— ווער קען איצט ווארטן?!

— איר וועט מיך דורכפירן.

— איך דארף זיך אהין ניט רוקן. איך בליַיב דאָ.

די גראָבע אונטערשטע ליפּ בא דעם דאַזיקן האָט זיך ביטלדיק א קרים געטאָן, נאָר די אראָפּהענגענדיקע נאָז, די אויגן מיט ליכטיקע וויִעס, דאָס גאנצע פליישיקע, שווער־געצייכנטע פּאָנעם איז געבליבן ניט דורכדרינגלעך.

איז אויסגעקומען אַוועק. וואָס וועסטו רעדן מיט אזא? און גליַיך בא דער קלאדקע איבערן ריוו, וואָס טיילט אָפּ דעם הויף פונעם שליאך, בלויז א שפּאַן געטאָן פון צווישן די פארשנייטע קוסטעס — דריַי „ווילִיסן". א שפּאַן טאָן צוריק, פארטיַיען זיך? מע קאָן באמערקן. בעסער שטיין בא דער זיַיט און דורכלאָזן די מאשינעס. נאָר דער ערשטער „ווילִיס" האָט זיך אָפּגעשטעלט, און נאָך אים — די איבעריקע צוויי, און עמעץ אינעם פאָרנטדיקן האָט צעעפנט דאָס טירל, א רוף געטאָן מיט דער האנט; געוויינלעך זיַינען אזעלכע מאשינעס האלב־אָפענע, בלויז באצויגן מיט א ברעזענט פון אויבן, נאָר די דאַזיקע, שוין אף ווינטער, האָט מען באקלאפּט מיט דיקט, זיַינען דאָ טירלעך.

א וואָרף זיך געטאָן מיט אונטערגעשטראָכענעם פליַיס צו דער רופנדיקער האנט און דערזען: א גענעראל־לייטענאנט, א קרעפּטיקער, עס מערקט זיך — גוט געקנאָטן. דאָס פּאָנעם — א באדאכטס, א ווילנפולס. די אָנגעשטרענגטע קנייטשן בא דער נאָז, באם מויל, — די פאָדערשטע מעטאלענע ציין זיַינען אָפּגעדעקט, — די טיפע קנייטשן, וואָס לויפן אוועק פון די קורצזיכטיק־צוגעזשמורעטע אויגן און פארשווינדן בא די שלייפן אונטער דער גרויער פּאַפּאכע — זיי ציַיגן אף שווערע יאָרן און אף היפּשע זאָרגן אויך איצט. פאָן גלייעוויץ האָט עס צוגעקוקט א וויַילע מיט עמעסן אינטערעס: קימאט זיַין גליַיכן, אין בערלין האָט מען שוין געמוזט אונטערשריַיבן צי עס דארף נאָך אונטערגעשריבן ווערן דער באפעל וועגן דעם, אז אויך זיַין טיטל איז געהעכערט. נאָר אָט האָט ער געכאַפּט א קוק טיפער אין ענגן קוזאָוו, וואָס פארמאָגט א פענצטערל פון הינטן — צוויי פּרויען, איינע נעענטער, פון דער זיַיט, ווו דער גענעראל איז געזעסן, — געזען האָט זיך בלויז א טייל פון איר פּאָנעם, דער פיַינער ראנד פון איר וויַיסער באק, א שווארצער לאָק אונטערן ניט פארבונדענעם לעפל פונעם ווינטערדיקן היטל, די צווייטע, כאָטש געזעסן איז זי וויַיטער, איז אויסגעקומען אנטקעגן, אנפּאַס: גרויסע טונקעלע אויגן, א דין אָנגעמערקטער רונד פונעם פּאָנעם, א צארט מויל, קוים צעעפנט, די אייבערשטע ליפּ איז אפילע קאַפּריז־פּרעגעוודיק פאריסן, און אליין איז זי מיסטאמע ניט קיין הויכע, פּרויִיש אײדל, ווו אלץ איז לויט דער מאָס, מאמעש עס ווילט זיך זאָגן אזאמינער: „קעצעלע". בליצשנעל איז דאָס אלץ דורכגעלאָפן בא פאָן גלייעוויצן אין קאָפּ, און געטראכט און באנומען האָט ער דאָס עפּשער בלויז צוליב דעם, קעדיי זאָגן זיך אליין: „איך פארליר זיך ניט לאכלוטן, עס שרעקט ניט!"

דער רוסישער גענעראל האָט געפרעגט, ווו איז דאָ פּינקטלעך דער טשאַרטאָראָי, יענץ אָרט, ווו מע האָט אומגעבראכט די מענטשן, די ליובאטשער, וויִאזוי איז בעסער צופאָרן אהין? פאָן גלייעוויץ האָט א קלער געטאָן: „עפּשער שיקן די „ווילִיסן" צו די דריַי ארומגעברענטע סאָסנעס? דער צייכן קומט אויס איז א גוטער, און דער טשאַרטאָראָי איז באנאנד, נאָר יענע, די קעגנִיבערדיקע זיַיט זיַינע — פאר די, וואָס ווייסן ניט, האָט עס קיין באדיַיטונג. מע וועט זיך מיסטאמע אָפּשטעלן, און מיַינע קערן שוין זיַין אף אן אָרט, צי מע האלט בא צוקומען..." נאָר באלד האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פונעם דאַזיקן געדאנק. „עס וואָלט אוודע געווען פיַין — א גענעראל, הינטן קער אויך פאָרן ניט אבי ווער, עס וועט אָבער זיַין צו א גרויסער טומל, מע וועט שוין ניט קענען דורכשפּרינגען. ניין, טאקע, ווי עס איז באקלערט געוואָרן: א סאניטארמאשין, צי ביכלאל א לאסטמאשין, וואָס קען זיך ערגעץ סטאם פארהאלטן אין וועג, מע וועט זי שטארק ניט זוכן".

פאָן גלייעוויץ האָט האלב בעקיוון אף רוסיש, האלב בעקיוון אף אוקראִיניש — עס פּאסט, און בעקיוון לאנג אויסגעמאָלט, אז פאָרן דארף מען נאָך א קילאָמעטער צוויי, וועט זיַין א צעצוויַיגונג אפן שאָסיי, וויַיטער — נאָך איינע, איז זאָל מען זיך די גאנצע ציַיט האלטן לינקס,

דערנאָך וועט זײַן א בריקל, דערנאָך — א שמאָלער וועג אין וואלד ארײַן, צווישן בערעזעס און יעלן... אלץ איז געווען ווײַט ניט אזוי פּינקטלעך, דאָס בריקל אפן שאָסיי האָט ער סטאם אויסגעטראכט, און עפּשער איז דאָרט טאקע דאָ ערגעץ א בריקל. מע איז אוועקגעפאָרן, און ער האָט אינעם צווייטן „ווילליס״, לעבן שאָפער, דערזען נאָך איין גרויע בעראשקענע פּאפּאכע, און אינעם דריטן — אווטאָמאטלער, אוואדע א וואָך.

אריבער דעם שאָסיי, ווו ס׳האָט טאקע גוט געדרייט דער ווינט און שניי־גרײַפּעלעך האָבן זיך באוועגט צווישן די שטיינער, איז ער אוועק גלײַך דורכן זומפּיקן, קימאט לאכלוטן נאָך ניט קיין פארפרוירענעם טאָל, געשפּרונגען פון איין פארשנייטער קאָטשקע אף דער צווייטער, לײַכט אָפּזוכנדיק ראָגאושעס טריט. ער האָט זיך געהאלטן בא דעם דאָזיקן שפּור, בלויז ווו־ניט־ווו אָפּגעמערקט, אפילו אין זײַן פארנומענקײַט — מיט שאָדנפרייד, אז אָט דאָ האָט וואָלפגאנג פארהרוזנעט מיט א פוס אין זומפּ אוואדע ביז איבער דער כאָליעווע, דאָ איז ער געפאלן — אין צוגעפרעסטן שניי זײַנען געבליבן סימאָנים פון פינגער, פון קני. די דאָזיקע ערטער איז פאָן גלייעוויץ פארבײַגעלאָפן בא א זײַט. דאָס יאָ, ער האָט געפילט, אז א שוויסטער באדעקט אלץ מער זײַן לײַב, און ווי נאָך א באָד — א קלעפּיק־קאלטער, באזונדערס צווישן די לאָפּעטקעס. באומרויִקט, מע קען זיך צוקילן, האָט ער דאָך פאָרגעזעצט טראכטן פון דעם, וואָס האָט אים פולשטענדיק געפלעפט: סטעפּע... עס פלעגט דאפקע אמאָל אופקומען א פארדאכט, אז זי קאָן זײַן אן אונטערגעשיקטע, נאָר ער האָט זי דאָך באקומען בא קרומפּײַלן, בא יענעם איז זי געווען אזא צײַט, און דאָס איז א כאָרט... ניין, סטאם — זי איז אריבער צו אירע... און אזוינס האָט זיך אויך אמאָל געטראכט: אויב זי איז אפילו ניט גאָר געטרײַ, צי אינגאנצן ניט טרײַ די דײַטשן, איז וואָס, ער איז דאָך איין דײַטש, פונעם שאָדן, וואָס זי וועט אָפּטאָן אלע דײַטשן, וועט אף זײַן כיילעק אָנטרעפן גאָר ווייניק — די האנאָע פון דער מויד איז גרעסער... א וויץ, געוויינלעך, נאָר ער האָט עס געטראכט, און אָט־אָ — שיר ניט געלייגט דעם קאָפּ... ראָגאוש — דער איז שוין ניט קיין כאָרט — א וואָלף. ער האָט אָבער אויסגענומען, ווען מע האָט זיך אוועקגעלאָזט אין כוטאָר — זי דארף ניט וויסן, ווו מע וועט זײַן. — און אויב זי וועט מיטגיין? — דערויף האָט ראָגאוש געענטפערט: „דעמלט וועט זי זײַן מיט אונדז, דעמלט וועל איך אכטונג געבן״. און וועגן פּרימאק ווייסט זי ניט, דאָס האָט אויך אויסגענומען ראָגאוש. ערשט — א היגע... געווען זי אמאָל מיטנעמען קיין ליובאטש — ניין, אליין האָט זי קיינמאָל זיך ניט אָנגעבעטן, און פירן זי אהער האָט זיך ניט געוואָלט איבער יענער וואליען, עס האָט זיך אלץ געקלערט — וואליע...

ער איז שוין געגאנגען דורך יונגוואלד, קוים אָפּגעזוכט דאָ, אינעם ניט רעגלמעסיק אָנגעשאָטענעם שניי, ראָגאושעס טריט. און איבערן קאָפּ האָט אלץ מער געדרייט די זאווערוכע, שניי האָט פארקלעפּט די אויגן, — געגאנגען, ווײַל ער איז מיד געוואָרן, בלויז אונטערגעלאָפן פון מאָל צו מאָל און געקלערט: „זיי קאָנען דאָרט, בא די דרײַ ארומגעברענטע סאָסנעס, ניט צוווארטן אויך, מע וועט זיך מאכן ניט ווויסנדיק — ניטאָ דער גענעראל און גאָר, מע דארף אײַלן״. אָט דער געדאנק האָט אים א ברי געטאָן, און אין דער זעלבער ווײַלע האָט א ברי געטאָן נאָך עפּעס — א שיסערײַ אין וואלד. און אויסגעקומען איז עס ניט גאָר דאָרט, ווו ס׳איז דער שטורעם־ברוך, מער לינקס, און דעריקערשט — די שיסערײַ איז געקומען פון עטלעכע ערטער מיטאמאָל, און געווען איז זי צו א שטארקע פאר דעם, וואָס די איבערגעטאָנענע סאָלדאטן האָבן געדארפט אָפּטאָן.

ס׳האָט זיך דורכגעטראָגן אין קאָפּ: „עפּשער ניט לויפן, איבערווארטן, און עפּשער ביכלאל — איינער אליין אוועקלאָזן זיך צו זשיטאָמיר? אין דער סוויטקע קאָן איך דורכשפּרינגען״. ער האָט זיך צוגעשפּארט מיט אן אקסל צו א בערעזע, קעדיי עטוואָס אָפּרוען, באקלערן זיך. אײַנגעהערט זיך א מינוט־צוויי, דערנאָך געגומען גיין אין א זײַט. און פּלוצעם דערזען: פון די קוסטעס איז ארויסגעלאָפן ראָגאוש, פונווײַטנס באמערקט: זײַן פּאָנעם איז בלאס, צעמישט. דער געסטאפּאָוועץ איז מיט מידע געפּלאָנטערטע טריט געלאָפן צו אים...

3 די דרײַ „ווילליסן״ האָבן אָפּגעקערעוועט אין וואלד, אף א שמאָלן וועג, קוים א צוגעפּראָשעטן פונעם ערשטן שניי, וואָס דער ווינט האָט זיך אים נאָך ניט געלאָזט אײַנלעגערן. אָפּגעשטעלט האָט מען זיך באם ברעג פון זייער א ברייטן זומפּ, איצט, דורך אומפליִענדיקן שניי, האָט זיך אפילו געקענט דאכטן, אז ס׳איז פּאָשעט א טאָל, א לאָנקע. איינס האָט אָבער אָנגעוויזן דערויף, אז מע קען האָבן א טאָעס, א געפערלעכן טאָעס — דער טאָל איז צו גלײַך געווען, אזוי גלײַך קאָן זיך צעגיסן בלויז וואסער אָדער בלאָטע. די שניי־עלעך זײַנען געפאלן ווו אף סאוערן, באם ברעג און ווײַטער, ווו אף ארויסשטארטשענדיקע

צווײַגלעך, אַף אומגעפאַלענע, ניט אײַנגאַנצן פאַרזונקענע ביימער, און אויב זיך שוין גאָר גוט צוקוקן — אַף ריאַסקע, און געשוואָרצט האָט צווישן דער ריאַסקע, דאָרט, ווו דער ווינט האָט זי פאַנאַנדערגעטריבן, — וואַסער.

דער וועג האָט אַפילע אַוועקגעפירט טיפער אין וואַלד, מיסטאָמע לענגויס דער זינק־בלאָטע, נאָר דאָ, ווו מע האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז געבליבן עפּעס אַ מין בריקל, אַ טראַמפּ־לין, אַן אײַנגעשניטענער אין זומפּ, און דאָס האָט אַוודע געמוזט זײַן יענץ אָרט, וואָס מע האָט געזוכט...

פון ערשטן „ווילים" זײַנען אַרויס יאַסענעוו, טשאַרנע, פּראַניע, דעם קאָמאַנדאַרמס אַדיו־טאַנט אודינקאָן, פון צווייטן „ווילים" — דאַניִעל, זעמליאַניצין, סלאַוווטע, שירקאָוו, פון דריטן — עטלעכע אווטאָמאַטלער. מע איז געשטאַנען אַ ביסל, אַרומגעקוקט זיך שווײַגנדיק. בלויז דאַניִעל איז זיך דורכגעגאַנגען הין און צוריק אַ צענדליק שפּאַן איבערן צוגעשנייטן גראָז, געמאַכט עטלעכע טריט אויך נעענטער צום אָפּגעהאַקטן בריקל, אַ ראַיע געטאָן מיטן נאָסעק באַ דער זײַט דאָס קופּקעלע ערד, וואָס אַ מוילוווּרף האָט אָנגעשאָטן, אָנגעבויגן זיך, אופגעהויבן עפּעס, אַ רײַב געטאָן עס אין פּאַלע פון שינעל און שווײַגנדיק אומגעקערט זיך מיט דעם צו די, וואָס האָבן געוואַרט באַ די מאַשינעס, אויסגעשטרעקט עס דעם גענעראַל.

— אָט, — האָט דאַניִעל געזאָגט ניט הויך, מיט אַ צוגעטויבטן ציטער אין קאָל, — דאָ איז עס...

דער גענעראַל האָט באַקוקט אַ שוואַרץ־פאַרזשאַווערטן לעפל אָן אַ הענטל, איין ראַנד, דאָרט, ווו דאַניִעל האָט מיסטאָמע אַ רײַב געטאָן, האָט טונקל געגלאַנצט — זילבער. יאַסענעוו האָט שווײַגנדיק איבערגעגעבן דעם צעבראָכענעם לעפל טשאַרנען, דערנאָך האָט אים געגומען פּראַניע, דערנאָך זעמליאַניצין, און מיט אַ ווילדלעכן גלאַנץ אין די גרינע, ברייט־צעשטעלטע אויגן אומגעקערט אים ווידער טשאַרנען — זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט. בלויז מיט די אויגן באַקומען דאַניִעלס האַסקאַמע, האָט טשאַרנע באַהאַלטן דעם צעבראָכענעם לעפל אין קעשענע פון שינעל.

שירקאָוו האָט אויך עפּעס אופגעהויבן פון דער ערד — אַ פּיסל פון אַ צעלולאָידענער קוקלע. דעם דאָזיקן געפינס האָט מען באַקוקט באַם אָרדינאַרעץ אין די הענט, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעקערעוועט, באַהאַלטן עס אין זײַן קירזענעם פעלד־טעשל.

מע איז צוגעגאַנגען צום זומפּ, געשטאַנען, געשוויגן. יאַסענעוו האָט אַראָפּגענומען די פּאַפּאַכע, געקלערט אַ ווײַלע, געזען, אַז דאַניִעל טוט ניט דאָס זעלבע, האָט ער ווידער אָנגעגע־טאָן די פּאַפּאַכע, נאָר פאַר דעם אויסגעווישט מיט אַ טיכעלע דעם שטערן, דעם העלן גראָוו־לעכן יאַזשיק.

שווײַגנדיק איז מען אַוועק צוריק צו די מאַשינעס. טשאַרנע האָט זיך נאָך אָפּגעשטעלט, אומגעקוקט זיך, טרערן האָבן איר פאַרגאָסן די אויגן, האָט זי זיי פאַרשטעלט מיט אַ האַנט און אַלץ ניט געמאַכט קיין שפּאַן ווײַטער — האָבן אַלע צוגעוואַרט. פּראַניע האָט געקוקט אַף דער ערד, אין עפּעס אַ ווײַלע האָט זי אַ בליק געטאָן אַף דאַניִעלן — הייס, ווי אַ שטומער געשריי זאָל זיך רײַסן פון איר, און ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דאַניִעל האָט דערפילט איר גרויסן עלנט, נאָר דער געדאַנק וועגן איר האָט אים אַפילע דאָ געשטערט: „וועמען האָט זי אין זומפּ — זי האָט געהאַט דערציילט..." אַף דעם האָט זיך אַלץ איבערגעריסן. אַ שיסערײַ האָט זיך צע־הילכט, און ווי געוויינלעך אין וואַלד, איז אַפילע ניט גלײַך קלאָר געווען — נאָענט צי ווײַט.

דאַניִעל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער קאָבורע, אָפּגעשפּיליעט זי, זעמליאַניצין, סלאַוווּ־טע — ער האָט באַוויזן באַמערקן — האָבן שוין געהאַלטן גרייט די אווטאָמאַטן. ווידער אַ שיסערײַ, אַזוי ווי אין אַן אַנדער זײַט און גאָר נאָענט. יאַסענעוו האָט באַפוילן: — צו די מאַשינעס! — דאַניִעל האָט דאָס בלויז געהערט, אומקוקן זיך אַפן גענעראַל האָט ער ניט געקענט, און דערבײַ באַנומען — מע רירט זיך ניט פון אָרט. ער האָט געהערט, און אַלע האָבן מיסטאָמע דאָס געהערט: עמעצער לויפט, עמעצער ברעכט זיך דורך אַהער דורכן יונגוואַלד, באַזונדערס בוילעט האָבן דאָרט געציטערט די שפּיציקלעך פון יעלן. און אָט איז פון די קוסטעס אַרויס איינער אין אַ פאַנאַנדערגעשפּיליעטן שינעל, אָן אַ היטל — אונדזערער אַ שינעל, כאַקי, נאָר דאָס פּאָנעם איז צעקרימט, די אויגן — אויסגעראַטשעט, דאָס צעעפענטע מויל שרײַט עפּעס. נאָך איינער, אויך אַזאַ, האָט געבאָברעט זיך עטוואָס ווײַטער אין די קוסטעס. דער פּאָדער־שטער האָט אַ הייב געטאָן אַן אווטאָמאַט, אַ דײַטשישן — דאַניִעל האָט עס אָפּגעמערקט, ווי מע מערקט אָפּ דעם פלוצעמדיקן פלי פון אַ צעפּאַלאָכעטן פויגל, און באַלד איז יענער גע־פאַלן — עמעץ הינטער דאַניִעלן האָט אויסגעשאָסן. אָבער דער צווייטער, אין די קוסטעס, האָט זיך אַ גלײַך געטאָן, זײַן אופגעהויבענע האַנט האָט עפּעס געשלײַדערט... עפּעס — דאַניִעל האָט געוווּסט — וואָס, אַ שפּאַן געטאָן אינסטינקטיוו לינקס, ווו יאַסענעוו, טשאַרנע, פּראַניע

זײַנען אויסגעקומען הינטער אים, געמיינט זיי וואָרענען, פאַרשטעלן, און געוווּסט — שפּעט, און דער פּיסטאָלעט, וועלכן ער האָט עטוואָס פריִער געהאַט אַרויסגעכאַפּט, האָט אויסגעשאָסן אויך שפּעט, ס'הייסט — ניט שפּעט, צו יענעם, וואָס אין די קוסטעס, איז אַוועקגעפלויגן די קויל, נאָר אינעם זעלבן אויגנבליק האָט דאַניִעל פאַרשטאַנען: מע דאַרף פאַלן...

ס'האָט אַ פּלאַטער געטאָן דאָס בלווילעך־גרינע פּײַער פון דער אופגעריסענער גראַנאַטע. דאַניִעל האָט עס געזען, האַלטנדיק צוגעדריקט דאָס פּאָנעם מיט אַ באַק צו דער ערד. ס'האָבן דורכגעשווינדלט שוואַרצע הרודקעס, הייסער שטויב האָט באַשאָטן דעם נאַקן, דעם קאָפּ, פון וועלכן די פּאַפּאַכע איז אַראָפּגעפאַלן, אַ ביטער רויכל איז פאַרבײַגעשווומען און געגומען צעגיין... אופגעשפּרונגען אַף די פיס, האָט דאַניִעל דערזען: יאַסענעוו הייבט אוף פון דער ערד אַף ביידע הענט טשאַרנען, און טשאַרנע — דאָס האָט טייקעף פאַרקלענערט די שרעק — האַלט זיך אָן מיט אַ האַנט פאַרן גענעראַלס אַקסל. אויך אונטערגעשפּרייט די הענט, קעדיי העלפן יאַסענעוון, האָט דאַניִעל באַמערקט טשאַרנעס פּאָנעם, אַ בלייכס, אַ פאַרלוירנס, דערהערט אירן אַ קרעכץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן דורך צוגעביסענע ליפּן... שירקאָוו איז צוגעלאָפן. יאַסענעוו איז פאַמעלעכן געגאַנגען מיט דער פאַרוווּנדעטער צום „ווויליס", שעפּטשענדיק ניט צו וויסן וועמען: „פאַרזיכטיק, פאַרזיכטיק", און דער אָרדינאַרעץ האָט גערעדט, אויך ניט וויסנדיק צו וועמען:

— איך זע, זי צעשפּרייט די הענט, און יענער וואַרפט שוין, די גראַנאַטע פליט, און זי — זי רוקט זיך צום גענעראַל, זי פאַרשטעלט אים... איך שרײַ: פאַלט! נאָר — ווו...

ביז פראַניע — אַ שנירעלע בלוט איז בײַ איר געראָנען פון אונטערן לינקן אַרבל אַף דער האַנט, נאָר זי האָט צי ניט געווענדט דערויף קיין אַכט, צי ניט באַמערקט עס, — ביז פראַניע האָט זיך געפּאָרעט מיט טשאַרנען, וואָס אַוועקגעלייגט האָט זי יאַסענעוו אַף אַ פּלאַשטש־פּאַלאַטקע (עמעץ האָט אויסגעשפּרייט), און ביז ס'האָט זיך דערהערט פראַניעס שטיל קאָל: „אין זײַט, אַף דורך און דורך, נאָך אַ גליק — טייקעף קיין ליובאַטש!" — אָט די אַלע מינוטן האָט דאַניִעל — ער האָט זיך אָפּגעקערעוועט — געטראַכט איינס און דאָס זעלבע, ווי ער זאָל אין אַ מין פלעט ניט קאָנען אַרויסרײַסן זיך מיט די געדאַנקען פון אַ געשלאָסענעם קרײַז: „גע־וואָלט אים פאַרשטעלן... אים... צו אים האָט זי זיך געוואָרפן, און איך בין אויך געשטאַנען פּונקט אַזוי ווײַט פון איר, אויך צוויי שפּאַן, אָנדערהאַלבן..." און מאָדנע איז עס געווען, דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט, וואָס עס האָט זיך אים אַנטפּלעקט, וואָס האָט דורך אַלע שווערע פאַרדראָסן אי ניט צו באַגרײַפן ווי־אַזוי, פאַרוואָס — געפרייט: „אָט דאָס איז טשאַרנע, דאָס איז איר ליבע".

מיט אַלעם אַנדערן, וואָס עס האָט זיך דאָ געטאָן, האָט זיך באַשעפטיקט זעמליאַניצין. ער האָט אָפּגעשיקט סיאָמע סלאַוווטען מיט דרײַ אויטאָמאַטלער אין וואַלד — אַ קוק טאָן, ווי ער האָט געזאָגט, וואָס אַרום קומט פאָר; ער האָט געהייסן שירקאָוון איבערבינדן איינעם פון די אויטאָמאַטלער, וואָס איז פאַרוווּנדעט געווען אין קאָפּ; ער האָט באַגעגנט און דורכגעשמועסט זיך מיט עטלעכע ציווילע, וואָס זײַנען, באַוואָפנטע, אָנגעקומען פון וואַלד און געבראַכט צו טראָגן אַ פאַרוווּנדעטן. באַלד האָט ער, זעמליאַניצין, שוין מיטגעטיילט דעם גענעראַל און דאַניִעלן:

— געוועזענע פּאַרטיזאַנער. מע ראַמט דאָ אויס איבערגעטאָנענע פּריצן.

טשאַרנען האָט מען אַוועקגעלייגט אין יאַסענעווס „ווויליס" אַף צוויי ברעטלעך, אַראָפּגענו־מענע פונעם בריקל. אין ענגן קוזאָוו איז געבליבן אָרט בלויז פאַר פראַניען. יאַסענעוו מיט די אַנדערע צוויי פאַרוווּנדעטע האָט זיך געזעצט אינעם „ווויליס" פון דער וואַך. דאַניִעל האָט געמיינט בלײַבן דאָ נאָך אַ ביסל, יעדנפאַלס, ביז עס וועט זיך אומקערן איינער פון די „ווויליסן", קעדיי פאַרנעמען אַלעמען, נאָר זעמליאַניצין האָט פאַרגעלייגט:

— פאָרט עפּשער אויך, כאַווער פּאָלקאָווניק. איר האָט דאָך געקליבן זיך...

דאַניִעל האָט דאַפקע אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס, וואָס ער האָט זיך געקליבן דערוויסן אין ליובאַטש, וואָלט ער זיך קאָנען דערוויסן בײַ די פּאַרטיזאַנער, נאָר עפּעס האָט געשראָקן אָט דער געדאַנק. עס האָט זיך געוואָלט אָפּציִען די צײַט, און ווײַל יאַסענעוו האָט, כאָטש צעשטרייט, נאָר געזאָגט: „פאָר, דאַניִיל זאַכאַראָוויטש, מע וועט דאָ אָן דיר, אָן דיר..." איז עס שוין אויס־געקומען, ווי אַ באַפעל, און ער האָט געפאָלגט.

פּאָן גלייעוויץ האָט דערזען ראָגאָושן און פאַרשטאַנען: אַ דורכפאַל. צי האָט סטעפּע יאָ אָדער ניט אַ שײַכעס צו דעם, מיסטאָמע יאָ, ס'אַ קאַפּקאַן, מע דאַרף אומבאַמערקט און וואָס גיכער אַרויסרײַסן זיך פון אים, און דער געסטאַפּאָוועץ איז דאָ ניט נייטיק. נאָר וואָס זשע,

אנטלויפן פון אים? שפעט. זאָגן: דו אין איין זײַט, איך אין א צווייטער, אָנמערקן, ווו מע וועט זיך באגעגענען, זאָל זײַן פון יענער זײַט כוטאָר לאָווטשי, דאָרט סטאַרטשעט ערגעץ דער קוימען פון א סמאָלאָקורניע, עס קאָן זײַן דער אָריענטיר, איז ער א גוטע פריטשעפּע, וואָלפגאנג. גיין, מע דאַרף פּאַשעט גיין, לויפן, וווהין די אויגן טראָגן, ארויס, פאַרשטייט זיך, פונעם האלבן קרײַז, וואָס האָט זיך אָנגעמערקט, ווו די שיסערײַ הילכט, און ווײַטער —עפּשער וועט גאָר וואָלפגאנג אליין אָפּשאַרן זיך.

באשטימט אָט דאָס, האָט פאָן גלייעוויץ אפילו ניט געגומען ווארטן, דער געסטאַפּאָוועץ זאָל צוקומען, מע זאָל אים קאָנען עפּעס פרעגן, — גאנץ מעגלעך, יענער ווייסט אליין גאָרנישט, — אוועק צוריק צום קאָטשקעדיקן טאָל, נאָר באלד געכאַפּט זיך, אז ארויס אָף א הוילן פלאַץ טאָר מען אויך ניט, בעסער האלטן זיך באַם ראַנד פון וואלד, כאָטשבי צווישן די קוסטעס. ראַגאַוש האָט אים גיך דעריאָגט, און ווײַל דער געסטאַפּאָוועץ האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, פּאַשעט געהאלטן זיך עטלעכע טריט הינטן, איז קלאָר געווען — אזוי וועט עס שוין זײַן, מע איז אינצווייען.

נאָר אָט האָט זיך ווידער אָנגעהויבן א בלאָטע. זי האָט פאַרצוימט דעם וועג. געווען איז זי אי רעכטס, אי לינקס, ווער ווייסט, אין וועלכער זײַט זי ענדיקט זיך שנעלער. עס האָט א בליץ געטאָן אין קאָפּ: „דער טשאַרטאַראַי!” בלאָטע האָט זיך געזען בלויז א צען טריט פאָרויס, ווײַטער האָט דער שניי געשאָפן א דורכויסיקע דעק, אָבער נאָך ווײַטער — שווארצע פליאַמעס, פאַסן — וואסער, זינק־באָדן. טאַקע דער טשאַרטאַראַי. פלוצעם, גאָר נאָענט — עטלעכע שאָס. די קוילן האָבן אפילו דורכגעפײַפט, עפּעס האָט קורץ אָפּגעדונערט אין וואלד — א גראַנאַטע. דאָס אַלץ — רעכטס. האָט פאָן גלייעוויץ זיך א וואָרף געטאָן לינקס. און דאָ — א קלאָדקע איבער דער בלאָטע, איבערן זומפּ. פּאַשעט א גליק. ס׳הייסט, דאָס פּאַשעטע, צי דאָס גליק איז עפּשער באשטאנען אויך אין דעם, וואָס פאָן גלייעוויץ האָט באלד, נאָך אין לויף, זיך געכאַפּט: די צווי שמאָלע בערווענעס, דורכגעלייגטע איבער דער בלאָטע, און ווײַטער — ווידער איינע, צווי בערווענעס, שוין איבערן זינק־באָדן, איבער דער וואסער, זײַנען צוגעשאָטן געווען מיט פאַרוועלקטן גראָז, סאָווערן, דאָס אַלץ האָט זיך קוים געמערקט פון אונטערן גאָר שיטערן שניי. בעפּיירעש א פּאַרטיזאנישע קלאָדקע, איינע פון די געהיימע שטעגן זייערע, זומער צי הארבסט האָט מען זי מאַסקירט מיט גרינס. אויב אזוי, האָט מען געדאַרפט זײַן פאָרזיכטיק און דורכלאָזן ראַגאַושן דעם ערשטן. די בערווענעס קאָנען ערגעץ־ווו זיך שוין ניט האלטן פעסט, די מאַסקיראָווקע, נאָס פון רעגן, צי אפילו צוגעפרוירן, קאָן זײַן גליטשיק. און עפּשער — א מינע?.. פאַר דער קלאָדקע האָט ער זיך בעקיוון צוגעבויגן, ארופגעצויגן העכער א כאַליעווע, געדאַרפט האָט עס הייסן, אז ער האָט שיר דעם שטיוול ניט איבערגעלאָזט אין בלאָטע — ראַגאַוש איז אוועק פאָרויס. באלאנסירנדיק מיט די הענט, האָט דער געסטאַפּאָוועץ געמיטן דאָס אָרט, ווו עס זײַנען צונויפגערוקט געווען צווי בערווענעס. דערנאָך — ווו עס איז געלעגן בלויז איינע, און אוועק ווײַטער, איז פאָן גלייעוויץ אויך ארוף אָף דער קלאָדקע. ער האָט געקוקט אונטער די פיס, געזען, ווען ער איז געגאנגען איבער עמעסן שווארצוואסער, די אייגענע אָפּבילדונג, א קורץ־צוגעפלעטשטער איז ער אויסגעקומען מיט די ברייט־צעשפּרייטע הענט, נאָר אין דער זעלבער ווײַלע האָט אים א טאָרע געטאָן כאַפּן א קוק, ווו ראַגאַוש איז — ס׳האָט זיך דערהערט א טרישטשע פון ביימלעך, דער געסטאַפּאָוועץ איז אראָפּגעשפרונגען אָף ז׳ער ערד, און... אַלץ האָט זיך א וואקל געטאָן, דער גרויער הימל, די בלאָטע, דער נאָענטער וואלד־געקנויל. א פלויך. פאָן גלייעוויץ האָט נאָך רעכט ניט פאַרשטאנען, וואָס דאָס הייסט, נאָר ער האָט שוין געוווּסט איינס — א צאָרע. ער איז געזונקען, א גליווערדיקע קעלט האָט אים ארומגעכאַפּט, ווי מיט א רייף, אַלץ העכער, שוין אונטער די פּאַכוועס, און א צווייטע שווערע רייף האָט ארומגעכאַפּט די פיס, און ער האָט אַלץ ניט געפונען אָף וואָס זיי אָנשפּאַרן. די בער־ווענע, פון וועלכער ער האָט זיך אראָפּגעגליטשט, איז געווען גאָר נאָענט, עטלעכע סאַנטימעטער האָט אים ניט געקלעקט, ער זאָל זיך קענען אָנכאַפּן אין איר מיט די פינגער, נאָר אָט דער מעהאלעך איז געוואַקסן.

— וואָלף! — האָט ער א געשריי געטאָן אויסגעשעפּט, פאַרצווייפלט. — וואָלף, קער זיך אום! און געזען, און פאַרשטאנען: אזא וועט זיך ניט אומקערן. ראַגאַוש האָט דאַפּקע זיך אומגע־קוקט, נאָר אוועק ווײַטער.

האָט ער ווידער אויסגעשריגן, ווען דאָס וואסער האָט שוין א כליופּע געטאָן בא די ליפּן און ער האָט דערפילט קאַלטע ערד־ביטערניש אָף די ציין, אפּן צונג:

— וואָלף, איך וואָלט אויך אזוי געטאָן, וואָלף! זײַ פאַרשאָלטן! א שאָד, וואָס דו קאָנסט דאָס טאָן, א שאָד... הימל־קרויץ!..

מער האָט אפּן טשאַרטאַראַי זיך ניט געהערט קיין געשריי.

4

דאַניִעלס דיוויזיע, ווײַל זי האָט די ערשטע אין יאַסענעווס אַרמיי פאַרנומען דעם פלאַצדאַרם אַפן רעכטן ברעג פון דניעפער, און דערבײַ נאָך אַפן לינקן פלאַנג, איז, בײַס ס'האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט דער פאַרטראַכט, אַז דער הויפט־קלאַפ אַף קיִעוו ווערט דערלאַנגט פון צאָפן, איבערגעגעבן געוואָרן דער שכײנעסדיקער אַרמיי, קעדיי בעסער זיכערן דעם „סטיק”, דאָס אָרט, ווו די צוויי אַרמייען זײַנען זיך צונויפגע־קומען — אַלעמאָל איז אַזאַ אָרט דאָס סאַמע פילבאָרע. געטאָן האָט מען דאָס, נאַטירלעך, צײַטווײַליק, ווי בײַס די שלאַכטן בײַ קורסק, נאָר דערווײַל, ווען קיִעוו איז באַפרײַט געוואָרן, איז די דיוויזיע געבליבן בײַם שאָכן, און יאַסענעוו האָט פון צו מאָל צו מאָל געקלונגען דאַניִעלן, און ווען, אויסקומענדיק ניט ווײַט, אַראָפגעכאַפט זיך צו אים אַפן קאָמאַנדע־פונקט. כוץ דער שטענדיקער פרײַנטשאַפט און דער שטענדיקער זאָרג: „ווי איז דאָרט?” — האָט געווירקט נאָך עפעס: מע איז געווען ניט אַזוי ווײַט פון ליובאַטש און פון קיִעוו, אַ סאַך האָט געדאַרפט אַנטפלעקן זיך פאַר דאַניִעלן, פאַר טשאַרנען, הייסט עס, אויך פאַר יאַסענעוון.

געוווסט האָט מען — דאַניִעל האָט זיך דאָס דערוווסט פאַר דעם, ווי די דיוויזיע האָט פאָרסירט דעם דניעפער, יאַסענעוו — אויך דעמלט, אַז לאַבאַדאַס אָטריאַד האָט ערגעץ איבערגעוואַנדערט; דער אַלטער, וואָס איז אַריבערגעשווומען דעם דניעפער, האָט דאָס דערציילט אין אויסשפיר־אָפטייל פון אַרמיי. איצט האָט יאַסענעוו אין שטאַב פאַר פאַרטיזאַנער־באַוועגונג פון ערשטן אוקראַיִנישן פראָנט זיך דערוווסט שוין, אייגנטלעך, אַלץ: לאַבאַדאַ האָט סאַף סענטיאַבער, ווען די שלאַכטן פאַר קיִעוו האָבן זיך אָנגעהויבן, איבערגעלאָזט אַרום ליובאַטש בלויז קליינע אָפעראַטיווע גרופעס, און מיטן גאַנצן אָטריאַד, וואָס איז זיך צעוואַקסן, געמאַכט אַ רעיד אין די וועלדער, וואָס זײַנען אויסגעקומען קעגן דעם ליוטיעזשער פלאַצדאַרם — דעם סאַמע נאָענטסטן צו קיִעוו. איז ווו זשע האָבן געקאָנט זײַן שוניע און נאַטאַשע, און אפילו ראַזטשעפקין, — אויך ער איז אָנגעגאַנגען, — מיסטאָמע דאָרט, ווו דער קערן פון אָטריאַד.

יאַסענעווס אַרמיי און דאַניִעלס דיוויזיע, ווי בכלל די טיילן, וואָס האָבן געשאַפן דעם ווײַטן צאָפנדיקן פלאַנג פון דער קיִעווער גרופירונג, האָבן די אַלע טעג, אין רעגן, אין נעפל געפירט שווערע אָנגריף־שלאַכטן אין פאָלעסיע, צווישן בלאָטעס, וועלדער, אַף צעקוואַציעטע וועגן, אָפגעשלאָגן קעסיידערדיקע קאָנטראַטאַקעס, וואָס דער סוינע האָט פאָרגענומען, אַגעוו, אויך קעדיי זיכערן זײַן קאָנטער־אָנגריף אַרום זשיטאָמיר — אַ פאַרצווייפלטן, אַ פאַרביסענעם, — דערפאַר איז גאָר ניט לײַכט געווען אויסרײַסן אַ מעסלעס, סײַ יאַסענעוון, סײַ דאַניִעלן, קעדיי אַראָפכאַפן זיך קיין ליובאַטש, קיין קיִעוו. אָבער דאָ איז אונטערגעפאַלן אַן אָנגענעמענע געלעגנהייט: אַ גרויסע גרופע שלאַכטלײַט און קאָמאַנדירן פון יאַסענעווס אַרמיי, וואָס האָבן פאַר פאָרסירן דעם דניעפער באַקומען דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, און, הייסט עס, פון דאַניִעלס דיוויזיע אויך דאָס זעלבע, זײַנען אַרויסגערופן געוואָרן קיין קיִעוו, ווו מע וועט זיי איבערגעבן די באַלוינונג. צווישן די באַלוינטע זײַנען געווען יאַסענעוו און דאַניִעל. די פרייד איז שוין איבערגעלעבט געוואָרן מיט אַ קליינער צײַט ביז דעם, איצט איז פאַר־געשטאַנען דערפילן זי מאַמאָשעסדיק. זײַן אין קיִעוו האָט מען געדאַרפט מאָרגן צוועלף באַטאָג, די גאַנצע גרופע, דערין שטשוסיעוו, לעמעכאָוו, וויכאָרעוו, סאָוטשענקאָ, קאַראַטײַ, איוואַלגין, שעמעט וועלן טאַקע קומען מאָרגן. יאַסענעוו און דאַניִעל — מאַכמעס די סיבעס, וואָס זײַנען באַוווסט געווען, און זעמליאַניצין, אויך אַ באַלוינטער, מאַכמעס דעם, וואָס ער האָט געאײַלט אין שטאַב פון פראָנט אַף קאָמאַנדירן־קורסן, זײַנען אַרויסגעפאָרן פריִער קימאַט אַף אַ מעסלעס. דעם ערשטן אָפשטעל האָט מען געמאַכט בײַם טשאַרטאָרײַ. אָט ווי דאָס אַלץ האָט פאַסירט...

פאַוועל אַלעקסייעוויטש איז אומגעגאַנגען אין הויף פון שפיטאָל, אַפן שטעגעלע צווישן די לײַכט־פאַרשנייטע ביימער, די הענט אַף הינטן, דעם קאָפ אין דער פאַפאַכע אַראָפגעלאָזט, און די זאַווערוכע, וואָס איז ניט שטאַרקער, נאָר אויך ניט שוואַכער געוואָרן, האָט אים אַלעמאָל פאַרדרייט אין אַ נעפלדיקן שניי־געווימל. דאַניִעל האָט געקוקט אַף אים דורכן פענצטער פונעם וועסטיביול — געבליבן דאָ וואַרטן, אי ווײַל אין דרויסן, אי טאַקע מיטן גענעראַל, וואָס איז טיף באַצאָרנט, האָט זיך ניט געוואָלט אומגיין, בעסער אים איבערלאָזן איינעם אַליין, אי ווײַל עס האָט זיך געטראַכט — עפשער וועט מען אַ רוף טאָן, עפשער וועט מען זיך וועגן עפעס דאַרפן אָן אײַצע האַלטן. און אַזוינס אויך — פריִער מיט עטלעכע רעגעס זיך דערוויסן דאָס, וואָס מע האָט זיך געקענט דערוויסן; אויב באַרויִקנדיקס, פריי־דיקס — איז גוט, און אויב עפעס אומרויִקס, שווערס, — איז זאָל ער זײַן דער ערשטער, אופנעמען

עס פון אָנהייב אַליין און ווי־עס־איז קאָנען פאַרלײַכטערן דעם קלאַפּ, וואָס וועט דאַרפן טרעפן יאַסענעוון. דער גענעראַל האָט עס איסגעטײַטשט פּאַשעט און פאַרשטאַנען פּאַשעט, סײַ דאָס אומגיין אין הויף, סײַ דאָס וואַרטן אין וועסטיביול:

— וואָס קאָנען מיר מיט דיר טאָן, דאַני׳ל זאַכאַראָוויטש, זאָלן זיי שוין אַליין, די דאָקטוירים. אַליין. און פּראַניע איז דאָרט, פּראַניע מאַרקאָוונע.

פּראַניע... עפּעס איז בא איר מיט דער האַנט אויך ניט גאָר וואַזשנע. ווען זי איז אַראָפּ פונעם „ווילים", האָט זי שוין די האַנט געהאַלטן אַפּן רימען, וואָס איז אַראָפּגענומען געוועזן פון שינעל און א צונויפגעשפּיליעטער געהאַנגען אַפּן האַלדז. ווי זי קומט אַהער, איז פאַר־שטענדלעך — טשאַרנע האָט זי מיטגענומען, מע איז באַפרײַנדעט, און טאַקע פּאַרוואָס ניט מיטפאָרן — א ליובאַטשער. אין דיוויזיע, וווהין יאַסענעוו איז נאָך אים פאַרפאָרן, איז פּראַניע ניט אַרויס פון דער מאַשין, טשאַרנע איז, עמעס, אויך ניט אַרויס — אַלץ האָט געדויערט מינוטן, מע האָט שוין געוואָרט אַפּן גענעראַל־לייטענאַנט, נאָר פונדעסטוועגן, עפּעס האָט עפּשער געשטעקט אין דעם, וואָס ס׳איז גאָרנישט ניט געזאָגט געוואָרן. טשאַרנע האָט דורכן אָפּענעם טירל אים א מאַך געטאָן מיט דער האַנט — טשאַרנע, און מע איז אַוועקגעפאָרן... מיט פּראַניען האָט ער געהאַט א שמועס אַן ערעך סאָף אָקטיאַבער, אַפּן פּלאַצדאַרם. ס׳איז אָנגעקומען דער „אוקאַז", ווו ס׳איז געמאָלדן געוועזן, אַז ער און נאָך אַנדערע זײַנען העלדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד. איז זי געקומען אים באַגריסן. ניט קיין גרינגע יאַזדע האָט עס געמוזט זײַן — איבערן דניעפּער, באַנאַכט. דערקליבן זיך צום קאָמאַנדע־פּונקט קאַיאַר. שירקאָוו האָט אים אָפּגעוועקט, אַרײַנגעפירט זי אין ערדשטיבל און איז ערגעץ אַוועק. דערנאָך האָט ער גאַנץ טאַמעוואַטע געזאָגט: „אַוועק דערשלאָפן די נאַכט". א ביסל קימערט עס... נאָר מיילע, וואָס האָט זי געזאָגט, ווען מע איז שוין געגאַנגען צוריק צום דניעפּער — עפּעס האָט זי געזאָגט אַזוינס, וואָס איז געווען אי דער סאַכאַקל פון אַלץ, אי עס קאָן הייסן — א נײַער אָנהייב:

— פון זינט איך געדענק דיך רעכט, ביסטו געווען מײַן העלד. איצט איז מײַן שטאָלץ — אַזאַ ביסטו טאַקע. און וואָס ביסט ניט מײַנער, נעם איך אויף מיטן גאַנצן האַרצן פאַר גוט. מיר געזעגענען זיך אין א געוויסן זין אַף שטענדיק. וואָס אין האַרצן וועט זיך טאָן — איך ווייס ניט, נאָר מיר געזעגענען זיך. יאָ, דאָס ווייס: איך האָב אָנגעשריבן א בריוו מאַריע אַנטאָנאָווונען און האָב שוין פון איר אַן ענטפער — זי איז מאַסקים. נאָך דער מילכאָמע פאַרנעם איך ביידע מיידעלעך, וואָס דו האָסט געראַטעוועט, צו זיך. דאָס וועט זײַן מײַן מישפּאָכע. מער וועל איך, ווײַזט אויס, קיינעם ניט דאַרפן...

הא, א מענטש טראַכט! און אָט־אָ, ווען ניט אין האַנט, ווען ערגער? און טשאַרנע — ווען כאַטש אין האַנט!..

אין וועסטיביול איז געווען נאָך עמעצער. מע איז אַרײַן, אַרויס. דאַני׳על האָט עס אַלעמאָל קימאַט מעטושטעש אָפּגעמערקט, און אַלעמאָל געטראַכט: „ליובאַטשער, אָט זײַנען זיי. עפּשער אָפּשטעלן, פרעגן, טאָמער ווייסט מען עפּעס, מע געדענקט עפּעס?.. אָט עס, שפּעטער!"

איינער מיט א הילצערנעם פוס איז געזעסן אין וועסטיביול, דערוואַרט זיך גאַנץ שנעל אַף עמעצן, וואָס איז אַרויס פונעם אינערלעכן שפּיטאַל־קאָרידאָר, און מע איז אַוועק אין הויף. אַן עלטערע פויערטע מיט א מיידעלע פון א יאָר אַכט איז געקומען, צוגעזעצט זיך אַף א באַנק. וואָס נעמען פרעגן?

נאָך א פויערטע, שוין ניט קיין יונגע, מיט א פּיצל, פאַרוויקלט אין א קאָלדערקע און אין א שאַל. די דאָזיקע האָט זיך באַגריסט — סטאַם אַזוי, מענטשן, פאַרדײַגעט, נאָר אופּ־מערקזאַם עטלעכע מאָל אַײַנגעקוקט זיך אין דאַני׳עלן, געפרעגט עפּעס יענע, וואָס האָט מיטן מיידעלע געוואַרט פון פריִער. געלאָזט דאָס פּיצל ליגן אַף דער באַנק, פונדערלײַכט א פאַנאַנדערגעוויקלטס, איז די, וואָס איז ערשט געקומען, אַוועק צו דער טיר פון אינער־לעכן קאָרידאָר, געעפנט זי ניט דרייסט און עמעצן דאָרט הויך געבעטן:

— עטליו, עטליו... — ס׳הייסט, רופט אַרויס עטלען.

„עטלען?" — דאַני׳על האָט זיך אָנגעשפּיצט: ס׳זאָל זײַן, עמעצער האָט זיך שוין אומגע־קערט, צי ביכלאַל געבליבן אין ליובאַטש?

פון קאָרידאָר איז אַרויס א יונגינקע, א דינינקע, פאַרצויגן אין א ווײַסן כאַלאַט, מיט אַן אָנגעקראָכמאַלעטער קאָסינקע אַפּן קאָפּ, א בלאָנדע.

— אוי, — האָט זי אויסגערופן דאַנקבאַר, דערפרייט און פאַרלוירן, — אוי, מומע מאַטריאַ! די הויט ברענט אַף מיר, איך ווייס דאָך — צײַט, ער קער שרײַען, און אַוועק קאָן איך ניט, עטלעכע אָפּעראַציעס, איר ווייסט אַוודע...

— איך ווייס, פאַרשטייט זיך, אז איך ווייס, — מאַטריא האָט בלויז מיט די אויגן, מיט א מינע אפן פאַרשמאַכטן פּאָנעם, וואָס האָט זיך א ביסל אויסגעצויגן, געפרעגט: „ווי איז דאָרט?" — די יונגע האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל, און מאַטריא האָט פאַרגעזעצט, — געשריגן האָט ער ווי עס דאַרף צו זײַן, נאָר אז איך בין מיט אים ארויס אין דרויסן — שאַ, ווי שיקער געוואָרן, און אָט־אָ — אַלץ שאַ!

די יונגע איז דורכגעגאַנגען נאָענט לעבן דאַניעלן, און ער האָט באַמערקט: שיטערע קלײנדלעך אפן קורצן נעזל, אף די שוואַך־ראָזלעכע באַקן, מיסטאָמע א יאָר נײַנצן, און שוין א מאַמע, און ווער ווייסט, וואָס ס'איז איבערגעלעבט געוואָרן.

— עטליא, צעטאָרע אים גוט, מישקען, — האָט מיט שטרענגער צערטלעכקײַט געזאָגט די פּויערטע, ווען די יונגינקע האָט שוין גענומען דאָס קינד בלויז אינעם קאָלדערקעלע אף די הענט, צוגעזעצט זיך אף דער באַנק, פאַנאַנדערגעשפּיליעט דעם כאַלאַט און אָפּגעקערעוועט זיך אין ווינקל, — צעטאָרע אים, ער זאָל זיך אָנעסן.

— גוט, גוט, מומע מאַטריא, — דאָס איז שוין געזאָגט געוואָרן שטיל, פאַרטאָן אין דעם, וואָס איז הוילע מוטערשע גוטסקײַט, גליק און זאָרג.

דערווײַל האָט מאַטריא גענומען ריידן שוין ניט צו עטלען, אזוי ווי צו אַלעמען אין וועסטיביול, נאָר דאַניעל האָט פאַרשטאַנען, אז דעריקערשט מיינט זי אים, דעם קאָמאַנדיר:

— אזא זאַך! גאָר פאַשיסטן אין וואַלד, באַם טשאַרטאָראַי! נאָך גוט, וואָס מע האָט אונדזערע כעוורע, מענטשן זאָגן, ארויסגערופן אף הײַנט אינדערפרי אין וואָיענקאָמאַט, זען, ווער עס טויג פון זיי, פון די פּאַרטיזאַנער, פאַר דער ארמיע, און מע האָט נאָך דאָס געוועהר ניט אָפּגעגעבן, איז ווען זי איז געקומען צו לויפן, די דאָזיקע, א היגע האַלט מען, א לערערקע צי א לערערס טאָכטער, און דערציילט וועגן די, וואָס באַהאַלטן זיך אין דער געדיכטעניש, האָט מען געכאַפּט עטלעכע פורן און — אין וואַלד ארײַן. ליאַליעטשקאַ האָט געפירט. איצט הער איך — פאַרוווּנדעטע, טראַכט איך, מײַן גראַסקע, גראַסים פּעטראָוויטש, איז טאַקע מיט אַלעמען לעבן קיִעוו, נאָר ווער ווייסט, ער האָט איבערגעגעבן, אז ער דאַרף זיך אומקערן הײַנט־מאָרגן, האָט ער עפּשער זיך אונטערגעכאַפּט צום סאַמע הייסן?.. און אַרקע דײַנער — דאָס זעלבע... ניטאָ!

די יונגע האָט זיך אומגעקוקט, באַוויזן מיט א שאָקל פון קאָפּ, אז — ניטאָ.

דאַניעל האָט אָפּגעמערקט: „אַרקע". ווער זשע איז מען עס: אַרקע, עטל? ביכלאַל איז די געשיכטע, וואָס מאַטריא האָט דערציילט, טאַקע צוליב אים דערציילט, איצט קלאָרער געוואָרן, איידער אין וואַלד. דאָך האָט ער באַשטימט דערווײַל גאָרנישט ניט פרעגן — הערן.

עטל האָט געענדיקט האָדעווען, אוועקגעלייגט דאָס קינד אף דער באַנק, און ניט צעוויקלענדיק עס גאָר, אונטערגערוקט דעם א טרוקענע פּעלישקע, וואָס מאַטריא האָט דערלאַנגט. דאָס קינד, ביז די מאַמע האָט זיך געפּאָרעט, האָט א זאַטס, א שלעפעריקס געראַסטעטע זיך, געצויגן די באַפּרײַטע הענטלעך, געקרימט זיך, נאָר ניט געכניקעט, און באַלד איז עס ווידער סטאַטעטשנע געלעגן שוין פאַרוויקלט אינעם קאָלדערקעלע. די יונגע האָט געקליבן זיך אוועק, זי האָט, קענטיק, זייער געדאַרפט אוועק, נאָר מאַטריא האָט נאָך א פּעפּס געוואָלט דערציילן — איר צי אַלעמען, האָט זי כשיועדיק צוגעוואַרט.

— און לידע, ווי איך פאַרשטיי, ווען מע ברענגט איר אזוי דאָס פּאָרל, וואָלט עפּשער ניט ארויס אהער? זי איז דאָך אַלעמאָל אף אָפּעראַציעס — אין וואַלד און דאָ... דו, עטליא, כאַפּסט אָן עמער אף ארויסטראָגן און ביסט שוין אין דרויסן. איז גיב איר דאָרט א שעפּטשע, לידען: איך בין אהערצוועגס ארײַן צו דער בילעטשעכע, א קוק טאָן, וואָס די קליינע טוען. מע איז דאָך ניט ווי מישקע. מע סמאָקעט פון שמאַטקעלעך צו שטיקלעך אָנגעוויקט ברויט, א לעפל באָרשטש האָט די בילעטשעכע אויך זיי אָפּגעשטעקט הײַנט. נישקאָשע.

איצט האָט שוין עטל טאַקע געמוזט אוועק, און כאָטש באַ דאַניעלן האָט עטלעכע מאָל א טיאַכקע געטאָן דאָס הארץ, האָט ער בלויז שווײַגנדיק צוגעקוקט, ווי זי פאַרמאַכט היבטער זיך די טיר. וואָס אָבער האָט ער געפּוילעט באַ זיך — צוגעגאַנגען צו מאַטריען און געפרעגט:

— איר זאָגט — אין וואַלד. איר זענט אויך געווען אין וואַלד?

— וואָס הייסט — געווען? איך בין דאָך א לעסניטשקע, אַלע יאָרן אין וואַלד. ווער קען דאָ מײַן גראַסימען ניט? נאָר איר זאָגט — געווען, מיינט איר דאָך... געווען, כאָווער קאָמאַנדיר, אָנגעווען זיך! גראַסקע מײַנער איז, האָט קיין פּאַריבל ניט, אזא, וואָס מישט זיך... אָט האָט ער דאָך עטליען אויך געהאַט אראָפּגעבראַכט דעמלט, וואָס ווען עמעץ זעט, וואָלט מען אונדז, מיט די קינדער, מיר האָבן אייגענע צוויי, אף איין סוק אופגעהאַנגען...

נאָר מיילע, דאָס איז א מענטשלעכע זאַך. אָבער אז מע האָט שוין אָט דאָ ניט לאַנג אַף אונדז טאַקע אָנגעוויזן, און מע האָט פאַרברענט די שטוב, זײַנען מיר אַוועק אין טשאָרטאָראַי, אין דער לעצטער מינוט אַוועק, נאָך א גליק, וואָס דער טשאָרטאָראַי איז באַנאַנד. מע האָט אונדז געזוכט מיט הינט, און מיר זיצן ביז די העלדזער אין בלאָטע... אָנגעוועזן זיך! און איצט — אָן א כאַטע, גאָר באַ עטליען וווינען מיר. איר שטוב איז דאָ געבליבן שטיין, איז — פאַרליאַמפּיטשעט ווי־ניט־איז, פאַרשטעקט די לעכער, און — א ווינעכץ. נישקאָשע.

דאַניעל האָט געדולדיק (ער האָט באַנומען, וואָס פאַר א געדולד דאָס איז — מיטגעפּיל און פאַרדראָס) אויסגעהערט דער וואַלד־אופזעערנס גאַנץ לאַנגע רייד, געלאָזט זי איבערכאַפּן דעם אָטעם, אומקוקן זיך אַפן קינד, וואָס האָט זיך א דריי געטאָן אינעם קאָלדערקעלע, און ווען זי האָט שוין גענומען דאָס קינד אַף די הענט, אָנגעהויבן ווידער ארומוויקלען עס מיט דער שאַל, האָט ער געפרעגט:

— עפּשער האָט איר באַגעגנט אין וואַלד צי געהערט פון אַזאַ — נאַטאַשע קרעמעז?

— נאַטאַשע? — באַ מאַטריען האָט פלינק, מיט א שאָטנדל פון זאָרג אָדער טרויער עפּעס א פלאַטער געטאָן אין די שווארצאַפּלען, אין די גרויסע אויגן, — נאַטאַשע — האָב איך געקאָנט הערן און ניט הערן, איך געדענק ניט. נאָר — קרעמעז... עטליען וואָלט איר דאַרפן פרעגן, זי וועט אײַך דערציילן וועגן מיכל קרעמעז. דאָס האָט ער דאָך זי געראַטעוועט אין טשאָרטאָראַי, ווען מע האָט אַלעמען געטרונקען. ער האָט זיך געהאַט אָנגעכאַפּט אין א בערוועגע, דער אַלטער, א מוליער, איך געדענק אים גוט, אָנגעכאַפּט זיך און שוין ניט ווײַט פונעם צווייטן ברעג א שטופּ געטאָן די בערוועגע עטליען, וואָס וואָלט זיך אונטער־געטוקט אין דער בלאָטע. איז זי דאָ, עטליע, און מישקע אירער, א וואַלדישער, איז נאָכן מוליער א נאָמען.

דאַניעל האָט זיך געפלײַסט אײַנהאַלטן דעם ציטער, וואָס איז אים דורכגעלאָפן איבערן פּאָנעם, נאָר דאָרט, ווו ס'איז דער שראַם אַפן קין, האָט ער בוילעט דערפילט סײַ א צוק, סײַ א ווייטעק. ער האָט נאָך געוואָלט פרעגן אַף דער מאַמע, נאָר וואָס איז געווען דאָס פרעגן? „אַלעמען"... דער מאַמע וואָלט קיין בערוועגע ניט געהאָלפן, און דער מומע סטערע — אַוודאי.

מאַטריאַ האָט געזען, אַז עפּעס קומט מיט אים פאָר, האָט זי געזאָגט אײַליק, ווי זי זאָל וועלן, עס זאָל זײַן עפּעס א טרייסט, צי גלאַט ניט אָפּשטעלן זיך באַם סאַמע ביטערן:

— מענטשן דערציילן וועגן יענעם מיכעלן, אַז ער האָט עפּעס אַזוינס אָפּגעטאָן, זײַענ־דיק אין לאַגער. מע האָט אים געצווונגען אויספלאַסטערן מיט מאַצייוועס דעם פּלאַץ פאַר דער קאָמענדאַטור, איז האַלטן ־מענטשן, אַז עס שטעקט אין דעם זײַנע א רעטעניש. דער אַלטער טאַנאַגאַז, געווען באַ אונדז אַזאַ, האָט עס דערציילט דער טאָכטער, לידען, און לידע האָט עס אַנומלטן דערציילט באַ עטליען, באַ אונדז אין שטוב. איר האָט מיסטאָמע געהערט, איך האָב געזאָגט — לידע. זי אַרבעט דאָ. און וואָס איר פרעגט וועגן נאַטאַשע קרעמעז, איז ווארט נאָר, ווארט, עפּעס האָט זי אויך וועגן נאַטאַשען דערציילט, — און שוין מיט כשאַד, אויך מיט צוגעלאָזטקײַט און אומרו, — איר זעגט... איר האָט עפּעס א שײַכעס צו יענער נאַטאַשען?

דאַניעל האָט געזען, און ס'האָט ווייטעקדיק א נאַיע געטאָן דאָס האַרץ, — זי האָט וואָס צו זאָגן, נאָר זי צווייפלט, האָט ער מיט א קיוון זיך אָנגערופן:

— מע האָט מיך געבעטן דערוויסן זיך וועגן איר.

— אַזוי? אַלץ וואָלט, פאַרשטייט זיך, קאָנען דערציילן יענע לידע, צי עטליע, איר וועט זיי עפּשער פרעגן. נאָר דאָס האָט לידע טאַקע געזאָגט: ווען מע האָט געכאַפּט אַף צוריקוועגס פון וואַלד אונדזער בורגאָמיסטערס טאָכטער וואַליען, גראָד ניט אַזאַ, ווי דער טאַטע, האָט מען געכאַפּט אויך און פאַרבומען קיין קיעוו נאַטאַשעס מאַמע...

ווײַטער האָט שוין דאַניעל גאָרנישט ניט געהערט, גאָרנישט ניט געפרעגט. ער האָט זיך אָפּגעקערעוועט צום פענצטער, ניט באַמערקט, ווען די לעסניטשקע איז אַוועקגעגאַנגען, ניט געזען זי אַפילע רעכט דורכגיין אין הויף, בלויז א געהויקערטער שאָטן מיט א פאַרוויקלט קינד אַף די הענט איז דורכגעשווומען אין צוויכערטן שניי. און יאַסענעוו איז אַלץ אומגע־גאַנגען הין און צוריק, אויך ניט אַזוי שטאַרק פאַרוועבט אין שניי־געווימל, נאָר פאָרט — א שאָטן... אַזוי איז געווען לאַנג צי ניט לאַנג, ביז דאַניעל האָט דערפילט א לײַכטן טאָרע אין אַקסל: פראַניע. זי איז געווען בלאַס, די אויגן צוגעשוואָלן. די לינקע האַנט — אַף א בענדל. דער שינעל — אָנגעוואָרפן אַף די אַקסל, און אונטער דעם שינעל — א ווײַסער כאַלאַט. „זי איז דאָרט געווען", — האָט פאַרשטאַנען דאַניעל.

— דאָס בעסטע, אַף וואָס מע האָט געקאָנט האָפן, האָט זיך באַשטעטיקט. ווען צוויי מילימעטער נידעריקער... איך האָב שוין גערעדט מיט איר. אָן־אָ גייט דער כירורג.

דאַניעל האָט געשוויגן, געקוקט אַף פּראַניען, אָפּן כירורג — א הויכן, א קרעפּטיקן מאַנצבל. דער דאָקטער איז אַוועק צו דער דרויסן־טיר, געעפנט זי, מיט ביידע אופגעהויבענע הענט געמאַכט א באַרויקנדיקן זשעסט צו יאַסענעוון, צוגעוואַרט באַם שוועל, ביז דער גענעראַל איז צוגעקומען. זיי האָבן גערעדט ניט הויך שוין בא דער צוגעמאַכטער טיר, און פּראַניע האָט אויך געזאָגט ניט הויך:

— איך בין דאָך געפאָרן, דאַניעל, בלויז ביז ליובאַטש. פונדאַנען האָב איך זיך געדאַרפט ווי־עס־איז אומקערן. וועל איך זיך אומקערן. איך ווינטש דיר, אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג, ווי אַמבעסטן... ווערסט דאָ נאָך זיין א ביסל, ווערסט זיך פּרווון דערוויסן?

— רוף אַרויס די מעדשוועסטער לידען, — האָט ער געבעטן, — פאַראַן דאָרט אַזא, לידע טאַנאַגאַ.

5 יאַסענעוו, אַזוי ווי ער האָט אין קיִעוו געדאַרפט זיין ערשט מאָרגן, און דעם רעשט פון טאָג, נאָך דעם, ווי מע וועט זיך אָפּשטעלן באַם טשאַרטאָראַי און אין ליובאַטש, געהאַט בעדייע אויסנוצן אַף צופאָרן מיט טשאַרנען און מיט דאַניעלן אין שטאַב פון לאַבאַדאַס אַטריאַד, אין א וואַלד־יישעוו ניט ווייט פון קיִעוו, זוכן דאָרט שוניען און נאַטאַשען, האָט איצט אָפּגעזאָגט זיך פון דער יאַזדע, באַשטימט נעכטיקן אין ליובאַטש, און דאַניעלן געבעטן, — ס'הייסט, וואָס איז דאָ דאָס בעטן? — אַליין שוין זיין אין אַטריאַד, דערוויסן זיך וועגן אַלץ, צוגרייטן דאָס ייִנגל סיי ביכלאַל צו דער באַגעגעניש מיט דער מאַמען, סיי צו אַזא באַגעגעניש, און אויב עס וועט זיין מעגלעך — אַפּשיקן אים צו אינדער־פרי אַהער. צוליב דעם איז אָפּן גענעראַלס „ווילִיס" מיטגעפאָרן דער אַדיוטאַנט.

דאַניעל האָט גאָרנישט ניט געזאָגט יאַסענעוון, וועגן וואָס ער האָט זיך דערוווסט בא דער טאַנאַגאַ, — ס'איז גענוג געווען פאַר פּאַוועל אַלעקסייעוויטשן זיינס, ניט דערציילט אויך פּראַניען גאָרנישט. ער האָט דערלאָזט, אַז פּראַניע וועט זיך אַליין דערוויסן וועגן אַלץ בא דער זעלבער לידען, בא עטלען צי נאָך בא עמעצן. א טיפע אויסגעשעפּטקייט האָט ער דערפילט, עפּשער דאָס ערשטע מאָל פאַר דער מילכאָמע, און באַנאַנד מיט דעם — א פאַר־לאַנג נאָך אַקשאָנעסדיקער, שוין לאַכלוטן ניט שוינענדיק זיך, טאָן דאָס, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געטאָן אָפּן פּראָנט. וועגן ליאַניען האָט לידע אויך געוווסט — דורכגעפאַלן בייס א שליכעס קיין קיִעוו. שפּעטער, איידער ער האָט געטראַכט, דאַניעל, אַז מיטן זון האַלט ניט גוט. איז געבליבן נאַטאַשע. געבליבן איז א סאַך. אייגנטלעך, איז עס אַלץ, איצט שוין — אַלץ. נאָר אָט טאַקע, ווייל איצט שוין, און אויב אַזוי, האָט ער עפּשער געדאַרפט טראַכטן אויך, אַז ער האָט צוויי מאָל פאַרלוירן אַלץ, און מע קאָן עס קייפלען אויך נאָך עטלעכע מאָל — די מאַמע, דער פעטער, די מומע...

פאַרטיפט אין די דאָזיקע מאַכשאָוועס, איז ער אַרויסגעפאָרן פון שפּיטאָל־הויף. ניט לאַנג פאַר דעם האָבן זיך אומגעקערט זעמליאַניצין, סלאַוווטע און אַלע אַנדערע, מע איז געווען ניט וואָס גאָר אופגעלייגט, נאָר אופגעלעבט — מיט יענע אין וואַלד האָט מען זיך אָפּגעפאַרטיקט, סראָוו האָט אַליין געוואָרפן דאָס געווער. דעם גענעראַל, וואָס איז דאָרט געווען, מע זאָגט, אַז א גענעראַל, האָט מען געפונען א דערטרונקענעם. אונדזערע גרענעצ־לער פון א נאָענטער אַרמיי האָבן זיך אונטערגעכאַפּט מיט שפּיר־הינט, מע איז אַוועק לויט נאָך איינעם־צוויי שפּורן. עס קערן זיך אום אַף זייערע וועגענער אויך די פּאַרטיזאַנער.

אָט דאָס איז מיטגעטיילט געוואָרן דאַניעלן מער באַאריכעס, יאַסענעוון — אין עטלעכע ווערטער; יאַסענעוו איז אַוועק מיטן כירורג, דאַניעל האָט אַלץ אויסגעהערט קאָנצענטרירט, געטראַכט אַזוי ווי בלויז וועגן דעם, און מע איז אַוועקגעפאָרן — צוויי „ווילִיסן", דער דריטער איז געבליבן.

אָפּן פּלאַץ פאַרן ראַיִיספּירקאָם, וואָס מאַטריאַ האָט געזאָגט, אַז דאָרט איז געווען די דייטשישע קאָמענדאַטור, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט — דאַניעל האָט געהייסן. ער איז אַרויס פון דער מאַשין, שטיין געבליבן, אַרומגעקוקט זיך: יאָ, מאַצייוועס, דער גאַנצער קוואַדראַט פון פּלאַץ איז אויסגעפּלאַסטערט מיט זיי. דער ווינט האָט דאָ, אַף דער ראַכוועס, שטאַרקער געטראָגן דעם שניי, פאַרווייעט מיט ווייסן בלויז די שפּאַלטן צווישן די מאַצייוועס און די אויסיעס, די הירשן, די מענוירעס, וואָס זיינען אַף די שטיינער אויסגעהאַקט. שוויַגנדיק זיינען געשטאַנען אויך זעמליאַניצין, סלאַוווטע און נאָך עמעץ, שירקאָוו, אָדינקאָו, וואָס זיינען אַרויס פון די „ווילִיסן", נאָר מע האָט ניט געוווסט — ווער וועט פרעגן? — נאָכוואָס

דאַניִעל איז פּאַמעלעכן ארומגעגאַנגען אַלע פֿיר ראַנדן פֿונעם פּלאַץ. ער איז געגאַנגען, ווײַט ניט אַלץ געלייענט, נאָר געזען — יאָ, עס האָט אַ זין, ס׳איז מיט אַ מיין: פֿיר יאָרהונ־דערטער, קדושים, פּאַרשניטענע אין אייז־צאַרע, און סטאַם מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט זייערע יאָרן, צי ניט גאָר אויסגעלעבט זיי, נאָר ערלעך, געלאָזט אַ שפּור, אַ גוטן שעם אַף שטיין. ער האָט אויך אָפּגעזוכט איינע פֿון די עקסטע — די קרעמעזעס שורע: דער עלטערזיידע — אַ קאַנטאָניסט, דער זיידע, דער טאַטע, ווי אַלע — „איש קאָדויש״, דער טשאַנאָווער אײַזיק, כאַנקע — די ריינע נעשאָמע... אָט אַזוי, און אַף דער ערד — ער, דאַניִעל, און עטל, און מיכלקע, און די, וואָס וואַרטן אָט־אָ — ערלעכע, מוטיקע. אײַ, ער וועט זיי גאָרנישט ניט זאָגן, — וואָס זיי זעען, זעען זיי, דאָס איז אויך גענוג? איז טאַקע — וואָס זיי זעען, זעען זיי, עפּעס זאָגט עס אויך זייערע הערצער...

מע איז אוועקגעפֿאָרן ווײַטער, און דאַניִעל האָט אין זײַן פּאַרקלערטקײַט עפּעס־וואָס ניט באַמערקט, עפּעס־וואָס מיט אַ מיין פֿאַרבײַגעלאָזט. ער האָט געוואָרפֿן אַ בליק אַפֿן געסל, וואָס פֿירט פֿון שאָסיי צו דער שול און ווו ס׳איז קימאַט אין עק געווען זײַן היים, דעם טאַטנס און דעם פֿעטערס יערושע־שטוב. „צופֿאָרן? ע, גענוג!״ — האָט ער געפֿועלט בא זיך, און געהאַט אין זינען — אַפֿן פּלאַץ שוין אין אַלץ דערמאָנט זיך. „אַ קוק טאָן, עפּשער איז וויצעך קאַזימיראָוויטש בא זיך אין פֿליגל? וואָס וועט ער נאָך דערציילן... גענוג!״
וויצעך קאַזימיראָוויטש וואָלט ער גראַד ניט געטראָפֿן, דער אַלטער איז אוועק אין אַ דאַרף נאָך אַליקן, נאָר סטעפּקען וואָלט ער געטראָפֿן — זי האָט פּונקט, ווען די „ווילִיסן״ זײַנען פֿאַרבײַגעפֿאָרן איבערן שאָסיי, זיך אויסגעבאָדן אין אַ באַליע, אָפּגעוואַשן פֿון זיך ווער ווייסט וועלכן שמוץ, און אַ צערויטלטע, האַנאָעדיק אַ פֿאַרטאָנענע, האָט זי טאַקע אַ קוק געטאָן אין פֿענצטער דורכן שפּעלטיקל צווישן צוויי צונויפֿגערוקטע פֿאָרהענגלעך. „מאַשינעס פֿאָרן, אונדזערע, גוט...״ — האָט זי סטאַם אַ טראַכט געטאָן.

און אויך אַזוינס האָט פֿאַרזען דאַניִעל: עפּעס, וואָס פֿאַרגעקומען איז עס נאָך אַפֿן פּלאַץ פֿאַרן ראַיוספּירקאָם. מאַקאַר ליאַליעטשקאָ, וועלכער האָט שוין געקענט אודינקאַנען פֿון וואַלד, האָט זיך צו אים אײַנגעבעטן אין „ווילִיס״. אַרײַנגעזעטסנעט זיך אַן אומגעלומפּערט־הויכער, האָט ער דערציילט: ער פֿאָרט שוין דאָס צווייטע מאָל קיין קיִעוו, מע האָט אַף הײַנט אים צוגעזאָגט ברענגען גענקען. די גאַנצע געשיכטע מיט גענקען און מיט אים אַליין האָט ער ניט דערציילט — פֿאַשעט, מע האָט אויסגעבאַהאַלטן זײַן קינד, פֿאָרט ער זיך זען מיט דעם. דאַך, ווען דעם גענעראַלס „ווילִיס״ האָט זיך אָפּגעשטעלט אין קיִעוו, ניט ווײַט פֿונעם לוקיאַנאָווער מאַרק, שוין פֿאַרנאַכטלעך, און דאַניִעלס שאָפֿער האָט אויך אָפּגעשטעלט די מאַשין, ווײַל מע דאַרף זיך האַלטן צוזאַמען, האָט דאַניִעל מיט שוואַך באַגריפֿענעם אומגעדולד געעפֿנט דאָס טירל, אַ קוק געטאָן אַף צוריק — קיין זאַוועדוכע איז דאָ ניט געווען, צי אײַנגעשטילט זיך שוין — און דערזען: זייער אַ הויכער, אַ סוטולעוואַטער מענטש איז אַרויס פֿון אודינקאַנס מאַשין, אוועק צו אַ נידעריקן טויער און אַן אָנגעפּלעצטע אַלטיטשקע, לעבן וועלכער אַ קליין קינד האָט מיט אַ בעזעמל צי אַ שטעקל זיך געפֿאָרעט אין אַ הורבע שנייַ, האָט מיט אויסגעשטרעקטע הענט אַ שפּאַן געטאָן אַנטקעגן דעם געקומענעם — עפּעס אַ באַגעגעניש...

אַז לאָבאַדאָס אַטריאַד איז שוין ניט אין וואַלד־יִישעוו, נאָר גופֿע אין קיִעוו, און ווו אין קיִעוו, האָט דאַניִעלן געזאָגט לידע. איז מען אוועקגעפֿאָרן אַפֿן סענאַי־מאַרק — טאַקע ניט ווײַט פֿונעם לוקיאַנאָווער, ווו דער אַטריאַד האָט מיט האַקל־פּאַקל פֿאַרנומען אַ היפּשן פּוסטן הויף. אויסגעשפּאַנטע בריטשקעס זײַנען דאָ געשטאַנען, עטלעכע דײַטשישע מאָטאָ־ציקלען, צוגעבונדענע פֿערד האָבן געטאָפּטשעט זיך אונטערן דאַך פֿון אַ שטאַל, וואָס האָט קימאַט קיין ווענט ניט פֿאַרמאָגט, מע האָט די ברעטער אַוודאי צענומען אַף הייצונג. אין די צימערן — צומיינסטנס אײַזערנע אייוועלעך, קאַנעצלעך, שטרוי אַף די נאַרעס און סטאַם אַפֿן דיל; מענטשן, געקליידטע אַזוי, אַז ס׳איז עס גאָר שווער צוטראַכטן, אָבער דעריקערשט — אין דײַטשישן, אונגאַרישן, און דאָס אַלץ ווערט געטראָגן מיט אַ מין העפֿקערדיקער בראַ־ווירונג... מיילע, ניט דאָס האָט אינטערעסירט דאַניִעלן, ער האָט עס בלויז אָפּגעמערקט דורך דער נעץ פֿון זײַנע געדאַנקען, און גערעדט האָט ער מיט די, מיט וועמען עס איז אויסגעקו־מען ריידן, אויך אַ פֿאַרטיפּטעטער אין זײַן ווײַ, זײַן אומגליק, זײַן אומגעדולד — יאָ, עפּשער טאַקע דעריקערשט אומגעדולד, אויסערלעך אַ געצוימטן, אָבער בלויז אויסערלעך... נאַטאַשע קרעמעז, שוניע. שאָוולער? באַלד, באַלד, נאַטאַשע איז ערגעץ אַזוי ווי אוועק, צי זי האַלט זיך דאָ ביכלאַל ניט אוף, זינט מע איז אין קיִעוו, און שוניע, אָן־אַ, אַ געלער, דער ראַדיסט...

שוניע — קיין טראַפּעלע פֿון טשאַרנען, סײַדן עפּשער די קוטשערן, נאָר ניט שוואַרצע, גאָלדענע, און דאָס האַלטן דעם קאָפּ קוים־קוים פּאַריסן, פֿרעגעוודיק־אויפֿמערקזאַם, צי שטאָלץ,

און די אויגן קוקן רויִק, וואַרטנדיק, ווי טשאַרנעס, נאָר ביכלאַל — זעליק שאָוולער, אַן אויסגעגאַסענער, און ניט יענער, וועלכן דאַניִעל האָט צוערשט דערזען אין סאַראַטאָוו, אין רעדאַקציע, נאָר שפּעטער — באַ סטאַלינגראַד, געצייכנט רעגעס פאַר דעם, ווי די באָמבעס האָבן זיך גענומען שיטן פון דער הודזשענדיקער הייך. און עפּשער אַפילו ניט יענער אויך, עפּשער אַזאַ, ווי זעליק שאָוולער האָט געמוזט זײַן, אַקוראַט געוואָרן דאָרט, אין קעלער פון דער צעקלאַפּטער שול, ווו ער האָט, ווי אַלע אַנדערע, מיט קרײַד געכאַסמעט זיך אַף דער וואַנט?

שוניע האָט אופגענומען אַלץ, וואָס דאַניִעל האָט דערציילט, אי מיט געצווימטער פרייד, אי מיט פאַרומערטער באַהערשטקײַט. וועגן טאַטן האָט דאַניִעל אים גאָרנישט ניט געזאָגט — דאָס וועט שוין טאָן טשאַרנע, און עפּשער — יאַסענעוו. דערווײַל גענוג. אָפּגעלאָזט דאָס יינגל מיט אודינקאַנען און אוועקגעיײַלט אַף דער מאַשין שוין דורכן אוונטיקן קיִעוו, אַ כווישעכדיקן, אַ פאַרשנייטן — אַף פּעטשערסק, צו סילינען. נאָך גוט, וואָס שוניע האָט גע־ווּוסט דעם נײַעם אַדרעס נאַטאַשעס, פאַרשפּאָרט זיך טיצען אַף קיִעוו־מאָסקאָווסקי, פאַרלירן דאָרט ווער ווייסט וויפל צײַט. עפּעס אַ פּראָפעסאָר סילין — איינע פון די רעטעניש, וואָס דאָס לעבן גרייט צו, און רעכט, וואָס די רעטעניש וועט אָט־אָט זיך אַנטפּלעקן.

סיאָמע סלאַוווטע איז מיטגעפאָרן, — זעמליאַניצין איז געבליבן נעכטיקן באַ די פּאַר־טיזאַנער, — וואָס זשע, דאַניִעל זאָל נאָך ברענגען מיט זיך געסט? זעמליאַניצין האָט דאָס ניט געזאָגט, נאָר אַליין דאָס בלײַבן זײַנס האָט מען אַזוי געקאָנט פאַרשטיין, און אַליין די פּאַר־לעגנהײַט, די זאָרג, וואָס האָט זיך געהערט אין זײַן קאָל, געגלויכטן אין זײַנע ברייט־צעשטעל־טע אויגן, האָט באַטײַט: „נו, זאָל זײַן אַלץ גוט, כּאָווער פּאָלקאָווניק". און סלאַוווטע מיטן „ווילים" וועט זיך אוודאי אומקערן צו די פּאַרטיזאַנער — דאָס איז אויך געווען זעמליאַניצינס אָן אייצע. דאַניִעל האָט ניט דערווידערט. יאָ, ניט אַזאַ האָט ער זיך פאָרגעשטעלט זײַן קומען אַהער. און ווי די מענטשן פילן, ווי זעמליאַניצין פילט עפּעס, און אָט דער באָכער, סיאָמע, ווי ער רעדט עס שטיל צום שאָפער, בלויז צום שאָפער: „רעכטס, לינקס... באַלד, באַלד — יאָ, לינקס... אָט, די קאָנסערוואַטאָריע, דאָס גאַנצע מוזיק־געסל — שטיין אַף שטיין, אַ געוואַלגער... ווידער לינקס, דער קרעשטשאַטיק, נו, נו!.. אַרוף־באַרג, אַרוף, אַרוף..." און פּלוצעם, ווידער סיאָמע, שוין צו דאַניִעלן:

— איך וועל גיין, כּאָווער פּאָלקאָווניק, אַ קוק טאָן, ווו די קוואַרטיר איז, צי מירן צו־זאַמען גיין, צי צוּוואַרטן דאָ?

— וואַרט צו.

פינצטערע טרעפּ. גוט, וואָס ס'איז דאָ אַ פּושקעלע שוועבעלעך אין קעשענע. „אַהאַ, גענומען עס באַ פּאַטיוטשענקאָן פאַר דער באַלעבאָסטע פון דער קוואַרטיר, זי האָט געבעטן, און פאַרגעסן אָפּגעבן". אָנקלינגען? ניין, קיין עלעקטרע איז דאָך ניטאָ — קלאַפּן. אײַליקע, לײַכטע טריט. לײַכטע, יונגע. נאַטאַשעס קאָל. ס'איז דאָך נאַטאַשע. „ווען איך ווייס ניט, אַז זי איז דאָ, וואָלט איך זי אויך דערקענט?" — ווער קלאַפּט? — זאָגן: „דער טאַטע", צי ווי גע־ווײנלעך: „סוואָי"?[1] בעסער: „סוואָי". נאַטאַשעס אָנגעשטרענגט־פּרעגעוודיקע אויגן אינעם ניט זיכערן פלאַם פונעם שוועבעלע, וואָס וועט אָט־אָט זיך אויסלעשן, איר גאָר יונג פּאָנעם, נאָר אויך מיט אָן אַ שיר נײַעם, איבעראַשנדיקן, דערוואַקסענעם. נאָך איין שוועבעלע — צוגע־טראָגן עס מיט דער סיִרקע צו דעם, וואָס צאַנקט. דאָס נײַע פּלעמל האָט מיט שײַן און וואַ־רעמקײַט פאַרגאָסן דאַניִעלס פּאָנעם. און דעמלט איז געקומען דער אויסגעשריי:

— טאַטע! טאַטעלע!

נאַטאַשע האָט געוויינט, צוגעדריקט זיך מיטן פּאָנעם צו דאַניִעלס ברוסט — דעם שינעל, די רימענס — און אים איז קלאָר געווען, וואָס זי וועט באַלד זאָגן. דערפאַר האָט ער געזאָגט:

— וועגן דער מאַמען ווייס איך.

זי האָט ניט געפרעגט — פונוואַנען, געוויינט נאָך אַ ביסל און געלאָזט, ער זאָל זי צופירן צו אַ שטול, אוועקגעזעצט זיך, געשוויגן, קוקנדיק אַף אים מיט פול־פאַרטרערטע אויגן.

ער האָט זיך אויך צוגעזעצט, געפרעגט, אי פּראָסט, קעדיי עפּעס רעדן, אי ווײַל ס'האָט געכידעשט:

— ווי קומסטו אַהער? סילין, אַ פּראָפעסאָר... און איצט ביסטו, וואָס, אַליין אין דירע?

— ווען האָסט אָנגעקלאַפּט, האָב איך געמיינט — דער פּראָפעסאָר. איך קען אים ניט, ער איז אַ בלינדער, און דערווײַל — ניט הי. די טאָכטער זײַנע דאַרף אים ברענגען פון יענער זײַט דניעפּער. די טאָכטער האָט מיך דאָ איבערגעלאָזט.

---

[1] אייגענע (רוס.).

זי האָט עפּעס ניט דערזאָגט. אַ קלער געטאָן, פלײַסיק אויסגעווישט די אויגן מיט ביידע הענט, האָט זי צוגעגעבן:

— און אַ ייִנגל דאַרף קומען, עדיק. אַ מאַטעמאַטיקער. דאָס קען ער סיליגען, און איך קען עדיקן — פון אָטריאַד.

— נו?

— ער איז אַרויס פון באַבי־יאַר. און איצט טוט ער, ווייסט וואָס, ווייסט מיט וועמען ער איז? אַף אַן אַעראָדראָם אַרבעט ער, אונטער קיִעוו, מיט אַבאַ ניבאָרסקין.

— אַהאַ, אַבאַ. איך האָב געהאַט באַקומען זײַנעם אַ בריוו.

— און מײַנעם?

— אויך.

איצט האָט ער געדאַרפט זאָגן: „און דער מאַמעס", נאָר ניט געזאָגט.

און פּלוצעם — נאַטאַשאַ, מיט אַן אויפגעלעבטן פלעמל אין די אויגן:

— זאָגסט, איך בין דאָ אַליין. ביז נעכטן איז ליאָניע דאָ געווען, ליאָניע מיט זײַנעם אַ כאַווער...

— וואַרט, — דאַניִעל האָט אַ רײַב געטאָן די קין דאָרט, ווו דער שראַם, — ליאָניע איז דאָ? ערשט, פון פרייד קאָן דאָס האַרץ פּונקט אַזוי ווייטעקדיק צעשפּאָרט ווערן, ווי פון לייד, צי עפּשער איז — עס פּאַרגעקומען אַזוי, ווײַל ס'האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין מויעד: „אַלגע, איין אַלגען האָט געטראָפן..."

— ליאָניע איז דאָ געווען מיט מיר, ווי דען, אַלע טעג, ביז נעכטן, און איצט איז ער, איך ווייס דיר אַפילע ניט וואָס צו זאָגן — ווו ער איז. ראַזשעפּקין — קענסט אַזאַ, געדענקסט? — אונדזער נאַטששטאַב, זאַמלט אַ נײַע גרופּע פּאַרטיזאַנער, ער האָט אַ באַפעל, מע וועט ווידער זײַן אַף יענער זײַט, האָט ער ליאָניען און וואַסילין, דעם כאַווער ליאָניעס, פאַרנומען ער־געץ. און לאַריסען, זי איז געקומען מיט מיר אַהער, אַ ראַדיסטקע פון אָטריאַד. און — אוי, טאַטע, ווייסט דאָך גאָרניט! — זי איז ליאָניעס, עס קאָן הייסן... ניין, אַ ווײַב זײַנס!

דאַניִעל האָט געהערט, געקוקט אַף דער טאָכטער — אַן אַנדערע, טאַקע זי, מיט יעדער אייווער, מיט יעדער הערעלע אַפן קאָפּ, און דאָך — ניט זי. און ליאָניע — מיסטאַמע אויך דאָס זעלבע. און ער אַליין, ער, דאַניִעל, אַליין — דער זעלבער? דער טאַטע — דער, זעלבער, נאָר אַלדאָס איבעריקע...

נאַטאַשע האָט זיך געכאַפּט:

— ווּעסט זיך אַרומוואַשן פֿון וועג, נעם אַראָפּ דעם שינעל! ווּעסט עפּעס עסן? נו, געוויינלעך, און טיי...

— באַלד, — האָט ער געזאָגט, — באַלד, וואַרט צו. ווינסט דאָך טאַקע אַליין, וועלן מיר איינאָרדענען דאָ אויף נאַכטלעג מײַן שאָפֿער און מײַנעם אַן אויסשפּירער.

— געוויינלעך! אין הויף? איך וועל זיי גיין אַרײַנרופֿן!

— ניין, איך.

נאָר ער איז ניט געגאַנגען, געזעסן נאָך אַ ביסל. מיטאַמאָל האָט אים אויסגעדאַכט: אַלגע שטייט ערגעץ דאָ, בײַ אַ זײַט, אַזאַ, וואָס שטאַרבט ניט, פֿאַרשווינדט ניט, אַפֿילע אין פֿײַער, אַפֿילע אַ צעמאָלטע ביזן מינדסטן ביינדעלע אויף אַש. זי קוקט מיט מילדן ערנסט אויפֿן לעבן, וואָס גייט לויט איינעם פֿון די אַנצאָליקע מעגלעכע וועגן ווײַטער...

6 סערגיי איוואַלגין האָט געוווּסט, און געוווּסט עס פֿון ליובע דובאָק, אַז דער אָטריאַד, אין וועלכן ראַזשעפּקין איז, געפֿינט זיך ניט ווײַט פֿון קיִעוו. און אַזוי ווי סערגיי האָט מאָרגן אינדערפֿרי געדאַרפֿט פֿאָרן קיין קיִעוו מיט נאָך עטלעכע באַלוינטע פֿון דער דיוויזיע, האָט ער באַשטימט אָפּטאָן אַזאַ גוטע זאַך — מיטנעמען ליובען און אַראָפּכאַפּן זיך מיט איר צו איגאָרן. אויף צוריקוועגס, נאַטירלעך. צי עפּשער וועט זי אַליין דערקלײַבן זיך אין אָטריאַד נאָך אַהינצו פֿאָרנדיק, און סערגיי וועט קומען נאָך איר.

אָפּגעטאָן האָט ער אַלץ, ווי עס געהער צו זײַן. דערעדט זיך מיטן נאַטששטאַדיוו בוזולוקן, געוועזן שוין מיט דער שריפֿטלעכער דערלויבעניש באַם שעף פֿון מעדסאַנבאַט, און פֿאַרנאַכטלעך אַראָפּגעשטעלט זיך צו ליובען אויף דער קוואַרטיר. זי האָט, ווי אַלעמאָל, מיט עפּעס אַ מעדשוועסטער געוווינט בײַ אַ פּויערטע. סערגיי האָט שוין באַמערקט אָט דעם שטריך ליובעס: אומבאַדינגט אַ כאַווערטע, און די באַלעבאָסטע — אַ סאָלדאַטקע מיט קינדער. און אַזוינס: די דעזשורסטוועס, אירע און דער כאַווערטעס, פֿאַלן ניט צונויף, איינע אַרבעט, די צווייטע רוט — באַקוועמער סײַ פֿאַר דער שטוב, סײַ פֿאַר זיך אַליין.

איז אויך דאָס מאָל געוועזן אַזוי. צוגעבונדן דאָס פֿערד, אַ גרויען אָגער, אין שטעלעכל, אונטערגעוואָרפֿן דעם אַ ביסל ווייצענע שטרוי, — הונגעריק איז עס ניט, — געהאָדעוועט פֿאָרן אַוועקפֿאָרן, נאָר סטאַם — ווילסט, קײַע, איז סערגיי אַרויס אין הויף, וווּ די באַלעבאָסטע, עס קאָן הייסן אַ יונגע פּויערטע און גאַנץ אַ כיינעוודיקע, נאָר אַ פֿאַרהאָרעוועטע, אַ פֿאַרשוואַרצט געוואָרענע, אַזוי אַז דאָס יונגע האָט מען אין איר שוין געדאַרפֿט קאָנען אײַנזען, האָט מיט אַ קאָלון זיך געפּאָרעט בײַ אַ היפּשן פּניאָק. דאָס האָט סערגיי זיך שוין אָנגעמערקט, נאָך פֿאַרבײַפֿירנדיק דעם אָגער — דער פּניאָק איז זײַנער. די באַלעבאָסטע האָט ער אַ ביסל געקענט, אָפּגעשטעלט זיך דאָ אַנומלטן, ניט געטראָפֿן ליובען אין דער היים, נאָר אַ שפּאַס געטאָן, ווי זײַן טעווע, מיט דער פּויערטע. האָט יענער שמייכל, וואָס איז בײַ דער פּויערטע געבליבן אויפֿן פּאָנעם, בייס ער איז אַוועקגעפֿאָרן, ווידער צעשפּילט זיך איצט. און אַז דער לייטענאַנט האָט נאָך צוגענומען בײַ איר דעם קאָלון און איינס נאָך איינס גוט אַ טראָשטשע געטאָן דעם פּניאָק, — ליובע איז אין שטוב, ניטאָ וואָס צו אײַלן, — איז די באַלעבאָסטע גאָר געוועזן אַנציקט. און דאָס האָט זי שוין גראָד אויך געוווּסט: אָט דער רײַטער, וואָס האָט יענץ מאָל געפֿרעגט אויף ליובען, און ער האָט זי טאַקע אָפּגעזוכט אויף דער דעזשורסטווע, איז ניט דער, נאָך וועמען ליובע כאַלעשט, — אַזוינס דערציילן פּרויען טייקעף איינע דער אַנדערער, — זי האָט אַ מאַן, ערגעץ איז ער דאָ ניט ווײַט, מע האָט זיך ווייסעך וויפֿל ניט געזען, נו, און אויך דאָס האָט די פּויערטע געוווּסט וועגן איר קוואַרטיראַנטקע, פּאַשעט געזען — אַן ערנסטע, אַ געשטעלטע.

ליובע האָט, געוויינלעך, באַמערקט דורכן פֿענצטער, אַז סערגיי האָט פֿאַרבײַגעפֿירט דאָס פֿערד, נאָר אַז ער האָט געזאַמט זיך, איז זי אַרויס צו אים אין ניט קיין פֿאַרשפּיליעטן שינעל. באַלד, קעדיי אויך עפּעס העלפֿן, האָט זי גענומען אָנלייגן אים קרומע שײַטלעך, שפּענער אויף די אויסגעשטרעקטע הענט. מע וועט הייצן אויף נאַכט די פּליטע. די באַלעבאָסטע, גרוניע, האָט אין שפּאַס, און עפּשער ניט גאָר אין שפּאַס, עפּשער מיט אירן אַ האָפֿענונגסלאָזן ווײַבערשן מיין, דערקונדיקט זיך, צי וועט דער לייטענאַנט כאָטש צוּוואַרטן, ביז די פּליטע וועט זיך אָנוואַרעמען, צוגעזאָגט אים אַ גוטן סנאָפּ שטרוי, אויב ער וועט וועלן נעכטיקן, נאָר אין דער קאַלטער העלפֿט — די כאַטע האָט געהאַט נאָך איין העלפֿט. אָט אַזוי איז עס אַלץ צוגעגאַנגען, גאַנץ פֿריילעך. פּלוצעם האָט גרוניע אַ קערעווע געטאָן דעם קאָפּ צום טויער און איז אַנשוויגן געוואָרן. אַ שוואַרצער, אַ שלאַנקער, אין אַ ברוינעם פּעלצל, ניט קיין מיליטערישער

אזוי ווי, נאָר אינדערקוועטער און אינדערקרום אָן ארומגעצויגענער מיט רימענס, אין א קוז באנקע, איז צוגעקומען צום הויף, אָפּגעשטעלט זיך, געקוקט אהער, ווי אין א פארלעגנהייט. דאָ האָט שוין ליובע אויך א קוק געטאָן אהין, ווו גרוניע, אויסגעשריגן: — איגאָר! — און גע־לאָזט זיך לויפן צום טויער.

סערגיי האָט פון פארלוירנקייט אוועקגעלאָזט זיך מיטן אָבערעמאַק האָלץ אנטקעגן גאַסט. ער האָט געוואַרט, ביז ליובע האָט א צאַפּלענדיקע, א שיינענדיקע אָפּגעלאָזט איגאָרן, געוואַרט, וועון זי האָט אָנגענומען דעם מאַן פאַר דער האַנט און צוגעפירט אים צו דער באַלע־באָסטע: — מיינער! — ערשט דעמלט האָט זי א גליקלעכע זיך אומגעקוקט אף איוואַלגינען, ווי זאָגנדיק: „נו, וואָזוי וועט איר זיך באַלד באַגעגענען? קושן זיך?..‟ האָט סערגיי טאַקע ענדלעך א שמיץ געטאָן דאָס האָלץ צו די פיס, אריבערגעטראָטן עס, און מע האָט זיך פעסט ארומגע־כאַפּט — ער און איגאָר.

דערנאָך איז מען געזעסן באַם טיש, אין כאַטע. די פליטע האָט זיך געהייצט, און ווייל זי איז צוגעבויט געוווען צום ברייטן אויוון, איז אפן אויוון, לויט מע האָט געקאָנט פארשטיין, אויך וואַרעם געוווען. גרוניע האָט אהין ארופגעיאָגט די קינדער, א ייִנגעלע און א מיידעלע, מע זאָל זיך ניט אומדרייען, ניט גלאָצן די אויגן אף די געסט, מע זאָל, גאָט באַהיט, ניט א טשעפּע טאָן דאָס געווער, וואָס ביידע מאַנצבלען האָבן מיט די רימענס און מיט די פעלצ־לעך — סעריאָזשע האָט אויך געטראָגן א פעלצל, א ווייס, א מיליטערישס — ליגן געלאָזט אף דער באַנק באַ דער טיר. מע האָט שוין אָפּגעגעסן וועטשערע, סיי דאָס, וואָס די באַלע־באָסטע האָט אוועקגעשטעלט, סיי וואָס ליובע האָט צוגעגעבן, מע האָט קימאַט אויסגעליידיקט דאָס פלעשל סאַמאַהאָן, — דאָס האָט שוין גרוניע אונטערן פאַרטעך געבראַכט פון עפּעס א שכיינע, נו, יאָ, אויסטרינקען דאַרף מען דאָך, כאָטשבי פאַר אזוינס — צוויי העלדן. מע האָט געשמועסט, געשפּרונגען פון איינס אפן צווייטן, ווייל פאַר וואָס מע האָט זיך ניט קיין כאַפּ געטאָן, האָט מען פון דעם געקענט און געדאַרפט ריידן לאַנג, געַנוי — אזא צייט זיך ניט גע־זען, אזוי פיל, וואָס מע ווייסט ניט איינס וועגן אנדערן, דאַרף צונויפגעשטוקעוועט ווערן. אָט, סלאַוויק — וועלכער איז ער איצט, וואָס שרייבן וועגן אים איגאָרס שוועסטער, די אַלטע סלאַוווטעס, — נאָר אויך די בריוו זיינען ליגן געבליבן באַם ברעג פון טיש, איגאָר וועט זיי שפעטער לייענען מיט קאָפּ.

ליובע האָט ארויסגעזאָגט א האַשאַרע, אז די סלאַוווטעס, דאָבציע און פיניע, וועלן עפּשער אריבערפאָרן מיט סלאַוויקן גאָר אינגיכן קיין קיִעוו, מיט דער שטאָט קאָן דאָך שוין מער גאָרנישט פּאַסירן. סיאָמע — אהאַ, מע וועט נאָך וועגן סיאָמען אויך דאַרפן געַנוי דערציילן איגאָרן — סיאָמע סלאַוווטע איז היינט אוועקגעפאָרן קיין קיִעוו און האָט בעדייע א קוק טאָן, ווי האַלט עס דאָרט, צי קאָן מען טראַכטן וועגן אריבערפאָרן, און סעריאָזשע וועט דאָרט זיין, און זי... זי וועט שוין, זעט אויס, צוואַרטן, שוין ניטאָ, אייגנטלעך, וואָס צו פאָרן. האָט איגאָר אויך זיינס אונטערגערוקט, און אויך ניט געַנוי, — שפּעטער: ער זאַמלט, אפילע שוין צונויפ־געזאַמלט א קליינע גרופּע פאַרטיזאַנער, וואָס וועט באַקומען א נייע פאַרגעבונג. ווו? ווער? ווער וועט עס ביז דעם, ווי די צייט וועט קומען, זאָגן — ווו? פון יענער זייט, נאַטירלעך... נאָר וועגן דעם — טאַקע שפעטער!

אַלץ „שפעטער‟, „שפעטער‟, און סערגיי האָט שוין עטלעכע מאָל א טראַכט געטאָן: „עפּשער דאַרף איך גאָר ניט וויסן וועגן אָט די אַלע שפעטערס? צייט אוועקגיין!‟ און נאָך האָט ער געזען — אויסדאַכטן האָט זיך דאָס אים ניט געקאָנט: איגאָר פרעגט מיט די אויגן, קוים־קוים, אים, סעריאָזשען, פרעגט ער: „ווי קומסטו פונדעסטוועגן אהער?‟ און אויך ליובען, זי אוואַדע שטרענגער און ביטערער: „ווידער — ער, ווי פריִער — אַלץ ער?‟. „מיילע, זיי וועלן זיך שוין דורכריידן וועגן דעם אויך, ליובע און איגאָר, — האָט איוואַלגין באַשטימט, — מע דאַרף פאָרן‟. אָבער עפּעס האָט אים אָפּגעשטעלט, עפּעס האָט געצוווּנגען זיצן דאָ נאָך און נאָך. פון אָנהייב האָט זיך געדאַכט איינס: גרוניע, גרוניע איז אזוי צופרידן, און מער פון אַלץ אזוי ווי טאַקע פון דעם, וואָס ער איז דאָ, סערגיי. צערויטלט זיך, עס פּאַסט איר די רויטקייט אף די טונקעלע באַקן, אין די אויגן — פרייד, און ווען זי שטעלט זיי אָפּ אף אים, לאַשטשען זיי אים. איז אָט — גרוניע, באַ איר איז יאָמטעוו. יאָמטעוו עפּשער פון זינט דער מאַן איז אוועק אפן פראָנט. יעדנפאַלס, אזוינס איז באַ איר אוואַדע ניט אַלעמאָל. און ווען ער וועט אוועק, וועט זיך דער יאָמטעוו ענדיקן. אָט אזוי האָט ער געטראַכט, עס האָט זיך גע־וואָלט טראַכטן, נאָר ניט בלויז דאָס, גראָד דאָס איז וואָס ווייטער אַלץ ווייניקער אָנגעגאַנגען סעריאָזשען. כאָטש דאָס אויך — די קינדער אפן אויוון שלאָפן, א גריל פּרווט די סטרונע אין ווינקל באַם פּריפּעטשיק... גוט... און ליובען מיט איגאָרן איז גוט, און וויפל גוטס וואַרט נאָך?.. נאָר טאַקע יענץ, דאָס אַנדערע, האָט אַלץ מער און מיט א הריזעניש ארומגעכאַפּט

סערגייס האַרץ: אָט וועל איך אַ שפּיל טאָן, עס וועט אויסקומען רעכט סײַ פֿאַר מיר, סײַ פֿאַר זיי — „זיי״, דאָס הייסט ליובע און איגאָר, און וואָס שײַעך גרוניען, איז קיין בעסערס וואָרט אַף איר ניט דערוווײַל...

סערגיי האָט געכאַפּט די ווײַלע, ווען אַלע האָבן זיך פֿאַרטראַכט, דער שמועס האָט אַ צאַנק געטאָן, און געזאָגט, ווי אין שטיפֿערישער פֿאַרלעגנהײַט:

— מע דאַרף פֿאָרן. ע, אי שלאָפֿן איז צײַט, אי שמײַסן וואָלט זיך ניט וועלן אין אַזאַ נאַכט, נאָר... גרוניע, באַלעבאָסטינקע, באַ דיר איז דאָרט שטאַרק קאַלט אין כאַטע, אַף דער צווייטער העלפֿט? און עפּעס האָסטו געהאַט צוגעזאָגט אַ סנאָפּ שטרוי?..

— צוגעזאָגט! — גרוניע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, ניט גאָר שטאַרק, ניט גאָר דרייסט, שעמעוודיק־גליקלעך, דערלאָזנדיק נאָך אַלץ, אַז ס'איז אַ שפּאַס, נאָר גלייבנדיק שוין אַ ביסעלע, אַז ס'איז ניט קיין שפּאַס, אַ קוק געטאָן אַף ליובען, אַף איגאָרן, צו סערגייען גאָר צוגעלאָזט אַ שמייכל געטאָן, — אי פֿרישע שטרוי וועלן מיר ברענגען, אי אַ בעט איז דאָ, די שוויגער האָט דאָרט געוווינט, ביז זי האָט געלעבט, אַ כאַטע ווי אַ כאַטע, און אַז מע פֿוילט זיך ניט — הייצט מען דורך.

— איז סײַדן... סײַדן עס וועט מיר ניט גאָר קאַלט זײַן, — סערגיי האָט אויסדריקלעך אַ קוק געטאָן אַרום זיך, שנעל געמיטן ליובעס, ניט צו וויסן וועלכע — פֿאַרדראָסיקע צי גלײַכ־גילטיק־קאַלטע אויגן, און קימאַט אַזעלכע אויך איגאָרס אויגן, איגאָרס בלויז עטוואָס מער פֿאַרשטייענדיקע, באַרוּיִקטע, און טאַקע דאָס האָט איוואַלגין געדאַרפֿט. אויפֿגעשטאַנען, האָט ער געזאָגט. — גיי איך אַ קוק טאָן צום אָגער, און דו גרייט צו, באַלעבאָסטע, וואָס דו קאָנסט.

אין טונקעלן פֿירהויז האָט איוואַלגין, וואָס האָט דאָס פֿעלצל געהאַט בלויז אָנגעוואָרפֿן אַף די אַקסל און דאָס געווער מיט די רימענס געטראָגן אין האַנט, אָפּגעשטעלט זיך לעבן צוגעדעקטן פֿעסל מיט וואַסער. דאָ האָט ער זיך אָנגעטאָן, גוט אַרומגעגאַרטלט. גרוניע איז אַרויס מיט אַ פּאַק — אַ קישן, אַ קאָלדרע, האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן: „שאַ״, צוגענומען דאָס, וואָס זי האָט געטראָגן, אַוועקגעלייגט עס אַפֿן פֿעסל, צוגעצויגן די פֿויערטע צו זיך און אַ קוש געטאָן, ווויהין עס האָט זיך געמאַכט.

זי האָט זיך געוווערט:

— אײַל ניט, וואַרט צו...

האָט ער געזאָגט באַהערשט — וועגן דעם אינערלעכן ציטער זײַנעם האָט ער איינער געוווּסט:

— קיין צײַט ניטאָ, גרוניע, עפּשער אַן אַנדערשמאָל... דאָס האָב איך סתּם געזאָגט — נעכטיקן, עס זאָל זיך זיי דאָרט גאַרנישט ניט כאָלעמען... נו, פֿאַרשטיי מיך.

זי האָט אים באַגלייט אין הויף, צום שטאַל, צוגעדעקט זיך די אַקסל מיט אַ רעדנע. ווען ער איז שוין געזעסן אין זאָטל, האָט זי אַ שפּאַן געטאָן נעענטער, אויסגעשטרעקט די הענט. איוואַלגין האָט גענומען ביידע הענט אירע, דאַרע, שערשאַווע, אַ קוש געטאָן די צונויפֿגעבויגענע פֿינגער, דערנאָך צוגעבויגן זיך און אָנגעטראָפֿן מיט די ליפּן אַף די צעשויבערטע האָר, אַף דער באַק, און ענדלעך — אַף די הייסע ליפּן. דורכפֿאָרנדיק אין אַ ווײַלע אַרום דעם הויף, האָט ער בעקיוון אַ קערעווע געטאָן דאָס פֿערד צום קוים באַלויכטענעם פֿענצטער און קליי־געוודיק אויסגערופֿן:

— נאָ, אָדלערל, אין שנעלן אַליור!..

7 באַ קאָנסטאַנטין שיבײַעוון פֿלעגט פּאַסירן: עטלעכע מוזיקאַלע טאַקטן קומען אויף, נעמען זיך דרייען אין מויעך, ניט צו וויסן פֿאַרוואָס, פֿונוואַנען, פֿון דער שטימונג אַליין, אַמאָל אַ האָפֿערדיקע, אַמאָל אַ טרויעריקע, די טאַקטן שטעלן זיך אויס אין אַ ניגן, אַ מעלאָדיע — געהערט עפּעס ענלעכס צי לאַכלוטן אַן אייגענע. אָט די ליד אָן ווערטער באַגלייט אים דערנאָך שאָענלאַנג, אַמאָל ביזן שלאָף און אַפֿילע אין שלאָף, און פּלוצעם — ניטאָ, פֿאַר־געסן, יענע שטימונג, וואָס האָט געבוירן די מעלאָדיע, איז דורכגעגאַנגען. אייניקע זײַנע ניי־גונים וועלן קיינמאָל ניט קלינגען ווידער, אַנדערע קומען אויף, זעלטן, נאָר זיי קומען אויף, טאַקע ווען די שטימונג, דער צושטאַנד, וואָס האָט זיי אַרויסגערופֿן, כאַזערט זיך אָן ערעך איבער.

האָט עס פּאַסירט אויך הײַנט. מיט אַ וואָכן צוויי צוריק, מע קאָן אַפֿילע אויסכעזשבענען מיט וויפֿל טעג צוריק, ווען ער איז געווען באַ זיך אין שטוב, אַפֿן בוידעם, געקוקט דורכן

דאָך־פּענצטערל אויפֿן בײַקאָוועך בעסוילעם און געטראַכט וועגן פֿיל פּאַרלוירענעם און געפֿוּנענעם אין לעבן, האָט אים איין געגומען קלינגען אַט דער מאָטיוו — מינאָרע גאַמעס, וואָס כאַזערן זיך ענערגיש איבער און פּלעכטן זיך אײַן אין אַ מין פּאַרקלערטן מינאָר. דאָס איז געווען אַ שאָ פּאָר זשאַרזש דודאַקאָוס טויט, ווער האָט געקאַנט טראַכטן, אַז אַט דער ניגון וועט באַלד זיך איבערופֿן מיט עפּעס אַזוינס, וואָס ברויזט ניט נאָר אין זײַן, קאָנסטאַנטינס, האַרץ, אין זײַן מויעך, נאָר ס׳איז אַליין דער שטענדיקער געפֿעכט צווישן לעבן און טויט, און דאָס, וואָס באַשטעטיקט — מע איז ניט סטאַם אויף דער ערד. הײַנט האָט דער זעלבער ניגון אָפּסנײַ דערוועקט זיך אין אים, געקומען מיט שורעס פֿון אַ ליד, וואָס האָבן אײינע נאָך דער אַנדערער זיך געגומען אויסשטעלן לויט דער מעלאָדיע נאָך, אַנגעפּילט די מוזיק מיט שײַן, ארײַנגעהויכט אין איר לעבן. אַ סטראָפֿע, אַ רעפֿרען, ווידער אַ סטראָפֿע... האָט ער באַשטימט פֿאַרשרײַבן די ליד. צוליב וואָס? ס׳איז דאָך געוואָרן יענער טאָלק פֿון די יוגנטלעכע לידער זײַנע! מיילע.

גאָרנישט אַזוינס קיין באַזונדערס, קיין אויסשליסלעכס האָט די הײַנטיקע שטימונג זײַנע ניט אַרײַסגערופֿן, און דאָך — עפּעס איז געווען. אַ טאָג ווי אַ טאָג, און עפּשער ער אײינער פֿאַרשטייט עס — אַ גוטער טאָג, אַ גוטער מיט דעם, וואָס ער האָט איבערגעכאַזערט די נײַן שוין פֿאַרגאַנגענע טעג אײינעם באַפֿרײַטן קיִעוו, און אַלץ איז אַזוי, ווי ער האָט געוואָלט, קאָנסטאַנטין, געטרוימט — מע דאַרף אים, אַ פּאַשעטן, אַזאַ ווי אַלע. מיט די פּײַערלעשער, ווען מע האָט זיך אומגעקערט קיין קיִעוו און געגומען לעשן די סרייפֿעס — רעכט אַ פּאָמפּע געטאָן דעם לעביד — האָט ער געהאַט צו טאָן ניט לאַנג, צוויי טעג. דערנאָך איז ער געשיקט געוואָרן אַהין, ווו מע האָט אים נאָך מער געדאַרפֿט — אויף דער בויונג פֿון דער הילצערנער אײַזנבאַן־בריק. זײַן זאַך איז געווען העלפֿן אויסזוכן צוגאָבלעכע בוי־מאַטעריאַלן, ער האָט געוווּסט, ווו זיי זײַנען פֿאַרשטעקט. אַזוי ביז הײַנט, און אַזוי וועט זײַן מאָרגן, איבערמאָרגן... מאָרגן, איבערמאָרגן — אַ ווונדער, עשעלאָנען מיט אַלץ, אין וואָס מע נייטיקט זיך אויפֿן פֿראָנט, דעריקערשט באַ זשיטאָמיר, וועלן אין צוויי טעג אַרום אַוועק איבער דער בריק — אַ קילאָמעטער די לענג.

איז אַט דאָס. און אויך אַזוינס: באַ דער לערערקע פֿון אַסטראָנאָמיע וווינט ער שוין ניט. אין זײַנע יאָרן, עטוואָס יינגער, אַ פֿײַנע, אַן איידעלע. דאָס ערשטע יאָר, ווען ער איז באַ איר אײַנגעשטאַנען, האָט זי געמיינט טאָקע דאָס געצאָלטס, און מער טאָקע מיט טאָכיקן: הייצונג, פּראָדוקטן. זי האָט דאָך אים געגרייט פֿרישטיק, וועטשערע — ווער רעכנט זיך עס אויס. נאָר דאָס צווייטע יאָר, גראָד דאָס צווייטע יאָר... ביז לידע איז דאָ געווען, איז מיט דער באַלעבאָסטע אַלץ צוגעגאַנגען ווי פֿון סאַמע אָנהייב — דאָס עכטע געפֿיל צו לידען האָט ניט געלאָזט אים אַראָפּנידערן צו ניט קיין עכטן. נאָר אַט איז לידע פֿאַרשוווּנדן, ער האָט זיך דערפֿילט שטאַרק עלנט, און אַלץ מער ביטערס איז אַוועק, איז געוואָרן אַ טרייסט די שטילע און בעפּיירעש טרײַע נאָכגיביקייט דער דאָזיקערס.

ווען מע האָט די באַפֿעלקערונג פֿאַרטריבן פֿון פּעטשערסק — יענע קוואַרטיר איז געווען אויף פּעטשערסק, לעבן דער לאַווראַ, איז די באַלעבאָסטע אַוועק צו פֿרײַנט ערגעץ הינטער דער שטאָט, און ער איז זיך געבליבן וווינען אויפֿן אַלטן אָרט, געפֿירט ווידער זײַן עלנט־באַכערישן לעבן. דאָרט האָט אים אָפּגעזוכט אַנדריי סאַנזשאַרע, אַהין איז געקומען זשאַרזש. אָבער אַז די שטאָט איז פֿרײַ, אַלדאָס פֿריִערדיקע איז פֿאַרמעקט, האָט פֿונעם פֿריִערדיקן געדאַרפֿט בלײַבן בלויז אײינס — לידע. דער גרוס, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך סאַנזשאַרען, איז אַוועק צו איר, אַוועק, הייסט עס, ס׳איז אים געווען ווען איבערגעבן. קאָנסטאַנטין האָט געוואַרט אויף לידען, אָפּגעקליבן זיך אַ שטיבל ניט ווײַט פֿון בריק, אויף דער טעליטשקע. שטאַרק זוכן איז אַפֿילע ניט אויסגעקומען. ער האָט געוווּסט וועגן אײינעם אַ בראַנדמייסטער, וואָס איז אַוועק מיט די דײַטשן, איז אין אַט דעם שטיבל מיט ניט קיין גרויסן סאַד געווען ניט שלעכט לידע זאָל זיך אומקערן. אויף דער ערשטער צײַט — אַזוי. דעם אַדרעס האָט ער איבערגעלאָזט באַ דער אַלטיטשקער סאָוועליעוונע, אויף סאַבאַטשיע טראָפּע, די סאָוועליעוונע האָט זיך שוין אומגעקערט. און גייענדיק אַהיים, טראָגט ער שוין עטלעכע טעג אין האַרצן אַ וואַרעם געפֿיל: עפּשער איז לידע דאָ, עפּשער וואַרט זי אויף אים באַ דער קאַליטקע? אַט דער געפֿיל, אַט די דערוואַרטונג האָט הײַנט, אײינעם זאַווויי, ס׳הייסט, גראָד ווען דער זאַווויי האָט צו פֿאַרנאַכט־צו זיך אײַנגעשטילט, — געווייעט האָט אַ גאַנצן טאָג, אויפֿן דניעפּער פֿילט מען עס גאָר גוט, — דערוועקט אין אים, און ווען ער האָט זיך אוועקגעלאָזט אַהיים, יענעם ניגון, וואָס ס׳האָט זיך געקלערט, אַז ער איז שוין אַ פֿאַרגעסענער, און געקומען איז ער מיט גרייטע שורעס, וואָס האָבן, ווי דאָס וואַסער אין אַ קוואַל, ערגעץ טיף זיך אָנגעזאַמלט, אָפּגעשטאַנען...

געקומען אהיים, האָט ער דאָס ערשטע אָנגעצונדן דעם פּרימוס, געשטעלט אופזידן וואסער — ניט קיין טיי, די טיי וועט זײַן שפּעטער — אַף אָפּקאָכן קאַרטאָפל אין מונדירן. א האלבער הערינג איז דאָ, וועט זײַן ניט קיין שלעכטע וועטשערע. אָנגעגרייט וואסער אויך אין טשײַניק, קעדיי עס זאָל אויסקומען — איינס אראָפּגענומען פונעם פײַער, דאָס צווייטע ארופגעשטעלט, איז ער אוועק צום טיש, גענומען פארשרײַבן די ליד. ער האָט זי שוין עטלעכע מאָל דורכגעזונגען אין דער הייך, קיינער הערט דאָך ניט, און די ווערטער האָבן זיך אויסגעלייגט פרײַ, שוין לאכלוטן געווינטע, ווײַל וויפל מאָל האָט ער זיי איבערגעכאזערט אינדערשטיל? א שורע האָט דעריאָגט א שורע:

Не верьте, не верьте,
не верьте вы смерти,
не все исчезает под грозной косой,
не все исчезает,
не все погибает,
здесъ каждый свой след оставляет земной [1].

דער רעפרען האָט אים אויסגעדאכט ניט גאָר אָפּגעשליפן, אָבער ער האָט אים פארשריבן — אַפן פּאַפּיר וועט זיך בעסער ווארפן אין אויג, וואָס מע דארף פאריכטן:

На свете есть солнце,
на свете есть радость,
на свете есть горе — волна за волной.
И радость и горе
безбрежны, как море.
Не все исчезает под мрачной плитой [2].

אויך די קומענדיקע סטראָפע האָט ער געזען ביזן סאָף, שנעל אָנגעשריבן די ערשטע צוויי שורעס:

В наследство вам, люди,
мечта моя будет...[3]

און דאָ האָט עמעץ אָנגעקלאַפּט אין פענצטער פון דער וועראנדע.

דורך די שווארצע טאַפּליעלעך — באטאָג זײַנען זיי קאָלירטע — האָט קאָנסטאנטין דערזען בא דער דרויסן־טיר, אַף די טרעפּלעך א גרויע מענערשע פיגור. א מאנצבל, ניט קיין פרוי. געפרעגט: „ווער קלאַפּט?״ און שוין געוווסט ווער — יורי טאנאגאַז. און כאָטש דאָס הארץ האָט אומרוּיִק א צאַפּל געטאָן: „עפּשער ניט עפענען, זאָגן, ווי דאָרט, אין סוויאטאָשינאָ: — גיי, מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט — מער זאָל איך דיך ניט זען!״ איז אָבערביידע זאכן — די לאגע איז אן אנדערע, לעס־ברײַרע וועט מען זיך קאָנען פאנאנדערקלײַבן, און אָט דאָס — לידעס ברודער. אז דעם אדרעס האָט געגעבן סאוועליעוונע, האָט קיין סאָפעק ניט געקאָנט זײַן. עפּשער עפּעס גוטס, נײַס?

אָט מיט די געדאנקען האָט ער אופגעקייטלט. יורי איז ארײַנגעקומען, מאמעש ארײַנגעריסן זיך ראַשיק, אופגעלייגט, אונטערשטרײַכנדיק מיט אלץ — אויס, יענץ איז פארבײַ, איצט איז ער, יעדנפאל, גאָר אן אנדערער, און קאָנסטאנטין — עס כידעשט, עס גלייבט זיך ניט גאָר, אָבער אויך — אן אנדערער. ער האָט דאָס געזאָגט גלײַך פון אָנהייב, רײַבנדיק די דערפרוירענע הענט און רײַבנדיק דעם האלבן אויער — מיסטאמע האָט דער אויער באזונדערס געפרירט:

— או, ביסטו אן ארטיסט, קאָסטיע, איך האָב גאָר ניט געוווסט, אז ביסט אזא ארטיסט! ריכטיקער, א ביסעלע האָב איך זיך אָנגעשטוסן...

„אן ארטיסט!״ — ווידער האָט ווייטעקדיק, ווי מיט א פויסט א שטויס געטאָן אין ברוסט: „יענער פאָליצײַ, וואָס האָט אומגעבראַכט זשאָרזשן, האָט אויך אזוי געזאָגט — אן ארטיסט!״

יורי האָט דערווײַל ניט געלאָזט אויסריידן קיין וואָרט („א מין באריידעוודיקײַט, עפּעס ווארפט ער, ווי גוטע קאָרטן״):

---

[1] גלייבט ניט, גלייבט ניט, דעם טויט גלייבט ניט, ניט אלץ פארשווינדט אונטער דער גרויזאמער קאָסע, ניט אלץ פארשווינדט, ניט אלץ קומט אום, יעדערער לאָזט דאָ איבער זײַן ערדישן שפּור.

[2] אַף דער וועלט איז דאָ די זון, אַף דער וועלט איז דאָ פרייד, אַף דער וועלט איז דאָ לייד — א כוואליע נאָך א כוואליע. די פרייד און די לייד האָבן קיין ברעג, ווי דער יאם. ניט אלץ פארשווינדט אונטערן פינצטערן שטיין.

[3] בעירושע אײַך, מענטשן, וועט די טרוים מײַנע זײַן...

— איך בין דאָך געווען דאָרט, ווו לידקע. געדענקסט זי נאָך? אין אַטריאַד. און אַ מאַ־טאַנע האָט זי פאַר דיר, קאָסטיע, איך ווייס גאָר ניט, וועסט זײַן צופרידן צי ניין. אַ צוויי־לינג. דײַנע. וועסט אַ קוק טאָן. זשאַנע — עפשער ניט, נאָר דו — אַן אויסגעגאָסענער.

— וואָרט, ווו איז זי, לידע?

— דערווײַל נאָך דאָרט, אין ליובאַטש. פון וואַלד איז מען אַרויס. און איך מיטן קערן — מיר האָבן אונטער קיִעוו געשורעוועט. און דו, קאָסטיע, אַן אַרטיסט, גיי ווייס!

— וואָס ווייסטו? גאָרנישט ווייסטו ניט...— קאָנסטאַנטין האָט פונדעסטוועגן באַשטימט אים אָפּקילן, זאָל עס דערווײַל קלינגען צווײדײַטיק.

נאָר יורי האָט אַף אָט דעם טאָן קיין אַכט ניט געלייגט. ער איז פּראָסט צופרידן, ער פילט אַ גוואַלדיקע פאַרלײַכטערונג, איצט איז ער אַזאַ, ווי ער איז, און גאָרנישט גייט אים ניט אָן. ער האָט אַ צי געטאָן לופט מיט דער נאָז:

— עפּעס שמעקט בא דיר, קאָסטיע. קעראָסין און קאַרטאָפל. קאָכסט קאַרטאָפל? איז גיב זיי אַהער, הייסע. איך האָב אויך עפּעס הייס׳.

קאָנסטאַנטין האָט געקווענקלט. עפּשער פאַרט הייסן פאַרנעמען זיך פונדאַנען, ער קאָן נאָך וועלן נעכטיקן? נאָר איצט האָט שוין נאָך מער געדאַכט זיך, אַז ס׳איז אומעגלעך אים דורכטרײַבן. קעדיי באַקלערן זיך, איז ער אַרויס אין קיך.

די טיר פון קיך האָט פאַרשטעלט אַ לײַכטער פאָרהאַנג. די טיר האָט קאָנסטאַנטין ניט פאַרמאַכט, נאָר לאָזן אָפּגעטוליעט עטוואָס דעם פאָרהאַנג, קעדיי זען, וואָס דער גאַסט טוט, האָט זיך ניט אײַנגעגעבן — ניט געווען בא וואָס אים פאַרטשעפּען. געהערט האָט ער: יורי סקריפּעט מיטן בענקל, צוגעבויגן זיך אוואַדע צום טיש. „אָוך, אַ ניוויזיק, ער לייענט!” די האַשאַרע איז בלויז אופגעקומען, און באַלד האָט זיך שוין דערהערט פון צימער:

— אַהאַ, וועגן וואָס דו טראַכסט עס, קאָסטיע, מיט וואָס דו פאַרנעמסט זיך!

קאָנסטאַנטין האָט אַ הייב געטאָן דאָס פאָרהענגל, געוואָלט צונעמען דעם העפט, און ניט באַלד פאַרשטאַנען, פאַרוואָס טאַנאַגאַז קוקט אַף אים וואָרטנדיק, פאַרגליווערט. ווען פון אונטערן טיש האָט זיך באַוויזן אַ פּיסטאָלעט, האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס לעכעלע פון דער רער איז אויך ווי דער פאַרגליווערטער שוואַרצאַפּל פון אַן אויג. גאָר אַ קליין פײַערל האָט אַ בלענד געטאָן אין יענעם שוואַרצאַפּל, נאָר קאָנסטאַנטין האָט דערזען אַ גרויסן פלאַם, און ער איז אַרײַן אין אָט דעם פלאַם.

8 אין מײַ איז דאָס געווען, דעם נײַנטן מײַ פון פיר־און־פערציקסטן יאָר. דאַניִעל האָט פאַרענדיקט שרײַבן אַ בריוו צו ליאָניען, אייגנטלעך, צו ליאָניען און לאַריסען, און געשטעלט אויבן די דאָזיקע דאַטע.

מײַ... און מע האָט זיך דאָך אַלץ ניט געזען, דער טאַטע און דער זון. און מיט לאַריסען — זי איז שוין אַן אייגן קינד — ניט באַקענט זיך. אַ קאַרטעלע, און ליאָניעס אַ קאַרטעלע. לאַ־ריסע — אַ פרעמדע, אַ גוט, אַ קלאָר פּאָנעם. ליאָניע — אַזאַ, ווי ער איז איצט — אויך פרעמד־לעך. בריוו. ליאָניע האָט זיי ניט גאָר אָפט געשיקט ערגעץ פון דאָרעם־אוקראַיִנע, פון אַן אַנ־דער פראָנט, און דאַניִעל האָט געשריבן פון צאָפן־אוקראַיִנע, דערבײַ שוין דער טייל אירער, וואָס האָט זיך געפונען, כאָטש נאָך ניט ווײַט, נאָר דאָך פון יענער זײַט געוועזענער גרענעץ.

אַ האַלב יאָר, זינט מע איז פונעם דניעפּער, פון קיִעוו, אוועק ווײַטער. שלאַכטן, שלאַכטן, שלאַכטן, אַלץ אין מאַרש און אין מאַרש. פרעסט, אַדליגעס, ווידער פרעסט, רעגנס — קאַלטע, וואַרעמע, וואָס שמײַסן, ווי בײַטשן, די קלינגענדיקע קאַסקעס, די אַנגעבראַקנטע פּלאַשטש־פּאַלאַטקעס, שינעלן, די רערן פון ביקסן, האַרמאַטן — דעם גאַנצן מיליטערישן פאַרמעג. נאָר אָט איז אויך דאָס פאַרבײַ, מיט די זאַווייען, מיטן קוואַציען פון בלאָטעס, — די ערד, אַ טרוק־קענע, אַ שטויביקע, רוישט, הודעט אונטער די פּאָדעשוועס פון אָפּגעטאָפּטשעטע שטיוול. שורשעט אונטער שווערע גומי־רעדער, צי זי שפּרייט זיך אַ גראָזיקע, אַ שטילע. און די סע־דער פון יענער זײַט פלויטן בליִען, פלויטן, פרוּוון, וואָס פּרוּוון ווי מיט שוואַכע דלאָניעס פאַרטוליען עמעצנס היימען. און אינדערלויפטן טוט זיך — אַ געקלאַנג פון פייגל, אַ זיסער, אַ פאַרכאַלעמ־טער, ווי גאָרנישט מער זאָל אינדערלופטן ניט קלינגען, ווי דער געבערום פון מאָטאָרן אין הייך זאָל זײַן בלויז אַ מענטשלעכער כאַלאַס, וואָס פייגל פאַרשטייען אים ניט, עפּעס שוואַרצס טראָגט זיך דורך, ווי דער ווינט, ווי דער שאָטן פון אַ כמאַרע...

אין די דורכגעגאַנגענע שלאַכטן, אין אַלץ, וואָס עס איז איבערגעלעבט געוואָרן, דער־מאָנט גאָר אַזוינס: אויטאָגענלער פון דער אַרמײיִשער טראַפּיי־קאָמאַנדע צעשנײַדן נאָענט אין

פעלד די צעקלאַפּטע דײַטשישע טאַנקען, די צעקאַרדאַשעטע האַרמאַטן, קעדיי עס זאָל דאָס אַלץ גרינגער זײַן אָפּטראַנספּאָרטירן צו דער אײַזנבאַן, און װײַטער — צו דאָמנעס, מאַרטענעס. אָט די אױפֿבליצן אין פעלד — בלױע, בלענדיק־װײַסע זײַנען גאָר אַנדערע, אײדער די אױפֿבליצן פון שיסנדיקע האַרמאַטן. עס רופט אַרױס אַ גוטע בענקעניש אין האַרצן נאָך אַזעלכע אױפֿ־בליצן ערגעץ שױן אַף אַ בױונג. דאַניִעל האָט װײסעך־װען געזען ראַכװעסדיקע בױ־פּלעצער, אָבער געזען.

די אװטאָגענלער האָבן געטאָן זײערס אַף אַ פעלד, װוּ טאַקע דאַניִעלס דיװיזיע, אױב זײַן גאָר פּינקטלעך — זעמליאַניצינס פאָלק האָט געהאַט אַטאַקירט דעם סוינע, אָפּגעװאָרפן אים אַף יענער זײַט פונעם געשלענגלטן טײַכל, איבער װעלכן עס האָט איצט קױם געקנױלט זיך אַ דאַמף און שטיקערװײַז — שױן קלײנינקע װאָלקנס — אַװעקגעשװומען צום װעלדל. און געװען איז אַזױ: דער פאָלק איז אַריבער דאָס פליטקע טײַכל מיטן זאַמדיקן דנאָ, און דער סוינע האָט קאָנטראַטאַקירט מיט די טאַנקען, װאָס מע שנײַדט זײ אָן־אָ. װאָס עס איז װײַטער פאָרגעקומען, אַנטשטײט אַזױ בולעט פאַר די אױגן, װי בולעט עס זײַנען די פלעקן פון טינט אַף דער צײַטונג, מיט װעלכער דער טיש איז פאַרשפרײט: פון װעלכן כוטאָרל די אַרטילעריע האָט געעפנט אַ פײַער, פון װעלכן יאַר דער רעזערװירטער טאַנקען־פאָלק איז אַרױסגערופן געװאָרן און אַװעק אין שלאַכט. ער, דאַניִעל, האָט זיך אױך אַראָפּגעכאַפּט דעמלט אַפן פאַנצער פון אַ טאַנק, מע האָט זיך דורכגעריסן צו זעמליאַניצינס פעכאָטע, װאָס איז ליגן געבליבן אין הוילן פעלד, און די סאָלדאַטן האָבן, װי אין יענעם מײַסעלע, װען דאָס כאַיל נעמט װאַקסן פון אונטער דער ערד, אױפגעהױבן זיך און אַװעק, אין סאַמע קריטישן מאָמענט אַװעק קעגן דער דײַטשישער פעכאָטע, װאָס האָט, אין אַ געבראָכענער קײט, שױן װידער געשפאַנט אַהער איבערן טײַכל.

דאַניִעל האָט אין אָט דער פױערישער כאַטע (אַ צוגעראַמטע, מיט אַ פריש־געפאַרבטן לײמענעם דיל, אַ באַשאָטענעם מיט שאַרף־שמעקנדיקער אָסאָקע — די באַלעבאָסטע קאָן זיך שױן פאַרגינען אױך אַזױנס, און די אױסגעבײטע האַנטעכער האָט זי װידער אַרױסגעשלעפט פון אַ באַהעלטעניש, אױפגעהאַנגען זײ אַף די פריִערדיקע ערטער, אַרום פאָרטרעטן פון אײ־גענע, פאָטאָגראַפיעס...) געװאַרט אַף אַ באַראַטונג, װאָס פּאַטיוטשענקאָ האָט גערופן — אַ באַ־ראַטונג פון אינטענדאַנטן און אַלע אַנדערע, װאָס האָבן אין דער דיװיזיע צו טאָן מיט זיכערן די הינטערלאַנד־דינסט. װען נאָך קאָן זיך מאַכן אַזאַ געלעגנהײט דורכשמועסן זיך מיט די דאָ־זיקע מענטשן, אױב ניט איצט, בײס די דיװיזיע איז פאַר די גרױסע זומערדיקע שלאַכטן, װאָס שטײען פאָר, װי די גאַנצע אַרמײ, אַרױסגעפירט געװאָרן ניט װײַט פון פראָנט אַף אָפּרו און קאָמפּלעקטירונג. צוגעטױבטע שטימען האָבן זיך שױן געהערט אין הױף — דערװײַל זאַמלט מען זיך אין הױף, ביזן אָנהײב איז געבליבן פינף מינוט. דאַניִעל האָט גענומען באַהאַלטן דעם אָנגעשריבענעם בריװ אין פלאַנשעט, און דאָ האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין פעלד־טעלעפאָן, װאָס איז אין אַ לעדערנעם טשעכאָל געשטאַנען אַפן טיש.

יאַסענעװ האָט גערעדט:

— קום געפונען דיך, דאַניִיל זאַכאַראָװיטש. איך האָב שױן געמײנט, באָדסט זיך ערגעץ. האָסט דאָך דאָרט אַ טײַכל באַנאַנד. אַ טײַכל. באַ סאַװטשענקאָן האָב איך הײַנט געזען פליוש־קעט מען זיך — סאָלדאַטן, אײניקע אָפיצערן. נאָר דאָרט איז, עמעס, אַ סאַזשלקע, אַ סאַזשלקע װאַרעמט זיך גיכער אָן. װאַרטסטו גאָר אַף באַראַטונג? רעכט, רעכט... רעכט, זאָג איך... — עפּעס האָט ער, קענטיק, געזוכט אַ גאַנג, דער גענעראַל, װיִאַזױ צוקומען צו דעם, צוליב װאָס ער האָט אָנגעקלונגען. — דאָ האָסטו אַ גרוס, דאַניִיל זאַכאַראָװיטש, און עס װעט דיר עפּשער אַ רײַזע פאַרשטײען. אַ רײַזע. עפּן עפּשער די באַראַטונג, זאָג די מענטשן, װאָס דו דאַרפסט זאָגן, הער אױס אײנעם־צװײ, צי װי עס װעט שױן דאָרט אױסקומען, און אַנטשולדיק זיך... ני־באָרסקי, געדענקסט אַזאַ פאַמיליע? געדענקסט? ער, ער, אַ לאַנדסמאַן דײַנער, אַ פּילאָט. איז ער הײַנט פאַרבײַגעפאָרן דאָס דאָרף, װוּ מיר שטײען, אָפּגעזוכט טשאַרנע גריגאָריעװנען אין רע־דאַקציע, צו דיר איז אים ניט אױסגעקומען אָפּקערעװען, װײַטלעך, נאָר אַ גרוס האָט ער פאַר דיר. דײַן זון און די שנור זײַנען דאָרט, װוּ ער, ניבאָרסקי, און מע קלײַבט זיך... װײסט דאָך... ער האָט זיך געײַצעט צװײַלן, װעסטו זיך זען מיט זײ. װען דאָס קאָן געשען, װײסט ער ניט, נאָר יעדן פאַרנאַכט, װען עס װערט טונקל... איז אָט דאָס, דאַניִיל זאַכאַראָװיטש, — ביז טונקל. מײַן דערלױבעניש אַף דער יאַזדע האָסטו. אַ מעסלעס אַהין און צוריק. דעם מאַרשרוט װעסטו באַקומען באַ מיר, דאָ.

דאַניִעלן איז ניט באַקװעם געװען אונטעריאָגן דעם שאָפער, איצט האָט ער עס געטאָן. אַף די װעגן, דעריקערשט באַ די בריקלעך, פאַראָמען, און דעריקערשט צו זון־פאַרגאַנג, װען אַלץ נעמט זיך באַװעגן העפטיקער — אַ געדראַנג. די נאַכט איז צוגעפאַלן אַלץ שנעלער, און װעג

איז געבליבן ניט ווייניק. ענדלעך — דער אעראָדראָם. אַ שמאָל פעלד צווישן נאַכטיק־שוואַרצן וואַלד. פּאַרמאַסקירטע אעראָפּלאַנען באַ די סאַמעביימער, דאָך האָט דאַניִעל באַוויזן באַ־מערקן — צומיינסטנס טראַנספּאָרט־אעראָפּלאַנען. דאָס ערדשטיבל פון דער דיספּעטשערײַ — גופא אין וואַלד. אינעם ערדשטיבל האָט מען ניט אַרײַנגעלאָזט. ניבאַרסקי, וואָס מע האָט אים דאָרט ערגעץ אָפּגעזוכט און געזאָגט, ווער עס וואַרט אויף אים, האָט געענטפערט:

— זאָל דער פאַלקאָווניק וואַרטן, און צוגרייטן זיך וואַרטן אַ מינוט פּערציק, ניט ווייניקער. מאָדנע, ס'הייסט, וואָס איז דאָ דער מאָדנע — אַ דיספּעטשער איז ווי אַ מאַטאָר, אַרום וועלכן אַלע רעדלעך, דאָס מאָל — פּראָפּעלערס — דרייען זיך.

פופציק מינוט, שוין אַוועק די איין־און־פופציקסטע — ניבאַרסקי. ער האָט זיך באַוויזן פון ערדשטיבל אַ הויכער, אַ צעקודלטער, ווי שטענדיק. געלאָזט זיך צו דאַניִעלן מיט צע־שפּרייטע אָרעמס. בייס מע האָט זיך געקושט, האָט דאַניִעל דערפילט: דאָס פּאָנעם אַבעס איז פאַרשוויצט, די פּלייצע — נאַס. הייס דאָרטן, אין ערדשטיבל, קענטיק, אי בכלל, אי פון דער אַרבעט.

— איך האָב שוין בלויז אַ גרויס פּאַר דיר, פאַלקאָווניק, — האָט ער געזאָגט פון סאַמע אָנהייב, ווען מע האָט זיך ערשט נאָכן קושן באַקוקט אין דער בלויער באַנאַכטיקער פּינצ־טערניש, — דאַניִעל... ליאָניע און די גרופּע, אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, זײַנען אַוועק אין דעסאַנט. דערפאַר אָבער איז דער גרויס שוין לאַכלוטן אַ פרישער — זיי האָבן בע־שאָלעם געלאַנדעט דאָרט, ווו מע דאַרף.

— ווו? — דאַניִעל האָט דאָס געפרעגט פאַרזיכטיק, שטיל — אַליין פאַרשטאַנען: ניבאַרסקי וועט ניט זאָגן, ער טאָר ניט. און נאָך האָט ער באַנומען אין דער זעלבער רעגע: וואָס איז דער כילעק — ווו, דאָרט, פון יענער זײַט פראָנט.

ניבאַרסקי האָט געשוויגן, און דאָך איז צו זען געווען — עס איז אים שווער צו שווײַגן, אים, וואָס האָט אַזוי פיל געלעבט אין אומוויסן, שווער ניט זאָגן גאָרנישט דאַניִעלן, וואָס ווייסט אויך דעם טאַם פון זײַן אין אומוויסן. די אויגן אַבעס האָבן זיך געזשמורעט, פעסטע גולקעלעך זײַנען אַרויסגעטראָטן אויף די באַקן — די ציין האָבן זיך צונויפגעדריקט. צולעצט האָט ער געזאָגט:

— ביסט דאָך, דאַניִעל, אַ גרענעצלער, איז ווי מיינסטו — שוין צײַט שטעלן זיך מיט אַ פוס אויף דער גרענעץ? האָט דאָס ערשט־אַ געטאָן מיט גוטע כוואַרע דײַן ליאָניע. דאָרט, וווהין איינע פון די פּײַלן אין גענשטאַב זײַנען אָנגעצילט.

ס'איז געווען דער נײַנטער מײַ. אין דער דאָזיקער באַנאַכטיקער שאָ איז ווײַט אויף דאָרעם באַפרײַט געוואָרן סעוואַסטאָפּאָל. די וועלט האָט שוין געוואַרט אויף אָט דער יעדיִע, אָבער נאָך ניט געוווסט וועגן איר. און נאָך האָט די וועלט, וואָס האָט שוין געוווסט, אַז דער פּולער זיג איבערן פּינצטערן כאָיל דאַרף קומען, ניט געוווסט, אַז זײַן וועט עס אין אָט דעם טאָג אין אַ יאָר אַרום.

די ווײַט...

אַז אַ מענטש לאָזט זיך אַוועק אין וועג, צי עטלעכע מענטשן גייען אַוועק איבער פאַר־שיידענע וועגן, זעט מען נאָך לאַנג: אָט האָט עמעץ, וואָס איז דאָ ערשט געווען, זיך אויפגע־הויבן אויף אַ בערגל, אָט האָט דאָס בערגל אים פאַרשטעלט, אָט שלענגלט זיך דער וועג דורך אַ גלײַכן טאָל, זעט מען ווידער אַלץ, נאָך אַ טאָל, אַ בערגל, ביז די, וואָס שפּאַנען ערגעץ, פאַר־שווינדן אין טוווע, אין וואַלד, אין אַ יִישעוו, סטאַם אינעם בלוי, צי אין שנייִיקער ווײַסקייט. אַזוי איז אויך מיט מײַנע העלדן.

1. שטיינערנע טויערן

בייס דער באַנאַכטיקער שלאַכט פאַרן קיִעווער וואָקזאַל האָט ליאָניע געהערט עטלעכע טשעכישע ווערטער. איצט האָט טשעכיש און סלאָוואַקיש געקלונגען אַרום אים קעסיידער.

דעם סלאָוואַקישן אויפשטאַנד, אין וועלכן אויך איגאָר ראַזטשעפּקינס אָטריאַד, וואָס איז זיך צעוואַקסן אין די בײַקאַרפּאַטער יִישוווים, האָט זיך באַטייליקט, האָבן די פאַשיסטישע שטראָף־דיוויזיעס דערשטיקט, נאָר אויך די היטלעראָווצעס האָבן פאַרשטאַנען — דאָס פײַער

אין צוגעדרשעט ניט אומעטום, און כּוץ דעם — דאָס סאָוועטישע מיליטער שטייט בײַ די העכסטע קאַרפּאַטער באַרגרוקנס און עס וועט זיי אַריבערשפּאַנען. דערווײַל האָט זיך עפּעס געטאָן צוליב דעם פון דער זײַט און פון יענער זײַט באַרג, און געווען איז עס איין פאַרטראַכט, און אַ געוויסע ראָל האָט דערבײַ געדאַרפט שפּילן אויך ראַזשעפּקינס אין גרונט גאַנץ געבליבענער אָטריאַד, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין קאָלאָנע מיט עטלעכע טשעכאָסלאָוואַקישע און סאָוועטישע אָטריאַדן. אלע האָבן באַקומען איין באַפעל — דורכשלאָגן זיך אַף מיזרעך.

דער הארבסט האָט געבושעוועט אין די באַרג מיט אומופהערלעכע רעגנס, וואָס פאַרוואַנדלען יעדער מינדסט ריטשקעלע אין אַ קאָכיקן שטראָם, מאַכן גליטשיק די שטײַליקע שטעגעלעך, די פעלדזן, לאָזן ניט קיין טרוקן אָרט אין וואַלד, עסן זיך אײַן אין די ביינער, ווי זאַלץ. דערנאָך זײַנען אַנגעלאָפן קאַלטעווינטן, וואָס האָבן אַלץ באַדעקט ווי מיט גלאָז, עס האָבן זיך צעהוליעט שנייִיקע בוראַנען... מע איז געגאַנגען דורך רעגנס, דורך בוראַנען, טאָג און נאַכט, אונטער פאַלנדיקע סנאַריאַדן און קוילן. געגאַנגען באַלויכטענע אין דער פאַנגערישער נעץ פון ראַקעטעס, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אופבליצן, און האָט זיך נאָר עטוואָס אויסגעלײַטערט — האָבן פאַשיסטישע אַעראָפּלאַנען זיך געדרייט נידעריק איבערן קאָפּ. די פּאַרטיזאַנער האָבן אַלץ מער זיך אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס. מע האָט געמוזט איבערלאָזן אין די פאַרוואָרפנסטע באַרג־יִישוּווים די שווער־פאַרוווּנדעטע און שטאַרק קראַנקע, און מע האָט אויך געמוזט טראָגן אַף צונויפגעבונדענע דרענגלעך יענע, וועלכע ס'איז ניט געווען ווו איבערלאָזן אָדער וואָס האָבן בעשום־אויפן ניט געוואָלט בלײַבן. צוגעקילטע, אפילע פאַרטראָגענע אין היץ, אַרומגעפּרוירן. פאַרוווּנדעטע, נאָר וואָס האָבן ווי־ניט־איז געקאָנט גיין, זײַנען געגאַנגען, געשאָסן, ווען מע האָט געדאַרפט שיסן, געוואָרפן זיך אין אַטאַקע.

אלע האָבן געליטן הונגער. צומאָל איז ניט געווען אפילע מיט וואָס צו דערהאַלטן די קויכעס פון שטאַרבנדיקע כאַווײרים, פון קינדער — מיט אייניקע פּאַרטיזאַנער האָבן אין וועג זיך געלאָזט די מישפּאָכעס. אין די זעלטענע יִישוּווים, וווהין די אויסשפּירער האָבן געוואַגט אַרײַנקומען, איז געווען ווייניק שפּײַז, און די פויערים איז נאָך פאַרגעשטאַנען אַ לאַנגער ווינטער — מע האָט ניט געקענט צונעמען בײַ זיי דאָס לעצטע. מע האָט דערשאָסן די פערד, וואָס האָבן געהאַלטן בײַ פאַלן, און געגעסן זיי, דערבײַ האָט מען די מאַסע, וואָס די פערד האָבן געטראָגן, אַריבערגעלייגט אַף די אייגענע פּלייצעס. מע האָט אָבער ניט שטענדיק געקאָנט אָנצינדן שײַטערס, קעדיי אָפּקאָכן צי כאָטשבי צובראָטן דאָס רויטלעכע פערדן־פלייש, וואָס שמעקט ווי מיט שוויס; עס איז אַ טרוים געווען אפילע אַ ביסל אָקרעפּ... וואָס נעענטער צום פראָנט, זײַנען אלץ געדיכטער דיסלאָצירט געווען דעם סוינעס גאַרניזאָנען. צומאָל האָבן די היטלעראָוצעס פּאַנאַנדערגעשטעלט זייערע בײַדלעך אָדער געדעקטע פּראַכטמאַשינעס פּאָשעט אין וואַלד, אין באַרג־שפּאַלטן באַם סאַמע וועג. עס האָבן זיך געררייכערט זייערע פעלד־קיכן, און דער ווינט האָט ווײַט פאַנאַנדערגעטראָגן דעם רייעך פון געקאָכטער שפּײַז, פון קאַווע, כאָטש נעם שיס אהין, ווו די קיכן זײַנען, קעדיי פאַרטרײַבן דעם דאָזיקן רייעך, פון וועלכן עס דרייט זיך דער קאָפּ און עס קלעמען נאָך שטאַרקער די צונויפגעפּרעסטע געדערים.

ארום־און־ארום האָט די קאָלאָנע באַטראָפן בײַ דרײַ טויזנט מענטשן. קיין לאַנגע מאַרשן האָט מען שוין ניט געקאָנט מאַכן, און מע האָט דאָס ניט געדאַרפט אויך. אינעם געדריי פון בוראַנען האָט מען, ווי שאָטנס, דורך די נעכט, און ווען אויך באַטאָג, אַריבערגעקליבן זיך פון באַרג אַף באַרג, צומאָל גאַנץ נאָענט פונעם סוינעס הארמאַטן, פון זײַנע אַבאַזן.

די היטלעראָוצעס האָבן געוווּסט, אַז צום פראָנט האָבן זיך דורכגעשמוגלט פּאַרטיזאַנער, אַז ערגעץ בלאָנקען זיי דאָ אום אין די באַרג, נאָר אַז דאָס איז אַ גרויסע מאַסע מענטשן, האָבן די פאַשיסטן זיך ניט פאַרגעשטעלט. אַנהייבן אַן אָבלאַווע אין אַזאַ בייזן געוויטער איז געווען ניט פון די גרינגע זאַכן, כּוץ דעם, האָבן אין דער פראָנט־זאָנע אָפּעריִרט רעגולערע טיילן, וועלכע האָבן זיך געהאַט זייערע אופגאַבן. קעדיי טאָן עפּעס קעגן די פּאַרטיזאַנער, וואָלט מען דאַרפן אַראָפּנעמען סאָלדאַטן פון דער פאָדערשטער ליניע, דעריבער איז בלויז שטאַרקער באַוואַכט געוואָרן דאָס נאָענטע הינטערלאַנד פון די פּאָזיציעס. לעבן אלע וועגן, אַף אלע באַרג־שטעגעלעך, ווו עס האָט זיך געלאָזט, זײַנען געשטאַנען פּאָסטנס, די רערן פון אייניקע הארמאַטן האָט מען אויסגעקערעוועט אַף מײַרעוו. ווי נאָר די באַאָבאַכטער האָבן באַמערקט עפּעס פאַרדעכטיקס אין די באַרג, אַז אַנדײַט דערוף, אַז מענטשן גייען, עפּעס אַ רויכל, האָט מען אהין גענומען שיסן.

די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פאַרטײַעט אַ זיבן קילאָמעטער פון פראָנט. פאַרביטערטע, שווײַגנדיקע איז מען געלעגן אין הורבעס שנייִ, הינטער פעלדזן, הינטער ביימער און

געוואָרט, געוואָרט שאָען, ביז עס איז שעפּטשענדיק איבערגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל גיין ווײַטער אָדער פּויזען צו אַ צווייטן באַרג. אין דער זעלבער צײַט האָבן איינצלנע פּאַרטיזאַ־נער, צווישן וועלכע עס זײַנען אָפּט געווען אויך ליאָניע, וואַסילי סומוויוויטער, פּאַרקליבן זיך אַף זײַטיקע בערג און צעלייגט דאָרט שײַטערס — אָפּגעווענדט די אויפמערקזאַמקײַט פונעם סוינעס באָאַבאַכטער.

און אָט זײַנען צו דער פּאָדערשטער ליניע פון אַ היטלעריש׳ער שיסער־דיוויזיע געבליבן בלויז צוויי־דרײַ קילאָמעטער. אין שפּיץ פון די שטורעם־גרופּעס, וואָס אַלע אָטריאַדן האָבן אויסגעטיילט, קעדיי ווארפן זיך אַפן סוינעס פּאָזיציעס, איז געשטעלט געוואָרן ראָזטשעפּקין. ס׳איז פאַרגעשטאַנען די לעצטע נאַכט, בייס וועלכער מע האָט געדאַרפט דורכשמוגלען זיך צווישן די פײַנטלעכע באַטאַריען, מיט איין שפּרונג פון הינטן דערקלײַבן זיך צו די דזאָטן, ערדשטיבלעך, טראַנשייען און דורכהאַקן אַ וועג צו אונדזערע.

נאָר דאָס איז געווען ניט אַלץ, און ניט בלויז צוליב דעם האָבן די עטלעכע טויזנט פּאַרטיזאַנער זיך געלאָזט אין פײַנפולן מאַרש. זיי האָבן געדאַרפט פון הינטערלאַנד אופּברעכן די דײַטשישע פּאַרפּעסטיקטע שוץ־ליניע באַ איינעם פון די סאַמע וויכטיקסטע באַרג־דורכ־גענג, צו וועלכן עס איז צוגעקומען דאָס סאָוועטישע מיליטער. אהער, צו די שטיינערנע טויערן, וואָס זײַנען ווינטער באַזונדערס ניט צוטריטלעך, האָבן די פּאַרטיזאַנער געשטרעבט אַלע טעג פון זייער מאַרש און זײַנען ענדלעך געקומען. גרויע בערג, פעלדזן, פאַרצויגענע מיט וואָלקנס, מיט פאַלנדיקן שניי, וועלכן עס דרייט דער ווינט, לאַנגע, געשליפענע הורבעס שניי, וואָס האַלטן אין איין רייכערן זיך באַ די ראַנדן (און ווער ווייסט, וואָס זיי דעקן צו — גריבער, שטיינער, גליטשיק אײַז?), שיטערע וועלדלעך, וואָס זײַנען צעוואָרפן דאָ, דאָרט, — אַזוי איז געווען אַרום און אַרום, וויפל עס גרייכט דאָס אויג.

צוויי סלאָוואַקישע דערפלעך זײַנען געלעגן אין יידע עקן פון אַ ברייטן פלאַכן שיפּוי, וועלכן עס האָבן געבילדעט צוויי בערג, צונויפגעגאָסענע צופּוסנס, ווי די האָרבעס פון אַ ריזיקן קעמל. אונטן איז דער טאָל געווען גאָר אַ שמאָלער, ווײַל עס האָבן זיך דאָרט ווידער אָנגעהויבן די רוקנס פון עטלעכע בערג, נאָר דעם געשלענגלטן טאָל האָט איבערגעשניטן אַ באַרג־טײַכל, און דאָס איז געווען דער פראָנט, די מעכיצע צווישן צוויי שטיין געבליבענע כאַיאָלעס. דאָס טײַכל איז פאַרשוווּנדן אונטער אײַז און שניי, בלויז די מיליטערישע מאַפּע האָט צו וויסן געגעבן וועגן דעם. אַף דער ערד האָבן אָנגעמערקט די ברעגן פונעם טײַכל רייען שטעכדראָט. און גאָר.

ליאָניע איז אײַנגעשלאָסן געווען אין דער קאָמאַנדע אויסשפּירער און פאַרבינדלער, וואָס די אָטריאַדן האָבן אויסגעטיילט. דעם רעשט פונעם שנעל צאַנקענדיקן טאָג און אַ היפּשן טייל פון דער זאָווי־נאַכט האָט מען אומגעבלאָנקעט אַף די שיפּוים, פונוואַנען מע האָט זיך געדאַרפט וואַרפן אין אַטאַקע, באַמערקט, ווו עס זײַנען דעם סוינעס פאָרויס אַרויסגערוקטע האַרמאַטן, קוילנוואַרפער־נעסטן, — אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט באַמערקן. דער־נאָך האָט מען לויט די אייגענע פּרישפּאַרוויעטע שפּורן אין די בערג געפירט ראָזטשעפּ־קינען און אַנדערע קאָמאַנדירן אין דער לעצטער רעקאָגנאָסצירונג. קעדיי די היטלעראָוור־צעס זאָלן ביזן לעצטן מאָמענט פאַר דער אַנטשיידענער אַטאַקע זיך ניט אָנשטויסן, אַז די פּאַרטיזאַנער זײַנען דאָ באַנאַנד, קעדיי מיט גאָרנישט ניט אָנשפּיצן דעם סוינע, איז באַשלאָסן געוואָרן ניט איבערשנײַדן אין ערגעץ די טעלעפאָן־דראָטן, ניט פאַרכאַפּן קיין „צינגער", כאָטש מע האָט ניט איין מאָל דאָס געקאָנט טאָן און עס וואָלט זייער נייטיק געווען. פאַר די היטלעראָוצעס האָט עס געדאַרפט זײַן אַ געוויינלעכע נאַכט, ווען עס הערשט אַ שטילשטאַנד אַפן פראָנט. פראָסט — די אַרויסגעשטעלטע פּאָסטנס זייערע באַלײַכטן פון מאָל צו מאָל מיט ראַקעטעס די פאָדערשטע פּאָזיציעס, די קוילנוואַרפער שיסן אין פינקטלעך אײַנגעשטעלטע אינטערוואַלן, די טעלעפאָניסטן רופן זיך איבער אין די גוט אָנגעהייצטע בלינדאַזשן, ווער עס קאָן שלאָפן — שלאָפט, און די נאַכט פליסט...

ראָזטשעפּקין האָט דורך ראַדיאָ מיטגעטיילט אין שטאַב פון סאָוועטישן פראָנט, אַז וואַרפן וועט מען זיך אַף דעם סוינעס פּאָזיציעס צווישן אָט די צוויי סלאָוואַקישע דערפלעך. לאַריסע, וואָס איר ראַציע האָט זיך פאַרהיט אין אַ בעסערן צושטאַנד, איידער אַנדערע, האָט איבער־געגעבן די דאָזיקע ידיעה, זיצנדיק אַ פאַרקאַטשענעטע הינטערן שטאַם פון אַן אַלטער פיכטע, אַרום וועלכער דער ווינט האָט אויסגעבלאָזן אַ שניי־גרוב. פון יענער זײַט פראָנט האָט מען עטלעכע מאָל געפרעגט, ווי איז דאָ די לאַגע, איבערגעגעבן אייניקע ידיעות, וועלכע עס האָט געהאַט די אויסשפּירונג פון דער שיסער־טייל, וואָס איז געשטאַנען פונקט אַנטקעגן, דערין אויך אַזאַ: נאָך די פײַנטלעכע אָקאָפּעס, נאָכן שטעכדראָט זײַנען דאָ מינען־פעלדער, אַנטשעדיקן וועט מען זיי שוין ניט באַווײַזן. כּוץ דעם, קאָן עס אַרויסרופן אַ פאַר־

דאכט בא די היטלעראָוצעס, אויב זיי וועלן עפּעס באַמערקן, דערפאר וועלן בלויז ניט לאַנג פאר קאיאר געמאַכט ווערן דורכגענג אין די אייגענע מינענפעלדער — זיי וועלן אָפּגעמערקט זײַן מיט פענדלעך.

גאָר. אַלץ איז גרייט געווען. ליאָניע, וואָס איז זיך גוט אָנגעלאָפן, איז געקומען צו לאַריסען אין דער שניי־גרוב. לאַריסע האָט שוין געמעגט אויסשליסן די ראַציע, האָט ליאָניע אַריבערגעוואָרפן די ליאַמקע פונעם שווערן קעסטל זיך איבערן אַקסל. ער האָט באַשטימט אוועק מיט לאַריסען נעענטער אַהין, פונוואַנען די אַטאַקע וועט זיך אָנהייבן, ווו ער אַליין האָט געדאַרפט זײַן — גיין אין שלאַכט וועט מען צוזאַמען. און דאָ, ערשט דאָ, אַ מינוט פאר דעם, ווי מע האָט זיך אַרויסגעקליבן פון דער שניי־הורבע, האָט לאַריסע אָנגעזאָגט ליאָניען דאָס אומרוּיקסטע (עס רופט אַרויס שטענדיק אַן אומרו) און דאָס סאַמע זיסע, וואָס אַ ווײַב קאָן אָנזאָגן דעם מאַן... ווײַטער האָט ער שוין אַלעמאָל געפרעגט — בייס מע איז געקומען אַף אַן אָרט, אין קוסטעס, צווישן שטיינער, און בייס מע האָט געוואָרט: „נו, ווי איז דיר?" אָפּגעזוכט אַן אַרומגעברענטע וואָלגנע קאָלדרע, וואָס די דײַטשן האָבן אוועדע אַרויסגעוואָרפן פון בלינדאַזש, לעבן וועלכן מע האָט זיך געפונען, איז ער באַשטאַנען, לאַריסע זאָל אַרומקוטען מיט איר די פיס, און ווידער: „ווי פילסטו זיך? שוין לאַנג ווייסטו דאָס? דעם גאַנצן מאַרש געשוויגן?.."

ראַזטשעפּקין, סומוּיוויטער און נאָך עטלעכע זײַנען געווען באַנאַנד, צוויי־דריי שפּאַן פון ליאָניען און לאַריסען. האַרט פאַזע די קוסטעס האָט אַ צעצווײַגט שטעגעלע געפירט צו עטלעכע שניי־בערגלעך — די דעכער פון בלינדאַזשן. איגאָר האָט געדאַרפט געבן דעם סיגנאַל צו אַטאַקירן, געהאַלטן גרייט די ראַקעטניצע. און פּלוצעם — אַ שאָס; אַ היטלערישער סאָלדאַט צי אַן אָפיצער איז אַרויס פון בלינדאַזש, פונקט אַנטקעגן, עפּעס אוועדע באַמערקט און גענומען שיסן. איז שוין אַלץ אוועק אָן דעם אײַנגעשטעלטן סיגנאַל: אַ שיסערײַ פון אַלע זײַטן, ראַקעטעס — אונדזערע, פרײַנטלעכע. מיט אַ גרויזאַמען הורא, אין וועלכן מע לייגט אַרײַן דעם גאַנצן קויעך, וואָס האָט זיך נאָך פאַרהיט, דעם גאַנצן צאָרן, האָבן די פּאַרטיזאַנער אַ ריס זיך געטאָן באַרג־אַראָפּ.

עס איז אוועקגעפלויגן אויך ליאָניעס אַ גראַנאַטע אינעם טירל, פונוואַנען עס האָבן, גלײַך נאָך יענעם היטלעראָוועץ, וואָס האָט געמאַכט דעם אַליאַרעם, אַ שפּאַר געטאָן נאָך עטלעכע אין קאַסקעס און אָן קאַסקעס. געכאַפּט לאַריסען פאַר אַ האַנט, האָט ליאָניע זיך געלאָזט לויפן מיט אַלעמען. עמעץ האָט זיי איבערגעיאָגט, נאָך און נאָך האָבן איבערגעיאָגט. אָבער אַ סאַך האָבן געשריגן הינטן, הייסט עס, מע איז ניט געווען די לעצטע. אַ צעפּלאָכעטע פערד איז פאַרבײַגעלאָפן מיט אַ פאַרוווּנדעטן, וואָס איז צוגעבונדן געווען בא דעם צום האַלדז און צום רוקן. נאָך אַ פערד מיט אַ פאַרוווּנדעטן. פערד זײַנען, אַ וואָרף טוענדיק פריִער די פאָדערשטע פיס, דערנאָך די הינטערשטע, אַריבערגעשפּרונגען אַ ריוו.

— דאָ איז אַ טראַנשיי! — האָט ליאָניע הויך געוואָרנט לאַריסען.

אַ צענדליק היטלעראָוצעס זײַנען אַרויסגעשפּרונגען פון דער טראַנשיי מיט אופגעהויבענע הענט, נאָר באַלד געלאָזט זיך לויפן, אָבער וווהין? אָפּגעלאָפן אַ ביסל לענגויס דער טראַנשיי, האָבן די דאָזיקע, און אויך אַנדערע, וואָס זײַנען אַרויס פון די ערדשטיבלעך, פאַרקערע־וועט אַפן אייגענעם שטעכדראָט, גענומען האַקן עס מיט די ביקסן, אויסברעכן די דרענגלעך, צו וועלכע דאָס דראָט איז צוגעפעסטיקט. אייניקע זײַנען הענגען געבליבן טויטע אַפן דראָט, זײַנען אַנדערע איבער זיי געשפּרונגען. און באַלד האָבן פון יענער זײַט שטעכדראָט זיך גענומען הייבן זײַלן רויך, ערד, עס האָבן זיך דערהערט אופרײַסן — דאָס זײַנען די היט־לעראָוצעס אַרויף אַף זייערע אייגענע מינענפעלדער. אָט איז אויך איינס פון די פערד, וואָס האָבן זיך אַהין אוועקגעטראָגן, פאַרשוווּנדן אין אַ שוואַרצן זײַל, אַ דורכגעשניטענעם מיט פײַער־בליצן. נאָר ניין, עס איז ווײַטער אוועקגעלאָפן, יענץ פערד, עס איז שוין געווען אַף דער צווייטער זײַט פונעם טײַכל.

ליאָניע האָט מיט אַ צעוויכערטן מויעך אופגעכאַפּט די דאָזיקע בילדער, אָפּגעלאָזט לאַרי־סעס האַנט, געשיקט עטלעכע קוילן פון אויטאָמאַט, ווידער אָנגעכאַפּט לאַריסען פאַר דער האַנט, פאַר אַן אַרבל און געלאָפן. אָבער נאָך דער טראַנשיי, נאָכן שטעכדראָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, ס'איז פונקט אָנגעקומען און אוועק ווײַטער אַ קליינע גרופּע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געטראָגן, געפירט אונטער די הענט פאַרוווּנדעטע, האָט ער געהייסן לאַריסען צושטיין צו דער דאָזיקער גרופּע און אַליין אומגעקערט זיך אַף יענער זײַט שטעכדראָט, גענומען ריכטן די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען, וועמען אַף רעכטס, וועמען אַף לינקס. נאָך לויפנדיק אַהער מיט לאַריסען, האָט ער באַמערקט, אַז ראַזטשעפּקין, סומוּי־וויטער און נאָך עטלעכע טוען דאָס זעלבע בא דער טראַנשיי און באַם שטעכדראָט. ניט אַלע

האָבן, צעהיצטע, פארהלושעטע פון דער שלאכט, געפאָלגט, ניט יעדערער האָט באמערקט ליאָניעס אופגעהויבענעם אווטאָמאט, מע איז געלאָפן ווײַטער, אָבער אלץ מער און מער פארטיזאנער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, פארקערעוועט, וווהין מע דארף.

אַף א שטרעקע קימאט פון צוויי קילאָמעטער זײַנען די פײַנטלעכע פּאָזיציעס אופגעבראָכן געוואָרן. דאָ און דאָרט האָבן נאָך געהילכט אופרײַסן, עס האָבן טראסירט קוילן, גרופּקעס פארטיזאנער האָבן נעענטער, ווײַטער, אין בוראן האָט אלץ אויסגעזען מעטושטעש, באלאגערט פארשנייטע בלינדאזשן, עפּעס געטאָן דאָרט, ביז — א העלער סנאָפּ פײַער האָט, ווי א צעפלאקערטער שײַטער, א שפּאר געגעבן אין דער נאכט און טונקעלע פיגורלעך זײַנען ווידער ערגעץ געלאָפן. סאָלדאטן אין ווײַסע פעלצלעך זײַנען אָנגעקומען פון יענער זײַט טײַכל, צונויפגעמישט זיך מיט די פארטיזאנער, אוועק אַף די פלאנגען פון רעכטס און פון לינקס — מע האָט געדארפט זיכערן אָט די פלאנגען.

דעם סוינעס ארטילעריע האָט גענומען באשיסן דאָס פעלד צווישן די צוויי בארגדערפלעך, ווו דער פראָנט איז דורכגעריסן געווען. נאָר לאנג האָט דאָס ניט געדויערט. אונדזער ארטילעריע האָט געריכטעט א שטארק און אלץ מער אָנוואקסנדיק פײַער סײַ אַף יענער זײַט פונעם דורכרײַס, סײַ אַף די פלאנגען, די בערג האָבן אופגעציטערט און באדעקט זיך מיט רויך פון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט. צום פארפרוירענעם טײַכל איז אינעם שוואכן קאיאָר אוועק דער ערשטער צענדליק סאָוועטישע טאנקען. עס האָט זיך באנײַט דער אָנגריף.

2. APPASSIONATA

ווער עס האָט געזען א שטאָט, ערשט א באפרײַטע פונעם סוינע, פאר וועלכער עס זײַנען געגאנגען שווערע שלאכטן, ווייסט, אז קיין רו שטעלט זיך אין איר טייקעף ניט אײַן. דאָ רעדט זיך וועגן א גרויסער שטאָט אין נידערשלעזיע, וועלכע איז געפאלן קימאט איינצײַטיק מיט בערלין, ס'הייסט, וועמעס פאלן, און די פרייד, וואָס איז דערבײַ איבערגעלעבט געוואָרן, האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער ריזיקער פרייד פון דעראָבערן בערלין און דעם פולן זיג איבערן סוינע.

ס'איז געווען מײַ, ווען דער סאָלדאט אין שוצגראָבן פארקוקט זיך בענקענדיק אַף א גרעזעלע, וואָס שפּראָצט פון אונטער א ציגל, וועלכן ער האָט אוועקגעלייגט, עס זאָל זײַן באקוועמער צו שיסן פון דער ביקס, פארקוקט זיך אַף א קווייטל, וואָס צעעפנט ציטעריקאומשולדיק די ווײַסע בלעטעלעך עטלעכע שפּאן אין א זײַט. און הײַנט, אז אין אזא מין מײַ טוט א שמעק מיט פרידן, מיט סאָף מילכאָמע, ווען דעם סוינעס א שטאָט, שוין לאנג אָן ארומגערינגלטע, הונדערט מאָל א פארשאָלטענע, פאלט, — ווי גרויס דארף זײַן דעם סאָלדאטס פרייד!

נאָר קיין רו שטעלט זיך נאָך אין אזא שטאָט טייקעף ניט אײַן. א ציגלנע וואנט צווישן צערויִנירטע מויערן טוט אליין פון זיך א פאל; אַף א זײַטיקער גאס פלאקערט א סרייפע, ציִנגער פײַער ציִען זיך צווישן די רויכן פון איין קעגניבערדיקן מויער צום צווייטן; פון א שטאָלענעם דענקמאָל אַפן פלאץ — א געלערנטער האלט א פאנאנדערגעעפנטן בוך אין האנט — טוט מיטאמאָל א פאל אָפּ די האנט מיטן בוך, — דאָס האָט א דײַטשישער פאוסטפאטראָן זיך אופגעריסן אין א מויער ניט ווײַט און א שפּליטער האָט דערלאנגט אינעם דענקמאָל... אין א סקווער הילכט א דרײַפאכער ניט גלײַכער סאליוט פון אווטאָמאטן און ביקסן — דאָרט באערדיקט מען אונדזערע, וואָס זײַנען נאָך הײַנט אומגעקומען אין שלאכט. ערגעץ פון צווישן רויִנען שפּרינגט ארויס א דול געוואָרענער פאשיסט און שמיצט א גראנאטע אין א סאָלדאט, וואָס פּאָרעט זיך מיט א מינענזוכער, — אָט אזוי ווערט נאָך איין לעבן פארשניטן.

און ארום איז מײַ, דער פרידן איז שוין דעראָבערט, פרידן, וואָס שפּרייט זיך אויס אַף א גאנצן קאָנטינענט. וויפל קראפט פארמאָגט אין זיך א הארץ אין אזא צײַט, וויפל לעבן פילט אָן די אָדערן, רוישט אין בלוט, וויפל טוט באנק פארגאנגענס, פארלוירנס, אזוינס, וואָס איז אין מילכאָמע־שטורעם צעבראָכן געוואָרן, אָבער עפּעס היילט זיך שוין אויך אין דער טיף, און עס ווילט זיך צומאכן די אויגן, אײַנהערן זיך, ווי די רו קוועלט אָן אינעווייניק, וואקסט דאָרט, ווי א ניגן...

...אין א צערוינירט הויז, אין א צימער אפן ערשטן שטאָק, ווו די דרויסנדיקע וואַנט האָט א באָמבע אויסגעריסן, האָט געשפּילט א פּיאַנע. א לייטענאַנט איז געזעסן אף א שטרויענעם בענקל און געשפּילט. אף ציגל, אוועקגעלייגטע איינס אף איינס, אף סנאַריאַד־הילזעס, אוועקגעשטעלטע מיט די קאַפּסולן אַרויף, האָט זיך אויסגעזעצט א האַלבער צענדליק שלאַכטלײַט, יונגע און עלטערע, מיט געווער אין די הענט, — דעם לייטענאַנטס אונטערגעאָרדנטע. אפן דיל האָט געוואַלגערט זיך א לענגעכיק הילצערן קעסטעלע, פון וועלכן ס'האָט זיך אויסגעשאָטן א געלער פּראָשעק — דאָס איז געווען א מינע, די היטלעראָווצעס האָבן זי פאַרבאַהאַלטן אין דער פּיאַנע, און דער לייטענאַנט האָט זי פאַר דעם, ווי אָנהייבן שפּילן, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט, אַנטשעדיקט. אפן דיל איז געלעגן אויך צונויפגעדרייט דער שפּיר־הונט זאָרקי, א גרויער, ווי א וואָלף. זײַנע אָנגעשטרענגטע ווײַסע אַרום די שוואַרצע פײַכטלעכע אויגן, זײַנע שפּיציקע אויערן האָבן אויפגעציטערט פון דעם לייטענאַנטס יעדן שטאַרקערן קלאַפּ איבער די קלאַווישן, — דאָס האָט דער הונט גלײַך באַם אַרײַנקומען אין צימער מיט א בילן זיך א וואָרף געטאָן צו דער פּיאַנע און געוואָרנט, אַז דאָרט ליגט א מינע.

די שלאַכטלײַט האָבן אין שטרענגן שווײַגן געהערט דעם קאָמאַנדירס שפּילן. געווען איז ער יונג, שטאַלטנע, דער קאָפּ אין פאַרשײַטע קאַשטאַנענע קוטשערן, האָט זיך צוגעשאָקלט אין טאַקט פון די קלאַנגען, וואָס די פינגער האָבן אַרויסגערופן; די גימנאַסטיאָרקע, אָן איבערגעקרייצטע מיט פּאָרטופּיי־רימענס און מיטן רימענדל פונעם פּלאַנשעט, א דורכגעווייקטע מיט שווייס, האָט איבערגעגעבן יעדער באַוועגונג פון די מוסקולן אף דער פּלייצע, אף די לאָפּעטקעס; די פּיס אין פאַרשטויבטע כראָמעווע שטיוול האָבן לײַכט אָנגעטראָטן אף די מעשענע פּעדאַלן. די שפּיל, אָט א פלינקע און ענערגישע, און אָט א פאַרפאַמעלעכטע, א טרוימערישע, האָט ווי אַרײַנגעוואָרפן די צוהערער אין א צויבער, קיינער פון זיי האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן.

דער טונגוס פּאַוועל אקונקא מיט די שמאָל־פאַרשניטענע אויגן — די ווײַסע טוען זעלטן א פינטל — איז געווען טיף גערירט און א ביסעלע ווי צעטומלט פונעם שפּילן; דורך דער לײַכטער פאַרכאָלעמטקײַט, וואָס איז כאַראַקטעריש פאַר זײַן קײַלעכדיקן געזיכט, איז בולעט אַרויסגעטראָטן אָן אומרו. פיאָדאָר פּאַדאַלקאַ, דער פּערציקיאָריקער סאָלדאַט מיט די היפּשע וואָנציעס, איז געזעסן א כמורנער, ווי ער זאָל מיטאַמאָל זיך האָבן דערמאָנט אינעם סאַמע טײַערסטן און פאַרכידעשט זײַן, וואָס ער האָט ביז איצט עס ניט געדענקט. דער עלטערער סערזשאַנט סקאָריוקין — א גוטער אויסשפּירער, מיט א ביסעלע א פּאַרסוידעטן און וואַכן אויסדרוק אפן געזיכט, האָט מיט הייסער ציקאַוועס אָנגעשטעלט זײַנע בלויע און ריינע אויגן אפן קאָמאַנדיר, — ס'איז אים מײַכלדיק גוט געווען פון דער מוזיק. באַבטשענקאָ — א יונגער סאָלדאַט, בא וועלכן א שפּליטער האָט אַרויסגעריסן א שטיק באַק און צעקאָליעטשעט אים איין זײַט פונעם פּאָנעם, האָט מיטאַמאָל ווי אָפּסנײַ דערפילט זײַן ווייטעק, די אויגן האָבן געברענט. בא סאַווענקאָוון, וואָס האָט געהאַלטן פאַרן רימענדל דעם הונט, איז דער בליק געווען פאַרגליווערט, ווי די נעשאָמע זאָל זיך אָפּטראָגן פון זײַן גוף. דער לייטענאַנט, וואָס האָט געשפּילט, איז געווען סיאָמע סלאַווּטע — דער קאָמאַנדיר פון אויסשפּיר־ווזוואָד בא זעמליאַניצינען אין פּאָלק.

איבער דער גאַס, וואָס פון ביידע זײַטן אירע זײַנען אַלע הײַזער צערוינירט געווען, האָבן זיך געצויגן איינציקווײַז און אין קליינע גרופּעס שטאַרק אָפּגעלאָזטע, פאַרמאַטערטע מענטשן מיט פּעקלעך אף די פּלייצעס אָדער אף וועגעלעך. פון פאַרשיידענע לענדער זײַנען די דאָזיקע מענטשן געבראַכט געוואָרן קיין דײַטשלאַנד און איצט, אין די ערשטע שאָען פון זייער באַפרײַונג, אומגעבלאָנקעט, אַליין ניט וויסנדיק נאָך וווהין.

אף דער גאַס האָט זיך באַוויזן אַן אַלטיטשקער, געשפּאַנט אין א קליינעם וועגעלע. די שטריק האָבן זיך אײַנגעשניטן אין זײַנע דאַרע אַקסלען. אָנגעבויגן דעם קאָפּ, אַראָפּגעלאָזט אין אָנשטרענגונג די הענט מיט צונויפגעדריקטע פויסטן, האָט ער באַמיט זיך אַריבערשלעפּן דאָס וועגעלע איבער עטלעכע ציגל, וואָס האָבן אים פאַרשטעלט דעם וועג. אָנגעטאָן איז ער געווען אין א כאַלאַט און הויזן פון גרויען לײַוונט מיט קווערע בלויע פּאַסן — אַזעלכע קומען פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

דער אַלטיטשקער האָט מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט, גענומען קוקן, פונוואַנען עס דערטראָגט זיך דאָס שפּילן. ער האָט אָפּגעווישט מיטן אַרבל דעם שווייס פונעם שטערן, טאַקע אַריבערגעשלעפּט דאָס וועגעלע איבער די ציגל און ווידער שטיין געבליבן א צען שפּאַן פון דער דורכגעבראָכענער וואַנט. אַראָפּגעלאָזט זיך אף א קני, האָט ער גענומען צודרייען א דרעטל צום אַקס פונעם וועגעלע, דאָס רעדל זאָל ניט אַראָפּפאַלן. פון צימער האָט מען

גאַנץ גוט געזען דעם אַלטיטשקן. אויף געשווירענעם קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ בלויען בערעט, גרויע אונטערגעוואַקסענע האָר האָבן באַדעקט זײַן ביינערדיק פּאָנעם.

דער לייטענאַנט האָט באַמערקט צי ניט באַמערקט דעם אַלטיטשקן. די פינגער זײַנען געלאָפן איבער די קלאַווישן. אָט האָט אַזוי ווי אַ קורצער זומערדיקער רעגן דורכגעטראָגן זיך איבער אַ פעלד מיט זאַנגען; אָט האָט מאַמעש אַ בריטשקע מיט פאַרפּינטעטע פערד, מיט אַ גלאָק אויפן דישעל, אוועקגעיאָגט איבער אַ שטויביקן שליאַך.

די אויסשפּירער האָבן געזען: דער אַלטיטשקער אויפן צעקלאַפּטן אַספאַלט האָט אויפגעהערט צודרייען דעם דראָט צום רעדל, נאָר ער גלײַכט זיך ניט אויס, ער קוקט אין צימער.

אַ קאָלאָנע געפאַנגענע האָט זיך אוועקגעצויגן איבער דער גאַס. אַנטקעגן איז אַנגעקומען אַ כאַפּטע ציגײַנער אויף וועלאָסיפּעדן, בײַ וועלכע די קאַמערעס זײַנען אַראָפּגעלאָזט אָדער די רעדער זײַנען ביכלאַל אָן גומי. באַפרײַטע, זעט אויס, פון עפּעס אַ לאַגער, זײַנען די ציגײַנער אָנגעטאָן געווען אין אַלץ, וואָס מע האָט נאָר געפונען אין די פוסטע הײַזער — אין צילינדערס, רעגנמאַנטלען, פראַקן. עלטערע און יונגע פרויען אין ברייטע קליידלעך זײַנען געגאַנגען צופוס, קינדער זײַנען זיי נאָכגעלאָפן, צי געהאַלטן זיך בײַ די קליידלעך. קליינוואַרג איז געזעסן אויך בײַ איינציקע מאַנצבלען אויף די אַקסל, פאַרגרעסערנדיק די לאַסט אויף די וועלאָסיפּעדן. אַ ליאַזג, אַ גרילצערײַ האָט אָנגעפילט די לופט. די ציגײַנער האָבן באַגלייט מיט אַ פריילעכן הוקען די היטלעראָווצעס. די פרויען, אונטערטאַנצנדיק, האָבן ניט גאָר אָנשטענדיק זיך געדרייט, צעפאָכענדיק די קליידלעך, די ברייטע פאַנאַנדערגעבונדענע טיכלען.

די ציגײַנער זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען נאָענט לעבן דער דורכגעבראָכענער וואַנט. סיאָמע סלאָווזטע האָט אויפגעהערט שפּילן, פאַרקוקט זיך אויף דער בונטער כאַפּטע, אַ שמייכל האָט געבלאָנדזשעט איבער זײַן ברוין פּאָנעם, נאָר באַלד האָט זיך באַוויזן אויף דעם אויך עפּעס שטרענגס. די פינגער האָבן שטיל זיך אַ גליטש געטאָן איבער די קלאַווישן, ניט אַרויסרופנדיק דערווײַל קיין קלאַנג.

עמעץ פון די אויסשפּירער האָט געזאָגט אַ וויץ. דער לייטענאַנט האָט צושטימענדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, נאָר ניט אָפּגערופן זיך מיט גאָרניט. די ציגײַנער זײַנען בלויז געווען דער אוואַנגאַרד פון אַ שטראָם מענטשן, וואָס האָט מיטאַמאָל פאַרפלייצט די גאַס. ניט אַנדערש, ווי אַלע זײַנען זיי געקומען פון דער אויטאָסטראַדע, וואָס האָט זיך געזען הינטער די צעקלאַפּטע מויערס. טויזנטער זײַנען דאָ געגאַנגען, שלעפּנדיק אויף זיך פּעק, טשעמאָדאַנען. אַנדערע זײַנען געשפּאַנט געווען אין וועגעלעך, וועגענער פון פאַרשיידענער סיסטעם, אַזש ביז שווערע פּראַכט־פּלאַשטשאַדקעס, וועלכע עס האָבן קוים געשטופּט אַ צענדליק מאַנצבלען. צווישן דעם האַמוין האָבן געפּלאָנטערט, צוגעפּעסטיקטע ווי ווער עס האָט נאָר געקאָנט, צו די וועגענער און אַפילו צו די טשעמאָדאַנען און פּעק פאַרשיידנפאַרביקע פענדלעך — צייכנס אַוואַדע פון אַלע פעלקער פון אייראָפּע...

סיאָמע האָט לענגער געקוקט אויף דעם דאָזיקן בילד. די הענט האָט ער געלאָזט ליגן אויף די קלאַווישן. מיטאַמאָל האָט ער מיט איין האַסטיקן דריק פון די פינגער אַרויסגערופן עטלעכע שטאַרקע אַקאָרדן, אײַנגעהערט זיך, ווי די קלאַנגען ציטערן אינדערלופטן, און ווידער אַזוי אַ דריק געטאָן אויף די קלאַווישן. אַ פראַגע, אַ טיפע און אַ טראַגישע, האָט אַזוי ווי דערטראָגן זיך פון דער פּיאַנע. צוגעמאַכט אַ ביסעלע די אויגן, איז סיאָמע איבערגעלאָפן מיט די פינגער אין אַ צווייטער זײַט פונעם אינסטרומענט. נאָך שטילער און האַרציקער, ציטעריק און מיט פּאַכעד איז געקומען די פראַגע. און פון ערגעץ ווײַט האָט אַזוי ווי דערטראָגן זיך אַ ברומען, אַ דונערן פון אַן אומפאַרמײַדלעכן שטורעם. די פּיאַנע האָט גענומען ריידן אין צוויי שטימען: איינע — פול מיט ווילדער קראַפט, די צווייטע — פול מיט ציטעריקער שוואַכקײַט. און איבער דעם אַלעמען איז אָנגעוואַקסן אַ מוירעדיקער וויכער, מאַמעש ווינטן האָבן מיט אַ געוואַי געטראָגן זיך איבער דער ערד, אַרויסגעריסן גראָזן, אײַנגעבויגן ביימער, און אַלץ האָט ווי געשריגן: „שטעל זיך ניט קעגן! לאָז זיך נאָכן וויכער נאָך!"

די אויסשפּירער זײַנען געזעסן פאַרגאַפטע, פאַרגליווערטע. זיי האָבן געוווּסט, אַז זייער לייטענאַנט קען שפּילן — נאָר אַזוי שפּילן? דער אַלטיטשקער, וואָס אויף דער גאַס, האָט זײַן וועגעלע געלאָזט שטיין און אַ מאָדנע גלײַכער, מיט געהיטע טריט אוועקגעשפּאַנט צו דער דורכגעבראָכענער וואַנט. דעם בערעט האָט ער ניט אַנדערש, ווי פײַערלעך אַראָפּגענומען פון קאָפּ. זאַרקי האָט זיך אַ הייב געטאָן אויף די פּאָדערשטע לאַפּעס, דראָענדיק־אָנגעשפּיצט געקוקט אויפן אַלטן, נאָר סאַווענקאָוו האָט אים שטיל אַ צי געטאָן פאַרן רימען, איז דער הונט ווידער ליגן געבליבן בײַ זײַנע פיס. דער אַלטיטשקער איז שוין געשטאַנען בײַם סאַמע דורכבראָך אין וואַנט.

די פּיאַנע האָט בוילעט איבערגעגעבן, ווי אַ קאַכיקער שטראָם פּלייצט אין אַ פעלדזן־שפּאַלט. דעם הימל האָקן דורך בליצן פון איין האָריזאָנט צום צווייטן. אַפּגרונטן צעעפענען זיך מיטאמאָל און אויך דאָרטן בושעווען וויכערס. נאַכט, פינצטערניש. צי איז עס סאָף וועלט, צי אָנהייב וועלט? און דורך דעם שטורעם, ערגעץ פון אַ זײַט האָבן זיך דערטראָגן שטילע טרעלן — דאָס האָט עפּעס לעבעדיקס געציטערט פאַר שרעק און שוידער. „איך קאָן מער ניט!“ — האָט זיך געהערט אַזוי ווי אַ קרעכץ פון פולער אויסשעפּונג. נאָר איבער דעם אלעמען, זיכער און דערמונטערנדיק, האָט געדונערט אַ צווייטע שטים: „קאָנסט ניט? שטיי אויף, ביסט ניט געשטאָרבן!“ דאָס קלאַנגן און דאָס ציטערן איז שטילער געוואָרן. עפּעס האָט אָפּגעאָטעמט מיט האָפענונג און מיט דעראַבערטער פעסטקײַט.

אָפּ און אויף זײַנען די פינגער, ווי אַ פלאַם, געלאָפן איבער די קלאַווישן. סיאָמע האָט זיך צוגעבויגן צו דער פּיאַנע, ווי ער זאָל זיך אײַנקוקן אין אַן אָפּגרונט. נאָך אַ פראַגע איז געקומען פון ערגעץ טיף: „אַזוי מוז זײַן?“ און די פּיאַנע האָט געענטפערט: „יאָ!“

איצט האָט דער שטורעם שוין געמעגט שמײַסן, דער פּרווו איז אויסגעהאַלטן. עס האָט זיך דערהערט דאָס שאַלן פון פאַנפאַרן. דער שטורעם האָט געבושעוועט שוין ערגעץ ווײַטער. אַ טיפע רו האָט אַראָפּגענידערט אויף דער ערד. אָבער ניט אויף לאַנג. סלאַוווטע האָט טאַקע אָפּגעוואָרפן אויף צוריק דעם קערפּער און אויסגעשטרעקט די הענט צו דער פּיאַנע, ווי ער זאָל אײַנזאַפּן אין זיך די רו־קלאַנגען, וואָס זיי רופן אַרויס, נאָר מיטאמאָל האָט עפּעס זיך געענדערט: ווידער האָט געברויזט און געבושעוועט אַ שטורעם. דאָס האָבן ריזיקע שליוזן זיך אַזוי ווי דורכגעריסן און יאַם־שטראָמען האָבן געפּלייצט דורך זיי. נאָר די קראַפט, וואָס האָט שוין איין מאָל זיך געלאָזט פילן, האָט טייקעף זיך דערוועקט, די שליוזן זײַנען אָפּסנײַ פאַרהאַקט געוואָרן, אַ ריז האָט זיי אונטערגעשפּאַרט מיט אַן אַקסל.

מיד פונעם האַסטיקן שפּילן, צי פאַרקערט — טיף אופגערודערט און דערשטיקט אַזוי ווי פון דער קראַפט, וואָס ער האָט אַליין אַרויסגערופן, איז סיאָמע סלאַוווטע נאָך עטלעכע שלוס־אַקאָרדן זיצן געבליבן אַ מינוט האַלב אַנגעלענט מיט דער פּלייצע אָפּן ווענטל פון שטול, דערנאָך איז ער אופגעשטאַנען און צוגעמאַכט דאָס דעקל פון דער פּיאַנע.

— אַ גלענצנדיקער אינסטרומענט, — האָט ער געזאָגט מיט באַגײַסטערונג, — גוט, וואָס ער איז געבליבן גאַנץ.

— גוט, וואָס עס האָט אײַך ניט צעריסן מיט אים צוזאַמען, — האָט מיט אַ שמייכל זיך אָנגערופן פּאַדאַלקאַ.

— איר האָט שוין לאַנג ניט געשפּילט, כאָטש לייטענאַנט, — האָט באַמערקט סקאָריוקי. זײַנע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַנציקונג און אָפּשײַ.

— יאָ... — האָט באַבטשענקאָ געזאָגט אומבאַשטימט, דערבײַ האָט ער אַ רײַב געטאָן די צעקאַרדאַשעטע באַק און אַנגעשטעלט זיך שווײַגנדיק מיט אַ צאַרנדיקן בליק אויף דער צעוואַלגערטער שטאָט.

און ערשט דאָ האָט סיאָמע באַמערקט דעם אַלטיטשקן אין די לאַגער־קליידער, וואָס איז געשטאַנען פון יענער זײַט וואַנט. דער מענטש איז ווי געפּלעפּט געוואָרן, אויף זײַן פּאָנעם האָט זיך אָפּגעשפּיגלט טיפע אופטרייסלונג. דערזען, אַז דער לייטענאַנט קוקט אויף אים, האָט דער אַלטער אַ ציטער געטאָן, אײַנגעבויגן זיך אַ ביסעלע, נאָר טייקעף אויסגעגלײַכט זיך און גענומען שפּאַנען איבער די ציגל, וואָס זײַנען אָנגעשאָטן געווען פאַר דער צעוואַלגערטער וואַנט. אַרײַן אין צימער, האָט ער געזאָגט:

— פּראַכטפול! — געזאָגט דאָס אויף רוסיש, נאָר מיט ניט קיין געוויינלעכער אינטאַנאַ־ציע, — פּראַכטפול... איך האָב שוין לאַנג אַזאַ שפּילן ניט געהערט. צוויי מאָל בין איך הײַנט אומגעקערט געוואָרן צום לעבן — איין מאָל, ווײַל די שטאָט איז שוין פרײַ און איך קאָן גיין, וווהין איך וויל, און דאָס צווייטע מאָל — דורך אײַער שפּילן...

סלאַווטע האָט פאַרלוירן אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל:

— גאָרנישט, אַ געוויינלעך שפּילן. איך האָב זיך, עמעס, אַ ביסל פאַרבענקט, שוין לאַנג צו קיין אינסטרומענט זיך ניט געזעצט.

— וואָס רעדט איר, וואָס רעדט איר! — דער אַלטער האָט מיט די דאַרע אופגעהויבענע הענט אַ טרייסל געטאָן אינדערלופטן. — בעטהאָווענס „אַפּאַסיאָנאַטע“ אָפּשפּילן לויטן זיקאָרן... וויפל קויעך דאַרף מען האָבן פאַר אַזאַ זאַך!

— לויטן זיקאָרן... איך האָב אַפילע נאָכגעפּירט די נאָטן ביז איינעם אַן אַנגריף, — סלאַווטע האָט אַ שמייכל געטאָן פאַרלוירן, נאָר אויך עטוואָס פאַרשײַט, — דערנאָך האָט אַ סנאַריאַד געטראָפן אין רוקזאַק, ווען איך אַליין בין געווען פיל נעענטער צום סוינע, ווי די

זאכן מײַנע. מײלע, איך געדענק די מוזיק. קײן שום װוּנדער איז דאָ ניטאָ, איך בין א סטודענט פון דער קיִעװער קאָנסערװאַטאָריע. די „אַפּאַסיאָנאַטע” איז, אײגנטלעך, מײַן עקזאַמען־שפּיל.

באם אלטיטשקן האָבן זיך צעגלאַנצט די גרויע אויגן.

— אָן עקזאַמען־שפּיל? אַנטשולדיקט, װיאַזױ זשע האָט איר די זאַך אָפּגעשפּילט דאָרטן, אָפן עקזאַמען, װעלכע אָפּשאַצונג האָט איר באַקומען?

— אָט דאָס איז עס דאָך, — סיאָמע האָט טרױעריקלעך א הײב געטאָן די עטװאָס צעשױבערטע ברעמען, — איך האָב דעם דאָזיקן עקזאַמען ניט אָפּגעגעבן. אלע געגנשטאַנדן פאַרן קורס באַװיזן אָפּגעבן, און בלױז פּיאַנע־שפּיל איז געבליבן — די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהױבן.

דער אלטיטשקער האָט פאַמעלעכן עטװאָס זיך אופגעהױבן אָף די נאָסקעס פון זײַנע שװערע שיך מיט די הילצערנע פּאָדעשװעס און צוריק זיך אַראָפּגעלאָזט אָף די אָפּצאַסן, ער האָט װי אָנגענומען א באַשלוס.

— דערלױבט, — און ער האָט ניט דרײסט א צי געטאָן דאָס אױטאָמאַטישע הענטל, װאָס האָט געשטעקט באם לײטענאַנט אין קעשענע פון דער גימנאַסטיאָרקע, — איך בין... אײַך װוּנדערט אװאַדע, װאָס איך רעד רוסיש — א װאַרשעװער בין איך, א פּראָפעסאָר פון דער קאָנסערװאַטאָריע. פאַרװאָס די פאַשיסטן האָבן מיך פאַרטריבן אהער, איז לאַנג צו דערצײלן. נאָר מײַן נאָמען װײסט מען אװאַדע אין קיִעװ אױך. איך װיל אײַך אָנשרײַבן מײַן אָפּשאַצונג.

אונטערגעהױבן די פאָלע פונעם לאַגער־רעקל, האָט ער מיטן נאָגל א ריס געטאָן די נאָט באם צװיקל און דערלאַנגט פון דאָרט א שמאַלינקע װיזיט־קאַרטע.

— אײנע האָב איך נאָך פאַרבאַהאַלטן, — האָט ער געזאָגט מיט אן אופגערעגטן שמײכל, — מע װעט מיך שױן אין װאַרשע אָן א װיזיט־קאַרטע אױך אופנעמען... רופט אָן אײַער פאַמיליע.

סיאָמע סלאָװוטע איז געשטאַנען אינמיטן צערױניִרטן צימער, אַרום אים — פינף זײַנע אױסשפּירער. דאָס ערשטע מאָל האָט מען זײער קאָמאַנדיר געלױבט ניט פאַר אן אױסשפּיר־אָפּעראַציע, עפּעס א שלאַכט־אָרפּטו, נאָר פאַר אַזױנס, װאָס מע האָט זיך גאָר ניט פאַר־געשטעלט, אז ער איז אַזױ שטאַרק אין דעם. און טאַקע אױך אין דעם דאָזיקן, װאָס דער לײטענאַנט האָט הײַנט אַנטפּלעקט פאַר זײ, האָבן די אױסשפּירער געזען א סימען, אז גיך װעט יעדערער זיך קאָנען פאַרנעמען מיט אלץ, אין װאָס ער פילט זײַן באַרוף.

ס'איז געװען מײַ, דאָס האַרץ האָט זיך צעעפנט פאַר די צאַרטסטע געפילן, און די מילכאָמע האָט געהאַלטן באם סאָף...

3. א מענטש קערט זיך אום

אין די שלאַכטן פאַר דער גרױסער נידערשלעזישער שטאָט, װוּ קרעמעזעס דיװיזיע און יאַסענעװוס גאַנצע אַרמײ האָבן פאַרענדיקט דעם מילכאָמע־װעג, האָט ניקאָלײַ זעמליאַ־ניצין זיך ניט באַטײליקט. ריכטיקער, געװען דאָ צום סאַמע אָנהײב, געבראַכט זײַן פאָלק, און, װי עס געשעט, גאָר ניט דאָרט, װוּ ער האָט עס אַמערסטנס געקאָנט דערװאַרטן, ניט אָף דער פאָדערשטער ליניע, אָפּסנײַ ערשט באַקומען עטלעכע צעגליטע שפּליטערס אין לײַב, נאָר אָף א קלײנעם פאָלוסטאַנעק, װוּ די ראָטעס האָבן פאַרלאָזט די פּראַכט־װאַגאָנעס, קעדײַ נאָך א קורצן מאַרש פאַרנעמען פאָזיציעס בא די ראַנדן פון דער אַרומגערינגלטער שטאָט. א דרײַליִנג פײַנטלעכע אַעראָפּלאַנען האָט אײנעם גרױען קאַיאַר אַרױסגעריסן זיך פון אונטער די פאָסן נאָך באַנאַכטיק־שװאַרצע װאָלקנס באם האָריזאָנט, געמאַכט א קרײַז איבער דעם שױן פּוסטן עשעלאָן, אַראָפּגעװאָרפן עטלעכע באָמבעס, א שפּריץ געטאָן פײַער פון די קױלנװאַרפער, די קאָלאָנען, װאָס האָבן זיך אַרײַנגעצױגן שױן אין א װעלדל, ניט געטראָפן, נאָר דערטאָפּט זעמליאַניצינס מאָטאָציקל, דערטאָפּט עטלעכע אָפיצערן, װאָס האָבן זיך פאַר־האַלטן באם סטאַנציעלע, און אים, זעמליאַניצינען, רעכט דערטאָפּט. רעכט — אין ברוסט, צװײ מאָל דורכגעלעכערט די לונגען אָף דורך און דורך, און די דריטע קױל, װאָס איז דורך לעבן שלאָפבײן, איז שױן אױסגעקומען גאָר א דראָפּע.

װאָס מע האָט מיט זעמליאַניצינען געטאָן אין דער פּױלישער שטאָט, װוּהין עס האָט

אים געבראַכט אַ לופט־מאַשין, האָט ער ניט געוווּסט, עפּעס יאָ געפילט וווייטעקן און ניט געפילט, ווי בײַס די פּריערדיקע שווערע ווונדן זײַנע אַלץ געוואָלט און ניט בעקויעך געווען בײַקומען ביזן סאָף אַ נעפּלדיק־קלעפּיקן שלאָף. קלאָר געוואָרן איז פאַר אים אַלץ שוין בײַסן פלוג אין אַ צווייטן אעראָפּלאַן, אַ גרעאַמען, אַ ליכטיקן, ווו ער איז האַלב געלעגן אין אַ ווייכן שטול, אַזוי איז בעסער געווען פאַר די לונגען: מע האָט אים, ווי פיל אַנדערע, געפירט און געבראַכט קיין קאַזאַכסטאַן, זײַער אַ זוניקן אַפילו פאַר אָט די שײַנענדיקע סאָף מײַ־טעג. אעראָפּגעלאָזט האָט זיך דער אעראָפּלאַן צווישן ניט קיין הויכע גרינע בערגלעך, נאָך וועלכע עס האָבן זיך געהויבן אין דורכזיכטיק־בלויען הימל גאָר הויכע בערג מיט ווײַסע, געבראָכענע רוקנס, שפּיצן, און אַן אַזערע, וואָס האָט ראַכוועסדיק צעפּליוסקעט זיך מיט גאָלדענע כוואַליעס, האָט ווו אונטערגעשניטן די בערג, ווו סטאַם געפּלייצט צום ווײַטן הימל־ראַנד.

לופט, קומיס און די זאָרג פון מענטשן, וואָס די ווײַסע כאַלאַטן באַטאָנען נאָך מער די מילדקייט פון זײַערע פּענעמער, — דאָס אַלץ האָט צוביסלעך געלאָשן דאָס רויִקע פײַער, וואָס האָט געשוועבט פאַר זעמליאַניצינס אויגן ניט נאָר אין שלאָף, נאָר אויך ווען ער איז וואַך געווען, געשטילט טאָג נאָך טאָג די וווייטעקן אין גוף, און ער האָט שוין געקאָנט אַ טראַכט טאָן, אַז ער איז ניצל געוואָרן פון דער מילכאָמע, ער, אַזוי ווי אַלע, וואָס האָבן עס דערלעבט, און אַז עס שטייט אים פאָר אַ נײַ לעבן, און בעסער פון אַלץ איז,—מיסטאָמע אין דעם באַשטייט דאָס גליק, — וואָס זײַן וועט עס אַ פאַרזעצונג פונעם לעבן, וואָס די מילכאָמע האָט איבערגעריסן.

עפּעס האָט אים קאַלופּעט בא דער נעשאָמע, געווען איז עס די אַנגסט, דער אויס־גאַנגלאָזער אייפער פון אַ שלאַכטמאַן, וואָס איז אָף יאָרן אוועק פון דער היים, און ווי דאָרט זאָל ניט זײַן, אין דער היים, איז עס פאָרט — לעבן, מאָנענדיקס, פּראָסטס. און ער האָט דאָך אוועקגעטראָגן עפּעס אַ כשאַד, אַ פאַרדראָס פון דער היים, געהאַט אים ביכלאַל, עפּשער ווײַל אַזאַ איז ער, זעמליאַניצין — אַלץ מיטן גאַנצן האַרצן, שטרענג צו זיך און, הייסט עס, צו יענעם אויך, — אים האָט זיך קעסיידער געדאַכט, אַז ער קאָן נאָך ניט פול זײַן גלאַשען, און דאָ, אין צוויי־און־פערציקסטן יאָר, יענער זאַג מאַרוסיעס, וואָס פאַרמאָגט טאַקע אַ בייזע צונג, אָבער קיין פרעמדע איז זי ניט — אַ קרויווע פון זײַן צאַד, באַקומט זיך — זײַן צאַד ביכלאַל... אָט אַזוינס האָט זיך געדרייט אין קאָפּ, ער האָט עס געטריבן פון זיך, ווי פיל אַנדערע שאַטנס, וואָס האָבן געמוזט פאַרשווינדן, אַז עס גייט שוין אָף אַן עמעס צום לעבן, ווײַל אָף וואָס האָט ער ניט אָנגעקוקט זיך אָף דער מילכאָמע, וואָס האָט ניט גע־פּרעסט דאָס געמיט, ווער ווייסט וויפל מאָל ניט געלאָזט צורו אַפילו אין די רויִקע טעג. שאָען, האָט ער געטריבן פון זיך אויך דאָס דאָזיקע, וועגן גלאַשען, די ספּייקעס, וועלכע איז זי געווען פריער, וועלכע איז זי איצט, און מיטאמאָל האָט זיך אונטערגעכאַפּט גאָר אַזויִנס, ווי אַ שטיין אַפן וועג, אַ שטיין, אין וועלכן מע פאַרטשעפּעט זיך, עס טוט אַ בראָך אינגאַנצן, נאָך גוט, אויב מע פאַלט ניט.

נאָך גוט, אויב מע פאַלט ניט... און עפּשער איז בעסער, וואָס אַזוי האָט זיך עס באַקומען אין סאַמע אָנהייב פון זײַן וועג אַהיים?

אין דער פּרעמדער, אַז מע איז נאָך דערצו צווישן אַ סאַך מענטשן, און ס'איז ניטאָ איבע־ריקס וואָס צו טאָן —זוכט מען לאַנדסלײַט. און אויב אַפילו מע זוכט ניט זײַער, געפינען זיי זיך. זעמליאַניצין האָט ניט גאָר געזוכט, נאָר מיטן אויגן־דאָקטער, וואָס איז, לאָזט זיך אויס, אַ סאַראַטאָווער (ס'האָט זיך אַ קלער געטאָן, אַז עס וואָלט ניט שאַטן האָבן אַ בריל צום לייענען), האָט ער זיך דערפרייט. דער אויגן־דאָקטער האָט אים שוין אָנגעוויזן אָף נאָך אַ פאַר לאַנדסלײַט, צי קימאַט לאַנדסלײַט, פון אַרום סאַראַטאָוו, אָדער סטאַם, מע איז לענגער געווען אין זײַן היימשטאָט, און אַזוי האָט ער זיך באַקענט מיט אַן אַרטילעריסט, אויך אַ מאַיאָר, וואָס האָט פאַראַיאָרן ניט נאָר עטלעכע כאַדאָשים נאָכאַנאַנד געהיילט די ווונדן אין סאַראַטאָוו, נאָר ער האָט געהאַט באַקענטע אָף זײַן, זעמליאַניצינס, נעסקוטשני־געסל. אַזוי האָט עס געהייסן — נעסקוטשני, און לאַנגווײַליק איז דאָרט טאַקע ניט געווען דעם אַרטי־לעריסט. ס'אוועק אַ מײַסע, צו ווענען ער האָט דאָרט געהאַט אַן אַרײַנגייעכץ, איינע אַ קאַטיע, אַ ווילע, אַ פּילאַטס אַ ווײַב, און זײַן כאַוער לויט דער פּאַלאַטע און לויט דעם אַרטילערישן פּאָלק, מישקע אַמבאַראָוו, אַ קאַפּיטאַן, האָט אָף יענעם געסל געהאַט זיך זײַן שטיקל פרייד — איינע אַ גלאַשע... אָ, מער ניט. ווו איז יענער אַמבאַראָוו? ניטאָ. בא דער בייסע האָט עס אים געטראָפן, אונטערגעקוועטשט, ווי אַ לאָזע. און וועלכע יענע גלאַשע איז, ווי זעט זי אויס? נישקאַשע, אַ שוואַרצלעכע. קינדער? עמעצן האָט זי געהאַט, ווער געדענקט עס. גלאַשע און גאָר. און כאָטש זעמליאַניצין האָט געקענט אין יענעם געסל ווײַניקסטנס

נאָך צוויי גלאשעס, דערבײַ איז איינע געווען אי ייִנגער, אי שענער, אויסגעשפּילטער פון זײַנער, איז אַרײַן אַט דאָס שטעכל אין מויעך, אַרײַן אהין, ווו, אייגנטלעך, דאָס פריִערדיקע שטעכל האָט נאָך אויך זיך געלאָזט פילן.

אז מע האָט געגומען אויסשרײַבן זעמליאַניצינען א בילעט אהיים — דאָס געזונט האָט שוין דערלויבט לאָזן זיך אין וועג, און גלאשע האָט געצאַפּלט — דרײַ כאַדאָשים נאָך דער מילכאָמע, אזא צײַט צעשיידט, און ער שרײַבט עפּעס זעלטן, זעלטענער, ווי פריִער, און קעלטער, און די קינדער האָבן אויך צוגעלייגט ברייוולעך, דעריקערשט די עלטסטע, נאַדיע, אז מע וואַרט אַף אים אלע, — באַקומען דאָס אלץ און גוט איבערגעקאָיעט עס אין האַרצן, האָט ער, בייס מע האָט אויסגעשריבן דעם בילעט, מיט שאָדנפרייד און ווייטעק אויסגעקליבן א ביסל א לענגערן מאַרשרוט, דערשלאָגן זיך איז דאָס געלונגען: מיטן אעראָפּלאַן — ביז טשעליאַבינסק, ווײַטער, מיטן צוג — קיין סאַראַטאָוו.

טשעליאַבינסק — אין דעם איז עפּעס פאַרבאָרגן געווען. פון טשעליאַבינסק, דאָס האָט ער געוווּסט פון בריוו, פירט א שמאָלע אײַזנבאַן־קאָליע קיין קוסטאַנײַ, ס׳איז אוועלכע פיר־פינף שאָ צו פאָרן. ווּעמעס בריוו? אָט דאָס איז דאָך עס — געווען צוערשט סטאַם אזוי בריוו, פון איינער, צו וועלכער ער האָט לויט זײַן פליכט און פון געוויינלעכן מיטלײַד זיך אָפּגערופן, נאָר ער האָט אלץ מער געטראַכט וועגן יענער, וואָס האָט די בריוו געשריבן — פריײַנטלעכע, ווי צו א גוטן מענטשן, אפילע אזוי ווי אַן אייגענעם אַף יענעם באַזונדערן אויפן, וואָס האָט ביכלאַל אָט די קאָרעספּאָנדענץ אַרויסגערופן. אזוי איז עס געווען ביזן צופאַל מיטן אַרטילעריסט. נאָר ווײַטער? דאָס צעפּאַלאָכעטע האַרץ האָט ערגעץ געדאַרפט געפינען רו, און אויסגעקליבן זיך אָט די טופּיק־סטאַנציע, דאָס שטיבל, וואָס זעמליאַניצין האָט קיינמאָל ניט געזען, און יענע, וואָס ער האָט זי איין מאָל, אויב א סאַך, איז צוויי מאָל, יאָ געזען, געזען און גאָרנישט ניט געטראַכט, פּאָשעטן צאַר האָט זי דעמלט בא אים אַרויס־גערופן, ווי אלץ אַרום... מאַריע אַנטאָנאָוונע, וויכאָרעווס ווײַב — אירע בריוו זײַנען דאָס געווען. וויכאָרעוו איז אומגעקומען מיט א יאָר צוריק, געראַטעוועט מיט זײַן טויט עטלעכע מענטשן, דערין זעמליאַניצינען אויך, איז ווער זשע, אויב ניט ער, דער קאָמאַנדיר פונעם פּאָלק, ווו דער שעף פון פּאָליט־אָפּטייל האָט, ניט וואַקלענדיק זיך קיין רעגע, אָפּגעגעבן דאָס לעבן פאַר אַנדערע, ווער האָט דער ערשטער געדאַרפט אָנשרײַבן וועגן דעם דער אַלמאָנע? הײַנט נאָך, אז קרעמעז האָט, איינגאַנצן א צערודערטער, געזאָגט: „שרײַב אָן דער ערשטער, ניקאָלײַ פּראָקאָפּיעוויטש, איך קאָן ניט, דאָס מאָל קאָן איך ניט”. איז אוועק א בריוו, דערנאָך, שוין אלס ענטפער אַף מאַריע אַנטאָנאָוונעס בריוו — נאָך איינער. און אזוי איז עס געוואָרן קימאַט א באַשטענדיקע זאַך. פּאָשעטע זאָרג — ניט גלאַט געטרייסט, צוגעשיקט עפּעס א פּעקל פון פּאָלק — שפּײַז, קליידונג. זי איז דאָך פּאָרט מיט א פּיצל, געבוירן אין עוואַקואַציע, קוים דרײַ יאָר, קלענער פון קאָלקען, און צוויי פרעמדע מיידעלעך פאַרנומען מיט זיך פונעם סטעפּישן דאָרף, פון דער היים, נאָך אין איין־און־פערציקסטן. אָט די מיידעלעך, איינס א פאַרווונדעטס, האָט ער געהאַט געזען, בייס מע האָט זיך אַריבערגעקליבן איבערן דניעפּער, געזען זיי אַף א מאַזשאַרע, וואָס איז אַרופגעפאָרן אַפן פּאַראָם, געזען אויך, ווי וויכאָרעוו האָט עטוואָס פריִער, ניט ווײַט פון פּאַראָם, געזעגנט זיך מיטן ווײַב, א שלאַנקע, האָט פאַר־געדענקט זיך, מיט א לאַנגן בלאָנדן צאָפּ נידעריקער פון דער טאַליע... עפּעס נאָך האָט זיך פאַרגעדענקט — די ראָזקײַט פון איר שיינעם, צעערגערטן פּאָנעם, דער בענקענדיקער געזע־גענונגס־גלאַנץ פון בלויע אויגן, פולע מיט טרערן. איצט האָט זיך דאָס אלץ געמאָלט א ביסל אַנדערש, איצט האָט געצויגן צו דער דאָזיקער — איר שטאַלט, דאָס איידל־ראָזע פּאָנעם, דער עלנט אירער, וועגן וועלכן זי האָט, מיסטאַמע ווײַט ניט פול, דערציילט מיט א קלאָרן, רונדן קסאַוו, — עס האָט ניט געלאָזט צורו, פון אלע זײַטן איז עס צוגעטראָטן צו זעמליאַניצינען.

קיין קוסטאַנײַ האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט אין אַן אויסגעלאָדענעם פּראַכט־וואַגאָן, א „פּאָראָזשניאַק”, גוט אָנגעטרייסלט זיך פאָרן וועג, עס האָט דעם פּוסטן וואַגאָן געוואָרפן אין אלע זײַטן, גוט אָנגעשטאַנען זיך — ווו ווּעסטו זיך צוזעצן, אז מע האָט ביז דיר געפירט דאָ פאַרזשאַווערט אײַזן? נאָר וואַרטן אַפן פּאַסאַזשיר־צוג, וואָס גייט דערצו אַרויס שפּעט אין אָוונט און קומט אַף דער טופּיק־סטאַנציע א גרויסן קאַיאָר, האָט זיך ניט געוואָלט. אַן אומ־געדולד האָט אלץ מער באַהערשט, און דעריקערשט איז אין אָט דעם אומגעדולד געווען גאָר אזוינס: זעמליאַניצין האָט ניט וואָס ניט באַשטימט נאָך רעכט נאָכוואָס אַף אַן עמעס פּאָרט ער אהער, ספּייקעס האָבן געראָד דאָ אים שטאַרקער גענומען מאַטערן. ווידער און ווידער האָט ער געטראַכט, ווי שוין א סאַך מאָל ביז דעם: קאָלקען, זאָל זײַן, וועט גלאשע ניט אָפּגעבן. מיילע. און טאַקע — צו קליין. כאָטש, ס׳וואָלט זיך וועלן נעמען אַמאָל קאָלקען אַף

די קני, צי פאר א העגטל נעמען אים, אוועקגיין ערגעץ אין גאס, צו דער וואַלגע, און דער־ציילן, דערציילן, ווי ס'איז געווען אויף דער מילכאַמע, און זאָל דאָס יאטל הערן און שטוינען, און טאקע, ווי זשע אנדערש, דערעכערעץ האָבן פארן טאטן... נאָר דאָס וועט שוין ניט זײַן. עפשער וועט ער שוריקן פירן אזוי, און דערציילן אים ניט וועגן זיך — וועגן וויכאַרעוון. איז קאַלקע — ניט. ווער זשע? נאַדיע, די עלטסטע. פונקט צײַט, זי זאָל אָנקומען אין א טעכניקום, צי אין א האַנטווערקער־שול, קאָן עס זײַן אויך דאָ, אין קוסטאַנײַ. נאָר ווידער זשע — די עלטסטע. ווי נעמט מען צו אין א מישפּאָכע, וואָס בלײַבט דערצו נאָך אָן א טאטן, די עלטסטע? איז ווער זשע — אַנדריושקע, דער מיטלסטער. אָט דער געדאַנק איז טיף פאר־באָרגן געווען, שטיל געוואָרעמט דאָס האַרץ, נאָר ניקאָלײַ פּראָקאָפּיעוויטש האָט מוירע געהאַט גאָר אײַנרעדן זיך, אַז אַזוי וועט עס טאקע זײַן. און אויב גלאַשע וועט אַנדריושקען אויך ניט וועלן אָפּגעבן, צי אַנדריושקע, שוין פונדעסטוועגן אין צווייטן קלאַס אוועק, אויב אַנד־ריושע, ער האָט דאַפקע ליב דעם טאטן, וועט זיך געבן א שפּאַר אײַן, ניין און ניין, ווי ער, ניקאָלײַ, קאָן דאָס?.. יענע צוויי מיידעלעך האָט זי, מאַריע אַנטאָנאָוונע. ס'אַפילע רעכט וועררן א טאַטע פון אַזעלכע, פאַריאָסעמטע. האָט זי זיי אָבער דערוויײַל אָפּגעגעבן אין א קינדער־היים. זי שרײַבט: דערוויײַל, וועט עס טאקע זײַן אַזוי — דערוויײַל, נאָר עפשער איז פאר זיי אין קינדערהיים בעסער? צי ביכלאַל, זי האָט גאָר אַנומלטן געשריבן, מאַריע, אַז עמעץ וויל זיי פאַרנעמען צו זיך, אַף שטענדיק. דאָס וועט מען נאָך מוזן באַקלערן. נאָר מאַריע אַנטאָנאָוונע אַליין, זי האָט דאָך אים אַפילע קיין איין מאָל ניט געזען, ס'הייסט, געזען עפשער, נאָר וואָס האָט זי דעמלט ביכלאַל געזען — וויכאַרעוון און דעם טײַך, וואָס צעשיידט זיי...

מיט אַזאַ קנײַלעכל געדאַנקען, וואָס אָט האָט עס פרײַ געוויקלט זיך, אָט געפּלאָנטערט זיך, איז זעמליאַניצין אינמיטן פון א הייסן אווגוסטיקן טאָג אַראָפּגעשטיגן אַף דער סטאַנציע, א פאַרוקטע אין הוילן סטעפּ, ניט געזעצט זיך אַף א צופעליקער מאַשין, קעדיי דורכמאַכן די עטלעכע קילאָמעטער ביז דער שטאָט, אוועק צופוס — ס'האָט זיך שוין גראָד געוואָלט, עס זאָל געדויערן א ביסל לענגער, — און טאקע שטיין געבליבן פארן אומפּאַרמײַדלעכן: באַ א פּלויט פון קווערע דרענגלעך און פונקט אַזאַ טויער; ווײַטער, אין הויף, איז צוגעניורעט געווען צו א קליינעם סעדל א שטיבל פון אַלטע געטעסעטע בערוונעס, נאָר אַף דער טיר איז געהאַנגען א שלעסל.

גיין צו שכיינים, פאַנאַנדערפרעגן, ווו איז די באַלעבאָסטע, האָט זיך ניט געוואָלט — מע קאָן דאַרפן זאָגן עפּעס וועגן זיך אויך, איז וואָס זאָגן, אבי פּלאָנטען? נאָר דאָס איז ניט געווען דער איקער. דאָ, באַם טויער, אַרײַנקוקנדיק אין פוסטן הויף, א באַוואַקסענעם מיט שיטערן גראָז, וואָס איז דורכגעטראָטן מיט צוויי שטעגעלעך, איינס — צו דער שטוב, דאָס צווייטע — צו עטלעכע ניט קיין צעהאַקטע פּניאַקעס און א צעבראָכענער קאַזלע, האָט זעמ־ליאַניצין מיטאַמאָל גאָר בוילעט, בוילעטער ווי לעצטנס אַלעמאָל, דערזען גלאַשעס פּאָנעם, א בלייכס, א פאַרלוירנס, די אויגן אירע — שוואַרצע, וואַרטנדיק־אָנגעשטרענגטע, דאָס מויל, א צעעפנטס דערוויײַל נאָך אין א שטומער פראַגע, קיין אָטעם קלעקט ניט, — אָט אַזוי וועט עס זײַן, ווען ער וועט איר זאָגן, וואָס ער טוט און פאַרוואָס... ס'האָט א צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ, נאָר צו אָט דעם צאַפּל איז ער שוין, אייגנטלעך, געווינט געווען, פאַרקערט, דאָס האָט באַשטעטיקט זײַן פאַרביטערונג, זײַן אַקשאָנעס.

דורכגעגאַנגען זיך איבער די אַרומיקע געסלעך, ווידער און ווידער אומגעקערט זיך און אַלץ געזען דאָס שלעסל פונוויײַטנס, האָט זעמליאַניצין באַשטימט, אַז ער מעג אַרײַן אין הויף, צוזעצן זיך, זאָל זײַן, אַף די פּניאַקעס און איבערכאַפּן עפּעס פונעם אייגענעם רוקזאַק. א ברונעם איז געווען אַף דער גאַס, א צעבויגענער עמער איז געהאַנגען איבער אים אַף א קייט, וועט מען זיך קאָנען אָנטרינקען.

ער האָט שוין אָפּגעגעסן, געקליבן זיך גיין צום ברונעם, ווען אין הויף איז אַרײַנגע־קומען איינער אַף א קוליע און מיט א שטעקל — דער לינקער פּלודער איז פאַרבויגן הע־כער פון דער קני און פאַרשטעקט באַ דער זײַט הינטערן רימען. וואָס עס איז אויסגעקומען ניט געווינלעך — דורכויס אין ציווילן. פאַר די פעָרציק, צי עטוואָס נאָך די פעָרציק — שווער צו זאָגן. בײנערדיק, קיין עכטע פּלייצעס האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט, די קעפּקע איז פּלאַטשיק צוגעפּאַלן צום קאָפּ, מיסטאָמע א ליסינע. אופמערקזאַמע אויגן מיט א טיפן ביטערלעכן גלאַנץ, ביטערע אָנגעשפּיצטקייט אפן לענגעכיקן פּאָנעם.

צוגעמאָסטעט זיך מיט געניטער פלינקייט אַף א פּניאַק, האָט דער דאָזיקער געפרעגט:

— צו מאַריע אַנטאָנאָוונען?

— יאָ.

א סאך פראגן האָט דער קאליקע צוגעשטיקט אין זיך, פון יעדער פראגע האָט בלויז ווי א שאָטנדל דורכגעשוועבט אין זײַנע פארזאָרגט־שאַצנדיקע אויגן, נאָר געזאָגט האָט ער, ווי עס זאָל אים ווייניק אָנגיין:

— איך מיין, זי וועט זײַן ניט פריִער, ווי פארנאכט, די באלעבאָסטע. אוועקגעפאָרן מיטן יאטל אין קינדערהיים, עס איז ניט ווײַט פון שטאָט. זי האָט דאָרט צווי מיידעלעך, ווי זאָל איך עס בעסער זאָגן...

וואָס „בעסער" — האָט ער אזוי טאקע ניט דערקלערט, געשוויגן, טרויעריק־פרעגעוודיק געקוקט אפן מאיאָר, האָט שוין זעמליאַניצין מיט די אויגן אָנגעוויזן אף דער קוליע:

— אף וועלכן פראָנט?

— ניין, דאָס איז נאָך פון קינדהייט...

אופגעהויבן זיך, פלײַסיק אײַנגעמאָסטעט די קוליע אונטער דער פאכווע, איז דער אייננפוסיקער אוועק.

מאריע אַנטאָנאָוונע איז געקומען טאקע פארנאכט. אף די אקסל האָט זי געטראָגן שוריקן, אין האנט — א ליידיק קוישל. זעמליאַניצין האָט זי דערקענט און ניט דערקענט. דערקענט פרּאָסט דערפאר, ווײַל ער האָט געוווסט, אז זי דאַרף קומען, און מיט א קינד. ניט דער־קענט, ווײַל זי איז געווען שטארק געענדערט קעגן דער, וועלכע ער האָט אמאָל געזען עטלעכע מינוט און העט שפּעטער אפּסנײַ זי אויסגעמאָלט זיך אין זיקאָרן. זעמליאַניצינען האָט מאריע אַנטאָנאָוונע אפילו דערקענען ניט געדאַרפט — זי האָט דאָך אים ניט פארגע־דענקט צווישן די, וואָס זײַנען געשטאַנען באַם טײַך, בלויז פון זײַן לעצטן בריוו געוווסט — עס קאָן זיך מאכן, ער זאָל אראָפּפאָרן אהער. איז ער דאָ. רויִק, צוריקגעהאלטן האָט זי אופגע־נומען זײַן קומען, זײַן ווארטן אף איר אין הויף. ס'הייסט, פארן ווארטן האָט זי זיך אנטשול־דיקט, זי האָט דאָך ניט געוווסט, ווען און צו די מיידעלעך האָט מען שוין געדאַרפט צופאָרן.

אָט דאָס האָט זי געזאָגט, דורכלאָזנדיק אים אין דער אופגעשלאָסענער טיר, דאָס האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט אין צימער, אן איינציקן, ווו זי האָט אָנגעצונדן א לעמפּל אָן א גלעזל, מיט אָנגעשאָטענער זאלץ אין דער מאשינקע, אויבן — מע נוצט בענזין, קומט אויס זײַן פּאַרזיכטיק. זי האָט דאָ געהאַט אירע זאָרגן, אַרײַנקומענדיק, און דאָס, וואָס זי האָט גערעדט, האָט זעמליאַניצין פארשטאַנען, רעדט זי, קעדיי קומען צו־זיך פון דער איבע־ראשונג, פונעם גאָר שטארק צעוועקטן ווייטעק, און פון דעם, וואָס זי קוקט זיך צו צום גאַסט, זי דערלערנט אים — סטאַם און א ביסעלע (עפּשער) מיט כשאַד, אירן א פּרוויִשן כשאַד, און אירער א פּרוויִשער האָפענונג — עפּעס מוז דאָך שטעקן אין די בריוו, וואָס ער האָט לעצטנס איר געגומען שרײַבן צו אָפט, און אין זײַן אראָפּקערעוועק אהער... און די זאָרג אירע, די דירעקטע, איז געווען אויך אזא: שוריקן האָט צעמאָרעט אין וועג, כאָטש געפאָרן איז מען סײַ אהין, סײַ צוריק אין קאבינע פון א לאַסטמאַשין, עפּשער די זון, די ווינטן אין סטעפּ, און עפּשער האָט ער עפּעס א כאַפּ געטאָן אין מויל דאָרט, אין סאַד, וווהין די מיידעלעך האָבן אים אוועקגעפירט.

מיט שוריקן איז געווען א כלאָפּאָט, ביז ער איז אײַנגעשלאָפן. פונדעסטוועגן האָט גראָד אָט דער כלאָפּאָט געהאָלפן זעמליאַניצינען און דער באלעבאָסטע צוגעוווינען זיך איינס צום אנדערן, אפילע זיך דערנעענטערן, ווי מענטשן, וואָס האָבן, זאָל זײַן ניט אף לאַנג, א געמיינזאַמע איבערלעבעניש. נאָר וואָס עס האָט טיילווײַז צעשטערט אָט די שטי־מונג — יענער, אף דער קוליע, האָט זיך אַרײַנגעשטעלט. באַגריסט זיך בא דער שוועל, — צו זעמליאַניצינען אויסגערעדט עטלעכע ווערטער, ווײַזנדיק, אז מע איז שוין באקענט, — האָט ער דורכגעטיאַפּעט צו דער באנק בא דער וואַנט, לעבן טיש, צוגעזעצט זיך און אָפּגעזעסן דאָרט היפּש. ער האָט זיך ניט געמישט אין דעם, וואָס עס איז גערעדט געוואָרן, בלויז געהערט — א מענטש איז אַרײַנגעקומען, דערזען דאָס פּײַערל אין די טאַפּליעס, אין א פאַרוואָרפן אָרט איז אזוי. און מע האָט אין טאָך געקאָנט רעדן פאר אים דאָס, וואָס מע האָט פונקט געהאלטן אין רעדן — וועגן וויכאַרעוון. מאריע אַנטאָנאָוונע האָט געגרייט וועטשערע, דערנאָך האָט מען געגעסן די וועטשערע — אײַנצווייען, דער אַרײַנגעקומענער האָט פון דער אײַנלאַדונג, אפילע פונעם קאפּעלע, וואָס מע האָט אים אָנגעגאָסן אין א גלאָז, — זעמליאַניצין האָט געבראַכט א פלעשל, — באַשיידן אָפּגעזאָגט זיך. נאָר אליין דאָס זיצן זײַנס, די ניט גאָר פארבאָרגענע אָנגעשפּיצטקײַט זײַנע, וואָס פארשטאַנען האָבן זי זעמליאַניצין און די באלעבאָסטע ריכטיק, — אָט דאָס האָט זיי ביידן אלץ מער דערנעענ־טערט. זעמליאַניצין האָט עס אָבער געטײַטשט אויך אף זײַן אופן: „אָט בין איך געקומען אהער מיט מײַנעם א ווייטעק, מיט מײַנעם א פארטראכט, א פארלאַנג, נאָר צי דאַרף מען

מיך דאָ, צי דאַרף מיך דער דאָזיקער, מיט דער קוליע, צי דאַרף מיך מאַריע אַנטאָנאָוונע, און אויב זי דאַרף מיך אַפּילע, איז צי איז עס ווערט דעם גרויסן ווייטעק, וואָס כ׳וועל פאַרשאַפן אַנדערע (אַנדערע!), צי איז ניט מער רעכט בלײַבן אַליין מיטן אייגענעם ביסל ווייטעק אין הארצן?..״

נאָך דער ווערשערע, צוגעוואַרט גאָר ניט לאַנג, האָט מאַריע אַנטאָנאָוונע זיך אָנגערופן:

— א מענטש איז מיד פון וועג, מע דאַרף בעטן.

דעם עמעס געזאָגט — מיד, — האָט זעמליאַניצין אײַנגעשטימט.

מאַריע אַנטאָנאָוונע האָט זיך לאַנג געפּאָרעט אין קאַסטן, געזוכט א לײַטישערן לײַלעך, ווייניקער א פּאַרלאַטעטע ציכעלע, קעדיי בײַטן דאָס גרעט אַפן שמאָלן אײַזערנעם בעטל, באַם פענצטער, ווו זעמליאַניצין וועט שלאָפן.

— די מיידעלעך וועלן אַמאָל קומען צוגאַסט, איז זייער געלעגער גאַנץ. פאַראַן דאַפקע קוישנים אַפן בעטל, עס וואָלט ווערן גערעמער אין שטוב — ניין...— אָט אַזוי האָט זי גערעדט, און ווי דערעכצאַגווו (נאָר וואָס איז דאָ דער דערעכצאַגווו, ס׳איז גוט באַקלערט): — ער גייט, ער קומט אַרײַן... פריִער פלעגט ער זשעניען און אַניוטקען העלפן ספּראַוועט זיך מיט דעם, וואָס מע פאַרגיט אין שול. איך וואָלט אַליין אויך קאָנען א קוק טאָן, זיי זאָלן זיך ספּראַווען, נאָר אַז א מענטש וויל, און דו קומסט מיד, פאַרהלושעט פונעם קינדערגאָרטן — א ניאַניע, און אין דער היים — אי די ניאַניע, אי דער באַלעבאָס... קומט אַרײַן א מענטש — א בוכהאַלטער אין וואַליקעס־פאַבריק — זאָל ער גיין, אַמאָל שפּילט ער זיך מיט שוריקן. א גוטער, און שווײַגט אָט אַזוי צומיינסטנס... צי וועט ער עפּעס זאָגן, צי מיינט ער עפּעס זאָגן — ווער ווייסט? און וואָס ענטפערן, אויב ער וועט זאָגן — דאָס קער אים אויך אָפּשטעלן... ווער ווייסט?

זי האָט גענומען בעטן, זעמליאַניצין איז אַרויס אין הויף. ווען ער האָט זיך אומגעקערט, האָט אַף אים געוואַרט דער געלעגער, און מאַריע אַנטאָנאָוונע איז, אַן אײַנגעדעקטע ביזן האַלדז, געלעגן אַף דער ברייטער הילצערנער בעט אין צווייטן ווינקל, באַנאַנד מיט שוריקן, וואָס האָט פרײַ פאַנאַנדערגעוואָרפן די הענטלעך אַפן צוקאָפּנס.

— איר וועט, קלער איך, שלאָפן געשמאַק, — האָט זי געזאָגט, — א גוטע נאַכט.

— א גוטע נאַכט.

נאָר א גריל האָט א פּרוּוו געטאָן די קיילע ערגעץ באַ דער טיר, באַ דער פּליטע. דערפאַר עפּשער האָט מאַריע אַנטאָנאָוונע, נאָך א זיפץ, וועלכן זעמליאַניצין האָט פאַרנומען, זיך ווידער אָנגערופן צו אים — שטיל, ניט זיכער, צי שלאָפט ער ניט:

— און אין דער היים ווען קענט איר זײַן, ווען מיינט איר זײַן?

— איך ווייס אַפילע ניט, עס איז באַ מיר נאָך א גאַנצע היסטאָריע מיט דער היים...

מער ניט. און זי האָט אויך מער ניט געפרעגט גאָרניט. עפּשער האָט זי ניט פאַרשטאַנען, וואָס מיט דעם איז געזאָגט געוואָרן, און עפּשער פאַרקערט — דערפילט, אַז זי האָט זיך צוגערירט צו אַזוינס, וואָס מע דאַרף עס ניט ראַיען. דער גריל איז זיך צעגאַנגען אַלץ שטאַרקער...

טיף אין דער נאַכט האָט זעמליאַניצין זיך אופגעכאַפּט מיט כידעש — זע, געשלאָפן, און דאַכט זיך — פעסט. נאָר אופגעוועקט האָבן אים לײַכטע טריט פון באָרוועסע פיס אַפן ליימענעם דיל. באַ דער שוואַכער לעוואָנע־שײַן, וואָס איז געפאַלן אין צימער, האָט ער דערזען מאַריע אַנטאָנאָוונען אין א ווײַסער, לאַנגער נאַכט־העמד, דער צאָפּ, וואָס איז אין אָוונט באַ איר פאַרדרייט געווען אַפן נאַקן, איז נידעריק אַראָפּגעהאַנגען אַף דער פּלייצע, קימאַט ביז די פיס. זי האָט געטרונקען וואַסער, אָנגעשעפּט א קענדל פונעם עמער באַ דער טיר. ווידער אויסגעקערעוועט זיך מיטן פּאָנעם צום צימער — דער צאָפּ איז פאַרשוווּנדן — האָט די פרוי עטלעכע ווײַלעס ניט גערירט זיך פון אָרט, געקוקט פאַר זיך, עפּשער אַף אים, אַף זעמליאַניצינען, אַף זײַן געלעגער, און געלאָזט זיך גיין ניט אין ווינקל, ווו איר בעט איז געווען — טאַקע צום אײַזערנעם בעטל. דאָס אָנטאָן האָט זעמליאַניצין צוזיפגעלייגט אַף א בענקל באַם צוקאָפּנס, דעם קיטל אופגעהאַנגען אַפן ווענטל. מאַריע אַנטאָנאָוונע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן בענקל, אויסגעשטרעקט די האַנט, א פיר געטאָן מיט די פינגער איבערן פּאַגאָן, וואָס איז אויסגעקומען נעענטער, אַראָפּגעלאָזט די האַנט ווײַטער, אָפּגעזוכט דעם גאָלדענעם שטערן, אויך א ריר געטאָן אים, עס האָבן קוים צעקלונגען זיך די באַלויגונגען, וואָס זײַנען געהאַנגען נידעריקער, האָט זי צוגענומען די האַנט, געשטאַנען א פאַרציטערטע, גרייט אַוועקגיין און ניט וואַגנדיק זיך רירן פון אָרט. זעמליאַניצין האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם, עפּשער האָט די פרוי טאַקע לויט דעם געכאַפּט זיך, אַז ער שלאָפט ניט. א שאָקל געטאָן מיטן

קאָפּ, שווער אָפּגעאָטעמט, האָט זי שטיל, ווי צו זיך אַליין, נאָר האַבנדיק אין זינען זעמליאַניצינען אויך, געזאָגט:

— אָט אַזוי וואָלט אילישעס קיטעל געהאַנגען דאָ מיט די פּאַגאָנעס און מיט...

זעמליאַניצין האָט געשוויגן, בלויז עטוואָס אַ קערעווע געטאָן דעם קאָפּ אַף דער קישן, קעדיי בעסער זען מאַריע אַנטאָנאָווונעס פּאָנעם, און זי האָט געפרעגט, וויסנדיק שוין, אַז ער קוקט אַף איר, ער הערט:

— וואָס איז באַ אײַך מיט דער היים?

— עט, דאָס האַרץ פּילט עפּעס — מע איז דאָרט צו לאַנג געווען אָן מיר...

— לאַנג... — מאַריע אַנטאָנאָווונע האָט אַ קוק געגעבן אָפּן בענקל, ווי זי זאָל קלערן, צוזעצן זיך, צי ניט, אַ שעפּטשע געטאָן: „אַנטשולדיקט“, נאָר ניט אַוועקגעגאַנגען, און קימאַט אַזוי שטיל, ווי ביז דעם, נאָר מיט אַ מין פאַרטײַטער אַקשאָנעס, שטראָפנדיק און מיטפילנדיק, שווער געווען אופצוכאַפּן עס, געזאָגט, — עמעץ האָט אײַך אַף דער מילכאָמע, ניקאָלײַ פּראָקאָפּיעוויטש, אָנגערופן — טײַערער?

— טײַערער? — ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט, נאָר באַלד, דאַכט זיך, פאַרשטאַנען זי ריכטיק, אַ שמייכל האָט זיך דערהערט אין זײַן קאָל. — אָן אַלטיטשקע אין קאַראַסטען, ווען מיר זײַנען אַהין אַרײַנגעטראָטן, האָט מיך אַרומגעכאַפּט באַם טויער קושן, אײַנגאַנצן צוגעזאָטן צו מיר און געזאָגט: „טײַערער“. ווו נאָך? אין פּוילן, אין אַ שרעקלעכן באַראַק, האָט אַ מיידעלע מיר געוואָרפן זיך אָפּן האַלדז, די הענטלעך — אָט צעבראָכן זיי זיך, דאָס פּנעמל — אײַנגעשרומפּן, ווי האַלט זיך אָן אָטעם אינעם גופל, און זי צאַפּלט אַף מײַן ברוסט: „טײַערער!“

— איז אָט, — מאַריע אַנטאָנאָווונע האָט מיטביידע הוילע הענט בעסער פאַרצויגן דאָס שנירל פון דער העמד באַם האַלדז, דערנאָך אַוועקגעלייגט די דלאָניעס פון די צונויפגעקרייצטע הענט אַף די אַקסל, — איך זאָג אײַך אויך: טײַערער... פאָרט אַהיים.

זי איז אַוועק מיט לײַכטע, פאַרזיכטיקע טריט, ווי זי איז געקומען אַהער. אַרײַנטרעטנדיק אַלץ ווײַטער אין דער טונקלעניש, איז זי אויסגעקומען נאָך שלאַנקער, דער צאָפּ האָט זיך געמערקט אַף דער פּלייצע. קעדיי ניט אַ רוף טאָן זי, ניט אַ ריס טאָן זיך פון אָרט, האָט זעמליאַניצין צוגעמאַכט די אויגן.

4. ס'איז אַ הירש שוין געקומען צו טרינקען פון טײַך

ערגעץ האָט דאַניִעל נאָך בײַס דער מילכאָמע, אײַנגיכן נאָך דעם, ווי סטאַלינגראַד איז באַפרײַט געוואָרן, געלייענט אַזוינס — אין אַ צײַטונג, געדענקט זיך: ס'איז געקומען דער פרילינג, און אָפן מאַמײַעווער קורגאַן איז קיין איין גרעזל ניט אויסגעוואַקסן, ווי מיט אַן אײַזערנעם פּאַנצער איז ער באַדעקט געווען מיט אַ שיכט שפּליטערס און קוילן. זאָל זײַן, ס'אַ ביסל אַלעגאָריש — אַ גרעזל דאַרף ניט קיין סאַך ערד אַף זיך דורכשלאָגן, נאָר ביכלאַל... נעכטן פאַרנאַכט, עמעס, עס האָט שוין געטונקלט, איז מען אָפּן וועג פון אַעראָדראָם פאַרבײַגעפאָרן דעם מאַמײַעווער קורגאַן, דאַניִעל, און סאָמוילוויטער, און ליאָניע, און ראַזטשעפּקין, וועמעס גאַסט מע איז, פאַרבײַגעפאָרן דעם קורגאַן (זאָל עס ניט אויסקומען מאָדנע, נאָר ביז דעם האָט דאַניִעל אים נאָענט ניט געזען, — פּונוויײַטנס, בײַס די שלאַכטן, אייגנטלעך, דעם רויך, וואָס האָט זיך געהויבן, דאָס פײַער, וואָס האָט אָפּן באַרג און אַרום אים געבליצט — געזען, נאָר אַליין, אַפילע נאָך די שלאַכטן, ניט דערקליבן זיך צו אים), האָט ער געבעטן אָפּשטעלן די מאַשין, מע האָט אַלע זיך אופגעהויבן אָפּן ברייטן רוקן פון קורגאַן, און טאַקע — פאַרזשאַווערטע שפּליטערס האָבן בײַס יעדן טראָט אָפּגערופן זיך, ווו מיט אַ שטילן גרילץ, ווו מיט אַ קלונג אונטער די פיס, נאָר וואָס ס'איז שײַעך גראָז און קוסטעס, נײַע ביימערשפּראָצונגען — אַ מענגע. איז עס עפּשער — ווײַל יאָרן זײַנען פאַרבײַ.

אָט דער גוטער געפיל, אַז די ערד איז ווידער לעבעדיק און זי געבירט, האָט אָפּסנײַ און אַנדערש גראָד דאָ אַ וואָרעם געטאָן דאָס האַרץ, ווײַל אַזוי, ווי דאָ, האָט דאַניִעל קיינמאָל ניט פאַרטראַכט זיך אַף דעם. ערד, האָט ער געוווסט, איז ערד.

גופע דורך דער שטאָט איז מען דערנאָך, ביזן צאָפּנדיקן ראַנד, געפאָרן אַ קנאַפּע שאָ, האָט ער געזען: נײַ־בויונגען, פּוסטקעס, רויִנען, פּילשטאָקיקע הײַזער, אין וועלכע די פענצטער לײַכטן זיך שוין, אין אַנדערע — ניט, מע בויט זיי נאָך, זאַוואָדישע קוימענס, וואָס רייכערן זיך שוין אָדער זיי רייכערן זיך נאָך ניט... און אָט — ספּאַרטאַנאָווקע, וווהין מע איז געקומען

שוין בא פולער טונקלעניש, — בלויז די וואָלגע אונטן האָט געלויכטן העלער א ביסל, אָפּגעשפּיגלט נאָך פון ערגעץ די ווײַטע שקיִע, די שטערן, וואָס זײַנען ניט פול ארויסגעטראָטן אין הייך, — עטלעכע שורעס הײַזער, צומיינסטנס איינשטאָקיקע, אזעלכע, ווי עס זײַנען געשטאנען דאָ אויך דעמלט, אין אווגוסט פון צוויי־און־פערציקסטן, און סעדער, דאכט זיך, יעדנפאלס אין דער צוגעפאלענער נאכט — גאנץ געדיכטע.

דאָס באקענען זיך מיט די לוניאָווס, מיט טאִיסיע אפאנאסיעוונען, וואָס הינקט גאנץ היפש, מיט ווואדים מיטראָפאנאָוויטשן, מיט דער איינער האנט, מיט סלאוויקן — א זעקסיאָ־ריק יאטל, מאָרגן, דעם דרײַ־און־צוואנציקסטן, איז זײַן געבורטסטאָג, שווארץ, ווי איגאָר, און ביכלאל, אראָפּגעכאפּט פון איגאָרן, און וואָווע, א גאנצער יונג שוין, און הויך, ווי איגאָר, עטוואָס אפילע העכער, און ליובע, וועלכע זי איז דאָ אנטשטאנען — א היימישע, ווו איז גאָר אהינגעקומען דאָס שטרענגע, דאָס מיליטערישע, און דאָס שטענדיק פארזאָרגטע — אייגענע, טיפע, פארבאָרגענע זאָרג, און זאָרג פאר אזוי פיל פרעמדע ליידן, וואָס האָבן זיך איר, דער מעדשוועסטער, אנטפּלעקט, יאָ, און קאראטײַ, דעניס קאראטײַ, וואָס האָט שוין דאָ געוואַרט פון איינעכטן, — דאָס אלץ, אָט דעם ליבן טומל, אָט די שײַנענדיקע פרייד האָט ווי מיט א פאָרהאנג פארצויגן דער שלאָף, און געבליבן איז אין כאָלעם אף דער גאנצער נאכט, צי בלויז אף רעגעס, נאָר וואָס האָבן אויך די נאכט באשײַנט אָט די זעונג: דער קורגאן, א גרינער, א קוטשעראווער, הויכט זיך אונטער א ברייטן לויטערן הימל, און א פערד, א צעהיצט פערד, שנײַדט אים דורך, דעם בארג, עס פליט אים דורך פאָשעט, ווי א וואלד, און דער רײַטער אפן פערד, מיט א קאראבין אין האנט, דאָס איז ער, דאניִעל, ער שיסט אין א שרעקעוודיק אײַנגעבויגענער פלייצע פון א רײַטער, וואָס ער זעט פאר זיך, נאָר ער מוז זיך אומקוקן, ווײַל הינטן פײַפט א שווערד באם סאמע אויער, די שווערד, וואָס האָט אים באלד טאקע דערלאנגט מיטן שפּיץ אין קין, און זי טוט וויי, די קין, אפילע איצט...

איצט — מיט אָט דעם געדאנק: ווו זשע איז דער איצט? — האָט ער זיך אופגעכאפּט און א קלער געטאָן, אז דער קורגאן איז טאקע באדעקט, ווי מיט א פאנצער, און דערהערט, שוין פולקום רעאל, באנאנד, מאמעש צוקאָפּנס, א טופּען פון טלאָען, א מאָדנע טופּען. — א פערד? סײַדן ניט קיין געקאָוועטס, נאָר ווער קאָוועט ניט קיין פערד?.. — א קו? צו לײַכט דאָס טופען, און עפּעס שטעלן זיך אין אן אנדער סיידער די טלאָען, די פאָדערשטע און די הינטערשטע. — א ציג? ניין, ניט אזוי דריבנע און לײַכט, ווי א ציג טופּעט. וואָס זשע? און דאָס פּירקען איז אן אנדערס — געהיט, מיט איבערײַסן, און דאָס כראָמטשען — פּריִער א שטארקער סמיקע, — לאָזע, קראָפּעווע? — דערנאָך — שטיל, און ערשט נאָך אין א רעגע־צוויי ארום — געכראָמטשעט זשוואווע, אײַליק... מיילע, ווער דאָס זאָל ניט זײַן — אופגע־וועקט, איז אופגעוועקט, אפילע גוט, וואָס אופגעוועקט.

דער קאיאָר האָט קוים געבלויט דורך די שפּאלטן אין די ברעטלדיקע ווענט פון שטאל, דורך די שפּאלטן פון דער טיר, און ס׳איז פריש געווען, און ס׳האָט געשמעקט דאָס אויסגע־בעטע היי. דאָס היי האָט זיך א ביסל אָנגעזאָפּט מיט ראָסע־פײַכטקײַט. ס׳מאכט ניט, וואָס די ראָסע איז אהער ניט געפאלן דורכן דאך — אליין די אויסגעקילטע לופט האָט זי געבראכט.

יאָ, איז אָט דאָס דאָזיקע... — דאניִעל האָט זיך באמיט ווידער צונויפקניפּן דעם פאָדעם, וואָס האָט דורכגעוועבט זײַן כאָלעם און די געדאנקען, מיט וועלכע ער האָט געהאט אײַנגע־דרעמלט אין אָוונט, ווײַל שפּעטער, ניט לאנג נאָך האלב־נאכט, ווען ער האָט זיך אופגעכאפּט, געווען אזוינס, און אפילע אופגעהויבן זיך, האָט ער געטראכט וועגן אנדערן, יענץ אנדערע האָט ער דערווײַל אָפּגערוקט, — דאָס אפדערנאכטיקע האָט ער געפּרוּווט ווידער שפּינען...

קאראטײַ איז געשלאָפן דער סאמע עקסטער, און ער, דאניִעל, אויך דער עקסטער, נאָר בא דער וואנט. ליאָניע און וואסילי — אינמיטן, ליאָניע, נאטירלעך, לעבן טאטן. דאָס האָט ער, דאניִעל, פאָרגעלייגט, מע זאָל שלאָפן אפן היי, אין שטאל, אף ראזטשעפּקינס פלאשטש־פאלאטקע, וואָס ער האָט פארהיט פון דער מילכאָמע, און אף קאראטײַס — געבראכט זי מיט זיך, עפּשער טאקע מיט אָט דעם מיין, ניט באלעסטיקן די באלעבאטים, אָפּשלאָפן ערגעץ די נאכט, ווי אפן פראָנט. דאניִעל האָט עס אופגעכאפּט און געזאָגט:

— אף בעטן? ניין, ניין! די, וואָס ווינען דאָ, ווינען. ווער האָט גאָר דעמלט געקאָנט טראכטן דאָ וועגן היי און א געדעקטער שטאל?..

קאראטײַ איז געשלאָפן דער סאמע עקסטער. און דאניִעל, אונטערגעהויבן זיך אף אן עלנבויגן, האָט זיך אײַנגעהערט אין דעניס׳ שלאָף. ליאָניע, וואסילי, ווי זיי שלאָפן — דאָס איז פאר אים געווען א נײַס, א קוק געטאָן און געזען: וואסילי כראָפּעט אונטער גאנץ היציק, ווי ער איז ביכלאל א היציקער, ליאָניע שלאָפט סטאטעטשנע, די דלאָניע אונטער דער באק, און עס דאכט זיך גאָר — ער שלאָפט ניט, דאָס טראכט ער מיט צוגעמאכטע אויגן. קאראטײַ

שלאָפט אַנדערש, איידער אַמאָל — ניט איין נאַכט איז מען אָפּגעשלאָפן באַנאַנד — ער אָטעמט שווער, מיד, רוט אָפּ א קאַפּעלע, טוט א זיפץ און אָטעמט ווידער. זאָרגן. די עלטערע טאָכטער האָט זיך אומגעקערט פון דײַטשלאַנד, נאָר זי קרענקט. ביכלאַל זאָרגן, יאָרן. און זײַנע שטענדיקע געדאַנקען. וואָס האָט ער עס געזאָגט אַפּדערנאַכט, ווען מע האָט געוומען צו קעלישעקעס:

— פון מײַסעלעך וויסן מיר, אַפּילע סלאַוויק האָט געקערט הערן: מע האַקט אָפּ באַם פּיפּערשלאַנג דעם קאָפּ און עס וואַקסט אויס א נײַער. נאָר אין קיין איין מײַסעלע איז ניטאָ אַזוינס, אַז דער אַנדערער קאָפּ איז שטאַרקער פונעם פריִערדיקן. שוואַכער, שוואַכער, ביז — ניטאָ...

און אַזוינס האָט ער געזאָגט, דעניס — מיסטאָמע איז עס באַ אים ערגעץ פאַרשריבן אין די העפטן:

— קינדער שטעלן לאַנג און פלײַסיק צונויף פון קוביקעס א טורעם. דערנאָך ווערט זיי נימעס, ציִ דער געדז טוט עמעצן א ביס, איז — א זעץ איבערן טורעם, און אויס. עפּשער איז מיט דער וועלט אויך אַזוי? נאָר די וועלט איז פאַרט אין די הענט באַ דערוואַקסענע.

ווידער האָט זיך דערהערט א סמיקע און א כראָמטשען פון יענער זײַט וואַנט — זי קומט, דאַכט זיך, אַרויס אין גאַס, און באַלד — א צעפּלאָכעט טופען, עמעצנס אַן אויס־געשריי:

— זע נאָר, זע נאָר!

און נאָך עמעצנס:

— אין מיליציע, מע דאַרף אין מיליציע אָנקלינגען!

— צו וואָס איז דאָ די מיליציע?

— קיינער זאָל אים ניט טשעפּען.

— שטיי, וווּהין וועט ער גיין? ער ווייסט ניט, וווּהין צו גיין...

דאַניִעל האָט מיט פאַרדראָס א קלער געטאָן: „מע שרײַט, מע וועט אַלעמען אופוועקן". נאָר אַליין האָט ער זיך שוין אופגעהויבן און שטילערהייט אַוועק צו דער טיר — א קוק טאָן, וואָס איז דאָרט. אַרויס אין הויף, האָט ער דערזען לויפן א הירש איבער דער ברייטער גאַס, א שיינעם, א ברוינעם, אינעם קאַיאַר — אַפּילע א שוואַרצלעכן, מיט העלע, מאַמעש גאָלדענע הערנער, נידעריק צוגעבויגענע צום רוקן — דער קאָפּ איז פאַריסן. די, וואָס האָבן זיך איבערגעשריגן, אין שכײניִשע הײַפן איז מען געווען, האָבן באַמערקט דאַניִעלן, מיטן אָנגעוואָרפענעם גענעראַלישן קיטעל אָף די אַקסל, מיטן שטערנדל, און טאַקע צוליב אים ווידער געוומען שרײַען:

— פון יענער זײַט וואָלגע איז ער!

— פון יענער זײַט. איך האָב נאָך געזען, ווען ער איז געשווומען אַהער.

— אַן־אַ, פאַרקערעוועט צו דער בריק איבער דער מאָקראַיאַ מעטשעטקאַ!

— איז — אָדער אין פּאַרק, אָדער צום זאַוואָד... עס וועט זיך ענדיקן די דריטע וואַכטע, וועלן זיך עס מענטשן וווּנדערן!

— ביז די וואַכטע וועט זיך ענדיקן, וועט ער שוין עפּשער זײַן אין שטאָט. זע, זע, אַרוף, אַרוף־באַרגן...

דער הירש איז פאַרשוווּנדן דאָרט, ווו דעם שאָסיי האָט פאַרשטעלט אַן אָנשיט. דאַניִעל האָט באַשטימט, אַז שלאָפן וועט זיך שוין ניט, אין דרויסן איז גוט, פריש, עס האָט זיך געוואָלט טראַכטן, אַרומקוקן זיך. אָנגעטאָן דעם קיטעל, ווי עס געהער צו זײַן, און האַלטנדיק דאָס היטל אין האַנט, איז ער דורך א שמאָלן געסל אַוועק צו ניט קיין טיפן יאַר, און געוואָקסט שוין, וווּהין ער גייט — צום פּוסטן פּלאַץ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון יענער זײַט טאָל, און ווו עס האָבן זיך געזען קליינע בערגלעך, גריבער. געווען איז עס דאָס אָרט, ווו עס איז אַמאָל געשטאַנען רינאָק, און איצט, דאָס האָט מען נעכטן דערציילט, ווערט דער יישעוו ניט אופגעבויט, דאָרט וועט זײַן דער אַרופאָר אָף דער דאַמבע און אָף דער בריק איבער דער וואָלגע, — מע וועט אין יענעם אָרט אַן ערעך שטעלן אַן עלעקטראָסטאַנציע. האָט זיך געוואָלט בלאָנקען דאָרט א ביסל, אָפּזוכן דעם באַרג ציגל און אַש, וואָס איז געבליבן פון דער שול; אַהין וועלן הײַנט אַלע גיין, די, וואָס זײַנען שוין דאָ, און די, וואָס וועלן נאָך קומען צו פאָרן, נאָר עפּעס האָט געצויגן אַליין באַזוכן יענע רויִנען, צוערשט — אַליין.

דאַניִעל האָט אָפּגעזוכט מיט די אויגן רעשטן פון טראַנשייען, אָקאָפּעס, בלינדאַזשן, באָמבע־גריבער. באַ אייניקע אַזעלכע ערטער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געטראַכט. יאָ, די ערד איז דאָ געווען קימאַט אַזאַ, ווי דעמלט, ווען דאָס פײַער האָט אָף איר אופגעהערט בושע־

וועג. נאָך דעם, ווי דער גאַרניזאָן פון דער שול איז אומגעקומען, איז נאָך געווען איין אַטאַקע אַף באַפרײַען רינאַק, און אַ צווייטע, מיט וועלכער ער, דאַניִעל, האָט אָנגעפירט, דערנאָך זײַנען דאָ געשטאַנען באַם סאַמע ברעג און אויסגעשטאַנען ביזן סאַף אַנדערע טײלן. וואָס דאָ האָט זיך נאָר ניט אָפּגעטאָן! און איצט — שווײַגנדיקע, צעראָיעטע ערד, ליים, ווו־ניט־ווו — פרישע שפּורן פון בולדאָזערס, וואָס פּרווון שוין עפּעס טאָן, צופעליק דורכגעלייגטע וועגן — עטלעכע לאַסטמאַשינעס זײַנען דורכגעפאָרן בייס אַ רעגן, צי נאָך אַ רעגן, און אָט — שוין דאָ די קאָליעס און עס איז דאָ אַ וועג.

דאָ איז געווען דער העכסטער אָפּבראָויז פון דער מילכאָמע־כוואַליע, פונדאַנען האָט דאָס פײַער גענומען אָפּטרעטן אַף צוריק. איז וואָס זשע האָט אים געלערנט אָט די ערד, אָט דער ראַנד? האָס? ניין, ליבע אויך. עפּשער אפילע מער, ווי האָס. יעדנפאַלס, ניט ווייניקער. און געוויינלעך, ניט אים איינעם. וויכאַרעוו, וועלכער איז געפאַלן אָן קויכעס, באַגיסנדיק זיך מיט בלוט דאָ ניט ווײַט, אַ ביסל העכער, אין פעלד, ווען ער האָט אַרויסגעפירט פון אַרומרינגלונג דעם רעשט פון קונגוראַווס פּאָלק און דרײַ וועגענער מיט פאַרווונדעטע, איז אומגעקומען אַפן וועג קיין לוואָו; ער איז אַוועק מיט אַ גרופּע קאָמאַנדירן אַף דעם סוינעס פאַרכאַפּטע אַרטילערישע פּאָזיציעס, אַ מינע איז געפאַלן לעבן צונויפגעלייגטע קעסטלעך מיט סנאַריאַדן, איין קעסטל האָט זיך אָנגעצונדן, האָט ער עס אַ כאַפּ געטאָן, אָפּגעטראָגן צו אַן אָקאָפּ, באַוויזן עס אַרײַנוואַרפן אַהין, פון דאָרט האָט אַ זעץ געטאָן דער אופרײַס — אַלע, וואָס זײַנען געווען לעבן וויכאַרעוון, האָט ער געראַטעוועט, אַ שפּליטער האָט פאַרטשעפּעט בלויז אים, אַף טויט... סאָקאָליעץ איז אומגעקומען נאָך ווײַטער, אין נידערשלעזיע, ניט לאַנג פאַרן זיג. ער איז געגאַנגען פון דער פאָדערשטער ליניע, פון אַ באַטאַליאָן, דערזען צוויי שווער־פאַרווונדעטע פאַרבינדלער. דער אָרדינאַרעץ האָט גענומען איינעם אַף די פּלייצעס, סאָקאָליעץ — דעם צווייטן. באַם פּיצינקע טײַכל שוואַרצוואַסער, דרײַ שפּאַן די ברייט, האָט אַ סנײַפּערישע קויל, — און פונוואַנען האָט זיך דאָרט גענומען דער סנײַפּער! — דורכגעלעכערט דעם פאַרווונדעטן און דעם קאָמאַנדיר פון פּאָלק.

אָבער ניט נאָר אַזאַ ליבע איז געקומען צוזאַמען מיטן גרויסן האָס. צוויי עפּיזאָדן האָבן באַ דאַניִעלן אין זיכּאָרן אָנגעמערקט אַ מין געדאַנקלעכע ליניע צווישן צוויי עקסטע פונקטן.

איינס האָט פּאַסירט דאָ, אין דער גרויזאַם־פּראַסטיקער נאַכט, צי אַף מאָרגן נאָך דעם, ווי דער טראַקטאָר־זאַוואָד, די לעצטע היטלערישע פּאָזיציע באַ סטאַלינגראַד, איז באַפרײַט געוואָרן. מע האָט אים אַרויסגערופן קיין דובאָווקע. ווײַל ס'האָט צעבושעוועט זיך אַ זאַווײַ, איז זיכערער געווען פאָרן ניט אינעם „וויליס" — שוין געווען אַ „וויליס", נאָר אין אַ געווײַנלעכער שווערער לאַסטמאַשין מיט אָנגעוויקלטע קייטן אַף די רעדער. אין וועג האָט זיך געטראָפן אַ שווער־פאַרווונדעטער מיניאָר מיט אַ סאַן־אינסטרוקטאָר. נאַטירלעך, אין קוזאָוו וועסטו זיי ניט זעצן — איינער פאַכט מיט דער נעשאָמע, דער צווייטער מינטערט אים. איז — אָפּגעטראָגן זיי די קאַבינע און אַליין אַוועק אַרופּ. אין קוזאָוו, ווו עס פאָרן צוויי אוטאָמאַטלער. און דאָ — פון זאַווײַ, ווי געשפּענסטער — אַ קאָנוואָיִנער און אַ צענדליק געפאַנגענע היטלעראָווצעס. מע מאַכט מיט די הענט, מע בעט זיך: נעמט אַרופּ. און דער קאָנוואָיִנער בעט. אַרופגענומען. מע פאָרט. די געפאַנגענע טוליען זיך איינער צום אַנדערן. וועמ ס'איז אין אַ צעפּליקטן שינעל, וועמ עס קוטעט זיך סטאַם אין אַ קאָלדרע, אַף די קעפּ, צומיינסטנס, פּילאָטקעס. מיטאַמאָל, איינער — אַ פּליוכע אַף די קני, און מיטן קאָפּ — צו אים, צו דאַניִעלן, אונטער דער פּאָלע פונעם פּעלצל. אַזוי איז יענער דערפאָרן ביז דובאָווקע. איז וואָס, געווען אים אָפּשטויסן?..

און אַזוינס, באַלד נאָך דער מילכאָמע, צי אַ טאָג־צוויי פאַרן סאָף: אַ שטיבל, טאַקע אין נידערשלעזיע, שירקאָוו האָט געבראַכט וואַרעמס. פּלוצעמס, מע עסט שוין — די טיר טוט אַ סקריפּע, און אַף דער שוועל — אַ באַיאָרטער דײַטש מיט אַ קעסטל סטאָליערשע אינסטרומענטן אין האַנט. ער קוקט שטום אַף די שיסלען סופּ, אַפן ברויט און טרערן פּילן אָן די אויגן. — עסן? ברויט? — דאָס האָט ער, דאַניִעל, געפרעגט. יענער שאָקלט צו מיטן קאָפּ, נאָר עפּעס פּליסטערט ער נאָך: די טאָכטער, שוואַנגער, אַ דאָקטער... האָט דער דײַטש אַוועקגעטראָגן אַ האַלב לעבל ברויט אין פּאַזוכע (צוליב וואָס דאָס קעסטל מיטן אינסטרומענט איז אין אַזאַ לאַגע נייטיק געווען — שווער צו פאַרשטיין, עפּשער געמיינט מיט עפּעס נוציק זײַן?), און שירקאָוו האָט אַוועקגעײַלט נאָך אַ דאָקטער.

נו, איז וואָס זשע, פאַרגעסן אין אַלץ? דאָס האַרץ איז סטאַם אָפּגעגאַנגען? עס קאָן ניט אָפּגיין, נאָר עס קאָן ניט, דאָס גרעסטע פײַער קאָן ניט פאַרוואַנדלען אין אַש דאָס, וואָס מאַכט אַ מענטשלעך האַרץ פאַר אַ מענטשלעכן.

ער איז שוין געווען בא דער שול. א קופּע ציגל, טינק, צוגעשלאָגן פון אָן א שיר רעגנס, פון צעגאנגענעם שניי, פארשאָטן מיט זאמד, מיט וועלקנדיקע בלעטער. אוועקגעגאנגען און שוין געטראכט פון א צווייטן — טאקע וועגן דעם, צו וואָס ער האָט דורך אלע זײַנע געדאנקען, די באנאכטיקע, און איצט, די קאיאָריקע, זיך דערקליבן, אָפגערוקט זיי, נאָר פאָרט דערקליבן זיך. פראניע. ער האָט זי געזען גיין אהער דורכן טאָל, אין א ווײַסן קאָפטל, מיט א בלויען, זייער א לײַכטן, א גאזעווען שארפעלע אפן האלדז. דער ווינט האָט צעווייעט דאָס שארפעלע און זי האָט עס אלעמאָל אונטערגעכאפט מיט א האנט, צוגעדריקט צו דער ברוסט. אין דעם, ווי פראניע איז געגאנגען, האָט זיך געפילט אי ענערגיע, אי א צאפלען — וואָס מער? אָט דאָס, אייגנטלעך, האָט דאניִעל א טראכט געטאָן, נאָר געוווסט — ער מיינט לעשן די אנציקונג, די צערטלעכקײַט, וואָס האָט אלץ שטארקער זיך דערוועקט אין אים. די אנציקונג האָט געדויערט עטלעכע ווײַלעס, די צארטקײַט איז געבליבן, אָבער געשטילט — ער האָט געדארפט ניכטער דערטראכטן דאָס, וואָס עס איז, ווי קיינמאָל, וויכטיק געווען איצט צו דערטראכטן.

אז פראניע וועט דאָ זײַן, אין ספארטאנאָווקע, האָט ער געוווסט. עס איז צו איר דערגאנגען: מע וועט זיך דאָ פארזאמלען סאָף אווגוסט, אינעם טאָג, ווען אלץ האָט זיך געהאט אָנגעהויבן בא סטאלינגראד. טשארנע, ווער נאָך האָט איר געקאָנט אָנשרײַבן? און ער, דאניִעל, האָט דאָס שוין בלויז באשטעטיקט אין א בריוו. עס וועט אויך קומען זעמליאניצין — טאקע אומגעקערט זיך קיין סאראטאָוו. ניעזשורקאָ — פאר אים איז עס קלאל ניט קיין ווײַטע רײַזע — פונעם דאָן. איוואָלגין — דאָס איז שווער צו האָפן, ער איז אין סיביר, די טעלעגראם זײַנע זאָגט: „איך קלאָר אויס די מעגלעכקײַט”. קאראטײַ ווארט שוין דאָ צוויי טעג, געקומען צוליב אן איניען אפן טראקטאָר־זאוואָד. ליאָניע, סומויוויטער — זיי האָט ער, דאניִעל, מיטגענומען פון קאווקאז; מע האָט זיך אראָפגעכאפט צוגאסט אין שיסער־קאָרפּוס, מיט וועלכן ער קאָמאנדעוועט, געקומען צוזאמען פון קיִעוו אף אָפרו, וואָס זשע באטרעפט שוין צופליִען מיט אים אויך אהער, וועלן פארלוירן ווערן נאָך צוויי טעג אין סאנאטאָרי. יאסעניעוו, טשארנע, שוניע — די פליִען פון מאָסקווע, יאסעניעוו איז דאָרט אין א מיליטערישן אמט. און פראניע — איר קאָל האָט זיך דערהערט באנאכט, נאָך דעם, ווי מע האָט לענגער געקלאפט אין פירטקע. אופגעהויבן זיך, איז ער ארויס אין הויף, ווען זי האָט שוין אנטשולדיקט זיך פאר וואדים מיטראָפאנאָוויטשן: ס׳האָט זיך געטראָפן אפן אעראָדראָם א ספארטאנאָווקער, נאָך וועלכן עס איז געקומען א מאשין, ווי זשע זאָגט מען זיך אָפ פון דער אײַנלאדונג — מיטפאָרן? כאָטש — אָט־אָ, א כלאָפאָט פאר די באלעבאטים... און געווען איז מיט דעם געזאָגט געוואָרן עפּעס אנדערש, און טאקע אים, דאניִעלן: „געוואָלט פריִער אפילע מיט אָט די עטלעכע באנאכטיקע שאָ קומען אהער, ווו דו ביסט”.

וואדים מיטראָפאנאָוויטש האָט פארנומען פראניען אין שטוב, און זי האָט שוין אפן גאנעקל, געזעגענענדיק זיך, בעכיפאָזנדיק און גליקלעך דערציילט: די מיידעלעך, זשעניען און אניוטען, האָט זי געלאָזט באם יאם, ווו מע רוט אָפ, אין קרים, אין א דערפל. א גוטע אלטיטשקע האָט זיך אונטערגענומען אכטונג געבן אף זיי. כאָטש, שטארק אכטונג געבן איז שוין ניטאָ וואָס — ניט קיין קליינינקע...

„ניט קיין קליינינקע”. פאָטאָגראפיעס שיקט מען אים אלעמאָל, דאניִעלן, אלע יאָרן. געקוקט האָבן פון די קארטעלעך גאָר קינדער, דערנאָך אלץ עלטער און עלטער. שווארצינקע, גרוי־אויגיקע, פראָסטלעך־שיינע. נו, יאָ, ברויטמאנס — מע שטאמט דאָך פון קאָלאָניסטן. אמאָל איז פראניע אויך פאָטאָגראפירט מיט די מיידלעך, און אמאָל איז איר קארטעלע אליין פאר זיך. אלץ אזא: א שמייכל — זעלטן, אָפטער, — פארקלערטס, פארבענקטס אינעם בליק. קיין וואָרט פרעגט זי ניט — ווארטן, האָפן?

דאכט זיך, ער האָט שוין געפויעלט בא זיך: אזוי וועט עס זײַן. און עפשער — ניט?.. דאָרט, אין קיִעוו, איז נאטאשע. עס וואקסט שוין בא איר און עדיקן אָלינקע. גאָר א פיצל, אפן קארטעלע האלט עס קוים א צעלולאָיִדענע קלאפערקע אינעם פוכקע הענטל, און דער בליק פון די שווארצע אייגלעך, און דער שמייכל — ליכטיק, אָבער נאָך ניט באזינט. ליאָניעס און לאריסעס טאָליע, אנאטאָלי — אן אָנדײַט אף „כאנקע” — דער איז שוין א ברען... צוויי נײַע רינגעלעך, און ער — עס ווילט זיך ניט זאָגן — א געבראָכן רינגל, — דאָס לעבן איז פול מיט סאָלדאטישן, מיט הארבן, עס שטימט עפשער מיט אלץ אין אים, און דאָך...

פראניע איז צוגעגאנגען, א ברוינע — עס פאסט איר די ברוינקײַט, א ביסעלע א פארסאָפעטע — געײַלט. דערלאַנגט די האנט, א קוק געטאָן אין די אויגן. גאָרנישט ניט געזאָגט, גאָרנישט ניט געפרעגט. א גוטמאָרגן. מע האָט זיך דאָך שוין געזען. און פונדעסטוועגן —

מיט יעדער אייוועראירן, מיט יעדן קער פונעם קרעפּטיקן, ניט הויכן, און עפּעס מאָדנע ניט באַשיצטן גוף האָט זי געפֿרעגט: „און וועגן מיר טראַכסטו? דאָ, ערשט־אָ — האָסט געטראַכט?..״

זי האָט ניט גלײַך זיך געכאַפּט, אַז דאַניִעל קוקט ניט גלאַט אַזוי איבער איר אַקסל, אַז ער שפּירט דאָרט עפּעס נאָך. אומגעקוקט זיך און דערזען: אַ הירש איז ניט וואָס געלאָפֿן איבער דער גאַס פֿון יענער זײַט טאָל, עפּשער האָבן סטאַם פֿלינק און לײַכט געטראָגן אים די שלאַנקע פֿיס. דעם הערנערדיקן ברייט־צעצווײַגטן קאָפּ האָט ער געדרייט אין איין זײַט, אין אַ צווייטער — ניט אומרויִק, אַזוי ווי פֿון ווילדלעכער פֿאַרגאַפּטקייט. שטיין געבליבן אויפֿן הויכן ברעג פֿון דער וואָלגע, האָט ער געקוקט אין דער ווײַט, אויף יענער זײַט טײַך, וווּ עס האָט קוים־קוים, צווישן הימל און ערד, איין בלוילעך־גרויען צעגאָס, זיך געמערקט אַ גאָלדן פּאַסיקל. אויף דער גאַס, ווײַטלעך הינטערן הירש, זײַנען געשטאַנען מענטשן. דער ייִשעוו האָט זיך שוין אויפֿגעכאַפּט. עטלעכע האָבן זיך אָפּגעטיילט פֿון די, וואָס אויף דער גאַס, אַ מאַך געטאָן פֿונוויײַטנס מיט די הענט צו דאַניִעלן און פּראַניען, געגומען גיין דורכן טאָל — קאַראַטײַ, סאָמויוויטער, ראַזטשעפּקין, ליאָניע...

— ליאָניע, — דאָס האָט דאַניִעל געזאָגט צו פּראַניען, געמיינט, זי געדענקט אים ניט גאָר.

— איך דערקען, — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן.

אָט דאָס שעפּטשען האָט עפּעס אונטערגעשטראָכן: צי די נאָענטקייט, וואָס הערשט שוין צווישן זיי ביידן און פּראַניע וויל זי ניט צעשטערן, צי די שטילקייט, די רו, וואָס הערשט אַרום.

דער הירש האָט פֿאָרזיכטיק זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון שטײַלן ברעג צום וואַסער. עס איז גוט צו זען געווען, ווײַל געשטאַנען איז מען לעבן סאַמע ברעג־אָפּריס. בײַ דאַניִעלן איז אויפֿגעקומען אין זיכּאָרן: „ס׳איז אַ הירש שוין געקומען צו טרינקען פֿון טײַך, ס׳איז דאָס וואַסער אַ לויטער־קרישטאָלענע דעק״. אַזוינס — די פֿאַקסימילע פֿון אַ דיכטער, מיט וועלכן ער איז אַמאָל צוזאַמען געגאַנגען אין שלאַכט, איז אָפּגעדרוקט אויפֿן ערשטן זײַטל פֿונעם ביכל, וואָס ער האָט בײַ זיך אין ביבליאָטעק, דאָרט, אין זײַן איינזאַמער דירע, צופֿוסנס פֿון אַ באַרג מיט שניי־ווײַסע שפּיצן.

צוגעקומען צום טײַך, האָט דער הירש אַ ראַיע געטאָן מיט אַ טלאָ דעם זאַמד, צוגעבויגן דעם לענגלעכן קאָפּ צום וואַסער, געטרונקען אוואַדע, נאָר ניט לאַנג, גראַציִעז אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, שוין אַ באַלויכטענעם פֿון די שטראַלן, וואָס האָבן אַ פֿלייץ געגעבן פֿון צווייטן ברעג, אַרויסגעשפּאַרט די קרעפּטיקע ברוסט און אַרײַן אין דער וואָלגע. טיפֿער, טיפֿער — אַוועקגעשווומען. די גאָלדענע הערנער און דער שוואַרצער קאָפּ האָבן אַלץ שוואַכער זיך געזען צווישן די פֿלאַמיק־שעמערירנדיקע כוואַליעס.

— וואָס קאָן זײַן שטילער און שענער, ווי ווען אַ הירש קומט שוין טרינקען פֿון טײַך... — דאַניִעל האָט דאָס געזאָגט צו פּראַניען, געזאָגט דאָס אין געדאַנק אויך צו די, וואָס האָבן שוין געדאַרפֿט צוקומען, נאָר אָפּגעשטעלט זיך ניט ווײַט און געקוקט אויפֿן טײַך.

דער הירש איז אַרויס אויפֿן צווייטן ברעג. גיך געמיטן דעם זאַמדיקן פֿלאַך, איז ער פֿאַרשוווּנדן אין דער ברוינער גרינקײַט פֿון סטעפּ.

ווערק פון אונדזערע לייענער

דיכטונג

יאנקל עלקיס
(כאַרקאָוו)

כ׳האָב פאַרשטאַנען שוין פון לאַנג

כ׳האָב פאַרשטאַנען שוין פון לאַנג,
ס׳שטעקט דערין א גרויסער סייכל —
יעדער זאַנג האָט זײַן געזאַנג,
יעדער בלימל האָט איר שמייכל.

יעדער בוים — אַן אַנדער קרוין,
איז ניט ענלעך צו א צווייטן.
אַנדערש וואַקסט א יעדער בוים,
אַנדערש בליט א יעדער קווייטל.

יעדער מענטש עס האָט זײַן גאַנג,
וואָס ניט ענלעך איז אַף קיינעם.
טויזנט לידער — איין געזאַנג,
כ׳האָב פאַרשטאַנען שוין פון לאַנג
אַלץ באַזונדער, אַלץ איינינעם.

ש׳יע זינגער
(ווויניצע)

ס׳טוט קיין ביסל מיר ניט וויי

טוט קיין ביסל מיר ניט וויי,
וואָס דעם וועג פאַרשיט דער שניי,
ווײַל דו האָסט שוין וויפל טעג
ניט געטראָטן אַף מײַן וועג.

און עס טוט מיר גאָרניט באַנק,
וואָס דער שניי פאַרשיט די באַנק,
יענע באַנק, וואָס סוידעס האָט
און זי ווייסט איך אונדזער
סאָד.

נאָר וואָס טוט מען, זאָג מיר נאָר,
כ׳זאָל פאַרגעסן דיך, און גאָר.

שלוימע ראַפּאָפּאָרט
(לענינגראַד)

60 און 5

ווי לאַנגזאַם עס צ׳ען זיך קינדערשע יאָרן!
מײַן אייניקל וואָוע איז פינף ערשט געוואָרן.
מיט אומגעדולד האָבן געוואַרט אַף דער דאַטע
די באָבע, דער זיידע, די מאַמע דער טאַטע.

אוי, פלינק, ווי א וויכער, עס אײַלן די יאָרן —
ס׳איז וואָוועטשקעס זיידן שוין זעכציק געוואָרן.
מיר דאַכט, אַז ערשט נעכטן — אַן שיך און אַן זאָקן
אין גאַס כ׳בין געלאָפן,
און איצט שוין א זאָקן.

איז וועמען פאַרדריסן עס דאַרף פון זיי ביידן —
דעם אייניקל וואָווען, צי וואָוועטשקעס זיידן?

פּראָזע

בערע שײַנגאָוטער
(מאָסקווע)

א באַקאַנטשאַפט אין אַטעליע

אין אַטעליע איז, ווי שטענדיק, פאַר אָקטיאַבער־יאָמטעוו, געווען טומלדיק, און כאָטש די מעלדונג אף דער וואַנט האָט געוואָרנט, אַז צום יאָמטעוו ווערן מער קיין באַשטעלונגען ניט אָנגענומען ווערן, זײַנען צו מיר און צו אַנדערע מײַסטערס געגאַנגען מאַנצבלען, געבעטן: עפּשער פּאָרט?

בא דער וואַנט האָט זיך געשאַרט א מאָגער ייִדל אין די יאָרן, מיט א געשווירענעם גראָוון בערדל. ער האָט געוואַרט, ביז ס׳וועט זיך איבעראַשן.

ווען דער אוילעם איז זיך צעגאַנגען, האָט ער שעמעוודיק א הייב געטאָן אַן אַקסל און שטיל געזאָגט:

— איך וואָלט אײַך זייער געבעטן, מײַסטער, איר זאָלט מיר אופנייען דאָס קאַשקעטל אף יאָמטעוו.

— איר זעט דען ניט, רעב ייִד, וואָס עס טוט זיך? — האָב איך זיך א קאָך געטאָן.

— איך פֿאָדער דען, כ׳בעט דאָך... — האָבן זיך זײַנע אויגן אַנטשולדיקט.

— אַלע בעטן דאָך, — איז מײַן האַרץ ווייכער געוואָרן. — און אַז איר וועט באַנײַען דאָס קאַשקעטל אין א וואָך אַרום, וועט שוין אַן אומגליק געשען? איר זעט, וויפל היטלען עס ליגן אַרום מיר? און אַלע דאַרף איך פּאַרטיק מאַכן צום יאָמטעוו.

— אַז איר זעט פאַר זיך בלויז היטלען, היטלען, — האָט ער זיך שטיל באַקלאָגט, — אָבער אונטערן היטל איז דאָך א מענטש!.

— איז וואָס זשע ווילט איר פון מיר, רעב מענטש? — האָב איך זיך צעלאַכט.

— מע מעג זיך צוזעצן? — האָט ער אָנגעוויזן מיט די אויגן אפן בענקל לעבן מײַן וואַרשטאַט. — די פיס דינען שוואַך אף דער עלטער.

— זעצט זיך.

— איר זײַנט אַן אוקראַאינישער ייִד? — האָט ער געפרעגט שוין היימישער.

— יאָ.

— איר זעט, ווי איך דערקען א זעמליאַק!.. כ׳האַלט, אַז די אוקראַאינישע ייִדן זײַנען די בעסטע ייִדן אף דער וועלט.

— אַלע?

דער ייִד האָט א דריי געטאָן מיטן גראָוון בערדל, ווי ער זאָל פון זיך אָפּטרײַבן א פליג.

— וואָס איז שײַעך אײַער קאַשע, וואָלט איך אף איר געענטפערט מיט א פּאָר מײַסעס. ס׳איז אָבער ניט די צײַט און ניט דאָס אָרט. אין עפּשער וועט איר מיר קוידעם אראָפּכאַפּן די מאָס?.. — האָט ער מיר אונטערגעשטעלט זײַן שמאָלן שאַרבן.

— נו, גוט, — האָב איך נאָכגעלאָזט, — כ׳מאַך אײַך די קעפּי צום יאָמטעוו. אָבער ביטנײַ: איר דאַרפט מיר דערציילן א פּאָר טשיקאַווע מײַסעס: איך זע אין אײַערע אויגן, אַז איר האָט וואָס צו דערציילן.

— אָז מע לעבט דורך צוויי און זיבעציק יאָר... און צוריק גערעדט: צו דערציילן אַן עמעסע פּאַסירונג דאַרף מען דען זײַן א גרויסער בעריע? — האָט ער לײַכט א שמייכל געטאָן אין גראָוון בערדל אַרײַן.

דעם זעקסטן קומט דער ייִד נאָך זײַן באַשטעלונג.

— נו, איצט זײַנען מיר דאָך שוין אַלטע גוטעפרײַנט, — שמייכלט ער, — איז נאַט זשע אײַך שאָלעם. און פאַריינוועגס וועלן מיר זיך טאַקע באַקאַנען — אווראָם קאַנטער הייס איך, — לייגט ער מיר אַרײַן זײַן שוואַכע האַנט.

— דאָס קאַשקעטל איז אַן אַנטיקל, — שמייכלט ער אין שפּיגל אַרײַן, האַלטנדיק דעם דאַשעק מיט צוויי פינגער, — איך מיין, טאַקע א כאַריפּעס!

— כאַפּט זיך אַרײַן אין אַטעליע נאָך יאָמטעוו, רעב אווראָם, — זאָג איך, — איר זײַט דאָך מיר א באַלכויוו.

— וואָס מיינט איר? — טוט ער א דריי מיטן

גראָוון בערדל, — די קוויטאַנציע האָב איך דאָך אײַך אָפּגעגעבן.

— איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט דערציילן א פּאָר טשיקאַווע מײַסעס.

— א־א. אָבער דאָ דערציילן? אויב איר זײַט שוין יאָ אזא באַלן אויסצוהערן מײַסעס, איז פאַרשרײַבט מײַן אדרעס. כ׳וווין דאָ ניט ווײַט: קומט אַרײַן, וועלן מיר א ביסל דורכלופטערן די שפּראַך.

— אז מע לעבט, באַגעגנט מען זיך, — האָט דער ייִד צופרידן געריבן א האַנט אין א האַנט, ווען איך בין אין עטלעכע טעג אַרום צו אים אַרײַנגעקומען. — זעצט זיך צו, סעמיאָן מאָ:סייעוויטש, וועט איר זײַן א גאַסט! סאָניע! — האָט ער הויך אויסגערופן צו זײַן טויבלעכן ווײַב, אַ נידעריקער ייִדענע מיט שיטערע גראָווע האָר און א קײַלעכיק שמייכלדיק פּאָנעם. — דאָס איז דער היטלמאַכער!

— קיין טרינקער בין איך ניט בעטעווע, — זאָגט ער צו מיר, — אָבער אז עס קומט א גאַסט, איז ווי עס פּירט זיך בא לײַטן, דאַרף מען דאָך נעמען צו קאַפּעלעך ווײַן. ווי מיינט איר? און ווײַן איז בא מיר — מאָלע־טאַם, קאַגאָר!

נאָך דעם לעכאַ:ים האָט דער באַלעבאָס אָנגעשטעלט אף מיר זײַנע אויגן, וועלכע זײַנען אמאָל געווען שוואַרצע און איצט אויסגעזען ווי צוויי אײַנגעטריקנטע קאַרשן, רו:יק און ערנסט געקוקט גלײַך אין מײַן פּאָנעם אַרײַן, ווי ער זאָל זיך באַמי:ען אָפּשאַצן, מיט וועמען ער פּירט אַן אייסעק. איבער זײַן מאָגער פּאָנעם האָט דורכגעשוועבט א לײַכטער שמייכל, זיך אַראָפּגעגליטשט אין גראָוון בערדל אַרײַן.

— רעב אַווראָם, — האָב איך זיך אָנגערופן, — איידער איר הייבט אָן צו דערציילן, וואָלט איך אײַך געבעטן, איר זאָלט עפּעס זאָגן וועגן זיך.

— כ׳זאָל באַווײַזן מײַן וויזיטנע קאַרטאָטשקע, ווילט איר זאָגן? מאַכטייסע! — ער האָט זיך פאַרטראַכט, און צווישן אונדז איז געבליבן הענגען אַן אָנגעלאָדענע מיט וואַרטעניש פּאַוזע.

— איך בין א געבוירענער א קי:עווער, — האָט ער געצויגן די ווערטער. — מײַן פּאָטער איז געווען אַן אויסגעדינטער באַם קייסער סאָלדאַט — געהאַט פּראַוואָזשיטעלסטווא. ווי אַלע קינדער פון יענע צײַטן, האָב איך געלערנט אין כיידער כומעש מיט ראַשע און געמאָרע. דערנאָך פאַרענדיקט א גימנאַזיע. מײַן גאַנץ לעבן בין איך א באַלכעזשבן. כ׳מיין, א בוכהאַלטער. א סאַך יאָרן, ביז דער פּענסיע, האָב איך געאַרבעט דאָ, אין מאָסקווע, געווען א הויפּט־בוכהאַלטער. צו אַלע יאָמים־נוירא:ים גיי איך אין שול דאַווענען. צי גלייב איך אין גאָט? כ׳ווייס ניט, צי איז דאָס גלויבן, צי אָבערגלויבן: אין א גרויסער געפאַר פאַר מײַן לעבן האָב איך געבעטן בא גאָט א נעס, און דער נעס איז מעקוי:עם געוואָרן דורך מענטשן. פון דעמלט אָן פאַרגעס איך ניט צו לויבן גאָטס נאָמען און גלייב אין אכדעס צווישן מענטשן, אין מענטשנס יוישער. אָט האָט איר מײַן עמונע... איז הערט זשע מיך, סעמיאָן מאָ:סייעוויטש, — האָט דער אַלטער צו מיר א נייג געטאָן זײַן שמאָלע פּלייצע.

— איך הער אײַך אויפמערקזאַם, רעב אַווראָם, — האָב איך אים געענטפערט, — דערציילט.

האָט ער פאָרגעזעצט:

— אין 1920 יאָר, ווען אין קי:עוו זײַנען פון הונגער געפאַלן מענטשן אף די גאַסן, ווי, לעהאַוודל, אין א האַרבסטיקן טאָג בלעטער פון דיביימער, האָב איך פאַרלוירן טאַטע־מאַמע און מײַנע צוויי ייִ:נגערע ברידערלעך. איך בין דעמלט אַלט געווען נײַנצן יאָר. די קאָנטאָר, וווּ כ׳האָב געדינט אַלס געהילף־בוכהאַלטער, האָט מען פאַרמאַכט. איך בין געבליבן אַליין, ווי אַפן וואַסער. דערגאַנגען צו אזא מאַדרייגע, אז כ׳האָב קוים געפּלאָנטערט מיט די פיס.

אין א קאַלטן, האַרבסטיקן טאָג בין איך פאַרקראָכן אפן מאַרק. כ׳שטיי און קוק, ווי מענטשן טוישן זייערע גאָלדענע זייגערס פאַר עטלעכע קאַרטאָפליעס. די קרירע נעמט מיך דורך, קילט דעם מאַרך אין די ביינער, עס שווינדלט מיר אין די אויגן. כ׳פיל, אָט־אָט פאַרליר איך די נעשאָמע. הייב איך אזוי אוף די אויגן צום פאַרכמורעטן הימל, און מײַנע פאַרשמאַכטע ליפּן קרעכצן צו אים אויס:

— ריבוינעשעלוילעם! דו ווילסט מײַן לעבן — נעם עס! ווילסטו, איך זאָל לעבן בלײַבן, טאָ באַווײַז מיר א נעס. כ׳דערגיי, כ׳קראַפּיר נאָך א ביסן! דערקוויק מײַן זינדיקע נעשאָמע מיט א ברעקל ברויט אָדער מיט א פּיצל מאַלײַ, וועל איך לויבן דײַן נאָמען ביז מײַן לעצטן אויגנבליק! — איך לאָז אַראָפּ די אויגן, דערזע פאַר זיך א באַיאָרטע פרוי, לויט דעם אויסזען און קליידונג — אַן אינטעליגענטע. אירע שוואַכע הענט אין הענטשקעס דריקן צו צו דער ברוסט א בינטל האָלץ, אָט־אָט פאַרלירט זי עס.

— כאָשעווער יונגערמאַן, — קרעכצט זי צו מיר אויס אף ייִ:דיש, — אויב איר פילט זיך אין קויעך, בעט איך אײַך, העלפט מיר אַהיימטראָגן די שווערע לאַסט. כ׳וועל אײַך באַלוינען.

— פּאָזשאַלוסטאַ, מאַדאַם, — ענטפער איך מיט מײַן פאַרכאַלעשטער שטים, נעם בא איר צו דאָס בינטל האָלץ, גיב זיך א וואַקל, נאָר כ׳פּאָל ניט.

מיט אַנגסט האָבן מיר זיך פאַרשלעפּט צו איר אַהיים. די פרוי זעצט מיך אַוועק צום טיש, טראָגט מיר צו עטלעכע געקאָכטע אין שאָלעכץ קאַרטאָפליעס...

— האַלט זיך דערווײַל אונטער די נעשאָמע, — זאָגט זי און גייט אַוועק אין קיך. איך שלינג די קאַרטאָפליעס מיט דער שאָלעכץ, און ס׳דוכט זיך מיר, אז איך זע דאָס אין כאָלעם.

אין א פּופּצן מינוט אַרום טראָגט זי מיר ניט אַרײַן א טעלער הייסן גריץ מיט א ריפטל ברויט?!

— מאַדאַם, — זאָג איך צו איר, — איידער איר זײַט צו מיר צוגעקומען, האָב איך געבעטן בא גאָט א נעס: איז ער מעקויעם געוואָרן דורך אײַער האַנט! ווען דער האשעמיסבאַרעך שיקט אײַך צו מיר ניט צו, וואָלט איך דעם הײַנטיקן טאָג ניט איבערגעלעבט.

— איך מיט מײַן מאַן זײַנען דאָך אויך אָקאָרשט ניט געשטאָרבן פון הונגער, — ענטפערט זי, — האָבן מיר דאָך א גאָט, קלערט ער אויף מײַן מאַן: „דו ביסט דאָך א ציינדאָקטער! גיי איבער די דערפער, הייל פויערים די ציין, וועלן זיי דיר געבן ברויט". לאָזט ער זיך אוועק איבער די דערפער, היילט די פויערים די ציין. קיין געלט נעמט ער ניט: ווער עס גיט אים א ביסל מעל, ווער א קאַפּ גריופּן, קאַרטאָפליעס, אפילע אייער ברענגט ער אויך. אלע פרײַטיק קומט ער אָפּ שאַבעס מיט די פּראָדוקטן, און זונטיק — צוריק איבער די דערפער.

— ניט נאָר מיר זײַנען ניצל געוואָרן פונעם הונגעריקן טויט, — זאָגט זי ווײַטער, — מיר האַלטן נאָך אונטער אונדזערע קרויווים: די גרעסטע טייל פּראָדוקטן צעטיילן מיר. ס'איז מיר א ראַכמאָנעס אָף אײַער יונג לעבן, — האָט זי מיט האַרציקן טרויער געקוקט אָף מײַנע צעטערנדיקע פון הונגער הענט. — מאָרגן האָבן מיר פרײַטיק, וועל איך זיך מעיאַשעוו זײַן מיט מײַן מאַן. קומט מאָרגן צו אונדז.

אזוי האָבן זיי מיך געראַטעוועט פון א זיכערן הונגער־טויט.

דער הונגער האָט אויסגעקאָסיעט וויפל ער האָט געוואָלט מענטשן און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. מע האָט ווידער אופגעלעבט. איך האָב אָנגעהויבן ארבעטן אין א בוכהאַלטעריע. כאַסענע געהאַט פאַר מײַן סאָניעטשקען. און מיט דעם אלטן פאָרפאָלק האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן, ווי מיט לײַבלעכע טאַטע־מאַמע: פלעגן צו זיי אָפּט קומען, ברענגען מאַטאָנעס.

אין 1928 יאָר איז דער דאָקטער געשטאָרבן. די אלטיטשקע האָט זיך זייער געפּלאָגט. ניט געקאָנט לעבן אָן אים. קימאַט אין א יאָר ארום איז זי אויך געשטאָרבן.

מיר האָבן זי צו קוורע געבראַכט לעבן איר מאַן, ווי זי האָט אונדז פאַר איר טויט אָנגעזאָגט.

איבער זייערע קוואָרים האָב איך א ניידער געגעבן, אז כ'וועל אזוי, ווי זיי, זאָרגן פאַר מענטשן, אונטערהאַלטן א הונגעריקן, געדענקען, אז אין זייער זכוס בין איך ניצל געוואָרן פונעם הונגעריקן טויט.

מײַן גאַנץ לעבן בין איך זיך בענעגייע צו מענטשן נויהעג אין העסקעם מיט דעם געגעבענעם ניידער, און אין דעם נוסעך האָב איך דערצויגן מײַנע קינדער.

נאָך א לאַנגער פּאַוזע האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעהויבן:

— איצט, סעמיאָן מאָיסייעוויטש, וויל איך אײַך דערציילן א געשיכטע, וועלכע איז דער פּולקאָמער הייפּעך צו דער ערשטער: ווי'אזוי א פאָרפאָלק איז זיך באַגאַנגען בענעגייע מײַן זון.

דער אלטער האָט א דריי געטאָן מיטן גראָוון בערדל, איבער זײַן מאָגערן פּאָנעם האָט זיך צעלייגט א שאָטן.

— ס'וועט גיין א רייד וועגן מײַן זונס א געוועזענעם כאַווער און דעם כאַווערס ווײַב. מיינט ניט, מײַן פרײַנט, אז ס'איז מיר אזוי צום האַרצן האַרב צו מישפּעטן א געוועזענעם פרײַנט: ניט פון קאַס, ניט צוליב נעקאָמע רייד איך, נאָר די באַליידיקונג, דער פאַרדראָס און דער אויסגעוויטעקטער עמעס רײַסן זיך פון מײַן האַרצן.

מײַן זונס כאַווער איז א פּאָעט. אין נײַן־און־פערציקסטן יאָר פאַרטראַכט ער אָנשרײַבן לידער וועגן קוילנגרעבער, און קעדיי צו באַקענען זיך מיט זייער ארבעט און לעבן, באַשטימט ער אָף א געוויסער צײַט אוועקפאָרן אין דער שטאָט וואָרקוטאַ.

דאָרט ווערט ער ערנסט און אָף א לאַנגער צײַט קראַנק.

„טײַערער ברודער, — שרײַבט ער צו מײַן זון פונעם שפּיטאָל. — איך בין קראַנק און נייטיק זיך אין א רעפּוע, וועלכע איז דאָ ניטאָ. בעט איך דיך, זאָלסט זי מיר דרינגענדיק ארויסשיקן: דער רעצעפּט ליגט אין דעם בריוו".

אָפן צווייטן טאָג שיקן מיר אים אוועק די רעפּוע און א פּעקל פּראָדוקטן. פאַר דער צײַט, וואָס ער האָט געקרענקט, האָבן מיר אים רעגולער געשריבן בריוו און אונטערגעהאַלטן מאַטעריעל. און ווען ער האָט זיך, נאָך א לענגערער צײַט, אומגעקערט פון וואָרקוטאַ, האָבן אים אָפּן וואָקזאַל באַגעגנט מײַן זון, די שנור און נאָך צוויי נאָענטע פרײַנט.

מײַן זון פאַרנעמט אים צו זיך אהיים, טוט אים אָן אין צוגעגרייטע קליידער. מע פאַרבעט געסט, און אין אָוונט פּראַוועט מען לעקאָוועד דעם פרײַנט א סימכע.

צען כאַדאָשים לעבט יענער אָף אלעם גרייטן בא מײַן זון. הײַנט נעמט אין אכט דעם דעליקאַטן מאָמענט: וואָלט דען א מענטש אין מערשעד פון צען כאַדאָשים געגאַנגען צום טיש, ווען מע באַציט זיך ניט צו אים ווי צו א ברודער? כ'מיין, אין פאַרקערטן פאַל וואָלט דאָך דאָס קיין צען טעג אויך ניט אויסגעהאַלטן.

ווען דעם זונס כאַווער האָט באַקומען א צימער, לײַט אים אויס מײַן זון געלט צו קויפן מעבל. אין א צײַט ארום פאָרט ער אוועק קיין טשערנאָוויץ, האָט דאָרט כאַסענע, ברענגט דאָס ווײַב קיין מאָסקווע.

— איצט הערט וועגן אָט דעם ווײַבל, — האָט דער אלטער א ביטערן שמייכל געטאָן.

ניט יעדערן האָט דאָך די נאַטור באַשאָנקען מיט דער געבענטשטער מײַלע נויסע־כײן צו זײַן בא לײַטן, אָבער, געוויינלעך, שטרעבט מען צו דעם. זי אָבער געהערט צו יענעם סאָרט פאַרדאָרבענע נעשאָמעס, וועלכע קענען ניט און ווילן ניט פאַרדעקן פאַר לײַטן דאָס אָפּשטויסנדיקע און פאַלשע, וואָס עס שטעקט אין

זייער כאַראַקטער. איך געדענק ניט, אַז אַ מענטש זאָל אַף מיר מאַכן אַזאַ שווערן אײַנדרוק, ווי זי האָט אַף מיר געמאַכט דעם ערשטן אָוונט. ריידנדיק, האָט זי קיינעם ניט געקוקט אין פּנים, נאָר אַראָפּ. האָט זי שוין אַף עמעצן אָנגעשטעלט איר זײַטיקן, פאַרדעכטיקן בליק, האָט אים דורכגענומען אַן אומרו.

קורץ, מיר האָבן געזען, אַז די פרוי איז אַ קליפּע. אָבער ווער האָט זיך דעמלט געקאָנט ריכטן, אַז זי האָט אין זיך אַזוי פיל משוגעאַס, אַז זי איז אַזאַ גאַזלענטע!

די, וואָס האָבן געהאַט דעם נאַכעס זי צו קענען, ווייסן דאָס: הײַנט איז זי אײַך בוצים אַ פרײַנט, מאָרגן — אַ פײַנט.

מײַן זון איז פאַר איר, פאַרשטייט זיך, קיין אויסנאַם ניט געווען.

ניט קאָנענדיק פאַרטראָגן איר פאַריסענעם און פאַלשן כאַראַקטער, האָט ער זיך מיט איר צעווערטלט, געזאָגט איר דעם עמעס אין די אויגן, אויפגעהערט קומען צו זיי. זי איז אים געוואָרן אַ סוינע.

אָבער זעט איר: דעם זונס כאַווער איז פאַר איר געווען אַ פּאַסיקע, געווונטשענע פּאָר... זיי האָבן זיך מאַמעש אַנטפּלעקט איינער אין אַנדערן. באַזונדערס אין זין פון אָפּצאָלן מיט אומדאַנקבאַרקייט און מיט סקאַנדאַלן פאַר גוטס, וואָס מע האָט אין זיי געטאָן, ניט נאָר אונדז.

ווײַהי האַיאָמים, באַקומט מײַן זון פון זיי אַ בריוו:

„מיר פאָרן אַריבער אין אַן אַנדער דירע, — שרײַבט זי, — דאָס מעבל איז פאַר אונדז צו טײַער. אויב אין מעשעך פון צוויי טעג פאַרנעמט איר עס ניט, טראָגן מיר מער ניט קיין אַכרײַעס פאַר דעם".

ווען איך בין געקומען, כאַפּט זי דאָס קינד אַף די הענט און גייט אַרויס פונעם צימער. טו איך אַ קוק אָפּן מעבל און גלייב ניט מײַנע אויגן: אומעטום אין די פּאָליטור אײַנגאַנצן צעדראַפּעט, ווי מע וואָלט איבער איר בעקיוון מיט אַ טשוואָק זיך דורכגעגאַנגען.

און מײַן זונס כאַווער, דער פּאַפּעט, זיצט, שויבערט די האָר, ער ווייסט ניט וווהין אַהינצוטאָן די אויגן.

ווען כ'האָב זיך אַ ביסל באַהערשט, פרעג איך בא אים:

— אַט אַף אַזאַ אויפן האָסטו אָפּגעדאַנקט דײַן כאַווער פאַר אַלע מײַסים־טויווים, וואָס ער האָט פאַר דיר געטאָן? קערסט אים אום דאָס צעשעדיקטע מעבל אָנשטאָט דעם קוווד!

— איך האָב עס געטאָן?! — פּינקלט ער כוצפּעדיק מיט די אויגן.

— און אַז דײַן ווײַב, האָסטו געדאַרפט דערלאָזן צו אַזאַ מערדערײַ?

— איר האָט אַליין געזען, ווי זי האָט עס געטאָן?! — ברומט ער צו מיר מיט זײַן טעמפּער אײַנגעשפּאַרטקייט אין די אויגן: — דאָס קינד האָט עס צעדראַפּעט!..

— וואָס מאַכסטו זיך לעקישעוואַטע? — ענטפער איך אים. — אַ צוויייאָריק קינד קאָן דערלאַנגען צו אַזאַ הייך? אַפּטאָן אַזאַ גרויסע אַרבעט, און קיינער זאָל ניט באַמערקן? נישקאָשע פון אַ יוישער!..

דער אַלטער איז אָנשוויגן געוואָרן. זײַן פּאָנעם האָבן טיפער צעקאַרבט די קנייטשן, אַף די אײַנגעפאַלענע שלייפן זײַנען אַרויסגעטראָטן געלע אָדערן.

— איך וואָלט ניט געוואָלט, מײַן פרײַנט, איר זאָלט רעזומירן, וואָס כ'האָב אײַך דערציילט, אַלס אַן אָנקלאָג פאַר דעם צעדראַפּעטן מעבל, — האָבן זײַנע אויגן באַשיידן געבעטן, — דעם מאַטעריעלן העזעק האָבן מיר אויסגעשלאָסן פונעם באַלאַנס — פאַרגעסן. נאָר אויב איר האָט אַמאָל געפּילט דעם ביטערן טאַם פון אָפּגעטאָנענעם שאָדן פאַר געטאָנענעם גוטס, אויב מע האָט אַמאָל אין אײַך נעקאָמע גענומען פאַר אײַער געטרײַשאַפט, וועט איר מיך פאַרשטיין, אַז ניט וועגן צעדראַפּעטן מעבל, נאָר וועגן צעדראַפּעטע הערצער האָב איך אײַך דערציילט.

איך קען גוט מײַן זון, — האָט דער אַלטער פאָרגעזעצט, — אויב ס'וועט אויסקומען, וועט ער אויך איצט זיך טיילן מיטן ביסן, געניסנדיק דערפון פרייד. אָבער די אווירע, וואָס זײַן כאַווער האָט אין אים געהאַט, פאַרגעסט זיך ניט.

— איצט איז דאָס פּאָרפאָלק אין יִסראַעל. מאָלט אײַך, אַז כ'בין קנאַפּ מעקאַנע די מעדינע מיט די געוווינטע צוויי וואַזשנע בירגער. ווײַל וואָס קאָן מען דערוואַרטן פון אַזאַ שלאַק, ווי זי איז, און פון אַ מענטשן, וואָס קאָן פאַרראַטן אַ כאַווער?

— אָט, מײַן פרײַנט, — האָט דער אַלטער אָפּגעזיפצט, — האָב איך אײַך דערציילט צוויי פּאַסירונגען פון מײַן לעבן. גאָט און לײַטן זײַנען איידעס מײַנע, אַז יעדעס וואָרט, וואָס כ'האָב געזאָגט, איז קאָשערער עמעס.

און אָט אַזוי, ווי איך האָב זיי געהערט, אָט די צוויי געשיכטעס, האָב איך זיי אײַך איבערדערציילט.

א פּאָרטרעט

דעם אַלטן פֿלעג איך אָפֿט באַגעגענען אין הויף, אין ליפֿט. מײַן באַלעבאָסטע, באַ װעלכער כ׳בין אײַנגעשטאַנען אַלס קוואַרטי־ראַנט, האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ פּראָפֿע־סאָר.

אין ערשטן נאָכמילכאָמע־יאָר איז ער געווען אַ מענטש אין די זיבעציקער. אַ הויכער, אַ ביסל אַ געבויגענער, מיט זילבער־ווײַסע האָר, טונקעלע ברייטע ברעמען.

שטענדיק פֿלעגט ער שפּאַנען מיט געמאָ־סטענע טריט. אַ פּאַרטיפֿטער אין זײַנע טראַכ־טענישן, פֿלעגט ער זיך צומאָל אָפּשטעלן, הייבן די טונקעלע ברעמען, פּאָר זיך עפּעס שעפּטשען, ווי ער זאָל מיט זיך אַליין אָן אייצע האַלטן, און שפּאַנען ווײַטער מיט זײַנע געמאָסטענע טריט.

איינמאָל אין אַ זומער־טאָג האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט אין הויף פּאָנעם־על־פּאָנעם. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און, רויק קוקנדיק מיר אין די אויגן, געפֿרעגט:

— מיר זײַנען, דוכט זיך, שכנים, יונגער־מאַן?

— יאָ, כאַשעווער פּראָפֿעסאָר, — האָב איך אים געענטפֿערט.

— מײַן נאָמען איז יאַקאָוו לוואָוויטש, — האָט ער מיר געגעבן זײַן ברייטע האַנט, — אָבער קיין פּראָפֿעסאָר בין איך ניט. אַן איינ־פֿאַכער אַלטער דאָקטער, אַ כירורג.

— נו, פֿון אַן אַלטן דאָקטער ביז צו אַ פּראָפֿע־סאָר איז דאָך שוין ניט אַזוי ווײַט.

— פֿאַרשיידענע זײַנען דאָ דאָקטוירים און פּראָפֿעסאָרן, — האָט ער בענימעסדיק גע־שמייכלט, — ווען דער קיִעווער כירורג אַמאָסאָוו, לעמאָשל, איז נאָך געווען אַ פֿאַרהעלטניסמעסיק יונגער כירורג, האָט ער זיך שוין דערוואָגט אָפּערירן אַזעלכע הערצער, צו וועלכע ניט יע־דער פּראָפֿעסאָר וואָלט זיך צוגערירט.

דער דאָקטער האָט אַ קוק געטאָן אָפֿן זייגער.

— איז אויב איר האָט צײַט און כיישעק, יונגערמאַן, קאָנט איר זיך צו מיר אַרײַנכאַפּן, וועלן מיר אַ שמועס טאָן, — האָט ער מיר נאָכאַמאָל אויסגעשטרעקט די האַנט, — מײַן דירע איז נומער 75.

— ס׳איז מיר זייער אָנגענעם געווען צו באַקאַנען זיך מיט אײַך, דאָקטער. ווען קאָן מען צו אײַך אַרײַנקומען?

— כאַפּט זיך אַרײַן כאָטש הײַנט, אַזייגער אַכט אין אָוונט...

פּונקט אַכט אין אָוונט בין איך געשטאַנען באַ דעם דאָקטערס טיר. כ׳האָב קוים אַ ריר געטאָן די קנאָפּקע פֿונעם גלעקל.

— אַ־אַ! — האָט מיך דער דאָקטער האָפֿערדיק באַגעגנט. — נו, דרייסטער, מאַרק, שפּאַנט אַרײַן מיטן רעכטן פֿוס, וועט איר זײַן אַ גאַסט!

מיר זײַנען דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ אַ פֿאַרמאַכטן צימער, פֿונוואַנען דורך דער טיר האָבן זיך געהערט צוויי פֿרויען־שטימען. דער דאָקטער האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין אַ צימער, וווּ אַלע פֿיר ווענט זײַנען געווען באַשטעלט מיט ביכער־פּאָליצעס. ער האָט שווײַגנדיק געשפּירט נאָך מײַן פּאָנעם. איבערצײַגנדיק זיך, אַז זײַן ביב־ליאָטעק האָט אָף מיר געמאַכט אַ רושעם, האָט ער זיך גאַדלעסדיק צעשמייכלט.

— זי איז צו מיר איבערגעגאַנגען בעירו־שע פֿון מײַן פֿאָטער, — האָט ער אַ שאַר געטאָן מיט די שמייכלענדיקע אויגן איבער די פּאָלי־צעס. — אָט דאָ זײַנען רוסישע און וועלט־קלאַ־סיקער אין דער האַנט, — האָט ער מיר באַוויזן. — און אָט דאָ — ענציקלאָפּעדיעס, פֿילאָסאָפֿיע. און אָט האָט איר העברעיִשע... נעמט אין אַכט, — האָט ער שטאָלצירט, — פּרעכטיקע אויסגאַבעס, געדרוקט אין ווילנע, וואַרשע, ניו־יאָרק, סאַנקט־פּעטערבורג!

אין יענעם ערשטן אָוונט פֿון אונדזער באַ־קאַנטשאַפֿט האָב איך אויך געהאַט דעם פֿאַר־געניגן צו זען, מיט וואָס פֿאַר אַ ליבשאַפֿט און דערעכערעץ ער רירט זיך צו צו אַ בוך: נעמענ־דיק אים אין דער האַנט, האָט ער אים ווי גע־גלעט מיט די אויגן, אײַנגעזאַפּט אין זיך זײַן גערוך. ריידנדיק וועגן ביאַליקן, האָט ער מיט היספּײַלעס אויסגערופֿן:

— ווי נאָר ער האָט זיך צוגערירט מיט דער פּען צום ייִדישן וואָרט, איז געוואָרן אַ ייִדישע פּאָעזיע!

געריידט האָט דער דאָקטער אינטערעסאַנט און בילדעריש. עס האָט אים אָבער געשטערט דער סקלעראָז: ווען עס האָט אים אויסגעפֿעלט דאָס נייטיקע וואָרט, האָט זיך אין זײַנע גרויסע אויגן דורכגעמינעוועט אַ פּײַנלעכע פֿאַרלוירנקײַט.

עס איז שטיל אַרײַנגעקומען אַן אַלטיטשקע קליינוווּקסיקע פֿרוי, געפֿרעגט, צי זאָל זי אַרײַנ־טראָגן טיי. ווען זי האָט פֿאַרלאָזט דעם צימער, האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז מײַן שוועסטער, אַן איינזאַמע. לעבט איר. גאַנץ לעבן מיט אונדז. מײַן פֿרוי איז ערנסט קראַנק, גייט ניט אַרויס פֿון איר צימער. אונדזער איינציקע טאָכטער וווינט מיט איר מישפּאָכע באַזונדער.

איך האָב זיך נאָכאַמאָל צוגעקוקט צום דאָק־טער. האַגאַם ער איז שוין געווען אין די יאָרן, האָט זײַן פּאָנעם אויסגעזען אַ סאַך ייִנגער פֿון זײַן עלטער: פֿריש און אָן קנייטשן. פֿון זײַנע גרויסע, קלאָרע אויגן האָט אַרויסגעשײַנט אַ רויִקע בענימעסדיקײַט און טיפֿע מענטשלעכ־קײַט. עס האָט זיך געשאַפֿן אַן אײַנדרוק, אַז דעם מענטשן האָט קיינמאָל קיינער ניט דער־צאָרנט, קיינמאָל ניט אָנגערירט זײַן קאָוועד.

איז מיר איינגעפאלן אים צו פרעגן וועגן דעם.

— פארוואס מיינט איר, אז כ'בין אן אויס־נאם, אז איך האב קיינמאל ניט געליטן פון אומגערעכטיקייט? — האט ער קינדיש גע־שמייכלט. — ברוטאלע מענטשן זיינען קיינעם ניט מוחל קיין איידלקייט און מענטשלעכקייט. כ'באצי זיך אבער צו אזעלכע לייט פריער פון אלץ מיט באדויערונג...

די וועלט האט דעמלט ערשט נארוואס זיך דערוווסט וועגן כיראסימא און נאגאסאקי. דער געדאנק און דאס הארץ האבן זיך נאך אפגע־זאגט צו באזיניקן, צו באנעמען דעם ווילדן ווילקיר, וואס ס'האט געטראפן די מענטשהייט. א טראכט געטאן וועגן דעם, האב איך געזאגט צום אלטישקן:

— דאקטער, ווי א פאשעטער מענטש פרעג איך בא אייך: וויאזוי האט אזוינס געקאנט געשען?

— אט וועגן דעם טאקע האט מיט מיר דא ניט לאנג גערעדט גראד ניט קיין פאשעטער באסערוועדאם, נאר אן אנגעזעענער אטאם־פיזיקער: נאך דעם, ווי דער מענטש האט דע־ראבערט פייער, דערנאך אנטדעקט עלעקטרא־ענערגיע, איז ער איינער פון די געלערנטע, וועלכע פירן די מענטשהייט צום דריטן פע־ריאד פון איר אנטוויקלונג. האט ער מיר גע־זאגט, אט דער געלערנטער: „נאך דער מילכאמע האב איך זיך ערשט דערוווסט, וואס פאר אן ארט עס פארנעמען נאך אין דעם מענטשן די פינצ־טערע כיישע קויכעס. מיין מוטער, שוועסטער, מיין ווייב מיט ביידע טעכטער ליגן אין באבי יאר. און איך, ווי איר זעט, לעב! איך עס. טרינק! אפט כאפ איך זיך אף דעם, אז דער ביסן טיילט מיר צו פארגעניגן, אז עס פעלט מיר אויס א פרוי... פרעג איך בא אייך, יאקאוו לוואוויטש, ווי בא א באהאוונטן אין זין פון מענטשנס פיזיאלאגיע און פסיכאלאגיע: וואס טראגט זיך אזוי ארום דער מענטש מיט זיין יכעס בענעגייע דער כייע?! וואס זיינען ווערט זיינע אנטדעקונגען און דערפינדונגען, אז...״ דער געלערנטער האט פארדריקט די ציין, זיך געצוימט מיט אלע קויכעס — די נעשאמע האט אין אים געוויינט!

דער דאקטער איז אנשוויגן געווארן, און איך האב אויך ניט געוואגט אויסרעדן א ווארט. באם געזעגענען זיך האט ער געזאגט:

— כאפט זיך וואס אפטער צו מיר אריין, מארק. מיר וועלן א שמועס טאן. איר קאנט נעמען ספארימלעך צום לייענען. אבער אקו־ראט: איבערגעלייענט — אפגעבראכט.

און איך בין געווארן אן אפטער אריינגייער צו דעם אינטערעסאנטן, ליבלעכן מענטשן.

איינמאל האב איך אים אין דער היים ניט געטראפן. דעם דאקטערס שוועסטער האט מיר פארגעלייגט, כ'זאל אריינגיין צו זיין פרוי.

— זי איז בא אונדז שוין לאנגע יארן קראנק, — האט מיר די שוועגערן געשעפ־טשעט, — זעט זעלטן מענטשן, בענקט נאך זיי. האט זי מיך געבעטן, איך זאל אייך צו איר אריינפירן. איר נאמען איז אלגא אנאניעוונא. איז קומט, ביטע.

באם טיש איז געזעסן אן עלטערע פרוי, מיט א קאפ אומנאטירלעכע ווייסע האר. אף איר ניי־געריק, געל פאנעם איז געלעגן די פאריאסעמט־קייט פון די כוילים, וואס ווייסן, אז געזונט וועלן זיי ניט ווערן.

פון הינטער די מאדנע אויסגעבויגענע פענ־סנע האט מיך א בויער געטאן מיט א קאלטן, גלעזערנעם גלאנץ איר לינק אויג. די מאכטלאז ליגנדיקע לינקע האנט אין דער רעכטער האט דערציילט, אז די פרוי איז א האלב־געליימטע.

— גוטן־אוונט, אלגא אנאניעוונא, — האב איך זי באגריסט.

— גוטן־אוונט. כ'וועל זיך דערלויבן אייך פאשעט אנרופן מארק, — האט זי מיר געענט־פערט, ציענדיק די ווערטער מיט א קרעכץ. — וועדליק יאקאוו לוואוויטש האט מיר וועגן אייך דערציילט, זעט איר אויס אזוי, ווי כ'האב זיך אייך אומגעפער פארגעשטעלט, — האט זי א גרויליקן שמייכל געטאן. — נו, זיצט זשע, ביטע. אויב עס וועט אייך ניט זיין צו לאנגווייליק כאטש א קורצע צייט פארברענגען אין דער געזעלשאפט פון צוויי באיארטע דאמעס, וועלן מיר מיט ליזען האבן דעם פארגעניגן אויסצו־הערן, וואס איר וועט אונדז דערציילן.

— וועגן וואס זשע זאל איך אייך דערציילן, אלגא אנאניעוונא? — האב איך געפרעגט, פילנ־דיק זיך זייער אומהיימלעך.

— וועגן דער מילכאמע! — האט זי מיט א קינדישער אומיטלבארקייט אויסגערופן. — בי־טע, וועגן מילכאמע־עפיזאדן. קיינער האט מיר קימאט ניט דערציילט, וואס עס קומט פאר אף א מילכאמע.

דער קראנקערס רעכט אויג האט אופמערק־זאם, מיט אינטערעס רעאגירט אף מיינע רייד, אבער איר לינק אויג האט באומרוקט מיין בליק.

אנטקעגן דער קראנקער איז אף דער וואנט געהאנגען א פארטרעט פון א יונגער פרוי. באשרייבן די שיינקייט פון דעם פאנעם קאן איך ניט: כ'וויל בלויז זאגן, אז דער פאטא־אביעק־טיוו האט אופגעכאפט די שיינהייט, בעשאס זי האט צו עמעצן גערעדט: ארום איר שמייכלדיקן, עטוואס אפענעם מויל האט געצאפלט אזא טי־פער כיין, אירע גרויסע, טונקעלע מאנדל־אויגן האבן אויסגעשטראלט אזויפיל שיין, אז מע האט ניט געקאנט אפרייסן פון איר דעם בליק.

— דאס איז געוויס אייער טאכטער? — האב איך בא דער קראנקער געפרעגט.

— איר געפינט, אז זי איז אף מיר ענלעך? — האט זי מיר געענטפערט מיט איר גרויליקן שמייכל.

כ'האב אזא פראגע ניט דערווארט, זיך פאר־לוירן, ניט געוווסט, וואס איר צו ענטפערן.

— מיר דוכט זיך, אז זי איז מער ענלעך אף יאקאוו לוואוויטש, — האב איך אויסגע־שטאמלט.

— ניין, — האָט די קראַנקע אָף מיר אָנגעשטעלט איר רעכט אויג. — אָף יאַקאָוו לוואָוויטשן איז זי ניט ענלעך, און מײַן טאָכטער איז זי ניט.

— ווער זשע איז די זעלטענע שיינהײַט? — האָב איך זיך פֿאַרינטערעסירט.

— איך... — איז ווי צופעליק אַרויסגעפאַלן פון איר צוגעפאַלענער צו די ציין ליפּ.

כ'ווייס ניט, צי ס'האָט זיך מיר דעמלט אײַנגעגעבן צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז כ'בין פון איר ענטפער ניט ניספּאָעל געוואָרן, נאָר געפּלעפט האָט ער מיך.

שפּירנדיק נאָך מײַנע צעטומלטע אויגן, האָט די קראַנקע פֿאָרגעזעצט:

— מײַן צעניאָריק אייניקל פרעגט בא מיר אָפּט: „באַבאַ, דו וואָלסט איצט פאַרלאַנגט זײַן אַזוי שיין, ווי דו זעסט אויס אָף דער פאָטאָגראַפיע?”

די אַלטע האָט אָנגעשטעלט איר פאַרשטאַרט פּאָנעם אָפן פּאָרטרעט: איר לינק אויג האָט מיט דעם גלעזערנעם גלאַנץ אַ בויער געטאָן די שיינהײַט, אין רעכטן איז אופגעגאַן אַ קאַלטע איראָניע, זי האָט אַרײַנגעצויגן דאָס ביינערדיקע פּאָנעם אין די אופגעהויבענע אַקסלען און זיך דין צעכיכיקעט...

— ניי־יין, כ'וואָלט מער ניט געוואָלט אָנהייבן פונדאָסנײַ... — האָט זי זיך געווישט דאָס מויל מיט דעם טיכעלע.

און די שיינהײַט האָט פון דער הייך אַזוי מילד און ליבלעך געשמייכלט צו דער אַלטער: די לויכטנדיקע מיט לעוואָנע־שײַן אויגן און דאָס עטוואָס אָפענע מויל האָבן איר ווי אַ גוטע בסורע אָנגעזאָגט...

דער אַלטערס כיכיקען איבער איר געוועזענער שיינקײַט האָט ווי עפּעס אַרויסגעריסן פון מײַן האַרצן, אַרויסגערופן אַ געמיש פון פאַרדראָס און ראַכמאָנעס צו איר.

„צי וואָלט זיך די שיינהײַט צעלאַכט, ווען זי דערזעט דעמלט איר איצטיקן פּאָרטרעט?” — האָט מיר דורכגעשווינדלט אין מויעך. כ'האָב איבערגעפירט די אויגן פונעם פּאָרטרעט אָף דער אַלטער, און אַ שוידער איז מיך באַפאַלן. מער האָב איך זיך באַהערשן ניט געקאָנט.

באַמערקט מײַן פאַרלוירנקײַט, האָט די קראַנקע זיך אַ קרום געטאָן, אָף איר פּאָנעם האָט זיך באַוויזן אַ ווייטעקלעכע גרימאַסע, איר רעכט אויג האָט שטרענג אָפּגעמאָסטן די שוועגערן.

— וויפל מאָל דאַרף איך דיך און יאַקאָוון בעטן, איר זאָלט אַראָפּנעמען דעם פּאָרטרעט! — האָט זי אויסגעשריגן. די טעמפּע קוילעס זײַנען ווי אַרויסגעפאַלן פון איר רעכטן מויל־ווינקל.

יענע נאַכט האָב איך לאַנג אײַנשלאָפן ווערן ניט געקאָנט. און ווען פאַר מײַנע מידע אויגן איז זיך אַלץ צעשווומען, האָב איך ווידער דערזען די אַלטע און דעם פּאָרטרעט. איצט האָט פון אים אַראָפּגעקוקט די קראַנקע: איר לינק אויג האָט פון הינטער די פענסנע געבויערט מיט דעם קאַלטן גלאַנץ. אַרום איר מויל האָט געשוועבט דער גרויליקער שמייכל. אָף דער אַלטערס אָרט איז געזעסן די שיינהײַט, זי האָט אָף מיר געקוקט, אירע שוואַרצע מאַנדל־אויגן און צויבערדיקער שמייכל האָבן מיך געקײַשעפּט.

— די פרוי איז דאָך אַמאָל יונג געווען, און, מעגלעך, סימפּאַטיש, — האָט די שיינהײַט אופגעהויבן די לאַנגע וויִעס צום פּאָרטרעט. — ליבער איז יונגערהייט שטאַרבן, איידער דערלעבן צו אַזאַ עלטער, — האָט זי שטיל געפּליסטערט, צוגייענדיק נאָענט צו מיר.

אירע פּילבאַרע פינגער האָבן צאַרט געגלעט מײַן פּאָנעם, די האָר.

אַ לײַדנשאַפטלעכער שטראָם האָט אַ פלייץ געטאָן פון אירע שוואַרצע מאַנדל־אויגן.

אַ פאַרגאַפטער פון איר שיינקײַט, האָב איך זי אַרומגענומען, געוואָלט אַ קוש טאָן, האָבן אירע לאַנגע וויִעס אַ פלאַטער געטאָן איבער די לויכטנדיקע אויגן, זיי אויסגעלאָשן. די שיינהײַט איז צעגאַנגען געוואָרן אין מײַנע אָרעמס ווי דאַמף, און כ'האָב אַרום זיך דערפילט דער אַלטערס שטעקלדיקע הענט, דערזען איר פאַרשטאַרט לינק אויג.

— סאַראַ יעזויִטישע שפּיל! — האָב איך געשטוינט אין אומרויִקן שלאָף.

— נו, — האָט די אַלטע, פאַריכטנדיק די פענסנע, מיר אַ כיכיקע געטאָן אין פּאָנעם אַרײַן. — איר האָט דאָך מיך געוואָלט קושן!.. יאַקאָוו האָט מיך אויך ליב אַזאַ, ווי כ'בין געווען... בין איך אייפערזיכטיק צו זיך אַליין, כי־כי־כי...

עס זײַנען פאַרגאַנגען יאָרן. די קראַנקע פרוי איז שוין פון לאַנג ניטאָ אָף דער וועלט. אונדזער ערשטע באַגעגעניש איז געווען די לעצטע. נאָר אירע ווונדערבאַרע און שוידערלעכע אויגן פאַרפאָלגן מיך אַלץ.

פון דעם שרײַבערס נאָטיץ־ביכל

בער האלפערן

איך לעב אין ווילנע

דער סימבאָל פון ווילנע איז דער שלאָסבארג. דאָ ליגן נאָך די רויִנען פון דער פעסטונג פונעם ליטווישן גרויספירשט געדימינאס, און עס שטייט, ווי א זעלנער אף דער וואך, דער טיילוויַיז רעסטאווירטער טורעם, ווּ עס געפינט זיך איצטער א מוזיי. פון זײַן דאך־טעראסע עפנט זיך א פּאנאָראם פון דער בּרייט פאנאנדערגעוואקסענער שטאָט.

פונדאנען האָט זיך עס אָנגעהויבן. אפן דאָזיקן בארג איז געדימינאס געשטאנען, אויסקוקנדיק אן אָרט פאר זײַן נײַעם שלאָס און פאר דער שטאָט, וואָס דארף ארום אים אויסוואקסן. זײַן ביז־איצטיקע פעסטונג אין טראקײַ (אף יידיש טראָק[1]), וואָס ליגט אף אן אינדזל צווישן אָזערעס, איז שוין געווען צו ענג פאר אים — די פילצאָליקע אָזערעס האָבן ניט געלאָזט, אז די שטאָט זאָל וואקסן.

דער בארג איז אים געפעלן. פון פאָרנט האָט לאנגזאם געקײַקלט אירע וואסערן די ברייטע ווילִיא, צו וועלכער ס'איז אײַלנדיק געלאָפן די שמאָלע ביסטרע ווילענקע, פון הינטן האָבן זיך געהויבן מעכטיקע בערג, פון לינקס האָט זיך געצויגן א ברייטער טאָל, באוואָקסן מיט א שיטערן וואלד. אָט דאָ טאקע וועט זיך אויסשפרייטן די שטאָט. זי וועט ליגן צופוסנס פונעם בארג, אף וועלכן עס וועט שטיין דער שלאָס.

דאָס איז געווען אין 1323.

פונעם בארג ציט זיך די שמאָלע „שלאָסגאס", וואָס גייט ווײַטער אריבער אין דער „ברייטער גאס" (הײַנט הייסן ביידע גאסן „גאָרקי־גאס"). זי איז טאקע געווען די ברייטסטע אין אלט־שטאָט. פאר די הײַנטיקע באדערפענישן איז זי אזוי שמאָל, אז אווטאָמאָבילן באַוועגן זיך דאָרט בלויז אין איין ריכטונג. אמאָל זײַנען אף דער דאָזיקער גאס געשטאנען די סאָלידע הײַזער פון די באָיארן. שפּעטער זײַנען די מויערן פארוואנדלט געוואָרן אין ווין־הײַזער מיט דורכויסיקע קראָמען אף די אונטערשטע שטאָקן. און נאָך ביז הײַנט־צו־טאָג איז דאָס די באלעבטסטע האנדלס־ארטעריע פון דער שטאָט.

פון גאָרקי־גאס, ווי צווײַגן פון א בוים, שפּראָצן ארויס שמאָלינקע געסלעך — קאָנוואָלסיוו אויסגעקרימטע שלאנגען, פארגליווערטע אין שטיינערנער אייביקײַט. די דאָזיקע שלאנגען־קאָרידאָרן — א שפּאן די ברייט — זײַנען אָנגעפּיקעוועט מיט הויכע גלאטע מויערן, וואָס די קליינינקע פענצטער אף זיי זײַנען אזוי זעלטן, אז זיי פארלירן זיך מאמעש אין דער שטיינערנער גלאטקײַט. צי שטאמט עס נאָך פון יענע צײַטן, ווען די גאסן זײַנען אומרויִק געווען איבער די אָפטע מילכאָמעס, וואָס די באָיארן האָבן געפירט צווישן זיך? אָדער דאָס קומט פון יענער שפּעטערדיקער צײַט, ווען זון און לופט זײַנען באטראכט געוואָרן אלס לוקסוס פאר דעם געמיינעם מענטשן און דעריבער איז יעדער פענצטער באלייגט געוואָרן מיט א שטײַער? ווער ווייסט... אין די דאָזיקע גלאטע מויערן — די עלטסטע איידעס פון ווילנע — ווערן איצט זומער־צײַט אײַנגעאָרדנט אויסשטעלונגען פון מאָלער־ליבהאָבער, וועלכע הענגען אויס אף די ווענט זייערע בילדער. די ליטווינער זײַנען א באגאבט פאָלק מיט אן אויסגעשפּראָכענער ליבע צו דעקאָראטיווער מאָלערישער קונסט.

דו בלאָנדזשעסט איבער די שמאָלע זיך שלענגלענדיקע גאסן און געסלעך, דו קוקסט זיך אײַן אין די ענגע הויפן און דורכהויפן, ווּ מויערן הייבן זיך איבער מויערן און הילצערנע, שווארץ געוואָרענע פון דער צײַט, צעטרענצלטע טרעפּלעך פירן צו געהיימניספולע בוידעמס און דאך־שטיבעלעך, און פאר דײַנע אויגן שווימט אוף דאָס בילד פון א זונלאָזער און ליכטלאָזער אָרעמקײַט, וואָס האָט דאָ געלעבט,

[1] טראָק — אמאָל אן אויעזד־שטעטל, ווּ ס'איז געזעסן דער „מיראָוואָי סודיא", וואָס האָט באדינט א סאך ארומיקע שטעטלעך. פון דעם נעמט זיך דאָס פּאָפּולערע בא די ליטווישע יידן ווערטל: „איך האָב דיך אין טראָק"...

און דערמאָנסט זיך מוישע קולבאקס פּאָעמע „ווילנע":

די אלטע אָדערן פון שארע דורכהויפן און קלויזן וואכן, קלינגען, ווי א הייזעריק הארץ א שטויביקס.

און פּלוצעם וואקסט אויס פאר דיר אין דער דאָזיקער ענגשאפט פון גאסן א ריזיקע מעגור־שעמדיקע מאסע פון שטיינער און ציגל. דאָס

די רעקאָנסטרויִרטע אנטאָקאָלסקי־גאַס

איז א קאָסטיאָל אָדער א קירכע. זיי זײַנען גע־דיכט פארזייט אין דער אלטער ווילנע. זיי שטייען ניט אף פרײַע פּלעצער, ווו מע וואָלט פון א געוויסער פּערספּעקטיוו געקאָנט באוווּנ־דערן זייער גאָטישע אָדער רענעסאנסישע פּראכט. ניט צוליב דעם זײַנען זיי באשאפן גע־וואָרן. דער מענטש איז געצוווּנגען זיי בא־טראכטן פון דער נאָענט און, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ צו די באציילעמטע שפּיצן, פילט ער זיך נידערגעשלאָגן און קליין, ווי א ווערעמל, אנט־קעגן די מאכטהאָבער, וואָס האָבן אופגעשטעלט אזא דערדריקנדיקע מאסע.

איין אויסנאם איז דאָ עפּשער די סאנקט־אנא־קירכע. זי איז קליין, עלעגאנט און, ווײַזט אויס, אדאנק דעם, וואָס אייניקע הײַזער זײַנען דאָ אראָפּגעטראָגן געוואָרן, קאָן מען זי בא־טראכטן פון א געוויסער דיסטאנץ. מיט אירע שפּיציקע ארקעס און דינעם ציגל־געפלעכט איז זי א מײַסטער־ווערק פון גאָטיק. די גידן, וואָס ברענגען אהער טוריסטן, דערציילן שטענדיק, אז נאפּאָלעאָן האָט ניט געקאָנט אָפּרײַסן פון איר די אויגן און, א געפּלעפּטער פון איר שיינ־קײַט, געזאָגט, אז ער וואָלט זי אף די הענט אריבערגעטראָגן קיין פּאריזש. נאָר הארט לעבן דער סאנקט־אנא־קירכע איז אוועקגעשטעלט דער מאסיווער און אומגעלומפּערטער בערנאר־דינער קלויסטער, וואָס סטראשעט, דריקט און דערמאָנט דעם מענטשן, אז ער איז ניט מער ווי א ווערעמל אף גאָטס וועלט. דו גייסט דורך די גאָרקי־גאס דאָרט, ווו זי ווערט א ביסל ברייטער און בילדעט א פּלאץ, אף וועלכן עס שטייט די אמאָליקע ראטושע, שפּעטער א טעא־טער און איצט א מוזיי פאר מאָלערײַ. אפן פּלאץ שטייט דער דענקמאָל קאפּסוקאס־מיצקע־וויטשיוסן, דעם גרינדער פון דער קאָמוניסטי־

די גאס אפן נאָמען פון סאָניע מאדייסקער

שער פארטיי פון ליטע. דאָס האָט ער אין דער געבײַדע פון דער פילהארמאָניע, וואָס איז דאָ ניט ווײַט געשטאנען, פּראָקלאמירט אין 1918 די ליטווישע סאָוועטישע רעפּובליק. קאפּסוקאס־מיצקעוויטשיוס שטייט מיטן פּאָנעם געווענדט צום וויגעלע פון דער שטאָט ווילנע — צום שלאָס־בארג.

אָף דער אנדערער זײַט פון גאָרקי־גאס שלענגלען זיך ווידער שמאָלע געסלעך. די זעלבע ענגע געדריידלטע געסלעך, נאָר דאָ האָבן זיי זיך פאנאנדערגעבליט, ווי בלומען אין פרילינג. א קיניגרײַך פון ליכטיקע פארבן, פון יאָמטעוודיקער לויטערקײַט, פון אינטימער, אופגעלעבטער אלטערטימלעכקײַט.

אָט דער וווּנדער־שע־בעוווּנדער איז די ארבעט פון דעם רעסטאווראציע־טרעסט, וואָס איז ספּעציִעל געשאפן געוואָרן מיט עטלעכע יאָר צוריק אין דער אלט־שטאָט.

ס'וואָלט, פארשטייט זיך, איינפאכער געווען אראָפּצוטראָגן די אלטע שטיינערנע שטײַגן און אופבויען אָף זייער אָרט מאָדערנע פילשטאָקיקע הײַזער אָף אויסגעברייטערטע און אויסגעגליכענע גאסן. די שטאָט־פארוואלטונג איז אָבער אוועק אָף א פיל קאָמפּליצירטערן וועג: רעסטאווירן, אופלעבן אָט די אלטע הײַזער, רעקאָנסטרויִרנדיק די „שארע דורכהויפן" און איבערבויענדיק די דירעס אין מאָדערנע, אָבער דאָך דורכגעזאַפּטע מיט אנטיקוואר־גײַסט וווינונגען.

די רעסטאווראציע האָט זיך אָנגעהויבן פון דער אנטאָקאָלסקי־גאס (פריִער גלעזער־גאס). א טאָוול, אײַנגעמויערט אין א וואנט, דערציילט, אז דאָ איז ער געבוירן געוואָרן, דער באַרימטער סקולפּטאָר. דאָס געסל איז אויסגעפלאסטערט מיט פּליטעס, וואָס זײַנען ניט צוגעפּאסט צו א מאָדערנעם פארקער (אן אויטאָמאָביל וואָלט דאָ געווען א דיסאנאנס!), די הײַזער פון ביידע זײַטן — פריש אויסגעקאָלירט, און יעדע

דעטאל אף זיי — די אײַזערנע גראטעס אף די אונטערשטע פענצטער, די ארײַנגאנגס־טירן, די אלטערטימלעכע לאמטערנס איבער זיי, די באלקאָנדלעך און טעראסעס — גוט דורכגעטראכט און געשמאק אויסגעפירט. די קליינע הויפן (אמאָל זײַנען זיי געווען ברוקירט מיט גראָבע שטיינער און פארכלאמט מיט שטאלן און איפּעשדיקע אָפּטריטס־ערטער) זײַ־

פילשטאָקיקע הײַזער אף דער טשארני־גאס

דער מיקראָ־ראיאָן לאזדיני

נען אויסגעפּלאַסטערט מיט פאַרביקע פּליטעס און ווּ מעגלעך באַגרינט. די אַמאָליקע קרעמלעך־לעכער זײַנען פאַררייניקט, אויסגעברייטערט און פאַרוואַנדלט אין מאָדערנע האַנדלס־סאַלאָנען, ווּ מע פאַרקויפט קונסט־זאַכן און סוּווענירן. דו גייסט איבערן געסל, באַטראַכסט די קאָקעטישע פאַרביקע הײַזלעך, קוקסט ארײַן אין די הייפלעך און פּילסט, ווי דו וואָלסט דורך עפּעס א קישעף אריבערגעטראָגן געוואָרן אין א לאַנד פון טויזנט־און־איין־נאַכט.

הינטער דער אַנטאָקאָלסקי־גאַס, אָף א שמאָל, נאָך ניט רעסטאַווירט געסל, שטויס איך זיך אָן אָף אַן אַלטן דרײַגאָרנדיקן מויער, וואָס זײַן „בויך" איז אומגעלומפּערט אויסגעקרימט לויט דער פאָרם פון דעם זיך שלענגלדיקן געסל. דאָס הויז איז ארומגעצאַמט — צו אים האָבן זיך, קענטיק, גענומען די רעסטאַווראַטאָרן. דאָ טרעף איך דעם אינזשעניער באָריס גענדז, דעם אָנפירער פון אַן אינזשעניער־גרופּע פונעם רעסטאַווראַציע־טרעסט און איינעם פון די הויפּט־ענטוזיאַסטן פון דער רעסטאַווראַציע.

באָריס גענדז, באַמערק איך, איז בכלל א היציקער, עמאָציאָנעלער און טעמפּעראַמענטפול ענערגישער מענטש. בוי־קונסט, אַרכעאָלאָגיע, עסטעטישער געשמאַק און ליבע צום אַלטערטום האָבן זיך בא אים פאַרבונדן אין איין קנויל.

— איר זעט דעם שוואַרצן הויקערנעם מויער? — זאָגט ער צו מיר מיט פינקלענדיקע אויגן, בייס מיר פאַרלאָזן דאָס הויז, — פאַרגעדענקט אים גוט! אין צוויי כאַדאָשים ארום וועט איר אים ניט דערקענען!

מיר גייען איבער די רעסטאַווירטע געסלעך, באַקוקן די ווידערגעבוירענע הײַזלעך, די אַלטערטימלעכע אָרנאַמענטן, וואָס האָבן אויפגעוואַכט פון זייער דוירעסלאַנגן שלאָף, און עס גלייבט זיך גאָרניט, אַז אָט דאָס קישעף־לאַנד איז עס דאָס אָרט, ווּ עס האָט פריִער געשמאַכט א געדיכטע און אויסזיכטלאָזע ייִדישע אָרעמקייַט. באָריס גענדז שפּרײַזט האַסטיק, און פּונקט אַזוי האַסטיק שיטן זיך בא אים די ווערטער. ער דערציילט וועגן דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט, וועגן די ווײַטערדיקע פּלענער, וואָס כאַפּן ארום די גאַנצע אַלט־שטאָט.

— די גאַנצע אַלט־שטאָט? — גלייב איך ניט.

— די גאַנצע! — מאַכט באָריס ענערגיש מיט דער האַנט. — אויב פריִער האָט דאָ געלעבט א נײַנציק פּראָצענט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, וועלן דאָ איצטער וווינען קוים א צען פּראָצענט. פריִער אין דאַכקעס און אין נויט — איצטער אין ראַכוועס און קאָמפאָרט. איר זעט?

איך זע. וועגן דעם האָט טאַקע געכאָלעמט קאַפּסוקאַס־מיצקעוויטשיוס, וואָס שטייט דאָ ניט ווײַט אָף זײַן פּיעדעסטאַל און קוקט מיט זײַן קלוגן און דרייסטן בליק אָף דער אַלט־שטאָט.

מיר פאַרקערעווען אין אַן אַלטן טיפן הויף פון דער אַמאָליקער „ייִדישער גאַס", וואָס די הענט פון די רעסטאַווראַטאָרן האָבן נאָך ניט דערגרייכט אַהין. דאָ געפינט זיך איצטער איינע פון די ווערקשטאַטן פון די רעסטאַווראַטאָרן. דאָס ארײַנקומען פון באָריס גענדז רופט ניט ארויס די געקינצלטע אופלעבונג, וואָס דאָס באַווײַזן זיך פון א שעף וועקט געוויינלעך אוף. די דאָזיקע מענטשן דאַרף מען ניט אונטערשמײַסן. דאָס זײַנען ענטוזיאַסטן, וועלכע אַרבעטן באַדאַכט און פאַרטיפט. אָף די ווענט הענגען סקיצן און צייכענונגען. אַנדערע סקיצן, קענטיק דאָ אָפּן אָרט אימפּראָוויזירטע, זײַנען אָנגעוואָרפן מיט קוילן־שטיפט דירעקט אָף דער וואַנט. איך באַקוק מיט אָפּשײַ די מענטשן: לויטער יונגעלײַט, דרײַסיק און נאָך ווייניקער, באַגײַסטערטע פּנעמער, פאַרכאָלעמטע אויגן...

ווען מיר גייען ווידער ארויס אָף דער נײַ־אַלטער אַנטאָקאָלסקי־גאַס, דערלויב איך מיר א קריטישע באַמערקונג: צי אידעאַליזירט מען דאָ ניט צופיל דאָס אַלטערטום, צי שאַפט מען דאָ ניט אַן אידיליע פון אַלטן שטייגער־לעבן?

באָריס גענדז ווערט אָנגעצונדן:

— צי מיינט איר, אַז די אַלטע האָבן ניט געהאַט עסטעטישע באַדערפענישן? צי האָבן זיי ניט געשאַפן קונסט פאַר זייער שטייגער? מער ניט, אין די שפּעטערדיקע צײַטן האָבן נויט און דאַכקעס פאַרשטויבט, דערשטיקט אָט די קונסטווערק. מיר שטעלן זיי אוף אין זייער אורשײַנקײַט. און אויב אַפילע מיר סטיליזירן א ביסל דאָס אַלטע, איז וואָס איז דער אומגליק? מיר שטרײַכן דערמיט בלויז אונטער אונדזער אורשטאַם. זאָגט מיר, — ער שטעלט זיך אָפּ אײַנמיטן גאַס און מאַכט א ברייטן זשעסט מיט דער האַנט, — איר שפּירט זי ניט, אָט די אַלטערטום־שײַנקײַט?

ווי קאָן מען ניט מאַסקים זײַן מיט אים!

די אַלט־שטאָט איז אַמאָל געווען ארומגערינגלט מיט א פעסטונג־מויער, הינטער וועלכער ס'האָט זיך ביסלעכווײַז אַנטוויקלט א נײַע שטאָט, שוין מיט פאַרהעלטניסמעסיק ברייטע און גראָדליניקע גאַסן. די הויפּט־אַרטעריע דאָ איז דער סטאַטעטשנער לענין־פּראָספּעקט (אַמאָל געאָרגיעווסקי) מיט זײַנע סאָלידע מויערן און מאַגאַזינען. א טאָוול אָף איינעם פון די מויערן גיט צו וויסן, אַז דאָ איז אין 1905 געשאָסן געוואָרן אַן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע און ס'זײַנען געפאַלן קאָרבאָנעס. אָף דעם אָרט, ווּ ס'איז אַמאָל געשטאַנען דער שטאָט־מויער, האָט זיך אויסגעבילדעט די זאַוואַלניע־גאַס (הײַנט קאָמיוג־גאַס), דאָס אָרט פון אַמאָליקן האַנדל־וואַנדל, אַרבעטס־בירזשע (אונטערן פרײַען הימל!) און סטאַם שפּאַציר־אָרט. הײַנט־צו־טאָג איז עס שוין אויך אַלטע שטאָט.

די נײַע ווילנע מיט אירע נײַע מאָדערנע מיקראָ־ראַיאָנען אַנטוויקלט זיך אָפּן אַנדערן, רעכטן ברעג פון דער ווילִיִא.

אַמאָל איז דאָ ברייט אויסגעשפּרייט געלעגן שניפּישאָק, די „רעזידענץ" פון מאָטקע כאַבאַד און דער באַליבטסטער אָביעקט פאַר דעם ליטוויש־ייִדישן הומאָר. מיט זײַנע הילצערנע הײַזלעך און בלאָטיקע הויפן איז שניפּישאָק געווען מער ענלעך אָף א צעוואַקסן ייִדיש שטעטל, ווי

אַף אַ שטאָט. הײַנט ווערן די דאָזיקע הײַזלעך אַראָפּגעטראָגן און אַף זייער אָרט ווערן געבויט נײַע מויערן. אין סאַמע צענטער פֿון אַמאָליקן שניפּישאָק איז אויסגעוואַקסן אַ ריזיקער („אַף וווּקס", פֿונקט ווי מע האָט אַמאָל געניייט אַ בעגעד פֿאַר אַ קינד) אוניווערמאַג. לעבן אים וואַקסט, ווי אַף הייוון, אַ האָטעל פֿאַר טוריסטן. מע האַלט שוין איצטער באַם 13־טן גאָרן, און ווער ווייסט, ווען די בויער וועט אײַנפֿאַלן אין קאָפּ, אַז מע דאַרף זיך אָפּשטעלן. דער אַלטער ייִדישער בעסוילעם איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סטאַדיאָן (דער אויהעל פֿון ווילנער גאָען, דער קייווער פֿון גער צאַדיק און אַנדערע היסטאָרישע קוואָרים זײַנען אַריבערגעטראָגן געוואָרן אַפֿן נײַעם ייִדישן בעסוילעם אַף וויל־קאָמירער שאָסיי).

שניפּישאָק ווערט „אויסגעמענטשלט", און דעם עצעם נאָמען זײַנעם געדענקען מער ניט אַפֿילע די אַלטע ווילנער טוישווים.

אַפֿן זעלבן רעכטן ברעג פֿון דער ווילִיִא, אין אַ היפּשן אָפּשטאַנד פֿון שניפּישאָק — איינער טײַך־אַרויף, דער אַנדערער טײַך־אַראָפּ פֿון שניפּישאָק — זײַנען אויסגעוואַקסן צוויי מיקראָ־ראַיאָנען, זשירמונײַ און לאַזדינײַ, די ווילנער „טשעריאָמושקעס". נאָר טאָמער קומט איר קיין ווילנע, זאָלט איר כאַסוועכאָלילע ניט דערמאָנען דאָס וואָרט „טשעריאָמושקי". די ווילנער וועלן זיך באַליידיקן. וואָס הייסט, וועלן זיי טײַנען, אָנרופֿן אונדזערע ראַיאָנען „טשע־ריאָמושקי", אַז סײַ זשירמונײַ מיט אַ יאָר צען צוריק, סײַ לאַזדינײַ מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָבן דאָך געקראָגן די לענין־פּרעמיע פֿאַר אַרכיטעקטור פֿון מיקראָ־ראַיאָנען! ווײַזט אונדז, וועלן זיי זיך היצן, נאָך אַ שטאָט, וואָס זאָל האָבן אַזאַ אויסצייכענונג!

און ווירקלעך, סײַ זשירמונײַ, וואָס איז איינער פֿון די ערשטע ראַיאָנען אין לאַנד, סײַ לאַזדינײַ, וואָס מע האָט אָקאָרשט פֿאַרענדיקט, זײַנען מוסטערן פֿון אַזאַ מין בויונג. איבערהויפּט צייכנט זיך אויס דער לעצט אויסגעבויטער ראַיאָן לאַזדינײַ. ער שטייט אַף אַן אָרט, וואָס איז פֿריִער געווען אַ וואַלד. די אַרכיטעקטאָרן האָבן פֿאַנאַנדערגעשטעלט די הײַזער־טורעמס אַזוי, אַז עס זאָל ניט שאַטן די ביימער, — זײַנען טאַקע די הײַזער אײַנגעטונקט אין גרינס און זון. אַרכיטעקטאָרן פֿון גאַנץ סאָוועטנפֿאַרבאַנד קומען אַהער זיך לערנען, שטודירן די דערפֿאַרונג פֿון די ווילנער בויער.

איצט בויט זיך, הארט לעבן לאַזדינײַ, אַ דריטער מיקראָ־ראַיאָן — קאַראָלינישקײַ. די שעפֿער פֿון דעם נײַעם ראַיאָן גלייבן, אַז זיי וועלן אַריבערשטײַגן די ביידע פֿריִערדיקע.

אין יעדן פֿון אָט די ראַיאָנען לעבן אַ 60—80 טויזנט אײַנוווינער. אין ראַכוועסדיקע דירעס מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן, מיט גרויסע פֿענצטער, אויסגעשטעלט דער זון און לופֿט. די באַרימטע ווילנער שטיינערנע ענגשאַפֿט, ווו בלאַסע קינדער־זײַנען געוואַקסן אין פֿײַכטע מויערן מיט אַ פֿאַריפֿעשטער לופֿט, ווערט שוין



רעפֿאַעל טשאַרני

אַ לעגענדע. אָט־אָט און זי פֿאַרבלײַבט נאָר, אַן אייביק פֿאַרגליווערטע, אין די ווערק פֿון לייזער וואָלף, פֿון מוישע קולבאַק און אַנדערע זינגער פֿון ווילנער טרויער.

דער אינדוסטריִעלער טייל פֿון ווילנע מיט זײַנע פֿאַבריקן און זאַוואָדן, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן פֿאַר די לעצטע דרײַ צענדליק יאָר, געפֿינט זיך אַפֿן לינקן ברעג פֿון ווילִיִא, אַפֿן וועג צו קאָוונע. אין דעם קלענסטן פֿון די זאַוואָדן אַרבעטן איצט מער מענטשן, ווי אין די אַלע וואַרשטאַטן און פֿאַבריקלעך פֿון דער אַמאָליקער ווילנע.

אין זשירמונײַ איז מיר באַזונדערס ליב די גאַס אַפֿן נאָמען פֿון רעפֿאַעל טשאַרני. איך גיי איבער דער ראַכוועסדיקער, ווי אַ פֿעלד, גאַס מיט אירע רויִקע ברייטפֿענצטערדיקע מויערן, און פֿאַר מײַנע אויגן שווימט אויף פּאָלקע אַזאַ, ווי איך האָב אים געקענט. אַ טונקל, ביינערדיק פּאָנעם מיט אַ פּעך־שוואַרצער טשופּרינע און אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן, וועלכע האָבן געשפּריצט מיט לעבן, מוט און פֿרייִלעכקײַט. ער איז געווען אַ פֿרייִלעכער יאַט, אָט דער בעקער־יונג, וואָס האָט אָפּגעגעבן זײַן לעבן פֿאַר דער אַרבעטער־זאַך.

אין סאָף 1926, ווען די ליטווישע פֿאַשיסטן האָבן אין איינער אַ ווינטער־נאַכט געמאַכט די איבערקערעניש און פֿאַרכאַפּט די מאַכט, האָבן זיי קוידעמקאָל זיך גענומען צו די אַרבעטער־פֿירער. נאָך אין דער זעלבער נאַכט זײַנען די אָנפֿירנדיקע טוער פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿאַרנומען געוואָרן, און אין עטלעכע טעג אַרום, נאָך אַ גראַב אײַנסצענירטן מיליטערישן געריכט, זײַנען פֿיר פֿון די אָנפֿירנדיקע פּאַרטיי־טוער פֿאַרמישפּעט געוואָרן צו טויט

סאָניע מאַדייסקער

הירש לעקערט

און גלײַך אפן אָרט דערשאָסן געװאָרן. דער ייִנגסטער פֿון זײ, קױם 26 יאָר אַלט, איז געװען פֿאָלקע טשאַרני, דער אָנפֿירער פֿון ליטװישן קאָמיוג. באַם געזעגענען זיך אין דער טורמע־קאַמער מיט די כאַװײרים איז זײַן לעצט װאָרט געװען: „ס'איז גאָרניט. ס'איז ניט שרעקלעך צו שטאַרבן פֿאַר דער פּאַרטײ".

דער אָנדענק פֿון די פֿיר קאָמונאַרן װערט הײליק אָפּגעהיט דורכן פֿאָלק. אין קאָװנע, װוּ זײ זײַנען אומגעקומען, איז זײ אופֿגעשטעלט אַ מאָנומענט, זײערע נעמען זײַנען פֿאַרײביקט אין גאַסן, שיפֿן, אונטערנעמונגען.

גײסטו אַדורך די טשאַרני־גאַס, פּאַלסטו אַרײַן אין אַלטן שניפּישאָק. דו קרײצסט דורך דעם רױשיקן װילקאָמירער מאַרק, און אָט ליגט פֿאַר דיר אַ שמאָל, טיפּיש־שניפּישקער געסל מיט נידעריקע הײַזקעס־כאַלופּעס און הילצערנע האַלב־אײַנגעפֿאַלענע טױערן, װאָס פֿירן אין קױטיקע הױפֿן. אָט דאָס געסל הײסט פֿינגאַס — דאָ האָט אַמאָל געלעבט דער ייִדישער מאַסקיל און שרײַבער שמועל־יױסעף פֿין. די ברײטע טשאַרני־גאַס מיט אירע פּילשטאָקיקע מױערן, סקװערן און זוניקע שפּיל־ערטער פֿאַר קינדער און די שמאָלע פֿין־גאַס מיט אירע הילצערנע כאַלופּעס, פֿאַר װעלכע דער זײגער פֿון דער געשיכטע קלאַפּט שױן אָפּ די לעצטע שאָען, — דאָס זײַנען סימבאָלן פֿון צװײ עפּאָכעס, צװײ אידעאָלאָגיעס. אײנע פֿאַרקערפּערט דער ייִדישער בעקער־יונג מיט די פֿרײלעכע דרײסטע אױגן, די אַנדערע — דער גרײַזגרױער מאַסקיל מיט דער װײַסער באָרד און פֿרומער יאַרמלקע איבער דעם הױכן שטערן. אין דער אַלטער שטאָט איז דאָ נאָך אַ גאַס,

אַף װעלכער דו קענסט ניט אַרופּטרעטן אָן אַ נעשאָמע־ציטער. דאָס איז גאַס, װאָס פֿירט צום װאָקזאַל, זי הײסט די מאַדײסקער־גאַס.

סאָניע מאַדײסקער איז געװען אײנע פֿון די ליכטיקסטע געשטאַלטן אין קאָמוניסטישן אונטערערד און אַ העלדישע קעמפֿערן קעגן די דײַטשישע אָקופּאַנטן. סײַ אין געטאָ, סײַ אױסער דער געטאָ, װוּ זי האָט געלעבט אַף אַ פֿאַלשן פּאַס, האָט זי אומדערמידלעך געפֿירט איר קאַמף: אַרױסגעגעבן און פֿאַרשפּרײט אופֿרופֿן, אָרגאַניזירט די יוגנט אין קאַמפּס־גרופּן, באַזאָרגט זײ מיט געװער, געװען די פֿאַרבינדלערן צװישן געטאָ און װאַלד. עטלעכע כאַדאָשים פֿאַרן אַרײַנמאַרשירן פֿון דער סאָװעטישער אַרמײ אין װילנע האָט מען אױסגעשפּירט און אַרומגערינגלט דאָס הױז, װוּ זי האָט געװױנט. סאָניע האָט זיך פֿאַרטײדיקט: געשאָסן אַף די באַלאַגערער דורך די פֿענצטער און אװעקגעלײגט אַף טױט עטלעכע געסטאַפּאָ־לײַט. די לעצטע קױל האָט זי אַרײַנגעשאָסן אין זיך.

װילנע האָט אַ רײַכע פֿאַרגאַנגענהײַט. דאָ איז אין פֿאַבריקן יאָרהונדערט אופֿגעקומען אײנער פֿון די שטאַרקסטע אין רוסלאַנד צענטערן פֿון דער האַסקאָלע־באַװעגונג, װאָס האָט אַרױסגערוקט אַזעלכע נעמען, װי מ.־א. גינזבורג, א.־מ. דיק, א.־ב. לעבענזאָן, מ.־י. לעבענזאָן, מ. גאָרדאָן און אַנדערע.

װילנע איז אױך געװען דאָס װיגעלע פֿון דער אַרבעטער־באַװעגונג. סאָף אַכציקער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט קומט פֿאַר אַן אומבאַדײַטנדיקער אַפֿן ערשטן בליק, אָבער דאָך סימפּטאָמאַטישער פֿאַל. עס ברעכט אױס אַ

שטרײַק פון די זאָקנמאַכער, און די באַלעבאַ־
טים רופֿן דעם ווילנער דײַען (דאָס איז געווען
דער זון פון דעם פּאָפּולערן קאָוונער ראָוו ייִצ־
כאָק־עלכאַנאַן ספּעקטאָר), ער זאָל אויסמוסערן
די „יונגאַטשעס" און ברענגען זיי צו געהאָרכ־
זאַמקײַט. דער דײַען ווערט אויסגעפּײַפֿט און
אַרויסגעטריבן פון דער אַסיפּע. דאָס איז געווען
דער ערשטער סימען, אַז ס'קומט אָן אַ נײַע
עפּאָכע. די סאָציִאַלע פּאָרמלאָזיקײַט פון די
ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן פאַרשווינדט, און עס
קומען אויף די שורעס פון דער ליד:

דער ייִדישער אַרבעטער, גווירישער קאָרבן,
וואָס הייבט שוין פון פּריִהײַט די פּאָן.

אין 1895 קומט קיין ווילנע לעניִן, וועלכער
לאָזט דאָ איבער נאָך זײַן אַוועקפֿאָרן אַ פעסט
אָרגאַניזירטן מאַרקסיסטישן צענטער.

אין עטלעכע יאָר אַרום האָבן אָפּגעהילכט
אויף דער גאַנצער רוסלענדישער אימפּעריע די
שאָסן פון הירש לעקערט אינעם גענעראַל־
גובערנאַטאָר פאָן־וואַל. דאָס האָט דער שוסטער־
אַרבעטער זיך נוקעם געווען דערפֿאַר, וואָס פאָן־
וואַל האָט נאָכן צעטרײַבן די ערשטע מײַ־דעמאָנ־
סטראַציע דורכגעפֿירט איבער די ייִדישע אַרעס־
טירטע דעמאָנסטראַנטן (בלויז איבער ייִדישע —
אַזוי האָט ער טײַוולאָניש באַפֿוילן) די שענד־
לעכע עקזעקוציע פון שמײַסן מיט ריטער.
הירש לעקערט איז דעם 28 מײַ 1902 געקעפּט
געוואָרן אויף דעם ווילנער מיליטער־פּלאַץ. דער
נאָמען פונעם העלדישן רעוואָליוציאָנער איז
אַרײַן אין לידער, לעגענדעס, ביכער.

אויף דער קאָמונאַר־גאַס שטייט נאָך ביז הײַנט
די מאַסיווע געבײַדע, ווו אין אַפּרעל 1919 איז
פאָרגעקומען די לעצטע שלאַכט פונעם ווילנער
סאָוועט קעגן די פּוילישע לעגיאָנערן. אַן ערן־
טאָוול אויף דער געבײַדע דערציילט וועגן יענע
טראַגישע געשעענישן און פאַרייביקט די נעמען
פון די געפאַלענע. צווישן די לעצטע איז אויך
דער נאָמען פון יוליוס שימעלעוויטש, איינעם
פון די אָנפֿירער פון סאָוועט.

צוואַנציק יאָר נאָך דעם איז ווילנע געלעגן
אונטער די קנאָפּל פון סאַנאַציִשן פּוילן. דאָס
זײַנען געווען יאָרן פון יערידע און שמאַכט. אין
טויזנטער, צענדליקער טויזנטער איז די יוגנט,
וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע און ליב
געהאַט ווילנע, געלאָפן פון איר. און וואָס ווײַ־
טער מע איז פאַרלאָפן, אַלץ מער האָט מען זי
ליב געהאַט און געבענקט נאָך איר.

הײַנט נאָך, פאַרעלטערטע און פאַרזאָרגטע,
קומען זיי אַהער אַלס טוריסטן פון צפון־אַמע־
ריקע, קאַנאַדע, אַרגענטינע, דאָרעם־אַמעריקע,
אווסטראַליע. זיי בלאָנדזשען מיט אויסגעבענק־
טע אויגן איבער די אַלטע שמאָלע גאַסן, באַוווּנ־
דערן די ראַכוועסדיקע פּראַכט פון די נײַע
ראַיאָנען, פאָרן אַוועק פאַרקלערטע...

אַזאַ איז דער קישעף פון דער גרײַז־אַלטער
און יונג־נײַער שטאָט אויף דער ווילִיִע.

די נאַציִסטישע אינוואַזיע האָט כאָרעוו גע־
מאַכט דאָס ייִדישע לעבן. בײַס מוישע טייף,
אָנגעטאָן אין אַ מיליטערישן מונדיר, האָט מיט
דער באַפרײַערישער סאָוועטישער אַרמיי אַרײַנ־
געמאַרשירט קיין ווילנע, איז ער דערשיטערט
געוואָרן:

נו, זאָגט, ווי לייגט זיך עס אויפֿן זינען —
אויף גיטקע טײַבעלעס זאַווולעק
זאָל מען אַ ייִדן ניט געפינען!

אָבער גלײַך נאָך דער מילכאָמע האָט ווילנע
צונויפגעקליבן אונטער אירע אַלטע פליגל אַ
היפּשע צאָל ייִדן פון די ליטווישע שטעט און
שטעטלעך, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון
דער מאַגײפע. ביסלעכווײַז האָט זיך דאָ אָנגעג־
הויבן צו אַנטוויקלען אַ נײַ לעבן. אין די גע־
ראַמע צימערן פונעם פּרעכטיקן פּאַלאַץ פון די
פּראָפאַריינען קלינגט הײַנט אין די אָוונטן אַ
ייִדיש וואָרט, עס הערט זיך אַ ייִדישער ניגן
און מע קען זען אַ פרײלעכן טאַנץ, אויסגעפֿירט
דורך אַן אימפּעטדיקער ייִדישער יוגנט. דאָס
רעפּעטירן די דראַם־סעקציע, דער כאָר און די
באַלעט־גרופּע פונעם ייִדישן פאָלקס־טעאַטער.

יעדער ספּעקטאַקל, יעדער קאָנצערט פון אָט
דעם טעאַטער קומט פאָר באַ אַ געפּאַקטן
זאַל — דער זאַל פאַרמאָגט איבער טויזנט ער־
טער! — און ווערט איבערגעכאַזערט מערערע
מאָל.

אויף טשאַרני־גאַס, אין אַ געראַמער מאָדער־
נער דירע, לעבט דער מאָלער נאָכעם אַלפּערט.
ווען דו קומסט צו אים אַרײַן, שטעלט ער פאַר
דיר אויס זײַנע לײַוונטן פון אַלט־ווילנע: געס־
לעך און זאַוווּלעקס, הויפֿן און דורכהויפֿן,
געמאָלטע אין פאַנטאַסטיש־צעשוווּמענע פאַרבן
און אײַנגעהילטע אין אַ ראָמאַנטישן נעפּל. ער
באַווײַזט דיר צענדליקער, הונדערטער פּאָטאָגראַ־
פיעס, רעפּראָדוקציעס, גראַווירן, וואָס ער האָט
אויסגעניִשטערט, אַרויסגעזוכט אין די אַלטע
ביבליאָטעקן. אָפּטמאָל, נאָכן אַרײַנזאַפּן אין זיך
דאָס ווילנער אַלטערטום, לויפֿן מיר צו דער
אַלט־שטאָט. דו ווערסט אויף אַ ווײַלע מיטגעריסן
מיטן קינסטלער, נאָר שפּעטער וועקט זיך באַ
דיר אויף דײַן ליטוואַקיש־ניכטערע נעשאָמע
און דו טראַכסט: זאָל „לײַדן" די ראָמאַנטיק
פונעם קינסטלער און — זאָל לעבן דאָס נײַע!

זכרוינעס

דווירע כאַראַל

לירישע העפטן

„אַיך געדענק, ווי דו האָסט זיך געלערנט גיין, דו פלעגסט שטעלן א טראָט און פאלן, שטעלן א טראָט און פאלן. ביסטו מיר ווי דעמלט טײַער, ווען דו שטעלסט דײַנע אייגענע שעפערישע טריט".

אזוי האָט דאָוויד אָנגעשריבן אפן ערשטן זײַטל פון זײַן בוך „שטורעם־טעג", וועלכן ער האָט מיר געשענקט.

זיך אומגעקערט פון דער עוואקואציע, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז מער ווי א העלפט פון אונדזער מישפּאָכע איז אומגעקומען. די פאַשיסטן האָבן אומגעבראכט דאָווידס א שוועסטער און צוויי ברידער מיט זייערע מישפּאָכעס. אמאָל, מיר דוכט, אין 1944 יאָר, האָט דאָוויד א קוק געטאָן מיר טיף אין די אויגן און געזאָגט:

„ס'וועט קומען א צײַט, ווען מע וועט זיך פאַרינטערעסירן מיט מײַן ביִאָגראפיע. דו ביסט געבליבן די איינציקע, וואָס וועט קענען דערציילן וועגן מײַנע קינדער־יאָרן, וועגן אונדזער היים".

איך האָב אין מײַנע „לירישע העפטן" פאַרשריבן דאָס, וואָס האָט זיך פאַרהיט אין מײַן זיקאָרן.

קינדערשע יאָרן — גליקלעכע יאָרן

איך כאַפּ זיך אוף פון שלאָף, צעעפן די אויגן און צעלאַך זיך פאר פרייד. אין אונדזער קינדער־צימער זײַנען ברייט צעעפנט די פענצטער, ס'איז נאָך זייער פרי, נאָר עס קוקט שוין ארײַן די זון. די געלע שאפּע איז געוואָרן ווי נײַ, א באלויכטענע פון דער זון, זעט זי אויס העלגעל. אפן דיל זײַנען אויסגעשפּרייט פּאסיקלעך פון זונען־שײַן. לעבן די ווענט שטייען נאָך צוויי קינדערשע בעטלעך, אין וועלכע עס שלאָפן מײַנע שוועסטער הֶעניע — די עלטערע, און די ייִנגערע — כאנעלע.

העניע איז אלט אכט יאָר, איך — זעקס, און כאנעלע — פינף. איך שפּרינג אראָפּ פונעם בעטל, הייב אָן טאנצן פון איין פּאסיקל שײַן, וואָס ליגט אפן דיל, צום צווייטן. איך וואַרף ארוף אף זיך מײַן רויט, קורץ קליידעלע, און שטילינקערהייט, עס זאָל ניט הערן די מאמע, גאנווע איך זיך ארויס דורך דער קיך־טיר אין דרויסן. א קאלטער טוי פאַרנעצט מײַנע פיס. אין הויף האָט זיך שוין אָנגעהויבן א פריילעך לעבן — הינער קוואָקען, הענער קרייען. מיט קאס וואַרפט זיך ארוף אף מיר דער גאָנער, ער היט זײַנע געגנדז. איך לאָז זיך לויפן צום קעלער, צו אונדזער הונט. ער ליגט אויסגעצויגן לעבן זײַן בודקע מיט פינף פיצינקע הינטעלעך. סאַמעטענע נעזלעך בא די הינטעלעך. פונעם קעלער לויף איך אין סטאניע, דאָרטן שטייען צוויי הויכע גרויסע פערד. די פעל אף זיי איז א ברוינע און א בלישטשענדיקע. העלקאָ דער קוטשער האָט זיי אויסגעפּוצט מיט א הארט בערשטל. אף דער ערד ליגט א בארג מיט האָבער, העלקאָ זיצט לעבן די פערד אף דער סאָפקע. איך גראָב אײַן די הענט אין האָבער און זיפּ אים דורך די פינגער. איצטער איז מיר געבליבן דערוויסן זיך, צי עס האָבן זיך פאר דער נאכט בא דער קוואָקע אויסגעפּיקט נאָך הינדעלעך. איך לויף אין שטאל, דאָרטן שטייט א לייטער בא דער וואנט. איך קריך ארוף אפן בוידעם, אהין פאַרקלײַבן זיך די הינער, ווען עס קומט זייער צײַט צו וועררן קוואָקעס. זיי מאכן זיך אין א קאָרב א נעסט, לייגן דאָרט

פאַרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 5, 1974.

אייער. זיי ווערן פאַרפאַלן אַף א צײַט און קומען פונעם בוידעם צו אונדז מיט פוכיקע קליינע הינדעלעך. איך שרעק זיך א ביסל קריכן איבערן לייטער, נאָר דער נײַגער איז גוויוער די שרעק. אהיים קום איך צו דער צײַט, באַווײַז זיך אויסוואשן און זעצן זיך צו דער צײַט מיט אלע באַם פרישטיק, נאָר די מאמע בייזערט זיך אַף מיר: „גאָט האָט איר געגעבן א פאָר פיס, און זיי טראָגן זי ארום".

פאַרוואָס זײַנען מענטשן באַרויגעז, ווען ס'איז אזוי גוט צו לעבן אַף דער וועלט?

נידעריקע שטאכעטן טיילן אָפּ דעם הויף מיט דער סטאַניע פון אונדזער סאָד. אין סאָד וואקסן ווײַנשל־ביימער, עפּל־ביימער און באַרן־ביימער.

דער סאָד איז איבערגעשניטן מיט שמאָלע שטעגעלעך. ווען דער צוויט פאַלט אָפּ פון די פרוכטן־ביימער, ווערן די שטעגעלעך ווײַס, ווי עס וואָלט אויסגעשאָטן א שניי. דעם הויף און דעם סאָד רינגלט ארום א הויכער פּאַרקן, ווי א וואנט. די גראָבע ברעטער פונעם פּאַרקן זײַנען פון די שנייען און רעגנס געוואָרן טונקל־גרויע. זיי זײַנען שטײַף צוגעשטאנען איינע צו דער צווייטער. דער סאָד פאַרייניקט א גרויס, ווײַס אויסגעקאַלכט שטיינערן הויז מיט זײַן פליגל, וואָס איז געדעקט מיט שטרוי. דאָס הויז שטייט אַף א הויכן פונדאַמענט און האָט צוויי גאנעקעס. אין א סעדל ארום הויז זײַנען הויך זיך צעוואקסן אקאַציע־ביימער, זיי האָבן פאַרשטעלט די פענצטער פון דער זון.

דאָס הויז האָט אופגעבויט רעפאָעל בערגעלסאָן. דאָ זײַנען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואקסן זײַנע קינדער. די עלטסטע איז מײַן מאמע, און דער קלענסטער פון זיי — דער מיזיניק — דאָוויד בערגעלסאָן.

אין דער דאָזיקער שטוב בין איך אויך געבוירן געוואָרן. מײַן זיידע איז געשטאָרבן, ווען איך בין אלט געווען זעקס וואָכן. א קראַנקער, איז ער אַמאָל אראָפּ פון בעט און ארײַנגעגאנגען צו דער מאמען אין צימער. ער האָט אָפּגעגעבן מאַזלטאָוו דער קימפּעטאָרן און פאַרהאַלטן זיך לעבן מײַן וויגעלע. ער האָט געזאָגט צו דער מאמען: „הענעלע איז בא דיר א שווארצכיינעוודיקע, און דווירעלע וועט זײַן ווײַסער ווייץ".

מײַן זיידע רעפאָעל בערגעלסאָן

אפן איבערקרייץ פון דרײַ וועגן איז געלעגן א שטעטעלע און א דערפל. אלטע, געדיכטע וועלדער זײַנען געוואקסן ארום. אהער פלעגן מענטשן פאָרן אַף אָפּרו. אין שטעטעלע איז געבוירן געוואָרן דאָווידס פאָטער, רעפאָעל בערגעלסאָן. זײַנע עלטערן האָבן באוואָרנט, ער זאָל לערנען בא גוטע מעלאמדים. ער איז געווען פײַיק אין לערנען, געהאט א שארפן זיקאָרן און האָט פאַרגעדענקט אלץ, וואָס ער האָט געלערנט אין די קינדער־יאָרן. אז ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער זיך געקויפט א פערד מיט א בודקע און האָט אָנגעהויבן ארומפאָרן צו די ארומיקע פריצים און קויפן בא זיי קליינע דעליאנקעס וואלד. ער איז געוואקסן צווישן פעלדער, לאָנקעס און וועלדער און גוט געקענט די ארומיקע נאטור. ביז ער האָט געקויפט א דעליאנקע, האָט ער אויסגעקלאַפּט און אויסגעשמעקט יעדן בוים. אין יענע צײַטן האָבן אין די וועלדער געלעבט בלויז ווילדע כײַעס. דער זיידע רעפאָעל איז ארומגעגאן אין הויכע שטיוול און מיט געווער אין טאש. מײַן זיידע איז געווען א קלוגער. ער האָט זיך גוט פאנאנדערגעקליבן אין די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט געהאט צו טאָן.

ער איז געווען רעב דאָווידל דעם טאלנערס א כאָסיד, און יענער האָט אים אויסגעטיילט אין דער סוויווע פון זײַנע כסידים, אים דערנעענטערט צו זיך. איינמאָל, פרײַטיק פאַרנאכט, ווען דער זיידע איז געקומען מיט זײַן פערד און בודקע צום רעבן, איז די טיר געווען באַלאַגערט מיט מענטשן. מײַן זיידע האָט זיך גענומען דראַפּען דורכן פענצטער. וועגן דעם האָט מען געזאָגט דעם רעבן. דער רעבע האָט געענטפערט: „נישקאָשע, זאָל ער זיך דראַפּען, ער וועט זיך ארופדראַפּען". און פון דעמלט אָן זײַנען דעם זיידנס געשעפטן אוועק מאַזלדיק. אזוי פלעגט מען דערציילן בא אונדז אין שטוב. ווען אין שטוב פלעגט ווערן קראַנק א קינד, האָט מען געשיקט א רײַטער צום רעבן, ווײַל רעב דאָווידל איז געווען באהאוונט אין מעדיצין. דער רײַטער האָט געדאַרפט ברענגען די נייטיקע רעפועס.

מײַן זיידע האָט באקומען א נאָמען ווי א קלוגער און אן אָרנטלעכער מענטש. מע האָט אים געהאלטן פאַר א שווײַגער, נאָר זײַנס א וואָרט האָט מען דערמאָנט, ווען מע איז זיך צונויפגעפאָרן אין קיִעוו אַף קאָנטראַקטן:

— רעפאָעל בערגעלסאָן זאָגט אזוי: „ווען איז מיר שלעכט, ווען מיר איז גוט, איך ווייס, אז לאַנג וועט אזוי ניט געדויערן, נאָר ווען איז מיר גוט, ווען מיר איז שלעכט — איך לעב מיט ביטאָכן".

מע פלעגט זאָגן: „וואָס איז דער כילעק צווישן מיר און רעפאָעל בערגעלסאָנען? ער זאָגט פריִער דאָס, וואָס איך וואָלט געקאָנט זאָגן דערנאָך".

אַמאָל איז מײַן זיידע אין אָוונט ארומגעגאנגען בא זיך אין הויף. ער האָט דערהערט פון דרויסן א קלאַפּערײַ. ס'איז אים געוואָרן קלאָר, אז עמעצער האָט פון דרויסן דורכגעבראָכן די וואנט פון דער שטאַל און גאַנוועט האָלץ; דעמלט איז ער צוגעגאנגען נאָענט צו דער טיר פון שטאַל און געזאָגט אַף א קאָל: „כ'וואָלט דיר געראַטן: דאָס ביסל האָלץ, וואָס ליגט שוין אין דרויסן, זאָלסטו נעמען מיט זיך און אוועקפירן עס אהיים, ווײַל דער סטרוזש יאָאכים גייט ארום און ארום דער שטוב, און דו קאָנסט פאַרלירן דאָס ביסל האָלץ, וואָס ליגט שוין אין דרויסן". דערהערנדיק מײַן זיידנס אייצע, איז

דער גאַנעוו אַנטלאָפֿן, איבערלאָזנדיק דאָס האַלץ, וואָס איז שוין געלעגן אין דרויסן.

מײַן מאַמע האָט דערציילט, אַז דער זיידע פֿלעגט אויסטײַטשן אירע רייד אַזוי, אַז זי וואָלט זיך קיינמאָל אַליין ניט דערטראַכט דערצו.

ניט נאָר מײַן מאַמע, נאָר אויך דער שרײַבער דאָוויד בערגעלסאָן האָט פֿיל געיאָרשנט פֿון זײַן טאַטן.

ווען דאָוויד זאָל ניט געווען ווערן קיין שרײַבער, וואָלט ער געוואָרן אַן אַקטיאָר. מיכאָעלס האָט זייער הויך געשעצט דאָווידס אַקטיאָרישע פֿייִקײַטן. ווען דער מאָסקווער ייִדישער טעאַטער האָט גאַסטראָלירט אין בערלין, זײַנען דאָוויד און מיכאָעלס געווען אײַנגעלאַדן צו אַ באַקענטער פֿאַמיליע. די באַלעבאָסטע האָט געבעטן מיכאָעלסן זאָגן עפּעס אַזוינס, אַז עס זאָל ווערן פֿריילעכער אין שטוב. מיכאָעלס האָט איר געענטפֿערט: „לעבן מיר זיצט בערגעלסאָן, דאָס ערשטע וואָרט קומט אים".

דער אַקטיאָר אין דאָווידן

אין קאַלטע, גרויע ווינטערדיקע טעג, ווען דער אומעט פֿאַרקלײַבט זיך אין שטוב אונטערן שטרויענעם דאַך, זאָגט די מאַמע דעם שטובֿ־מיידל: „גיי, זאָג דאָווידן, אַז איך רוף אים". און דאָוויד קומט. עס ווערט מיטאַמאָל ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך פֿון שטוב, און עס קלינגט אונדזער פֿריילעך געלעכטער. צוערשט פֿאַרבינדן מיר אים די אויגן און ער כאַפּט אונדז. דערנאָך שפּילן מיר מיט אים „דו ווילסט אַ כאָסן", דאָוויד פֿאַרמאָגט אַ רײַכע מימיק, ער מאַכט פֿאַרשיידענע האַוועײַעס, דאָס פּנים ענדערט זיך בײַ אים, און עס איז שווער זיך ניט צו צעלאַכן, און אויב דו צעלאַכסט זיך, באַטײַט עס, אַז דו „ווילסט אַ כאָסן" — און דאָס איז אַ ביזאָיען. דאָוויד האָט ליב קאָפּירן פֿרומע פּענעמער, באַזונדערס פֿון ייִדענעס. אָט מאָלט ער אויס די גאַבעטע, וועלכע מע רופֿט „קאַקציכע". ער בייגט אײַן די קניעס, ווײַל די גאַבעטע איז אַ קליינוווּקסיקע, אויפֿן קאָפּ טוט ער אָן אַ שאַלעכל, ער רוקט זיך אויפֿן דיל צו יעדן באַזונדער, צו עלטערע און צו אונדז, קינדער, מיט אַ פֿרום פּאָנעם און זאָגט: „מע בעט אײַך אויפֿן באַדעקנס".

דאָוויד קאָפּירט ייִדן, וועלכע דאַוונען אין שול. ער שטעלט אַוועק פֿאַר זיך אַ בענקל, האַלט זיך מיט ביידע הענט פֿאַרן ווענטל, שאָקלט זיך און שעפּטשעט. אָט דאַוונט ער שטיל, אָט אויף אַ קול, נעמט כאַפּן גיך־גיך.

ער דאַוונט אַזוי קאָמיש, אַז מיר באַגלייטן זײַנע האַוועײַעס מיט אַ פֿריילעך געלעכטער.

איינמאָל איז ער געווען צוגאַסט בײַ זײַן עלטערן ברודער אין זוועניגאָראָדקע. ווען ער האָט זיך אומגעקערט, האָט ער דערציילט וועגן צוויי זיידעס. דער זוועניגאָראָדקער זיידע האָט ליב איבערכאַזערן: „בישט אַ מויוון". דאָוויד דערציילט, אַז ווען בײַם טיש קערט אַ קינד איבער אַ גלאָז טיי, אָדער עס פֿאַלט אַראָפּ בײַ אים אַ טעלער, שיפּעט דער זיידע: „בישט אַ מויוון, בישט אַ מויוון".

דער צווייטער זיידע, פֿון לעטיטשעוו, איז אַ קליין, גראָב ייִדל, מיט בלויע, גוטע קײַלעכדיקע אויגן, יענער שעפּעליאַוועט אויך: „קומט טשעגיין, קומט טשעגיין".

דאָווידס רעפּערטואַר איז אומויסשעפּלעך.

אָט דערציילט ער מיט אַ טרויעריק וויינענדיק קאָל, ווי אויף קייווער־אָוועס איז געקומען אַ ייִדענע. זי וויינט און רעדט צו איר מאַן: „דו האָסט ליב געהאַט קאַבאַק! האָב איך דיר געקאָכט קאַבאַק!"...

ווען די באָבע פֿלעגט שיקן איר פּלעמעניק, הערשל דעם קויהען, אָנקוקן אַ קאַלע פֿאַר דאָווידס דרײַ עלטערע ברידער, פֿלעגט זי אים אָנזאָגן: „זאָלסט ניט פֿאַרגעסן צו דערציילן, אַז בײַ מיר אין דער מישפּאָכע איז געווען אַ באַל־שעם". אונדז האָט דאָוויד איבערגעגעבן אירע ווערטער אַזוי: „הערשל, זאָלסט ניט פֿאַרגעסן זאָגן בײַ דער קאַלע: בײַ מיר אין דער מישפּאָכע איז געווען אַ באַל־שעם. ער האָט געהאַט לאַנגע האָר און זיי קיינמאָל ניט געשוירן. ער פֿלעגט זיי פֿאַרפֿלעכטן אין אַ צאָפּ. דער באַל־שעם האָט געהאַט אַ פּעסעלע מיט רענדלעך".

דאָוויד האָט שטאַרק ליב געהאַט די באָבע. זי האָט אים ציטעריק דערצויגן און מאַמעש געצאַפּלט איבער אים. זיי ביידע האָבן געוווינט אין בעסטן צימער פֿונעם הויז, דאָרטן איז געשטאַנען אַ גלעזערנע שאַפֿע, אַ פֿולע מיט גרויסע זילבערנע לײַכטער.

ער האָט שוין דעמלט געשריבן אויף העברעיִש.

מיר האָבן געהאַט מיט דאָווידן איין רעפּעטיטאָר, פֿײַנמאַן האָט ער געהייסן. פֿײַנמאַן האָט געטראָגן אַ סטודענטיש היטל און אַ פּעלערינע. ער איז געווען פֿונעם טיפּ „אייביקער סטודענט". אין אַכרימאָווע איז ער געווען אַ לערער, און אין מאָנאַסטערישטשע — זיבן ווערסט פֿון אונדז — האָט ער כויזעק געמאַכט פֿונעם לעבן אין אונדזער שטעטל. דאָוויד איז געווען אונטער זײַן ווירקונג. פֿײַנמאַן האָט געגרייט דאָווידן צום עקזאַמען אויף אַן „אַטעסטאַט זרעלאָסטי".

דער באָבעס טויט

פֿאַר אונדז איז עס געווען אַ גרויסער אומגליק. די באָבע איז שטאַרק קראַנק געוואָרן. מײַן מאַמע איז שוין עטלעכע טעג ניטאָ אין דער היים. זי איז טאָג און נאַכט לעבן דער באָבען. איינמאָל אינדערפֿרי איז די מאַמע שטיל אַרײַנגעגאַנגען אין צימער, צוגערופֿן אַלעמען צו זיך, אונדז אַרומגענומען און געזאָגט רויִק: „קינדערלעך, ניטאָ מער די באָבע".

שווײַגנדיק איז זי צוגעגאַנגען צו דער וועשאַפֿע, אַרויסגענומען אַ ווײַס זײַדן טיכל, אַרופֿגעוואָרפֿן עס אויף אירע בלאָנדע האָר, אָנגערוקט נידעריק אויפֿן שטערן ביז די ברעמען און

פאַרבונדן באַם האַלדז, פּונקט אַזוי, ווי אַמאָל די באָבע. אַ גאַנץ יאָר האָט זי דאָס טיכל ניט אַראָפּגענומען פונעם קאָפּ.

מיטאַמאָל איז געוואָרן טונקעלער אין שטוב און סמוטנע אַפּן האַרצן. מײַן מאַמע זינגט שוין מער ניט אירע האַרציקע לידער. אין שטוב באַ אונדז ברענען פּינצטערער די לאָמפּן, עס זײַנען צוגעדרייט די קנויטן.

דאַוויד לעבט שטאַרק איבער דעם טויט פון דער באָבען. אַלע טאָג גייט ער אַרײַן צו דער מאַמען אין צימער און קומט אַרויס פון דאָרטן מיט פאַרוויינטע אויגן. אונדז, קינדער, באַמערקט ער גאָרניט. ער לייענט אַ סאַך.

פײַנמאַן, פּונקט ווי פריִער, שפּעט אָפּ פונעם שטעטל, ער דערציילט, אַז אונטער דער וואַנט פונעם צימער, וווּ ער לעבט, וועקט אים אַלע פאַרטאָג אויף אַזאַ געשפּרעך: „סויבעלע, מײַן טאָכטער, שטעל דעם סאַמאָוואַר!" — „איך וויל ניט". — „סויבעלע, מײַן טאָכטער, שטעל דעם סאַמאָוואַר". — „איך וויל ניט". קרעכצנדיק, קריכט אַראָפּ די באַלעבאָסטע פונעם געלעגער, שטעלט אַליין דעם סאַמאָוואַר, און עס שיטן זיך קלאָלעס אויף סויבעלען: „פאַרברענט זאָלסטו ווערן. אין דער ערד זאָלסטו אַרײַן. אַ וויסטער, בייזער כאָלעם אויף דײַן קאָפּ".

אין שטעטל איז מען אים ניט מויכל זײַנע לייצאָנעס. אַמאָל אין אָוונט קומט צו אונדז הערשל דער קויהען און דערציילט מיט געלעכטער: „איך גיי צו אײַך. ניט ווײַט פון אײַער שטוב קומט מיר אַנטקעגן פײַנמאַן אין זײַן פּעלערינע, נאָר פאַרוואָס איז פײַנמאַן מיטאַמאָל אַזוי גראָב געוואָרן? פּלוצעם שפּרינגט אַרויס פון אונטער זײַן פּעלערינע מיט געלעכטער און מיט אַ קוויטשערײַ טאָדאָסקע — דאָס דינסט־מיידל".

דאַוויד האָט אָנגעהויבן פאַרפאַלן ווערן אין די אָוונטן, אָפּט קומט ער ניט אַהיים בעכטיקן. ווען די אייגענע פרעגן באַ אים, וווּ ער ווערט פאַרפאַלן, זאָגט ער, ער גייט קיין מאָנאַסטערישטשע צו זײַן שוועסטערקינד באַריסן, וועלכער איז געוואָרן אַן איידעם באַ די פאַרכאָמאָווסקיס. אײַנדערעמעסן איז דאָס געווען ניט אַזוי. פײַנמאַן האָט דאַווידן אויסגעפירט אין מאָנאַסטערישטשע אין אַ שטוב, וועלכע מע האָט געהאַלטן פאַר אַ פרײַער שטוב.

דאָרט פלעגט זיך צונויפנעמען די פּאָרגעשריטענע אינטעליגענץ פון שטעטל, מע האָט געלייענט און פאַנאַנדערגעקליבן ביכער. אין מאָנאַסטערישטשע האָט מען געזאָגט, אַז עס וואַקסן דאָרט מיידלעך, וואָס האָבן ניט קיין נאַדן און זייער פאָטער וויל זיי כאַסענע מאַכן. אין איינער פון זיי איז געווען פאַרליבט פײַנמאַן, אויך דאַוויד איז אין איר געווען פאַרליבט. אַמאָל האָט באַריס דערציילט מײַן מאַמען, אַז דאַוויד האָט אים פאַרטרויט, אַז ער האָט באַשטימט איניגיכן כאַסענע האָבן.

די ידיִעה, וואָס באַריס האָט געבראַכט, האָט איבעראַשט די מישפּאָכע. מע האָט געשמועסט מיט דאָווידן, אים געזאָגט: „קיין בילדונג האָסטו ניט, פאַרדינען קענסטו ניט, דו ווילסט שרײַבן! איז וויאַזוי וועט איר לעבן? פאָר אַוועק קיין קיִעוו צו יאַנקלען. דאָרט וועסטו האַלטן עקזאַמענעס אַף אַן „אַטעסטאַט זרעלאָסטי" און זיך לערנען אַף אַ ציין־דאָקטער. נאָכדעם וועסטו קענען כאַסענע האָבן". דאָווידן, וועלכער האָט געהאַסט דאָס קליינלעכע און געוויינלעכע לעבן, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, איז מאַסקים געווען פאָרן קיין קיִעוו צו זײַן עלטערן ברודער, צו דעם פעטער יאַנקל.

אין קיִעוו, אַף פאָדאָל, האָט געוווינט די צעצווײַגטע מישפּאָכע פון ב. א. וואַרשאַווסקי. איינע פון זײַנע טעכטער, די מומע לייקע, איז געווען דעם פעטער יאַנקלס פרוי. די צווייטע פון די שוועסטער, כאַנע, איז געווען ייִסראָעל מײַזילס פרוי. באַ איר זײַנען געוואַקסן זין און טעכטער. אירע זין נאָכמען, יאַנקל און יעכיעל האָבן זיך באַפרײַנדעט מיט דאָווידן. נאָכמען און דאָוויד זײַנען געוואָרן נאָענטע כאַווײרים. אַף לאַנגע יאָרן. יעדער נײַע שורע האָט דאָוויד געלייענט פאַר די ברידער. אין שטוב באַ די מײַזילס האָט מירעלע געלעבט, ווי אַ רעאַלער, לעבעדיקער מענטש.

דאָוויד האָט זײַן ווערק „אַרום וואָקזאַל" געשריבן פריִער אַף העברעיִש. דאָרט האָט ער אָפּסנײַ געשריבן דאָס ווערק אַף ייִדיש. ער פאָרט אַוועק מיט נאָכמענען קיין וואַרשע און גיט אַרויס „אַרום וואָקזאַל" אַף זײַן אייגענעם כעזשבן.

דער פּראָטאָטיפּ פון „אַרום וואָקזאַל"

באַלד נאָך דעם, ווי דאָוויד איז אַוועקגעפאָרן קיין קיִעוו, האָט קלאַרע בורשטיין כאַסענע געהאַט. איר מאַן איז געווען אַ רײַכער מילנער. זי האָט געוווינט ניט ווײַט פון דער שטאָט זווענעגאָראָדקע.

גיטל, איינע פון דאָווידס פּלעמעניצעס, האָט כאַסענע. מיר שיקן אַוועק דאָווידן קיין קיִעוו אַ טעלעגראַמע:

„מיטוואָך איז די כאַסענע, קום צו פאָרן".
די טעלעגראַמע האָבן מיר אונטערגעכאַסמעט: „דײַנע פּלעמעניצעס".

גיטל איז דער מומע ציפּעס טאָכטער. און די מומע ציפּע איז מײַן מאַמעס אַ שטיפשוועסטער — אַ טאָכטער פונעם זיידנס ערשטער פאַרשטאָרבענער פרוי. ס'איז אַ שאָ פאַר דער כופּע. מיר, קינדער, זײַנען אָנגעטאָן אין ווײַסע זײַדענע קליידעלעך, מיט ווײַסע סטענגעס אין די האָר. די קאַלע גיטל איז פון קאָפּ ביז די פיס געקליידט אין ווײַסן. איר טיולענע פאַטאַ, אַן אַרופגעוואָרפענע אַפּן קלייד, איז אַפּן קאָפּ באַפּוצט מיט אַ קראַנץ קווייטן. גיטל איז בלאַס און גרין. זי פאַסט, זי בעט, אַז גאָט זאָל איר באַשערן אַ גוט און מאַזלדיק לעבן.

מיר מיינען, אַז דאָוויד האָט אונדז פאַרגעסן און וועט געוויס ניט קומען אַף דער כאַסענע. מיר ווייסן, אַז ער איז פאַרנומען. פּלוצעם דערהערן

מיר א ראַשיק קלינגערײַ פון גלעקלעך. דער באַלע־
גאָלע שטעלט אָפּ די פערד בײַ אונדזער גאַנעק.
פון דער בריטשקע שפּרינגט אַראָפּ דאָוויד, א
פריילעכער, א גליקלעכער. מיר, זײַנע זעקס
פּלעמעניצעס, האָבן שוין באַוויזן צולויפן צו
דער בריטשקע. ער נעמט אונדז אַרום, צעקושט
זיך מיט אַלעמען.

— אײַער טעלעגראַמע האָט פאַרשפּעטיקט.
מיט גרויס מי געקראָגן א בילעט.

מיר גייען מיט דאָווידן צו דער קאַלע. ווען
ער דערוויסט זיך, אז גיטל פאַסט, נעמט ער
פּאָדערן, זי זאָל אויסטרינקען א גלאָז טיי. דעם
באַדכן, וועלכער האָט שוין געוואַרט אין
פּאָדערשטן צימער, בעט ער איידל גיין אַהיים.
מע גייט צו דער כופּע. ס'איז שוין פאַרנאַכט־
לעך. אייניקע טראָגן אין די הענט אָנגעצונ־
דענע ליכט. איך גיי מיט דאָווידן די לעצטע.
ווען מיר זײַנען צוגעגאַנגען צום בעסמעדרעש,
ווו מע האָט אַרויסגעטראָגן די כופּע אויף פיר
שטעקנס, זײַנען מיר מיט דאָווידן געשטאַנען די
ערשטע און אײַנצווייען געהאַלטן איין שטעקן
פון דער כופּע אין די הענט.

גיטל האָט א בלאַסע זיך געדרייט אונטער
דער כופּע מיט איר א פרעמדן מאַנצבל. אַלעמאָל,
ווען זי פּלעגט זיך דערנעענטערן צו אונדז,
האָט דאָוויד מיט א פריילעכער מינע אויפן פּאָ־
נעם זי א צופּ געטאָן פאַרן אַרבל. אויפן צווייטן
טאָג האָט גיטל דערציילט, אז ווען דאָוויד האָט
פריילעך געווונקען צו איר, האָט זיך איר גע־
וואָלט לאַכן.

נאָך דער כופּע האָב איך באַמערקט, אז
דאָוויד איז ניט געסטײַעט. אומזיסט האָבן
מיר — אי קינדער, אי עלטערע — אים גע־
זוכט. דאָוויד איז אָף דער כאַסענע ניט געווען.
דערפאַר, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אין
שאַלאַש, וועלכער איז געווען ספּעציעל אויס־
געבויט פאַר דער כאַסענע, האָב איך דערזען
קלאַרע בורשטיין. געהערט האָב איך פון איר
א סך, נאָר געזען האָב איך זי איין־איינציק
מאָל. זי האָט רויִק אַרומגעשפּאַנט פון איין עק
שאַלאַש אין צווייטן. א מיטלוווּקסיקע, אַן איי־
דעלע, אַרום איר קיינעוודיק מאַטעווע פּאָנעם
האָבן זיך געקרײַזלט ווייכע, קאַשטאַנעווע האָר.
געקליידט איז זי געווען אומגעוויינלעך. אָף איר
שטרענג ליכטיק־גרוי קלייד זײַנען געווען צו־
געשפּיליעט לעבעדיקע בלומען. א לעבעדיקע
בלום האָט אויך באַצירט אירע האָר. זי האָט
אַרומגעשפּאַנט, ווי עס האָט אויסגעזען, רויִק.
זי האָט געוואַרט אָף דאָווידן, וועלכער האָט
איר, ווײַזט אויס, מודיע געווען, אז ער וועט
זײַן אָף דער כאַסענע. דערזעענדיק קלאַרע בור־
שטיין, האָבן די אייגענע ניט אויסבאַהאַלטן
זייער אומצופרידנקייט מיטן ניט־געבעטענעם
גאַסט. מע האָט געשמועסט צווישן זיך אָף א
קאָל: „ווער האָט זי גערופן?.. געקומען א ניט־
געבעטענע!".

מיטאַמאָל האָט זי ניט געסטײַעט. איך האָב
זי געזוכט. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז
זי איז נעלעם געוואָרן צוזאַמען מיט דאָווידן.

די גאַנצע נאַכט פון דער כאַסענע און דעם
צווייטן טאָג האָבן מיר דאָווידן ניט געזען. ער
איז געקומען פאַרנאַכט און געשענקט גיטלען
דראַשע־געשאַנק זײַן בוך „אַרום וואָקזאַל",
וועלכער איז ערשט אַרויס פון דרוק. דער
אײַנבונד איז געווען א העל־בלויער. מיט גאָל־
דענע אויסיעס איז געווען אָנגעשריבן: דאָוויד
בערגעלסאָן. אַרום וואָקזאַל.

דאָוויד איז געווען מיט אונדז ניט לאַנג.
פאַרנאַכט, ווען ער איז געקומען, האָט אים
שוין געוואַרט א באַלעגאָלע. ער האָט געאײַלט
צום צוג. אים האָט עקסטרע אַרויסגערופן קלעצ־
קין קיין ווילנע. דאָוויד האָט דעמאָלט געפירט
מיט זיך צוויי טשעמאָדאַנעס. אין אײַלעניש האָט
ער איינעם איבערגעלאָזט בײַ אונדז. די מאַמע
האָט אין א בריוו זיך נאָכגעפרעגט, וואָס זאָל
זי טאָן מיט זײַן טשעמאָדאַן. דאָוויד האָט גע־
ענטפערט, אז דאָרט ליגן פּאַפּירן, וועלכע ער
דאַרף שוין איצטער ניט האָבן, זאָל זי זיי
פאַרברענען און דעם טשעמאָדאַן נעמען זיך.

איך האָב פאַנאַנדערגעקליבן די קסאָווים,
וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען. דאָס זײַנען
געווען זײַטלעך, אָנגעשריבענע אין ייִדיש מיט
דאָווידס קסאַוו. איך האָב זיי ניט געקענט
לייענען, ווײַל קיין ייִדיש האָב איך דעמאָלט
ניט געקענט. אָבער צוויי בריוו, אָנגעשריבענע
אין רוסיש, האָב איך זיך גענומען. איינע פון
די בריוו, א צוגעשיקטע פון זווענעגאָראָדקע צו
דאָווידן קיין קיִעוו, איז געווען פון קלאַרע בור־
שטיין. די צווייטע — דאָווידס א בריוו צו
קלאַרען.

ווען דאָוויד איז דעם צווייטן זומער געקומען
צו אונדז קיין אַכרימאָווע, האָב איך אים גע־
פרעגט:

— דאָוויד, פאַרוואָס האָסטו ניט אָפּגעשיקט
דײַן בריוו, וועלכע דו האָסט אָנגעשריבן?

ער האָט געענטפערט:

— ווײַל זי איז אײַנגיכן געקומען אַליין צו
פאָרן צו מיר קיין קיִעוו.

מײַנע „לירישע העפטן" האָב איך געלייענט
אייניקע כאַווײרים, וועלכע האָבן אין יענער
צײַט זיך געטראָפן מיט דאָווידן. איך האָב זיך
נאָכגעפרעגט בײַ איטע פּאַפּערנע, בײַ נאַכמענס
שוועסטער, און יעכיעל מײַזיל, נאַכמענס ברו־
דער, צי האָב איך ניט קיין טאָעסן. יעכיעל איז
שוין געווען דעמאָלט זייער קראַנק, נאָר ער האָט
גוט געדענקט די געשעעניש פון יענער צײַט.

— זי האָט געהאַט א שיינע נעשאָמע, —
האָט ער געזאָגט. — ווען זי איז געקומען קיין
קיִעוו צו דאָווידן, האָבן מיר אַלע דרײַ —
נאַכמען, יאַנקל און איך — זיך פאַרליבט אין
איר. מיר זײַנען אַלע אײַנעם געגאַנגען אין
פאַרשיידענע טעאַטערן, צוזאַמען געווען אין
א באַלאַגאַן, ווו עס איז אַרויסגעטראָטן א ליאַל־
קע. די ליאַלקע האָט זייער שיין געטאַנצט. נאָך
פאַרן סאָף האָט די ליאַלקע גענומען גוואַלדע־
ווען: „איך וויל ניט זײַן אין דער קליעטקע, איך
וויל ניט זײַן אין דער קליעטקע". ווען קלאַרע
בורשטיין איז געפאָרן קיין זווענעגאָראָד, זײַנען

מיט דאָווידן געקומען אפּן וואָקזאַל אלע דרײַ ברידער מײַזיל. דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן, קלאַרע איז געשטאַנען באַם אָפענעם פענצטער פון וואַגאָן, פּלוצעם האָט זי גיך און אופגערעגט אָנגעהויבן איבערכאַזערן: „איך וויל ניט זײַן אין דער קליעטקע!" — אף יעכ׳עלס קרענקלעך פּאָנעם האָט זיך באַוויזן א ליכטיקער שמייכל. ער האָט איבערגעכאַזערט: — א שיינע נעשאָמע, זי האָט געהאַט א שיינע נעשאָמע.

קנייטש ניט דעם שטערן

דאָוויד ווױנט אף פּאָדאָל, נאָר צו אונדז אף קליין־וואַסילקאָווסקע קומט ער ארײַן אָפט. נאָך דעם, ווי ער באַפרײַט זיך פון זײַנע איניאָנים אין קולטור־ליגע, קומט ער צו אונדז זיך אָפּרוען. אונדז רופט ער „די דרײַ שוועסטער", האָבנדיק אין זינען טשעכאָוון. מיר באַלייגן אים אף דער קאַנאַפּע און זעצן זיך לעבן אים, און ער דערציילט.

ער דערציילט וועגן דעם, וואָס אים איז ליב. אַנומלטן האָט ער מיר געשענקט א קלייניקגעל ביכעלע „וויקטאָר׳יאַ". דאָוויד איז פאַרליבט אין האַמסונען און אין זײַן וויקטאָריע.

מיר האָט דערציילט איטע מײַזיל, נאָכמענס שוועסטער, אז וויקטאָריע האָט געלעבט באַ זיי אין שטוב, ווי א לעבעדיקער מענטש, איר אָרט האָט אין שטוב שפּעטער פאַרנומען מירעלע. ניט איין מאָל האָט מען געקאָנט הערן: „מירעלע האָט געזאָגט"... פּלוצעם ווענדט זיך דאָוויד צו מיר: „דווירעלע, פאַרוואָס קנייטשסטו דעם שטערן? דו וועסט האָבן פּר׳יע קנייטשן". איך ענטפער אים: „איך האָב דיר אָנגעגאָסן טיי און ווייס ניט, וואָס פאַר אן אײַנגעמאַכטס דו האָסט ליב, פון טריסקאַווקעס צי פון פערשקעס?"

טיפע קנייטשן האָבן אין מעשעך פון לאַנגע יאָרן צעאַקערט מײַן פּאָנעם. אָבער דער צימער אין ק׳יעוו, מיר אַלע דרײַ שוועסטער אַרום דאָווידן, שטייט פאַר די אויגן, ווי עס וואָלט ערשט געשען.

„באַם דניעפּער"

אין זײַן ווערק „באַם דניעפּער" האָט בערגעלסאָן אויסגענוצט אייניקע ביאָגראַפישע מאָמענטן. די, וואָס מיינען, אז „באַם דניעפּער" איז בערגעלסאָנס ביאָגראַפיע, האָבן א גרויסן טאָעס. דאָוויד האָט צאַרט ליב געהאַט זײַן מישפּאָכע, באַזונדערס די באָבע.

דאָוויד האָט געהאַסט דאָס קליינלעכע, דאָס געווײנלעכע, ער האָט געהאַסט די זאַטע, צופרידענע מיט זיך מענטשן, ער פלעגט איבערכאַזערן: „זיי מאַכן פון אלץ א זשאַרקאָיע". ער האָט, ווי טשעכאָוו, געבענקט נאָך א שיינעם מענטשן, א שיינער נעשאָמע, א שיינעם טאַט, דערפאַר האָט ער טאַקע אַזוי ליב געהאַט די ווערק פון פערעצן, האַמסונען און טשעכאָוון.

דאָס טיפע פילן פון דער נאַטור האָט ער באַקומען אלס יערושע פון זײַן טאַטן רעפאָעל בערגעלסאָן. קומענדיק פון זײַן רײַזע איבער אמעריקע, האָט דאָוויד דערציילט:

„מאַשינעס יאָגן, מענטשן לויפן, און ס׳דאַכט זיך, די ערד אונטער דײַנע פיס יאָגט אויך פאָרויס. איך האָב זיך צוגעטוליעט צו א סטויפּ און האָב געטראַכט: „גאָטעניו, ברענג מיך אַהיים!"

ווען שרײַבער זײַנען געלאָפן פון היטלערן פון בערלין, האָט שאָלעם אש פאָרגעלייגט דאָווידן, ער זאָל פאָרן צוזאַמען מיט אים קיין אמעריקע. דאָוויד האָט אים געענטפערט: „יעדער בוים דאַרף האָבן דאָס שטיקעלע ערד, וואָס האָט זײַנע וואָרצלען מיט זאַפטן גענערט און געפּאָיעט".

איך געדענק אן אָוונט אין ק׳יעוו, ווען דאָוויד איז דאָס ערשטע מאָל געקומען פון אויסלאַנד. דער זאַל איז געווען איבערגעפּולט. מענטשן זײַנען געשטאַנען באַ די ארײַנגאַנגס־טירן און די דורכגאַנגען צווישן די בענק. דאָווידס ארויסטרעטונג האָט מען אויסגעהערט שטייענדיק. איך האָב פאַרגעדענקט עטלעכע ווערטער פון זײַן ארויסטרעטונג:

„איך שטיי אפּן וואָקזאַל. עס גייען אַהין און צוריק צוגן. צוגן פרעמדע. נאָר אָט האָט זיך באַוויזן א באַקאַנטער צוג. איך לאָז זיך לויפן, איך שפּרינג ארויף אין לעצטן וואַגאָן, און אָט בין איך מיט אײַך!".

מיט אַפּלאָדיסמענטן און פריידיקע אויסגעשרייען האָט דער אוילעם געענטפערט זייער באַליבטן שרײַבער אף די דאָזיקע ווערטער.

הערש רעמעניק

דער דיכטער פון זיג

(צום 75טן געבורנטאָג פון איציק פעפער)

מיר זײַנען געקומען, ווי זיגער...
איציק פעפער

קימאַט אַלע ייִדישע שרײַבער פון דער ביז־רעוואָלוציאָנערער צײַט האָבן באַגעגנט די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע מיט פרייד, זיי האָבן אָנערקענט איר געזעצמעסיקײַט און איר גערעכטיקײַט. דערבײַ האָבן זיי אָבער ניט אויסגעמיטן אידייִשע ווידערשפּרוכן און וואַקלונגען אין באַשטימטע מאָמענטן פון זייער שעפערישער אַנטוויקלונג. אין די צוואַנציקער יאָרן האָבן די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער געזוכט און געפונען דעם וועג צו דער רעוואָליוציע — ווער פריִער, ווער שפּעטער, ווער גרינגער, ווער שווערער. דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער פאַרגאַנגענהייט, דער האַרבער אידעאָלאָגישער און פּאָליטישער קאַמף, די שאַרפע קערן אין פאַרשיידענע פּעריאָדן פון דער רעוואָליוציע, די קאָמפּליצירטע סאָציאַלע סיטואַציע אין די נעפּ־באַדינגונגען — דאָס אַלץ האָט געצווּנגען ערנסט זיך צו פאַרטראַכטן ניט איין שרײַבער.

איצט, ווען מע באַטראַכט פון אַ ווײַטן היסטאָרישן מעהאַלעך יענע צײַט, קאָן מען זיכער זאָגן, אַז איציק פעפער איז געווען צווישן די געציילטע דיכטער, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט זייער שעפערישן וועג אָן אידייִשע בלאָנדזשענישן און ספּייקעס.

פאַר דעם דיכטער פון דער רעוואָליוציע זײַנען גאַנץ כאַראַקטעריסטיש פאָלגנדע שורעס פון זײַנער אַ פריִער ליד:

איך האָב קיינמאָל ניט געבלאָנדזשעט
אין מײַן קורצן שמייכלענדיקן לעבן.

באַ פעפערן רופט די פאַרגאַנגענהײַט אַרויס בלויז אַ גוטמוטיקן שמייכל. ער פילט זיך ווי אַ זיגער איבער דער אַלטער וועלט. אין דער זעלבער צײַט איז זײַן ליד קיינמאָל ניט אַבסטראַקט, קיינמאָל ניט רעטאָריש. זי איז שטענדיק ליריש און ראָמאַנטיש. ליריזם און ראָמאַנטיזם אין פעפערס פּאָעזיע זײַנען אַ גאַראַנטיע קעגן סכעמאַטישקײַט.

אין פעפערס דיכטונג פילט זיך דער פּאַטאָס פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף. די עמאָציאָנאַלקײַט פון זײַן דיכטונג איז פאַרבונדן מיט סאָציאַלע צוזאַמענשטויסן, מיט טראַגישע און דראַמאַטישע קאָנפליקטן.

דער קאַמף פאַר דער רעוואָליוציע איז פאַרבונדן מיט שווערקײַטן, מיט פאַרלוסטן, מיט קאָרבאָנעס. דאָס אַלץ איז פאַרקערפּערט אינעם דראַמאַטיזם פון פעפערס דיכטונג, אין איר מוטיקן געקלאַנג.

שרעקלאָזער עמעס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פעפערן, ווען ער זינגט וועגן שלאַכטן און רויִנעס, וועגן קאַמף פאַר דער רעוואָליוציע: „מע וועט ברענגען ברויט, וועט מען עסן, ניט ברענגען, עסן מיר ניט. מיר האָבן שוין שלאָפן פאַרגעסן, מיר האָבן פאַרגעסן זײַן מיד. אונדזער ערד איז אַ פרישע און ווייצענע, אונדזער הימל איז רויִכיק און העל, האַנט צו האַנט און פּלייצע צו פּלייצע, פוס צו פוס און שינעל צו שינעל".

אַלץ איז, דאַכט זיך, פּראָסט און וואָכעדיק, אָן קיין שום הויכע ווערטער. עס גייט אַ רייד ניט וועגן העלדישקײַט, נאָר וועגן אַ פּיסנע שטיקל ברויט, וועגן שלאָף, וועגן מידקײַט. פעפערס רעוואָליוציאָנערער פּאַטאָס און רעוואָליוציאָנערער ראָמאַנטיזם זײַנען אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט דעם רעאַלן לעבנס־אײַנהאַלט, מיט דער רײַכקײַט פון אָט די לעבנס־דעטאַלן. אָבער אין די פּראָסטע רייד וועגן ברויט, וועגן שלאָף, וועגן מידקײַט, וועגן שלאַכטלײַט, וואָס קעמפן קעגן סוינע „האַנט צו האַנט און פּלייצע צו פּלייצע, פוס צו פוס און שינעל צו שינעל", איז די באַדײַטנדיקײַט און די גרויס־

קײַט פֿונעם פּראָסטן מענטשן, דעם שעפֿער פֿון דער רעוואָלוציע.

א פּאָעט א פּאַטריאָט, א פּאָעט א קאָמוניסט, האָט פּעפער געקוקט אף זיך ווי אף א פֿולבאַרעכטיקטן זון פֿון דער פֿילנאַציאָנאַלער מישפּאָכע. דאָס גאַנצע לאַנד, די גאַנצע וועלט, די ערד און דער הימל — דאָס אַלץ איז זײַנס, איבער דעם אַלעמען איז ער, דער פּאָעט, באַלעבאָס. דאָס אַלץ האָט אים געגעבן די רעוואָלוציע, דאָס אַלץ האָט ער דעראָבערט מיט זײַן בלוט, און דאָס באַזינגט ער. דאָס סאָוועטישע לאַנד איז זײַן היים אין מי און אין שלאַכט, די ברייטן און לענגען פֿונעם גרויסן לאַנד ווידמעט ער זײַן פֿלאַמיקע ליד: „סיביר, אוראַל, קאַלוגע און טריפּאָליע...‟, אין וועלכער ער דערקלערט, אז ער איז „דער הייסטער מיט דער שווערד אין יונגע שלאַכטן, דער הייסטער מיטן האַמער אין פֿאַבריק‟.

ווי אַנדערע ייִדישע פּאָעטן, האָט פּעפער א סאַך געשריבן וועגן בירגערקריג און וועגן אַזעלכע טראַגישע געשעענישן פֿון יענע יאָרן, ווי פּאָגראָמען. נאָר גראָד בא פּעפערן זעט מען מער בוילעט, ווי בא אַנדערע, אַז די דאָזיקע טעמע, וואָס איז אין א באַשטימטן זין געווען א נאַציאָנאַלע, איז אידייִש פֿאַרקערפּערט ווי אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פֿונעם גאַנצן קאָמפּלעקס פּראָבלעמען פֿון דער רעוואָלוציע.

אין די פּאָעמעס „יאַטן‟ (1925), „עליעס טויט‟ (1925) שילדערט פּעפער דאָס ייִדישע שטעטל אין די יאָרן פֿון בירגערקריג. די העלדן פֿון אָט די פּאָעמעס זײַנען אַקטיווע שלאַכטלײַט, וועלכע שטעלן דערפֿאָלגרײַך א ווידערשטאַנד די ווײַסגוואַרדייִשע און נאַציאָנאַליסטישע באַנדעס. אין דער פּאָעמע „יאָסל שינדער‟ (1925) זײַנען געוויזן קאָשמאַרן און שוידערן פֿון די פּאָגראָמען. אָבער דער דיכטער באַזינגט די דרייסטע יאַטן, וועלכע באַגעגענען די מערדער מיט געווער אין האַנט. יאָסל שינדער — דער הויפּט־העלד פֿון דער פּאָעמע — גייט אין שלאַכט. אָט דער ייִדישער שטעטלדיקער באָכער איז א סאָלדאַט פֿון דער רעוואָלוציע. אזא איז אויך דער העלד פֿון דער פּאָעמע „עליעס טויט‟.

פּעפער פֿאַרקערפּערט אין זײַן שאַפֿן יענעם איבערבראָך, וואָס די רעוואָלוציע האָט געשאַפֿן אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון די מאַסן. די מעכטיקע קראַפֿט פֿון די געזונטע באָכערים האָט זיך טראַנספֿאָרמירט אין אַן אָרגאַניזירטער, דיסציפּלינירטער און באַוווסטזיניקער קראַפֿט פֿון דער רעוואָלוציע. און אויב אין די פּאָעמעס „יאָסל שינדער‟ און „עליעס טויט‟ איז די דאָזיקע פּראָבלעם בלויז געשטעלט, איז זי אין דער פּאָעמע „יאַטן‟ (1925) קינסטלעריש געלייזט. דאָ דערגרייכט דער דיכטער א הויכע שטופֿע פֿון מײַסטערשאַפֿט; דער מאַסן־פּאָרטרעט איז אָנגעמאָלט בוילעט, די מאַסן־האַנדלונג איז געוויזן אין דער דינאַמיק. מיר פֿילן דעם טראָט פֿון די פֿאָלקסמאַסן, און אויך די אָרגאַניזירנדיקע קראַפֿט פֿון דער פּאַרטיי, וואָס פֿירט אָן מיט די דאָזיקע מאַסן, באַגײַסטערט זיי צו העלדישע אופֿטוען.

איציק פּעפֿערס גרעסטער פֿאַרדינסט פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור איז געווען און פֿאַרבלײַבט די הויך־קינסטלערישע פֿאַרקערפּערונג פֿון די רעוואָלוציאָנערע יאָרן פֿון בירגערקריג. ער האָט דער ערשטער געבראַכט אין דער ייִדישער דיכטונג דעם הייסן אָטעם פֿון שלאַכטן, די אינערלעכע און אויסערלעכע אַקסעסואַרן, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט פֿראָנטן, מיט אַטאַקעס, מיט קנאַלן, הודען און רויִשן פֿון מיליטערישע פֿעלד־געשלעגן. אין זײַן ליד איז דאָס שיסן געווען אי רעאַל, אי סימבאָליש. עס האָט געהאַט אי דעם געוויינלעכן באַטײַט פֿון פֿיזישער פֿאַרניכטונג, אי דעם מער ווי געוויינלעכן באַטײַט פֿון שיסן און צעשיסן א וועלט, וואָס דאַרף אומקומען. דעריבער קלינגען אָרגאַניש באַם דיכטער אַזעלכע שורעס, לעמאָשל:

אף פֿעלדער, מיט מענטשן באַוואַקסן,
ליג איך און שיס...

א רעאַליסטיש בילד פֿון א שלאַכט. און באַנאַנד דערמיט:

נאָר אונדז,
נאָר באַרוועס־גרויע קינדער
דאָס נעכטיקע צעשיסן איז באַשערט.

דאָס שיסן אין פֿעלד און דאָס צעשיסן דאָס נעכטיקע איז אַן אײנהײַטלעכער אָרגאַנישער

מאָטיוו בא דעם דיכטער דעם זיגער, וואָס גייט אין שלאַכט, ווי אַף ארבעט און בויונג.

אין דער ערשטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען פעפער האָט געשטעלט זײַנע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור, האָט זײַן דיכטונג אָפּגעקלונגען, ווי א שאָס. זײַן קלאָר געזאַנג און זײַן פרישע שטים איז געווען אַן איבעראַשונג. אין פעפערס ליד איז די נײַקײַט געווען אזוי געוויינלעך, אזוי נאַטירלעך, אז זי האָט אויסגעזען און איז אופגענומען געוואָרן קימאַט ווי די נײַקײַט פון שאָלעם-אַלייכעמען, די „פערד און רײַטער", דער „גרויער שינעל", די „צעשאָסענע טעג", דער „צעשאָסענער צוג", דער „בלוילעכער נאגאַן" — דאָס אַלץ איז געווען א נײַ וואָרט פון א נײַעם טיפּ דיכטער פון דער רעוואָליוציע, א נײַעם טיפּ קינסטלער פון די רעוואָליוציאָנערע פאָלקסמאַסן.

צום אָנהייב האָט פעפער באַזונגען דעם קאָלעקטיוו, די יאַטן, די „בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס פון דערפל און פון שטעטל". זײַנע ערשטע פּאָעמעס זײַנען טיפּישע פּאָעטישע שאַפונגען פון רעוואָליוציאָנערן ראָמאַנטיזם, וועלכע פאַרקערפּערן ניט אזוי דעם העלד, ווי די העלדישקײַט, דעם רעוואָליוציאָנערן קלאַל. דאָס איז א דערהויבענער געזאַנג וועגן דערהויבענעם און שיינעם לעבן. און דאָס דערהויבענע איז זײַן, דעם דיכטערס, אייגן לעבן, זײַן אייגענער קאַמף, וואָס גיסט זיך צונויף מיטן קאַמף פונעם פאָלק. עס איז דערײַבער אין פעפערס דיכטונג פאַראַן אויך דאָס יעכידישע, די שטריכן פון אַן אינדיווידואַליזירט געשטאַלט.

פעפער האָט ניט געמאָלט קיין ברייטע פּאָעטישע לײַוונטן. ער איז געווען א טיפּישער ליריקער, וועלכער האָט ניט געקאָנט ניט רעאַגירן אַף די דערשײַנונגען פונעם ארומיקן לעבן. זײַן ליריק איז ניט געווען באַגרענעצט מיט קיין שמאָלע שטייגער-טעמעס, אין איר איז פאַראַן די וואָגיקײַט און די באַדײַטנדיקײַט פון דער היסטאָרישער עפּאָכע, די גרויסע און קאָמפּליצירטע פּראָבלעמאַטיק פון דער צײַט, איר דראַמאַטיק און טראַגיק.

איציק פעפער, אלס נײַער טיפּ שרײַבער, צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס זײַן שאַפן איז געווען אָנגעצילט אַף די סאַמע אַקטועלע פראַגן פונעם לעבן. דער בירגערקריג, וואָס איז נאָך לאַנג געווען א שטענדיקע טעמע פון זײַן פּאָעזיע, ווי פון דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור, האָט אָבער פאַר אים ניט פאַרשטעלט די נײַע סאָציאַלע פּראָצעסן און דערשײַנונגען אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן. „מײַן לאָזונג: ניט גערוט, ס'איז יעדער קער א טעמע" — אזוי האָט פעפער פאָרמולירט זײַן צוגאַנג צו דער קונסט אלס אָפּשפּיגלונג פון לעבן. אין דעם איז געווען זײַן קראַפט, אָבער אויך אין א באַשטימטן זין זײַן שוואַכקײַט.

די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן זײַנען געווען יאָרן פון שטורמישער אַנטוויקלונג אין לאַנד, ווען אַלץ האָט זיך געענדערט מיט קאָלאָסאַלער גיכקײַט. פעפער האָט דער ערשטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור דערזען די „בלייִענדיקע מיסטן", דעם נײַעם שטייגער אין שטעטל, די איבערקרייצונג פון אַלטן און נײַעם אין די נעפּ-באַדינגונגען. דער דיכטער זעט דעם אופבלי פונעם נײַעם שטייגער אַף די רויִנען פונעם אַלטן לעבן. דאָס נײַע שטויסט ארויס דעם אַלטן סיידער, די אַנאַרכיע און דעם קאָנסערוואַטיזם פון אַמאָל.

די אינדוסטריאַליזאַציע אינעם ערשטן פינפיאָר האָט פאַרכאַפּט דעם דיכטער מיט איר גרויסאַרטיקע מאַסשטאַבן, זיי האָבן פאַרברייטערט זײַנע שעפערישע האָריזאָנטן. ער איז אוועק אהין, וווּ עס זײַנען שוין געווען זײַנע העלדן, די געזונטע שטעטלדיקע יונגען — אַפן דניעפּערבוי און אין די שאַכטעס פון דאָנבאַס. דרײַ נײַע פּאָעמעס — „געפונענע פונקען" (1928), „פלאַסטן" (1932) און „גרויסע גרענעצן" (1939) גיבן א פאָרשטעלונג וועגן די גרונטריכטונגען און די באַזונדערקײַטן פון זײַן שאַפן אין סאָף פון די צוואַנציקער יאָרן און ביז דעם אָנהייב פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

באַנאַנד דערמיט פאַרשטאַרקט זיך אין פעפערס דיכטונג דער סאַטירישער עלעמענט, די טענדענץ צו איראָנישן געלעכטער. דאָס האָט באַזונדערס בולט זיך אַנטפּלעקט אין די זאַמלונגען „פײַלן אַף מײַלן" (1935), „קראַפט" (1937) און אַנד.

אין פעפערס לידער און פּאָעמעס פון אָט דעם פּעריאָד זײַנען אויסגעדריקט די וויכטיקסטע סימפּטאָמען פון דער עפּאָכע, די אָנגעגליטע אַטמאָספער פון די גרויסע בויונגס-פּראָצעסן, פון די העלדישע אופטוען, פון די גראַנדיעזע פאָלקס-פאַרמעסטונגען. דאָס איז אַן אייגנאַרטיקער געשיכטלעכער עפּאָס וועגן דער איבערגעשטאַלטונג פונעם לעבן אין לאַנד אַף נײַע יעסוידעס. די אופמערקזאַמקײַט פונעם דיכטער ציִען צו אויך די אידעאָלאָגישע שלאַכטן.

אין אָט דער צײַט קאָן מען באַמערקן אין פעפערס דיכטונג א פּאַראַלעלע אַנטוויקלונג פון דער לירישער ליד און דער גרויסער פּאָעמע, צווישן וועלכע עס עקזיסטירט אַן אינערלעכע פאַרבינדונג; דאָס איז א באַשטימטע קינסטלערישע איינהײַט, פריִער פאַר אַלץ די איינהײַט פון קינסטלעריש-פּאָעטישן סטיל. אָן דער דאָזיקער איינהײַט וואָלט פעפער ניט געווען קיין באַדײַטנדיקער קינסטלער פון דער עפּאָכע. אין טאָך, איז פעפערס ליריק עפּיש, און זײַנע פּאָעמעס זײַנען ליריש. די פּאָעמעס זײַנען אלס קלאַל ליריש-פראַגמענטאַרישע ווערק, צעמענטירט אין איין גאַנצעס ניט מיט א דורכויסיקער שילדערונג פון א מענטשנס גוירל, ניט מיט א קאָנסיידערדיקער אַנטוויקלונג פון סוזשעט, נאָר מיט דער אידיי פון דעם דיכטער, מיט זײַן פערזענלעכקײַט.

אין די פּאָעמעס „געפונענע פונקען" און

„פּלאַסטן“ האַלט זיך נאָך פּעפּער בײַ זײַן פּריזערדיקן מעטאָד פֿון ליריש־עפּישן שילדערן די ווירקלעכקייט. זײַנע העלדן זײַנען די זעלבע יאַטן, וועלכע האָבן פּריזער זיך געטראָגן אויף די פֿערד איבער די פֿראָנטן פֿון בירגערקריג. איצט זײַנען זיי אין אַוואַנגאַרד פֿון די בויער. דאָס זײַנען די זעלבע הייסע קאָמיוגיסטן, אָבער שוין ניט מיטן נאַגאַן און מיט דער ביקס, נאָר מיט „האַק און האַמער“. ער באַזינגט איצט „די הונדערטער נעמען“, „די יונגען, פֿאַרסמאַליעט און באַדעקט מיט סאַמעט פֿון די טעג“ און דעריקער — זייערע „שרײַענדיקע הענט“. און ער ווערט ניט מיד צו באַזינגען דעם אַלפֿאַלקישן „יאַמטעוו פֿון הענט“. דער דיכטער דערקלערט קאַטעגאָריש, אַז ער וועט באַזינגען ניט קיין אויגן, שוואַרצע אָדער בלויע, ער וועט שאַפֿן אַ נײַע ליד, „דאָס ליד וועגן די הענט“:

הענט מײַנע, הענט, מײַנע טויזנטער הענט,
צו אײַך איז מײַן ליד הײַנט געווענדט.

דער דיכטער באַזינגט דאָס גאַנצע פֿאָלק, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו נײַע האָריזאָנטן, צו נײַע גראַנדיעזע אויפֿטוען.

אין סאָף פֿון די דרײַסיקער יאָרן מאַכט פּעפּער אַ פּרוּוו צו באַווײַזן אויך דאָס פּערזענלעכע לעבן פֿונעם סאָוועטישן מענטשן, ער שאַפֿט אַ גרויסע פּאָעטישע לײַוונט — דעם ראָמאַן אין פֿערזן „גרויסע גרענעצן“. פּעפּער נעמט זיך קינסטלעריש פֿאַרקערפּערן דעם העלד פֿון דער עפּאָכע, דעם פֿאָלקס־מענטש, וואָס איז דער שעפֿער פֿון אַלע רײַכטימער, די גרויסע פּערזענלעכקייט, וועלכע גאָרקי האָט באַצייכנט ווי אַ „הויכטורעם“, ווי „דער שפּיץ אין דער פּיראַמידע פֿון דער פֿאָלקס־דערפֿאַרונג“. אין דער געשיכטע פֿון איין שטעטל שטרעבט פּעפּער געבן דעם איבערבוי־פּראָצעס אין לעבן פֿון די ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן פֿאַר די יאָרן פֿון דער רעוואָליוציע. דאָס איז שוין דאָס נײַע שטעטל אין דער עפּאָכע פֿון די דרײַסיקער יאָרן.

און ניט בלויז דער טעריטאָריעלער פּלאַצדאַרם איז קאָנקרעטיזירט אין אָט דעם ראָמאַן. עס בײַט זיך אויך דער אויפֿן פֿון מאָלן דעם מענטשן. איצט זײַנען די העלדן פֿונעם ווערק אי דאָס קאָלעקטיווע געשטאַלט פֿונעם פֿאָלק, אי די אינדיווידואַליזירטע פּערסאָנאַזשן. פֿון דער גאַנצער מאַסע יאַטן, „די הייסע קאָמסאָמאָלצעס“, טיילט זיך איצט אויס איינער, אויך אַ יאַט פֿונעם שטעטל, וואָס שטייט אויפֿן פּאָסט בײַם גרענעץ — יוניק. פֿון דער גאַנצער מאַסע „בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס“ טיילט זיך אויס דינע — אַ נײַער טיפּ פֿון אַ ייִדישער סאָוועטישער פֿרוי, אַ נײַ געשטאַלט פֿון דער עפּאָכע, אַ געשטאַלט פֿון אַ נײַעם מענטשן, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אין די פֿרידלעכע יאָרן, ווען עס האָט זיך פֿאַרהאַרטעוועט דאָס שטאָל פֿון גאַנצע סאָוועטישע דורות בויער פֿון סאָציאַליזם.

דער ראָמאַן „גרויסע גרענעצן“ האָט אין זיך די שטריכן פֿון אַ פֿאַרסאַכאַקלענדיק ווערק און אויך פֿון אַ באַשטימטער ווענדונג צו אַ נײַעם עטאַפּ. דער דיכטער ווײַזט, צו וואָס פֿאַר אַ הייכן דאָס פֿאָלק האָט דערגרייכט פֿאַר העכער צוויי צענדליק יאָר ראַטנמאַכט, וואָס איז געוואָרן פֿונעם שטעטל פֿאַר אָט די יאָרן און וואָס פֿאַר אַ נײַער טיפּ מענטש האָט זיך אויסגעבילדעט אין בויונג און אין קאַמף.

די ווענדונג צום נײַעם האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס אין „גרויסע גרענעצן“, וועלכע האָט זיך געשאַפֿן אין דער צווייטער העלפֿט פֿון די דרײַסיקער יאָרן, ווען איבער אייראָפּע האָט זיך שוין געלאָזט הערן דאָס גרויזאַמע טופּען פֿון די דײַטשישע פֿאַשיסטישע האָרדעס, פֿילט זיך שוין די נאָענטקייט פֿון די אָנקומענדיקע שווערע ניסיונות.

איציק פּעפּערס פֿאַרשאַרפֿט פּאָליטיש געפֿיל האָט אים ניט געקאָנט אָפּנאַרן. אין אַ רייַ לידער פֿון די דרײַסיקער יאָרן קערט זיך אום דער דיכטער צו דער טעמע פֿון בירגערקריג, צו שלאַכטן און טויט־קאַמפֿן. אין אייניקע זײַנע לידער הערט זיך דער מאָטיוו פֿון די פֿריזערדיקע קריגס־יאָרן ווי אַ דערמאָנונג, ווי אַ וואָרענונג און אַן אָנדײַטונג אויף מעגלעכע און אַפֿילע אומפֿאַרמײַדלעכע פֿאַרשטייענדיקע מילכאָמע־ניסיונות. אין דעם זין איז דאָס ווערק „גרויסע גרענעצן“ שוין אין טאָך ניט קיין ראָמאַן וועגן פֿרידלעכער צײַט, וועגן פֿרייד פֿון פֿרידלעכער מי, נאָר אַ פֿײַנלעכער פֿאָרגעפֿיל און אַ ביטערע פֿאָרויסזעונג פֿון די טראַגישע גרוילן, וואָס רוקן זיך אָן.

די גרויסע פֿאָטערלענדישע מילכאָמע און די ערשטע נאָכמילכאָמע־יאָרן זײַנען געווען דער לעצטער עטאַפּ אין פּעפּערס שאַפֿן — אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטער און פֿרוכטבאַרער אין דער גאַנצער שאַפֿונג זײַנער.

פּעפּערס לידער אין די מילכאָמע־יאָרן דערמאָנען זײַן ליריק וועגן דעם בירגערקריג: ער טרעט ווידער אַרויס ווי אַ דיכטער אַ זיגער איבער דעם פֿאַראַכטן סוינע. די מילכאָמע איז געווען אַן אויספּרוּוו פֿאַרן גאַנצן סאָוועטישן פֿאָלק, פֿאַר דער סאָוועטישער ליטעראַטור, ווען אויפֿן ערשטן פּלאַן שטייט דער ניט געזעענער אויפֿשטײַג פֿון פֿלאַמיקן פּאַטריאָטישן געפֿיל בײַ אַלע פֿעלקער פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד. אָט דער געפֿיל פֿון פֿלאַמיקן פּאַטריאָטיזם האָט, נאַטירלעך, באַגײַסטערט אויך די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער.

פֿון איצט אָן ווערט פּעפּערס שעפֿערישע פּראָגראַם, ווי די פּראָגראַם פֿון דער גאַנצער ליטעראַטור, דער קאַמף מיטן סוינע און דער ניצחון איבער אים. אין יוני 1942 שרײַבט ער אָן זײַן פֿלאַמיקע „שבֿועה“ און די פּאָעטישע ליד „איך בין אַ ייִד“. ער שאַפֿט אויך אַ ציקל באַלאַדישע ווערק וועגן די רעציכעס פֿון די פֿאַשיסטישע אָקופּאַנטן און וועגן די העלדנטאַטן פֿון די סאָוועטישע מענטשן: „באַלאַדע וועגן דער קרעמל־וואַנט“, „באַלאַדע וועגן אָדעסער

לימאַן", „באַלאדע וועגן א שנירל פּערל", „באַלאדע וועגן דעם ברודער־קייוּוער", „באַלאדע וועגן מײַן טאַטן", „באַלאדע וועגן דעם טאַנקיסט שלוימע גאָרעליק" און אַנד.

פּעפערס דיכטונג בײַס דער מילכאָמע און אין די ערשטע יאָרן נאָך איר האָט זיך אַנטוויקלט אונטערן צייכן פון פולשטענדיקער רײַפקײַט, פון האַרמאָנישער פולקומער אײנהײַט, וועלכע עס דערגרייכן בלויז גרויסע מײַסטערס. די פאָלקסטימלעכקײַט און די פאָלקס־קלוגשאַפט, וועלכע איז שטענדיק געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר פּעפּערס ליד, שפּרודלט מיט פאָלקס־כאָכמע. דער געדאַנק און די אידיי פון זײַנע ווערק ווערן טיפער, דאָס בילד — שאַרפער און דורכדרינגלעכער. דער סאָציִאַלער פּאַטאָס, פאַרייניקט מיט נאַציִאָנאַלן פּאַטאָס, דערגרייכן איצט א גאָר הויכן גראַד פון צאָרנדיקער לײַדנשאַפט. דאָס וואָרט, די פּאָעטישע שפּראַך און די דיכטערישע מעטאַפאָריק באַקומען די העלע שײַן פון פינקלדיקן גלאַנץ.

א באַזונדער אָרט אין פּעפּערס שאַפן נאָך דער מילכאָמע פאַרנעמט זײַן פּאָעמע „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ" (1945—1946). דאָס איז, מעגלעך, איינס פון דעם דיכטערס באַדײַטנדיקסטע שאַפונגען און, קאָן זײַן, אפילע איינס פון די באַדײַטנדיקסטע שאַפונגען פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג אינגאַנצן גענומען.

דער אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט אַרויסגערופן א ברייטן אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַטור פון א סאַך לענדער. אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור איז אָט די טראַגישהעלדישע געשעעניש אין דער נײַסטער געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק אָפּגעשפּיגלט אין מאַרקישעס ראָמאַן „טראָט פון דורות", אין זײַן פּיעסע „אופשטאַנד אין געטאָ", אין שמועל האַלקינס דראַמאַטישער פּאָעמע „אַף טויט און אַף לעבן", אין יעכיִעל פאַליקמאַנס „די שײַן קומט פון מיזרעך". צום אונטערשייד פון אָט די ווערק, אין וועלכע עס איז געוויזן די רעאַלקײַט פון די טראַגישע געשעענישן אין וואַרשע, איז אין פּעפּערס פּאָעמע פאַרקערפּערט זייער ראָמאַנטיק און סימבאָליק.

די פּאָעמע „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ" איז לויטן שעפערישן מעטאָד פאַרבונדן מיט פּעפּערס ראָמאַנטישע פּאָעמעס און באַלאַדעס וועגן בירגערקריג. אין טאָך איז דאָס די זעלבע ליריש־פראַגמענטאַרישע און העראָיִש־ראָמאַנטישע באַלאַדע. אַלץ איז אין אָט דער פּאָעמע באַדינגלעך און סימבאָליש, און אין דער זעלבער צײַט וואָרהאַפטיק און רעאַל. דער דיכטער באַשרײַבט ניט קיין געשעענישן, ער מאָלט ניט קיין בילדער און עפּיזאָדן פונעם אופשטאַנד. זײַן פּאָעמע — דאָס איז א ביטער עלעגיש געוויין, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך אַלע ליידן און פּײַנען פונעם פאָלק, פון מיליאָנען מענטשן. דער דיכטער לעבט איבער צוזאַמען מיט זיי אַלע אומגליקן און צאָרעס, צוזאַמען מיט זיי ווערט ער פאַרברענט אין די טויט־אויוונס, דערשטיקט אין די גאַז־קאַמערס פון אָשווענטשים, מײַדאַנעק, טרעבלינקע. צוזאַמען מיט די העלדן פון דעם אופשטאַנד אין געטאָ קעמפט ער מיט די פאַשיסטישע הינט, מיט די באַנדעס פון געסטאַפּאָ אַף די גאַסן פון וואַרשע, ער קומט אום, קערט זיך אום צו א נײַ לעבן, קעדיי אַרויסצורופן אין די מענטשנס הערצער א צאָרנדיקן ווײ־געשריי און זיי אופהייבן צום קאַמף מיט די, וואָס ווילן א נײַע מילכאָמע און אויסראָטונג פון נײַע מיליאָנען מענטשן.

איציק פּעפער רעדט ניט אין דער פּאָעמע וועגן לעבעדיקע מענטשן, נאָר וועגן מענטשלעכע געשפּענסטער. זיי שוועבן איבער דער וועלט און ווייסן ניט פון קיין פאַרצוימונגען:

און ניט ווי קיין בעטלערס די שאָטן זיך ציִען,
מיט הענט אויסגעשטרעקטע, מיט בליקן פאַרוועבטע.
זיי בלאָנקען אַרום, ווי געקעפּטע נעוויִים,
מיט קרוינען פון רום אַף די קעפּ די געקעפּטע,
זיי טראָגן מיט שטאָלץ זייער גרויזאַמען גוירל,
און זייער פאַרבאָרגענער טרויִם די געפאַר איז,
זיי בלאָנקען אַרום אַף דער וועלט, ווי בונטאַרעס,
וואָס האָבן אין שלאַכט דאָס געווער ניט פאַרלוירן.
דורך וועגן צעבײַלטע, דורך יאָרן געפּלעטעטע
זיי בלאָנקען, די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ.

און ער, דער דיכטער, איז אײנײנעם מיט די „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ". די העלדן, די גיבוירים זײַנען צו אים געקומען אין געשטאַלט פון „דעם ייִנגל דעם ברוינעם פון פוילן, דאָס ייִנגל פון וואַרשע, וואָס איז, ווי א מאַלעך, געקומען צו מיר אין א נאַכט אין א גרויער" און האָט געבראַכט מיט זיך „די פאָן פון דער געטאָ", די פאָן פון אופשטאַנד און קאַמף; אין סטיל פון ראָמאַנטישער דיכטונג זינגט דער אויטאָר וועגן דעם „אומגלויבלעכן און רעאַלן", וועגן ווירקלעכן און פאַנטאַסטישן. דאָס ברוינע ייִנגל איז געקומען צום דיכטער ניט אַליין, נאָר אין דער באַגלייטונג פון די וואַרשעווער קדוישים:

באַגלייט האָט אין וועג אים די ערד די באַרויבטע;
און טרערן פון קינדער און רופן פון קדוישים —
באַגלייט האָט אין וועג זייער הילכיקער רויש אים.
עס האָבן באַגלייט אים צעשטאָכענע אויגן
און הערצער, וואָס האָבן אַף שפּיזן געפּלאַטערט,
און געגנטן גאַנצע מיט רויכן פאַרצויגן,
און וווּנדן, וואָס האָבן דורך דורות געיאַטערט.

צוזאַמען מיטן ייִנגל פון וואַרשע טראָגט זיך דער דיכטער אַריבער צו דער וואַרשעווער געטאָ. ער קומט פון מאָסקווע, ווו דער הימל איז באַלויכטן מיט שטאָלצע סאַליוטן, און פאַלט דאָ אַרײַן „אין א וועלט אין א צווייטער". עס בײַטן זיך און מישן זיך צונויף רעאַלקײַט און סימבאָליק, עס קומען אוף רעמיניסצענציעס און בילדער פון דעם ייִדישן לעבן אין פוילן, בילדער פון אײַנגעזעסענעם שטייגער, פון אַן אַלטער רײַכער קולטור, פון דוירעסדיקע נאַציִאָנאַלע טראַדיציעס. און ווײַטער ציט זיך דער פּאָעטישער פאָדעם, עס קומען לידער וועגן מיטלאַלטערלעכער געטאָ, וועגן שעפערישן גײַסט פון די ייִדן אין דער עפּאָכע פון רענעסאַנס, און ווידער לידער וועגן די ליידן פונעם פאָלק, וועגן אומגעבראַכטע לעבנס. דער דיכ־



א קאָלווירטניק פון מאָלדאַוויע. 1949

קינסטלער מענדל גאָרשמאַן

1

1, 2. אילוסטראציעס צו לייב קוויטקאָס דערציילונג „ליאם און פעטריק"

3, 4. אילוסטראציעס צו י.־ל. פּערעצעס דערציילונגען „דאָס שטריַימל" און „אויב ניט נאָך העכער"

2

3

4

א מיידעלע פון דאַגעסטאַן. 1956

מאָלדאַוויע. 1960

Военная присяга—это программа победы

СМЕРТЬ НЕМЕЦКИМ ОККУПАНТАМ!

Кутузовец

Красноармейская газета

№ 106 Среда, 29 декабря 1943 г.

Присяга—это клятва не посрамить чести нашего народа, который никогда не склонялся перед иноземными поработителями.

ВОЕННАЯ ПРИСЯГА

КЛЯТВА ВОИНА

איציק פעפערס א ליד „דעם שלאַכטמאַנס שוווּע״ (געשריבן אין רוסיש) אין דער רויטאַרמייִשער צײַטונג „קוטוזאָווועץ״ פֿאַרן 28 דעקאַבער 1943.

טער געפינט שטאַרקע ווערטער צו שטעמפּלען די פאַשיסטישע אויסוווּרפן:

זיי זיצן בא אונדזערע טישן און זויפן,
זיי ליגן אין אונדזערע בעטן און פאַפן,
זיי קושן די זוינעס אין אונדזערע הויפן,
אין אונדזערע שטיוול אין קירכעס זיי לויפן,
די הרובעס זיי הייצן מיט אונדזערע ספאָרים
און מייקענען שיקער אף אונדזערע קוואָרים,
זיי טראָגן פון אונדזערע טאַטעס די העמדער,
זיי טראָגן די קליידלעך פון אונדזערע שוועסטער,
דער לײַלעך, וואָס ליגט אונטער זיי, איז א פרעמדער,
איטעווידער פאַדעם אין אים איז געלעסטערט.

דער דיכטער דריקט אויס דעם פלאַמיקן געפיל פון סינע צום סוינע, פאַרויסזאָגנדיק אים די שרעקלעכסטע שטראָף, די אומפאַרמײַדלעכקײַט פון דער נעקאָמע איבער דער פאַשיסטישער כײַע:

אף אונדזערע שטריק און אף אונדזערע ביימער
מיר וועלן מיט אונדזערע הענט זיי נאָך הענגען.

די פּאָעמע „שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ״ איז אָנגעשריבן אין איין אָטעם און איז אויסגעגאָסן פון איין גוס. דאָס ווערק איז פול מיט פאַטאָס פון צאָרן, פּראָטעסט און קאַמף, מיט זיכערקײַט אין דער אומפאַרמײַדלעכקײַט פון זיג איבער דעם פאַשיזם, פונעם טריומף פון גערעכטיקײַט און מענטשלעכער זיטלעכקײַט אין לעבן פון פעלקער און מענטשן.

...איציק פעפער איז געקומען אין דער ליטעראַטור מיט א נײַ וואָרט, מיט א נײַער ליד, מיט נײַע אידייען און געשטאַלטן. און דערפאַר האָבן אים אנערקענט די ליטעראַטור און דער לייענער. ער האָט אָבער געבראַכט מיט זיך ניט בלויז נײַע קונסט, נאָר אויך א נײַע פּראָגראַם פון קונסט, א נײַע עסטעטיק. ער האָט נאָך אין אָנהייב פון זײַן שאַפן דערקלערט א קאַמף פאַר א נײַעם אינהאַלט פון דער דיכטונג, פון דער לירישער ליד. ער האָט געוואָלט ארײַנפירן אין דער ליריק דעם רעוואָלוציאָנערן אופברויז פון דעם פאָלק. „ס'איז דאָ א ליד, זי איז נאָך ניט געבאָרן״, — האָט דער דיכטער דערקלערט. ער האָט מיט זיך געטראָגן די נײַע רעוואָלוציאָנערע ליד און האָט געשטרעבט, אז אָט די נײַע ליד זאָל אנטשפרעכן דער נײַער רעוואָלוציאָנערער היינטצײַטיקײַט, ווײַל „די שאָ די היינטיקע איז ניט ווי פאַראַיאָרן״, דעריבער איז „די ליד די היינטיקע אויך ניט ווי אמאָל״.

דער קאַמף פאַר נײַער קונסט איז געווען ניט בלויז א קאַמף פאַר רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט. פעפער האָט ארויסגערוקט אויך א פּראָגראַם פון נײַער פאָרם, וואָס איז געווען געווענדט קעגן סימבאָליזם, עסטעטיזם און פאָרמאַליזם. פעפערס עסטעטיק אין געביט פון פאָרם איז באַשטאַנען סאַכאַקל פון צוויי ווערטער: פּראָסטע רייד. ער האָט וועגן דעם געמאָלדן גלײַך, ווי ער איז געקומען אין דער ליטעראַטור:

איך האָב ליב, ווען ווערטער זײַנען באָרוועס,
איך האָב ליב, ווען לידער זײַנען פּראָסט.

אין דעם איז באַשטאַנען דער עסטעטישער קרעדאָ פונעם דיכטער, זײַן אני־מאַמין, וועלכן ער האָט אקטיוו פּראָפּאַגאַנדירט.

אָבער וואָס האָט באַטײַט די פּראָגראַם פון פּראָסטע רייד? פריִער פאַר אַלץ פאָלקסטימלעכקײַט. מ. ליטוואַקאָוו האָט דער ערשטער באַמערקט אָט די אייגנשאַפט פון פעפערס דיכטונג נאָך אין אָנהייב פון זײַן ליטעראַרישן וועג און האָט אים פאַרגלײַכט מיט שאָלעם־אַלייכעמען, דעם „פּראָסטן״ און עכטן פאָלקסטימלעכן שרײַבער.

די פּראָגראַם פון פּראָסטע רייד אין פעפערס באַנעם הייסט ניט בלויז דעמאָקראַטיזם, צוגענגלעכקײַט, רעאַליזם און פאָלקסטימלעכקײַט. דאָס איז איינצײַטיק דערמיט קריגערישע אַקטיווע ארײַנמישונג אין פּראָצעס פון איבערבויען, איבערגעשטאַלטיקן דאָס לעבן.

דאָס איז ניט קיין פּאַסיווע אָדער גלײַכגילטיקע באַאָבאַכטונג, ניט קיין רעגיסטראַציע פון פאַקטן, ניט קיין נאַטוראַליסטישע „אָפּשפּיגלונג״, ניט קיין פיקסירונג פון דערשײַנונגען. זײַן דיכטונג האָט פעפער כאַראַקטעריזירט ווי „פײַלן אף מײַלן״. זײַן ליד — דאָס איז געזאַנג וועגן רעוואָלוציע, וועגן העלדן פונעם סאָוועטישן לאַנד, דאָס איז געוווער אין שלאַכט, וואָס צילט אין סוינע, ווי א ביקס: „ווו מע דאַרף — איז מיט לידער געשפּאַלטן די לופט! ווו מע

דארף — איז א ריס מיט שראפנעלן!". „אונדזער ליד איז מיט שלאכטן געברידערט" — זאָגט פעפער, און ער פארברייטערט אלץ מער דעם אינהאלט פון פּראָסטע רייד, די ראמען פון זײַן דיכטערישער פּראָגראם: „די פּאָליטישע ליד, די סאטירע דערלאנג, און גוט זײַנען אויך עפיגראמען"; „מיר דארפן א ברען טאָן מיט פלאם פון פאמפלעט און אנדערע שלאָגיקע זשאנרען". די פּאָעטישע סאטירישע ליד איז א וויכטיקער באשטאנדטייל פון פעפערס קונסט־פּראָגראם און פון זײַן שאפונג אינגאנצן גענומען.

דאָס קאָמישע אנטפלעקט זיך אין פעפערס דיכטונג אין דער פאָרם פון איראָניע, פון קלוגן שפאס, פון א גוטמוטיקן שמייכל, פון שארפער סאטירישער דעמאסקירונג. דאָס קאָמישע איז פּאָלקאָם אָרגאניש פאר אים, אלס מענטש און אלס שעפער. דערמיט שליסט זיך אָן פעפערס פּאָעזיע אין דער טראדיציע פון אזעלכע פּאָעטן, ווי פושקין, היינע, בעראנזשע, נעקראסאָוו, מאיאקאָווסקי. גאָרניט צופעליק איז די ליד „א בריוו צו שאָלעם־אליכעמען", ווו עס אנטפלעקט זיך די קרויוועשאפט פון פעפערס פּאָעזיע ניט בלויז מיטן געניאלן הומאָריסט, נאָר מיט דער אלוועלטלעכער ליטעראטור פונעם קאָמישן:

ס׳האָט היינע זיך דערלויבט
אמאָל אין לידער שפאסן,
און פושקין האָט געלויבט
די שפאסנדיקע גאסן.

הומאָר, געלעכטער אין פעפערס שאפן איז פריִער פאר אלץ די לעבנס־פרייד פונעם פאָלק, וואָס איז זיכער אין זײַנע קויכעס, דער פאָלקס־אָפּטימיזם, דער קאָלעקטיווער סייכל און דער שעפערישער גײַסט פונעם פאָלק. הומאָר איז אָבער אויך א געווער אין קאמף מיטן בייזן, מיט קאָנסערוואטיוון און פײַנטלעכן. דאָס קאָמישע איז א שארף געווער אין קאמף מיטן פארקריפּלטן, אָפּגעלעבטן און אונטערגייענדיקן.

לונאטשארסקי האָט גערעדט וועגן שאָלעם־אליכעמס „זיגערישן געלעכטער". פעפער אלס דיכטער פון זיג איז באזונדערס נאָענט צו שאָלעם־אליכעמען. אינעם קאָמישן באם געניאלן הומאָריסט און באם סאָוועטישן פּאָעט איז פאראן אן ענגע פארבינדונג. וועגן דעם האָט פעפער אָפן גערעדט אין דעם דערמאָנטן בריוו צו שאָלעם־אליכעמען: „איך זוך דיך אומעטום מיט אויגן מיט ניט זאטע, ביסט דאָ און ביסט ניטאָ, מײַן נאָענטסטער, מײַן טאטע".

אין אייניקע פעפערס ווערק דערגרייכט די קונסט פונעם קאָמישן ביז הויכער מײַסטערשאפט („א לויב־געזאנג דעם כיריק", „אין מוזיי" און א ריי מעשאָלים). דאָ אנטפלעקט זיך שטארק דעם דיכטערס שארפזין, זײַן קלוגער געלעכטער, עס איז פאראן דאָס געפיל פון מאָס און פּראָפּאָרציע, וואָס איז אייגנטימלעך בלויז עכטע קינסטלער.

איציק פעפער איז געווען א הארמאָנישע נאטור. אלס פערזענלעכקײַט, אלס געזעלשאפטלעכער טוער און אלס שעפער איז ער געווען אידייִש איינהײַטלעך. ער האָט ניט געוווּסט פון קיין אינערלעכע פסיכאָלאָגישע און גײַסטיקע ווידערשפּרוכן. אין זײַנע ווערק האָט ער באזונגען די רעוואָליוציע, דאָס נײַע לעבן פונעם פאָלק און דורך דעם אנטפלעקט זײַן אייגענע נאטור אלס דיכטער און בירגער. ער איז געבליבן אין דער ליטעראטור ווי אן ערשטראנגיקער מײַסטער פון פּאָעטישן וואָרט, אלס אקטיווער שעפער פון דער רעוואָליוציאָנערער ייִדישער ליטעראטור.

פון לייב קוויטקאָס אַרכיוו

1. צו מ. כאַשטשעוואַצקין

(1916)

מישאָק!

איך האָב אויסגענישטערט ווי א באַבעשן ווערטער־אויצער, ווי א קליינשטעטלדיקן פּלוידערזאַק, ווי א בירזשע־פּלאַפּלערײַ און צונויפגעסילעט א בײַטשל צאַפּלדיקע גראַמען, דיר, מײַן באַשערטן, אלס געשאַנק...

עמעס, איך וואָלט דיר איצט אויך ניט געשריבן, נאָר צוליב דעם אומגליק, וואָס דו האָסט א שטעלע געקראָגן און דו הייסט שוין אין אונדזער מישפּאָכע א שטיקל נאָגיד, האָב איך זיך געמוזט בייגן.

און איך, אָרעמער גראַם־מאַכער, בייג איצט מײַן קאָפּ פאַר דעם שטויב פון דײַנע פּיס, גרויסער נאָגיד מײַנער!

אַף אַן עמעס וויסטו וואָס? — איך בעט דיך, שיק מיר פון דײַנע לעצטע לידער עפּעס־עפּעס, אָט אַ־דאָ אין דעם ראָסל בין איך אַן אוגערקע.

שרײַב מיר.

2. צו דעם זעלבן

(1917)

מישע טײַערער!

פון דײַן בריוו האָב איך געטאַנצט, און שײַוועקע[1] האָט מיר געהאָלפן. דײַן ערשטער ליטעראַרישער אויסנעם איז אויסגעצייכנט, ווינטש מיר אויך אזא מין. מישאָק, לאַנג לעבן זאָלסטו, עפּעס האָסטו מיך א ריר געטאָן.

הער, איך שיק דיר אייניקע לידער, ווי דו זעסט, און אויב ס'וועט עפּעס פון זיי ווערן לײַט אין פּעטראָגראַד, וועל איך שיקן פּאָעמעס, איך האָב שוין זייער פיל און ניט אבי־אַזוינע. זאָל ניגער[2] מיר עפּעס אָנשרײַבן. עפּשער וואָלט איך גאָר געקענט זײַן דאָרטן, אין מיר איז ניט געווענדט, איך בין גרייט... איך האָב א סאַך קינדערישע לידער. פרעג ניגערן, וואָס זאָל איך מיט זיי טאָן? דאָברושין[3] בעט מיך, איך זאָל עפּעס שיקן צו א זאמלבוך. איך גלייב אָבער שוין ניט אין זיי... עפּשער וועל איך שיקן. כ'האָב א לעצטע פּאָעמע „די לעווייע" — אַן אַנטיקל!

ענטפער מיר באַלד

דײַן ל״ב.

זע זיך באַלד מיט ניגערן.

שיק דעם פּורים־בלאַט[4].

3. צו ס. קאַגאַן

(מאַנקאָווקע, אווגוסט 1917)

סאָרע!

איך האָב אײַך אָוועקגעשיקט צוויי קאַרטלעך און זע ניט און הער ניט פון אײַך. דערווײַל וויס איך נאָך גאָרנישט, און האָב זיך געדונגען א צימער. סאָרע, פאַרוואָס שיקט איר מיר ניט די ביכלעך, ניסטערס[5] אויך. און קיין צײַטונג שיקט מען מיר אויך ניט.

ל״ב.

4. צו דער זעלבער

(מאַנקאָווקע, 24 סענטיאַבער 1917)

סאָרע, איך קום ערשט פון דער היים, זיבן טעג בין איך דאָרט געווען. דער דאָקטער האָט מיך געלאָזט. איך האָב דאָ אַלץ געטראָפן, וואָס איר האָט מיר געשיקט. איך האָב זיך געפרייט מיט דעם. גוטע סאָרע, איך האָב נאָך גאָרנישט געטאָן. איך בין געקומען פון דער היים נאָך א מער צעטראָגענער: דאָרטן האָב איך געטראָפן לייקע[6], ווי זי טרינקט זיך אין דער קליינשטעטלדיקייט. איך האָב זי קיין אומאַן גענומען, איר א צימער און קעסט געדונגען, זי אויסגעקליידט אַף העכער א הונדערטער, און פון דער היים קיין גראָשן הילף ניט. זיך צעקריגט אינגאַנצן. לייקע וועט זײַן אין אומאַן, ביז איך וועל זיך באַפרײַען, און דאַן באַלד קיין קיִעוו. איך וועל דאָ נאָך זײַן א צוויי וואָכן. עפּשער וועל איך קענען אַרבעטן. איך האָב פאַרגעסן, וואָס האָב איך בא אײַך איבערגעלאָזט? וועלכע לידער? גיט זיי כאַציען[7], וועט ער זען...

אײַער ל״ב.

5. צו דער זעלבער

(מאַנקאָווקע, 27 סענטיאַבער 1917)

סאָרע!

איך האָב אײַער בריוו ערהאַלטן. א דאַנק אײַך. אַלצדינג האָב איך אין איר געטראָפן, נאָר איין זאַך האָט געפעלט: פון אײַך פערזענלעך גאָרנישט. וויאַזוי לעבט איר? וואָס טוט איר?

איך טו שוין צוביסלעך יאָ. שרײַב איצטער א סימוואָליש בילד „צוריק פון וואַלד"[8].

סאָרע, וואָס הערט זיך עפּעס מיט דעם זאמלבוך?[9] די ביכלעך און די „נײַע צײַט" האָב איך ערהאַלטן. כ'גריס אײַך.

ל״ב.

6. צו דער זעלבער

(אומאַן, 16 אָקטיאַבער 1917)

סאָרע!

מע האָט מיר איבערגעגעבן א גרוס, אז אין קיִעוו איז קיין ברויט ניטאָ. איך וואָלט א באַלן זײַן אײַך ברענגען ברויט. איך האָב אָנגעגרייט מעל, פּוטער,

גרויפן און לידער. עפּשער קען מען ערגעץ אָן אָוונט אָרגאַניזירן?

איך גריס אײַך און אַלעמען.

ל יי ב.

7. צו מ. כאַשטשעוואַצקין

(כאַרקאָוו, 27 אַפּרעל 1926)

ליבער מישע!

דײַן בעהאַלט־בריוול איז ניט אָנגעקומען, נאָר אַרײַנגעפאַלן אין רעדאַקציע[10]. עמעס, מיר האָבן עפּשער א כײלעק אין דײַן אופרעגונג, אָבער גאָר פון אַן אַנדער זײַט. נעמלעך: די רעד. האָט צופיל געהאַט צו טאָן מיט אַדמיניסטראַטיווע איניאָנים (מיט אויסבעטן נאָך בויגנס בא דער ד. וו. או.[11], מיט זיכערן דאָס דערשײַנען פונעם זשורנאַל) און דעריבער ניט גלײַך רעאַגירט אַף דײַן פּאָרשלאָג, אָדער קאָרעספּאָנדענץ. צווייטנס, ווען ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז מיר האָבן נאָר 6 דרוקבויגן, האָבן מיר באַשלאָסן פון גרעסערע זאַכן זיך אָפּהאַלטן און כ' פינינבערג[12] (וואָס האָט די גאַנצע צײַט מיט דיר וועגן דער פּאָעמע פּאַרהאַנדלט) האָט גענומען אַף זיך מיט דיר זיך דורכצושרײַבן און פּויעלן, אַז אָדער נאָר א טייל פון דער פּאָעמע[13] זאָל געדרוקט ווערן, אָדער פּאַרשידענע לידער פון איר. וועגן דעם, אַז דו האָסט מיטן כ' פינינבערג אָפּגערעדט, אַז דו וואַרטסט אַף א יעדיע פון אים, האָט די רעד. ניט געוווּסט, און אין דעם, וואָס מע האָט דיר מודיע געווען, איז קיינער ניט שולדיק, קיין באַזונדערער מיין איז דערבײַ ניט געווען ניט בא אונדז און ניט בא פינינבערגן.

איצט אָט וואָס, ליבער מישע, ס'האָט זיך אויסגעדרייט, אַז דער קומענדיקער נומער וועט זײַן א צווייענדיקער (5—6). שיק באַלד אַרויס דעם מאַטעריאַל, ס'וועט מעגלעך זײַן אים דרוקן אין דעם נומער. אָבער טאַקע באַלד, מישע, ווײַל מיר ווילן, דער נומער זאָל זיך גלײַך נעמען זעצן. קיין צווייענדיקע נומערן אָדער נומערן מיט מערערע בויגנס וועלן מיר אין די נאָענטסטע כאָדאָשים ניט האָבן... שיק באַלד.

זײַ ניט, מישע, קיין טומלער — ביסט עס קיינמאָל ניט געווען און ווי דו זאָלסט זיך ניט באַמיִען, וועסטו עס ניט זײַן. ביסט טאָמיד געווען א געזונטער מענטש, מיט געזונטע כוישים און געפילן צום לעבן, און דערפאַר האָבן דיך דײַנע כאַווײרים ליב. איך אויך צווישן זיי.

זײַ געזונט. א האַרציקן גרוס סאָרען און דעם קינד.

דײַן ל יי ב.

פּ. ס. כ'האָף, אַז דער קראַנקער איניען, דער פּלאָנטערנדיקער, איז פּאַרענדיקט.

8. צו דעם זעלבן

(1927)

כאָשעווער כֿאַווער כאַשטשעוואַטסקי!

די רעד. „רויטע וועלט" דערמאָנט אײַך נאָכאַמאָל וועגן מאַטעריאַל פאַרן אָקטיאַבער־נומער. דער שפּעטסטער טערמין איז דער ערשטער אווגוסט. מיר בעטן באַצײַטנס אונדז מודיע זײַן ווען און וואָס קלערט איר אונדז צושיקן.

פון רעד. ל. קוויטקאָ.

פערזענלעך:

כ'האָב דיר, מישע, צוריק נאָך מיט א כאַדאָשים צוויי אָנגעשריבן א בריוו און דיר ביז איצט ניט אָפּגעשיקט, — דער קאָפּ איז פּאַרדרייט. כ'האָב דיר געשריבן, ווײַל צופעליק איז מיר געקומען אונטער דער האַנט דײַן ביכל לידער[14] און ס'איז מיר אַזוי געפעלן, אַז כ'האָב באַלד אָפּגעזוכט אין אַנדערע אויסגאַבעס דײַנע לידער און מיט פאַרגעניגן געלייענט זיי. דאָס, אייגנטלעך, האָב איך דיר אין בריוו געשריבן.

ל יי ב.


זשורנאַל „די רויטע וועלט"
Харків, Сергієвська пл., Московські ряди, 5 :רעדאַקציע

9. צו דעם זעלבן

(כאַרקאָוו, 31 יאַנוואַר 1927)

ליבער מישע!

דעם טיקן־טאָעס, וואָס דו בעטסט, וועלן מיר געבן אין 1־טן נומער. דעם האָנאָראַר האָט די קאָנטאָר שוין אַרויסגעשיקט. דײַנע קסאָווים לייג איך דיר דאָ צו. דאַכט זיך — אַלץ, וואָס דו בעטסט. האָסטו נאָך פאַרטיקן מאַטעריאַל, מישע? שיק צו צום נומער 4, ווײַל דער 2—3 איז שוין אין דרוקערײַ. אינעם נומער גייען לידער: פינינבערגס, דײַנע, פּיאַטיגאָרסקעס אאַ. די רעדקאָלעגיע האָט באַשלאָסן דײַן III ליד „אַלע ווערטער שוין גערעדטע"[15] אויסשליסן פונעם ציקעלע. ס'גייען דאָס I—II—IV לידער.

האָב קיין פאַריבל ניט, מישע. האַרציקע גרוסן דײַניקע.

דײַן ל יי ב.

10. צו אַרן גורשטײַנען

(כאַרקאָוו, 19 מאַרט 1929)

טײַערער כאַווער גורשטיין!

מיר איז ניט גרינג צו ענטפערן אַף אײַער פראגע. ריכטיק אין א וועלכן יאָר איך בין געבוירן געוואָרן, ווייס איך ניט. כ'בין געוואַקסן אָן עלטערן און ניט אין דער היים. אין מײַנע פאַפירן איז א פּלאָנטער. (איך) בין מיסטאָמע אַלט א יאָר 33—34, עפשער 35[16].

פאַרוואָס זעט מען אײַך אזוי זעלטן באַ אונדז אין זשורנאַל?

מיט גרוס.

אײַער ל. קוויטקאָ

11. צו דעם זעלבן

(31 דעקאַבער 1931)

ליבער אַראָן!

ווי געפעלט אײַך אײַער גאַסט? געקומען און געווען, געטאָגט און גענעכטיקט, אָנגעדולט א קאָפּ און נאָך צוגעשלעפּט די הענטשן אויך. פּײַן זיך אויסגעפּײַנט קוויטקאָ!

נויעך לאָנדאָן[17] איז איצט דאָ, ער איז שוין א מאָסקווער, מיט אים גיב איך איבער די הענטשן, זאָלן אײַך די הענט ניט פרירן.

כ'בין פאַרבאָדן אין אַרבעט, לייען גוטע ביכער און לויף א קאַפּעניונקעלע איבער די קאָרידאָרן פונעם נאַצמינדפאַרלאַג אויסבעטן א גראָשן, נאָר סע העלפט ניט. אין שטוב באַ אונדז איז וואַרעם, ווײַס פאַפיר, גוטער טינט, אינטערעסאַנטע צײַטונגען, פריי־לעכער באָקאַטשאָ, ווונדערלעכער שאָלעם־אַלייכעם,— קומט צו פאָרן, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, וועט איר זיך גוט פילן און אויסשלאָפן זיך, און פאָרן א שלי־טערס און האָבן (אַפילע) פויגלמילך — מאַדאַניי מײַ־כאָלים וועט איר באַקומען.

האַרציקע גרוסן ליובען, סאָניען, די טײַערע פּאָר קינדערלעך און דער מאַמע זייערער. די אויגן אַר־בעטן גוט, טײַערער דאָקטער, נאָר באַנאַכט אין שלאָף שפּרינגען זיי. דעם ברודער א גרוס, אַראָן, און זײַט מיר אַלע געזונט.

אײַער ל. קוויטקאָ

12. צו דעם זעלבן

(23 פעוורואַל 1936)

מײַן ליבער אַראָן!

כ'האָרעווע א סאַך. מיר דאַכט, אז ס'וועט זיך באַ־קומען עפּעס רעכטס. גוט וואָלט געווען, ווען דו קריכסט אַרויס פון דײַן איבערגעלאָדנקײַט און פאַר־שײַעטקײַט און זעצסט זיך אַוועק צו רוּיִקער, דיר פאַסיקער אַרבעט. כ'קען זיך ניט באַפרײַען פונעם געפיל, וואָס מיר איז פאַרבליבן, זעענדיק דיך אין מינסק, — צעטראָגנקײַט, יאָך פון אַרבעט, וואָס דער־לאָזט ניט צו קיין שלאָף, צו קיין מינדסטער מעג־לעכקײַט אַרײַנדרינגען אין איין אַרבעט. עפּעס דאַרפ־סטו זיך אויסקעמפן א קליין אינדזעלע רו (ווי ס'איז קלוג געמאַכט דער קרײַז פאַרן מיליציאָנער, וואָס רעגולירט דעם רווישיקן פאַרקער אַפן צענטראַלן פלאַץ. אַף אָט דעם קרײַז טרעט קיין שום פאָר־ווערק ניט אַרוף).

שרײַב מיר, טײַערער, צי האָט טשוקאָווסקי[18] אײַך צוגעשיקט מאַטעריאַל וועגן מײַנע אַרבעטן. וואָס פאַר אַן אײַנדרוק מאַכן מאַרשאַקס[19] איבערזעצונגען?

13. צו דעם זעלבן

(12 נאָיאַבער 1936)

ליבער מײַנער אַראָן!

כ'האָב פאַרענדיקט מײַן אומגליק, וואָס ציט זיך שוין יאָרן — „יוּינען"[20]. אין א פּאָר וואָכן אַרום וועל איך עס ברענגען קיין מאָסקווע, דו, מייער, אויסלענדער זאָלן א קוק טאָן. כ'האָב אין דעם אַרײַנגעשטעקט די נעשאָמע און לײַב און לעבן, און כ'מיין, אז סע שפּילט. וואָס סע באַאומרויִקט מיך, — מער פון אַלע מײַנע אַרבעטן ביז אַהער — איז, וויאַזוי שטעלט מען עס אַוועק, מע זאָל עס דערזען און איבערלייענען. צוריק מיט א וואָכן צוויי, זײַענ־דיק אין סוכומי, האָב איך באַקומען א טעלעגראַמע פון אײַער פאָרשטייער אין קיִעוו, פּאָרטנאָי, איך זאָל אים איבערגעבן פאַר די „2 פּינפּיאָרן"[21] „יוּינען". ווען איך בין אַהיימגעקומען, איז ער געווען באַ מיר און זיך באַקענט מיט באַזונדערע טיילן פונעם בוך, ס'איז אים שטאַרק געפעלן, און ער האָט אָנגעשריבן צי טעלעפאָנירט אין רעדאַקציע. די טעג, זאָגט ער, וועט ער באַקומען אַן ענטפער...

כ'האָב באַקומען א בריוו פונעם לענינגראַדער דיכ־טער זאַבאָלאָצקי[22], אַן ערנסטער מענטש און זייער א גוטער, אָריגינעלער דיכטער, ער וויל איבערזעצן עפּעס מײַנס. אַזוי, אז אַן ערנסטן איבערזעצער וואָלט איך אויך גֶעהאַט.

ביסט מיסטאָם, ווי פריער, שטאַרק פאַרנומען און פאַריאָגט. זײַ געזונט, מײַן טײַערער. האַרציקע גרוסן דײַנע אייגענע. ענטפער, כ'בעט דיך.

דײַן ל ייב.

14. צו דעם זעלבן

(24 דעקאַבער 1937)

טײַערער אַראָן.

איך בעט דיך צורעכטמאַכן אין ליד[23]. אומבאַ־דינגט זאָלסטו עס טאָן, טײַערער. אין דער ערשטער שורע, אַפן אָרט פונעם וואָרט גרײַז, שטעל אַלטער. אַפן אָרט פון דער אַרויסגעוואָרפענער סטראָפע, אַרײַנשטעלן אָט אָ־די סטראָפע:

בינימינס זון האָט מער פאַרשטאַנען —
אַף גלײַכן וועג ער גייט צום גליק.
קיין קליאַטשע זעט מען מער אין שפּאַן ניט.
א פאָלק א נײַס איז אופגעשטאַנען,
עס גרינדעט שטעט, עס גראָבט באַשטאַנען,
עס קאָכט מעטאַל, עס מײַסטערט באַנען,
א פאָלק מיט יוגנט אינעם בליק!

דערנאָך גייט ווײַטער — „דער שטאַלטנער גרײַז".
אאוו.

אָט די סטראָפע מוזטו אַרײַנשטעלן, סע זאָל ניט בלײַבן הויל די ליד. טו עס.

האַרציקע גרוסן, טײַערער.

דײַן ל ייב.



15. צו דעם זעלבן

(7 אָקטיאַבער 1938)

ליבער אַראָן!

כ'האָב דיר אָפּגעשיקט די צורעכטגעמאַכטע ליי־דער, האָסט זיי מיסטאָם באַקומען. איך אַרבעט. גרייט צו די עטלעכע זאַכן, ווי כ'האָב נאָך באַדאַרפט קלייניקייטן דעראַרבעטן, קעדיי דאָס בוך[24] זאָל האָבן אַ פּאָנעם ווי אַ גאַנצס, כ'מיין, אַז דאָס נײַע בינטל וועט דעם צוגעבן כיין. דײַן רעדאַקציע איז אַ ריכ־טיקע, דו האָסט אויסגעשלאָסן די שוואַכערע זאַכן. דײַן געשמאַק איז אַ ריכטיקער. אָבער מיר דאַכט — אַ ניט גענוג ברייטער. דו שליסט אויס פון פּאָעזיע, דה. פונעם לעבן, עלעמענטן, וואָס עקזיסטירן און זייער עקזיסטענץ איז אינטערעסאַנט און באַומרויִקנ־דיק. הערצער באַוועגן זיי, פרייד אָדער טרערן, האַס אָדער ליבע, מיט איין וואָרט — מענטשלעכע לײַדנ־שאַפטן רופן זיי אַרויס. אַז דו זעסט זיי ניט, זאָגט מיר איידעס דאָס אויסשליסן די ליד „איך ווייס ניט ווו דו לעבסט". איך האַלט זי פאַר איינע פון די בעסטע מײַנע, וואָס זעלטן גיבן זיך מיר אײַן. אין אָט דער ליד זײַנען אָף דער שײַן אַרויסגעבראַכט ווערטפולע מענטשלעכע געפילן. איך אַגיטיר דיך, כאַלילע, ניט, איך באַדויער נאָר, וואָס ס'איז צו דיר ניט דערגאַנגען.

אָפּן פליאַזש איז פולער זומער, ער גייט אין טרוסן און אָן און באָדט זיך צוויי מאָל אין טאָג. ער נעמט זיך ניט צום האַרצן דאָס צעבראָכענע טשעכאָסלאָ־וואַקיע, וואָס די שלענג און עגדעשן צערײַסן־צע־בײַסן[25]. נאָר דער זומער קלעפּט זיך ניט צו מײַן שטימונג. עפּעס יוירט, גערט, ברויעט, דריקט אין מיר, לאָזט מיך ניט צורו. עפּעס פיל איך, אַז ניט דאָס טו איך, וואָס איך וואָלט באַדאַרפט טאָן, און וויאַזוי טאָן, וואָס כ'וואָלט באַדאַרפט, ווייס איך ניט. די צײַט גייט, און איך דריי זיך אָף איין אָרט.

נו, זײַ געזונט, מײַן טײַערער. כ'הער שוין, ווי דו טרייסט מיך, ווי דײַן שטייגער איז, אַז, ערשטנס, ווײַזט זיך מיר אַלץ אויס, צווייטנס, איז עס גאָר־ניט. אַ דאַנק, ליבער.

דײַן לייב קוויטקאָ

16. צו דעם זעלבן

(1938?)

טײַערער אַראָן!

סע דרוקט זיך מײַנס אַ ביכעלע אין ביבליאָטעק „אַגאָניאָק"[26]. די ליד „פּושקין און הײַנע" האָבן זיי, ווי דו זעסט, באַם סאָף געענדערט. איך שיק דיר אויך דעם סאָף פון דער ליד, ווי ס'איז געוווען געדרוקט אין „פּראַוודאַ". אוועלכע פון די צוויי זאָל איך איבערלאָזן?

לייב

באַמערקונגען און קאָמענטאַרן

לייב קוויטקאָ (1890—1952) האָט איבערגעלאָזט אַן עפּיסטאָלאַרישע ירושע, אַ טייל פון וועלכער עס געפינט זיך אין פּערזענלעכע און ליטעראַרישע מעלוכע־אַרכיוון. „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט שוין פאַרעפנטלעכט צוויי בריוו פון ל. קוויטקאָ צו מוישע כאַשטשעוואַצקין (זע נומ. 11 פאַרן 1965), דאַטירט אין די יאָרן 1916 און 1917. איצט האָבן מיר באַקו־מען אַ מעגלעכקייט צו פאַרעפנטלעכן אַ מערערע צאָל בריוו, וועלכע מוישע כאַשטשעוואַצקיס ניט לאַנג פאַרשטאָרבענע ערשטע פרוי סאַרע מאַרקאָוונע קאַ־גאַן־כאַשטשעוואַצקע האָט איבערגעגעבן אין רעשוס פון אונדזער רעדאַקציע. דאָס זײַנען בריוו, אַדרע־סירטע צו איר און צו איר מאַן, וועלכע כאַפּן אַרום אַ פּעריאָד פון 1916 ביזן 1929.

מיר פּובליקירן אויך אַ טייל בריוו, וועלכע לייב קוויטקאָ האָט געשריבן צו דעם באַוווסטן ליטעראַ־טור־פאָרשער און קריטיקער אַרן גורשטיין (1895—1941). די דאָזיקע בריוו, וואָס געפינען זיך אינעם צענטראַלן מעלוכישן אַרכיוו פון ליטעראַטור און קונסט (צגאַלי), געהערן שוין צו אַ שפּעטערדיקן פּע־ריאָד פון לייב קוויטקאָס לעבן און שאַפונג (1929—1938).

אַזוי אַרום, קאָנען די פאַרעפנטלעכטע בריוו געבן אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן ל. קוויטקאָס ליטעראַ־רישן דעבויט ביז די יאָרן פון זײַן גרויסן שעפערישן אויפשטײַג.

מיט מוישע כאַשטשעוואַצקין האָט ל. קוויטקאָן פאַרבונדן אַ גרויסע פרײַנטשאַפט. ביידע האָבן גע־לעבט אַ צײַט אין איין אָרט — אין אומאַן און אַרום אָט דער שטאָט, וואָס איז אין די יאָרן 1915—1920 געווען אַ צענטער פון יידישער קולטור און ווו עס האָבן זיך איבערגעקרייצט די וועגן אויך פון דאַוויד בערגעלסאָן, עזרא פינינבערג און אַנד. מיט אַרן גורשטיינען האָט זיך ל. קוויטקאָ באַפרײַנדעט שוין

שפעטער, אַרבעטנדיק אין כאַרקאָוו אין זשורנאַל „די רויטע וועלט" און אין קיִעוו, וווּהין א. גורשטיין פלעגט אָפט קומען צו פאָרן פון מאָסקווע.

די בריוו, וועלכע מיר פּובליקירן הײַנט, גיבן א מעגלעכקײַט אַרײַנצודרינגען אין דער שעפערישער לאַבאָראַטאָריע פונעם שרײַבער אין די ערשטע יאָרן פון זײַן ליטעראַרישער אַרבעט. אין דער פראַגע, ווען און אין וועלכער אויסגאַבע האָט דעביוטירט דער יונגער לייב קוויטקאָ, איז ביז הײַנט פאַראַן א היפּשער פּלאָנטער. אין זאַלמען רייזינס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע" (צווייטע אויסגאַבע, דריטער באַנד, ווילנע, 1929, ז. 581) ווערט געזאָגט, אַז קוויטקאָ האָט „דעביוטירט אין זאַמלבוך „אייגנס", קיִעוו, 1918". ל. וואַרטמאַן שרײַבט אינעם אַרײַנפיר צו ל. קוויטקאָס „צוויי כאַווירים" („ליאָם און פּעטריק", ספּעציעל באַאַרבעט פאַר דער שול. פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1933), אַז דער שרײַבער איז אין מאָמענט פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע „געווען אין קיִעוו, און דעמלט טאַקע האָט ער אָפּגעדרוקט זײַן ערשטע ליד אין דער אייניטאָגיקער צײַטונג „דאָס פרײַע וואָרט". אין 1918 האָט ער אַרויסגעלאָזט א ביכעלע קינדער־לידער". ווידערשפּרעכלעך זײַנען אויך אַנדערע קוואַלן.

מיר טראָגן דעריבער אַרײַן, בא דער געלעגנהײַט, א פּאַראַפּינקטלעכונג. אין דער קיִעווער צײַטונג „נײַע צײַט" פאַרן 7 (20) סענטיאַבער 1917 ווערט געמאָלדן, אַז אין „קיִעווער פאַרלאַג" איז דערשינען ל. קוויטקאָס ביכעלע „לידעלעך". אין דער זעלבער צײַטונג געפינען מיר צוויי לידער, וועלכע ל. קוויטקאָ האָט דאָרט פאַרעפנטלעכט: „האַרבסט" (נומ. 69 פאַרן 5(18) דעקאַבער 1917) און „צו־די זקיינים" (נומ. 4(92) פאַרן 6(19) יאַנוואַר 1918).

אָבער ס'איז באַוווּסט, אַז ל. קוויטקאָ האָט אָנגעהויבן שרײַבן א סך פריִער. דעם דיכטערס פרוי בעטיע קוויטקאָ דערציילט, אַז ווען זי האָט זיך צום ערשטן מאָל, אין אומאַן, 1915, באַגעגנט מיט לייב קוויטקאָ, האָט ער „שוין אין דעם ערשטן אָוונט אַרויסגענומען פון דער הויזן־קעשענע א שמאָל העפטל און אָנגעהויבן לייענען זײַנע לידער" (זע „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 1 פאַרן 1963, ז. 113).

אייניקע פון די דאָזיקע ערשטע, ניט פאַרעפנטלעכטע לידער האָבן מיר געפונען דאָ ניט לאַנג אין מ. כאַשטשעוואַצקיס אַרכיוו. אין א בריוו צו כאַשטשעוואַצקין, וועלכן קוויטקאָ האָט אָנגעשריבן אין 1916 (פּובליקירט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 9 פאַרן 1965, ז. 141), איז פאַראַן אַזאַ אָרט: „איך שיק דיר א צוויי־דרײַ לידלעך מיט א טנאַי — מיר באַלד אָנשרײַבן". אָט זײַנען די דאָזיקע לידער:

א קערעלע עמעס פונעם מילגרוים שעקער

אָ, איך פלי אין לופטן
און טראָג דער זון א גרוס!
(איך ווייס, איך בין אין צימער
און דריי זיך אַף איין פוס).

אָ, איך דרינג אין אָוואר,
צעקעם דאָרט אירע האָר!
(איך ווייס, איך בין אין צימער
און שנײַד די נעגל גאָר).

אָ, איך שוועב אין לעבן
און רײַס די פרישסטע שרויט!
(איך ווייס, איך בין אין צימער,
און אין מיר דער טויט).

באם ברונעם

איך שלעפּ מיט דער קאָרבע דעם עמער,
ער ציטערט;
ער טריפט און פארלירט די פיל פּערעלעך
טראָפּנס
און פליטערט.

נאָך טיף איז דער עמער, דאָך פּערל
פארלאָזט ער.
ער ציטערט: אוי, טאָמער דאָ קומט ער ארויסעט
א פּוסטער...

איך טרעף און פארליר פון מײַן יוגנט די פּערל
און פלאטער:
אוי, טאָמער דאָ קום איך צום טיש פונעם לעבן
א טויטער!..

האלאוואנעווסק

די וועלט

ס'ווייסט ניט די וועלט, ווו זי איז אין דער וועלט,
זי איז אין איר טויהע אזוי דאָך פּאַרדרייט!
פאַרפּלאָנטערט אין שמייכל, מיט זשום אינעם
קעפּל,
און וועבט זי ציקאַווע איר שטרויענע פרייד...

זי טאַנצט. און די ווונדן פאַרקילן זיך
שטאַרקער,
דערלאַנגען זיך פינגער און שפּרייטן זיך אויס...
א קנייטש מיט איר נעזל, און דרייט זיך
לײַכטזיניק —
עס איז פאַר איר קעפּל דער פּלאָנטער צו
גרויס...

נאָדיר א וואָך פון מײַנע וואַכן

זיבן עמערלעך רעגן־וואַסער,
קאַלעמוטנע, געלע;
זיבן מאַפּעלעך ברודיק־גרויע,
וואָס שמעקן מיט נעוויילע...

זיבן מאָל דער מאַכער „אייביק"
דער וועלט געגעבן שאָלעם;
זיבן שפּײַ פון גרעסטן עמעץ
אַף דער וועלט דעם כאָלעם.

ווי אונדז איז באַוווסט, האָט ל. קוויטקאָ קיין איינע פון די דאָזיקע לידער ניט איינגעשלאָסן אין קיין זאמלונג און ביכלאַל זיי ניט געדרוקט.

1 שייוקע — ל. קוויטקאָס א יוגנט־פרײַנט. אין א בריוו צו מ. כאַשטשעוואצקין האָט קוויטקאָ נאָך פריִער געשריבן: „...הער: לייבל דער באָבעס, דער האָלאָסקאָוור פּאָעט (האָלאָסקאָוו — א דאָרף אָף פּאָדאָליע, ווו ל. קוויטקאָ איז געבוירן געוואָרן. — כ. ב.), מישאָקס פרײַנט, דער מוזעס „באַהעלפער" — האָט זיך פאַרליבט אין א מיידל. אָ, א ווילע, טײַערע נעשאָמע. און ס'איז מיר גוט, אוי גוט. שרײַב איר א גרוס, שייוקע הייסט זי..."

2 שמועל ניגער (1883—1955) — יִדישער ליטעראַטור־קריטיקער. אין דער צײַט, צו וועלכער עס געהערט דער בריוו, האָט ש. ניגער געלעבט אין פעטערבורג (כאַשטשעוואצקי האָט דעמלט זיך געפונען אויך אין פעטערבורג) און זיך פאַרנומען מיט פאַרלעגערישער טעטיקײַט, רעדאַקטירט א ריי ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע זאמלביכער.

3 יעכעזקל דאָברושין (1883—1953) — יִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור־קריטיקער און דראַמאַטורג. אין יענער צײַט געוווינט אין קיִעוו. געווען איינער פון די גרינדער פונעם פאַרלאַג „קולטור־ליגע".

4 „פורים־בלאַט" — א צײַטונג, וועלכע איז אין יענער צײַט ארויסגעגאנגען אין פעטראָגראַד.

5 אין „קיִעווער פאַרלאַג" זײַנען דעמלט שוין דערשינען עטלעכע ביכלעך פאַר קינדער, צווישן זיי דעם ניסטערס „שרעטעלעך".

6 לייקע — לייב קוויטקאָס שוועסטער, פריִ געשטאָרבן. אין א ווידמונג צו דער פּאָעמע „א רײַזע אָף מיזורעך" (זע די זאמלונג „רײַזעס און פּאָעמעס", פאַרלאַג „ליטעראַטור און קונסט", כאַרקאָוו, 1934) שרײַבט ל. קוויטקאָ: „לייקען, וואָס האָט אָפּגעגעבן איר יונג קאָמיוגיש לעבן דעם בויענדיקן לאַנד".

7 געמיינט יעכעזקל (כאַצקל) דאָברושין.

8 איינע פון ל. קוויטקאָס ערשטע פּאָעמעס, ניט פאַרעפנטלעכט.

9 עס גייט, אפּאָנעם, א רייד וועגן דעם זאמלבוך „אייגנס" (דער ערשטער נומער ארויס פון דרוק אין 1918). לייב קוויטקאָ איז אין אָט דעם נומער פאַרגעשטעלט מיט די לידער „מײַן אויצער", „א שווײַגנס", „ווײַבער", „א רעגן", „איך וויים נישט...", „נאַכט" און „אָוונט".

10 געמיינט די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „רויטע וועלט", ווו ל. קוויטקאָ האָט דעמלט געאַרבעט אלס פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר און מיטגליד פון רעדקאָלעגיע.

11 „דערזשאַוונע ווידאַווניצטוואָ אוקראַיִני" (מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַיִנע), וועלכער האָט ארויסגעגעבן דעם זשורנאַל „רויטע וועלט".

12 עזראָ פינינבערג (1899—1946) — יִדישער סאָוועטישער פּאָעט, געווען דער שטעלפאַרטרעטער פונעם פאַראַנטוואָרטלעכן סעקרעטאַר פון דעם זשורנאַל „רויטע וועלט".

13 וועגן וואָס פאַר א פּאָעמע דאָ גייט א רייד, איז ניט אויסגעקלאָרט.

14 עס גייט, ווײַזט אויס, א רייד וועגן מ. כאַשטשעוואצקיס ביכל לידער „האַרטע וואָר", וואָס איז דערשינען אין 1924. לייב קוויטקאָ איז אין יענעם יאָר געווען אין דײַטשלאַנד, און צו אים איז דאָס ביכל אריינגעפאַלן אין די הענט שוין אין א צײַט ארום, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אָף אוקראַיִנע.

15 כאַשטשעוואצקיס ליד „אלע ווערטער שוין גערעדטע" איז דערנאָך אריין אין זײַן זאמלונג „אין שווערן גאנג", וועלכע איז דערשינען אין 1929.

16 אָפיציִעל איז איצט אָנגענומען, אז לייב קוויטקאָ איז געבוירן געוואָרן אין 1890.

17 נויעך לאָנדאָן (געב. 1888) — יִדישער זשורנאַליסט און קולטור־טוער, אַווטאָר פונעם בוך „מיט דער אמעריקאַנער עקספּעדיציע קיין ביראָבידזשאַן", וועלכער איז דערשינען אין כאַרקאָוו אין 1930.

18 טשוקאָווסקי קאָרניי איוואַנאָוויטש (1882—1968) — רוסישער סאָוועטישער שרײַבער, איינער פון די ערשטע איבערזעצער פון ל. קוויטקאָס קינדער־לידער אָף רוסיש, אָנגעשריבן וועגן קוויטקאָס שאַפונג א ריי ארטיקלען.

19 מאַרשאַק סאַמויִל יאַקאָוולעוויטש (1887—1964) — רוסישער סאָוועטישער דיכטער, איבערזעצער אָף רוסיש פון ל. קוויטקאָס אייניקע קינדער־לידער.

20 „יוינע" — א פּאָעמע, איבער וועלכער ל. קוויטקאָ האָט געאַרבעט אין מעשעך פון לאַנגע יאָרן. דער ערשטער אויסצוג פון דער דאָזיקער פּאָעמע אונטערן נאָמען „דער שטעקן האָט צוויי עקן" איז געווען פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל „פּאַרמעסט", נומ. 4 פאַרן 1935. קאַפּיטלעך פון דער פּאָעמע אונטערן נאָמען „נאַכמען־יאַמטעוו דער קוריער" זײַנען דערנאָך געדרוקט געווען אינעם אלמאַנאַך „סאָוועטיש", נומ. 4 פאַרן 1937.

21 „2 פינפיאָרן" — א זאמלבוך.

22 זאַבאָלאָצקי ניקאָלײַ אלעקסייעוויטש (1903—1958) — רוסישער סאָוועטישער פּאָעט. ווי אונדז איז באַוווסט, האָט ער זײַן פאַרלאַנג איבערצוזעצן ל. קוויטקאָס ווערק ניט פאַרווירקלעכט.

23 עס גייט, ווײַזט אויס, א רייד וועגן ל. קוויטקאָס בוך „נײַע לידער", וועלכן עס האָט רעדאַקטירט א. גורשטיין. דער בוך איז דערשינען אין פאַרלאַג „דער עמעס" אין 1939.

24 דאָס זעלבע.

25 עס גייט א רייד וועגן דער אָקופּאַציע פון טשעכאָסלאָוואַקיע מיצאַד דעם היטלערישן דײַטשלאַנד.

26 ווי אונדז איז באַוווסט, איז דאָס דערמאָנטע ביכל ניט דערשינען.

צוגעגרייט צום דרוק און קאָמענטאַרן—כ. בײַדער

לייב ווילסקער

וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פון דער
לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק

אומבאַוווּסטע „אויסדערוויילטע אפאָריזמען פון פילאָסאָפן”

דער קסאוויאַד, וועגן וועלכן מיר וועלן ווײַטער ריידן, איז דערגאַנגען צו אונדז ניט אינגאַנצן. ס'פעלן די ערשטע צוויי בלעטער און עטלעכע פעלן באַם סאָף. דער קסאוויאַד באַשטייט פון 295 בלעטער (צווישן זיי איינע אָן טעקסט) פון פּאַרמעט. דער טעקסט איז געשריבן דורך איין סויפער, מיט א שיינעם קסאַוו, וואָס איז קימאַט פולקאָם לייענבאַר. יעדע בלאַט איז געשריבן אַף ביידע זײַטן, אין צוויי שפּאַלטן.

דאָס ווערק באַשטייט פון דרײַ טיילן: 1. דער אַרײַנפיר (פון 14 בלעטער זײַנען געבליבן בלויז 12) מיט אַן אַנאָטאַציע פון די אינהאַלטס־איינהײַטן, וועלכע גייען אַרײַן אין קסאוויאַד; 2. דער אייגנטלעכער טעקסט, וואָס אַנטהאַלט אַלע 85 טיטלען, וועלכע זײַנען אָנגעוויזן אינעם אַרײַנפיר (די בלעטער 13—290, ערשטע זײַט); 3. איינציקע בײַלאַגעס.

אַפן ערשטן זײַטל פון דער 290־טער בלאַט איז אין 4 שורעס אָנגעשריבן:

נשלם יום ראש חדש אלול פ״ט לפרט השם ברחמיו.

יזכני להגות בו אני וזרעי וזרע זרעי עד סוף כל הדורות אמן ויקיים בנו קרא דכתיב והגית בו יומם ולילה למען תשכיל בכל אשר תלך חזק ונתחזק הסופר לא יזק לעולם אמן.

אַף ייִדיש הייסט עס:

„ס'איז פאַרענדיקט געוואָרן רוישכוידעש עלעל אין 89־טן יאָר לויט דער געקירצטער צײַט־רעכענונג. זאָל גאָט מיט זײַן גענאָד זוכע מאַכן מיך און מײַנע קינדער און קינדסקינדער ביזן סאָף פון אַלע דוירעס צו לייענען דאָס בוך. אָמיין. און זאָל מעקוייעם ווערן אַף אונדז דער פּאָסעק: „און דו זאָלסט לייענען אים טאָג און נאַכט, קעדיי דו זאָלסט באַגליקן אומעטום, ווו דו וועסט גיין. שטאַרק זיך און לאָמיר זיך שטאַרקן. דעם סויפער זאָל קיינמאָל נישט שאַטן. אָמיין”.

א באַזונדערן אינטערעס שטעלן פאָר די „אויסדערוויילטע אפאָריזמען פון פילאָסאָפן” — „לקוטין ממשלי הפלוסופים” (ליקוטין מימישליי האַפילאָסאָפים), ווײַטער „ליקוטין”, האָגאַם זיי פאַרנעמען אינגאַנצן 5 זײַטלעך פונעם קסאוויאַד און אין אינהאַלט שטייען זיי אַפן אַכציקסטן אָרט.

אונדזער אויסוואַל איז ניט קיין צופעליקער. שפּריכווערטער, מעשאָלים, גלײַכווערטלעך געהערן צום גײַסטיקן אוצער פון די פעלקער פון דער וועלט. אין זיי קאָן מען געפינען אַזוינס, וואָס איז ספּעציפיש פאַר דער אָדער יענער עפּאָכע און וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס נאַציאָנאַלע און אָפּטמאָל דאָס אַלגעמיין מענטשלעכע. ס'איז באַקאַנט, אַז גלײַכווערטלעך זײַנען עלטער באַ אַלע פעלקער, איידער זייער שריפט. שוין אין ווײַטן אַלטערטום האָבן די קולטורעלע פעלקער פאַרשריבן זייערע שפּריכווערטער און געדאַנקען. די ייִדן זײַנען ניט געווען קיין אויסנאַם. נעמט, לעמאָשל, די ביכער קהלת (קויהעלעס), צי פּרקי אבות (פּירקיי אָוועס), צי משלי בן סירא (מישליי בען סירא), אָדער די ייִדיש־אַראַמעיִשע, ייִדיש־אַראַבישע ליטעראַטורן פון אַלטערטום און פון מיטלאַלטער, וועלכע זײַנען איבערפולט מיט מאַטעריאַלן פון דעם זשאַנער. „ליקוטין” איז אינטערעסאַנט און ווערטפול מיט דעם, וואָס ער באַווײַזט, מיט וואָס א ייִד האָט אין מיטלאַלטער זיך געסטאַרעט צו באַרײַכערן זײַן באַגאַזש אין אָט דעם געביט.

קעדיי ווי געהעריק אָפּצושאַצן די וויסנשאַפטלעכע ווערט פון דעם אַנטדעקטן קסאוויאַד, האָבן מיר באַשלאָסן אַנאַליזירן יעדעס גלײַכווערטל (אַפאָריזם) און געפינען זײַן מאָקער. מיר זײַנען געקומען צום אויספיר, אַז די גרעסטע צאָל גלײַכווערטלעך, וועלכע זײַנען דאָ געבראַכט, זײַנען אין ערגעץ, אויסער דעם געפונענעם קסאוויאַד, ניטאָ, און צווישן די, וואָס זײַנען באַוווּסט אויך פון אַנדערע קוועלן, זײַנען א סאַך געבראַכט אין אַן אַנדער רעדאַקציע.

דער קסאָוויאַד איז פֿאַרענדיקט געוואָרן דעם 26־טן יול 1329 לויטן יוליִאַנישן קאַלענ־דאַר. די פֿאָרשונג פֿון קסאָוויאַד רופֿט נישט אַרויס קיין צווייפֿל אין דער דאַטע. עס ווערט געוואָרפֿן אַ געוויסע שײַן אויך אויפֿן סויפֿער גופֿא. דאָס, וואָס דער קסאָוויאַד איז געשריבן ניט לויט אַ באַשטעלונג פֿון אַ מעצענאַט, נאָר פֿאַר דעם סויפֿער אַליין, פֿאַר זײַנע אייגענע קינדער און קינדסקינדער, זאָגט אײדעס וועגן דעם, אַז דער סויפֿער איז געווען אַ פֿאַרמעג־לעכער מאַן.

דער צונויפֿשטעל פֿונעם קסאָוויאַד אַנטפּלעקט די אינטערעסן פֿון דעם סויפֿער. אויסער קאָלערליי דינים, וועלכע אינטערעסירן יעדן גלייביקן ייִדן, אויסער די טשווּוועס פֿון סאַאַדיע גאָען און אויסער די ענטפֿערס פֿונעם ראַמבאַם, צי אַסטראָלאָגיע איז אַן עמעסע לערע, צי ניט, געפֿינט מען דאָ אויך אַזעלכע ווערק ווי: „אויסדערוויילטע אַפּאָריזמען פֿון פֿילאָסאָפֿן”, „די לענג פֿון דער וועלט”, „די פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון די שיווּים (שבעים, דה. 70) לעשוינעס פֿון דער וועלט, די פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון די לענדער”, „וועגן די בעהיימעס און כײַעס, און וויפֿל צײַט דויערט, ביז וואַנען זיי געבוירן”, „דער קריסטלעכער קאַלענדאַר לויט די כאַדאָשים פֿון דער זון” אאַ.

אין אונדזער רעשוס זײַנען געווען אייניקע באַגלייבלעכע אַרבעטן אויף דער דאָזיקער טעמע. ווײַטער ברענגען מיר אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק פֿון די קוועלן, וואָס פֿון זיי האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן אָפּזוכן שפּורן אין „ליקוטין”. דאָס דאַרף באַטײַטן, אַז אָט די קוועלן זײַנען, אייגנטלעך, געווען אַ טייל פֿון דער קסאָוויאַדן־ביבליִאָטעק פֿונעם מעכאַבער פֿון „ליקוטין”.

דער ראָמאַן וועגן אַלעקסאַנדער מוקדן

אַ זאַמלונג פֿון פֿאַנטאַסטישע סוזשעטן מיט אַ היסטאָרישן קערן — וועגן דעם לעבן פֿון אַלעק־סאַנדער מוקדן. דער ראָמאַן איז פֿאַרשפּרייט אין פֿיל ליטעראַטורן פֿון דער וועלט דורך פֿאַרשיידענע איבעראַרבעטונגען. דער מאָקער פֿון זיי איז איי־נער: דער היסטאָרישער ראָמאַן, וועלכן עס האָט אָנגעשריבן אַן אומבאַוווּסטער שרײַבער אין גריכיש, אַן ערעך 200 יאָר פֿאַר אונדזער צײַט־רעכענונג, אויפֿן יעסאָד פֿון היסטאָרישע כיבורים און מיזרעך־לעגענ־דעס. אין אינהאַלט פֿונעם ראָמאַן פֿילט זיך אויך די פֿאַנטאַזיע פֿונעם מעכאַבער. אַגעוו, דער מעכאַבער האָט אָנגעוויזן אויף קאַליסטען — אַריסטאָטעלס אַ טאַלמיד, וואָס האָט באַגלייט אַלעקסאַנדער מוקדן אין זײַנע מילכאָמעס — אַלס דעם אַווטאָר פֿונעם ווערק. דערפֿאַר טאַקע איז דער ראָמאַן אַדהײַעם באַוווּסט מיטן טיטל: „פּסעוודאָ־קאַליסטען”.

ס׳זײַנען פֿאַראַן צוויי ליניעס אין דער אַרומוואַנד־לונג פֿונעם ווערק: אַ מיזרעכדיקע און אַ מײַרעווו־דיקע. ביידע רעדאַקציעס זײַנען פֿאָרגעשטעלט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור.

אין „ליקוטין” איז געבראַכט אַ היפּשע צאָל סענ־טענצן פֿון קלוימערשט געשריבענע בריוו פֿון אַלעק־סאַנדער מוקדן צו זײַן מוטער, נאָכדעם ווי ער איז פֿאַרסאַמט געוואָרן. אויסער דעם, גייען אַרײַן אין „ליקוטין” אויך סענטענצן, וועלכע עס זאָלן האָבן געזאָגט די פֿילאָסאָפֿן באַם אָרן פֿון אַלעקסאַנדער מוקדן[1].

„מוסרי הפילוסופים” (די מאָראַל פֿון די פֿילאָסאָפֿן)

דער אַווטאָר פֿון דעם ווערק איז כוניין איבן איסכאַק — אַן אַראַבער, אַ קריסט לויטן גלויבן (809—878). ער איז געווען אַ געלערנטער אין פֿיל געביטן; פּערפֿעקט געקענט ניט נאָר זײַן אייגענע אַראַבישע שפּראַך און ליטעראַטור, נאָר אויך די סירישע און גריכישע. אין דער יוגנט האָט ער גֿעלעבט אין ביזאַנט, ווו ער האָט שטודירט מעדיצין, פֿילאָסאָפֿיע און גריכישע ליטעראַטור. איבערגעזעצט אייניקע קלאַסישע ווערק אויף סיריש און אַראַביש. אויך אָנגעשריבן אַן אָריגינעל ווערק אין אַראַביש.

כוניין איבן איסכאַקס אָריגינעל ווערק אויף אַראַביש האָט גלענצנד איבערגעזעצט אויף העברעיִש דער גע־ניִאַלער דיכטער יעהודע אַלכאַריזי (1170—1235). ער האָט עס אָנגערופֿן „מוסרי הפילוסופים”. דאָס ווערק האָט געהאַט אַ גרויסן אײַנפֿלוס אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור. געלערנטע געפֿינען שפּורן פֿון אַלכאַריזיס איבערזעצונג אַפֿילע אין איינעם פֿון די קלאַסישע ווערק פֿון שילערן[1].

אין „ליקוטין” זײַנען אײַנגעשלאָסן 12 סענטענצן פֿון „מוסרי הפילוסופים”.

„מבחר הפנינים” (אויסדערוויילטע פּערל).

דער גאָניִאַלער העברעיִשער פּאָעט און דענקער פֿונעם מיטלאַלטער שלוימע בען יעהודע איבן גאַבי־ראָל (1021/1022—1058) האָט, צווישן אַנדערע, גע־שאַפֿן אין אַראַביש אַ זאַמלונג פֿון מאָראַלישע סענ־טענצן און שפּריכווערטער, געזאַמלטע פֿון פֿאַרשיי־דענע קוועלן, קוידעמקאָל פֿון אַראַבישע. די דאָזיקע דידאַקטישע זאַמלונג האָט איבערגעזעצט אויף העברעיִש יעהודע איבן טיבאָן (1020—1090) און זי אָנגערופֿן „מבחר הפנינים”. אין די סענטענצן שפּיגלט זיך אָפּ די וועלט־אָנשויונג פֿון איבן גאַבירואָלן, וועלכע דרינגט אַרויס סײַ פֿון זײַנע דיכטערישע, סײַ פֿון זײַנע פֿילאָסאָפֿישע ווערק, אַזעלכע, ווי דאָס באַרימ־טע „קוואַל פֿון לעבן”.

עטלעכע און דרײַסיק סענטענצן פֿון איבן גאַבירואָל זײַנען אײַנגעשלאָסן אין „ליקוטין”, צווישן זיי זײַן קרעדאָ: „קלוג איז דער מענטש, קאָלזמאַן ער זוכט און פֿאָרשט די כאָכמע. ווי נאָר ער מיינט, אַז ער האָט זי ענדגילטיק דערגרייכט, ווערט ער אַ שויטע”.

[1] וואַריִאַנטן פֿון אייניקע פֿון די סענטענצן זײַנען ניט לאַנג צוריק באַוווּסט געוואָרן אויך אין רוסיש אַדאַנק דער איבערזעצונג פֿון סיריש, וועלכע עס האָט פֿאַרעפֿנטלעכט ג. ס. גלוסקינאַ.

[1] זע: רבי יהודה אלחריזי. תחכמוני. נערך... ע״י ד״ר א. קאַמינקאַ. וואַרשע, 1899, זז. 41, 42 פֿונעם אַרײַנפֿיר.

„בן המלך והנזיר" (דער פרינץ און דער דערוויש)

דער אווטאָר פונעם ווערק איז דער באַוווסטער העברעיִשער שרײַבער אווראַהאַם איבן כיסדאַי, וועלכער האָט געלעבט אין באַרצעלאָן אין דער ערשטער העלפט פון XIII יה. ער האָט באַרײַכערט די העברעיִשע ליטעראַטור מיט ערשטקלאַסיקע איבערזעצונגען פון פּאָעטישע און פילאָסאָפישע ווערק פון אַראַביש. צווישן זיי — פון „בן המלך והנזיר". דער אינהאַלט פונעם ווערק שטאַמט פון אַ גריכישן ראָמאַן, וואָס איז מיט דער צײַט באַוווּסט געוואָרן אַלס אַן אַלט־אינדישע דיכטערישע שאַפונג — „באַרלאַאַם און יאָסאַפאַט" — און איז אָנגענומען אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור ווי דער בעסטער מיטלאַלטערלעכער ראָמאַן.

אַף וויפל דאָס ווערק איז פּאָפּולער בײַ ייִדן, זאָגט איידעס דער פאַקט, אַז ס'האָט אויסגעהאַלטן צענדליקער אויסגאַבעס (דאָס בוך איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין ייִדיש).

די געשיכטע פון די איבערזעצונגען איז אַזאַ. דער ערשטער וואַריִאַנט איז געווען געשריבן אַף סאַנסקריט. פון סאַנסקריט איז דאָס ווערק איבערגעזעצט געוואָרן אַף דער אַלטפּערסישער שפּראַך פּעכלעווי, און אין פּעכלעווי האָבן זיך באַוויזן צוויי פאַרשיידענע רעדאַקציעס — איינע אין מוסולמענישן גײַסט, די צווייטע — אין קריסטלעכן. ביידע רעדאַקציעס זײַנען גאַנץ ווײַט פונעם סאַנסקריטישן אָריגינאַל. זיי זײַנען געלייגט געוואָרן אין יעסאָד פון קאָלערליי אייראָפּעיִשע רעדאַקציעס. אַלע ווײַטערדיקע איבערזעצער פלעגן דאָס ווערק צופּאַסן צו זייער גלויבן און צו זייערע אָנשויוּנגען. אַדאַנק דער הויפּט־אידיי פונעם ראָמאַן — ליבע צו יעדן מענטשן — איז ער געוואָרן פאַרשפּרייט סײַ בײַ קריסטן, סײַ בײַ מוסולמענער, סײַ בײַ ייִדן. אַ סאַך מאָטיוון זײַנע האָבן געהאַט אַ גרויסע האַשפּאָע אַף שריפטשטעלער אין דער צײַט פון רענעסאַנס און ווײַטער (אַף באָקאַטשאָ, שעקספּיר, לאָפּע דע וועגאַ און אַנדערע).

דער ראָמאַן „בן המלך והנזיר" איז אַף אַזויפיל העברעיִזירט לויט זײַן גײַסט, אַז מ'קען אים מיט רעכט גיכער האַלטן פאַר אַן אָריגינעל ווערק, איידער פאַר אַן איבערזעצונג.

י. צינבערג איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געשריבן: „אין די שפּעטערדיקע דורות, בייס דאָס ייִדישע לעבן אין אייראָפּע איז אַלץ פינצטערער געוואָרן און אַ טונקעלער שלייער פון טיפן טרויער האָט דאָס גאַנצע געטאָ אײַנגעהילט, איז איבן כיסדאַיס „בן המלך והנזיר" מיט זײַן האַרציק־רעליגישן טאָן געוואָרן איינס פון די באַליבטסטע ביכער בײַ ייִדן" (י י ס ר אָ ע ל צ י נ ב ע ר ג. „די געשיכטע פון ליטעראַטור בײַ ייִדן". בוענאָס־אײַרעס, ב. 1, 1964, ז. 215).

אייניקע סענטענצן פון „בן המלך והנזיר" געפינען מיר אין „ליקוטין".

„ספר שעשועים" (דאָס שפּיל־בוך)

דער אווטאָר פון דעם בוך איז יוסף אבן־זבארה (יויסעף איבן זאַבאַרע, ער איז געבוירן געוואָרן אין באַרצעלאָן אין 1140 און דאָרט געוווינט דאָס גאַנצע לעבן). זײַן „ספר שעשועים" געהערט צו די בעסטע ווערק פון די מאַקאַמען (מאַקאַמע — אַ ספּעציִעלער זשאַנער, וואָס באַשטייט פון געגראַמטער פּראָזע, אין וועלכער עס זײַנען אײַנגעפּאַסט לידער; דערגרייכט צו דער העכסטער אַנטוויקלונג בײַ ייִדן אין XIII יה. דער זשאַנער שטאַמט פון דער אַראַבישער ליטעראַטור).

„ספר שעשועים" איז, אייגנטלעך, פון די ערשטע פּרוּוון צו שאַפן אַ ראָמאַן אין העברעיִש. אין בוך געפינט מען, אויסער דעם ריין בעלעטריסטישן אינהאַלט, זאַבאַרעס ספּעציפישע אינטערעסן: מעדיצין, נאַטורקענטעניש אאַוו. דאָרט זײַנען אַרײַנגעפלאָכטן זײַטיקע מײַסעס און מעשאָלים. אָט די מאַניר פון שרײַבן האָט זיך זאַבאַרע אויסגעלערנט בײַ די אַראַבער, און זיי פון זייער זײַט זײַנען געווען גוטע טאַלמידים פון אַנדערע, וואָס האָבן עס אויסגעלערנט בײַ די אינדוסן.

אין „ספר שעשועים" האָט דער מעכאַבער אײַנגעפלאָכטן 15 מײַסעס און הונדערטער קורצע מעשאָלים, אַנעקדאָטן און סענטענצן, וואָס זײַנען גענומען איבערהויפּט פון אַראַבישע קוועלן.

אין „ליקוטין" איז פאָרגעשטעלט איין סענטענץ פון „ספר שעשועים" (נומער 280).

„המבקש" (דער זוכער)

דער אווטאָר איז שם־טוב בן יוסף פלקירה (שעמטאָוו בען יויסעף פאַלאַקיירע, געבוירן אין צאָפן־שפּאַניע אַרום 1225 און געשטאָרבן נאָכן 1290). פאַלאַקיירע איז געווען אַ מענטש מיט ענציקלאָפּעדישן וויסן, אַ גרינטלעכער קענער סײַ פון דער גריכישער, סײַ פון דער אַראַבישער פילאָסאָפיע און אַ גרויסער אָנהענגער פונעם ראַמבאַם און פון איבן גאַבירואָל. „דער זוכער" איז לויט דער פאָרם אַ מאַקאַמע, אין וועלכער עס ווערט אויפמערקזאַם געמאַכט אַף דער וויכטיקײַט פון די וויסנשאַפטן.

„דער זוכער" איז אַ יונגער מענטש, וואָס זוכט דאָס עמעסע גליק, די העכסטע מאַדרייגע פון שלייִמעס. ער וויל זיך דערוויסן, וואָס עס זײַנען די וויכטיקסטע וויסנשאַפטן פון זײַן צײַט. ער לאָזט זיך גיין פון איין לערער צום צווייטן — פון אַ גוואַלדיקן אוישער צו אַ שטאַרקן גיבער; פון אים צו אַ באַוווּסטן מײַסטער, צו אַ גרויסן רויפע, צו אַ באַרימטן כאָסיד, צו אַ גראַמאַטיקער, אַ דיכטער, אַ פרומען גלייביקן, אַ קענער פון אַריפמעטיק, אַ קענער פון אַלגעברע, אַ קענער פון אָפּטיק, אַן אַסטראָנאָם, אַ מוזיקאַנט, אַן אָראַטאָר, אַ נאַטורקענער און צולעצט צו אַ פילאָסאָף. ער שטעלט אָפּט אַזוינע פראַגן זײַנע לערער, אַף וועלכע זיי זײַנען ניט שטענדיק בעקויעך צו ענטפערן. דער פילאָסאָף ענטפערט ניט אַף די פראַגן פונעם „זוכער", נאָר לייגט אים פאָר לייענען ביכער און דורך דעם זיך אַלץ דערוויסן.

דעם זאַמלער פון „ליקוטין" איז געפעלן געוואָרן די סענטענץ פון „המבקש": „אויב אַ מענטש הערשט ניט איבער זײַן קאַס, איז זײַן אינטעלעקט ניט גאַנץ", און ער האָט זי אײַנגעפּאַסט אין זײַן ווערק.

עס לאָזן זיך מערקן נאָך אייניקע קוועלן פון די מיטצײַטלער פונעם אוטאָר פון „ליקוטין", לעמאָשל פון „צרי היאַגוין" (צרי האיאַגוין — א רעפּוּע קעגן טרויער). דער אוטאָר פון אָט דעם ווערק איז ביז הײַנט ניט באַוווּסט. אַלפיטאַעס איז עס געוווּן צוגעשריבן דעם זעלבן שעמטאָוו פּאַלאַקירא. אין „ליקוטין" געפינט זיך א שפּריכוואָרט פון דעם ווערק.

„בית הבחירה" (דער בייס־האַמיקדעש)

א באַרימטער פּיירעש אפן טאַלמוד פון מנחם בן שלמה מאירי (מענאַכעם בען שלוימע מעיִרי, זײַן פּראָוואַנסאַלער נאָמען: דאָן ווידאַל־סאָלאָמאָן, געבוירן אין פּערפּיניאַן אין 1249, געשטאָרבן אין 1306) — איינער פון די גרעסטע ראַמבאַמס אָנהענגער און פאַרטיידיקער פון וועלטלעכע וויסנשאַפטן (חכמות חיצוניות) בא ײדן. „בית הבחירה" צייכנט זיך אויס מיט זײַן לאַגישער אַרכיטעקטאָניק און איינפאַכער שפּראַך. דער ליטעראַריש־היסטאָרישער אַרײַנפיר (פּתיחה) צום טראַקטאַט „פּרקי אבות" (פּירקיי אָוועס) אַנטהאַלט א וויסנשאַפטלעכן שטרענג כראָנאָלאָגישן היסטאָרישן איבערזיכט פון די טאַנאָים אָן ביז צו דער צײַט פונעם מעכאַבער.

כאָטש מיר קאָנען ניט אָנרופן דעם נאָמען פונעם אוטאָר פון „ליקוטין", איז זײַן וועלט־אויפאַסונג פאַר אונדז, אין אַלגעמיין, קלאָר. לאָמיר איבערפראַזירן א גוט באַקאַנטן אויסשפּרוך: „זאָג מיר, וואָס דו האָסט אין דײַן ביבליאָטעק, וואָס געפעלט דיר פון דעם, וואָס דו לייענסט, און וועגן וואָס דו שרײַבסט, וועל איך דיר זאָגן, ווער דו ביסט".

דער מעכאַבער פון „ליקוטין" איז זיכער איינער פון די אינטערעסאַנטע קולטור־פּערזענלעכקײַטן פון זײַן צײַט.

„לקוטין ממשלי הפילוסופים"

(זאַמלונג פון מעשאָלים פון די פילאָסאָפן)

1. המליצה ביאור ענין המורה וטעם הרמזים[1].

דאָס שיין־ריידעריי באַשטייט אין געבן צו פאַרשטיין דאָס באַלערנדיקע און דעם באַהאַלטענעם זין פון די אָנדײַטונגען.

2. ההתעסקות בזולת הצורך תזיק לצורך.

דאָס פאַרנעמען זיך מיט דעם, וואָס איז ניט נייטיק, איז א כיסאָרן פאַר אַן אופּטו א נייטיקן.

3. ראוי לנו להתחיל בידיעת נפשינו קודם שנעלה בידיעת זולתינו.

אָנהייבן דאַרף מען פון דערקענען זיך אַליין, איידער דו טרעטסט צו דערלערנען אַנדערע.

4. מה מאד רעה עמידת העומד במעמד שיצטרך בו לדעת נפשו.

אַז אָך־און־וויי איז דעם, וואָס קען ניט זיך אַליין.

5. העמדה בעולם הזה נמנעת והיציאה ממנו ראויה.

פאַרבלײַבן אַף דער וועלט איז אוממעגלעך; אוועקגיין פון דאַנען איז קעדײַ.

6. בחליפת ההולכים התבוננות לבאים.

אין דעם, וואָס פאַרגייט, איז צו זען דאָס אַנדערע, וואָס קומט אָן.

7. לא אדע כי יצאתי לעולם הזה מוכרח והייתי בו משתומם ואצא משם בעל כרחי.

געצוווּנגענערהייט בין איך געקומען אף דער וועלט, כ'האָב דאָ געפונען פיל וווּנדער, און אוועקגיין פון דאַנען וועל איך אויך געצוווּנגענערהייט.

8. לא מת מי שהקדים פעלי טובים שיזכרוהו בהם או השאיר חכמה שילמדו ממנו.

ס'שטאַרבט ניט דער, וואָס האָט אופגעטאָן זאַכן, וועלכע ס'איז קעדײַ צו דערמאָנען אָדער מע קאָן זיך עפּעס אָפּלערנען פון זיי.

9. לא יציל מן המות המגור ולא יועיל ממנו המנוס.

מוירע האָבן פאַרן טויט העלפט ניט; אַנטלויפן פון אים איז אוממעגלעך.

10. שורש הענינים השכל וענפיהם הבחינה.

דער וואָרצל פון אַלץ איז דער סייכל, און די צווײַגן — די פאָרשונג.

11. הדאגה תחלוץ הלב והעצב ידחוק וישחית הלב.

זאָרג באַפרײַט דאָס האַרץ, טרויער דריקט עס און פאַרדאַרבט.

12. הלשון משרת הלב.

די צונג באַדינט דאָס האַרץ.

13. אורך הימים יאבד כל דבר.

מיט דער צײַט גייט אַלץ לעיִבעד.

14. הדאגות מדוי הלבבות כאשר החליים מדוי הגוף.

איבער דײַגעס ווייטעקט דאָס האַרץ, פּונקט ווי איבער קראַנקײַטן — דער גוף.

15. בבטן האדמה מתים ובגבה חיים.

די טויטע ליגן אין דער ערד, און די לעבעדיקע אַף איר.

16. כל עושה רע הוא מת ואם הוא בנוה החיים, והמטיב חי ואם הוא באשמני המתים.

ווער עס טוט מענטשן שלעכטס, איז לעבעדיקערהייט גלײַכן צו א טויטן, און ווער עס טוט מענטשן גוטס, ווערט גערעכנט פאַר א לעבעדיקן, אפילע ווען ער איז שוין אין קייווער.

17. החרדה בעת התלאה גורמת דאגה.

דער מאַטעריאַל ווערט געדרוקט מיט אייניקע קירצונגען.

[1] ס'קאָן זײַן, אַז אָט די סענטענץ איז געבראַכט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס עס דערציילט אַלכאַרידזי אין „מוסרי הפילוסופים" וועגן שיין־ריידערײַ. באַם הויף פונעם מיילעך פעניסוס זײַנען זיך צונויפגעקומען פיר כאַכאָמים פון גריכנלאַנד, אינדיע, רוים און פּערסיע. אַף דעם מיילעכס פראַגע: „וואָס איז אַזוינס שיין־ריידערײַ (ישאלם על המליצה מה היא — יִשאָליים אל האַמעליצאָ מא הי)? האָט דער גריך געענטפערט: „אין שיין־ריידערײַ איז די הויפּט־זאַך פּראָפּאָרץ און פּאַסיקער אויסוואַל פון אויסדרוקן". דער פון פּערסיע האָט געזאָגט: „אין שיין־ריידערײַ איז דאָס וויכטיקסטע דער סאָד פון מאָס, דאָס פאַרשטיין, ווען מע דאַרף מעקאַצער זײַן און ווען מײַריך זײַן". דער פון אינדיע האָט געזאָגט: „גוטע שיין־ריידערײַ פּאָדערט קוידעמקאָל קלאָרע אויסדרוקן און פּאָעטיש־שיינע פאַרגלײַכן". דער רוימער האָט אײַנגעפונען: „דאָס טײַערסטע אין שיין־ריידערײַ איז פּאַשטעס, דאָס ערגסטע — איבעריקע דיבורים" (זע י. צ י נ ב ע ר ג. „די געשיכטע פון ליטעראַטור בא ײדן", בוענאָס־אײַרעס, ב. 1, 1964, ז. 199).

דער פאַכעט אין נויט רופט אַרויס זאָרג.

18. החכם ידע הכסיל מפני שהיה בנערותו כסיל והכסיל לא ידע החכם מפני שלא היה חכם.

א קאַכעם דערקענט דעם נאַר, ווײַל יונגערהייט איז ער אויך געווען א נאַר, און דער נאַר דערקענט נישט דעם קאַכעם, ווײַל ער איז קיין קאַכעם נישט געווען.

19. הנשים פח יקושים לא יפול בהם כי אם מי שנפתה בהם.

די פרויען זײַנען פאַסטקעס, אין וועלכע עס פאַלן אַרײַן די, וואָס ווערן געלאָקט דורך זיי.

20. העלמת הסוד חובה על כל משכיל ומגלה סוד אין לו שכל.

אויסבאַהאַלטן א סאָד איז א כיוו פון יעדן קלוגן; דער, וואָס האָט ניט קיין סייכל, גיט אויס סוידעס.

21. המשובח מי שיעלים סודו אשר לא יצוה עליו להעלימו אבל צווה אין ספק כי החובה עליו.

א יאַשער־קויעך דעם, וואָס באַהאַלט אויס א סאָד, כאָטש מ'האָט אים דערוף ניט געוואָרנט, אָבער ווען מע וואָרנט אפריער, מוז מען עס אַוודאי טאָן.

22. העלמת הסוד סיבת האהבה ומגיע אל מעלה העליונה לא ישיגנה אדם.

דאָס פאַרבאָרגן א סאָד ברענגט צו פרײַנטשאַפט און דערהייבט דעם מענטשן צו אַזא מאַדרייגע, וואָס קיינער קאָן אים ניט דערגרייכן.

23. לא היה זך לחולפים ולא יהיה זך לבאים.

א מענטשן אָן א כיסאָרן איז ניט צו געפינען ניט צווישן די, וואָס זײַנען געווען, און ניט צווישן די, וואָס וועלן זײַן.

24. הזמן אויב רע מאד ואין יכלת להזהר ממנו אף אם יזהר.

די צײַט איז א ביטערער סוינע, וועלכן אויסמײַדן איז אוממעגלעך, ווי פאָרזיכטיק מ'זאָל ניט זײַן.

25. הזמן אורב ואין מרגיש לפגעיו.

די צײַט לאָקערט, און קיינער באַמערקט ניט אירע קלעפּ.

26. הדבר הקשה מכל דבר המות.

שווערער פון אַלץ איז דער טויט.

27. כאשר האביד הזמן שקדמך כן יאבידך וכאשר הונה מי שקדמך כן יונך.

אַזוי ווי די צײַט האָט אומגעבראַכט דײַנע פאָר־גייער, וועט זי דיך אומברענגען; אַזוי ווי זי האָט זיי אָפּגענאַרט, וועט זי דיך אָפּנאַרן.

28. הדבר הממהר ותארע יותר מכל דבר הקץ.

דער סאָף קומט אָן אומגעריכטער פון אַלץ.

29. הלב זוהר והדאגה חשך וכאשר יבא חשך על האור יחשיכהו.

דאָס האַרץ איז א ליכט, וואָס ווערט פאַרטונקלט און פאַרפינצטערט פון מענטשלעכע דײַגעס.

30. הרכילות תוביל אל הלבבות האיבה.

רעכילעס ברענגט אַרײַן סינע אין די הערצער.

31. המדע לא יכלה ברוב תלמוד אבל הסרון למוד יודעיו סבת אבדו לכן אל תהי כילי במה שתדע.

די וויסנשאַפט פאַרלירט ניט פון פיל לערנען, אָבער ווייניק לערנען ברענגט צו איר אונטערגאַנג, דעריבער: זײַ ניט קיין קאַרגער מיט דײַן וויסן.

32. לא נכון להטריד האדם לבו במה שנאבד ממנו אבל צריך לשמור מה שנשאר לו.

מע דאַרף זיך ניט אָפּעסן דאָס האַרץ פונעם אָנגע־וווירענעם, בעסער אָפּהיטן דאָס פאַרבליבענע.

33. לא יכבשו הגופות הלבבות כי אם במעשה החסד וביושר.

באַהערשן דאָס האַרץ קאָן מען בלויז מיט גנאָד און יוישער.

34. הימים יאבדו כל דבר וימחו הצורות ויאבידו הזכרון.

אַלץ גייט לעיבעד מיט דער צײַט, ס'ווערט אָפּגע־מעקט דער אויסערלעכער אויסזען און ווערט פאַרלאָרן פונעם זיקאָרן.

35. כשיצלח המושל יאמץ עוזריו וכאשר ידל יאמץ אויביו.

ווען ס'גליקט דעם הערשער, זײַנען שטאַרק זײַנע מיטהעלפער. און ווען ער ווערט שוואַכער, ווערן שטאַרקער זײַנע סאָנים.

36. שלום עליך שלום מנהג לא שלום רצון.

„שאָלעם־אַלייכעם!" — איז א ווונטש לויטן מינ־העג און ניט פון דעם ווילן.

37. הדאגה תתיך הלב ותמס אותו.

דײַגעס מאַכן שוואַך און ווייך דאָס האַרץ.

38. לולי העט לא יתקיים העולם.

ווען ניט די פען, וואָלט די וועלט קיין קיעם ניט געהאַט.

39. כשיכזב השליח תשחת העצה.

ווען דער שאַליעך זאָגט א ליגן, ווערט א טעל פון דער גוטער אייצע.

40. התלאה תהיה גדולה בראשיתה ותלך הלוך וחסור.

א צאָרע איז גרויס פון אָנהייב, און מיט דער צײַט ווערט זי קלענער און שוואַכער.

41. צריך שיבכה בוכה לחסרון מה שיחסר קודם שיפריד ממנו.

דער, וואָס באַווײַנט דאָס פאַרלוירענע, האָט גע־דאַרפט ווײַנען, איידער ער האָט זיך דערמיט צע־שיידט.

42. שלום עליך חי ומת כי מבחר החיים היית ומבחר המתים אתה.

(באַם אָרן פון אַלעקסאַנדערן האָט איין פילאָסאָף געזאָגט): א גרוס דיר, לעבעדיקער און טויטער (אַלעקסאַנדער). דו ביסט געווען דער אויסדערוויילטער צווישן די לעבעדיקע און איצט — צווישן די טויטע.

43. זה היום עצמו בו החרדות ונחשף בו מסתור המלכות ובא הרע ופנה הטוב.

(א צווייטער פילאָסאָף האָט געזאָגט): הײַנט איז דער טאָג, ווען ס'האָבן זיך געמערט די גרוילן, ס'זײַנען אַנטפּלעקט געוואָרן די סוידעס פון דער מעלוכע, ס'איז געקומען דאָס שלעכטע און אַוועק איז דאָס גוטע.

44. הניענו אלכסנדר במותו הניד שפתנו בשתקו.

(א דריטער פילאָסאָף האָט געזאָגט): אַלעקסאַנדער האָט אונדז דערשיטערט מיט זײַן טויט, באַוועגט אונדזערע ליפּן מיט זײַן שווײַגן.

45. אוי ואבוי עליך איך נמשלה יציאתך אל העולם ליציאתך מן העולם יצאת אליו ערום ועריה מכל חפץ ויצאת ממנו שולל מכל טובה וריקם מכל חפץ.

(א פערטער פילאָסאָף האָט געזאָגט): אַז אַך און ווי איז צו דיר! אַך, ווי ענלעך ס'איז דײַן אַרײַן

אין דער וועלט צו דײַן ארויסגיין פון איר. ארײַן ביסטו נאקעט און באָרוועס, און ארויס פוסט, מיט ליידיקע הענט.

46. מדוע לא תקוץ נפשך במקום צר ואתמול לא מכי־לין אותך מרחבי ארצות.

(א פינפטער פילאָסאָף האָט געזאָגט): איז דיר ניט דערעסן די ענגע שמאָלע גרוב, ווען ערשט נעכטן האָט דיר נישט געקלעקט דער לעבנסרוים פון ראכוועסדיקע מעדינעס?

47. המות דרך אשר אין מברח ממנה וכוס אשר אין משתיה מנוס.

(א זעקסטער פילאָסאָף האָט געזאָגט): פונעם דאָ־זיקן וועג (פונעם טויט) איז נאָך קיינער ניט אנט־לאָפן, ניט טרינקען פונעם דאָזיקן בעכער איז אומעג־לעך.

48. בא שלטון המות וסר שלטון החיים.

(אַן אכטער פילאָסאָף האָט געזאָגט): אַז ס'קומט די הערשאפט פון טויט, גייט אוועק די הערשאפט פון לעבן.

49. סוף כל חי למות ואבדון.

(א נײַנטער פילאָסאָף האָט געזאָגט): דער סאָף פון יעדן לעבעדיקן — טויט און אומקום.

50. אתמול היה שמעך איום וממשלתך עליונה ועתה שמעך נעדר ואור מעלתך קדר.

(א צענטער פילאָסאָף האָט געזאָגט): נעכטן האָסטו ארויסגערופן שרעק און דײַן הערשאפט איז געווען די גרעסטע. און איצט הערט קיינער ניט וועגן דיר, ס'איז פארטונקלט געוואָרן די שײַן פון דײַן דער־הויבנקײַט.

51. הביטו אל זה והוסרו בו אשר אתמול בשחק ועתה מתחת לארץ.

(אַן עלפטער פילאָסאָף האָט געזאָגט): קוקט אף אים און נעמט א מוסער־האסקל פון אים, וואָס האָט ערשט נעכטן אין הימל געשוועבט און איצט איז ער אונטער דער ערד.

52. המלכות הגדולה והרחבה לא יכילך איך יכילוך ד' אמות.

(א צוועלפטער פילאָסאָף האָט געזאָגט): דאָס גרויסע, ראכוועסדיקע מאלכעס האָט פאר דיר ניט גע־קלעקט, ווי־אזויארום וועסטו ארײַן אין די דאלעד־אמעס פון קייווער?

53. הביטו אל זה שהיה אך אתמול שופט והיום נשפט.

(א דרײַצנטער פילאָסאָף האָט געזאָגט): קוקט אף דעם, וואָס האָט נעכטן געמישפעט אנדערע, און הײַנט מישפעט מען אים.

(סאָף קומט)

כראָניק

נײַס פון אויסלאַנד

„יאָרבוך" פון די בולגארישע ייִדן

אין סאָפיע איז דערשינען דאָס נײַנטע „יאָר־בוך" פון די בולגארישע ייִדן, וועלכן עס גיט ארויס דער קולטור־ און בילדונגס־פארבאנד פון די ייִדן אין דער בולגארישער פאָלקס־רעפובליק. ווי אין די פריִערדיקע בענדער, ווערן אין דעם נײַעם בוך אפן ערשטן אָרט ארויסגערוקט פראָב־לעמען פון דער הײַנטצײַטיקײַט. אין דער אויס־גאבע זײַנען פארעפנטלעכט א ריי ארטיקלען, געווידמעט דעם אנטיפאשיסטישן קאמף פון די פעלקער אין בולגאריע בייס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע.

א באזונדער אָרט פארנעמען די ארטיקלען פון איסאק מאסקאָנע „דער ביכער־פאָנד פון דער צענטראלער סינאגאָגע אין סאָפיִע" און איסאק מאָשעווס „וועגן דער פראָגרעסיווער טעטיקײַט פון דער ייִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק אפן נאָמען פון כ.־נ. ביאליק".

מיט היסטאָריש־פאָרשערישע ארבעטן זײַנען פארטראָטן עליע אשקענאזי — „ייִדן אפן באלקאָ־נישן האלב־אינדזל אין XIX יאָרהונדערט"; איוואן קאָנטשעוו — „אייניקע פראָבלעמען פון דער בול־גאריש־ספארדישער שפראך"; ניקאָלײַ קאָנ־טשעוו — „אופשריפטן אף ייִדישע מאצייוועס אין בולגאריע אין פעריאָד פון XV—XIX יאָרהונדערט"; נאָטיצן פון יויסעף אסטרוקאָוו און א רעדע פון קיריל גריגאָראָוו וועגן דעם אקאדעמיקער זשאן נאטאן.

דעם ארײַנפיר צום „יאָרבוך" האָט אָנגעשריבן דער באוווסטער געלערנטער פראָפ. מאָריס בע־נעש.

די אויסגאבע איז איליוסטרירט מיט בילדער און פאקסימיליעס.

אויסצייכענונג פאר א ייִדישן פאָלקס־כאָר

אין צוזאמענהאנג מיט דער פײַערונג פונעם „טאָג פון דער רעפובליק" איז אין בעלגראד, אינעם גרויסן זאל פונעם מעלוכע־אוניווערסיטעט, פאָרגעקומען א פעסטיוואל פון כאָרן, געווידמעט דעם 30־טן יאָרטאָג פון דער באפרײַונג פון דער יוגאָסלאווישער הויפטשטאָט. צווישן די אכט קאָ־לעקטיוון האָט דער ייִדישער פאָלקס־כאָר, וועל־כער האָט אויסגעפילט פינף זינגלידער, באקומען די דריטע פרעמיע.

„דעם ייִדס אָפערע" אין דער איטאליענישער ראדיאָ

די איטאליענישע ראדיאָ האָט טראנסלירט די פיעסע פון אלטער קאציזנע „דעם ייִדס אָפערע", אין וועלכער עס ווערן געשילדערט פראָבלעמען פון ראסן־האס און ייִדן־פארפאָלגונגען.

דער אווטאָר פון דער פיעסע איז, ווי באוווסט, דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטן בייס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע.

מיט א צײַט פריִער איז די פיעסע געשפילט געוואָרן אין זשענעווע אונטער דער רעזשי פון לוטשי סקוואראַזשינא.

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

פון אידייִשער אויסלאָדונג ביז אָרגאַניזאַציאָנעלער צעפאַלונג

די גרופּע, וועלכע האָט זיך אַליין גערופן מאקי, איז געקומען צו איר לעצטער סטאַנציע. ווי עס האָט געמאָלדן די פּרעסע, האָט דער צענטראַלער קאָמיטעט פון דער דאָזיקער גרופּע באַשלאָסן דעם 17־טן מײַ 1975 אָנצונעמען די פאָדערונג פון דער באַוועגונג „בלוי־רויטע" און זיך פאַנאַנדערלאָזן. לויט די באַשלוסן פון ביידע גרופּעס וועט אויפגעשטעלט ווערן א נײַע אָרגאַניזאַציע „מאָקעד". נאָך דער זיצונג האָט דער צענטראַלער קאָמיטעט פון מאקי געמאָלדן עפנטלעך, אז ער איז מאסקים מיט דער אויסגעאַרבעטער פּראָגראַם, אין וועלכער עס ווערט „פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט דער ציִעניזם ווי א באַוועגונג פון נאַציאָנאַלער באַפרײַונג פון ייִדישן פאָלק" און אז „די פּאַרטיי זעט זיך אַליין אלס פּולע שותּפטע אין דער אונטערנעמונג פון רעאַליזירן די וויזיע פון נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט פון ייִדישן פאָלק אין ערעץ־ייִסראָעל".

דעם ערשטן טראָט אין דער דאָזיקער ריכטונג האָט די גרופּע געמאכט, ווען זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַלוועלטלעכן ייִדישן קאָנגרעס. איצט, אויפן גרונט פון דער געמיינזאמער פּראָגראַם פון „מאָקעד", איז ניט איבערגעבליבן קיין שום שטערונג צו דער אָפיציִעלער אָנשליסונג צום ציִעניסטישן פאַרבאַנד. אויך די צײַטונג „קאָל האאם", וועלכע איז דערשינען די לעצטע יאָרן ווי א וואָכנשריפט, וועט אויפהערן צו דערשײַנען מיט דער אָפיציִעלער פאַנאַנדערלאָזונג פון דער אַזויגערופענער מאקי.

די פראַגע פון דער פאַנאַנדערלאָזונג פון דער גרופּע האָט אַרויסגערופן א דיסקוסיע אין איר צענטראַלן קאָמיטעט. עס ווײַזט זיך אַרויס, אז געוויסע מענטשן, ווי פּ. הערצבערג און ב. באַלטי, האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם דאָזיקן שריט. ניט מאכמעס אידעאָלאָגישע טײַמים זײַנען זיי אַרויסגעטראָטן קעגן, נאָר מיט דער טײַנע, אז די פאַנאַנדערלאָזונג לאָזט איבער „מאָקעד", ווי די איינציקע ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אויך פון פאָרמעלן שטאַנדפּונקט. זיי האָבן אויך געטײַנעט, אז די פאַנאַנדערלאָזונג נעמט צו די מעגלעכקײַט פון זייער גרופּע אויסצופירן ראָלן אין שליכעס פון דער ציִעניסטישער אָנפירונג אין דער ייִסראָעלדיקער רעגירונג אונטערן שילד פון קאָמוניזם (די דאָזיקע שליכעס האָט זיך אויסגעדריקט אין פירן אן אונטערגראָבערישע אַרבעט אונטער דער איינִיקײַט פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אויף דער וועלט און אין אַנטיסאָוועטישער העצע צווישן פּראָגרעסיווע ייִדישע און ניט־ייִדישע קרײַזן אויף דער וועלט).

קעדײַ צו באמערקן דאָ, אז אויך דער דר. ראָזענבלום, דער עקסטרעמער אַנטיקאָמוניסט און רעדאַקטאָר פון „יעדיִאָט אכראָנאָט", איז אַרויסגעטראָטן מיט א לייטאַרטיקל קעגן פאַנאַנדערלאָזן מאקי, מיט דער טײַנע, אז פאַרשידענע ציִעניסטישע גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס פון אַלע מינים זײַנען פאַראַן נאָך צופיל. דאַקעגן האָט א גרויסע באַדײַטונג, עס זאָל עקזיסטירן א גרופּע, וואָס זאָל זיך רופן קאָמוניסטישע און זאָל שטערן ראַקאַך אין איר טעטיקײַט.

ש. מיקוניס, וועלכער האָט זיך קעגנגעשטעלט, צוליב פאַרשיידענע אויסרעכענונגען און מאָטיוון, דעם פאַנאַנדערלאָזן די גרופּע, איז אַרויסגעטראָטן פון איר צוזאַמען מיטן אָנעמען דעם באַשלוס וועגן דער פאַנאַנדערלאָזונג.

די אַנטוויקלונג פונעם פּאָליטישן וועג פון דער דאָזיקער גרופּע, ביז זי איז דערגאַנגען צום איצטיקן פּונקט, האָט געמוזט ברענגען אין דער אונטערשטער שורע צו איר אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַנאַנדערפאַלונג. דעריבער קאָן יעטווידער פּרווו אויפצולעבן דעם דאָזיקן פּאָליטישן באַרמינען בלויז העלפן די קעגנער פונעם קאָמוניזם אין ייִסראָעל.

דער ייִסראָעלדיקער עפנטלעכקײַט איז שוין פון לאַנג באַקאַנט, אז די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי — ראַקאַך — איז די איינאון־איינציקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין ייִסראָעל.

אוזי בורשטיין („דער וועג")

פאַרוואָס איך רוף צו אַ ייִסראָעל־אראַבישן שאָלעם פאַר דער פּרייַז פון צוריקגעבן די דעראָבערטע טעריטאָריעס אין 1967

אַנמערקונג פון דער רעדאקציע פון דער „נייַער פרעסע"

מיר ברענגען מיט אייניקע קירצונגען דאָס ארטיקל, וואָס דער ייִסראָעלדיקער פובליציסט און געזעלשאפטלעכער טוער נאַטאַן יעלין־מאָר האָט פארעפנטלעכט אין דער ניו־יאָרקער וואָכנצייַטונג „אלגעמיינער זשורנאל", אלס ענטפער אף אַן ארטיקל פון דאָוויד פלינקער וועגן זייַן (יעלין־מאָרס) בוך „לוחמי חרות ישראל — אנשים, רעיונות, עלילות" (קעמפער פאר דער פרייַהייַט פון ייִסראָעל — מענטשן, אידייען, מייַסים).

דאָס בוך שילדערט די לח"י (לוחמי חרות ישראל) אָדער, — ווי מע האָט זי גערופן, — די שטערן־גרופּע, אין וועמענס אָנפירונג ס'איז געשטאַנען ער, יעלין־מאָר. ד. פלינקער האָט פאָרגעוואָרפן דעם מעכאַבער, האלעמיי ער איז „אוועק ווייַט פון זייַנע אמאָליקע כאַווייריִם" און „איצט באַלאַנגט ער דאפקע צו די עקסטרעם־לינקע מינימאַליסטן (?) און ער איז גרייט אפילע צו זוכן אַ פארשטענדיקונג אויך מיט די לינקע אראבישע אָרגאַניזאַציעס..."

נ. יעלין־מאָר ענטפערט אף דעם אין זייַן ארטיקל.

די פראַגע איז אַ הארבע: פאַרוואָס בין איך, אַ מענטש, וואָס האָט אין מעשעך פון יאָרן געשטעלט אין געפאַר זייַן לעבן אין קאמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייַט פון ייִסראָעל, פּלוצעם געוואָרן אַן „עקסטרעמער מינימאַליסט" און פריידיק שאָלעם מיט די שכיינישע אראבישע פעלקער, אפילע פאַר דער פּרייַז פון צוריקגעבן די טעריטאָריעס, וואָס ייִסראָעל האָט דעראָבערט אין יון 1967?

אלס טשוּווע וואָלט איך צוערשט געוואָלט ציטירן פון קויהעלעס, וואָס איז געווען אַ מייַלעך אין יערושאָלאַיִם און אויך, אַן צווייפל, אַ כאָכעם אַ ייִד. ער האָט געזאָגט: „לכל זמן ועת, לכל חפץ תחת השמים:... עת לאהב ועת לשנא, עת מלחמה ועת שלום" (קהלת ג׳, 8). אין אַ פרייַער איבערזעצונג אף ייִדיש הייסט עס: „אלץ האָט זייַן צייַט, און יעטווידער ווּנטש אונטער דעם הימל האָט זייַן שאָ... צייַט צו ליב האָבן און צייַט צו האסן, צייַט פאַר מילכאָמע און צייַט פאַר שאָלעם".

צי וואָלט עס ניט אויסגעקוקט לעכערלעך, ווען אַ מענטש, וואָס זעט אינדערפרי די אופגייענדיקע זון און זאָגט, אַז עס איז טאָג, וואָלט זיך אייַנגעאַקשנט צו באַטראַכטן אלס „טאָג" אויך די צייַט, ווען די זון גייט אונטער?

יעדער באַשלוס אָדער דעקלאַראַציע זייַנען גילטיק נאָר אין געגעבענע באַדינגונגען. אויב זיי ענדערן זיך, מוז די שטעלונג זיך ענדערן לויט די נייַע באַדינגונגען. נאָר אַן אייזל איז אַבסאָליוט קאָנסעקווענט. ווען ער אַקשנט זיך אייַן צו בלייַבן אף איין אָרט, וועלן ניט העלפן אפילע גאָר שטאַרקע קלעפּ מיט אַ שטעקן אף זייַן רוקן. מענטשן דארפן ניט זייַן קיין אייז־לען. לײדער, זייַנען פאַראַן מענטשן מיט אַן אייזל־פּסיכיק.

ווער עס קען די געשיכטע פון אונטערערדישן באַפרייַונגס־קאַמף אין ערעץ־ייִסראָעל אין די פערציקער יאָרן, וועט פאַרשטיין, אַז מיר האָבן דאַן געקעמפט קעגן די ענגלענדער און ניט קעגן די אראַבער. דאָס איז ניט געווען קיין צופאַל. איך האָב דאַן פאַרשטאַנען, אַז די ענגלענדער זייַנען אַ פרעמדער עלעמענט, אַ פרעמדע מאַכט, וואָס רעגירט אין לאַנד בלויז צוליב אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן. דאַקעגן זייַנען די אראַבער אַן אָרטיקער עלעמענט, וואָס צענדליקער מיליאָנען פון זיי לעבן אין מיטעלן מיזרעך. די ענגלענדער וועלן מיר קאָנען פאַרטרייַבן פון ערעץ־ייִסראָעל; מיר וועלן ניט קאָנען אַרויסטרייַבן די אראַבער פון מיטעלן מיזרעך. מיר וועלן שטענדיק דאַרפן לעבן איינע לעבן די אַנדערע, און מיר דאַרפן זוכן אַ קאָעקזיסטענץ מיט זיי.

וואָס זאָלן מיר טאָן? אף דער זעלבער טעריטאָריע זייַנען פאַראַן צוויי פעלקער, וואָס יעדעס פון זיי האָט ביז איצט געטייַנעט: „כולה שלי" (אלץ איז מייַנס). אַ סאַך בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן אינעם געראַנגל איבער אָט דעם לאַנד. איצט דאַרפן מיר באַשליסן: ווייַטער פירן אַ בלוטיקן געראַנגל און שטיין פאַר אַ סאַקאָנע אַנטבלוטיקט צו ווערן, אָדער זוכן און געפינען אַ וועג צו אַ פרידלעכער עקזיסטענץ פון ביידע פעלקער.

וואָס עס קומט מיר בעעמעסדיק אויס מאָדנע, איז דער פאַקט, וואָס בעראָש פון דער מעדינע און פון איר האַרטנעקיקער פּאָליטיק שטייען מענטשן, וואָס אין די פערציקער יאָרן זייַנען זיי

געווען אבסאָליוט קעגן פירן א קאמף מיט די ענגלענדער, קעדיי זיי צו פארטרײַבן פון ערעץ־ייִסראָעל. הײַנט זײַנען זיי גרויסע גיבוירים, גרייט צו פירן מילכאָמע, איינע נאָך דער אנדערער, אָן א סאָף.

איך ווייס, אז עס וואָלט מיר געווען א סאך לײַכטער צו שווימען מיטן שטראָם. איך וואָלט דאן באקומען א סאך אפּלאָדיסמענטן, ווײַל עס איז א סאך לײַכטער צו „פארקויפן" „מאקסימאליסטישע" לאָזונגען — אז מיר וועלן ניט צוריקטרעטן קיין איין שריט, אז אלץ איז אָפּהענגיק פון אונדזער שטעלונג, — איידער צו פּריידיקן לאָגיק און פארנונפט. איך בין זיך מוידע, אז איך האָב קיינמאָל ניט געהערט צו דער מערהײַט, שטענדיק האָט מען מיך קריטיקירט און באטראכט אלס אן „אכער", אן אנטרונענער. אָבער די געשיכטע, אין די מערהײַט פאלן, האָט באוויזן, אז גערעכט זײַנען געווען אזעלכע ווי איך, און ניט די אָפיציעלע אָנפירונג.

עטלעכע וואָכן נאָך דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע האָב איך געוואָרנט אין א סעריע ארטיקלען אין „הארעץ" וועגן אלע פּאָליטישע און מיליטערישע סאקאָנעס, וואָס שטייען אונדז פאָר, אויב מיר וועלן ניט אויסנוצן די נײַע באדינגונגען אף אָנצובאָטן די אראבישע לענדער א שאָלעם פאר צוריקגעבן די טעריטאָריעס, וואָס מיר האָבן דעראָבערט. נאָך אין יענע טעג האָב איך געשריבן, אז דער מאצעוו פון ניט־שאָלעם און ניט־מילכאָמע קאָן ניט אָנהאלטן; אויב עס וועט ניט זײַן קיין שאָלעם, וועלן די אראבישע לענדער אונדז אָנבינדן אן אויסמאטערונג־מילכאָמע, וואָס וועט אונדז טײַער קאָסטן.

הייסט עס, אז איך בין א נאָווי? ניין! איך באמי זיך בלויז צו האלטן די אויגן אָפן, נעמען אין באטראכט אלע אומשטענדן און באדינגונגען, אנאליזירן און מאכן אן אויספיר אפן סמאך פון דערפארונג און אנאלאָגיעס אין דער געשיכטע. איך באמי זיך צו זײַן אופריכטיק מיט זיך אליין און מיט מײַן פאָלק, זאָגן שטענדיק דעם עמעס, ווי ביטער ער זאָל ניט זײַן, ניט אוועקגעשלעפּט צו ווערן פון איליוזיעס. בעסער זאָל מען מיך רופן „אכער", איידער צו פארדרייען מײַן פאָלק דעם קאָפּ, ווי די פאלשע נעוויִים.

דעם רעזולטאט פון דער יאָמקיפּער־מילכאָמע האָט מען געקאָנט פאָרויסזען, פונקט ווי מע קאָן פאָרויסזען דעם רעזולטאט פון דער קומענדיקער מילכאָמע, אין וועלכער מיר וועלן „אָפּהאלטן ריזיקע ניצכוינעס", אָבער אוועקגעבן אן אומגעהײַער גרויסע צאָל קארבאָנעס (א דײַטשישער פעלדמארשאל האָט אמאָל געזאָגט וועגן זײַן זיגרײַכן פאָלק: „מיר וועלן ביזן טויט זיגן"). אָבער אויך אין אָנבליק פון דער פארגאנגענער און פון די קומענדיקע מילכאָמעס ווילן די ייִסראָעל־מאנהיגים ניט לערנען די מאסקאָנעס, וואָס בעטן זיך אליין. זיי טראכטן צו א נײַע מײַסע צו בארעכטיקן זייער באנקראָטירטע שטעלונג. זיי דערציילן דעם פאָלק, אז ווען מיר וואָלטן מיליטעריש געווען בעסער צוגעגרייט אף די נייטיקע ערטער, וואָלטן מיר ניט באקומען אזעלכע קלעפּ אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע, 3.000 ייִסראָעלדיקע אָפיצערן און זעלנער וואָלטן ניט געפאלן, און די פּאָליטישע לאגע וואָלט געווען גאנץ אנדערש.

לעכערלעך. עמעס טאקע, די לעצטע מילכאָמע האָט ארויסגעשטעלט דעם דעמלטיקן זיכערהײַטס־מיניסטער מוישע דאיאן אלס דעם אומפאראנטוואָרטלעכסטן מענטש אין ייִסראָעל. ער האָט ניט געטאָן, וואָס ער האָט געדארפט טאָן. אָבער דער דורכפאל איז ניט געווען קיין טאקטישער. עס איז געווען א באנקראָט פון דער ייִסראָעלדיקער פּאָליטישער און זיכערהײַטס־דאָקטרין. זיי דארפן געענדערט ווערן, אויב מע וויל אָפּהיטן דאָס פאָלק פון נײַע אנטוישונגען.

מײַן אויפגאבע איז צו וואָרענען, זאָגן דעם עמעס. דאָס טו איך, ווו איך זאָל זיך ניט געפינען — אין ייִסראָעל אָדער אין כוץ־לאָרעץ, שריפטלעך און מינדלעך.

פארענדיקנדיק, וויל איך נאָכאמאָל דערקלערן: מײַן וועג איז ניט קיין לײַכטער, אויך באם פריידיקן שאָלעם דארף מען קעמפן. איך בין שטענדיק גרייט צום קאמף פאר דעם, וואָס איז אין געגעבענעם מאָמענט אמוויכטיקסטן פאר מײַן פאָלק. הײַנט־צו־טאָג גלייב איך בעעמונע שליימע, אז דאָס וויכטיקסטע פאר מײַן פאָלק איז אײַנגלידערן די ייִדישע מעדינע אלס נאטירלעכן מיטגליד אין די ראמען פון איר געאָגראפיע. דאָס קאָן מען דערגרייכן נאָר דורך א שאָלעם מיט די שכיינים.

איך גלייב אין שאָלעם. „ואף על־פּי שיתמהמה, בכל יום אחכה לו שיבוא" (און אפילע אויב ער וועט פארשפּעטיקן, וועל איך אף זײַן קומען ווארטן יעדן טאָג). און איך וויל ארײַנטראָגן מײַן צושטײַער, קעדיי דער שאָלעם זאָל קומען וואָס גיכער.

נאטאן יעלין־מאָר („נײַע פּרעסע")

פּאַרשיידנס

א מאַטאָנע פון מערי העמינגוויי

בא 15 טויזנט זײַטלעך פון ערנעסט העמינגווייס מאַנוסקריפּטן האָט איבערגעגעבן אַלס מאַטאָנע דער ביבליאָטעק אַף דזשאָן קענעדיס נאָמען אינעם אַמעריקאַנער פּעדעראַלן דאָקומענטאַציע־צענטער אין אואָלטעם (שטאַט מאַסאַטשוסעטס) די אַלמאָנע פונעם וועלט־באַרימטן שרײַבער מערי העמינגוויי. די ווערטפולע קאָלעקציע אַנטהאַלט דעם ערשטן וואַריאַנט פונעם אַרײַנפיר צום ווערק „און די זון גייט אויף", דעם ניט־פאַרעפנטלעכטן טייל פונעם ראָמאַן „די אינדזלען אינעם אָקעאַן" און אויך דרײַ טויזנט פאָטאָגראַפיעס פונעם שרײַבערס פאַמיליען־אַלבאָם.

א באַגעגעניש אונטערן וואַסער

די הויפּט־פּערסאָנאַזשן פון די ווערק פונעם אַמעריקאַנער שרײַבער פּיטער בענטשלי זײַנען ווײַסע הײַפיש. די געשיכטעס וועגן זיי האָבן דעם שרײַבער דערציילט מענטשן, וואָס האָבן מיט די אייגענע אויגן נאָכגעשפּירט נאָך דער אופירונג פון די הײַפיש, אָדער ער אליין האָט אויסגעטראַכט. ניט לאַנג צוריק האָט דער אווטאָר פונעם ראָמאַן „קינבאַקן", אין וועלכן ס׳ווערט דערציילט וועגן א גיגאַנטישן ווײַסן הײַפיש, וואָס האָט אָנגעוואָרפן א שרעק אַף די באַזוכער פון די פּליאַזשן אין נײַ־ענגלאַנד, צום ערשטן מאָל זיך אָנגעשטויסן פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן רעאַלן העלד.

ווען אײַנײַנעם מיט א גרופּע אָפּעראַטאָרן פון דער אַמעריקאַנער טעלעוויזיע איז בענטשלי געקומען צו פאָרן קיין אווסטראַליע, קעדיי שאַפן א פילם וועגן הײַפיש, האָט מען אים אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער אין א שטאָלענעם קאַסטן, ער זאָל האָבן א מעגלעכקײַט דירעקט נאָכשפּירן נאָכן מאָנסטער...

און אָט ווי ער באַשרײַבט די דאָזיקע באַגעגעניש:

„דער הײַפיש האָט זיך באַוויזן אומגעריכט, זיך דערנעענטערט צו דעם קאַסטן, האָט א קוק געטאָן אַף מיר מיט א פאַרשטאַרטן בליק, אופגעעפנט די מאָרדע און פּלוצעם... א שמייכל געטאָן. אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אַף דעם קאַסטן — ס׳האָט זיך דערהערט א גרילץ פון מעטאַל, און דער קאַסטן האָט זיך אָנגעהויבן שלײַדערן אין אַלע זײַטן". בענטשלי איז, אַזויאַרום, אַרײַנגעפאַלן אין דער לאַגע פונעם העלד פון איינעם א בוך זײַנעם.

א האָפּערדיקער שווינדלער

ווי עס האָט מיטגעטיילט די אַמעריקאַנער צײַטונג „אינטערנעשנל העראַלד טריביון", האָט קליפפאָרד אירווינג, דער אווטאָר פון דער „אווטאָביאָגראַפיע" פונעם מולטימיליאָנער האָוואַרד כיוז, וועלכע האָט אָנגעמאַכט א גרויסן טומל, געשלאָסן א קאָנטראַקט מיט א גרופּע אייראָפּעיִשע פאַרלעגער אַף אַרויסגעבן זי. אירווינג האָט געמאָלדן, אַז דער דאָזיקער בוך, וואָס דער פאַרלאַג „מאַקגראָו־היל" האָט פאַרפּלאַנירט נאָך אין 1971 יאָר אַף אַרויסצוגעבן און איז דערנאָך קוואַליפיצירט געוואָרן אַלס פאַלשיווקע, וועט איצט געדרוקט ווערן איינצײַטיק אַף זעקס־זיבן שפּראַכן. ווי ס׳איז צו זען, האָט אַפילע דאָס זיצן אין ספּיסעפאַר ליטעראַרישער שווינדלערײַ ניט אָפּגעקלאַפּט בא אירווינגן דעם כיישעק צו פאַרדינען אַף כיוזס „אווטאָביאָגראַפיע".

קוריאָזן מיט אַנאַלאָגיעס

דער פּאָפּולערער ענגלישער זשורנאַל „רײַזעס און פאָרשונגען" האָט באַשריבן א טשיקאַווען בײַשפּיל, וויִאַזוי מענטשן פון לאַכלוטן פאַרשיידענעם אַרט דענקען און כאַראַקטער רעאַגירן קימאַט אַלצייגנס אַף געוויסע דערשײַנונגען. דער זשורנאַל דערציילט, ווי איינמאָל האָט דער באַרימטער ענגלישער שרײַבער אַרטור קאָנאַן דאָיל, רײַזנדיק איבער דער שווייץ, זיך פאַרהאַלטן אַף עטלעכע טעג אין א פאַרוואָרפענעם גאַסט־הויז. דער דאָזיקער האָטעל — „שוואַרענבאַכער" — האָט מיט זײַן גרויליקײַט געמאַכט אָפן שרײַבער א דערשיטערנדיקן אײַנדרוק. אַהין פלעגט קימאַט קיינער ניט פאַרפאָרן, און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז די גאַנצע וועלט האָט אין אים פאַרגעסן.

קאָנאַן דאָיל האָט באַשטימט, אַז דאָס גאַסט־הויז קאָן דינען אַלס אידעאַלן פאָן פאַר א דעטעקטיווער דערציילונג, וואָס איר האַנדלונג זאָל פאָרקומען אין אָט דער געבײַדע. דעם שרײַבער האָט זיך שוין געמאָלט די פאַבולע פון אַזאַ דערציילונג: דער אייגנטימער פונעם גאַסט־הויז איז אַן איינזאַמער, מאָרעשכוירעדיקער זאָקן, וועמען ס׳האָט מיט א סאַך יאָרן צוריק פאַרלאָזט זײַן איינציקער זון. דעם זאָקנס ווײַב האָט ניט אויסגעהאַלטן די צעשיידונג מיטן זון און איז געשטאָרבן. פון גרויסע ליידן און נויט ווערט דער אַלטער אַזוי פאַרצאָרנט, אַז ער באַשטימט האַרגענען דעם ערשטן מענטשן, וואָס וועט זיך דאָ אָפּשטעלן, און אים באַרויבן. און ווען דער אַלטער פילט אויס זײַן פאַרטראַכט, דערקענט ער פלוצעם אין דעם האַרוג זײַן זון, וועלכער האָט זיך אומגעקערט נאָך לאַנגיאָריקע וואַגלענישן אינדערפרעמד.

אַף מאָרגן, אַרײַנגייענדיק אין דער ביבליאָטעק פונעם שטעטל, האָט קאָנאַן דאָיל דאָרט גענומען א באַנד מאָפּאַסאַנס דערציילונגען. און ווי גרויס איז געווען זײַן שטוינונג, ווען ער האָט געפונען אין דעם באַנד א דערציילונג אַף דער טעמע, וואָס ער האָט פאַרטראַכט! לאָזט זיך אויס, אַז מאָפּאַסאַן, ווי ער, האָט זיך אויך אַמאָל אָפּגעשטעלט אין אָט דעם גאַסט־הויז!

נאָר ווי דערשטוינט וואָלט געווען קאָנאַן דאָיל, ווערט געזאָגט צום שלוס פונעם אַרטיקל, ווען ער דערוויסט זיך, אַז מיט הונדערט יאָר פאַר אים האָט דער דײַטשישער שרײַבער צאַכאַריִאַס ווערנער (1768—1823) פאַרעפנטלעכט א טראַגעדיע „דער פיר־און־צוואַנציקסטער פעווראַל", אין וועלכער די האַנדלונג איז פונקט, ווי בא מאָפּאַסאַנען, פאָרגעקומען אין דעם זעלבן גרויליקן גאַסט־הויז! נאָך מער, ווערנער האָט באַשריבן א פאַרברעכן, וואָס איז דאָ ווירקלעך באַגאַנגען געוואָרן אין XVIII יאָרהונדערט.

ב. שאַפּער („נעדיעליא")

גנייווישע פילמען

צווישן דעם פארברעכערישן ביזנעס אין פשא האָט מען ביז דער לעצטער צײַט געהאלטן אלס דעם סאמע רעוועכדיקן דעם האנדל מיט נארקאָטיקן. איצט אָבער האָבן זיך בא די „ריטער פונעם גיפטיקן שטאָף" באוויזן קאָנקורענטן, וועלכע זײַנען פייִק, ווי עס שרײַבן די צײַטונגען, איבערשטײַגן די האכנאָסעס פון א באלייביקער מאפיע. די דאָזיקע „קאָנקורענטן" באשעפטיקן זיך מיט קאָפּירן און פארשפּרייטן פּאָפּולערע קינאָפילמען און טעלעוויזיע־טראנסלירונגען. אין געהיימע לאבאָראטאָריעס פּראָדוצירן זיי קאָפּיעס פון אָט די פילמען, פארקויפן זיי פארן אינערלעכן געברויך און אויך פאר אויסלאנד, באקומענדיק דערבײַ קאָלאָסאלע פּראָפיטן.

אלס צענטער פון דער אומלעגאלער „קינאָ־פּראָדוקציע" רעכנט זיך לאָס־אנדזשעלעס. ניט לאנג צוריק האָט די פּאָליציי דאָרט אנטדעקט בא צוואנציק אזעלכע לאבאָראטאָריעס. פאר די לעצטע דרײַ יאָר האָבן די געהיימע סינדיקאטן פון לאָס־אנדזשעלעס „ארויסגעלאָזט" אפן מארק העכער 15 טויזנט געגאנוועטע פילמען.

א מוזיי פון בוך

אין קיִעוו־פּעטשערסקער לאווורע איז געעפנט דער ערשטער אין אונדזער לאנד מעלוכע־מוזיי פון בוך.

דער מוזיי געפינט זיך אין דער געבײַדע, וווּ ס'איז געווען די אלטערטימלעכע דרוקערײַ, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין 1615. אין פינף זאלן זײַנען פאָרגעשטעלט בא דרײַ מיט א האלבן טויזנט עקספּאָנאטן — פון די ערשטע דענקמעלער פון דער סלאווישער שריפטלעכקײַט ביז די ביכער, וואָס זײַנען ארויסגעגעבן געוואָרן צום דרײַסיקסטן יאָרטאָג פונעם זיג איבערן פאשיזם.

אינעם מוזיי געפינען זיך אזעלכע שעדעווערן פונעם כראָניק־זשאנער, ווי די „אָסטראָמיראָווער עוואנגעליע", „סוויאטאָסלאווס זאמלונגען", „געשיכטע פון די אומרויִקע צײַטן". אין דער עקספּאָזיציע זײַנען פאראן אויך ביכער, וואָס ס'האָט ארויסגעגעבן איוואן פיאָדאָראָוו. איינער פון די אָפּטיילן באווײַזט די קונסט פון אָרנאמענטירן ביכער מיט זילבער, גאָלד, לעדער.

ברייט איז די עקספּאָזיציע פון דער סאָציִאל־דעמאָקראטישער און באָלשעוויסטישער ליטעראטור פונעם סאָף XIX — אָנהייב XX יאָרהונדערט. אינעם סאָוועטישן אָפּטייל ווערן עקספּאָנירט די ערשטע געדרוקטע דאָקומענטן פון דער סאָוועטנמאכט, אָנהייבנדיק פונעם אופרוף „צו די בירגער פון רוסלאנד" און די דעקרעטן וועגן שאָלעם און ערד.

פאר די באזוכער דעמאָנסטרירט מען קורצמעטראזשיקע פילמען וועגן דער געשיכטע פונעם בוך־דרוק.

ס. ציקאָרא („איזוועסטיִא")

נײַע פאקטן וועגן אלעקסאנדער דיומא

דער אווטאָר פון „דרײַ מושקעטיאָרן" און צענדליקער אנדערע היסטאָרישע ראָמאנען איז געווען אויך אן אויסערגעוויינלעך פרוכטבארער דראמאטורג. ס'איז געווען אָנגענומען, אז ער האָט אָנגעשריבן 66 פּיעסן. איצט אָבער, ווען עס גרייט זיך א נײַע אויסגאבע פון זײַנע דראמאטישע ווערק, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אין איר דארפן אײַנגעשלאָסן ווערן 123 פּיעסן. א טייל פון די 57 ביז איצט אומבאוווּסטע דיומאס דראמאטורגישע ווערק האָט מען ניט לאנג צוריק געפונען אין די ארכיוון פון דער פאריזשער „קאָמעדי פראנסעז". די אווטאָרשאפט פון אנדערע איז דערוויזן געוואָרן אין רעזולטאט פון פיליאָריקע פאָרשונגען פונעם „דיומא־קענער" דעם פּראָפעסאָר פערנאנדא באססאן. וואָס איז שײַך „דרײַ מושקעטיאָרן", האָבן זיי געשטעלט אן אייגנארטיקן רעקאָרד: פון 1908 ביזן 1973 זײַנען אפן סוזשעט פון דעם דאָזיקן ראָמאן געשאפן געוואָרן אין פיל לענדער העכער 120 קינאָפילמען.

א פאבריקאנט פון „ראָמאנען"

דער גרעסטער קאנאדישער זשורנאל „מאקלינז" האָט מיטגעטיילט, אז איינער פון די סאמע דרוקבארע שרײַבער אין קאנאדע איז דען ראָס: ער האָט פארעפנטלעכט צוויי הונדערט פיר און דרײַסיק ראָמאנען, העכער זעקס הונדערט דערציילונגען.

— מער פון מיר האָט געשריבן בלויז סימענאָן, — פארפינקטלעכט אליין אָט דער אווטאָר. — נאָר ביכלאל האָב איך אויך אים איבערגעשטיגן, אויב נעמען אין אכט, אז אלע מײַנע ווערק האָב איך געשאפן פאר די לעצטע דרײַצן יאָר.

געוויינלעך „לאָזט ארויס" ראָס צו צוויי ביכלעך א כוידעש. און איינמאָל האָט ער גאָר געשלאָגן א רעקאָרד — פאר פינף טעג אָנגעטינטלט א ראָמאן פון פינף און זיבעציק טויזנט ווערטער. זײַנע ווערק דרוקן זיך אין מיליאָניקע טיראזשן און מע פארקויפט זיי אף יעדן שריט און טריט.

ווער זשע איז ער, דער דאָזיקער מאזלדיקער ליטעראט?

צו פופציק יאָר האָט ראָס איבערגעפרווווט פילצאָליקע באשעפטיקונגען און פלוצעם געבליבן אָן ארבעט. טאקע דעמלט האָט ער זיך גענומען פאר דער פען און אָנגעהויבן באקן ביכלעך, ווי בייגל — פלאכע דעטעקטיוון, גרויליקע ראָמאנען וועגן וואמפּירן.

פאראן בא ראָסן אויך א באליבטער „זשאנער" — סענטימענטאלע דאמען־ראָמאנען, קימאט אלע אף איין און דעם זעלבן סוזשעט: אן אכזער אין געשטאלט פון א ניוּוזעדיקן זאָקן (אומבאדינגט א שווארץ־הויטיקער און מיט אן אויסלענדישן אקצענט) פּרווווט אראָפּפירן פון וועג א צניִעסדיק מיידל, נאָר איר קומט באצײַטנס צוהילף א יונגער שיינער מאגנאט, די העלדן האָבן כאסענע און לעבן גליקלעך.

קעדיי ניט דערעסן די לייענער, שרײַבט ראָס זיך אונטער מיט פסעוודאָנימען, א באזונדערן פאר יעדן זשאנער: אונטער א וועסטערן — טעס סטיל, אונטער א סענטימענטאלן ראָמאנטשיק — קלאריסא ראָס.

דער דיכטער אָלדען נאָולען, וואָס האָט לויט דער ביטע פונעם זשורנאל „מאקלינז" אינטערוויוּירט ראָסן, האָט אונטערגעכעזשבנט, אז דער פלינקער „ראָמאניסט" לייגט ארײַן אין דער קעשענע ניט ווייניקער ווי דרײַ הונדערט טויזנט דאָלארן א יאָר.

— אָבער זײַ מיר ניט מעקאנע, — האָט אים ראָס געזאָגט, — איך ארבעט, ווי א קאטאָרזשאן, צו עלף שאָ אין מעסלעס און לאכלוטן אָן אָפּרו־טעג. דאָס איינציקע, וואָס איך קאָן זיך דערלויבן, — א מעסלעס אָפּרו פאר א נײַעם בוך.

א. פאלאדין („וועטשערניאיא מאָסקווא")

2

1

3

4

5

1. איציק פעפער אין 1924.
2. פון רעכטס אף לינקס: איציק פעפער, שאָלעם אש און דער קאַנאַדער פּאָעט טשאַרלזס ראָבערטס אין טאָראָנטאָ (1943).
3. איציק פעפער (ערשטער פון רעכטס אין דער צווייטער ריי) אפן פלענום פונעם אָרגקאָמיטעט פונעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרײַבער (מאַרט 1934).
4. אף דער שלוס־זיצונג פונעם ערשטן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער.
פון רעכטס אף לינקס: א. זשדאַנאָוו, פּ. פּאַנפיאָראָוו, אי. מיקיטענקאָ, אי. פעפער, מ. גאָרקי.
5. אין די 40־ער יאָרן.
6. מיט איזי כאַריקן און אוראָם וועוויאָרקען (1935).

6

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

„אַן אַבסורד, וואָס פאַלט שוין אַ ביסל אַרײַן אין כּויזעק"...

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 11 פאַרן פאַריקן יאָר האָבן מיר דערציילט, ווי‌אַזוי צוליב צוועקן פון טוריסטיק און צוליב דעמאַגאָגיש־פּראָפּאַגאַנדיסטישע צוועקן האָבן די ציוניסטישע אינסטאַנצן געמאָלדן, אַז זיי ווילן צונויפרופן אַ וועלט־קאָנפערענץ פון יידישער ליטעראַטור און קולטור און ווי‌אַזוי זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אין דער עפנטלעכקייט אַן אַזויגערופענעם איניציאַטיוו־קאָמיטעט פון קלוימערשטע שטאַדלאָנים פאַר יידיש, בעראָש מיט אַ פּאָליטישן מענאַכעם־מענדל, דעם „גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּויאַלע־ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג" יצחאָק קאָרן. די דאָזיקע אָפּעראַציע, וואָס איז פאַרפּלאַנירט געוואָרן אויף אַ זיצונג אינעם ישׂראעלדיקן קאָנסולאַט אין ניו־יאָרק, האָט געדאַרפט מיטהעלפן דעם ציוניזם אַרײַנצוכאַפּן אין זאַק אַרײַן די יידישע ליטעראַטור און קולטור.

אין פאַרשיידענע יידישע קרײַזן פון ישׂראל און פון אַנדערע לענדער האָט מען, עמעס, אין סאַמע אָנהייב זיך געכאַפּט, אַז דאָס גרייט זיך „אַ כאַסענע אָן דעם כאָסן", — די גראָבע יונגען פון דער י. קאָרן־בריגאַדע האָבן, לעכאָלהאָפּאָכעס, „פאַרגעסן" צוציִען צו די איניציאַטיוו־באַראַטונגען די יידישע שרײַבער גופע און זייערע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס.

„סאָוועטיש היימלאַנד" האָט געשריבן: „דער הײַנטצײַטיקער ציוניזם האָט שוין אַ היפּשע דערפאַרונג אין אָפּזוכן באַלאָנים צו קוועטשן אַ באַנק אויף אומווירדיקע „אַלוועלטלעכע" טאַראַראַמען. ביפראַט, אַז צוליב דער „קאָנפערענץ פון יידישע שרײַבער און קולטור־טוער" דאַרף ער גאָר ווייניק עכטע שרײַבער און קולטור־טוער — בלויז אויף צו פאַרשטעלן מיט זיי דעם בייזוווּנדער. געגנוג, וואָס עס זיצן בײַ זײַן שיסל די עטלעכע דעזערטירן פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור און אין די פאַראָרעמטע רעדאַקציעס פון די ציוניסטיש־בונדיסטיש־אַנאַרכיסטיש־ראַבאָנישע געלע בלעטער קוקן אַרויס אויף אַ ווונק פון זײַן זײַט די שונד־זשורנאַליסטן, וועלכע רופן זיך „שראַבערס". זיי וועט ער אויף זײַן קאָנפערענץ האָבן"... עס וועלן דאָרטן ניט זײַן „נישט נאָר די יידישע ליטעראַרישע און קולטור־קויכעס פון די לענדער פונעם סאָציאַליזם, נאָר אויך די פּראָגרעסיווע און לאָיאַלע שעפער פונעם יידישן וואָרט, טעאַטער, מוזיק, מאָלערײַ אין די אַנדערע לענדער פון דער וועלט וועלן דאָרט ניט זײַן. דעם ציוניזם וועט זיך ניט אײַנגעבן צו באַהערשן — אויף צו דערשטיקן — די דווירעסדיקע ליטעראַטור און קולטור פון די יידישע פאָלקסמאַסן".

איצט קומען מיר צו אינפאָרמירן אונדזערע לייענער וועגן דעם פולשטענדיקן דורכפאַל פון אָט דער גראָב־פאַרטראַכטער „אונטערנעמונג".

ווי אין פיל ענלעכע פאַלן אין דער פאַרגאַנגענהײַט, האָט די צוגרייטונג צו דער קאָנפערענץ, פאַקטיש אַן אומפאַרשעמטע און קולטורלאָזע דינגעניש, מיט קריגערײַען און זידלערײַען, וועלכע האָט געדויערט אַ יאָר צײַט, — געעפנט פאַר י. קאָרנען און פאַר זײַנע לײַט די מעגלעכקײַט צו דורכפאָרן זיך אַהין־אַהער איבער לענדער און מעקוימעס (אַפּן כעזשבן פון געזעלשאַפטלעכע פאָנדן, פאַרשטייט זיך), קעדיי „אַרומריידן די זאַך", „קאָנטאַקטירן די פּראָטים", „אויסגלײַכן די צדאָדים". מע האָט געשאַפן „קאָמיסיעס", „בעשוטפעסדיקע קאָמיסיעס", „ענגע קאָמיסיעס" מיט „פּרעזידענטן", „וויצע־פּרעזידענטן", „סעקרעטאַרן" און גלאַט „מיטגלידער" (מעראַסטנס, נאַטירלעך, פון צווישן די מאַנהיגים, וועלכע האָבן דעם סאַמע קנאַפּן שײַכעס צו די שעפערישע קולטור־ און ליטעראַטור־ספערעס), און מע האָט אין סאַכאַקל געגעבן צו וויסן דורך שרײַענדיקער צײַטונג־רעקלאַמע, אַז יאָ, די „היסטאָרישע קאָנפערענץ" וועט מאַצלי‌עך זײַן אין ירושלאַיִם, אין די טעג פון 21־טן ביזן 24־טן יול 1975 (פּונקט אין די ברענטעג פונעם טוריסטישן סעזאָן...).

עס האָבן זיך פון אַלע זײַטן געשאָטן „דייעס", „אייצעס" און „וואָרענישן". אויף אַ „צונויפקומעניש" אין פּאַריז האָט יצחאָק קאָרן, נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעמאָלט די אידיליע פון דער קומענדיקער „וועלט־אַסיפע" (ער האָט זי אַפילע נומערירט אַלס „דריטע" נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ און נאָכן פּאַריזשער וועלט־קאָנגרעס פאַר פאַרטיידיקן די יידישע קולטור פונעם פאַשיזם), נאָך אַזאַ אַרײַנפיר האָט ער, אורטיילנדיק לויטן באַריכט אין דער ציוניסטישער צײַטונג „אונדזער וואָרט", באַמערקט: „ס'איז אָבער דאָ אַ געפאַר, אַז עס זאָל זײַן ניט מער ווי אַ מאַניפעסטאַציע", און געוואָרנט, מע זאָל אויף דער פּלאַנירטער קאָנפערענץ אין ירושלאַיִם „ניט זוכן קיין כעזשבוינעס מיט ישׂראל", דאָס הייסט ניט קריטיקירן די ישׂראל־רעגירונג פאַר דעם, וואָס זי האָט געשאַפן אַ קאַצן־אַטמאָספער פאַר יידיש אין דער מעדינע. אויף אַ צווייטן צוזאַמענטרעף אין פּאַריז האָט קאָרן זיך אַרופגעוואָרפן „אויף די אַלע, וועלכע מיינען, אַז די הויפּט־זאַך באַשטייט איצט אין אָרגאַניזירן אידעאָלאָגישע וויקוכים". רופנדיק צו אַכדעס, האָט ער שטרענג געוואָרנט, אַז „וויקוכים טאָרן בעשום־אויפן ניט דערלאָזט ווערן".

דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ טאַראַראַם און אַ שטופּעניש אין די יידישע, „נאַציאָנאַלע" קרײַזן. אינעם יאָהאַנעסבורגער כוידעש־זשורנאַל „דאָרעם־אַפריקע" פאַר יאַנוואַר־פעוראַל ד. י. האָבן מיר געלייענט אַן אַרטיקל פון זאַלמען לעווי, אין וועלכן ס'ווערט דערציילט, אַז „גראָד אין אַ צײַט, ווען מע רופט צונויף אַזאַ קאָנפערענץ, ווערן אָפּגעטאָן גוואַלדיקע אַוולעס בענעגייע יידישע כינוך־אינסטאַנצן אין אַמעריקע און באַזונדערס אין אַרגענטינע... מע באַזײַטיקט יידיש און מע פאַרבײַט אים מיט איווריט, און מיר ווייסן, אַז דער רעזולטאַט איז — ניט קיין יידיש און ניט קיין איווריט. ס'איז ניט דאָס און ניט יענץ. דאָס איז הימל־שרײַענדיק. אָט אַזעלכע זאַכן דאַרפן באַהאַנדלט ווערן אויף אַ יידיש־קאָנפערענץ! עס מוז אויך אָפּגע־

וואָרפן ווערן דער אלט־אײַנגעזעסענער (אין ייִסראָעל. — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד") געזעץ, אז ייִדיש איז א פרעמדע שפּראַך. דעלעגאַטן אַף דער קאָנפערענץ וועלן אויך געוויס פאָדערן א גרעסערע ראַדיאָ־טראַנסלירונג אין ייִדיש און אַף טעלעוויזיע".

הייסט עס, אז אכדעס וועט זיך ניט באַקומען, און די איניציאַטאָרן האָבן מיטאמאָל דערזען, אז עס איז א סאָפעק, צי בא אזא לאגע וועט אַף דער קאָנפערענץ זיך אײַנגעבן אויסצומײַדן „כעזשבוינעס מיט דער ייִסראָעל־רעגירונג". פּונקט אין דער צײַט פון דער צוגרייטונג צו דער „ייִדיש־קאָנפערענץ" האָבן זיך באַוויזן אין דער פּרעסע אופדעקונגען, אז די ציִעניסטישע פּירערשאַפט אין ייִסראָעל שיקט ארויס שעליכים אין אנדערע לענדער אַף צו פאַרניכטן דאָס ייִדישע לאָשן אין די קולטור־אינסטיטוציעס. אַף א געזעלשאַפטלעכער פאַרזאַמלונג אין בוענאָס־אײַרעס, לעמאָשל, האָט א פאָרשטייער פונעם דאָרטיקן „בונד" באַשולדיקט די אומגעבעטענע שעליכים אין אויספילן דאָס שליכעס פון אומברענגען די עטלעכע אזוי אויך מאָגערע ייִדישע שולן אין אָט דעם לאַנד. ניט געוווּנטשן פאַר די איניציאַטאָרן פון דער „וועלט־אסיפע" איז אויך געווען די אופדעקונג פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער ייִסראָעלדיקער צײַטונג „לעצטע נײַעס" מאָרדכע צאַנין אין זײַנעם אַן אַרטיקל, ווו ער האָט געשריבן, אז דער „קאָמיטעט פון ייִדישער קולטור" אין ייִסראָעל (אויך א ציִעניסטישע אונטערנעמונג אונטער דער פאָרזיצערשאַפט פונעם זעלבן ייִצכאָק קאָרן) דאַרף באַשולדיקט ווערן אין „ליקווידירן און שאַפן אַן אונטערגאַנגשטימונג בענעגייע ייִדיש, אין פירן א סינע־קאַמפּאַניע קעגן ייִדיש צווישן דער יוגנט".

דער ייִסראָעלדיקער דיכטער נאַכמען ראַפּפּ האָט אין זײַן אַרטיקל „עפּעס וועגן ייִדישער קולטור" אונטערגעפירט א מין סאַכאַקל אונטער די פּלענער פון א ציִעניסטישער קאָנפערענץ „לעטויוועס ייִדיש": „עס איז אַן אבסורד, וואָס פאַלט שוין א ביסל ארײַן אין כויזעק. א קאַץ שטעלט מען ניט אוועק צו היטן פּוטער"...

מע דאַרף זאָגן, אז שוין אין גאַנג פון דער צוגרייטונג צו דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַוויזן גענוג סיבעס, אז אזעלכע, אין טאָך, ציִעניסטישע שרײַבער, ווי צאַנין, ראַפּפּ און אנדערע, זאָלן ארײַנפאַלן אין ביטערע ספייקעס. אַן אָנשוילעכע אַנטפּלעקונג פונעם אבסורד איז געווען, לעמאָשל, דער פּרוּוו איבערצולייגן די זאָרג פאַר אָרגאַניזירן די קאָנפערענץ פון ייִדישער קולטור אַף די אַקסל פון... ראַבאָנים. ס'האָט בעפּייִרעש ניט אימפּאָנירט די אַרגעמענטירער פּען־מענטשן, וואָס בעראָש פונעם דאָרטיקן „קאָמיטעט פון קולטור־אָרגאַניזאַציעס" האָט מען אוועקגעשטעלט... דעם הויפּט־ראָוו רייכנבערג. די ציִעניסטישע יאַרמלקעס האָבן זיך א נעם געטאָן פאַר ייִדישער ליטעראַטור און קולטור אויך אין אוסטראַליע, פּשא, פראַנקרײַך. בײַס איינער א באַהאַנדלונג פון דער פּראָגראַם פאַר דער „היסטאָרישער אסיפע" האָט דער ראָוו טשאַסקאַלאַ זיך פּאָשעט אויסגעלאַכט פון די „הויכע צילן" און געייצעט, אז „טאַטע־מאַמע זאָלן אויסלערנען זייערע קינדער זאָגן אַף ייִדיש „גוט מאָרגן" און „א גוטע נאַכט". אזא פּראָגראַם האָט אויסגעזען פּרעכטיק אין די אויגן פונעם רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „אוסטראַליער ייִדישע נײַעס" י. רובינשטיין, און ער איז ארויס מיט אזא פאָדערונג: „די קאָנפערענץ מוז אײַנשליסן רעליגיִעזע ייִדן... עס איז פון באַזונדערער וויכטיקײַט אײַנצולאַדן די קעמפערישע יעשיווע־באָכערים"... „מע דאַרף אויך אײַנלאַדן מעצענאַטן!" — האָט פון פּאַריזש זיך דערהערט דאָס קאָל פונעם פאָרשטייער פון דער קולטור־קאָמיסיע באַם אַרבעטער־רינג מ. גליקסמאַן. קורץ, ס'האָט זיך געטאָן אַף טיש און אַף בענק...

ביז עס איז געקומען דער פינאַל. ווי יעדע פאַרורטיילטע פון אָנהייב אַף א שווינדלעכן באַנקראָט אונטערנעמונג, האָט מיטאמאָל א קראַך געטאָן די רעקלאַמירטע קאָנפערענץ. דער פּאָליטישער מענאַכעם־מענדל ייִצכאָק קאָרן האָט באַוויזן אויסצונוצן אויך אָט די סיטואַציע אַף צו מאַכן א נײַע סעריע רײַזעס אין אנדערע לענדער (אַפּן כעזשבן פון געזעלשאַפטלעכע פאָנדן, פאַרשטייט זיך), רײַזעס מיט „צונויפקומעניש", אַף וועלכע עס איז געמאָלדן געוואָרן, אז האַגאַם פאַר דער ייִדישער קולטור־ליטעראַרישער קאָנפערענץ זײַנען ארויסגעטראָטן אזעלכע אָנגעהעריקע צום איניען קרעפטן, ווי די ראַבאָנים און מעצענאַטן; האַגאַם י. קאָרן האָט זיך אין א קריטישן מאָמענט מאַטריִעך געווען אַף נאָך א רײַזע, דאָס מאָל קיין לאָנדאָן, וווּ ער האָט קאָנפערירט מיטן לאָרד פישער אליין, און דער דאָזיקער ביזן גרונט פרעמדער צו ייִדישע קולטור־ווערטן, לאַכלוטן אסימילירטער „ייִדישער לאָרד" האָט עפּעס א בורטשע געטאָן „לעטויוועס דער זאַך"; און האַגאַם פאַרינטערעסירטקײַט אין דער וועלט־אסיפע האָבן ארויסגעוויזן אזעלכע גײַסטער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור, ווי באַשעוויס, גראַדע און ווייזעל, — האָט דאָס אלץ ניט געהאָלפן, און מע האָט באַשטימט: דערווײַל אָפּלייגן... אויב דער ריבוינעשעלוילעם וועט העלפן, קאָן מען האָפן, אז אין א צײַט ארום, עפּשער איבעראיאָר (אויך אין ברען פונעם טוריסטישן סעזאָן...), וועט די וועלט־אסיפע מאַצליִעך זײַן... דער רעדאַקטאָר־סקעפּטיקער מאָרדכע צאַנין איז בא דעם פאַרמאַכטן פאַרהאַנג ארויס מיט א מײַמער, וועלכן ער האָט טרעפלעך אָנגערופן „דער באַרג האָט אפילע קיין מויז ניט געבוירן", און — דאָס איז אלץ, די ציִעניסטישע מאַפּיִע אין געביט פון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור האָט זיך איבערגעשלאָסן אַף אנדערע דײַגעס, ארויסשטעלנדיק א צונג דער געפּלעפּטער ייִדישער ליטעראַרישער געזעלשאַפטלעכקײַט.

וואָס לערנט אונדז דער דורכגעפאַלענער פּרוּוו צונויפצורופן אונטערן גלעקל פון ניט פאַרגרימירטע אַפּאַראַטשיקעס פונעם ציִעניזם א „וועלט"־באַלאַגאַן ארום ייִדיש? ווײַזט אויס, אז אין דעם פאַל האָט זיך געלאָזט פילן דער אינסטינקט פון זעלבסטבאַשיצונג בא די אכרײַעספולע ייִדישע קולטור־שעפער. יאָ, עס דאַרף פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט ווערן דאָס, וואָס די ייִדישע שעפערישע קויכעס האָבן נאָך פאַרהיט די פייִקײַט צו קעגנשטעלן זיך די פאַרנאַרערישע רייד פון דער באָבע יאַכנע, וועלכע האָט זיך דאָס מאָל באַוויזן אין געשטאַלט פון א „קולטור־טרעגערן".

אזא איז אונדזער שטעלונג. וועגן איין כאַראַקטעריסטישן פּראַט ווילן מיר נאָך דערציילן די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

ס'איז שווער אפילע צו גלייבן, נאָר דאָס איז א פאַקט, אז די איינציקע אָרגאַניזירטע ייִדישע קערפּערשאַפטן, וועלכע האָבן זיך געבעטן, מע זאָל זיי רופן אַף דער „אסיפע", אין דער צײַט, ווען די ציִעניסטישע באַלעבאַטים האָבן זיי ניט ארופגעלאָזט אַף דער שוועל, זײַנען געווען די רעדאַקציעס פון דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט" און פונעם זשורנאַל „ייִדישע קולטור". גלײַך, ווי ס'האָט זיך באַוויזן די מיטיילונג וועגן דער באַראַטונג אין ייִסראָעלדיקן קאָנסולאַט אין ניו־יאָרק, ווו ס'איז געגאַן א רייד וועגן צונויפרופן די אסיפע, האָבן די אָנפירער פון אָט די צוויי אויסגאַבעס זיך גענומען אָנקלאָגן, פאַרוואָס מע האָט זיי ניט פאַרבעטן אין קאָנסולאַט. אַף א פּלענום פונעם אמעריקאַנער „איקוף" (2 נאָיאַבער 1974) איז אָנגענומען געוואָרן א רעזאָליוציע, וועלכע האָט „באַגריסט די איניציאַטיווע". ס'איז ארויסגעזאָגט געוואָרן די אידיי, אז „אזא קאָנפערענץ מוז זײַן אַן אַל־אײַנשליסנדיקע" (דאָ איז אָנשוילעך באַוויזן געוואָרן, צו וואָס עס פירט דער טעזיס פון מיטאַרבעטן מיט „בעסערע ציִעניסטן"). די „מאָרגן־פרײַהײַט" האָט געשריבן אין איר וועכנטלעכן פּרעסע־איבערזיכט פאַרן 5 יון ד. י. (ווען דער קראַך פון דער ציִעניסטישער „אונטערנעמונג" איז שוין געווען א באַשײַמפּערלעכער): „מיר זײַנען אינגאַנצן אײַנ־

שטימיק מיט די אַרויסזאָגונגען פון י. קאָרן וועגן אייניקײַט אין קאמף פארן ייִדישן לאָשן און פאר דער אנטוויקלונג פון ייִדישער קולטור (אָף וועלכע יעסוידעס, אָף ציִעניסטישע, צי אָף פּראָגרעסיווע? די דאָזיקע פראגע אינטערעסירט ניט, ווײַזט אויס, די אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט". — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד")... אָבער די „מאָרגן־פרײַהײַט", דער „איקוף" און אנדערע קולטור־ און ליטעראטור־אינסטיטוציעס, וועלכע ס'האָט מיט גרויסע באַמיִונגען געשאפן דער פּראָגרעסיווער סעקטאָר אָף דער אמעריקאנער ייִדישער גאס, „זײַנען ניט גערופן געוואָרן צו די באראטונגען. ווען פּרוּוון זײַנען געמאכט געוואָרן צו שטעלן זיך אין פארבינדונג מיט די איניציִאטאָרן און אָרגאניזאטאָרן פון דעם אמעריקאנער (ציִעניסטישן. — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד") קאָמיטעט, האָט מען ניט צוגעלאָזן צו קיין זיצונגען". אויך „די ייִסראָעל־פאָרשטייער... האָבן ניט געוואָלט האָבן צו טאָן" מיט די אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט", וועלכע האָבן דאָך, אין מאָמענט, ווען דער דורכפאל פון דער „אונטערנעמונג" איז שוין געווען א סאָד אָף גאנץ בראָד, אויסגעדריקט די האָפענונג, אז „די פּלאנירטע (ציִעניסטישע. — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד") קאָנפערענץ וועט פאָרקומען אין דער ניט ווײַטער צוקונפט" און אז „עס וועט אויסגעמיטן ווערן די צעשפּליטערטקײַט און דער מאנגל אין א קאָנצענטרירטער ארבעט".

איז דאָס ווערט צו פארצייכנט ווערן: די אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" און פונעם אמעריקאנער „איקוף" זײַנען מאסקים מיט דער איניציִאטיוו פון די ציִעניסטישע אפּאראטשיקעס צו דורכפירן די אויבנדערמאָנטע „וועלט־אסיפע". ווען א לייענער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" (אווראָם קאָהאן פון פּיקסקיל) האָט אין א בריוו צו דער רעדאקציע זיך אָנגעפרעגט, וויִאזוי זי באציט זיך צו דער שטעלונג פון „סאָוועטיש היימלאנד" אין אָט דער פראגע, איז געקומען אזא אופקלערונג: „זיי (דה. די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער. — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד") האָבן זייער שטעלונג, און מיר האָבן אונדזער שטעלונג... לויט דער מיינונג פון דער ייִדישער פּראָגרעסיווער (? — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד") פירערשאפט דאָ אין לאנד איז די ייִדיש־קאָנפערענץ אין ייִסראָעל... וויכטיק".

מיר ווילן ניט אָנטאָן קיין צופיל אגמעסנעפעש די אינגאנצן שוין צעשטרײַטע אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט", נאָר איין־איינציקע שורע פון א פּרעסע־באריכט (אין דער שוין אָנגערופענער ציִעניסטישער צײַטונג „אונדזער וואָרט") ווילן מיר זיי דערמאָנען. „עס קאָן זײַן א שווערע קאָנפערענץ, — שרײַבט מיט אומרו די ציִעניסטישע צײַטונג, — ייִדישע שרײַבער פרעגן איצט ווידער: „פאר וועמען ארבעטן מיר?"

א שאָד, וואָס די אָנפירער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" און פון דער „ייִדישער קולטור" זאָגן זיך אָפּ פון צו שטעלן פאר זיך די דאָזיקע פראגע.

כראָניק

נײַס פון בירעבידזשאן

געסט פון אוקראַיִנע

לעצטנס האָט אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט גאסטראָלירט דער אוקראַיִנישער מוזיקאַליש־דראמאטישער אנסאמבל אונטער דער אָנפירונג פון מיכאַיִל מעלניק — א קאָלעקטיוו, וואָס האָט אָנגעהויבן זײַן טעטיקײַט אין 1935 און איז איצט איינער פון די פּאָפּולערסטע אין דער אוקראַיִנישער רעפּובליק. דער אנסאמבל האָט באַוויזן אָף די בינעס פון בירעבידזשאן און סמידאָוויטש זײַן נײַע שטעלונג לויט טאראס שעווטשענקאָס פּאָעמע „קאטערינא". נאָכדעם האָט ער פאָרגעזעצט זײַן גאסטראָל־רײַזע אין איזוועסטקאָוואָיע, בירא, לאָנדאָקאָ, בירַאקאן, אָבלוטשיע און אין אנדערע ייִשוווים פון דער געגנט.

אווטאָמאָבילן אין פערזענלעכן באנוץ

בלויז פאר פיר כאָדאָשים פונעם לויפנדיקן יאָר האָבן די קאָלווירטניקעס פונעם בירעבידזשאנער ראיאָן אײַנגעשאפן פאר זיך 21 אווטאָמאָבילן אָף א סומע פון 108 טויזנט רובל.

פערזענלעכע אווטאָמאָבילן האָבן געקויפט דער מעכאניזאטאָר פונעם דימיטראָווער סאָווירט א. קאָוואלעוו, דער קארטאָפלציכטלער פון נאָדעזשדינסקער סאָווירט פּ. טאָווקאטש, דער בריגאדיר פון א טראקטאָר־בריגאדע פונעם קאָלווירט „איליטשס געבאָטן" אי. קורגאנסקי און אנד.

טויזנטער בלויע עקראנען

מיט יעדן יאָר פארגרעסערט זיך די צאָל בלויע עקראנען אין די דירעס פון די ארבעטנדיקע אינעם געגנטלעכן צענטער. בלויז די מאגאזינען פונעם געברויך־פארבאנד האָבן פאראיאָרן פארקויפט דער באפעלקערונג העכער 2 טויזנט טעלעוויזאָרס.

פאר די ערשטע זעקס כאָדאָשים פונעם איצטיקן יאָר האָבן אריבער טויזנט מישפּאָכעס פון בירעבידזשאן אײַנגעשאפן טעלעוויזאָרס פון פארשיידענע מארקעס און סיסטעמען, דערונטער אויך קאָלירטע.

מע רעכנט, אז ביזן סאָף יאָר וועט פארקויפט ווערן נאָך צוויי טויזנט אזעלכע טעלע־אפּאראטן.

עלעקטרישע אָנווארעמער פארן באָס

דער בירעבידזשאנער זאוואָד פון קראפטטראנספאָרמאטאָרס האָט ארויסגעלאָזט די ערשטע מוסטערן פון אן עלעקטרישן אָנווארעמער צו באקומען הייסע וואסער. דער אגרעגאט פארמאָגט אן אווטאָמאטישע אײַנריכטונג און איז באקוועם אין באנוץ. איינער פון די מוסטערן פון דעם אָנווארעמער ווערט איצט דעמאָנסטרירט אָף דער אלפארבאנדישער אויסשטעלונג פון די דערגרייכונגען פון דער פאָלקסווירטשאפט.

ביזן סאָף יאָר וועט די אונטערנעמונג ארויסלאָזן צוויי טויזנט אזעלכע אגרעגאטן, פיל פון זיי וועלן אָפּגעשיקט ווערן אין די ייִשוווים פון די בויער פון דער בײַקאל־אמורער מאגיסטראל.

■

מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

אין הײַנטיקן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" הייבן מיר אָן צו דרוקן מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

די פֿראַגע וועגן שאַפֿן אַזאַ לעקסיקאָן איז שוין געשטעלט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע צײַטן, באַזונדערס אין די דרײַסיקער יאָרן. ביז דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע איז אין ראַטנפֿאַרבאַנד אָנגעזאַמלט געוואָרן אַ רײַכער ביבליאָלאָגישער און דעריקער ביבליאָגראַפֿישער מאַטעריאַל. די אָנגעזעענע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור־היסטאָריקער, ביבליאָלאָגן און ביבליאָגראַפֿן מ. ווינער, מ. עריק, א. גורשטיין, נ. אויסלענדער, י. ליבערבערג, י. רימיניק, נ. רובינשטיין, א. קירזשניץ, י. ראַטנער, י. קוויטני, ל. בראָווארניק, כ. נאַדעל, ב. סלוצקי און אַנדערע האָבן פֿיל אויפֿגעטאָן אַף צונויפֿשטעלן דעם ביבליאָגראַפֿישן מאַטעריאַל וועגן דער אַרויסגעגעבענער ביכער־ און פּרעסע־פּראָדוקציע אין ראַטנפֿאַרבאַנד אַף ייִדיש, רוסיש און העברעיִש. זייערע פּובליקאַציעס האָבן מיטגעהאָלפֿן אויך די אויסלענדישע ביבליאָלאָגן און ביבליאָגראַפֿן אין זייערע אַרבעטן וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור (מיר האָבן דאָ אין זינען אין דער ערשטער ריי זאַלמען רייזענס לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פֿילאָלאָגיע). דער אָנגעזאַמלטער ביבליאָלאָגישער מאַטעריאַל וועגן דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד האָט אויך מעגלעך געמאַכט דאָס דערשײַנען פֿון דער אויסגאַבע אין ייִסראָעל „פּרסומים יהודיים בברית־המוצות 1917 1960" — („ייִדישע פּובליקאַציעס אין ראַטנפֿאַרבאַנד אין די יאָרן 1917—1960"). ניט פֿאַרמינערנדיק די באַדײַטונג פֿון אָט די אַרבעטן, דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז אין זיי פֿאַרנעמט אַ צו גרויס אָרט דער מאַטעריאַל וועגן פֿאַרשיידענערליי ייִדישע בורזשואַזע און קלייןבירגערלעכע נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס („בונד", „סיים", קאָלערליי שאַטירונגען פֿונעם ציִעניזם). אין די „פּרסומים" איז אָפּגעגעבן די אויסגאַבעס פֿון אָט די פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס פּראָפּאָרציאָנעל אָן אַן ערעך אַ גרעסער אָרט, איידער זיי האָבן אין דער ווירקלעכקײַט פֿאַרנומען.

אַ געווויסע באַדײַטונג פֿאַר דער ייִדישער סאָוועטישער ביבליאָלאָגיע האָט געהאַט דער מאַטעריאַל אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ" און אין דער „גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע", ווו דער וויסנשאַפֿטלעכער קאָנסולטאַנט איבער ייִדישער ליטעראַטור איז זײַנערצײַט געווען פּראָפֿ. ייִצחק נוסינאָוו. דער מאַטעריאַל אין אָט די וויכטיקע רוסישע אויסגאַבעס האָט באַוווּסט געמאַכט די ייִדישע ליטעראַטור און די ייִדישע שרײַבער בײַ דעם אַלפֿאַרבאַנדישן לייענער.

נאָך דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע, אין די 60־ער און 70־ער יאָרן, איז די ביבליאָלאָגישע און ביבליאָגראַפֿישע אַרבעט פֿאָרגעזעצט געוואָרן הויפּטזאַכלעך אין „סאָוועטיש היימלאַנד". אַף די שפּאַלטן פֿונעם זשורנאַל זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט ביבליאָגראַפֿישע איבערזיכטן כ. נאַדעל, א. פֿינקעלשטיין, מ. ראָזנהויז, מ. איטקאָוויטש און אַנדערע. אין 1964 איז אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אײַנגעפֿירט געוואָרן אַ שטענדיקע רובריקע „נאָטיצן אַפֿן קאַלענדאַר", ווו עס זײַנען געבראַכט געוואָרן מאַטעריאַלן וועגן ווערק און שרײַבער.

אַ וויכטיקע אַרבעט ווערט געפֿירט אין דער „קורצער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע" און אין דער דריטער אויפֿלאַגע פֿון דער „גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע". עס איז קעדײַ צו באַמערקן, אַז אין דער „קורצער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע", זײַנען אין די אַכט דערשינענע בענדער פֿאַרעפֿנטלעכט אַרטיקלען וועגן העכער 80 ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, צווישן זיי וועגן 28 לעבעדיקע, איצט שאַפֿנדיקע פּראָזאַיִקער, דיכטער, דראַמאַטורגן, קריטיקער. אין נײַנטן, צוגאָב־באַנד וועט דערציילט ווערן וועגן דער שאַפֿונג פֿון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, וועלכע זײַנען איבער די אָדער יענע סיבעס דורכגעלאָזט געוואָרן. אין גרונט וועלן אַלע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער זײַן פֿאָרגעשטעלט אין דער ענציקלאָפּעדיע. דער וויסנשאַפֿטלעכער קאָנסולטאַנט איבער ייִדישער ליטעראַטור איז אין די ערשטע צוויי בענדער פֿון דער ענציקלאָפּעדיע געווען פּראָפֿ. נ. אויסלענדער. נאָך זײַן טויט פֿירט די אַרבעט דער דאָקטאָר פֿון פֿילאָלאָגישע וויסנשאַפֿטן ה. רעמעניק. עס האָבן זיך באַטייליקט אַלס אווטאָרן אין דער ענציקלאָפּעדיע די שרײַבער און קריטיקער י. סערעבריאַני, מ. נאָטאָוויטש, כ. לויצקער, ר. רובין, ל. טשערניאַק און אַנדערע.

אַ ריי ביבליאָלאָגישע, לעקסיקאָגראַפֿישע און ביבליאָגראַפֿישע מאַטעריאַלן זײַנען פֿאַר די לעצטע צוויי צענדליק יאָר פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אינעם „לעקסיקאָן פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק אָנהייבנדיק פֿונעם 1956 יאָר.

מיר מיינען, אז איצט איז געקומען די צײַט צו שאפן א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אַף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" וועלן מיר סיסטעמאַטיש פּובליקירן מאַטעריאַלן פאַר אזא לעקסיקאָן.

עס וועלן, נאַטירלעך, זײַן שוועריקייטן. דערלאָזטע פעלערן וועלן דאַרפן פאַריכט ווערן. מיר האָפן, אז די פרײַנט פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, די שרײַבער און די לייענער, וועלן אונדז צוהילף קומען.

אבארבאנעל, מענדל
(1888—1957)

— געלעבט אין ווײַסרוסלאַנד. געאַרבעט אלס סטאָליער. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין די ערשטע ייִדישע סאָוועטישע אויסגאַבעס „פרײַער אַרבעטער", „קולטור און בילדונג" (מאָסקווע, 1918). זײַנע פּראָזע לידער זײַנען געווידמעט דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אבארבאנעל איז געווען איינער פון די ערשטע ייִדישע פּראָלעטאַרישע שרײַבער אין ראַטנפאַרבאַנד. צוזאַמען מיט כאַיִם גילדינען און מוישע יודאַווינען האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער „פּראָלעטקולט"־גרופּע.

ווערק. לידער־זאַמלונגען „אַף כוואַליעס פון צײַטן", כאַרקאָוו, 1930; „אַף דער וואָגשאָל", כאַרקאָוו—קיִעוו, 1934; „אין ריטם פון לעבן", קיִעוו, 1937; פּאָעמע „קינדהײַט", קיִעוו, 1939; לידער־זאַמלונג „אַף אונדזער ערד", קיִעוו, 1940.

ביבליאָגראַפיע. כ. דוניעץ — „פאַר מאַגניטבויען אין דער ליטעראַטור", מינסק, 1932; ב. אָרשאַנסקי — „צײַטשריפט", 5, מינסק, 1931.

אבטשוק, אווראָם (1897—1937)

— געבוירן אין לוצק, וואָלין. אין 1921 זיך באַזעצט אין קיִעוו און געאַרבעט אלס לערער פון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. שפּעטער געווען א וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט פון ייִדישער קולטור בא דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. אָנהייבנדיק פון 1926 פּובליקירט אין די זשורנאַלן „די רויטע וועלט", „פּראָליט" און אנד. דערציילונגען וועגן בירגערקריג און וועגן לעבן פון די ייִדישע פּאָלקסמאַסן אין פּוילן. געווען אן אַקטיווער בויער פון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אוקראַיִנע. דאָס אמערסטן באַוווּסטע ווערק זײַנס איז „הערשל שאַמײַ" — א ראָמאַן וועגן דעם לעבן און געזעלשאַפטלעכן באַוווּסטזײַן פון א ייִדישן סאָוועטישן אַרבעטער אין די צוואַנציקער יאָרן. באַנאַנד מיט קינסטלערישער פּראָזע־שאַפונג איז א. אבטשוק אַרויסגעטראָטן מיט וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אַרבעטן איבער דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

ווערק. „הערשל שאַמײַ און אַנדערע דערציילונגען", קיִעוו, 1929; „זיך אײַנגעשלאָסן", קיִעוו, 1930; „הערשל שאַמײַ" (צווייטע, איבערגעאַרבעטע אופלאַגע), קיִעוו, 1931; „קוזבאַס", קיִעוו, 1932; „אין קאַמף קעגן סאָנים", מינסק, 1932; „דערציילונגען", קיִעוו, 1933; „הערשל שאַמײַ", צווייטער טייל, קיִעוו, 1934; „עטיודן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער ייִד. ליט. באַוועגונג אין פססר", כאַרקאָוו, 1934; „אין דער באַרגיקער שאַריע", קיִעוו, 1934; „באַרישעווס בריגאַדע", קיִעוו, 1934; „וועגן אונדזער פּראָזע", כאַרקאָוו—קיִעוו, 1932; „מענדעלע מוכער־ספאָרים. זײַן לעבן און זײַנע ווערק", קיִעוו, 1927.

ביבליאָגראַפיע. זאַלמען רייזען — „לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע", ב. 1; מ. מיזשיריצקי — „א פריידיקער אָנזאָג", „די רויטע וועלט", 1929, 10.

אבראַם, לייב
(1896—1966)

— געזעלשאַפטלעכער טוער, פּובליציסט, רעדאַקטאָר. געבוירן אין שאַוועל, קאָוונער גוב. בא א פאַקטער א שוסטער. אין דער יוגנט גענומען אַן אָנטייל אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, געווען אַרעסטירט. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמפּאַרטיי. אין די יאָרן 1920—1922 געווען פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון דער וויטעבסקער טאָג־צײַטונג „דער רויטער שטערן". שפּעטער איז ער געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער צײַטונג „קאָמוניסטישע פאָן" אין קיִעוו. אין דער צווייטער העלפט פון די 20־ער יאָרן געאַרבעט אלס פאַרוואַלטער פון דער ייִדסעקציע אין אָדעסער געגנטקאָם קפּ(ב)או, אין די דרײַסיקער יאָרן — אלס ערשטער סעקרעטאַר פונעם ראַיקאָם קפּ(ב)או פונעם קאַלינינדאָרפער ייִדישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן. ל. אבראַם האָט געדרוקט פּובליציסטישע אַרטיקלען אין צײַטונגען און זשורנאַלן.

ווערק. „זאַלבאַצווייט" — די געשיכטע פונעם ערשטן מײַ, וויטעבסק, 1921; „דער מישפּט איבערן כיידער", וויטעבסק, 1922.

ביבליאָגראַפיע. א. קירזשניץ — „די ייִדישע פּרעסע אין ראַטנפאַרבאַנד", מינסק, 1928; „דאָס ייִדישע בוך אין פססר (1917—1921)", קיִעוו, 1930; ש. אגורסקי — „דער ייִדישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג", מינסק, 1925.

אגורסקי שמועל (סעם)
(1884—1937)

— געזעלשאַפטלעכער טוער, היסטאָריקער, ליטעראַטור־פאָרשער. געבוירן אין אן אַרבעטער־פאַמיליע אין גראָדנע. גאָר יונג אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און געצוווּנ־

גען געווען עמיגרירן קיין ענגלאַנד (1905), דערנאָך קיין אַמעריקע (1906), דאָרט אַרויסגעטראָטן מיט פּובליציסטישע אַרטיקלען אין דער ייִדישער פּרעסע. אין 1917, צוזאַמען מיט א גרופּע רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן, געקומען קיין פּעטראָגראַד און גענומען אָנטייל אין אָרגאַניזירן באָלשעוויסטישע ייִדישע קאָמיסאַריאַטן אין דער פּראָווינץ. געווען קאָמיסאַר פאַר ייִדישע ענינים אין וויטעבסקער גוב. (סאָף 1918) און צײַטווײַליקער פאַרטרעטער פונעם קאָמיסאַר פאַר ייִדישע ענינים אין מאָסקווע. אין אויגוסט 1919 קומט ער ווידער קיין פּשא און פאַרעפנטלעכט דאָרט אַרטיקלען וועגן דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אומקערנדיק זיך צוריק קיין רוסלאַנד, פירט ער א פאַרצווײַגטע וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע אַרבעט.

ווערק. „דער ייִדישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג" (1917—1921), פאָרוואָרט פון ש. דימאַנשטיין, מינסק, 1925; „די ייִדישע קאָמיסאַריאַטן און די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס (1918—1921)", מינסק, 1928; „אויפן היסטאָרישן פראָנט", מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק, 1930; „די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אין ווײַסרוסלאַנד", מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק, 1931; „דער מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט אויף די באַריקאַדעס", מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק, 1931; „די אָקטיאַבער־שלאַכטן אין מאָסקווע", מאָסקווע, 1933; „די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף ייִדיש אין 1875—1897", ב. 2, מינסק, 1935; „דער קאַמף קעגן „בונד"", מאָסקווע, 1935.

ביבליאָגראַפיע. זאַלמען רייזען — „לעקסיקאָן", ב. 1; ק. מאַרמאָר — „דאָוויד עדלשטאַט־בוך", ניו־יאָרק, 1951.

דאָס איז טשיקאַווע

א רעטעניש פון דער פּסיכיק

ניט לאַנג צוריק האָבן זיך באַוויזן טשיקאַווע מיטיילונגען, וועלכע האָבן זייער פאַראינטערעסירט פיל געלערנטע. דאָקטאָר ראָוועדער, א באַרימטער מײַרעוו־בערלינער פּסיכאָלאָג, איז געווען אין א גרויסער פאַרלעגנהײַט פון א צופאַל אין זײַן פּראַקטיק, ווען א מיידעלע האָט נאָך דער טראַוומע פונעם קאָפּ שאַרבן פאַרגעסן די מוטערשפּראַך און אָנגעהויבן ריידן אויף א שפּראַך, מיט וועלכער ביז אַהער דעם צופאַל האָט זי זיך קיינמאָל ניט באַנוצט.

האַגאַם ס'איז שווער אין דעם צו גלייבן, גיבן מיר איבער אָט די געשיכטע אַזוי, ווי עס האָט זי באַשריבן דער מײַרעוו־דײַטשישער זשורנאַליסט ק. גאָטשאַלק און דער בראַזילער זשורנאַל «Unificagão» (סאַן־פּאַולאָ, יאַנוואַר 1972).

דער אויסטערלישער צופאַל, וואָס האָט פּאַסירט מיטן צוועלפיאָריקן מיידעלע יעלענע מאַקאַרד, האָט ביז גאָר פאַרכידעשט די בערלינער געלערנטע. נאָך דער טראַוומע האָט מען דאָס מיידעלע געבראַכט אין שפּיטאָל אָן באַוווּסטזײַן. דער דעזשורנע דאָקטער האָט זי אונטערזוכט און געזאָגט, אַז דער צושטאַנד פונעם קינד איז א האָפענונגסלאָזער. מע האָט דאָס מיידעלע איבערגעלאָזט אין שפּיטאָל, ניט האָבנדיק קיין שום אויסזיכטן, זי זאָל בלײַבן לעבן.

אין א צײַט אַרום אָבער איז איינמאָל אינדערפרי דאָס מיידעלע אומגעריכט געקומען צו־זיך און האָט אָנגעהויבן ריידן אויף א פּערפעקטער איטאַליענישער שפּראַך, וואָס זי האָט פריִער ניט געקענט — אַלנפאַלס, קיינמאָל האָט מען פון איר דאָס ניט געהערט. דאַן האָט דער דאָקטער שרעדער אײַנגעלאַדן אַן איבערזעצער, און אַלע זײַנען דערשטוינט געוואָרן, ווען יעלענע האָט געזאָגט, אַז מע רופט זי ראָזעטאַ קאַסטעליאַני און זי וווינט אין איטאַליע, אין דער שטאָט נאָוועטאַ, ניט ווײַט פון פּאַדואַ, און זי האָט צוגעגעבן דערבײַ, אַז זי איז געבוירן געוואָרן דעם 9 אויגוסט 1887 יאָר. נאָך מער זײַנען אַלע דערשטוינט געוואָרן, ווען דאָס מיידעלע האָט אויסגעשריִען: „איך האָב צוויי קינדער — בּרונאָ און פראַנסאַ, זיי וואַרטן אויף מיר. זאָגט דעם הער דאָקטער, אַז איך דאַרף זיך אומקערן אַהיים". ריידנדיק אַלץ אויף איטאַליעניש, האָט זי אויך מיטגעטיילט, אַז זי איז געשטאָרבן אין 1917 יאָר.

צוערשט האָט דער דאָקטער שרעדער, וועלכער איז אויך געווען א פּסיכיאַטער, באַשטימט, אַז ס'האַנדלט זיך דאָ וועגן אויסטערלישע האַליוצינאַציעס און אומזיניקע פאַנטאַזיעס. אָבער ווי קומט צום קינד אַזאַ אויסגעשפּראָכן־ריינע איטאַליענישע שפּראַך? און דער דאָקטער האָט באַשטימט זיך האַלטן אָן אייצע מיט זײַן קאָלעגע, דעם דאָקטאָר ראָוועדער.

זיי זײַנען צוזאַמען מיטן מיידעלע און מיט א רעפּאָרטיאָר אַוועקגעפאָרן קיין נאָוועטאַ. דאָרט האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז אינעם עפּאַרכיאַלן רעגיסטער איז פאַרשריבן, אַז איינע א ראָזעטאַ טעאָבאַלדי איז געבוירן געוואָרן דעם 9 אויגוסט 1887 און דעם 17 אָקטיאַבער 1908 האָט זי חתונה געהאַט פאַר דזשין קאַסטעליאַני. מע האָט די דאָקטוירים מיטגעטיילט דעם אַדרעס, ווו ראָזעטאַ טעאָבאַלדי האָט געוווינט און איז געשטאָרבן (דעם 17 אָקטיאַבער 1917) און ווו ביז איצט וווינט איר טאָכטער פראַנסאַ. ווען זיי זײַנען געקומען לויטן אָנגעוויזענעם אַדרעס אויף דער נייטיקער גאַס, האָט יעלענע אָנגעוויזן אויף איינער פון די געבײַדעס און מיט זיכערקײַט געזאָגט: „אָט איז מײַן הויז". ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט ניט געהאַט קיין טעות. די טיר האָט פאַר זיי געעפנט אַליין פראַנסאַ. אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָט דאָס מיידעלע אויסגעשריגן: „אָט דאָס איז מײַן טאָכטער פראַנסאַ!" און באַלד גענומען דערציילן עפּיזאָדן פון פראַנסאַס קינדהײַט.

ווי עס טיילן מיט די מײַרעוו־דײַטשישע און בראַזילער אויטאָרן, ווערט אָט דער צופאַל באַטראַכט, ווי אַזאַ, וואָס האַגאַם ער ווערט באַשריבן מיט אַלע פּראָטים, בלײַבט נאָך דער וויסנשאַפט אין אים זיך צו פאַנאַנדערקלײַבן.

וו. איוואַנאָווא

■ ■ ■

די ליד וועגן אונטערוואסער = שיפל „מאליוטקע"

ווערטער — ישׂראל פּיסאַנאָוויטש
איבערגעזעצט פון ארן ווערגעליס

מוזיק — יעווגעני זשאַרקאָווסקי



נאָרוועגישע פעלדזן מיט כוישעך פארצויגן,
דעם סוינעס א שיף מיר דערטרינקען דאָרט הײַנט.
די שײַן פון דער סרייפע — פאר אונדזערע אויגן,
אין הארצן בא אונדז — פון ניצאָכן די שײַן.

רעפרען:
זעט, ווי די רויטע פאָן, דעם שטערן דעם רויטן
עס טראָגט די „מאליוטקע" דורך ברויזיקן יאם.
נעקאָמע, נעקאָמע! דעם סוינע מיר טויטן,
ניט העלפן עס וועט אים פון גזיירע דער פלאם.

שוין נאָענט אזוי די נאָרוועגישע ברעגן,
און ס'איז ניט געפערלעך שוין אויך דער רעדוט.
מיט באָמבעס, מיט מינעס זיי פּרוּוון אונדז שרעקן,
נאָר שטארקער פון טויט — אונדזער מענטשלעכער מוט.

רעפרען:
זעט, ווי די רויטע פאָן, דעם שטערן דעם רויטן
עס טראָגט די „מאליוטקע" דורך ברויזיקן יאם.
נעקאָמע, נעקאָמע! דעם סוינע מיר טויטן,
ניט העלפן עס וועט אים פון גזיירע דער פלאם.

די געשיכטע פון דער ליד

זײַנע פרײַנט האָבן אים גערופן פאַשעט — זאָריא. געווען איז ער צוערשט א קאפיטאן־לייטענאנט, קאָמאנדיר פון דעם גווארדייִשן רויטפאָניקן אונטערוואסער־שיפל „172־ M״. דערנאָך איז דער קאפיטאן פון צווייטן ראנג, העלד פון סאָוועטנפארבאנד ייִסראָעל פיסאנאָוויטש געווען קאָמאנדיר פון א דיוויזיאָן אונטערוואסער־שיפלעך — „מאליוטקעס״. וועגן די אָפעראציעס פון זײַן אונטערוואסער־שיפל ווערט דערמאָנט אין כראָניקאל־דאָקומענטאלן בוך „פססר אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע פון 1941—1945 יאָרן״: „1942 י., אפרעל, 15, מיטוואָך. דאָס אונטערוואסער־שיפל „172־ M״ האָט טאָרפעדירט אינעם וואראנגער־פיאָרד דעם קעגנערס א טראנספאָרט״.

אזעלכע רעידן זײַנען אף ייִסראָעל פיסאנאָוויטשעס כעזשבן פארשריבן ניט ווייניק. אין ליִנאכאמארי, אשטייגער, איז ער געהיים צוגעקומען צו דער פײַנטלעכער באזע און פונעם ערשטן טאָרפעדע־זאלפ פארניכטעט א שיף, וואָס איז געשטאנען אין האפן.

מיט איין וואָרט, ער איז געווען אן ערשטקלאסיקער יאם־מאן, אן עכטער אונטערוואסער־פלאָטלער. זײַן „מאליוטקע״ פלעגט אָנווארפן א שרעק אף די פאשיסטישע טראנספאָרטן. פינקטלעך ארויסקומען אפן ציל, טרעפן און פארניכטן אים איז פאר פיסאנאָוויטשן געווען ניט גענוג — מע דארף נאָך קענען באצײַטנס און קונציק אוועקפירן דאָס שיפל און דעם עקיפאזש פונעם דערצאָרנטן סוינע.

דעם קעגנערס יעגער־קאטיערן שווימען איבערן סאמע קאָרפוס פונעם שיפל, עס לויערן קעגנשיפנעצן און מינען־פארצוימונגען, מע באווארפט די „מאליוטקע״ מיט טיף־באָמבעס. דער קאָמאנדיר פון א באליביקן מין מיליטער איז פאראנטוואָרטלעך פאר יעדן סאָלדאט אָדער מאטראָס, פאר דער טעכניק. אין אונטערוואסער־פלאָט איז די פאראנטוואָרטלעכקײַט הונדערט מאָל גרעסער. באם פעריסקאָפ איז ער אייגער אליין: דער איינציקער מענטש, וואָס זעט דעם קעגנער (דערבײַ ניט שטענדיק). ער איז דער הויפטנערוו פונעם שיפל, זײַן נעשאָמע. דעם קאמאנדירס א פעלער איז א קאטאסטראָפע פארן גאנצן עקיפאזש.

איינמאָל האָב איך געטראָפן איזראַיל איליטשן אין א שלעכטער שטימונג. ער האָט נאָרוואָס באקומען דעם אָרדנטלעכן מיליטערישן טיטל, און אזא געשעעניש האָט נאָך קיינמאָל און קיינעם פון די מיליטערלײַט די שטימונג ניט געפאטערט. פיסאנאָוויטש אָבער איז געווען פארזאָרגט. אָן פרייד האָט ער מיר דערציילט, אז מע האָט אים געהעכערט ניט בלויז אינעם ראנג, נאָר אויך לויט דער דינסט, באשטימט אלס קאָמאנדיר פון א דיוויזיאָן, און איצט איז ער געצוווּנגען זיך צו שיידן מיט זײַן „מאליוטקע״. דאָס שיפל וועט אָפּשווימען, און ער, דער קאָמאנדיר, וועט בלײַבן אפן ברעג. פיסאנאָוויטשן האָט לאכלוטן נישט געפרייט ניט דער געהעכערטער ראנג, ניט דער נײַער פאָסטן.

— אָט האָב איך אָנגעשריבן א ליד וועגן די יאטן, גיב א קוק, עפשער וועט זי דיר געפעלן, — האָט ער א זאָג געטאָן. — דו ווייסט, זשעניע, דאָס שיפל, ערנוואָרט, האָט פארדינט צו זינגען אן אייגענע ליד. ווי גוט וואָלט געווען, ווען די יאטן קערן זיך אום פון שלאכט, און אף זיי ווארט א מאטאָנע!

די פערזן, וועלכע ס׳האָט פארפאסט דער קאָמאנדיר פון דער לעגענדארער „מאליוטקע״, זײַנען מיר זייער געפעלן געוואָרן. די פינקטלעכקײַט פון יעדער וואָרט, וואָס דער אווטאָר האָט געפונען (כ׳האָב נאָכאמאָל באווּנדערט די רײַכקײַט פון זײַן שפראך, ווען כ׳האָב דאָ ניט לאנג צוריק איבערגעלייענט דאָס ביכל „די געשיכטע פון דער „מאליוטקע״, אין וועלכן פיסאנאָוויטש דערציילט וועגן זײַן „172־ M״), די פרישקײַט פון די פאָעטישע געשטאלטן, דער געזאנגכאראקטער פון די קופלעטן — צו דעם אלעמען האָט מען ניט געקאָנט בלײַבן גלײַכגילטיק.

איך האָב פארפאסט די מוזיק צו דער ליד, אָבער די „מאליוטקע״ האָט שוין ניט באוויזן זי צו זינגען. א בלייכער, א טעל געוואָרענער, ווי נאָך א שווערער קרענק, האָט זאָריא, באגעגענדיק מיך שפעטער אין האפן, געזאָגט:

— ס׳איז ניטאָ, זשעניע, ווער עס זאָל זינגען אונדזער ליד. דאָס שיפל האָט זיך ניט אומגעקערט...

וואָס עס האָט מיט דער „מאליוטקע״ געטראָפן — וועגן דעם ווייסט בלויז דער בארענץ־יאם...

דערנאָך איז אומגעקומען אויך זאָריא. דאָס איז געשען אין 1944, ווען די אונטערוואסער־שיפן אונטער דער קאָמאנדשאפט פונעם העלד פון סאָוועטנפארבאנד ייִסראָעל פיסאנאָוויטש האָבן אויסגעפילט אן אָרדנטלעכע שלאכט־פארגעבונג.

יעווגעני זשארקאָווסקי

СОВЕТСКАЯ РОДИНА | סאָוועטיש היימלאַנד

אָרגאַן פֿונעם שרייַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר
ОРГАН СОЮЗА ПИСАТЕЛЕЙ СССР
МОСКВА, ЦЕНТР, УЛ. КИРОВА, 17
טעלעפֿאָנען: 228-27-91; 294-46-69

טייַערע לייענער פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"!

טייַערע פֿרייַנט געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרייטער!

אונדזער זשורנאַל איז אַרייַנגעטראָטן אין 15־טן יאָר פֿון זייַן עקזיסטענץ. פֿאַר דעם דאָזיקן צייַט־אָפּשניט איז ער מיצד אַלעמען אָנערקענט געוואָרן אַלס דער בעסטער ייִדישער זשורנאַל.

איצט הייבט זיך אָן די אַבאָנירונג אויפֿן 1976 יאָר, און מיר ווענדן זיך, נאַטירלעך, צו די ליבהאָבער און שעצער פֿונעם ייִדישן ליטעראַרישן וואָרט, זיי זאָלן זיך אַקטיוו אייַנשליסן אין שאַפֿן נייַע לייענער.

מיר ווילן אייַך בעטן, איר זאָלט ניט בלויז אַליין פֿאַרזעצן אייַער אַבאָנירונג אויפֿן קומענדיקן יאָר, נאָר אויך אַרייַנברענגען נייַע לייענער. אויב יעדער איינער פֿון אייַך וועט שאַפֿן פֿאַרן זשורנאַל כאָטש נאָך איין אַבאָנענט, וועט עס זייַן אַ פֿילבאַרע דערגרייכונג. אונדזער אייצע איז אַזאַ: די שמועסן מיט אייַערע פֿרייַנט און באַקאַנטע וועגן דעם זשורנאַל פֿירט דורך, האָבנדיק בײַ זיך דעם פֿרישן נומער, אין געגעבענעם פֿאַל דעם הייַנטיקן סעפּטעמבער־נומער. קלערט אויף, ווי ערנסט עס איז דער קינסטלערישער ניוואָ פֿון די ליטעראַרישע מאַטעריאַלן, וועלכע דרוקן זיך אין „סאָוועטיש היימלאַנד", און ווי רייַך דער זשורנאַל איז מיט פֿאַרשיידנאַרטיקער אינפֿאָרמאַציע.

אינעם קומענדיקן יאָר וועלן נאָך מער באַרייַכערט ווערן די טראַדיציאָנעלע רובריקעס „פֿון אונדזער ליטעראַטור־אויצער", „אויף די שפּורן פֿון געשעענישן", „נייַס פֿונעם ייִדישן קולטור־לעבן", „קאָמענטאַרן פֿון רעדאַקציע", „פּאָלעמיק", „אונדזערע מיטיילונגען", „פּאָרטרעטן פֿון ייִדישע סאָוועטישע שוישפּילער", „פּאַטאַ־כראָניק", „פֿריילעכע שורעס", „בריוו פֿון אונדזערע לייענער", „שמועסן וועגן ייִדיש", „נייַע זינגלידער" אאַוו.

בײַם אויסשרייַבן דעם זשורנאַל דאַרפֿט איר האָבן אין זינען, אַז זייַן אינדעקס איז 70821 און אַז די אַבאָנירונג ווערט אָנגענומען אָן באַגרענעצונגען.

קעדײַ די מי אייַערע, טייַערע פֿרייַנט, זאָל אונדז ווערן באַוווּסט, בעטן מיר, איר זאָלט אונדז מיטיילן אין אַ בריוו וועגן דעם, וואָס אייַך איז געלונגען אויפֿצוטאָן. אויב איר וווינט אין אַ ניט גרויסער שטאָט אָדער שטעטל, בעטן מיר אייַך אונדז אָנשרייַבן, וויאַזוי עס האַלט בײַ אייַך ביכלל הייַנט־צו־טאָג מיט דער צאָל אַבאָנענטן.

מיר בעטן אייַך האָבן אין זינען, אַז די צייַט פֿון דער אַבאָנירונג איז אַ באַגרענעצטע. די גאַנצע אַרבעט דאַרף מען דורכפֿירן אין סעפּטעמבער — אָקטיאַבער.

מיר ווינטשן אייַך געזונט און גליק אין אייַער פֿאַרזענלעכן לעבן, און מיר זייַנען פֿון פֿריִער אייַך דאַנקבאַר.

מיט דרערכערעץ
רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד"

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

ШОЛОМ-АЛЕЙХЕМ

Отрывок из книги «Мальчик Мотл»

...Мы устроили настоящую (целую) комедию о ... пекарке Ривеле с её ротондой. Днем и ночью она только говорит о своей ротонде, которую украли на границе, рта не закрывает.

Можете себе представить, что даже моя мама не выдержала и сказала:

— Ох, свойственница! Если бы я вздумала столько говорить о моей постели и подушках, украденных на границе, сколько вы о вашей ротонде...

Отвечает пекарка Ривеле своим басом (мужским голосом):

— Сравнили тоже! (скажите «в отличие»)

— Что же, у меня подушки краденые, что ли? — говорит мама.

— Краденые не краденые... я у изголовья не стояла.

— Не понимаю, — говорит мама, — что это за разговор, свойственница?

— Как аукнется, так и откликнется! — отвечает Ривеле.

— Свойственница! Я чем-нибудь задела вашу честь? — спрашивает мама.

— Кто говорит, что вы задели мою честь? — отвечает Ривеле.

Тогда ей мама говорит:

— Что же вы говорите «сравнили»?

— А разве можно сравнивать? Я говорю о своей ротонде, а вы суетесь с вашей постелью, с вашими подушками!

— А у меня подушки краденые, что ли? — говорит мама.

— Краденые не краденые... я у изголовья не стояла, — отвечает Ривеле.

И снова то же самое и опять то же самое!

שאָלעם־אַלייכעם

א פראגמענט פון „מאָטל פּייסי דעם כאזנס"

...מיר האָבן געמאכט א גאנצע קאָמעדיע פון... ריוועלע די בעקערן מיט דער רעטאָנדע. טאָג ווי נאכט רעדט זי פון דער רעטאָנדע, וואָס מע האָט בא איר אוועקגעגאנוועט אף דער גרענעץ, דאָס מויל מאכט זיך איר נישט צו.

מאָלט אײַך, אז מײַן מאמע קאָן זיך שוין נישט אײַנהאלטן און זאָגט צו איר:

— אוי, מעכוטענעסטע! ווען איך זאָל ווען אזוי־פיל ריידן פון מײַן בעטגעוואנט, פון מײַנע קישנס, וואָס מע האָט בא מיר צוגענומען אף דער גרענעץ, ווי איר פון אײַער רעטאָנדע!..

זאָגט ריוועלע די בעקערן מיט איר מאנצבלשער שטים:

— זאָגט כאָטש לעהאוודל!

זאָגט איר די מאמע:

— בא מיר איז דען גנייווישע קישנס?

זאָגט ריוועלע די בעקערן:

— גנייווישע, נישט גנייווישע, איך בין צוקאָפּנס נישט געשטאנען.

זאָגט איר די מאמע:

— איך פארשטיי נישט, מעכוטענעסטע, וואָס איז בא אײַך פאר א לאָשן?

זאָגט ריוועלע די בעקערן:

— וואָסער א גוטמאָרגן, אזא גוטיאָר.

זאָגט איר די מאמע:

— מעכוטענעסטע! מיט וואָס האָב איך דען אָנגערירט אײַער האָנער?

זאָגט ריוועלע די בעקערן:

— ווער זאָגט דען, אז איר האָט מיר אָנגערירט דעם האָנער?

זאָגט איר די מאמע:

— וואָס זשע זאָגט איר „לעהאוודל"?

זאָגט ריוועלע די בעקערן:

— פארשטייט זיך, לעהאוודל! אז איך רייד פון מײַן רעטאָנדע, פאָרט איר מיר ארײַן מיט אײַער בעטגעוואנט, מיט אײַערע קישנס!

זאָגט איר די מאמע:

— בא מיר איז דען גנייווישע קישנס?

זאָגט ריוועלע די בעקערן:

— גנייווישע, נישט גנייווישע, איך בין צוקאָפּנס נישט געשטאנען.

און ווידעראמאָל דאָס אייגענע און אָבעראמאָל דאָס אייגענע!

נאָך א פראגמענט פון „מאָטל פּייסי דעם כאזנס"

...Мой брат Эля вводит меня в комнату... Отец, увидев меня, зовет меня к себе длинным, тонким (худым) пальцем. Брат Эля подталкивает меня. Подхожу к отцу. Я едва узнал его. Лицо землистое (как глина). Седые волосы блестят, торчат поодиночке, будто воткнутые чужие волосы. Черные глаза сидят глубоко, как вставные, чужие глаза. Зубы выглядят, как вставные, чужие зубы. Шея до того исхудала, что голова на ней еле держится. Губы издают какой-то странный звук, как при плавании... Отец кладет мне на лицо горячую руку с костлявыми пальцами, лицо криво улыбается...

При этом входит мать. За нею доктор, веселый черный доктор с большими усами.

...מײַן ברודער עליע פירט מיך ארײַן אין כײַדער... דער טאטע דערזעט מיך, רופט מיך צו צו זיך מיט א לאנגן דארן פינגער. מײַן ברודער עליע שטופּט מיך אונטער. איך גיי צו צום טאטן. איך האָב אים קוים דערקענט. דאָס פּאָנעם ווי ליים. די גרויע האָר גלאנצן, שטארצן אייניציקווײַז, ווי ארײַנגעשטרײַכטע, פרעמדע האָר. די שווארצע אויגן זיצן טיף, ווי ארײַנגעפּאסטע, פרעמדע אויגן. די ציין זעען אויס, ווי ארײַנגעזעצטע, פרעמדע ציין. דער האלדז איז אזוי דין, אז קוים וואָס דער קאָפּ האלט זיך אײַן אף אים... מיט די ליפּן מאכט ער עפּעס מאָדנע, ווי א מענטש, בעשאס ער שווימט... ער לייגט ארויף אף מײַן פּאָנעם א הייסע האנט מיט ביינערדיקע פינגער, דאָס פּאָנעם מאכט א קרומען שמייכל...

אין דעם קומט אָן די מאמע. נאָך איר דער דאָקטער, דער פריילעכער שווארצער דאָקטער מיט די

Он встречает меня, как старого приятеля. Он угощает меня щелчком по животу и весело говорит отцу:

— у вас гость к празднику?[1]

גרויסע וואַנצעס. ער באַגעגנט מיך, ווי אַן אַלטן גוטנברודער. ער איז מיך מעכאַבער מיט אַ שנעל אין בײַכל און מאַכט צום טאַטן פֿריילעך:

— איר האָט אַ גאַסט אַף שוועס?

אַנטאָנימען (קאָנטראַסטן)

1. גרויסער — קליינער[2]; לאַנגער — קורצער; גלײַכער — קרומער; דינער — גראָבער (דיקער); דאַרער (מאָגערער) — פֿעטער; גרינגער — שווערער; אַלטער — נײַער; אַלטער — יונגער; פֿרעמדער — אייגענער; פֿריילעכער — אומעטיקער; הייסער — קאַלטער; מאַנצבלשער — ווײַבערשער. דער ברודער איז אַ גרויסער, אַ דאַרער, אַן אַלטער, אַ פֿריילעכער...; די שוועסטער איז אַ קליינע, אַ פֿעטע, אַ יונגע, אַן אומעטיקע...

2. גרויס — קליין[3]; לאַנג — קורץ; גלײַך — קרום; דין — גראָב (דיק); דאַר (מאָגער) — פֿעט; גרינג — שווער; אַלט — נײַ; אַלט — יונג; פֿרעמד — אייגן; פֿריילעך — אומעטיק; הייס — קאַלט; מאַנצבלש — ווײַבערש. די שטאָט[4] איז גרויס, לאַנג, אַלט...; דער וועג[5] איז קליין, קרום, שווער...; ער (זי) איז אַלט און פֿעט. זיי זײַנען אַלט און פֿעט.

3. גרעסער — קלענער[6]; לענגער — קירצער; גלײַכער — קרימער; דינער — גרעבער (דיקער); דאַרער — פֿעטער; גרינגער — שווערער; עלטער — נײַער; עלטער — ייִנגער; פֿרעמדער — אייגענער; פֿריילעכער — אומעטיקער; הייסער — קעלטער... זומער[7]. די טעג זײַנען גרויסע, לאַנגע, הייסע...; די נעכט זײַנען קליינע, קורצע, קאַלטע — די טעג ווערן[8] גרעסער, לענגער, הייסער...; די נעכט ווערן קלענער, קירצער, קעלטער... דער ברודער איז עלטער פֿון דער שוועסטער.

איינצאָל און מערצאָל

דער קאָפּ — די קעפּ[9]; דאָס פּאָנעם (די צורע) — די פּענעמער (די צורעס); דאָס אויג — די אויגן; די נאָז — נעזער; די ליפּ — ליפּן; דאָס מויל — מײַלער; דער צאָן — ציין, ציינער; די צונג — צינגער; דער האַלדז — העלדזער; די האַנט — הענט; דער פֿינגער — פֿינגער; דער נאָגל[10] — נעגל; דער בויך — בײַכער; דער קערפּער (גוף)[11] — קערפּערס (גופֿים); דער ברודער — ברידער; די שוועסטער — שוועסטער; די שטאָט — שטעט; דאָס דאָרף[12] — דערפֿער; דער וועג — וועגן; דער טאָג — טעג; די נאַכט — נעכט; די וואָך[13] — וואָכן; דער כוידעש[14] — כאַדאָשים; דאָס יאָר[15] — יאָרן; דער יאָרהונדערט[16] — יאָרהונדערטער; די צײַט [17] — צײַטן.

פֿאַרקלענערונגען מיט די סופֿיקסן ־ל און ־עלע[18]: דאָס קעפּל — די קעפּלעך[19]; דאָס קעפּעלע — די קעפּעלעך[20]; דאָס פּענעמל (דאָס צורעלע) — די פּענעמלעך (די צורעלעך); אייגל, — ־עך; אייגעלע, ־ך; נעזל, נעזעלע; ליפּל, ליפּעלע; מײַלכל, מײַלכעלע; ציינדל, ציינדעלע; צינגל, צינגעלע; העלדזל, העלדזעלע; הענטל, הענטעלע; פֿינגערל[21] נעגל, נעגעלע; בײַכל, בײַכעלע; קערפּערל (גופּל, גופּעלע); ברידערל; שוועסטערל; שטעטל, שטעטעלע; דערפֿל, דערפֿעלע; וועגל, וועגעלע[22].

שלאָף, שלאָף, שלאָף, דער טאַטע וועט קומען פֿון דאָרף,
וועט ער ברענגען אַן עפּעלע[23], וועט זײַן אַ געזונט[24] אין קעפּעלע.
שלאָף, שלאָף, שלאָף, דער טאַטע וועט קומען פֿון דאָרף,
וועט ער ברענגען אַ ניסעלע[25], וועט זײַן אַ געזונט אין פֿיסעלע[26].

Перевод: 1) праздник «Швуэс» (Пятидесятница); 2) большой — малый; 3) велик (а, о, и) — мал (а, о, ы); 4) город; 5) путь, дорога; 6) больше — меньше; 7) лето; 8) становятся; 9) голова — го́ловы; 10) ноготь; 11) тело; 12) село, деревня; 13) неделя; 14) месяц; 15) год; 16) век, столетие; 17) время; 18) уменьшительные существительные с суффиксами ־ל и ־עלע относятся к среднему роду; 19) головка — головки; 20) головушка — головушки; 21) пальчик; колечко; 22) дорожка; тележка — уменьшительные от וועג и от וואָגן; уменьшителное от וואָגן (телега) может быть еще и וועגעלע / וואָגנדל; 23) уменьшительное от עפּל яблоко; 24) здоровье; 25) уменьшит. от נוס орех — ניסל, ניסעלע; 26) уменьшит. от פֿוס нога — פֿיסל, פֿיסעלע.

Я люблю смотреть, как лошадки бегают, а уж о жеребятах и говорить нечего... И не только жеребят я люблю — всё маленькое: щенят, котят. Знаете? Даже огурчики маленькие, картошечку молоденькую, луковички, чесночок — всё, что мало, — мило (любо)! Кроме поросят. Свиней не люблю даже маленьких...

Шолом-Алейхем. Мальчик Мотл

איך האָב ליב צו קוקן, ווי פֿערדלעך לויפֿן, און ווער שמועסט לאָשעקלעך!.. און נישט נאָר קליינע לאָשעקלעך האָב איך ליב — אַלצדינג וואָס איז קליין: קליינע הינטלעך, קליינע קעצלעך. איר ווייסט? אַפֿילו אוגערקעלעך קליינינקע, קאַרטאָפֿל יונגיטשקע, ציבלקעלעך, קנאָבעלעך — אַלץ, וואָס קליין, איז ליב. אַכוץ כאַזיירימלעך. כאַזיירים האָב איך פֿײַנט אַפֿילו קליינערהייט...

שאָלעם־אַלייכעם. מאָטל פּייסי דעם כאַזנס

דאָצענט ע. פֿאַלקאָוויטש

12—2646

© Журнал «Советиш геймланд», 1975 г.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

На еврейском языке

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала:
Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Подписано к печати 18.VIII.1975 г. Формат 70×108[1]/16.
Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 2646.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» при Государственном
комитете Совета Министров СССР по делам
издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.
Индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 9

1975

В НОМЕРЕ:

А. Вергелис. Золотое колечко (поэма).
Х. Меламуд. Между Днестром и Прутом (роман).
Из литературной сокровищницы. Стихи А. Рейзена (к 100-летию со дня рождения писателя).
С. Гордон. Свет (рассказ).
Д. Бромберг. Стихи из книги «Старше на год».
Е. Фаликман. Огонь и пепел (роман. Окончание).
Произведения наших читателей. Стихи Я. Элькиса, Ш. Зингера, Ш. Рапопорта; **рассказы** Б. Шейнгаутера.
Б. Гальперин. Я живу в Вильнюсе (очерк).
Д. Хорол. Лирические тетради.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

Г. Ременик. Поэт-трибун (к 75-й годовщине со дня рождения И. Фефера).
Комментарии редакции. Наши сообщения. Листая журналы и газеты. Разное. Это интересно. Материалы для лексикона еврейской советской литературы. Хроника.
Е. Жарковский. История одной песни.
Э. Фалькович. Беседы о еврейском языке.